STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00382

ZAMLBIKHER

Permanent preservation of this book was made possible by
Toby & Jack Alterman
in memory of
Frances Lieberman

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

זאַמלביכער

6

רעדאַקטירט:

י. אָפאַטאָשו

ה. לייוויק

ניו־יאָרק, 1945

Copyright by
"SAMILBICHER"
New York, 1945

Printed in U. S. A.

Posy-Shoulson Press
227-29 W. 17th St.
N. Y. 11, N. Y.
255

יצחק לייבוש פּרץ

(1915—1852)

אינעם פּרץ־יאָר — 1945



מאַרק שאַגאַלס אַ ניט געדרוקטער וואַריאַנט צו פּרצעס „דער קונצנמאַכער"

אברהם רייזען

פּרץ־דור

מיר האָבן אין באַגין די גרויסע פרייד געהאַט
די ערשטע לייענען — פון פּרצעס ערשטן בלאַט.

עס איז אין אונדזער וועזן ווי אַרייַן
אַ שטראַל פון לויטערקייט און פון זיין העלן שיין.

ביי „מאָניש״־לייענען — דאָס ליד פון גרויס געזאַנג,
די פערזן האָבן זיך געיאָגט אין נייעם שטראָם און גאַנג.

ס'האָט זילבערדיק געשוימט, געלויכטן און געלאַקט,
ווי ס'וואָלט אין גרויען טאָג מיט נייער ליכטיקייט געטאָגט.

ביי „ווענוס און שולמית״ — ביים קאַמף פון יפת און פון שם —
מיר האָבן זיך דערפילט שוין מוטיק ווי אינדערהיים.

מיר האָבן שוין פון אונדזער קראַפט דערשפּירט דעם סוד
פון שיר השירימס שיינקייט און פון שולמיתעס גענאָד.

און ביי „שלמהס שטול״ — פון וויטער צייט און לאַנד, —
דערשפּירט שוין פּרצעס חכמה, און זיין אידעלן פאַרשטאַנד...

און שפּעטער שוין, וואו פּרץ האָט זיך נאָר געקערט —
אַ נאָענטן, אַן אייגענעם — צו אים זיך צוגעהערט.

און וואוהין ער רופט, און וואו ער ווייזט, און וואָס ער הייסט —
איז פול געוועזן מיט וואָר און וואונדער און מיט טרייסט...

אַ באַגער

דו באַגערסט ווען — פול כוונה,
אַז דאָס וואָרט זאָל זיין מעלאָדיש,
שוועבן יובלענדיק, ראַפּסאָדיש,
רוישן, טיפן־זיך סימפאָניש.

ווי מוזיק זאָל עס געלינגען
ווי אין מאָצאַרטס „צויבער־פליטע״,
טענער טיפֿע, הויכע, ברייטע
און אין האַרץ אַריינצווינגען.

און אויב וואָרט דינט צייט אפֿילו
האָט דאָך צייט־ווערק אויך בעטהאָווען;
דאַן זאָל וואָרט ווי קלאַנג זיך טראָגן
ביז די הימלען, ווי אַ תּפֿילה.

און אויב וואָרט מוז זיין פֿון אותיות,
זאָל כּאָטש זיין ווי „צוועלף״ פֿון בלאָק׳ן,
וואו עס וועקט זיין וואָרט ווי גלאָקן
און עס זינגט פֿון לאַנד פֿון גרויסן...

צי — צו אונדזער דרך־אֶרץ —
ווי עס זינגט און קלינגט סימפֿאָניש
אין דעם פּרעכטיק ליד — אין „מאָניש״ —
פֿון דעם וואונדערלעכן פּרץ...

צום יונגן דור

מיר ווילן הערן איצט די יונגען,
אפֿילו וואָס די קינדער זאָגן, —
ווי ווייטער אונדזער וועלט צו טראָגן
אויב אונדזער דור האָט ניט געלונגען.

איר יונגער דור, פֿון היינט די קינדער,
וואו איר זייט דאָ און גאַנץ געבליבן,
צי אינדערהיים, צי נאָך פֿאַרטריבן —
דערציילט, זינגט אויס פֿון אַלץ אַצינדער.

דערציילט, זינגט אויס פֿון נייע וועגן,
מיט בליקן אין דער ווייט געצילטע,
מיט פֿרייען גאַנג, מיט גוטן ווילן —
פֿאַר אייערט און פֿאַר דורות־וועגן.

א. לעיעלעס

צו פּרצן

איך וויים נישט צי איך וואָלט דיר פאַר אַ זון געפעלן.
דו מיר פאַר טאַטע — אַ געשטאַלט, וואָס איז פּערפעקט. —
ווי נאָר דו קומסט מיר אויפן זינען, ווערט אַנטפּלעקט
פאַר מיר די שטוב מיט מוטנע שויבן, קרומע שוועלן ;
די שטוב, וואָס האָט זיך צו באַגייאונג ערשט געוועקט ;
די שטוב פון שניידער־בעקער־שוסטערשע געזעלן ;
די שטוב וואָס האָט געיום־טובט זיך מיט זאַמד, מיט געלן ;
די שטוב פון כשרן „זשאַרגאָנישן דיאַלעקט".

אין אָט דער שטוב האָסטו געטראָגן הימל, חלום :
דאָס זאַמד דערהויבן צו אַ גאַנצער רונדער ערד,
מיט גאָלדן ליכט אויף איר, וואָס מענטש זאָל זיין עס ווערט.
געמאָנט דעם חוב צום קעלער־קינד : אַ, וועלט, באַצאָל אים !
די שוועלן אויסגעגלייכט, די שויבן ריין געמאַכט —
ערשט פאַרביק האָט דורך זיי געשטראָמט אי וואָר אי פּראַכט.

נישט אַלץ געוואָרן ווי עס האָט דיין גייסט געשטורעמט,
דיין בליציק אויג געוויזן און דיין האַנט געפורעמט.
אַ טאַטע וויל פאַר קינדער העכסטן אויבנאָן —
די קינדער קריגן נישט דאָס טעלערל פון הימל.
נאָר הויך געוואָקסן איז דיין אויסגעצערטלט בלימל,
די שפּראַך פון שטוב, דער העלער, ערלעכער זשאַרגאָן.
אַ פאָטער חלומט נס, ער חלומט גאָלד פון אייזן
פאַר זיינע זין. די זין — זיי פעלשן אָפט אין אים.
און איינס וועל איך מקיים זיין דיין רוף און שטים :
דעם לשון פון דער שטוב וועל איך ביז סוף געטריי זיין.

יעקב גלאַטשטיין

י. ל. פרץ

כ׳וויס נישט ווי מען רעדט צו אַ טויטן שרייבער,
שרייב איך צו דיין לעבעדיקן מאָנומענט.
אפילו ווען מיר זאָלן זיין יורשים־איבערטרייבער,
האָבן מיר דיך אויפגעבויט,
מיט דער פרייד פון אונדזערע הענט.

ביסט גרעסער נאָך ווי דו ביסט געווען,
ביסט הייליקער פון שרייבעריי.
מיר האָבן אונדזער געזאַנג אין דיר אַריינגעלעזן,
דורך די טויטע יאָרן וואָס זיינען פאַרביי.

די וועלט איז נישט אונדזערס.
אויף די זאַמדן קריצן זיך נישט איין אונדזערע טריט.
אָבער אָן דיר וואָלטן מיר געווען נאָך וויניקער,
מיר וואָלטן געווען צעטיילטער, נישט אייניקער,
ווען וואָלסט אונדז נישט געשאָנקען פון יידיש דאָס געמיט.

יידיש לעבן, האָסטו געלערנט,
איז מאַרגנדיק אין יעדער היינט.
אונדזער מתנגדישקייט האָסטו פאַרחסידישט,
אונדזער דראַנג צום דרויסן פאַריידישט,
אונדזער האַפט פאַריום־טובט און באַשיינט.

מיט יונגשאַפט האָסטו באַחנט
דעם פאַרבייזטן ספר.

מיט דיין שעפערישן אַ סך,
פון אַ פולער האַנט,
האָסטו געגעבן אילוזיע פון לאַנד
צו רוחניות פון שפּראַך.

ביי זיך אַליין האָסטו כסדר געבאָרגט פייער,
פון ליד צום מעשהלע,
פון מעשהלע צום שפּיל,
פון שפּיל צו נעאָ־יידישן סטיל,
צום מאַיעסטעטישן שטעל,
צום וועגוויזערישן באַפעל,
צום ווייטסטן נישט־הי,
צום העכערדיקן פלי.

ס'האָט דיר געפּאַסט די פעלערינע,
ווען ביסט געקומען מיט קינסטלערישער מינע,
און מיט לעבעדיקן ווילן
איינצושטילן די מתים אין פּאַליש און אויפן אַלטן מאַרק.
ס'איז אונדז ליב די לאַסט פון דיין גרויסקייט,
דיין דענקמאָל אויף אונדזער קאַרק.

ה. לייוויק

י. ל. פרץ

אַ וואָרט — אַ סטרונע דיך
קוים וויגט זיך איבער תהומען:
אין גרויל פון טויט געפין
דעם ניגון פון אַ נאָמען.

געפין אים און דערהייב,
לאָז שטאַרק אים זיך צעוויגן —
דאָס וואָרט איז — יצחק לייב,
און פרץ איז דער ניגון.

אַ גילגול האָט געשלעפּט
דעם ניגון צו דערשטיקן,
צי האָט ער איצט דערלעבט
צו קומען צו אַ תיקון?

וואו איז ער — באַנצע דיך
נאָך גאַז־אויוונס בהלה,
און שלמהס קידוש־וויין
נאָך פינצטערער הבדלה?

צעשפּיל זיך ווידער, וויין,
צו לעשן פיבער־דאָרשטן
אין גוף פול אַנגסט און פּיין
פון דיינע מידע יורשים.

גיס קראַפט אין זייער גוף,
גיסט קראַפט פון לעצטן בעכער,
און הייב זיי ווידער אויף
הויך, הויך, אויב ניט נאָך העכער.

י. אָפּאַטאָשו

יצחק לייבוש פרץ

סוף ווינטער 1915. דער וואַרשעווער גמינע־הויף איז איבערגע־פּאַקט מיט פּליטים פון גאַנץ קרוין־פּוילן. ביי טאַטע־מאַמע פרירן קינדער אויף די הענט, גייען אויס פון הונגער. ביי זיידע־באָבע פרירן טרערן אין די אויגן.

די גמינע אַליין זעט אויס ווי אַ הקדש. קראַנקע ליגן אויף בעטלעך אויף שטולן, אויפן דיל. דער פּאַרוואַלטער פונעם וואַרשעווער בית־עולם, אַ מיטל־הויכער, פעסט־געבויטער, טראָגט זיך פון איין בעטל צום אַנדערן מיט אַ שווערן געעלטערטן טראָט. ס׳פּנים טונקל, אָפּגעצערט. די וואָנסן פאַרשטעלן די אונטערשטע ליפּ. ס׳קומט אונטער אַ דאַר, אויסגעצערט מענטשל. ביידע גייען צו צום פענצטער. דער פעסט־געבויטער ווייזט מיטן פינגער אויף דעם גמינע הויף:

— זעסט דאָרט דעם ייד לעבן דער סוכה? דערקענסט אים נישט? ס׳איז דאָך באַנטשע, באַנטשע שווייג. איצט דערקענסטו אים שוין? דער האַלב פאַרפרוירענער ייד לאָזט מיך נישט אָפּ, נישט ביי טאָג, נישט ביי נאַכט, גייט מיר נאָך און מאָנט און מאָנט:

— באַנטשע שווייג בין איך. געגנוג צרות שוין געהאַט. וואו איז דיין פמליא של מעלה, פרץ? וואו איז דיין גן־ עדן? לאָז זיין אַ בולקע כאָטש אָן פּוטער! זעסט נישט אַז איך גיי אויס פון הונגער?

— גערעכט איז געווען דער ליטוואַק, — האָט דער פּאַרוואַלטער פונעם וואַרשעווער בית־עולם ווייטער גערעדט — וואָס האָט מיר געשריבן מיט יאָרן צוריק, אַז אין באַנטשע שווייג האָט ער דערקענט די כנסת־ישראל. אָט דערקען איך איצט אין דער כנסת־ישראל דעם געפּלאָגטן באַנטשע־שווייג, וואָס בעט כאָטש אַ בולקע אָן פּוטער, בעט אַ שטיקל טרוקן ברויט. און קיין ברויט איז נישטאָ.

— און דעם הויכן ייד, טאַקע „משכמו ומעלה" — דעם ייד דערקענסטו? די באָרד—אַ לאַנגע, אַ פֿאַרשנייטע. ברעמען—ווייסע, דיקע, לאַנגע. און אַז ער הויבט אויף די ברעמען — איז רבונו של עולם — אויגן חלפים, בלאַנקע חלפים קוקן אויף דיר. ס'איז דאָך דער בריסקער רב, וואָס זיצט שוין דאָ דעם דריטן טאָג און זאָגט „איכה"—קלאָגט ס'קלאָג־ליד פֿון אונדזער חורבן, וואו ס'איז נישטאָ קיין איין טריסט־וואָרט, וואו ס'איז נישטאָ קיין שטיקל שטראַל פֿאַר אונדזער מאָרגן. דערפֿאַר טאַקע האָב איך קיינמאָל נישט געוואָלט איבערזעצן „איכה" אויף יידיש. דעם נעכטן טראָגן מיר, יידן, אין זיך. מיר דאַרפֿן דעם מאָרגן, מיר דאַרפֿן כוח אַריבערצוטראָגן דעם היינט.

— שוין וואָכן, ווי כ'קוק מיר די אויגן אויס, כ'זוך אַרום אויפֿן גמינע־הויף דעם ביאַלער רבין, כ'זוך די שטענדיקע פֿרייד פֿון זיינע טונקעלע אויגן. כאָטש אַליין — קרוע בלוע — איז ער קיינמאָל נישט פֿאַרביטערט, שטענ־דיק אויפֿגעלייגט, האָט אַ גוט וואָרט פֿאַר יעדן איינעם. דער ביאַלער רבי האָט בעסער געוואָלט זיין אין גיהנום מיט כל־ישראל, איידער מיט יחידים אין גן־עדן. און אַז מיר האָבן שוין ס'גיהנום, האָף איך, אַז דער ביאַלער רבי וועט יעדע מינוט אָנקומען.

אַזוי האָט פּרץ גערעדט, צי געדאַרפֿט רעדן, צו דינעזאָנען אַ חודש פֿאַר זיין טויט, ווען דער שונא האָט זיך געריסן קיין וואַרשע.

***

דעם דריטן אַפּריל 1945 איז געוואָרן דרייסיק יאָר ווי פּרץ איז טויט. פֿאַר די דרייסיק יאָר האָט פּרץ דורכגעמאַכט אַ סך גלגולים. כמעט יעדעס יאָר צו פּרצעס יאָרצייט האָט מען געגומען נישטערן צי מען האָט נישט חס וחלילה איבערגעשאַצט דעם נפֿטר. און דאָס איז געטאָן געוואָרן פֿאַרן כבוד פֿון דער יידישער ליטעראַטור. מען פֿלעגט האַלטן אין איין טאַשן און טאַלירן די נע־מען. אין 1912 איז דער נוסח געווען — פּרץ, שלום־עליכם, מענדעלע. אַ צען יאָר שפּעטער — שלום־עליכם, מענדעלע, פּרץ. און היינט? די פּרץ רע־וויזיעס האָבן כמעט ווי אויפֿגעהערט. און מען הויבט שוין ווידער אָן צו הערן דעם אַמאָליקן נוסח — פּרץ, שלום־עליכם, מענדעלע.

איך האָב גרויס דרך ארץ פֿאַר יידישער טראַדיציע, פֿאַר יידישער מסורה. כ'האָב אָבער מורא אַז דער נוסח — „אונדזערע קלאַסיקער" — וואָס מיר רעדן אַרויס אין איין אָטעם, האַלט זיך אין אויסליידיקן. און די געפֿאַר ליגט נישט אינעם „חוט המשולש" פֿון די דריי גרויסע קינסטלער, נאָר אינעם פֿאַר־טיקן נוסח, אַז די יידישע ליטעראַטור דאַרף אַוועק איבערן שליאַך פֿון די קלאַסיקער.

פרעגט זיך:

האָבן טאַקע אונדזערע קלאַסיקער געהאַט איין שליאַך? נישט אמת. מען קען נישט רעדן אין איין אָטעם וועגן „זיידע מיטן איייניקל". סאַטירע און הומאָר פאָרן זיך נישט. הומאָר איז אַ העכערע מדרגה ווי סאַטירע. געלעכ־טער פאַרטרייבט האַס און שלעכטס, מאַכט די וועלט שענער.

און אויב מען קען נאָך געפינען אַ בשותפותדיקן טראַקט צווישן מענ־דעלען און שלום־עליכמן, דאַרף מען האָבן אַ האַרבן מהרש"א אַרויפצופירן פּרצן אויפן זעלבן טראַקט.

און דאָ גייט נישט וועגן טאַלאַנט. שלום־עליכם און מענדעלע זיינען גרויסע שרייבער, גרויסע טאַלאַנטן. מען פרייט זיך ווען מען לייענט זיי, מען טרויערט ווען מען לייענט זיי. און דאָס זיינען הויכע מדרגות.

פּרצן אָבער לייענט מען נישט. פּרצן דאַרף מען אַליין איבערלעבן.

פאַראַן קינסטלער וואָס טראַכטן אין געשיכטלעכע קאַטעגאָריעס. זיי טראָגן אין זיך אַרום אַ חוץ ס'אייגענע פאָלק אויך קבוצים און פעלקער.

אין קבוצים, אין פעלקער, אין געשיכטלעכע קאַטעגאָריעס דאַרף מען זוכן פּרצן. און פריער, צי שפּעטער, וועט די יידישע קריטיק קומען אַהין.

פּרץ איז פון די געציילטע דיכטער, וואָס האָבן געוואָלט אין יידישן לעבן געפינען אַ באַרעכטיקונג. אַזאַ דיכטער איז געווען ר' יהודה הלוי. ער האָט אין זיך געטראָגן ס'גאַנצע יידישע פאָלק. אין אָנהייב פון צוועלפטן יאָרהונדערט האָט ער געזאָגט: „כי לא היתה מעלתם בעבור משה, אלא משה היתה בעבורם" — יידן זיינען נישט געווען אַן אויסדערוויילט פאָלק אַ דאַנק משה רבינו'ן, נאָר פאַרקערט — משה'ס גרויסקייט נעמט זיך פונעם יידישן פאָלק, די קינדער פון אברהם, יצחק און יעקב. דאָ האָבן מיר שוין שד"לס גאַנצן יידישן וועלט־קוק, זיין „אברהמיזמוס און עטיציזמוס". יהודה הלוי האָט אַ וואָרט געטאָן ס'גרויסע יידישע וואָרט, וואָס ס'לעבט נאָך היינט אין אונדז — „ואל תשיאך הכמה יונית, שאין לה פרי כי אם פרחים" — לאָז דיך נישט פאַרפירן פון דער גריכישער פילאָסאָפיע, וואָס האָט בלויז בלומען, אָבער נישט קיין פּרוכטן. אָט דער הלוי מיט זיין בענקעניש נאָך ציון האָט דערהויבן אונדזער גלות. ער האָט געשאַפן אַ גלות־פילאָזאָפיע, וואָס גיט אונדז כוח ביז דעם היינטיקן טאָג. דאָס האָט ער אין אָנהויב פון צוועלפטן יאָרהונדערט געזאָגט: „ישראל באומות כלב באיברים".

אַזוינע דיכטער טראָגן נישט אין זיך בלויז אַ וועלט. זיי טראָגן אויך אחריות פאַר דער וועלט. זייער וועלט איז נישט בלויז דערפאַרונג, וואָס ס'אויג זעט, וואָס ס'אויער הערט — ס'איז אויך נשמה און אחריות.

יידישקייט, סאָציאַלע גערעכטיקייט איז ביי זיי אַ דראַנג צו ווערן איינס מיט די פאַרגאַנגענע דורות, מיט דער מענטשלעכער גאַנצקייט, מיט דער איי־ביקייט.

דאָס איז געווען דער וועג פון יהודה הלוין, דער וועג פון יצחק ליבוש פּרצן.

***

מען טאָר זיך נישט וואַרפן מיט אונדזער מוסר־ליטעראַטור, קוקן אויף איר, ווי אויף אַ ירידה אין פאַרגלייך מיט דער נאָכגעשריבענער, פלאַכער מעשה פון ידישן מיטלאַלטער, וואָס איז אויסגעגאַנגען בנשיקה ווען זי האָט זיך געוואָלט שטעלן אויף די אייגענע פיס.

אונדזער גאַנצע מוסר־ליטעראַטור אויף ידיש האָט זיך באַוויזן אין אַ צייט פון גרויסן פאָלק־יאוש און טיפן צער. גירוש שפּאַניע, די דרייסיק יעריקע מלחמה, גזירת ת"ח — אַ נאַציאָנאַלער חורבן אין אַלע אייראָפּעאישע ישובים. וואָס פאַר אַ פּנים האָט ביים ייד געקענט האָבן די „וועלטליכקייט", וואָס איז אַזוי גלייכגילטיק געווען צו זיינע צרות, וואָס האָט זיך געבאָדן אין ידיש בלוט?

דער ייד אַ געיאָגטער, איז אַוועק צו זיך, האָט דאָרט געזוכט אַן אָנלען, אַ שטיקל נחמה. און ער האָט געפונען אַ טרייסט אין די כוחות, וואָס האָבן געשלאָגן אין די טיפענישן פון פאָלק, אין דעם היסטאָרישן דראַנג צום לעבן — אינעם ידישן מוסר און אין דער ידישער עטיק.

דער „בראַנטשפּיגל", דער „לב־טוב", די „צאינה וראינה" און דער „קב־הישר" האָבן געמוזט זיין מער ווי ליטעראַטור, אַנדערש וואָלטן די ברייטע ידישע מאַסן זיך נישט געקענט אויסלעבן אין די דאָזיקע ספרים אויף ידיש. אַנדערע ספרים, ווי די לירישע „צאינה וראינה", וואָס האָט אונדז באַפרייט פון מיטלהויכדייטש איז געווען דער רוקנביין פון אונדזער ידיש. דאָס ספר איז געווען איבער דריי הונדערט יאָר (און ס'איז נאָך טיילווייז היינט) דאָס טישבוך, די ביבל, פון דער ידישער פרוי.

די מוסר־ליטעראַטור וואָס איז פול געווען מיט התלהבות און אַסקעטישן ברען, וואָס איז רייך מיט אַזוי פיל סאָוואַנאַראָלעס, האָט ארויסגערופן אַ מאַסן־באַוועגונג, ווייל די מוסר־ליטעראַטור האָט געשטעקט מיט ציין און נעגל אין דעם טאָג־טעגלעכן לעבן, האָט זיך געקלאַמערט צו דער ווירקלעכקייט. דער מוסר האָט פון אַ לעבנס־קוק זיך שפּעטער דערהויבן צו אַ וועלט־קוק.

די תנ"ך איבערזעצונגען פון בליץ און וויצנהויזן האָבן זיך נישט אָנגענומען ביים ידישן פאָלק, ווייל אין תוך זיינען די איבערזעצער געווען „משכילים". בליץ האָט זיין איבערזעצונג געשריבן „לויט די כללים פון לשון אשכנז" און נישט ווי די טייטש־חומשים, וואָס האָבן זיך נישט געהאַלטן „לפי טבע לשון אשכנז".

בליץ האָט נישט געקענט פאַרטראָגן, וואָס די „צאינה וראינה" איז „אייטל מדרשים ואגדות זרות", וואָס יצחק גייט אין בית המדרש אַריין

דאַוונען מנחה, יעקב לערנט אין דער ישיבה פון שם ועבר. ער זעט אין דער גאַנצער פאָלק־ליטעראַטור „איטל שבושים". אין שמואל־בוך גיט דער נביא עסן שאולן — געפּילטע פיש און הון. דוד פּלאַנט צו פאַרקויפן גליתס כלי־זין, ווייל ער קען דערפאַר קריגן אַ סך געלט.

דער משכיל בליק האָט נישט פאַרשטאַנען, אַז אנשטאַט אָפּצומאָלן די אבות, האָט דער מחבר פון „צאינה וראינה" געמאָלן זיך און טאַקע דערפאַר איז זיין ספר געוואָרן אַזוי צוגענגלעך, האָט אַן אָטעם געטאָן דורך די אבות מיט װעלטלעכקייט.

די השכלה פון ייִדישן מיטלאַלטער, צי פון ניינצעטן יאָרהונדערט, האָט נישט מיטגעריסן מיט זיך קיין מאַסן, ווייל זי איז געקומען פון דרויסן, האָט גערעדט צום פאָלק אויף פרעמדע שפּראַכן, איז שטענדיק געווען אַסימילאַ־טאָריש. מען דאַרף פריער שטעקן אין אייגענעם פאָלק, טראָגן אין זיך דאָס געוויסן פון פאָלק און דערנאָך ערשט קומען מיט איבערצייגונגען. דעריבער טאַ־קע איז דער כלי־זין פון דער השכלה, איר וועלטלעכקייט, אויך שטענדיק געווען אַן אויסערלעכע.

גליקל האמיל, וואָס האָט זיך דערצויגן אויף דער מוסר־ליטעראַטור, וואָס האָט נאָך מיידלוויז זיך באַקענט דורכן „בראַנטשפּיגל" מיט די כללים פון געשלעכט לעבן און געשלעכט־היגיענע, וואָלט נישט געבליבן הינטערשטע־ליק, ווען מען פאַרגלייכט זי אַפילו מיט אַ היינטיקער, ראַדיקאַלער „סאָשעל־וואוירקער", וואָס קעמפט נאָך אַלץ מען זאָל די געשלעכטס־כללים לערנען אין די שולן. גליקלס מעמוּאַרן זיינען פונקט אַזוי מענטשלעך און במילא וועלט־לעך, ווי מאַדאַם דע־סעוויניעס, וואָס האָט געלעבט אין דעם הויף פון לודוויק דעם פערצנטן.

דורות, תקופות זיינען פאַרביי. יאָרהונדערטער האָבן, ווי שווערע פּלאַסטן, זיך געלייגט איבער דער מוסר־ליטעראַטור, פאַרדעקט אירע וואָרצלען, פאַרשאָטן די קוואַלן, נישט געלאָזט קיין לעק ליכט און אויף די פאַרווישטע שפּורן זעט דער היסטאָריקער בלויז רעאַקציע און אַפּאַטיע.

איז געקומען יצחק לייבוש פּרץ, נישט בלויז דער זאַמאָשטשער פּרץ, וואָס איז אַלט געווען לויטן פּאַס אַ יאָר פערציק, נאָר דער פּרץ פון צפת, פון קאָרדאָווע, פון אַמסטערדאַם, פון פּראָג, פון דיסלדאָרף, פון קאָצק — און ער האָט אויפגעריסן די הונדערט יעריקע פּלאַסטן. די אויפגעריסענע קוואַלן האָבן אַ שלאָג געטאָן מיט אַזויפיל ליכט, אַז דער מענטש איז פאַר אַ ווייל פאַר־בלענדט געוואָרן, האָט פאַרלוירן דעם שורש, נישט געזען, ווי יצחק לייבוש פּרץ האָט דעם זעלבן מוסר דערפירט פון וועלטלעכקייט צו אַלוועלטלעכקייט.

**
*

נאָך משה העסן איז יצחק לייבוש פּרץ אינעם יידישן לעבן אַ נײַ וואָרט.

אויב די יידישע ליטעראַטור האָט אַ נײַ וואָרט, וואָס האָט די ליטעראַטור אויפגעהויבן צו אַן אידייע — האָט דאָס וואָרט געזאָגט יצחק לייבוש פּרץ.

פּרץ דער שטענדיקער רעגער, די אומרו, וואָס צעטרייסלט די פּאַר־זעסנקייט (נישט בחינם טרעפט מען ביי פּרצן אַלע ריכטונגען פון דער נייער יידישער ליטעראַטור), דער טאַטע פון דעם נישט דערזאָגטן וואָרט, דער צום ווייניקסטן באַרעדעוודיקער — דווקא ער איז געווען דער „רבי" פון די בית־מדרש און שטיבל־בחורים, דער מדריך פון די שניידער און שוסטער געזעלן, פון די יידישע בערשטער און וועבער.

פּרץ איז נישט געקומען צום בית־מדרש בחור מיט רחמנות, נישט גע־האָט קיין מיטלייד מיטן שניידער־געזעלן.

דער בחור, אַפילו דער געכאַפּטער אין אפּיקורסות, האָט דורכגעלייענט פּרצן און זיך אַרומגעזען אַז פון ביאַלער רבין, פון אַמשאָווער מקובל איז נישטאָ וואָס חוזק צו מאַכן. זיין אַרומיק לעבן, דעם בחורס, וואָס ער האָט אַליין אין זיך פּרובירט דערשטיקן, האָט זיך מיט אַמאָל באַפרייט אין אים, איז אים ליב געוואָרן. פון פּרצן האָט דער געזעלן זיך דערוואוסט, אַז זיין טאַטע, דער וואַסער־טרעגער, דער האָלץ־העקער, דער בעל־מלאָכה, זיי אַלע קענען זיך פאַרגלייכן אין מענטשלעכקייט מיט די לומדים, גבירים, וואָס זאָגן אַ דעה און פאַרנעמען די מזרח־וואַנט.

פּרץ, וואָס האָט אַנטקעגנגעשטעלט דער לעבנס־קלוגשאַפט פון דער יידי־שער ליטעראַטור זיין אינטעלעקטועלע אינטואיציע, דווקא ער איז מיט אַמאָל אַוועק אין גאַס, אין מאַרק. מיט דער פרייד פון אַן אייגענעם האָט ער אויפגע־זוכט די פאַרוואָרפענע יידישע ישובים, אַלטע, פאַרזיגלטע געטראַנקען, וואָס זיינען געלעגן באַהאַלטן. ער האָט די פאַרזיגלטע געטראַנקען געעפנט אין מיטן מאַרק, גערופן אַלעמען, דעם בית־מדרש בחור, דעם אַרבעטער, ס׳גאַנצע פאָלק:

— קומט, יידן, טרינקען! אין חברותא איז הימלישער צו טרינקען!

***

פּרץ האָט אויך קעגנער. און ס׳איז דאָך מערקווירדיק, וואָס טייל סאָוועט־טישע קריטיקער קומען זיך צונויף אין דער פּרץ־אָפּשאַצונג מיט אונדזערע עסטעטן. אי די סאָוועטישע קריטיקער, אי די עסטעטן טענהן, אַז פּרץ האָט געשאַפן מער מיטן זכרון, ווי מיט דער הילף פון אינטואיציע. פּרץ איז אַ מתנגד, אַ ראַציאָנאַליסט, אַ משכיל. ער האָט געוואָלט צוגענגלעך מאַכן פאַרן עם־הארץ די פאַרגאַנגענהייט, איז אַוועק אַהין און איז דאָרט געבליבן אַ גע־פאַנגענער.

די סתירה באַשטייט אין דעם, וואָס פּרץ האָט זיך נישט אויסגעלעבט, נישט געקענט לעבן דאָס לעבן, וואָס האָט געשלאָגן אין אים. פּרץ האָט שטענ־

דיק זיך אַנטקעגנגעשטעלט, שטענדיק מלחמה געהאַלטן, מורא געהאַט צו פאַרלירן זיין אינעווייניקסט לעבן. דאָס שטענדיקע פּראָטעסטירן, דאָס מתנגדות, האָבן די קעגנער אָנגענומען פאַרן אמתן פּרץ.

יצחק לייבוש פּרץ — דער גרויסער מענטש, דער גרויסער ייִד, וואָס האָט געטראָגן אין זיך ס'גאַנצע יידישע פאָלק, וואָס האָט געמאָנט ביי דער ליטעראַטור דעם עם־הארץ, פון דער תלמודישער צייט, געמאָנט דעם רמב"ם, שפינאָזן, געמאָנט דעם יידישן שרייבער — דער פּרץ האָט זיך געמוזט אויס־לעבן, ווי אַ יחיד, אין די דריי צימערלעך אויף צעגליאַנע גאַס. און אויף דער גאַס האָט געהערשט דער יחיד — מעטערלינק, וויספּיאַנסקי — מען האָט זיך געשעמט גאַר אַנדערש צו טראַכטן.

אין קבוצים, אין פעלקער, אין געשיכטלעכע קאַטעגאָריעס — דאָרט דאַרף מען זוכן פּרצן.

פּרץ איז געווען דער ערשטער יידישער קינסטלער ביי וועמען מען האָט געקענט עפּעס לערנען. מען לערנט נאָך ביי אים היינט און מען וועט לער־נען. ווי זאָגט בעל־מחשבות: „פּרץ איז שטענדיק געווען אונדזער קאָפּ, אַפילו דעמאָלט, ווען ער האָט פּראָטעסטירט קעגן אַלע אונדזערע פּלענער און געדאַנקען".

אָן פּרצן וואָלטן מיר געהאַט אַן אַנדער ליטעראַטור. אין פּרצעס דרכים גייען נאָך ביזן היינטיקן טאָג, יעדער אויף זיין שטייגער, די באַדייטנסטע יידי־שע שרייבער.

מיר לעבן אין פּרצן און ער — אין אונדז. דורך אונדז באַווייזט זיך פּרץ אין זיין אמת ליכט, אין דעם ליכט פון יעדן דור באַזונדער. און אויב מען גראָבט זיך טיפער, זעט מען, אַז אָן פּרצן וואָלטן מיר געהאַט טאַלאַנטן, גרויסע טאַלאַנטן, אָבער קיין יידישע ליטעראַטור וואָלטן מיר נישט געהאַט. און אַז מען וועט אייך באַווייזן מיט אותות ומופתים, אַז פּרצעס קינסטלעריש וואָרט איז נישט ריין, ס'איז נישט קיין זעמל־מעל, ס'איז מעל געמישט מיט קלייען, זאָלט איר אָבער געדענקען, אַז פון אַזאַ מעל האָבן נביאים געבאַקן ברויט, ווען זיי זיינען אַוועק אין דער מדבר רעדן מיט גאָט.

***

שוין דרייסיק יאָר ווי פּרץ איז אַוועק פון אונדז. ער איז אַוועק אין אַנ־הייב פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, אַוועק אין מיטן דער אַרבעט, ווען ער האָט געהאַלטן אין בויען אַ באַנייט יידישקייט, אַ יידישקייט וואָס וואָרצלט אין „קהל ה'", אין „עדת ה'", וואָס וואָרצלט אין דעם ברית־סיני, אין די נביאים, אין דעם עזרא־צוזאַמענקום, אין די תנאים, אין יהודה הלוין—דעם גע־ניאַלן ייִד, וואָס האָט געהאַלטן, אַז יידן זיינען נישט „עם משה אלא עם ה'" —

יידן זיינען נישט משה׳ס פאָלק, נאָר גאָטס פאָלק. יהודה הלוי האָט געלייגט דעם טראָפּ אויף גאָט און אויף פאָלק. דערפון זיין גרויסע ליבע צו ארץ־ישראל און צום יידישן לעבן, וואָס איז איבער גאָר דער גאַנצער וועלט.

אַזוינע יידן, ווי ר׳ יהודה הלוי, ווי יצחק לייבוש פּרץ, וואָס האָבן געטראָגן אין זיך דעם טרויער און ווייטיק פון אַ ירמיהו, די גוטסקייט פון אַ הלל, ס׳פייער פון אַ ר׳ עקיבא, אַזוינע יידן האָבן נישט געקענט האָבן קיין אַכטונג, קיין ליבע פאַר נאַקעטער פּאָרם. אין יהודה הלוין, אין פּרצן האָבן שטענדיק געקעמפט דער ייד מיטן נישט־ייד, וואָס ציט זיין קינסטלערישקייט פון געצנדינעריי, פון קריסטנטום. שוין לאַנג צייט אויסצואוואָרצלען פון אונדזערע יידע ליטעראַטורן, פון דער העברעאישער נאָך מער, ווי פון דער יידישער, די קריסטלעכע ליבע, וואָס טריפט מיט יידיש בלוט.

פּרץ, וואָס איז אַוועק פון אונדז אין אָנהייב פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, האָט געפילט אַז ס׳רוקט זיך אויף יידן אַ ביטערער גזר. ער האָט געוואוסט, אַז מיר זיינען קינדער פון אַ געיאָגט און געמאָרדעוועט פאָלק, דער שונא וויל אונדז אויסרייסן מיטן וואָרצל, ס׳זאָל פון אונדז, יידן, קיין שריד ופליט נישט בלייבן. בלויז דער אמת, דער מענטשלעכער אמת, קען אונדז ראַטעווען. און פּרץ, זיין גאַנץ לעבן, זיין שאַפן איז געווען איין געשריי: „לאָמיר אויסשמידן אין זיך אָט דעם אמת, אָט דעם כוח, לאָמיר אַליין דערפילן, אַז צו זיין אַ ייד, אַ געפייניקטער, איז אַ פּריווילעגיע.

דער ביטערער גזר האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף אונדז. ווי בייזע, אומגליקלעכע חלומות טראָגן זיך פאַר די אויגן — חורבן פוילן, חורבן ליטע, חורבן אוקראַינע. און ווי מיר רייסן קריעה, ווי מיר זאָגן קדיש, הויבט זיך פון די חורבות ס׳ליכטיקע געשטאַלט פון יצחק לייבוש פּרץ. און נישט בלויז פון די חורבות. ס׳רייסט זיך אויף פון אונדז, פון אונדזערע צעווייטיקטע הערצער. און אַז מיר, אבלים, פרעגן איינער ביים אַנדערן:

— וואָס דאַרף זיין די יידישע ליטעראַטור?

ענטפערט פּרץ:

— זי דאַרף זיין די צונג און ס׳געוויסן פון אַ געיאָגט און געפייניקט פאָלק. זי דאַרף זיין דער טויזנט יעריקער רעזערוואואַר — וואו ס׳איז דאָ גלויבן, ס׳איז דאָ בטחון — די כוחות וואָס האַלטן אונדז אויף, די כוחות וואָס לערנען אונדז, אונדזערע קינדער, אַז צו זיין אַ ייד, אַ געפייניקטער, איז אַ פּריווילעגיע.

פון דיכטער־קדושים

ריטמישע שורות פון הלל צייטלינס כתבים

יידיש : אהרן צייטלין

א. דאָס געפינען

(פון : תפילות)

טיפענישן פון דער נאַכט.
שטיל און שלאָף. מיין האַרץ איז וואַך.
כ׳בין וואַך. דו אויך. ביינאַנד לאָמיר הויזן.
כ׳גיס אויס פאַר דיר מיין מורמל ; גיסט דיין מורמל אויס פאַר מיר. הערסט די שטים מיינע, איך — דיינע. לאָמיר איינס־ווערן אויף אייביק.
כ׳שריי נישט מער פאַר דיר. גאָרנישט בעט איך. איך מיט דיר און דו מיט מיר.
זאָל איך זינגען מיין געזאַנג דיר ? שאַלן דיר מיין שאַלונג ? טרערן־גאָס פאַרגיסן ?
געזאַנג און שאַלונג ווילסטו נישט.
טרער און קרעכץ באַדאַרפסטו נישט.
וואָס דאַרפסטו מיינע טרערן, וואָס דאַרפסטו מיינע זיפצן ?
דיין בין איך אינגאַנצן.
וואָס דאַרפסטו מיין בעטן, מיין פרעגן וואָס דאַרפסטו ?
דיין בין איך אינגאַנצן.
וואָס דאַרפסטו מיין בענקען, מיין גלוסטן וואָס דאַרפסטו ?
דיין בין איך אינגאַנצן.
וואָס דאַרפסטו רייד ? וואָס טויגן ווערטער ?
קום, טרעט אַריין אין מיר — וואָרטלאָז.

ב. דאָס זוכן

(פון דער פילאָזאָפישער פּאָעמע : הצמאון — 1908)

איינזאַם האָב איך געבלאָנדזשעט. כ'האָב געזוכט מיין גאָט. כ'האָב פאַרבייגייער געפרעגט :

— האָט איר מיין גאָט געזען ? וואו איז ער ?

—די רו פון זיין כבוד איז צווישן אָפּגעשיידטע געטער. דאָרט וואו בעל, יופּיטער, בראַמאַ, געטער גרויסע און קליינע, דאָרט איז אויך ער. ער האָט געקריגט מיט דעם אָלימפּוס, מיט די געטער אַלע, נאָר דער סוף פון יעדן גאָט איז געקומען אויך אויף אים.

אַזוי' האָט מיר געענטפערט איינער, אַ בחור אַ שוואַרץ־אויגיקער, אַ גאָלדן־לאָקיקער, העלע בלומען אַרום אים און שיינע יונגפרויען.

— צווישן די שאָטנס אונטערן בערגל—זיין קבר. אַ פרישער קבר איז עס. אונטערן לאַנצעט פון די וויסנשאַפטס־מענער איז ער געשטאָרבן. ס'האָבן אים באַגראָבן די פילאָזאָפן, ס'האָבן אים מספּיד געווען די דיכטער. גיי־נאָר רעכטס, פון דאָרט פאַרנעם זיך צו אַ שמאָלן שטעג, וועסטו קברים אויף קברים דערבליקן : דער קבר פון דער אַלכעמיע, פון דער אַסטראָלאָגיע, פון „דאָס דינג אַן זיך", פון דעם אומבאַוואוסטן, פון דעם וועלט־ווילן — — דער קבר פון דער מעטאַפיזיקס הייליקע. און דו וועסט גיין ווייטער און איינזאַמע קברים וועסטו דערזען, און אין זיי — די רו פון דער מעטאַפיזיקס רעשטלעך : דער קבר פון דער נשמה, פון דער וויטאַלער קראַפט — — פון דעם „אַלץ", פון דער סיבה און דעם אין־סוף און דעם נצח — דער קבר פון אַלדאָס גייסטיקע. און דו וועסט זיך פאַרנעמען אַ ביסל אָן אַ זייט און דו וועסט דערזען אַ קבר־היגל, און טויט־בלומען זעסטו דאָרט, און צווישן די בוימער בלאָנדזשען פּאָעטן און פליקן די בלומען, און מיסטיקער שמועסן מיטן שאָטן. דאָרט, אונטער יענעם היגל — דיין אָפּגעשיידטער גאָט.

אַזוי' האָט מיר געענטפערט אַ צווייטער : אַ פליכיקער זקן, וואָס זיצט אויף אַ קאַטעדרע און אַרום אים סקעלעטן, ביינער, אָדערן.

— נישטאָ חוץ מיר קיין גאָט! איך בין אַלץ — און אַלץ אין מיר. געטער שאַף איך און צעשטער. פון מיין גייסט אַרויס טו איך זיי שאַפן. און אַ ווינט גייט איבער זיי אַריבער און זיי ווערן ווי נישט געווען. וואָס מאַטערסטו זיך? וואָס זוכסטו, אַן איינזאַמער, צווישן די קברים? האַק דיר אויס אַ גאָט פון אייגע־נעם געמיט, און צאָרנסטו אויף אים — צעברעך אים. אויב שווער איז דיר און ביטער —האַק דיר אויס פון דיין געמיט אַ גאָט אַן אַנדערן, אַ זיבן מאָל שענערן.

אַזוי האָט מיר געענטפערט דער דריטער — און דער דריטער איז געווען אַ פּאָעט.

— פאַרוואָס זאָלסטו זוכן גאָט, ווען ער איז אין דיר, אין לויף פון דיין בלוט, אין קלאַפּ פון דיין האַרץ, אין יעדן באַוועג, אין יעדער פּילונג, אין יעדן צאַפּל, אין מחשבה גרויסער און קליינער, אין יעטוועדער פאַרשטעלונג און זעאונג, אין איט־לעכער בלום, אין שטורעם און רו, אין שטילקייט און קול, אין ריזן־באַרג און אין קערנדל זאַמד, אין גיגאַנט און וואָרעם, אין גרעבסטער ממשות און אַלערדינסטן גייסט. אומעטום זעסטו אים — ער איז אַלץ.

אַזוי האָט געענטפערט דער פערטער.

— קער דיך אום, פאַרבלאָנדזשעטער, קער דיך אום צו דיין גאָט דעם שוין אַנטפּלעקטן. וואָס נישטערסטו, וואָס זוכסטו דעם געפונענעם? צום גאָט פון דיין פאָטער קער דיך אום, צום גאָט, וואָס האָט זיך אין סיני געוויזן.

אַזוי האָט מיר געענטפערט דער פינפטער, אַ זקן אין טלית געהילט, מיט תפילין באַקרוינט, און אַרום אים אומצייליקע ספרים.

ג. פון דער שרעקלעכער בענקשאַפט פון די אייביקייטן

(פון: הצמאון)

נישטאָ אויך אין די בערג קיין מנוחה. גייסט אַרויף אויף אַ מעכטיקן באַרג, קלייבסט דיר אַ רואיק ווינקל אויס. אַ מענטש אַ טוריסט וואַנדלט דאָרט נישט, אַן אינדין פון די בערג בלאָנ־

דזשעט דאָרט נישט. פאַרשטומט יעדע חיה־שטים אונטן. דאָס בערג־באַוואוינערשאַפט שלאָפט. עס שלאָפט דער גאַנצער באַרג זיין שלאָף דעם פאַרהוילענעם. אין דיין ווינקל זיצסטו, אין איי־ביקער שטילקייט פאַרזינקסטו. דעם קלער פון דער גרויסער שטילקייט קלערסטו, צו דער נקודה פון גאַרנישט דערקלע־טערסטו.

פלוצלונג דערגרייכט צו דיין אויער דעם וואַסערפאַלס ווידערקלאַנג. נידערן וואַסערן פון העכסטער הויך, שטראָמען, ברומען, צאָרענען, שפּרינגען איבער באַרג־זייטן, צוואָגן די פאָרכטיקע פעלזן, נעמען־מיט אַלץ וואָס זיי טרעפן, שטרעבן צום טאָל צו, נידערן, נידערן, לעקן ערדישע זאַמדן. אויף טויזנט־טויזנטער קולותריידן זיי, טויזנט־טויזנטער לידער זינגען זיי אויס. און דו, בן־אָדם, הערסט דאָס אַלץ — ביז טויב ווערן. פאַרנעמסט נאָר פון דעם אַלעמען: ברום און שטרעבונג, ליבע פון הויך צו נידער, דעם ווילן פאַרזונקען צו ווערן, זיך אַרונטער־צולאָזן, צו געבן, משפּיע צו זיין, צו זעטיקן; דאָרשט פון דעם גייסט, קלאָג פון ריזן, שוואַכקייט פון אַלערגרעסטער גבורה, שרעקלעכע בענקשאַפט פון די אייביקייטן.

ברומען, ברומען די עלעמענטן: זיי זיינען אַלץ — און ס׳פעלט זיי אַלץ.

ד. וואַלד, אָדער וועלט־געפיל

(פון: שירה ותפילה — 1904)

אונטער דיין גריןבאַפליטערטער דעק וואַנדל איך, אור־אַלטער וואַלד. כ׳פאָרש דיין פאַרצייטיקן סוד, פאַרנעם דיין זינג און דיין זאָגן.

כ׳הער דיין מורמל בייטאָג און ביינאַכט, באַגינען און טאָג־מיט, ווען זון לייכט אָפער, ווען זון זינקט אַרונטער.

כ׳זע דיך אין שיין פון דער זון, אין בלייכן פלאַם פון די שטערן.

טוען זינגען דיינע פייגל, טוען שאָרכן דיינע צווייגן, טוען ריידן דיינע סודות — — —

דערציילסט פון ווילן שטאַרקן און רייכן, פון ווילן טיפן און גרויסן.

פון לעבן דערציילסטו און שפע, פון גבורה און ווידער־שטאַנד.

— —

אויגן דערמאָנסטו מיר, וואָס פאַרלירן זיך אין דער גרויס־אַרטיקער שיינקייט פון די הימלען —
הענט, צום באַשעפער געשפרייטע —
אַלץ, וואָס פראַכטיק און הייליק.
אַבער אויך דיין ווי בלייבט נישט פרעמד מיין געהער.
ווי טרויעריק איז דאָס פויגל־ליד אין דיין אַלטער טונקעלער טיפקייט!

ה. ישראל אין דער אייביקייט

(פון: דבר לעמים — 1928)

אומדאַנקבאַרע איר! ס׳ליכט פון דער וועלט לעשט איר אויס — און אין ליכטיקייט ווילט איר אומגיין?

גאָטס כלי צעברעכט איר — און איר ווין ווילט איר טרינקען?

מיט זאַמד און שטיין פאַרשטאָפּט איר דעם ברונעם פון הילף און גנאָד — און געהאָלפן ווילט איר ווערן?

ישראל איז דער ברונעם, וואָס אין־סוף האָט געגראָבן. חוץ אים — נישטאָ קיין ברונעם, וואָס זאָל מיט שפע פון געטלעכקייט שטראָמען.

ווען דער הייליקער, געבענטשט איז ער, קלייבט עמיצן אויס — קלייבט ער אים אויף אייביקע אייביקייטן אויס.

און האָט ער אויסדערוויילט ישראל — נישט אויף אַ צייט האָט ער אים אויסדערוויילט, נייערט אַז שטיין זאָל ער פאַר אים און דינען אייביק.

וועמ ס׳האָט צו פלאַנעטן געזאָגט: טוט קרייזן; וועמ ס׳האָט צום ים געזאָגט: זאָלסט שטראָמען; וועמ ס׳האָט געזאָגט צום בוים: זאָלסט וואַקסן; וועמ ס׳האָט לעבן אַלעמען געשאַנקען און זיי גערופן: קינדער מיינע, — דער האָט אויך ישראלן גערופן און צו אים געזאָגט: מיין זון ביסטו דער ערשט־געבוירענער.

שטיי פאַר מיר — מיין כוהן זיי, מיין נביא, מיין משיח. מיין מלכות זיי אויף דער ערד. נצח און הוד זאָלסטו זיין. הייב זיך, דערהייב זיך, מיט תפארת באַקרוין זיך. ס'האַרץ פון דער וועלט זאָלסטו זיין — חכמה, בינה, דעת. הויבונג איבער הויבונג דער־הויב זיך, ביז צו כתר אַליין דערגיי, ביז צום וואָרצל פון ווילן, ביז רעווא־דרעווין.

ז. ישראל אין גלות

(פון : מן הצד — נאָטיצן נאָך דעם פינפטן קאָנגרעס

אין באַזעל)

כ'האָב פאַרלאָזט די פאַרזאַמלונג — —

שפעט־נאַכטיקע שעה. אויף באַזעלס גאַסן בלאָנדזשע איך איינזאַם. ס'איז אַלץ אַזוי פרעמד.

און ווידער גיי איך אויף דער בריק. אַרום אַ טויט־שטילקייט. הימלען פינצטערע אויבן, וואַסער־פינצטערניש אונטן. כ'קוק צו די הימלען אַרויף, קוק אַרונטער אין וואַסער. אַ חושכדיקע אימה באַפאַלט.

מיין וועג איז פינצטער — און פינצטער די וועגן פון מיין פאָלק.

ווער פאַרטרייבט די וויסטעניש ? ווער וועט מאַכן ליכטיק ? אַטאָמען זיינען מיר, צעוואָרפענע אין תוהו.

פאַר זיך, פאַר זיך בלאָנדזשעט יעדער איינער, איטלעכער מיט זיין אומגליק.

איינער קען נישט, דערקענט נישט, פאַרשטייט נישט דעם אַנדערן.

בלאָנדזשענדיקע זיינען מיר, פאַרשטויסענע, פרעמדע.

דאָרט אָבער, דאָרט אין די הויכקייטן —

ווייט פון מיר, העט ווייט —

דאָרט איז אַזוי, ווי שטערן עטלעכע וואָלטן אַפערגעפינקלט און צוביסלעך, צוביסלעכווייז דאָס הימל־חשכות פונאַנדערגע־ריסן.

דער האָפנונגס שטראַלן גנבענען זיך אין האַרץ אַריין.

ז. ווי זיך פון גלות אַרויסצובאַקומען

(פון: דבר לעמים)

— — דער היכל פון אײַער האַרצן שטייט און וואונדערט זיך: וואו ביסטו, האַר?

און דער האַר?

אַט שטייט דער האַר ביים היכלס שוועל: אויך ער שטייט וואַרטנדיק...

— — — אין קאַמער פון געמיט ביי יעדן איינעם פון אייך זיצט אַ געפאַנגענער גואל. זאָל יעדער איינער פון אייך באַפרייען דעם גואל, וואָס זיצט אין אים געפאַנגען, און זיך לאָזן מיט אים איבער דער וועלט. — — —

זעט! די קייטן פון גלות זיינען נישט אויף אייך, נאָר אין אייך. ווילט איר — צערייסט איר דעם גלות...

ח. גאָט אין דער געשיכטע

(פון: ספרן של יחידים)

דאָרט, וואו גאָט באַווייזט זיך —
ווערן תוהו־שטעט צושמעטערט.
פאַלן מויערן פון בבל.
זינקען שטעט פון חטא.
שווינדן בערג פון חושך.
ווערן שלעסער אָפּגעהאַקט.
ווערן תפיסות אָפן.

ט. אליהו — היינט

(פון: דבר לעמים).

אַמאָל איז אליהו אין שטורעם אַרויף צו די הימלען. היינט טראָגט ער זיך אין שטורעם איבער אַלדי עקן פון דער ערד.

אין שטורעם טראָגט ער זיך — און זון־געהילטער משיח מיט אים.

יצחק קאַצענעלסאָן

צו די הימלען

1

אַזוי האָט זיך עס אָנגעהויבן, באַלד אין אָנהייב...
הימלען, זאָגט פאַרוואָס? אָ, זאָגט פאַרוועך?
פאַרוואָס, אָ, קומט עס אונדז
אַזוי פאַרשעמט צו ווערן אויף דער גרויסער ערד?
די ערד טויב־שטום האָט ווי פאַרמאַכט די אויגן...
איר הימלען אָבער, איר האָט דאָך געזען,
איר האָט זיך צוגעקוקט פון אין דער הויך,
פון אויבן — און ניט איבער זיך געקערט!

2

איר קענט ניט, איר דערקענט אונדז שוין ניט מער,
פאַרוואָס? צי האָבן מיר זיך דען
אַזוי געביטן? אַזוי געענדערט זיך?
מיר זיינען דאָך די זעלביקע די יידן פון אַמאָל —
און בעסער נאָך אַסך... ניט איך! ניט איך וויל
צו מיינע נביאים זיך פאַרגלייכן, ניט איך קען,
נאָר די יידן אַלע, די צום טויט געפירטע,
די מיליאָנען מיינע אויסגעהרגעטע דאָ מיט אַמאָל —

3

זיי זיינען בעסער נאָך, מער אויסגעליטן,
אויסגעלייטערט מער אין גלות דאָ, אָ וואָס באַטייט
אַ ייד אַ גרויסער אַן אַמאָליקער,
אַנטקעגן אַ איצטיקן אַ פשוטן, אַ דורכשניטלעכן ייד
אין פוילן, ליטאָ, אין וואָלין, אין יעדן גלות.
פון יעדן יידן קלאָגט און שרייט
אַ ירמיהו אַרויס, אַן איוב אין יסורים גרויס,
אַ מלך אַן־אַנטוישטער מיט אַ קהלת ליד.

(פון דער פּאָעמע „דאָס ליד פון געהרגעטן יידישן פאָלק"

ישׂראל שטערן

פון שפּיטאָל

אַזוי פיל עלנט קנעטסטו איין
אין אונדזער אָרעם זויערטייג,
נאָכדעם קומסטו מיט אַ טענה:
מיר אַנטלויפן פון דער סעודה,
לאָזן איבער טיש און גלאָז,
נעמען שפּאַנדרעווען דורך פּלעצער,
רעדן רייד צו זיך אַליין,
זאָגן פאַר די גאַסן ווידוי.

ווער האָט אונדזערע געצעלטן
אָנגעפּראָפּט מיט גרויל? —
דו כאַפּסט דעם אָוונט פאַרן האַלדז,
העננסט אים אויף ביי דעם סופיט.
וואָס האָט אונדזער שטוב פאַרזינדיקט?
האָסט אין איר געשטעלט אַ תליה,
און אין יעדן שטיקל באַלקן
האָסטו אומגליק איינגעשמידט.

און קיינער קאָן נישט איבערטראָגן
דעם בין־השמשות פון זיין צימער;
לאָזט ער שטיין זיין ברויט און זאַלץ,
זיין שטילע פרוי און קינד אין וויג,
און וואָגלט וואו די אויגן טראָגן, —
טאָ ווער איז שולדיק אויב נישט דער
וואָס האַלט אַ בייטש אין האַנט און טרייבט,
שלעפּט ווי בהמות אויף אַ שטריק?

(פון „וואָך”, ניו־יאָרק, 1930)

יוסף קירמאַן

אין דעם אורוואַלד פון די שטאַמען

גיי איך פון מיין האַרץ פאַרבלאָנדזשעט
אויף דעם נאַקן פון דער ערד,
קומט מיין בליק אַ וואַלד אַנטקעגן.
הויכע דעמבעס — מיינע זיידעס.
זאָג איך איינעם פון די שטאַמען:
כ'בין פאַר הונדערט־טויזנט יאָר
טיף אין גרונט פון ערד געלעגן,
און געזויגן אַלע וואָרצלען פון פאַר דיין שפּראָצונג,
טראָג איך היינט אין מיינע גלידער
דיינע כוחות — שטאַם, מיין פאָטער.

און אַ צווייטן זאָג איך ווייטער:
כ'וואָלט שוין לאַנג אַהערגעטראָפן,
נאָר דער וועג איז פול געוועזן
אָנגעוואָרפן מיט די שטיינער —
האָב איך אַלץ אָן סוף געבלאָנדזשעט
צו דעם אור־וואַלד פון מיין שורש.

און אַ דריטן זאָג איך גאָרנישט.
כ'קריץ אויף אים מיין יונגן נאָמען,
אויף דער גרויער הויט — מיין אור־לייב.
זאָל מיין קינד אין דורות ווייטע
דיך אין אַזאַ שטאַם דערקענען — —

אַזוי גיי איך טיפער, טיפער
אין דעם אור־וואַלד פון די שטאַמען,
ביז כ'וועל טרינקען פונעם ברונען
קוואַלונגס־וואונדער פון פאַר מיין אויפגאַנג.

(פון בוך: איבער שטאָק און שטיין.)

לייזער וואָלף

אומעטיק

כ׳בין אַלט געוואָרן, שוועסטער מיינע.
איך האָב פאַרלאָרן אַלע וועגן.
און מיר איז אומעטיק צו זיין
ווי אויף אַ פעלד ביינאַכט אין רעגן.

די פריינד זענען אַוועק פאָראויס,
איך בין געבליבן שטיין אין מיטן,
אַזוי ווי אויף אַ לאָנקע בלייבט
אַ בערגל גראָז נישט אָפּגעשניטן.

איך האָב פאַרבלאָנדזשעט, שוועסטער מיינע,
אין וואַלד פון ווערטער און געדאַנקען.
איך האָב געמיינט: מיין נאָמען וועט
ווי אַ לבנה הייליק בלאַנקען.

נאָר טונקל איז מיין נאָמען היינט,
נישט צוגעקלעפּט צו קיין זכרון,
און איך — אַ שאָטן פון אַ בוים,
וואָס האָט די צווייגן אָנגעוואָרן.

כ׳בין מיד געוואָרן, שוועסטער מיינע.
און ווען דער טויט זאָל איצטער קומען
אויף כוואַליעס פון דער אייביקייט,
וואָלט איך מיט אים אַוועקגעשוואומען.

איך ווייס נאָך ניט, וואוהין עס טראָגט
דער טויט אויף די געהיימע פליגל, —
אַניט וואָלט איך מיט אים אַוועק
זיך לייגן אין זיין קבר־וויגל.

(פון בוך: שוואַרצע פּערל, 1939)

ש. ראָסין

ווייטע שיין

שפּעטער האַרבסט מיט ווינט און נעפּל,
בלעטער־פאַל און רעגן־זיפּ, —
ביסט מיר נאָענט ווי דאָס לעבן,
ווי דאָס לעבן ביסט מיר ליב.

כ'האָב ליב דעם שאָרך פון צאַרטע בלעטער,
די שטילע, די פאַרקלערטע טריט,
אין שעה פאַרנאַכטיקער אין שפּעטער,
דאָס בענקען פון אַ ווייטן ליד.

כ'האָב ליב די זון, וואָס ווייזט זיך זעלטן,
דאָס שטומע, צאַרטע אָפּשייד־ליכט, —
פאַרקלייבן זיך אין טיפע וועלדער,
פאַרבלייבן אויג־אויף־אויג מיט זיך.

גרויע ווייטן, כמורע וועגן,
וויסטע נעסטן, פייגל־שווינד, —
כ'האָב ליב דאָס בלאָנדזשען אונטער רעגן,
כ'האָב ליב דאַן שפּרייזן קעגן ווינט.

מיר דאַכט, איך זע זיך דאַן פאַרצייטן —
עס פאַלט אויף מיר אַ ווייטע שיין;
מיר ווערן נאָענט אַלע ווייטן
אַהינטער ראַנד דאָרט פון מיין זיין.

(פון זאַמלבוך „סאָוועטיש", מאָסקווע, 1939)

מ. כאַשטשעוואַצקי

שפּינאָזעס טויט

— — עס שטאַרבט דער גוף, און די נשמה אויך,
זי שטאַרבט דאָך אויך מיט לעצטן אָטעם־הויך,
נאָר ס'לעבט די וועלט, די מענטשהייט אייביק לעבט,
און זיין געדאַנק אין וועלט איז איינגעוועבט.
ס'איז זיין געדאַנק געשליפן און געשמידט,
און פעסט ווי טעאָרעמעס פון אוקליד;
און פריינט האָט ער, אַ קליינעם שילער־קראַנץ,
און זיין געדאַנק — אין זייערן פאַרפלאַנצט.
און מענטשן וועלן זיין, און אויך אין זיי,
אין דער אומענדלעכער, אין דורותדיקער ריי,
עס וועט באַנייס מיט זעלבער קראַפט און דרייסט
זיי לויכטן העל זיין ברענענדיקער גייסט.
אַ גוטן אייך, אייך, ביכער, מיינע פריינט,
אַ גוטן אייך, איר האָט מיין וועג באַשיינט,
און אייך, חברים, מיינע גוטע לייט,
וואָס מיטגעגאַנגען זיינען זייט ביי זייט,
און דיר אַדיע מיין קליינינקער וואַרשטאַט,
און דיר, מיין ניט פאַרענדיקטער טראַקטאַט,
און דיר אַ גרוס, דו קומענדיקער מענטש,
דיין פרייער גייסט, דיין קראַפט זאָל זיין געבענטשט,
זאָל זיין געבענטשט די אייביקייט פון זיין.
דאָס צימער איז געוואָרן פול מיט שיין,
אַ לעצטער בליק געגעבן האָט אַ שטראַל,
אַ ווייסע האַנט געגעבן האָט אַ פאַל,
און ס'האָט אַ שמייכל, שיינענדיקערהייט,
אויף טויטן פּנים זיינעם זיך צעשפּרייט. — —
אַ שטילע שטים דערהערט האָט זיך אין טיר,
נאָר ניט געענטפערט קיינער האָט אויף איר.

(פון זאַמלבוך „סאָוועטיש", מאָסקווע, 1938)

יעקב גאָטליב

אָ, טרייב מיך

אָ, טרייב מיך, וואָגן שטיינערדיקער, דורך די דורות,
בייטש מיך, בייטש געהיימע, איבער מיינע פּלייצעס,
יאָג מיך בלינדערהייט דורך אַלע פינצטערנישן
דורך די צייטן, ווי דורך געטאָ־טויערן צעפּראַלטע.
זאָלן גליען מיינע פוסטריט אינעם בראַנד אין רויטן
פון דיין צער, אָ, ניט פאַרלאָשן פון שטראָם פון יאָרן.

איך לויף . . . איך לויף דורך די מעת־לעתן, צו דעם וואָגן
און שלעפּ די שמאָלע קלויזן־דעכער ווי ארונות,
און שלעפּ די קברים פונעם אַלטן און פון נייעם „פעלד".
דעם בוים פאַרשניטענעם פון גר־צדק,
די תליה־ברעטער פון הירש לעקערט,
די מאַרמאָרנע מצבה פון א. ווייטער — — —

איך לויף . . . איך לויף דורך די מעת־לעתן.
זאָל איך פרעגן :
וואו־זשע יאָגסטו מיך, וואָגן שטיינערדיקער ?
אַז שוין לאַנג איז ירושלים פון דער ליטע
הינטער מיר . . . ס'לויפט פאַר מיר אַ וועג אַ בלינדער ;
ניט קייןביימער ביי די זייטן, ניט קיין ריח פון די פעלדער,
און דער וואָגן ווערט אַלץ שווערער, און דער וואָגן
יאָגט אַלץ גיכער.

(פון דער פּאָעמע : „אין ירושלים פון דער ליטע")

יחיאל לערער

נאַקעט ווי אָדם

„נאַקעט ווי אדם״? — נישט גוט געזאָגט.
יענער האָט גאָרנישט און אַלץ דאָך פאַרמאָגט:
אַ גלויבן, אַ גאָט און פרייד פון אַ קינד,
און שרעק פון אַ קינד און מורא פאַר זינד.
נאַקעט בין איך, נאַקעט אויף אַ וואָר
אין טויזנט ניינהונדערט זיבנאונדרייסיקסטן יאָר.

כ׳בין די מדבר אַליין, די זאַמד דאָס פאַרברענטע,
אַ שול אַ פאַרשוועכטע, פון שונאים געשענדטע.
אַ שוואַלבן־נעסט האַרבסט־צייט, ווען ס׳פאַלן די בלעטער,
אַ חורבה — אַ זכר נאָך געשטאָרבענע געטער,
אַ ביידל אין סאָד אונטער ווינטער־שניי בלייכן —
און נאַקעטער נאָך ווי די אַלע פאַרגלייכן.

(פון בוך: „מיין היים״)

יעקב גלאַטשטיין

לידער

מיין טאַטע יצחק

אַז מען האָט דעם אַלטן יצחקן געפירט צו דער עקדה,
האָט ער אויפגעהויבן צום הימל די פאַרטונקלטע אויגן,
געזאָגט האָט ער מיט אַ שטים אַ מידער:
כ׳ווייס אַז כ׳וועל איצט זיין דיין ווידער.
קיין גוטער מלאך איז נישט אָנגעפלויגן.
ס׳ווערט דאָס פייער פלאַמענדיקער און גרעסער.
פאַר מיין האַלדז איז געשאַרפט דאָס מעסער.
דער אַלטער יצחק האָט זיך נישט גענאַרט,
ווי ווען ער איז אַ חומש־ייִנגל געווען.
ער האָט אויף קיין לעמל נישט געוואַרט.
ווען מען האָט אים גענומען בינדן צום מזבח
און ער האָט דערפילט דעם זענגנדיקן ריח,
האָט ער אַזוי געטאָן זאָגן:
גאָט וועט די שחיטה נישט איבערשלאָגן.
ער האָט אויסגערופן מיט אַ שטים אַ מידער:
הנני, כ׳בין גרייט צו זיין דיין ווידער.

נישט אברהם

נישט אברהם האָט דעם מזבח געבויט,
נישט אַן אייגענער טאַטע האָט אים באַשערט דעם טויט.
ס׳האָט אים צום מזבח געפירט אַ רשע, אַן אכזר.
אַ שטאָלצער איז געגאַנגען אַ ייִד פונעם מחזור.

אַ גאָט, אין זכות פון זיין פרומער מאַמען,
וועט מען רייסן זיין לייב מיט אייזערנע קאַמען.
אַ פשוטן סוחר האָט מען אויסגעקליבן
און ווי אַ צדיק אים צום טויט געטריבן.

ווי גוט וואָס ער איז אין די דריבנע אותיותלעך באַהאַוונט.
איצט וועט ער אַליין אין סידור אַריינגעדאַוונט.
איצט וועט ער אין מחזור אַריינגעשריבן.
ער, דער זון פון אַ פרומען חייט,
ווערט אַריינגעניגונט אין יום־טובדיקן פּאַיעט.
ס׳וועלן דורות פון אים זינגען שטאָלצע לידער.
מאַכט אַ וואָרע.
ס׳קומט דער עלפטער פון די געפייניקטע ברידער.

דער זיידע ענזל וועקט זיך

עצבות מיינע, פרעס מיר נישט אויף ס׳טויטע האַרץ.
גאָרסטע שטילקייט, וואָס וועקסטו מיך פון שלאָף?
שוין ווידער עפּעס אַ ויהי, שוין ווידער אַ שטראָף?
וואָס פאַרגינט מען מיר נישט
דעם באַשערטן חושך מיינעם,
די לאַמטערנע מיינע צו דער אייביקייט?

זיידע ענזל, גרויסער שותק,
ערשטער נאָמען פון מיין שטאַם,
הייליקער זיידע, פון די זעקס און דרייסיק זיילן.
דו וואָס האָסט זיך מפרנס געווען
פון שמשות אין מהר״ם,
זע די פינצטערע פרייד דיינע.
ס׳שפּאַנט צו דיר מיט מזל ברכה
דיין גאַנצע טויטע משפחה.
זאַמל זי איין. דאָס איז דיינס.
דאָס איז דיין ארבונג,
דיין גאַנצע ערדישקייט,
דער צונויפגערעכנטער סך־הכל

פון דיין לעבן און דיין שטאַרבונג.
לאָמיר טאַנצן — דו אינמיטן,
דעם כרת־טאַנץ פון אַ יידישער משפחה.
אויסגעוואָרצלט און פאַרשניטן.
כרת־כרת, כשר־טאַנץ.
אַלע טויט, אַלע דאָ, אַלע גאַנץ.
זיידע ענזל, האָסטו איטלעכן דערקענט?
נישט כולו זכאי, נישט כולו חייב,
נאָר כולו פאַרברענט.
אַלע צווייגלעך פון דיין חלום
גיבן דעם טויטן זיידן שלום.
דער משפחה־קרייז איז פאַרענדיקט.
כרת־כרת, כשר־טאַנץ
פאַרשניטן, אויסגעפליקט איז דאָס לעבן,
דער עיגול פון טויט איז גאַנץ.

מיין ברודער בנימין

שענק מיר נאָך־נישט אויסגעווייַנטע ווערטער,
גאָט, כ׳האָב נישט קיין כוח צו שעלטן,
און איך וועל מיט זיי פאַרוויינען
דיינע פאַררויכטע וועלטן.

צו וואָס האָסטו באַדאַרפט,
אַז ס׳זאָל זיך אויף דער וועלט אַרומדרייען
מיין ברודער בנימין?
דערמיט האָסטו אים אויסדערוויילט,
וואָס האָסט אים אַלעמאָל פאַרזען און פאַרטיילט.
ער האָט געשניידערט, געוועבט
און אויך־מיר געלעבט,
כדי וואָס, כדי זאָלסט אַן אָרעמען וועבער,
אויסשטאָטן אין בגדי קאָנצענטראַציע לאַגער,
און אים אונטערפירן אָן תכריכים און אָן אַ באַגרעבער
צום קוימען.
און ביי דער רעכטער זייט האָסטו אים נחת באַשערט.
האָסט זיין וועג באַשווערט מיט דעם איינציקן

טרוים פון זיינע טרוימען,
זיין לאַכנדיק שטיקל פרייד
מיט די פעד־שוואַרצע זונען.
און ביי דער לינקער זייט
זיין שווער־לייביק ווייב,
פון אַ שטעטל אַ נאָענטס,
וואָס האָט אים אויפגעזוכט, געפונען,
און זיך פאַרנומען צו טיילן ביסן פאַר ביסן —
אָרעמקייט.

אויף וואָס האָסטו באַדאַרפט דעם נאַרישן וויץ ?
האָסט געגעבן אַ בליץ און באַשאַפן אַ שטיקל אומגליק.
פון אַלץ האָסטו אים געקאַרגט.
האָסט אים געהאַלטן אין איין פאַרפּאַטשן, פאַרשעמען,
און נישט דערקענען.
אָבער אָפּגעהיט האָסטו ס׳נפש זיינס,
ווייל דו האָסט אים זייער נייטיק באַדאַרפט,
צו פיר און פערציק יאָר פאַרברענען.
ליבער, הייליקער נאָמען,
מאי קא משמע מיין ברודער בנימין ?
אויף וואָס האָסטו אים באַשאַפן,
און קיין קרישקע גליק אים נישט געגעבן,
צו וואָס זיין גאַנץ לעבן פאַרשענדט ?
האָסט דווקא געוואָלט אַז ער מיטן ווייב זאָלן דערלעבן
פרייד אויף אַריבערצושוימען,
צו פירן דעם איינציקן זון
צו דער חופה פון קוימען,
און האָסט זיי אַלעמען פאַרברענט.

לד ראַוויטש

והיה באחרית הימים

אַ ליד פון גורל, פון שליחות און פון טויט

י מאמין — יידיש פאָלק, איך גלויב אין דיין שליחות,
נקט ווי איך גלויב, אַז כ'בין אַ זון פון הינדע בת בלימע, מיין מאַמען.
י מאמין — כאָטש צעקריגט בין איך כמעט מיט אַלע דרייצן
י מאמינס פון דעם מוח, דעם אייזערנעם און שפּיציקן פון רמב"מען.

יש פאָלק, איך גלויב אין דיין שליחות,
זאָג איך מוזן שטיין און גיין דערפאַר ווי אַ מצורע אָפּגעזונדערט,
ן די פרומע, די ציונים, די יאַהודים און אויך אַפּיקורסים.
ד גלויב, און גלויבן מוז איך, כאָטש איך בין אַן עכטער זון פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט.

יש פאָלק, איך גלויב אין דיין שליחות,
ט ציינער און מיט נעגל האַלט איך אָן דעם גלויבן.
ד, לאַך — דו ציניקער, האַלט דיך ביי די זייטן;
כסט אַריין אין אויגן פון אַ בלינדן, אויערן פון אַ טויבן.

בלינד און טויב איז מיין אמונה, יידיש פאָלק, אין דיין שליחות,
בלינד און טויב עס איז געווען די אַלוועלט־שנאה צו אונדז יידן.
ך און העכער האָט געהויבן — ביז צום הימל זיך מיין גלויבן,
ס נידריקער, שאול־תחתיה־הייסער יידן־שנאה־יוכעס פלעגן זידן.

ן אויסוועג איז נישטאָ! אין דעם דאָזיקן געבענטשט־געשאָלטענעם גן־גיהנום
אונדזער בוים פאַרפלאַנצט. אַ בוים פון אייביק לעבן, אייביק גאָט־דערקענען.
ע וואָרצלען שטעקן טיף, זיינע ברייטע פּירות־שווערע צווייגן שפּאַנען
ער אַלע פעלקער זיך. אונדזער גורל איז צו זיין און בלייבן וואָס מיר זיינען.

וטאָ פאַר אונדז, אין אַלע פיר דימענזיעס, קיין אָרט, קיין צייט קיין אַנדערע,
טער קיין לבנות נישט און אונטער קיין שום זונען.
ישן אַלע פעלקער פון דער ערד במזיד האָט אונדז גאָט אַ וואָרף געטאָן, פאַרלוירן;
ישן אַלע פעלקער פון דער ערד האָט בשוגג אונדזער גורל אונדז געפונען.

ייִדיש פאָלק, איך גלויב אין דיין שליחות,
כאָטש מיינע ציינער קריצן שאַרף פון ווי און צום הימל בייל'ן זיך די פויסטן.
קיין אויסוועג איז נישטאָ. ס'איז מיטן ים. לאָמיר אָנכאַפּן דעם רודער
און פירן שטאַרקער אונדזער שיף אין דעם וועלט־שטורעם צעברויזטן.

אָט איז דיין שליחות, ייִדיש פאָלק: אין אַ וועלט פון קראַנקע בעל־עבירהניקעס,
מיט תאוותדיק הייס־בלויע אויגן, איינגעטונקט אין בלוטיק־רויטע ווייסלען,
צו שרייען שמע אינאיינעם פאַרט, אינאיינעם פאַרט, און דערהערן מוז דער זינדער;
דיין שליחות, ייִדיש פאָלק, איז דער וועלטס געוויסן אויפצוטרייסלען.

פונקט ווי גאָט־וואָרט אייביק דיין שליחות — אייביק בלוט־באָד איז געווען דיין גורל.
נישט אַנדערש נאָר אַזוי צום יובל פון די יובלען
גייט די וועלט. און כאָטש איין מאָל אין איעדן וועלט־יאָרהונדערט
האָט זי זיך געמוזט אין שטראָם פון דיינע בלוטן — פאָלק מיינס — טובלען.

וואָזשע נוצט עס אָט דעם גורל ווי אַ שווערן שטיין אין האַרץ צו טראָגן,
אַ שטיין פון טענה און נישט־גלויבן?
בעסער שוין אים ווי אַ פליגל־פּאָר אויף דער נשמה לאָזן וואַקסן
און אויף זיי צו אַלע העכסטע הייכן — פאָלק מיט זיך און זיך מיט פאָלק — דערהויבן.

און דער עיקר אין דעם איצטיקן יאָרהונדערט, קעגן וועלכן
ווי אַ קינדער־שפּיל עס זענען, ווי אונדז, אַלטע אינקוויזיציע־פּיינען;
די גזירות ת"ח ות"ט, די אַכציקער פּאָגראָמען, קישיניעוו,
און אויך די כוואַליעס ייִדיש בלוט אין אַכצן־ניינצן אין אוקראַינע.

און דעריבער איז אָן אויסוועג נאָר אָן אייביקער פאַרבלייבן:
אינעם גאָס פון בלוט, דעם גרעסטן, זאָט פון האָס, דעם הייסטן,
אויפצוהויבן ס'האַרץ צום הימל, דעם געדאַנק צו אַלדי שטערן
און מיט אָט דעם גלויבן זיך צו טרייסטן:

אַז נאָך יאָרן אַלע, אַלע דריי־פיר טויזנט,
מיט אַ גוואַלדריס מיט אַ שרעקלעכן און אומגעריכטן
האָט אין אַכט־און־פופציקסטן יאָרהונדערט, אונדזער ייִדישן, במזיד ווידער,
גאָט דערפילט די שליחות און צו'ן אַ סוף דערפירט די ייִדישע געשיכטע.

צו'ן אַ סוף אַ גוטן אין דעם ים פון בלוטן,
וואָס אונדזער פאָלק האָט איצט פאַרלוירן —
און אַז דאָס בלוט פאַרגיסן האָט געמוזט די וועלטן־מאַמע,
ווייל דעם מענטש דעם נייעם אַנדערש האָט זי נישט געקענט געבוירן.

ש פאָלק, געענדיקט האָט דיין לייד זיך און אויך דיין שליחות!
ע אויגן זעען שוין ביים פעלקער־טיש דיין בלויע קרוין, דאָס גאָלדן־בלויע בליצן — —
מיינע פויסטן עפענען זיך האָפנונגס־פולע,
די ציינער הערן אויף צו קריצן.

נאָך נישט, ייד, טאָרסט נאָך נישט די פויסטן עפענען,
ז העלפן נאָך די גוטע פון דער וועלט צו פירן זייערע שאַרפע וואָפן,
וואונדעט איז דער אַנטי־ייד, דער גרעסטער און דער לעצטער,
נאָך די פויסט נישט — ווייל פאַרוואונדעט איז ער נאָר, זיין האַרץ נאָך נישט געטראָפן.

ר ווען דאָס האַרץ פון אַנטי־ייד, דער לעצטער חיה אין אַ צלם־אָדם,
ז צעריסן זיין, און אין שאול צוריקגעפלאָסן זיינע בלוטן, זיינע סמען;
אַלט וועל'מיר אַלע, אַלע אויספירן דעם נביאס ווערטער,
די וואָפן פון דער וועלט, ווי איבעריקע חפצים פון די וועלטן ראַמען.

שטיל, ווי תפילה טיף אין האַרץ, וועט אין אונדז קלינגען: מיט יאָרן טויזנטער צוריק
אונדז גאָט געשיקט און געוועזן זיינען מיר געטרייער שליח;
אָן איז דאָס שליחות איצט — גאָטס שליח איז מגולגל
זיין לעצטן גילגול שוין — ער איז משיח.

:: :: ::

ז איך צונויף מיינע חברים, אַלע, אַלע אינאיינעם,
ז דיכטער ייִדישע, קומט לעבעדיקע, און תחית שטייט אויך אויף, איר טויטע,
ז זיך צונויף, מיינע חברים, און העלפט מיר אַלע וויינען
רן לעצטע נאָך די אַלע יאָרן וויסטע, טרערן בלוטיקע, רובינען רויטע.

ז איך צונויף, מיינע חברים, פון אַלע וועלט־עקן,
גרויסע און איר וועלט־באַרימטע און אויך איר, איר אומבאַקאַנטע;
יר אויסוויינען די טרערן בלוטיקע און רויטע קודם,
לאָמיר שפּעטער וויינען טרערן ליכטיקע און קלאָרע ווי פּערל און בריליאַנטן.

רן פול בטחון אין אַ שטוב — דרייפערטל אויסגעשטאָרבן,
רן פול מיט שטאָלץ און פרייד פון דערגאַנגענער שליחות,
ז — דיכטערס ייִדישע — אַלע, אַלע אינאיינעם —
אָט די טרערן וועלן מיר אויסזעצן ווי מיט בריליאַנטן אַ פּאָר נייע לוחות.

דאָס ערשטע וואָרט אין אָט די נייע לוחות — לעצטע לוחות,
בלוט אין ייִדישן געוואַשן און געלייטערט,
אויך אָנכי זיין. נאָר — נישט יהוה —
וועט דאָרט זיין דאָס וואָרט, דאָס צווייטע.

א. לעיעלעס

אַ נאַכט און אַ טאָג

פון דעם מערב ווייען,ווירבלען, וואָיען וויכערס
און זיי טרייבן שוואַרצע שטראָמען קאַלטע נאַכט אין גאַס.
קלינגט און ליאַרעמט אַ מעטאַלענער, אַ גרויסער פּאַס,
וואָס צעקוילערט זיך אַלץ בייזער, שטאַרקער, גיכער
איבער שטיין פון ברוק און קלאַפּט אין פרעך אין זיכער.
ס'איז דעם ווינטערס ווינטן־רוף. מיט שיפּנדיקן האַס
יאָגט ער אין דער שטאָט אַריין געהיימע שדים,
און צעשיקט זיי איבער קעלער, איבער בוידעם.

און די שוואַרצע שעלמעס, שטנס, שדים, רוחות
נעמען איין די שטאָט און טרייסלען זי ווי ערב־סוף.
אַ געפאַנגענער פאַלט אין די הענט צו זיי מיין שלאָף.
איך אַליין ליג צווישן האַסערס, העצערס, פלוכערס,
שליידער זיך אין חושכדיקע זאַווערוכעס
אין מיין בעט, וואָס איז קיין בעט נישט נאָר אַ בייזע שטראָף.
און די האַסערס שיפּן, און די העצערס סטראַשן,
און די פלוכערס גיסן סם פון גרויסע פלאַשן.

פלוצלינג זע איך זיצן קעגן מיר געמיטלעך
אַ גאַנץ פרעמדן מאַנסביל, וואָס באַטראַכט מיך איינגעשפּאַרט.
זיינע אויגן — בלויער שטאָל און ביז צו ווייטיק האַרט,
און זיין מויל — צוויי ציניש אויסגעקרימטע ריטלעך
מיט אַראָפּגעלאָזטע ווינקעלעך, וואָס איטלעך
האָט געקאָנט אַמאָל זיין ווייך און חנעוודיק און צאַרט.
אין זיין האַנט אַן אָנגעשטעלט עלעקטריש לעמפּל,
ווי געגרייט זיך אָפּדרוקן אויף מיר אַ סטעמפּל.

כ׳קוק אויף אים דערשראָקן, כ׳קוק אויף אים מיט שטוינונג,
און וואָס מער איך זע אים זיצן אויפן בעט ביים ראַנד,
כאַפּ איך זיך, אַז אייגנטלעך איז ער מיר לאַנג באַקאַנט.
אָבער וואו געזען אים? און אין וועמעס וואוינונג?
אין וואָס ברענגט ער? מערער שטראָף און אַנגסט אָן שוינונג,
מיט זיין אומגעריכטן קום אין שעה פון שרעק און שאַנד?
קוקן מיר זיךביידע אָן, און צו מיין חידוש
נעמט ער רעדן אויף דעם סאַמע נייסטן יידיש:

„זיכער קענען מיר זיך. כ׳בין מיט דיר דאָך שטענדיק.
כ׳מאַך אָן אָנשטעל בלויז, אַז כ׳בין מכלומרשט נישט פאַראַן.
דו — דו שפּילסט מיין שפּיל, ווי ס׳פּאַסט פאַר אַ מאָדערנעם מאַן.
מאַכסט זיך, אַז דו זעסט נישט, כאָטש ביי יעדער ווענדונג
פון דיין מוח קום איך טונקל, קום איך בלענדיק,
בין מיט דיר ווי איצטער, האַלט מיט דיר כסדר שפּאַן.
ס׳נערט די נאַכט מיין שטאַרקייט, דו — דעם פּחדס קעסטקינד,
דיין נישט שלאָפן איז מיין שפּייכלער, איז מיין פעסטונג.

שלאָפן איז אַ שלאַכט פאַר דיר, און היינט אוודאי.
קאָן איך שמועסן מיט דיר געמיטלעך, וויזאָווי,
ווי אַ גלייכער אורח פון אַ חשובן נישט־הי.
ווער עס קאָן נישט שלאָפן, איז זיך דאָך מתוודה,
אַז אָן אָנשטעל איז זיין וואָכיקע בראַוואַדע — — —
ווּעסטו איצט קיין שוץ נישט האָבן קעגן מיר סיי־ווי.
קאָנסט נישט שלאָפן, לאָמיר אָפן, פראָסט און מוטיק,
רעדן וועגן דעם, וואָס תוכיק, טיף און בלוטיק.”

כ׳האָב זיך קוים געוועהרט, און כאָטש גאָר היפּש צעטומלט,
האָב איך קלאָר געזען ווי ס׳גייט אַ מעסערס שאַרפער שניט
און צעשניידט די פּאַנצערס, וואָס איך האָב פאַר זיך געשמידט
היינט, און נעכטן־אייערנעכטן, און אַנומלט.
„נאָך נישט איצט”, האָב איך בקשהדיק געמומלט,
און געפילט מיין שלאַפקייט, מיין אַנטוואָפנט הויל געמיט.
ער — — ער איז געגאַנגען, ווי אַ דאַרשטיק מעסער,
און געשניטן פּאַנצערס, און געעפנט שלעסער.

עס האָט לאַנג געדרעדט, מיין נאַכטיקער באַפעלער,
און פון זיינע ווערטער, פון זיין הענקערישן בליק,
איז מיר אויפן קאָפּ געפאַלן בראָכוואַרג, שטיק נאָך שטיק.
באַלד און כ׳בין געווען ווי אין אַ טוכלען קעלער,
וואו ס׳האָט איינער נאָך דעם צווייטן, ווילדער, שנעלער,
זיך געיאָוועט עפּעס אַ צעהויקערטער אַנטיק,
מיר אַ צונג געשטעקט, און מיר אריינגעזשומעט
סתם אַ גראָבקייט — — צו מיין שאַנד און טיפסטן אומעט.

אין דעם בראָכוואַרג, צווישן כל המיני ברעקלעך
האָב איך גיך דערקענט דעם יושר אָן שום רוקן־לענד;
מענטשלעכקייט — — אַ חולה נופל מיט געליימטע הענט;
אמת מיט פאַרמאַכטע, קראַנקע אויגן־דעקלעך;
היינט רחמנות — — גאָר אַ חורבה, מיאוס און שרעקלעך.
פרעך, ווי אַ מכשפה, האָט זי זיך צו מיר געווענדט,
און געקוויטשעט און געקיכעט: נישטיק, נישטיק,
ס׳האָט רחמנות קיינעם נישט געקאָסט קיין פרישטיק!

כ׳האָב געזען די פריינטשאַפט איינגעדרייט אין דרייען,
ס׳ערשטע קווינטל מאַנונג האָט געמאַכט זי דין און דאַר;
אַשיק אויסגעברענט, האָט ליבע זיך געדרייצט וואולגאַר:
ס׳ציט דיך, ציט, צו מיינע שאַרפע נאַשערייען;
כ׳האָב געזען דאָס פאָלק, געהערט די פאָלקס־אידייע שרייען
(ס׳האָט דאָס קול געכריפּעט ווייט, אַמאָליק און ביזאַר):
טויטע הענט דיך וויגן, ליוליען דיך צום דרימל,
ביזט אַ קנעכט פון לאַנגע נעכטנס און פון שימל.

כ׳האָב געטראַכט מיט תליה־שפּאַס: איך בין ווי תרח,
וואָס אברם האָט זיינע געטער ריי נאָך ריי צעהאַקט.
אָבער וואו מיין נייער גלויבן? וואו מיין נייער פּאַקט
מיט די הימלען אמתע? וואָס בין, וואָס ו ו ע ר איך?
מיר איז שווערער, ביטערער גאָר אָן אַן ערך.
מיין געניטער אורח האָט געלאַכט, מיט צונג געקנאַקט,
און אויף מיר, מיט ווילד־משוגענער הנאה,
נאָך געוואָרפן שטיקער בליי אין האָגלען גראָע:

„וואָרט און זיינע סודות, כישוף פון די קלאַנגגען,
אויסלייזן, ס׳פאַרבאָרגענע, פאַרגראָבענע געמיט
דורך דעם ניגון פון דעם וואָרט, פון ריטעמדיקן ליד — — —
אין אָט דעם דיין זין פון לעבן ; דאָס די שטאַנגגען
פון דיין וואַכער וואָר און חלומדיק פאַרלאַנגען ;
אמת, פאַר דיין וועלט איז דאָס די פרי און דער צוויט ?
נאָר דער צוויט ווערט אַלטער שניי אויף בענקשאַפט יונגער,
און די פרי רייצט בלויז אָן אַ נייעם הונגער.

טראַכטסט פון אייביקייט ? באַטראַכט איר תוך און פאָרעם :
ווען דו וועסט אַליין שוין מער נישט הערן, מער נישט זען,
דיין הנאָה בלויז אַ סומנער, לײדיקער „געווען״ — —
וועט זיך יאָוון אַ באַברילטער ביכער־וואָרעם
און וועט טאַפּן, שנאַפּן צווישן נעמען־קברים,
און אַ זאָג טאָן : „ס׳אָרא הם . . . הם . . . און כמעט פאַרזען !״
דאָן זיין זאָג פאַרשרייבן ריכטיק אין די ביכער.
און אָט דאָס איז ערשט אָן אפשר, ווייט נישט זיכער.

ס׳וואָלט געווען אָן אפשר און אַ ספק־מויער,
ווען זאָלסט אויסשלײפן דיין רייפן, אַנדערשדיקן פערז
אין אַ גויאיש לשון, לשון פון דעם אוניווערז.
אָבער יידיש — שלייפסט אַריין מיט ווי און טרויער
העכסטנס פינף מנינים לייט אַ סוד אין אויער,
און פאַר פיר ביזטו אָן עקשן און אויך היפש פערווערז.
ס׳קרייט אַ האָן אין כלומרשט גאָלדענע מרחקים — — —
נישט פאַר דיר און פאַר דיין וואָרן ממעמקים !״

נישט פאַר דיר — — — עס האָט דער זאָג געקלונגען ביטער,
ס׳האָט דער זאָג געעגבערט אין מיין מוח מעשה שפרוך,
ווי אַ סודותדיקער, שרעקנדיקער שוואַרצער פלוך.
עס באַלויכט אַזוי די שלאַנג פון דעם געוויטער,
דער צעפלאַמטער בליץ, מיט פייערדיקן ציטער
ס׳פינצטערניש פון תהום און לייענסט אין אָן אָפן בוך.
די דריי ווערטער האָבן מיט אַ שוידער־פייער,
מיך געבריט און דורכגעשמען אומגעהייער.

נישט פאַר דיר . . . פון יענע טעג די ווייטע, ליבע,
ווען מיין טאַטע האָט געפירט מיך צערטלעך ביי זיין האַנט,
און געמאַכט אַזויפיל רעטענישן קלאָר, באַקאַנט,
האָב איך קיינמאָל נישט געקאָנט פאַרשטיין די סיבה
פון דעם אומגעלייזטן רעטעניש — אַכיבע
ס׳איז קיין רעטעניש, נאָר פּאַטום, אייזן־האַרטע וואַנט.
איך און נישט־דערגרייכונג — אַ באַשערטער צווילינג,
הינטער מאַסקעס לויפט אַוועק פון מיר דערפילונג.

און די מאַסקעס — כמורער, קאַלטער חוזק,
זיי באַצווינגען, שטויסן אויף די שמאָלסטע שטעגן נאָר.
שיקזאַל ! ס׳איז כאַראַקטער, זאָגט דער חכם פרויד גאַנץ קלאָר.
זיי נישט ווינט־אין־פעלדיק, זיי דו שטוביק, הויזיק,
זיי געלאַסן, אויסגערעכנט, נישט צו־ברויזיק,
און פאַרגעס אויך נישט די הינער־פליגל פון הומאָר.
איז גערעכט דער דאָקטאָר פרויד ? איך ווייס אַלץ מינער.
כ׳ווייס געוויס : איך בין פאַרלירער, נישט געווינער.

נישט פאַר דיר . . . וואָס שטופּט מיך מעשה גראָדע ווירע
נאָר אַהין, וואו דורכפאַל, אומבאַקליידט און אומבאַשוכט,
שוויצט און שלעפּט זיך, זוכנדיק די הויכע, העכסטע פרוכט ? . . .
בלויז וואו אומעט הויזט מאַנק צוויי־דריי אירע,
וואו ס׳איז איינער אי די מאַסע, אי דער פירער,
וואו דער עלנט ברומט פון אוממאַכט און פון שלאָפקייט פלוכט,
וואו אַליינקייט בויט פון גאַרנישט אויס איר אַרקע —
דאָרטן איז מיין זאַמלפּלאַץ, מיין אָפּרו און מיין קרקע.

נישט פאַר דיר — איך האָב געהערט עס העכער, העלער,
זאַלפּ נאָך זאַלפּ ווי פון אַן אויטאָמאַטישן פּיסטויל,
און עס איז געקומען נאָענט, פון מיין אייגן מויל.
וואָרעם כ׳בין שוין נישט געווען אין קיין שום קעלער,
נאָר אין בעט ביי מיר. — און אַ פאַרצערטער, געלער,
האָט אַ נייער מאָרגן מיך געוועקט ווי דורך אַ קנויל,
און געהערט מיין שרייען און מיין הויכע טענה.
יענער צווייטער — טיף אין טיפענישן מיינע.

אויפגעגאַנגען איז אַ טאָג אַ שווערער חולה,
אויפגעגאַנגען איז אַ טאָג אַ גאַנצענער שפּיטאָל.
מיינע גלידער זענען אין אַן אויסטערלישער צאָל
ווילד געווען צעוואָרפן, אויסגעשרויפטע, פּוילע.
בלויז געוואוינהייט, אַ מעכאַנישע און הוילע,
האָט געקאָנט זיי אויפקלייבן, אי דאָס נישט מיטאַמאָל.
נישט צו וויסן וואָס און ווען, אויף וועלכע פלאָגן,
האָב איך זיך געשטעלט דעם נייעם טאָג באַטאָגן.

כ׳בין אַרויס, עס הייסט דער טאָג, דער צייט־באַטאָנער,
האָט אַרויסגעטריבן מיך מיט זיין צעגעלטן ליכט,
און עס האָט געהאַט אַ נאָמען: אַרבעט, טאַונג, פליכט.
(יעדער טאָג איז נייער, שטרענגער חובות־מאָנער,
טרייסלט דאָס געוויסן, טרייסלט פרום דעם האָנער;
יעדער טאָג — אַ פּראָקוראָר אין פיינטלעכן געריכט).
אָבער דאָס מאָל האָבן מיך די פיס געפירט צום האָדסאָן,
סהאָט געצויגן שטאַרק אויף אים צו קוקן, גלאָצן.

נאָר דער טייך איז קאַלט געלעגן אין געלעגער
פון די ברעגעס — ווי מיין טעמפּ און האָפנונגסלאָז געמיט.
און דער טייך איז גראָ געלעגן, גראָ און וויסט און איינגעשמידט,
ווי מיין רעיון, אַלץ אַן איינגעשפּאַרטער פרעגער.
און דער טייך איז שטיל געלעגן, ווי אַ לאַנגער קלעגער,
וואָס פון זיך און פון זיין קלאָגן איז פאַרמאַטערט, מיד.
און דער טייך איז שווער געלעגן, אינוואַלידיש,
און געקוקט צוריק, געגלאָצט אויף מיר — אַן חידוש.

כ׳וואָלט אַליין קיין ענטפער זיכער נישט געפונען,
ווען מען זאָל מיך פרעגן, צי איך האָב געזוכט אַ טרייסט,
ביי דעם טייך, וואָס דווקא היינט האָט ער געקוקט אַזוי פאַרגלייזט,
און איז טעמפּ אַזוי און אומפאַריינטלעך געראָנען.
נאָר ביים מענטש וואָלט איך נאָך ווינציקער געוואונען:
יעדער ניטווי בלייבט ביים מענטש אַן ענטפער, נישט געלייזט.
די פאַרצווייפלונג, די פאַרגליווערטע און שווערע,
זוכט ביי קרעפטן ווייטע, נישט פון מענטשן־ספערע.

גלייבט מיר: טייכן קאָנען רעדן, און פיל קלערער,
ווי דאָס מענטשן־פאָלק. זיי זענען קלוג, זיי זענען אַלט,
אָט די שפּיגלען פון אַן איבערמענטשלעכער געוואַלט.
וויפיל האָבן זיי געזען שוין בויער, שטערער,
זיי — די ערשטע מענטשן־פירער, מענטשן־לערער!
וואָס זשע ליגט דער האָדסאָן איצט אַזוי גזלניש קאַלט?
כ'בין געשטאַנען מיט אַ גאַנצן האַרב פאַרוואָסן,
כ'בין געשטאַנען מיט אַ האַרבן באַרג פאַרדראָסן.

פלוצים האָט דער גרויער, גרויסאַרטיקער פעפער
דורכגעריסן ס'שוויגן פון זיין גליווערדיקן גאָס,
און אַרויסגעבורטשעט מיט זיין אייגענעם פאַרדראָס:
„קלאָר, מיין ליבער, אַז דו ביסט אַ שלעכטער שלעפער,
און דאָס אַרט גאָר ווינציק אונדזער אַלעמענס באַשעפער.
אָבער: גלויבן דאַרף מען, אויך ווען ס'איז נישטאָ צו־וואָס;
זוכן איז נאָך אַלץ דער שלייפער פון געפינען;
זין אַנטפלעקט זיך אין דעם ווילן צו באַזינען.

נו, געוויס, ס'האָט פון די ווייטע הייכן ענדלעך
דורכגעשפּאַרט זיך אַ געלייטערט, וואַרעם שטיקל זון.
אויפן טייך האָט ווייס אַ היפּ געטאָן אַ זילבער־הון,
און אַרום איר — זילבער־הינדלעך, זילבער־הענדלעך,
זילבער־זערנעס . . . זילבער, זילבער, זילבער־רענדלעך —
און דער קלוגער טייך האָט ממש אָנגעקוואָלן דערפון.
ווייס האָט מיך אַרומגענומען זילבער־צויבער:
אויך אפילו אָן אַ וואָס — נאָר פאָרט אַ גלויבער!

י. י. סיגאַל

לידער

איך

כ׳גיי מײַן טאַטנס שטילן דרך,
אָרעם, פּשוט און אָן קיינעם.
כ׳ווייס אַליין ניט — פונדערווייטנס
האַלטן זיך פון מיר די שכנים.

ווען ניט ווען טוט ווער אַ שמייכל:
אַ גוטמאָרגן, אַ גוטנאָוונט.
ווער ווי איך נאָך דאַרף אַ חבר,
צוגיין נאָענט, נאָענט, נאָענט.

אַזאַ קינדערש־טונקלע מורא
נעמט מיך תמיד דאָ אַרומעט
פאַר מײַן עלנט, פאַר מײַן שאָטן,
פֿאַר מײַן וואַנט און פאַר מײַן אומעט.

מיט אָן איינציק וואָרט אַ וואַרעמס
וואָלט מיר אַזוי גוט געוואָרן.
אפשר גאָר זיך אויפגעהויבן
און פון דאַנען אַוועקגעפאָרן.

קום איך אין אַ שטאָט אָן אַנדערער,
אַנדערע גאַסן, אַנדערע שטיבער,
ווי איך וואָלט אַ שוואַרצן גרענעץ
צו אַ ליכטיק לאַנד אַריבער.

און איך לאָז אײַנגאַנצן אַנדערש
צו די מענטשן זיך דערקענען.
אַלע זײַנען מיר געפעלן
וואָס זיי זענען, ווי זיי זענען.

און געפּרואווט לויט זייער מנהג
זיך צו פירן און צו האַנדלען
אפשר פּרואוון אַלטן מזל —
האַנדלען ראַזשינקעס מיט מאַנדלען.

מיטן קליינעם ביסל פּדיון
ווי עס איז זיך צו דערהאַלטן.
וויפל דאַרף אַ מענטש אַ מידער?
וויפל דאַרף אַ ייד אַן אַלטער?

קומט אַריין צו מיר אַ שכן,
אויך אַזאַ מין מענטש אַ מידער,
זיצן מיר ביים טיר אין אָוונט, —
אָרעמע צוויי אַלטע ברידער.

ער דערציילט מיר זיינע ניסים,
און דערנאָך דערצייל איך מיינע.
ניט ער האָט עפּעס צו מענטשן,
ניט איך האָב צו גאָט קיין טענה.

וואָס עס האָט מיט אונדז געטראָפן,
האָט דאָך שוין סיוּוי געטראָפן.
לויב צו גאָט אין אונדזער אַלטקייט,
האַלטן נאָך די אויגן אָפן.

קליינע קעלישאָקלעך בלויע,
נו, לחיים און צום לעבן.
זאָל גאָט געבן, — זאָל ער געבן
וואָס ער וועט שוין דאָרטן געבן,

וועלן מיר דאָס שוין דערטראָגן
מיט דער גאַנצער משא יאָרן.
אפשר וועט אַ פור זיך ווייזן
ס׳לעצטע שטיקל וועג דערפאָרן.

און ביים גרינעם, שטילן בערגל
וועט ער אונדז אַרונטערלאָזן,
איידער ס׳ווערן געל אינגאַנצן
דאָרט די בלעטער און די גראָזן.

וואו פאָרט אַ ייד ?

וואו פאָרט אַ ייד ? אינערגעץ ניט
און אומעטום און — קיין ארץ־ישראל.
אַ געשלעג אויפן בלוטיקן וועלט־יאַריד
און קוים זיך געראַטעוועט מיט אויג און קול.

זיך אַרומגעקוקט: וואו איז מיין קינד ?
דריי פרעמדע יידן מיט בערד צעפליקטע,
דערשראָקענע לייבער, אין די אויגן ווינט,
מיט זיך און ערד און הימל צעקריגטע.

פאַרוואָס און פאַרווען ? מיר קוקן זיך אָן,
מיר קוקן זיך אָן און קוקן זיך איבער,
און דער ווינט אַרום — אַ ליידיקע פאָן,
און דאָרט דאָס שטיקל וואַלד, די עלטערע שטיבער — — —

דאָרט וואוינען מענטשן, גויים מסתם,
און דאָרט פון יענער זייט — פוסטע פעלדער .
אויפן גומען שטומען שוואַרצע ווערטער סם
אַ קללה פאַר גאָט און אַלע וועלטן.

זאָגט איינער פון אונדז: נו, נו, אַ וועלט
און מיר זיינען, הייסט עס, די לעצטע געבליבן.
איז וואָס ווילן מיר טאָן אין ווינט און אין פעלד,
אָן גאָט און אָן אייגענע, אָן ווענט, אָן שטיבער.

זאָגט אַ צווייטער מיט אַ ביסל אַ גאַנצערער באָרד,
מיט אַ קלאָרן קול און העכערע ווערטער:
גאָט ברוך הוא לעבט נאָך אַפילו דאָרט
וואו ער איז אַ פאַרחוזקטער און אַ פאַרשוועכטער.

און דאָ אַוודאי, זעט דאָס קליינע גראָז,
אַ טראָפּן ראָסע און ס'איז זיך מחיה.
און אונדז קאָן נאָך אויך דאָ געשען אַ נס
מען טאָר נישט פאַרוואַרפן דעם קאָפּ: מאין ?

און מיט יענע דאָרט ? — דער ייד לאָזט אַראָפּ
די אַקסל און עס הענגען אים די הענט אַרונטער.
אַזאַ שווערער, אַלטער, פאַראָרעמטער קאָפּ
און ס'האַרץ ברעכט צונויף און יינגלט: וואונדער !

און איך — זאָג גאָרנישט. איך טראַכט נאָר שטום:
אויב ס'האָט אונדז די וועלט אַרויסגעוואָרפן
פון איר גרויסער שטוב און פון אומעטום,
ווייס איך אַליין ניט וואָס מיר ווילן דאַרפן

מיט עטלעכע יידן אינמיטן אַ וועג
וואָס שרעקן זיך ווען מיר זעען שטיבער פונווייטן,
און פאַרקוקן אַזוי זיך צום הימלישן ברעג,
פונוואַנען משיח דאַרף קומען צורייטן.

אַוודאי דאַרף ער, ער דאַרף און ער וועט
און וועט דאָס ברעקעלע שארית דערלייזן.
און איידער ס'וועט ווערן טונקל און שפּעט
וועט ער, אָן מורא, צו אונדז זיך באַווייזן — —

שלאָפט . . . שלאָפט . . .

שלאָפט, מאַמעס, שלאָפט, טאַטעס, שלאָפט קינדער
אין דעם וויסטן צעוואַלגערטן פעלד.
כ'וועל זיין אייער בעטלער דער בלינדער,
אייער וויגליד זינגען איבער דער וועלט.

כ'וועל זיך איינבעטן וואו א געלעגער
אין אַ פרעמדן, פאַרוואָרפענעם העק.
כ'וועל זיך אויסלערנען פון האַרבסטיקן רעגן
זיין ניגון אויפן פאַרלאָשענעם וועג.

איך וועל וועלן אייער אַנגסט אין זיך טראָגן
און זיך אָפּבינדן פון אייגן און נאָנט.
און באַגעגענען די ליידיקע וואָגנס
וואָס פאָרן צו אַ טויטן האָריזאָנט.

און געבויגענער, שאָטנדיקער, קלענער,
זאָל איך ווערן דורך די טעג, דורך די נעכט.
אינעם דמיון דער קריי פון העגער
וואָס איך האָב ביי אַ שטוב ווען געהערט.

און אַ רוף פון מאַמעס ביי די טירן
צו די קינדער אויף אַ לעבעדיקער גאַס.

און זיך־לעשנדיקע בלוטיקע קאָלירן
פון סוף זומער אונטער כמורנעם אַש.

אַט די שטאַרבנדיקע וועלט וועט זיך טוליען
צו מיין איינפאַלנדיק האָרץ מיט געוויין.
און כ׳וועל זען קאַלטע, ליידיקע שולן
און שאָטנס קומען אַהין צוגיין,

און זיי שטעלן זיך אויס ביי די שטענדערס
און וויגן זיך אָפּ אַ פּאָר שעה.
זאָגן קדיש נאָך אַ ליכטיקער לעגענדע
וואָס איז שוין אויף דער וועלט נישטאָ.

און די וואָר וואָס נאָך איר איז געבליבן
פינצטערניש גרוי אויף די טויט־פייכטע ווענט.
קרומע צייכנס אויף די שויבן פאַרשריבן
מיט די שטעקלדיקע פינגער פון די הענט.

נאָר אַ הונט אַן אָלטער, צעפּאַטלט
דרייט זיך אום אין די גאַסן אַליין.
און די גאַסן שטייען ליידיק און בטל
ווי מצבות נאָך זיך אַליין.

יידיש אין ניו־יאָרק

מיט אונדז האָלט עס אַזוי דאָ, ברידער,
מיר זינגען אפשר די לעצטע לידער.
מיר פּראָווען כישוף, מיר צויבערן חידוש
מיט אונדזער שיינער שפּחהלע יידיש.

זי ווערט פון טאָג צו טאָג אַלץ שענער,
און איידעלער, און דינער, קלענער.
אַ פּריצהלע, אַ פּרינצעסן, ממש,
אין איר אָרעם פּאַלאַצל אין די דלד אמות.

מיר נעמען זי איבער ניו־יאָרק שפּאַצירן,
זיך אָנשפּיגלען אין בראָדווייער קאָלירן —
די נאַכט איז אַ ווילדע פייערדיקע פּאַווע,
לייב און פּאַרפום און שיכורע קאַווע.

און די שמועסן וואָס מיר טוען מיט איר דאָ פירן
וועגן אַן אַלטער וועלט, אָרעמעלייט אויף טירן,
אליהו הנביא און קינדערשער גלויבן
צלמים זינגען אין זון און זילבערנע טויבן.

זי טוליעט זיך ציטערדיק אין אונדזער אָרעם:
געדענקסטו דאָס בית־עולמל מיט די פרומע קברים?
אויפן בערגל אַרויף דעם צדיקס שטיבל?
אַלע ווענט מיט תהילים־פּסוקים פֿאַרשריבן —

פֿאַרקריצט מיט שוואַרצן טינט מיט פּראָסטן
און אַרום און אַרום דערוואַרעמט מיט גראָזן,
און אויך אויפן שוואַרצן דעכל פונאויבן
קומען צופליען מוטערפּערלדיקע טויבן,

און שפּילן זיך אָפּט, און פליען אַרומעט,
אַזאַ מילדע שלווה, אַזאַ גוטער אומעט.
מיר פלעגן אַמאָל דאָרטן געלבלימלעך קלייבן, —
מען דאַרף דאָס לזכר עולם פֿאַרשרייבן.

איטלעך קליינינקייט איז כדאי צו פֿאַרהיטן.
דער ים האָט ווי אַ מעסער אונדז אָפּגעשניטן,
און שיפן ווילן אונדז צוריק נישט ברענגען
טאָ לאָמיר אַ קליין ביסל קליינינקייט געדענקען.

געדענקען, געדענקען ביז צו ערב שטאַרבן
די דינע אוזאָרן מיט פֿאַרכישופטע פֿאַרבן,
פֿאַרדרימלטע רויטן, פֿאַרהימלטע ווייטן
און פרידלעכער יונגוואַלד פון בײַדע זייטן.

אַזוי גייען מיר אַרונטער אין אַ הינטערגעגנט,
בראָדווייִ האָט איר פּייערליכט שוין אָפּגערעגנט.
אין אַ קליין רעסטאָראַנדל, געסלדיק־פֿאַרגעסן
מיין יידיש, מיין שפּחהלע, מיין שפּרהלע, פּרינצעסין.

אַ גלעזל אַלטווייַן און אַ ביטערלעך קיכל,
אַ שיקסע מיט אַן אוקריייניש בלימענדיק טיכל
דערלאַנגט צום טיש און שמייכלט באַקענטלעך,
אוקריינישע אוזאָרן אויף די טונקעלע ווענטלעך.

דו ביסט דאָ געווען . . .

דו ביסט דאָ געווען,
און דו האָסט דאָ פאַרקריצט
אויף די טאָוולען פון די וואָכיקע טעג
דיינע יום־טובדיקע ווערטער.
איצט קומען מיר אַלע אין דער שעה
פון געהויקערטן אַנגסט
און טרינקען מיט דורשטיקע אויגן
דאָס גענאָד פון דיין טרייסטנדיק קול,
און געפינען אַ מינוטיקן זכות
פאַרן טראָט פון אונדזער פוס
נאָך אַרומזיכצושלאָנדערן דאָ.
מיר רופן נישט ליגנער די צייט,
און דער קלאָרער און ליידיקער סך־הכל
פון אונדזער ביז איצטיקן גאַנג
צעשטערט אונדז נישט מערער.
ס'איז שווער און ס'ווערט שווערער,
נאָר מיר קאָנען זיך נאָך שטאַרקן
מיר שטאַרקן זיך נאָך,
אונדזער אומעטיק־שמייכלענדיקער לערער.
מיר האָבן נאָך עפּעס צו טאָן דאָ.
כאָטש אונדזער שטוב, אונדזער וועלט איז צעוואָרפן
און חרוב איז די קרוין פונעם מענטשן,
און מיר שעמען זיך רעדן צו אים
מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ.
שטיבער האַלטן די דעכער אַראָפּ,
ס'איז די שעה פון סוף־גלויבן.
ס'ווערן ענגער די גאַסן פון דער וועלט,
די לייקענונג האָט זיך צעשטעלט
וואו א ווינקל — אויף שמירה.
ווער איז מוטיק זיך דורכשניידן שאַרף
דורכן חושך פון דער אימה.
קום! גיי מיר נאָך, ציטער ניט.
גאָט גייט נישט מיט אונדז, נאָר ציטער ניט.
זע, עס שטייען נאָך די היימישע שטיבער,

קיינער קוקט נישט דורך טיר, ניט דורך פענצטער,
קיין קומען באַוועגט נישט מיט קיין רויכל,
נאָר דאָס זיינען די אַלטע שטיבער.
די שטיבער פון די אַלטע טאַטעס.
אַ שטומע וואַנט איז אויך אַ היימוואַנט,
אַ לאַמטערן אין אַ שכנס הויפל
איז אויכעט אַ חבר, אַ ברודער,
אַפילו מיט אַן אויסגעלאָשענעם חלל.
מיר וועלן די שעה אריבערראַנגלען
און ווידער דאָ בלייבן תושבים.
מיר מוזן דאָ בלייבן, יידן,
אויף דעם צווישן מדינה און מדינה.
מיר מוזן דאָ בלייבן, יידן.
אפשר וועלן מיר דערהערן אַ יידיש יינגעלע לאַכן,
וועלן מיר פונוויטנס נאָכמורמלען: אָמן.
הייליק איז אַ יידיש יינגעלעס לאַכן,
אַ יידיש יינגעלעס לויפן אינדרויסן,
אַ יידיש יינגעלעס נישט מורא־האָבן. —
דאָס מיינט, אַז מיר מעגן שוין אַרויסגיין
פון אונדזערע שוואַרצע תיבהלעך
פון אונדזערע חורבה־שטיבעלעך.
דער פחד פון שד איז שוין אַריבער.
לאָמיר ביי דעם איינציקן ווענטל
וואָס איז פון אונדזער שולכל געבליבן
זיך שטעלן דאַווענען מנחה.
לאָמיר זיך איינטוליען אַלע אינאיינעם
אַ מנינדל קליין־פאָלק ישראל.
אַ יידעלע פון אונדזער וואַרשע
וועט זאָגן קדיש נאָך וואַרשע,
אַ יידעלע פון אונדזער באַרדיטשעוו
וועט זאָגן קדיש נאָך באַרדיטשעוו.
ואני יעקב יצחק מקאָרעץ
וועל זאָגן עטלעכע קאַפּיטלעך תהילים
נאָך דעם אָרעמען מקום קאָרעץ,
וואָס איך בין דאָרטן אויסגעוואַקסן,
און בין פון דאָרט אין צייט אַנטלאָפן
נאָר כ׳וואָלט וועלן צוריק אַהין לויפן

נישט קיין ייִנגל נאָר אַ פֿאַרעלטערטער ייִד,
איינער פֿון צענטויזנט אביונים
וואָס האָט שוין אָנגעהויבן זאָגן תּהילים,
אייביקן, טרויעריקן תּהילים
ביים אַנטלויפֿן פֿון די פֿינצטערע שאָטנס
וואָס האָבן שוין געהויערט אונטערן בריק,
מיט יאָרן און יאָרן צוריק.

מיין גאָלדן ייִנגל

מיין גאָלדן ייִנגל דו,
מיין יורש,
דו קערסט זיך אָפּ פֿאַרפֿרעמדט
פֿון מיר, פֿון מיינע דורות.
אין דיין קאַלטן קאַמער שטויבט
און פֿינצטערט מיין ירושה.
צינדסט קיינמאָל דאָרט נישט אָן
קיין ליכטל, כאָטש אַ קוק צו טאָן
וואָס מאַכט דאָס איבערבלייב
פֿון מיין געשטאָרבן לעבן,
פֿון מיין פֿאַרלאָשן לשון.
דו לאָזט מיין הייליק בלאַט
פֿאַרמעקט ווערן אינגאַנצן.
פֿאַרוואָס, פֿאַרוואָס, מיין זון,
פֿאַרוואָס טיילסטו נישט אָפּ
איין שעה פֿון דיינע וואָכן,
און גייסט אַראָפּ די טרעפּ
פֿון דיין פֿאַרהאַקטן קעלער,
און אויפֿן פֿענצטערל־שוועל,
לעבן קאַלט־פֿאַרשטויבטן שייבל,
אינם נידעריקן לייכטער־רער
צינד אָן אַ גראָליך קנויטל,
און קוק, און קוק, און זע —
ס׳טיילט זיך אַרויס מיין טישל,
אויפֿן טישל ליגט מיין בוך,
דריי אָנגעהויבענע שורות,

מיינע לעצטע, שטילסטע ווערטער.
מיינע ערשטע שורות ווידוי.
און ביי דער לינקער זייט,
אויף אַ טאָוול טונקל-גרין
איז אַרויפגעקלעפּט דיין אָפּבילד.
דו ביסט דאָרטן, מיין ייִנגל,
מיט אַ קינדערש לאַכנדיק פּנים,
מיט אָפענע, העלע אויגן
ווי אַלע גוטע ייִנגלעך.
און לעבן דעם טיש — מיין שטול,
מיין נידעריקער, האַרטער שטול.
דו ביסט דאָרטן, מיין ייִנגל,
בעט דיין גוטער, שיינער מחשבה,
און זי וועט מיך צוריק אַהער ברענגען.
כ׳וועל אַרויסגיין פון פינצטערן ווינקל
אין מיינע ווייכע יום־טובדיקע קליידער,
אין מיינע ווייסע זילבערנע ברילן
און וועל צו דעם טיש זיך זעצן
און צושטעלן נאָך אַ פּאָר שורות.
דו וועסט מיך איבערלאָזן, ייִנגל,
אויף אַ קורצער ווײַלע, מיין ייִנגל,
און דאָס שטויביקע שייבל וועט אָפּגיין
וועט ווערן בלוי און ליכטיק.
און די ווינקלען פון קעלער וועלן אָפּגיין,
וועלן ווערן ווייס און ציכטיק.
כ׳וועל פון אָרט זיך אויפהייבן, זיך אויפשטעלן,
זיך איינהערן,
און הערן אַרום זיך — לעבן!
פון יענער זייט איינזאַמע שטיינווענט
ליכטיקן מיינע וואַרעמע חדרים,
באַלד וועסט מיך קומען רופן,
מיין יורש, מיין גאָלדן ייִנגל.

כ׳דריי אַריין דאָס ווייסע קנויטל,
לייען איבער די צוויי קליינע שורות
און נעם איבער זיי זיך וויגן.
ווערט ווידער פאַרשטויבט דאָס שייבל,

ווערן טונקעלער אַלע פיר ווינקלען,
און וואו איז די טיר? דער אַרויסגאַנג?
דער וועג צו דיר, טייער יינגל?
און כ'גיי אַ געבויגענער, טונקעלער,
אַוועק אינעם פינצטערן ווינקל.

אַ הספד

דער חשובסטער פון אונדזער ישוב איז געשטאָרבן.
מיט וואָס איז ער חשוב געווען?
געווען פון אונדז אַלע דער שטילסטער אין קול,
דער קלענסטער אין וואוקס,
און דער בלייכסטער.

בײַ אונדז זײַנען אַלע ברייטפּלייציק,
הויכאַקסלדיק,
גרויסמויליק,
לאַנגאויעריק
און קנאַפּ־טרויעריק.

אַזוי האָבן מיר אויך אונדזער גרויסשטאָט געבויט,
אַזוי אויך דעם טורעם אינמיטן, —
ברייטפּלייציק,
לאַנגאויעריק
קנאַפּ־טרויעריק.

אַזוי אונדזער מאַרק —
מיט אַ פּיסק פון אַ פּיקהאָליץ.
קלאַפּט מיטן בײַנערנעם שפּיץ
איבערן קאָפּ פונם טאָג,
צעפּיקט אים,
צעפּליקט אים
און וואַרפט אים אַוועק צום פאַרנאַכט
אַ פאַרברודיקטן פּגר.

און ער,
אונדזער חשובסטער,

אונדזער שטילסטער, —
אַ נעכטיקער ברויט
אים גענוג אויף אַ גאַנצוואָך.
מיר האָבן אים ליב־געהאַט.

עס איז וואונדערלעך נאָר צו באַטראַכטן
ווי ווייניק ער עסט,
און נאָך ווינציקער שלאָפט ער.
און אונדזערע קליגערע
פלעגן פאַרנאַכט אויפן מאַרקפּלאַץ דערציילן
אַז ער קאָן זיבן שפּראַכן אויף אויסנווייניק,
און זיבעציק ספרים אויף אינעווייניק.
און איינס פון די גרעסטע וואונדער:
ער האָט אַזאַ שכלדיק שטעגל געפונען
וואָס פירט פון איין שפּראַך צו דער צווייטער אַריבער.

פון איין שפּראַך צו דער צווייטער
ליגן זיבעציק אָפּגרונטן
זיבעציק וואַסערן־ימען
און פייערן־תהומען.
נו, פירט ער זיי אַלע אַריבער
ביזקל אַרונטער צום לשון פון מוילוואָרף...
ביזקל אַרויף צו דעם לשון פון פויגל,
צום לשון פון צווייגל.

און וואונדערלעך זיינען געווען זיינע דרשות.
ער האָט אונדז געשטראָפט און געמוסרט
און — מיר האָבן אים ליב־געהאַט.
ער האָט אונדז געהייסן נישט פאַררייסן די אַקסל
און מיר האָבן אַ רגע די אַקסל אַרונטערגעבויגן.
ער האָט אונדז געלערנט נישט־פאַראייזלען די אויערן
און מיר האָבן אַ רגע די אויערן אַרונטערגעלאָזט.

און דעם מאַרק אונדזערן
האָט ער נישט ליב־געהאַט.
און מיר האָבן אים געפרעגט:
אַוואו זאָלן מיר נעמען אַן אַנדער מאַרק, לערער?
מיר ווייסן, דער מאַרק אונדזערער

תמיד אַ גנב, אַ שרייער,
נאָר מיר מוזן אים נאָכטאָן.

„ס'וועט קומען אַן אַנדערער, נאָך מיר",
האָט ער איינמאָל מיט גוטסקייט גערעדט צו אונדז,
„ס'וועט קומען אַן אַנדערער, וועט ער אייך ווייזן
ווי אַזוי אייער מאַרק דאָ צו איינשטעלן.
מסתם נאָך נישט ראוי דאָס וואָרט פון מיין מויל,
איך צו קאָנען אינגאַנצן מיין ווילן באַשיידן.
איך הערט מיינע ווערטער און גלויבט מיר.
איך קוקט מיר מיט אָפענע, ערלעכע אויגן אַנטקעגן
און ווילט מיט מיר גיין,
און ווילט מיט מיר פליען
אַריבער די ליכטיקע ערדן און הימלען
פון וועלכע איך חלום פאַר אייך
מיט מיין ליבשאַפט.
נאָר ביז איך פאַרענדיק מיין זאָגן
פאַרלעשט זיך דער שבת,
שטייט די וואָך מיט די שטיינערנע אַקסל ביים טיר,
ביי איטלעכנס טיר־שוועל — אַ שטריק,
אַ פערד טוט אַ הירזש פון אַ שטאַל,
אַן אייזעלע בלעקערצט,
אַ קעמל קלאַפּט־אָן מיטן האָרב אָן דער וואַנט
און דער מאַרק הייבט־אויף שווער זיינע הילצערנע ברעמען
דער רשע, דער מאַרק".

און איצט איז דער חשובסטער אונדזערער געשטאָרבן.
אויף זיין טיש איז געלעגן זיין לעצטע צוואָה.
מיר האָבן זי אַלע אַזוי ווי אַ תפילה געלייענט
און אַזוי האָט ער געשריבן:

„איך דאַנק אייך און לויב אייך
פאַרן אַלטגעבאַקן ברויטל,
פאַרן אומעטיקן דאַך
צו באַשיצן מיין קאָפּ.
פאַרן לאָזן מיך לעבן
אַ יאָר נאָך אַ יאָר און נאָך אַ יאָר,
פאַרן לאָזן מיך דורכגיין אין אייערע גאַסן,

אַזאַ איינציקער ווי איך
צווישן אייערע שטיינער.
איר אַלע — שטאָלץ, שטאָלץ
און איך — אַזאַ שטילער.
און אַז מיין באָרד איז ווייס־געוואָרן,
האָט איר אויך מיר קיין בייז נישט געטאָן.
און אַז כ'האָב געבויגן צו דר'ערד זיך
פון מידיקער, מידיקער זאָרג,
און גענומען אַ שטעקל אין האַנט
צו דורכגיין דעם אומהיימלעכן טומל פון מאַרק,
האָט איר מיר אויכעט קיין בייז נישט געטאָן.
איך — אַן איינציקער אַזאַ
אונטער אייער אַ סך,
אונטער אייער ברייט און גרויס —
בין אַריין אין אייער וועלט
און בשלום אַרויס".

צו ע. ש.

דיין רחמים רוט אויף מידע שטיבער,
אויף מיד־געזינדן און זיי פאַלן ניט איין.
זיי טרינקען מיט שיכורער פרייד דיין וואַסער
און דאַרפן נישט די פרייד פון ווין.

אויף מאָרגן סטייעט נאָך אַ קרישל
איז — קום אין פרידן, גוטע נאַכט.
דאָס קינד אין וויגל — אַ בלייכער שטערן,
זיין אידל מויל האָט פון שלאָף געלאַכט.

ער זעט אין חלום די וואָר די ווייטע,
נאָר מיר, באַטריבטע אין שווערער זאָרג,
מיר בלאָנדזשען מיד מיט דער מחשבה
נאָר — האַלטן זיך אין גלויבן שטאַרק.

דער צווייפל שמייכלט הינטערן רוקן
און די פאַרצווייפלונג אין שוואַרצן קלייד
גייט דורך פאַרנאַכט לעבן אונדזער פענצטער —
אַ קליין לווי֞הלע פירט דער טויט.

און נאָך אים גייען טאַטע מאַמע,
און אַ זיידעלע ביי דר'ערד די־קליין,
טרעט מיט אַ שווערן, אַלטן שטעקן
און בלייבט אַ ווייל דער לעצטער שטיין.

רוט אָפּ אַ רגע און גייט ווייטער,
דאָס שוואַרצע היטל שווערט אויף זיין קאָפּ.
און ס'ציט די קליינינקע לוויה
צום הינטערגעסל באַרג־אַראָפּ.

דו נעמסט אַוועק מיך פונעם פענצטער,
און עפּעס רעדסטו האַלבע רייד.
און עפּעס ווערט מיר אַזוי אומעטיק —
ווי לאַנג און טונקל ס'איז דיין קלייד.

געשאַנק

אַ ליכט פון זילבערדיקער קלאָרקייט —
אַ קרוין איבער מיין מידן קאָפּ.
אַ ווייסע טויב אַ שטילע וואַרקעט
די עלטער פון איר רו אַראָפּ.

ניט וואויל איז נאָר די מיד־געבויגענע
מיט משאס לייד אויף זיך ווי שטיין.
די בלינדקייט קריכט זיי אין די אויגן,
פאַרשטופּט זיי אין דער עלטער קליין.

און אויסגעדראָשן פון די יאָרן
ווי ליידיק שטרוי אין קאַלטן פעלד.
און אַז דו שיקסט אַ טאָג אַ קלאָרן
צום פענצטערל פון זייער געצעלט,

ווערן זיי אויכעט ביי־געבוירן,
עס קלאָרן זיך זייערע אויגן אויס.
די זיבן שווערע הויקערס יאָרן
טרעטן פון זייער רשות אַרויס.

אַ לעצטן שיינעם טאָג באַגעגנט
אין שפּעט פון שווערן גרויען וועג.
און פרידלעך־טרויעריק זיך געזעגנט
ביים שטילן בלויען אָוונט־ברעג.

אין קילן ליכט

איך ווייס באַשטימט: מיין איבעריקייט
שפּרייט דאָ ליידיקע טעג פאַר מיר פאַראויס.
איך קום נאָך עסן מיין שטיקל ברויט,
קום נאָר איבערנעכטיקן אין מיין הויז.

און אַזוי גיי איך יעדן אינדערפרי אַרויס
אין דער וועלט אַריין: ניט מיין הימל, ניט מיין ערד.
כ'זע: קינדער בליען דאָ, ווערן גרויס
כ'הער: ערגעץ ראַנגלט זיך מענטש מיטן שווערד.

פונדאַנען פליען אָפּ עראָפּלאַנען פול
און קומען ליידיקע אַהער צוריק.
אין פאַררויכערטן שטיין שטייט אַ יידישע שול
אונטערן פלאַטערט־אַדלערדיקן וויליאַמסבורג בריק.

אַ משונהדיק שטיק וועלט און איך — אין איר.
עפּעס אַ גראָע שטריק בינדט מיך דאָ צו
צו אַ גאַס, צו אַ הויף, צו אַ בלינדער טיר,
צו אַ צעשטויבטן טאָג, צו אַ טויבער רו.

און דאָס וואָס איך האָב מיט זיך מיטגעבראַכט
אַזאַ אידל געשאַנק — בלויז צו קוקן דערויף,
אַזוי ווי אויפן מערב־ליכט אין הימל פאַרנאַכט
דער גינגאָלדענער בריק, וואו דער טאָג אַנטלויפט.

פון אונדזער שוואַרצער שעה

דעם משניות גיב אַ לערנערל,
אַ לערנערל אַ וואוילן.
כאָטש אַ קליין פּרקל אַ טאָג
פאַר אונדזער גאַנץ קרוין־פּוילן.

פאַר לעצטע קינדער ביי דער וואַנט
אין הונגעריקן געטאָ.
און פאַרן לעצטן ליד אין זאַמד —
דריי יידישע פּאָעטן

מיט שטעקלעך האָבן זיי געקריצט:
אל, אל מלא רחמים.
פה נקבר ר׳ ישראל בעל שם,
פה נקבר רבי נחמן.

פה נקבר שטערן ר׳ ישראל,
ר׳ הלל צייטלין הזקן.
דעם תהילים גיב אַ זאָגערל,
זאָל פאַר זיי תהילים זאָגן.

די פסוקים וואָס איך האָב אָט־דאָ
געמורמלט ביז אַצינדער,
זיינען נישט ראוי סיוויסיי
פאַר דיינע געטאָ־קינדער.

ניט פאַר די אַלטינקע צעשפרייט
אויף טויזנט טויטע וועגן.
מיינע פאַר פסוקים זיינען קוים
פאַר מיין נשמה וועגן.

וואָס דאַרף קיין אויסלייזונג שוין ניט,
נאָר גלאָט אַזוי דריי ווערטער —
נישט פאַלן אין דער וויסטער וועלט
אויף ליידיקן געלעכטער.

וואָס קייכט אַראָפּ פון יעדער וואַנט,
פון יעדער סלופּ־לאַמטערן,
און מאָנט נישט אויף פון אויג פאַר מיר
קיין דריי געזאַלצענע טרערן.

און כ׳קום דאָ יעדן אינדערפרי —
אַ באַק אויף די געמאַרקן,
און פלאָנטער מיט דער לעפישער צונג:
גאָט הייסט, אַז מען זאָל שטאַרק זיין.

ברוך גלאזמאַן

(1945—1893)

די דערציילונג האָט אונדז ברוך
גלאַזמאַן געגעבן עטלעכע טעג פאַר
זיין אַוועקגיין פון אונדז.
כבוד זיין אָנדענק.

רעדאַקציע.

שמור שארית ישראל

א.

— וואַרט, ביבי, אַט נעמט דיך שוין מאַמע האיטא, — און אין מרס. נייטינגיילס שטים האָט זיך געפילט אַן אַ־שיר צערטלעכקייט און מאַמעשע ליבשאַפט. — יע... יע... אוודאי — האָט זי מיט געטריישאַפט געברומט און באַרואיקט דאָס הינטל. — ביסט גערעכט, קינד... נאָך אַ מינוט בלויז...

דאָס רויט־ברוינע כלבל, אַ נידעריקס און אַ לאַנגס, אַ דאַקסהונט, האָט געהאַלטן אין אַרויסלאָזן אַלע ווײַלע אַ מין הייזעריקלעכן הוסטל. ניין, ס'איז נישט געווען חלילה פאַרקילט. אָבער עס איז שוין געווען אַלט, זייער אַלט, אין גאַר טיפן הינטישן עלטער: פערצן יאָר אַלט. שוין אַ יאָר, ווי ער האָט אינגאַנצן אויפגעהערט צו קאָנען בילן. ווען נאָר ער האָט איצט געוואָלט אויסדריקן זיינע הינטישע געפילן, פריינטלעכע אָדער בייזע, האָט ער שוין מער ניט געקאָנט ווי אַרויסצולאָזן אָט דעם נעבעכדיקן הוסטל, — אַ שוואַכער אָפּהילך בלויז פון די אַמאָליקע געזונטע הינטישע טעג.

מיט פיל רחמנות אין קול, אָט טאַקע נאָר ווי עס רעדט אַ מוטער צו איר איינציקן און קראַנקן קינד, פאַרשרויפט מרס. נייטינגייל איר ברייטן מויל אין אַ קליין צערטלענדיק טרייבעלע, און וואָרקעט נאָכאַנאַנד צום הינטל, וואָס וואַרט אויף איר אין קאָרידאָר:

— יע . . . — יע . . . די מינוט, קינד מיינס . . אודאי ביסטו געדעכט . איך גיי שוין...

ס'איז ווינטער. אין דרויסן אַזאַ זעלטנקייט אין ניו־יאָרק: אַ שניי, וואָס ליגט שוין אַ צוויי־דריי טעג אויף די גאַסן, ניט קיין אָפּגעראַמטער. היפּשע ברוין־גרויע אייז־בערגלעך, אייז־שטיקער און אייז־פּלאָמעס — כאָטש בלויז די שפּיצן זייערע זייַנען רויזלעך און דערמאָנען נאָך אַביסל אָן אייז — קלעפּן צום טראָטואַר, צו די גאַסן־ראַנדן, טעג, וואָכן נאָכאַנאַנד. פּיס טאָפּן אומזיכער און אָן צוטרוי ספּאַטיקען זיך אַלע ווילע, גליטשן זיך אויס. אָבער — „ווייסט איר דען נישט אַז ס'גייט איצט אָן אַ גרויסע מלחמה אויף דער וועלט?"...

„בייבי" טראָגט איצט אַ וואַרים מאַנטעלע אויף זיך. עטלעכע מאָל דורכן טאָג נעמט אים מרס. נייטינגייל אַרויס אויף אַ שפּאַציר. אָדער — נעמט עס גאָר דאָס הינטל די אַרויס אויף אַ שפּאַציר?... זי איז דאָך כמעט איינע אַליין אויף דער גאַנצער וועלט. זי און דאָס הינטל — די גאַנצע משפּחה. די צוויי קוואַרטיראַנטן, וואָס ביידע צוזאַמען דעקן זיי כמעט איבער־גאַנצן דאָס חודשלעכע דירה־געלט אירס — וועגן זיי רעדט מען דאָך ניט. די צוויי קוואַרטיראַנטן האָבן געהייסן: מר. ניווין און מר. קיירא. אויף אידיש: נאַווין און קאַרא.

נאַווינען, דעם יונגערן און לעצטערן פון אַט די צוויי קוואַרטיראַנטן, פלעגן אַט די דאַזיקע, אַזוי צערטלעכע און אַזוי מוטערלעכע שמוסערייען מיטן הונט צוערשט זיין היפּש דערווידער, פּריקרע, פּאַרקומען אַפילו נישט־נאָרמאַל. אָבער — ער האָט זיך צו זיי צוגעוואוינט. סיי־ווי: אים אַליין פלעגט זיי אויסקומען צו הערן זעלטן, אפשר אינגאַנצן בלויז אַ צוויי מאָל דורכן טאָג. ער האָט געאַרבעט ביי „דעפּענס" — אויף אַ נאַכט־משמורה אין אַ ברוקלינער שיפּבוי־האַפן, די אַרבעטס־שטונדן זיינע — פון זעקס אָוונט ביז צוויי באַנאַכט. איז אַהיים געכטיקן פלעגט ער קומען ערשט פיר אַזייגער פאַרטאָג, שלאָפן ביז האַלבן טאָג און שפּעטער, און אויך נאָכמיטאָק אין שטוב ווייניק פאַרבלייבן.

אַ פּעסט־לייביקער, אַ פול קיילעכדיק פּנים, געדיכטע זיך־קרייזלנדיקע כאָטש שוין דורכאויס־גרויע האָר, אַ געזונטע רויטקייט אין די באַקן, נאָך אַלץ אַפילו מיט חן־גריבעלעך — אַ שיינער געזונטער מאַנספּאַרשוין, ניט געקוקט אויף זיינע שוין העכער פופציק יאָר. אָבער אַן אומחן האָט אַט דער נאַווין עפּעס געוואָרפן די לעצטע פּאָר יאָר אויף מענטשן — ניט אויף ווע־מען־עס־איז באַזונדער, נאָר אויף מענטשן בכלל. ער האָט זיך מיט גאָר ווייניקע פון זיי געוואָלט טרעפן, און מיט נאָך ווייניקערע פון זיי פירן מחזקות, פּראָווען פריינטשאַפט. ער איז קאַנטיק בעסער צופרידן געווען

צו טאָן די אַלערליי ניט־קוואַליפיצירטע און שווערע אַרבעטן אין ניו־יאָרק, אַבי קאָנען זיין אַליין מיט זיך, מיט זיינע מחשבות, — מיט דעם וואָס מען רופט אַזוי שיין־געפליגלט אָן: „איבערלעבונגען״.

בלית־ברירה געהאַט איבערגעלאָזן הינטער זיך אין דער פּוילישער פּראָווינץ־שטאָט אַ פרוי, צוויי אונטערוואַקסנדיקע טעכטערלעך („אונטער־וואַקסנדיקע — פאַר וועמען?״...). די לויערנדיקע געפאַרן פונעם לאַנגן אומזיכערן וואַנדערוועג פון פּוילן קיין אַמעריקע זיינען געווען צו־פיל, די דערוואַרטע שוועריקייטן און שטרויכלונגען צו־גרויס, און די משפחה האָט מסכים געווען אַז דער געזונטער און שטאַרקער פאָטער זאָל צוערשט זיך אַליין אַרויסראַטעווען, און שפּעטער זען שוין אַרויסראַטעווען פון מלחמה־גיהנום אויך פרוי־און־קינד.

אַכט־ניין חדשים האָט זיך נאַווין געשלעפּט אין וועג, ביז סוף 1940 איז ער ענדלעך אָנגעקומען קיין אַמעריקע. צו־פוס, מיט פויערשער פור, מיט לאָדקעס איבער טייכן, מיט דער באַן, מיט אַקעאַנישן אַקרענט. געגנבעט גרעניצן, געבראָדזשעט דורך טייכלעך — דורך די נעכט. זיך אויסבאַהאַלטן אין שייערן און אין וועלדער, — דורך לאַנגע, לאַנגע טעג, געפעלשט פּאַס־פּאַרטן, געביטן אַ פאַר מאָל דעם נאָמען — דורך ברענענדיקע גרעניץ־געביטן, דורכן מלחמה־צוהאַקטן און־ צעפערטלטן פּוילן, דורך פאַראייניאַמטן ליטע, דורך דער צעוואָרפענער גרויס פונעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, דורך די ווייטע פרידלעכע און האַלב־לעגענדאַרישע סיביר און יאַפּאַן — ביז אָנגעקומען קיין סאַן־פראַנציסקאָ, צו די מערבדיקע גויִשע טויערן פון אַמעריקע. פון דאָרטן צו דערגרייכן די מזרחדיקע יידישע טויערן פונעם לאַנד — קיין ניו־יאָרק — איז פאַר אַ געניטן וואַגל־מאַן און שיר ניט דור־דורותדיקן זיך־דורכשמוגלער שוין געווען אַ שפּילעכל.

אָבער וועגן אָט דער לאַנגער, פּאַסירונג־פולער און נסיונות־פולער אָדיסייע האָט נאַווין אינגאַנצן ניט ליב געהאַט צו ריידן. צי דערפאַר וואָס ווערטער וואָלטן סיי־ווי־סיי וויניק דערפון געקאָנט איבערגעבן; אָדער דערפאַר וואָס סע איז אים פיל ליבער געווען אויפצוהיטן אָט די אַלע אויס־טערלישע און שאַרפע איבערלעבונגען אין זיך, ווי עפּעס אַ זעלטזאַמען בי־טער־טייערן אוצר, איידער אויסטוישן זיי אויפן וואָכעדיקן קליינגעלט פון האַלב־באַרימערישע און האַלב־איבערנעמערישע „שמועסן״ במסבת רעים; אָדער גאָר פּראָסט־פּשוט מחמת דעם וואָס ער האָט זיך משער געווען אַז אַלע זיינע נסיונות און יסורים זיינען דאָך אַלץ געוויס קיין ציבעלע ניט ווערט אין פאַרגלייך מיט דעם וואָס זיין איבערגעלאָזטע משפחה האָט פאַר אָט דער צייט געהאַט דאָרטן אויסצושטיין, — אַזוי צי אַזוי:

די באַקאַנטע זיינע און פריינט אין און אַרום די ניי־פאַרמירטע פּליטים־קרייזן דאָ אין לאַנד, פון וועלכע יעדערער האָט דאָך אויך געהאַט עפּעס

איינגס צו דערציילן, האָבן ביי אים בשום אופן ניט געקאָנט פועלן ער זאָל כאָטש אַביסל לויזער מאַכן זיין צונג. ניין, און איינמאָל ניין!

האָבן די עטלעכע גוטע פריינט זיינע וועלכע האָבן אים נאָך פון דער היים אַרויס גוט געקענט, — אַ לעבנסלוסטיקן און געזונטן מענטש, אַ זעלטנ־קייט כמעט אין זייערע קרייזן; אַ מענטש וואָס איז געווען אַזוי באַליבט ביי אַלעמען שוין אַליין פאַר זיין ממש־אַנשטעקנדיקן הויכן און געזונטן געלעכ־טער מיט וועלכן ער פלעגט אַרויספלאַצן ביי יעדער געלעגנהייט און ניט־געלעגנהייט — האָבן זיי אַלע געמוזט זיך שוין באַגנוגענען מיטן לערנען עפּעס פון דער איינציקער דורויסנדיקער ענדערונג וואָס איז אויף אים געווען צו זען:

— ער איז פאַר דער צייט אינגאַנצן גרוי געוואָרן.

אָבער ס'איז אין אים געווען צו באַמערקן אויך אַ צווייטע, כאָטש שוין בלויז אַ האַלב־דרויסנדיקע ענדערונג: דער געזונטער און הויכער געלעכטער זיינער פון די אַמאָליקע יאָרן איז עפּעס ווי כירורגיש שפּורלאָז אויסגעשניטן געוואָרן פון אים... און זיין אָרט האָט שוין איצט פאַרנומען בלויז אַ ביי־טערער שמייכלען.

פון אַלע צושטייענישן און פראַגן פאַרוואָס ער האַלט זיך וואָס אַ מאָל אַלץ מער פונדערווייטנס פון אַלעמען, פלעגט ער זיך תמיד אַרויסדרייען מיטן איינציקן אויסרייד: — זיין גאַנצע ענערגיע וויל ער אַוועקגעבן אויף זען אַרויסצוראַטעווען אַהער אויך זיין פרוי אוןביידע טעכטערלעך. און ביז דאַן — זען אַז עס זאָל דערגרייכן צו זיי אַזויפיל הילף ווי נאָר מעגלעך. מער גאָרנישט אינטערעסירט אים.

„וויפיל נאָר מעגלעך”... אָבער אויב צוערשט איז עס נאָך געווען אַביסל מעגלעך, דורך אַלערליי האַלב־לעגאַלע און אונטערערדישע וועגן, דורך יידישע און אינטערנאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציעס, איז דאָס אינגיכן געוואָרן אינ־גאַנצן אוממעגלעך. אַזוי, אַז פון אַלע אָנשטריינגונגען און אַלע באַמיאוגען אויף אָט דעם געביט, איז נאָוין מיט אַ יאָר שפּעטער שוין פאַרבליבן בלויז ביי דעם:

— ערשטנס, צו זען אויפהאַלטן דאָ דערווייל דעם אייגענעם נפש...

(כאָטש צוליב וואָס דאַרף ער עס, איז אים שוין ניט געווען אַזוי קלאָר. סיידן אפשר צו־ליבן) —

צווייטנס: וועגן זיין משפּחה לעבן דערווייל מיט האָפענונגען — מער טאַקע נישט, ווי סתם מיט האָפענונגען...

און כאָטש פון דער היים אַרויס איז ער, זייט העכער אַ פאַר צענדליק יאָר שוין, געווען גאָר אַ יידיש־העברעאישער לערער, איז ער דאָ אָבער אַוועק אינגאַנצן אויף אַנדערע חיונה־וועגן.

ווען דאָס מאָגערע קצבה־געלט פון די אַלערליי „רעפּיודזשי־סוירוויסעס" האָט זיך שוין געהאַלטן ביים ענדיקן — און עס האָט אים, איבעריקס, שוין לאַנג געהאַט דערעסן אויך — האָט ער געפונען פאַר זיך אַרבעט ביים שיפּ־בוי, אין אַ ברוקלינער נייווי־יאַרד. אַמעריקע איז שוין דעמאָלט אַליין אויך אַריין אין קריג — ניט נאָר מיט איר האָב־און־גוטס, נאָר אויך מיטן לייב־און־לעבן פון אירע זין און טעכטער. און נאַווין האָט שוין, אגב, דעמאָלט אויך געהאַט זיינע „ערשטע בירגערפּאַפּירן".

שווערע און ניט געוואוינטע אַרבעט געווען: שלעפּן און צונויפלייגן פרישע שטאָל־שטאַבעס, שטופּן טאַטשקעס מיט מעטאַל־ברוכוואַרג, צונויפ־לייגן פריש־צושניטענע מעטאַל־בויגנס, וואָס פלעגן אַזוי אָפּט זיך אַריינשניידן מיט זייערע שאַרפע קאַנטן אין זיינע הענט אַזש ביז בלוט, ניט געקוקט אויף די ספּעציעלע שווערע הענטשקעס וואָס ער פלעגט ביי אָט דער אַרבעט טראָגן... היינט די שפּעטנאַכטיקע אַרבעטס־שטונדן ווען וועלכע, ווי נאָך ניט קיין פולער בירגער, ער האָט בשום אופן ניט געקאָנט זיין איבערקלייבעריש. אָבער — ער איז פאַרט געווען איצט צופרידן.

די טעמפּע פיזישע אויסגעמאַטערטקייט, פון וועלכער בלויז אין די ער־שטע פּאָר חדשים פלעגן אים אַזוי פיינלעך ציען און האַלב פאַרחלשט ווערן די מוסקולן פון די אָרעמס, ברעכן די שולטער־ביינער און שטעכן אין די קריזשעס, — האָט אים דערפאַר אין אַ היפּשער מאָס צוריקגעקערט זיין אַמאָליקן שלאָף, איבער וועלכן מחשבות און זאָרגן אַלערליי פלעגן אין דער לעצטער צייט האָבן אַזאַ גוואַלדיקע שליטה. זי האָט אים אויך געגעבן אַ גע־וויסע אינערלעכע באַרואיקטקייט. און אפשר הויפּטזעכלעך טאָקע צוליב אָט די אומגעוויינטלעכע אַרבעטס־שטונדן. נאָר ביסלעכווייז האָט ער זיך שוין אינ־גאַנצן דערווייטערט פון זיינע פריערדיקע קרייזן און פריינט. און אויך דאָס, ווי מאָדנע דאָס זאָל ניט קלינגען, האָט אים היפּש געהאָלפן צו קאָנען אַרי־בערטראָגן אַ סך, אַ סך זאַכן.

ב.

מרס. נייטינגייל איז שוין פון יאָרן געווען אַן אַלמנה. אַ האַלבע יידיש־קע — ניין, בלויז אַ פערטל־יידישקע. איר מוטער איז געווען אַ גאַנצע קריסטן, און אויך איר פאָטער האָט געהאַט אַ קריסטלעכע מוטער. אָבער מרס. נייטיגייל האָט דאָך געהאַט יידישן יחוס: דער זיידע אירער, פון פאָ־טערס צד, איז געווען איינער פון די ערשטע ריזיקאַנטישע יידישע אימיגראַנטן וואָס זיינען אַהער אין לאַנד אַריבערגעקומען פון „ראַשע".

פון די גאָר ערשטע רוסיש־יידישע הויזירער אין לאַנד, פלעגט ער אַרומ־פּעדלען שוין די ערשטע יאָרן ניט אין ניו־יאָרק גופא, נאָר צווישן די וואַלדיקע ווילדערנישן פון לאָנג־איילענד. דעמאָלט, אין די זעכציקער־זיבעציקער יאָרן

פונעם פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט, איז דאָרטן נאָך געווען האַלב־וויסטעניש. איינציקע צוואָרפענע פישער־דערפלעך — ביי די אינווייניקסטע ברעגן פונעם גרויסן און לאַנגן אויסגוס; שיטער־צעשפרייטע קליינע סעטלער־ישובים און פאַרמס — אין די אינווייניקסטע יבשהדיקע טיילן פונעם היפשן אינדזל פונעם צפון־אַמעריקאַנישן קאָנטינענט, באַשיצנדיק פון די שטורעמס פונעם בושעווענדיקן אָפענעם אָקעאַן די פרידלעכע ברעגן פון די שטאַטן קאָנעקטיקוט און ניו־יאָרק.

אין זיינע וואַנדערונגען פון אַ הויזירער אויף אָט יענעם אינדזל, אין אָט יענע זוניקע טעג פון דער אויפוואַכנדיקער אַמעריקע גלייך נאָכן גרויסן ביר־גער־קריג, האָט ער עס זיך אָפּנים געהאַט באַקאַנט און חתונה געהאַט מיט אַ טאָכטער פון לאַנד, מיט אַ „כנעניש־ער" טאָכטער — און האָט זיך צום סוף אַריינגעקליבן אינעם זיכערן געצעלט פון אירע עלטערן. דאָרטן האָט ער געהאַט קינדער און קינדסקינדער. די קינדער זיינע האָבן חתונה געהאַט מיט די אַרומיקע קינדער פון לאַנד. איינס פון אָט די „קינדס־קינדער" איז טאַקע געווען מרס. נייטינגייל — דעם „רוסישן" הויזירערס פון אַדעס אַן אייניקל. זי אויך איז טאַקע געבוירן געוואָרן אין יענעם קליין־שטעטל פון לאָנג־איילענד. און שפּעטער, ווען עס איז געקומען איר צייט, האָט זי אויך דאָרטן חתונה גע־האַט און ווידער שוין מיט אַ גאַנצן קריסט.

נאַווין, מיט אַ האַלבן אויער זיך צוהערנדיק אַמאָל אין אַ זונטיק צו דער באַלעבאָסטעס געשיכטעס, האַלב־מיד פון דער אַרבעטס־וואָך און זשמורענדיק בשעת־מעשה זיינע אויגן — אויגן וואָס האָבן גיכער געזען, און נאָך מער געוואָלט זען, זאַכן נאָענטע כאָטש זיי טוען זיך איצט אָפּ טויזנטער מיילן פון דאַנען, איידער זאַכן גלייכגילטיק־וייטע, כאָטש זיי טוען זיך אָפּילו אָפּ אים סאַמע אונטער דער נאָז — אָט דעם נאַווינען איז פון דעסטוועגן איינמאָל גלאַט אַזוי זיך אַיינגעפאַלן:

— איז ניט אָפּטמאָל איר עכט־אַמעריקאַנישער פאַמיליען־נאָמען בלויז ענגלישער תרגום־לשון פאַרן פשוטן יידישן נאָמען „„סאָלאָוויי"?... איז דאָס לעצטע אפשר גאָר געווען איר פאָטערס אמתער נאָמען — דער „סאָלאָוויי", וואָס האָט דער ערשטער אָנגעהויבן זינגען דאָס ליד פון אָט דער געמישטער משפחה?

אָבער גיין זיך פאַנאַנדערפרעגן ביי איר וועגן אָט דעם אַלעמען האָט ער זיך אָפּגעהאַלטן. וואָס־וואָס, אין איין פּרט איז מרס. נייטינגייל געוויס גע־ווען דורכאויס „גויאיש", דורכאויס אַנגלאָזאַקסיש. דעם קוואַרטיראַנט אירן האָט זי זעלטן דאַקוטשעט מיט צופיל פאַמיליאַריטעט, האָט קיינמאָל ניט געפּרואווט אַריינקריכן אין די חדרי־חדרים פון זיינע איבערגעלאָזטע „יר־ראַפּשע" יאָרן. אפשר דערפאַר גאָר וואָס ער פלעגט סיווי אַזעלכע פּרוּוון

זייער אַנטשידן אַנטמוטיקן ?... אָבער סיווי: אים איז עס זייער געפעלן געוואָרן, און ער האָט איר מיטן זעלביקן צוריקגעצאָלט.

אויב זי האָט וועגן איר אייגענעם לעבן יאָ אַביסל מער גערעדט, האָט זיך עס אפשר געבומען דערפון וואָס זי האָט דאָך געזען אַז באַווינען קומט אָן שווער צו ריידן ענגליש, חוץ די באַשטימטע טאָג־טעגלעכע שטוב־פראַזן, און אַז צוליב עפּעס אַזאַ טעם — אפשר „פעמיליע־טראָבל" ? — איז ער בכלל אָן אומעטיקלעך־איינגעשלאָסענער מענטש. כאָטש געוויס איז עס גאָר קיין פאַרגלייך ניט געווען צו איר אייגענער איינזאַמקייט... פאָרט ניט קיין פאַרגלייך צו אַ מאַנספּאַרשוין!

קיין קינד, קיין רינד — חוץ דעם הונט. און אוודאי — קיין מאַן. דער מאַן אירער איז געהאַט געשטאָרבן מיט אייניקע יאָר צוריק. געשטאָרבן פלוצלונג, פון אַ האַרץ־אַטאַקע. אַ יונגער מענטש נאָך, אין די פריע פערציקער. זי איז געהאַט געווען אַזוי צוגעוואוינט צו אים, פונקט ווי צום הילצערנעם ירושה־הייזל אינעם לאָנג־איילענדער שטעטל אין וועלכן זיי האָבן זינט זייער חתונה געוואוינט — ליטל נעק, אָדער גרייט נעק. באַווין האָט דעם ריכטיקן נאָמען בשום אופן ניט געקאָנט פאַרגעדיינקען — אַז אויך נאָך זיין טויט האָט זי בשום אופן ניט געוואָלט זיך פון דאָרטן אַרויסקלייבן. סע איז איר געווען, אַ שטייגער, ווי נעמען אַרויסצוקלייבן זיך פונעם לעבן אינעם טויט אַרייַן — נאָך ביים אייגענעם לעבן...

פאַרקערט. נאָך איר מאַנס פלוצלונגדיקן טויט האָט זי כמעט אינגאַנצן אויפגעהערט צו פאַרלאָזן איר שטיבל. זי פלעגט דאָרטן זיצן די גאַנצע צייט אַליין, אַפילו אין די אָוונטן. סיידען — ווען זי פלעגט דאַרפן אַרויספירן דעם הונט אויף אַ שפּאַציר. אויך דער הונט האָט אָנגעהויבן קריגן דער באַלעבאָסטעס בייע טבע — געוואָרן אויס אַרומלויפער, אָנגעהויבן אומעטיק קוקן דער באַלעבאָסטע אין די אומעטיקע אויגן אַרייַן. און זי האָט זיך אויפגעפירט אַזוי, פונקט ווי דער פאַרשטאָרבענער מאַן וואָלט נאָך אַלץ דאָ געווען מיט איר אין שטוב — און טאָקע ניט וואָס מען רופט אומבאַהאָלפן אָן „אין גייסט", נאָר בפועל־ממש, אין גוף — מער ניט, עלעהיי ער איז אויף אַ ווײַלע ערגעץ אַרויס און דאַרף באַלד צוריקקומען, — אָט־אָט, יעדע מינוט...

זי האָט אַכטונג געגעבן אויף דער שטוב, פונקט ווי געוויינלעך, געמאַכט די געלעגערס צום שלאָפן־גיין און אינדערפרי פאַרבעט ביידע בעטן, פונקט ווי פריער. אויך עסן פלעגט זי צוגרייטן און סערווירן פאַר צוויי — דעם מאַנס פאַרציע פלעגט שוין שפּעטער קריגן דער הונט; די איינציקע לעבעדיקע באַשעפעניש איצט אין שטוב חוץ איר. פאַר יעדן מאָלצייט פלעגט זי דורכן פענצטער רופן דעם מאַן, ער זאָל שוין אויפהערן באַלעמוטשן אין דרויסן, אין גערטנדל אָדער ביים ברעג אויסגוס, און זאָל שוין גיכער אַרייַנקומען אין שטוב, ווייל דאָס עסן ווערט דאָך קאַלט... „בייבי" פלעגט דע־

מאָלט אָנהויבן שטאַרק וואָיען, ווי פון זיין זייט אויפפאָדערנדיק דעם באַלע־באָס׳ גייסט, אָדער גאָר ווי באַגריסנדיק דעם זיך־דערנעענטערנדיקן קערפּער פון דעם באַליבטן מענטשן... ס׳איז געווען ווי דער טויט וואָלט דאָ איצט אַרומגעגאַנגען אין שטוב — לעבעדיקערהייט.

בשעת אַ קראַנקייט איז קיינער ניט געווען ווער עס זאָל דאָ אויף איר אַכטונג טאָן, חוצן הונט. אָבער וואָס האָט דען אַ שטומע צונג געקאָנט טאָן, חוץ לאַשצשען זיך, פּאַרקוקן טריי מיט זיינע מוטנע־פייכטע אויגן אין אירע אויגן אַריין, ווען ס׳איז בליקן האָבן יעדעס מאָל אַלץ אָפּוועזנדיקער געשטאַרט פאַר זיך, און האָבן ביים הונט אַרויסגערופן נאָך אַן אומעטיקער סקאַוואוטשען און פאַרגיין־זיך? — גוט נאָך וואָס די שכנים האָבן פון איר צושטאַנד גע־וואוסט. צווישן זיי איז שוין פון לאַנג געווען אָפּגעמאַכט: טאָמער ווערט זי קראַנק, זאָל זי לאָזן ברענגען די לאָמפּ אין שטוב, סיי דורך שפּעט־ביינאַכט און סיי בייטאָג, אַ פאַרבייגייענדיקער שכן זאָל באַמערקען דעם דאָזיקן צייכן און זאָל אַריינקומען איר העלפן מיט וואָס ס׳איז מעגלעך.

איר נערוועזער צוזאַמענברוך האָט זיך ענדלעך פאַרשפּיצט אין אַ טראַ־גישער קראַנקייט. שכנים האָבן זי געמוזט מיט גוואַלד אָוועקפירן אין אַ אַנשטאַלט פאַר גייסטיק־קראַנקע, וואָס האָט זיך געפונען טאַקע ניט ווייט פון זייער שטעטל, אַן אַכט־ניין מייל ווייטער, אינעם זעלביקן לאַנג־איילענד. און זי האָט דאָרטן פאַרבראַכט אַ לענגערע צייט.

ווען זי איז ענדלעך געזונט געוואָרן, האָט זי וועגן יענער צייט ניט נאָר מיט פרעמדע ניט געוואָלט ריידן, נאָר מיט זיך אַליין — אויך ניט. ס׳איז געווען ווי אָט יענע צייט — זי האָט אַליין ניט געדענקט וועגן דער לענג און דויער פון יענער צייט — וואָלט פאַר איר געווען אַ צייט פון אַ קורצן טויט, אַ טויט־פעריאָד מיט סאַמע לעבן אויף ביידע זייטן... אַזוי, אַפּנים, וואָלט עס אויך געווען ווען געוויינלעכע מענטשן וואָלטן אויפגעשטאַנען תחית־המתים נאָך לאַנגע, לאַנגע דורות פון האָבן געווען איינגאַנצן טויט; ס׳וואָלט פּשוט ניט געווען פון וואָס צו ריידן און וואָס צו דערציילן — מען וואָלט גאָרניט געדענקט... פון דעסטוועגן: פון אָט יענער צייט פון טויט איז איר פאַרט עפּעס צוגעקומען אינעם איצטיקן לעבן: אַ שנאה צו שליסלען.

ווייל אויב עפּעס אַן אָפּגלאַנץ, אַ דורכלויכט פון אָט יענער לעבעדיק־טויט־טער וועלט פלעגט יאָ אַמאָל, אומגעריכטערהייט און ווי איינגאַנצן אָן שום סיבה, פלוצלונג אַ טאַנץ טאָן קעגן דעם הינטערגרונט פון איר באַוואוסטזיין, איז עס געווען ניט וועלכער ס׳איז עפּיזאָד פון איר אייגן דעמאָלטיקן טויטן לעבן, נאָר — דער קלאַנג פון שליסלען. פון בינטלעך שליסלען.

לאַנגע שטילע קאָרידאָרן מיט רייך־געוועקסטע דילן. אויף זייערע ביידע זייטן — טירן: אַ סך, אַ סך טירן. און אַלע, אַלע געשלאָסענע. זי פלעגט זיי זען דעמאָלט ווען אַ נוירס פלעגט איר דאַרפן פירן פון איין צימער אין

אַ צווייטן אַריין: צום דאָקטערס אָפיס, אין טעוואָפּעטישן צימער, אָדער אין אַלגעמיינעם אַרבעטס־צימער, איינצייטיק אויך אַ לייען־צימער, אין וועלכן טויטע מענטשן פלעגן מאַכן דעם אָנשטעל פון בלעטערן לעבעדיקע זשורנאַלן. איר אייגן צימער — אויך שטענדיק אַ געשלאָסענער. אַפילו די געגראַטעטע פענצטער שטענדיק געשלאָסענע. אַלנפאַלס, געעפנט האָבן זיי זיך משופּעדיק און בלויז אַ קליין ביסל, קיינער פון די פּאַציענטן זאָל דורך זיי חלילה ניט קאָנען אַרויסשפּרינגען. אָן־אַ־שיר ווייסע מלאַכים — מלאכים אין ווייסע כאַלאַטן און ווייסע הויבן — האָבן זיך אין אָט יענער טויטער וועלט אַרומגעדרייט. אָבער אָנשטאָט פליגלען, האָבן זיי אַלע געהאַט קליינ־געגנדיקע בינטלעך שליסלען ביי זייער זייט... צי פון אינווייניק, צי פון דרויסן, צי אַ קראַנקער צי אַ געזונטער, — קיינער האָט ניט געקאָנט אַריין אָדער אַרויס פון דער געביידע — פון אַ צימער, אַ קאָרידאָר, אַ שטאָק — סיידן עפּעס אַ טיר זאָל אויפגעשלאָסן ווערן. אַזוי טעג, נעכט, וואָכן, חדשים נאָכאַנאַנד. וואָכעדיקערהייט, פלעגט זי בלויז אָט דעם קלאַנג פאַרנעמען. טירן. טריט. שליסלען...

מרס. נייטינגייל האָט פון דעמאָלט אָן פיינט געהאַט מען זאָל אין איר דירה פאַרשליסן שאַפעס אָדער טירן. אַפילו דאָס ברוין־מעטאַלענע פאָסט־קעסטעלע אונטן אין פאָיע פון אַפּאַרטמענט־הויז האָט אויך געדאַרפט זיין בלויז צוגעמאַכט, אָבער ניט צוגעשלאָסן. עס פלעגט אַפילו אָנקומען שווער זי איבערצייגן אַז חאָטש די דרויסנדיקע טיר פון זייער אייגענעם קאָרידאָר מוז מען דאָך פאַרשליסן. באַווין, זיך אומקערנדיק פון דער אַרבעט פיר אַזייגער ביינאַכט, פלעגט ניט זעלטן טאַקע טרעפן די קאָרידאָר־טיר פון זייער אַפּאַרטמענט בלויז צוגעלעגט. איידער נאָך ער האָט באַוויזן אַריינצור־פּאַסן דעם שליסל אינעם שליסל־לאָך, פלעגט זיך שוין די טיר אַליין עפענען פון בלויזן באַריר זיינעם...

אים אַליין פלעגט עס אַפילו קנאַפּ אַרן. אָבער ניט אַזוי דעם צווייטן קוואַרטיראַנט. יענער פלעגט מיט דער מרס. נייטינגייל מחמת דעם האָבן פיל קריגערייען און איבעררייידעניש. מר. הערדי קייראָ, אָדער יצחק־הערש קאַראָ איז געווען פון גאָר גרויסן יחוס, אַן אָפּשטאַם פון יוסף קאָראָ, דעם „בית יוסף". אַ מאַן צווישן 75 און אַכציק, האָט אָט דער מר. קייראָ נאַווינען אויס־געזען צו זיין זייער אַ דזשיוונער פּאַרשוין. חוץ זיין גרויסן פּאַרצייטישן יחוס האָט ער אויך באַזעסן אַן אויסערגעוויינלעך־שטאַרק אַנטוויקלט געפיל פאַר געלט, פאַר פאַרמעגן. און יענער האָט זיך שוין גאַרניט געקאָנט פאַרשטעלן אַ לעבן אָן שליסלען!

נאָך מרס. נייטינגיילס קראַנקהייט האָבן די דאָקטוירים איר שטריינג גע־האָט באַפוילן זיך אַרויסצוקלייבן פון איר הילצערנעם ירושה־הייזל. ס'איז אָבער אַ פרעמדן מענטשן געווען עס גרינג צו זאָגן... שיר ניט אַ לעבן אַ

גאַנצן דאָרטן אָפּגעוואוינט, ביזן עלטער פון פערציק יאָר! אָבער די פּסיכי־אַטרישע דאָקטוירים זיינען געווען שטריינג: אויב זי וויל ניט נאָכאַמאָל קראַנק ווערן דאַרף זי אָנהויבן זען מענטשן, אויפהערן צו „לעבן" מיטן טויטן מאַן אירן — דאָס לעבן קאָן געהיילט ווערן בלויז מיט לעבן... און עס איז אויך געווען נאָך איינער, אַ רייך־צופעליקער אומשטאַנד, וואָס האָט דאָ מכריע געווען זי זאָל אָננעמען די עצה פון די דאָקטוירים.

אין אַ קלאָרן טאָג האָט מען פון איר הייזל אַרויס דייטלעך געקאָנט זען די פּילע ברוינע געביידעס פון אָט יענער אַנשטאַלט אין וועלכן זי האָט געהאַט פאַרבראַכט אַזויפיל חדשים און חדשים. ס'איז אייגנטלעך גאָרניט גע־ווען אַזוי נאָענט פון דאַנען. מיט דער לאַנג־איילענד באַן־ליניע האָט מען געדאַרפט צופאָרן אַהין נאָך צוויי קליינע סטאַנציעס פון זייער שטעטל. אָבער די זיך־רויכערנדיקע הויכע קוימענס פון דער דאָרטיקער עלעקטרי־שער צענטראַל־סטאַנציע האָט מען געקאָנט זען אויף מיילן און מיילן ווייט אַרום. ווייל דאָרטן האָבן זיך געפונען צענדליקער און צענדליקער שפּיטאַל־מויערן — אַ גרויסער ניט־מענטשלעכער ישוב, אַרומגערינגלט מיט נידע־ריקן און שיטערן יונגוואַלד, וואָס איז געווען אינגאַנצן אומאָפּהייניגיק פון דער אַרומיקער מענטשלעכער וועלט. דאָרט האָט זיך אויך געפונען אַ באַזונדערע גרויסע עלעקטרישע סטאַנציע אויף צו באַזאָרגן די העכער פופציק דאָרטי־קע פאַרשיידענע בנינים מיט ליכט און באַהייצונג. און אָט די זייער־הויכע און ברייטע געמויערטע קוימנס פון דעם עלעקטרישן קראַפט־הויז האָבן זיך געהויבן איבער דער גאַנצער אַנשטאַלט ווי די פאַרריסענע נעזער פון עפּעס אַ ריזיק פאַבריק פון טויט...

איבער איינע אָדער צוויי פון אָט יענע געביידעס פלעגן זיך גאַנצע טעג אַרומדרייען מחנות גאַנצע קראַקענדיקע וואָראַנעס. ביין, קיין מאָרגן זיינען אָט יענע געביידעס זיכער ניט געווען — צו־גרויס פאַר דעם. ניט אַנדערש ווי אַז דאָרטן האָבן זיך געפונען די פאַרפאַלנסטע און האָפנונגסלאָזסטע חלאים וואָס זיינען שוין איצט אויך געווען אַזוי גוט ווי טויטע — מיט זייער אומ־היימלעכן אינסטינקט פלעגן עס די וואָראַנעס אָפּנים דערשמעקן, זיך קרייזן און פלאַטערן דאָרט אַרום, באַצייטנס אומגעדולדיק־קראַקענדיק מאָנען זייער חלק.

אָט יענע בילד איז ביי מרס. נייטינגיילן פאַרבליבן אין זכרון פון אַ פּאָר שפּאַצירן וואָס זי האָט געהאַט געמאַכט פאַרביי זיי. אין דער באַגלייטונג פון אַ נוירס, שוין אין די גאָר לעצטע פּאָר וואָכן פאַר איר געזונט ווערן. איז קאָן דען ניט אַמאָל איינע פון אָט יענע וואָראַנעס אַמאָל אויך אַהער אָנפליען — אַ פויגל־פּלי איז עס זיכער ניט געווען קיין ווייטער פון איר הויז — אָנ־פליען מיט אַ קראַקענדיקער טענה אַז ס'קומט איר נאָך ביי מרס. נייטינגיילן אויך עפּעס אַרויס?...

איז ווען די דאָקטוירים האָבן איר דעמאָלט שטריינג געהאַט באַפוילן: זי מוז זיך פון איר אַלטער היים וואָס גיכער אַרויסקלייבן, — האָט זי זיך אַריבערגעקליבן קיין ניו־יאָרק, זיך באַזעצט אין אַ יידישן געגנט אַפּ־טאַון, גע־דונגען אַן אַפּאַרטמענט, אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן צימערן צו עלטערע מענער, איינזאַמע ווי זי אַליין. כאָטש ניט צו פרויען — אַפּנים, ווייל פרויען פלעגן נאָך פאַרטאָפּלען, פאַרפילפאַכן איר אייגענע איינזאַמקייט.

דורך די פענצטער פונעם ניו־יאָרקער אַפּאַרטמענט האָט זיך געזען דער ביזאַנטישער פּאַסאַד פון אַ מין האַלב־יהודישער סינאַגאָגע: דאָס הייסט, מען האָט דאָרט טאַקע געדאַוונט פון אַן ענגלישן סידור, זונטיק האָט פאַרנומען דעם אָרט פון שבת, אָבער מען איז פאָרט געזעסן אין היטלען. „אַז זי וויל, קאָן זי זיך אייגנטלעך אויך באַטראַכטן פאַר אַן יידישקע", פלעגט מרס. בייטינגגייל אַמאָל זאָגן רואיק און פילאָזאָפיש. — „און עס מאַכט בכלל ניט אויס אין וועלכער „טשוירטש" אַ מענטש גייט תפלה טאָן, אַ קריסטלעכער אָדער אַ יידישער. גאָט איז סיווי איינער". און זי פלעגט טאַקע אַמאָל, ווען נאָר איר פלעגט איינפאַלן, באַזוכן אויך די יידישע „טשוירטש" מיטן ביזאַנ־טישן פּאַסאַד און האַלב־קיילעכדיקע פענצטער.

פון אויסזען אָבער איז זי גראָד געווען שטאַרק ניט־יידיש. גיכער איריש. שמוציק־בלאָנדע האָר, אַביסל אַן אָנגעשוואָלענער פּנים און קאַרע, ווי שיכורלעכע אויגן אַן דעם מינדסטן יידישן אויסדרוק אין זיי. יאָ, און נאָך אַ פּאָר פריצייטיק־אָנגעשטיגענע זקנה־שטריכן: אַ נעץ קנייטשן און קנייט־שעלעך אויף שטערן און הענט, לויזע טאָרבעלעך אונטער די ווי פאַרוויינטע אויגן... אָבער אַט די שטריכן זיינען דאָך געווען ניט יידיש, ניט גויאיש, נאָר אוניווערסאַל.

ג

זונטיק בייטאָג. אַ קלאָרער ליכטיקער טאָג. אַ סך זון אין דרויסן, אָבער אין הויז, אין צימער, איז קאַלט. דער אַפּאַרטמענט, ווי דאָס גאַנצע הויז, ווערט שוין זינט עטלעכע טעג ניט געהייצט. („ווייסט איר דען ניט, אַז מיר האָבן איצט אַ מלחמה?...") ס'שמעקט מיט פרילינג, כאָטש ס'איז נאָך טיפער ווינטער.

די קויטיקע אייז־לאַטעס און אייז־פּליאַמעס אויף די גאַסן און טראָטואַרן— שמוציקלעך גאַרנירט מיט שאָלעכצן פון באַנאַנעס, אויסגעזויגטע מאַראַנצן און גרייפּ־פרוכטן — צעלעכערן זיך איצט, צעקריכן זיך. אונטער זיי פאָרמירן זיך דורכגעפרעסענע קליינטשינקע טונעלן, דורך וועלכע ניו־יאָרקער פרי־לינג־ריטשקעלעך שפּאַרן זיך דורך צו די „סיוערס"*) אויף נאָענטסטע ראָגן. יאָ, ס'שמעקט טאַקע מיט פרילינג.

---

*) קאַנאַליזאַציע־שפּענונגען.

נאווינס פנים — צוגעפּלאַטשט צו דער שויב. לאַנגזאַמער ווי תמיד שפּאַצירן היינט מענטשן — זונטיקדיק. אַפּרו־טאָג אויך פאַר אים. מוסקלען אָפּגעשפּאַנט, ציען זיי אַביסל פויל און ליידיקגייעריש — ערשט איצט לאָזט זיך הערן פון זיי די מידקייט פון דער גאַנצער וואָך. יאָ, אַ סך זון, אָבער פרעמדע זון. פרעמדער יום־טוב...

דורך דער אָפענער טיר פון זיין צימער הערט ער ווי עס וואָרקעט צערטלענדיק די באַלעבאָסטע, וועלכע האָט זיך אָקאָרשט אומגעקערט מיטן עובר־בטלדיקן כלב אירן פון איינעם פון זייערע טעגלעכע שפּאַצירן:

— באַי־ד... באַל־־לד... באַלד וועט די מאַמע דיך אויך אויסטאָן.

— דער הונט אין רויטן מאַנטעלע מאַכט די העלדישסטע אָנשטריינגונגען אַרויסצוקריגן פון זיך אַ לאַשצשענדיקע און דאַנקבאַרע בילעריי, אָבער ס׳קומט בלוי אַרויס די געוויינלעכע הוסטעריי זיינע. — י—ע... י—ע... ביסט געווען אַ גוט באַי... די מאַמע וועט דיר דערפאַר מאַכן אַ גוטן אָנבייסן... יע.. יע...

כאָטש רויטע „ריישאַן־פּאַינטס״ זיינען מיט גאָלד גלייך, פונז׳עסטוועגן גרייט זי איין מאָל אַ טאָג צו פאַר אים אַזאַ באַזונדערן געקאָכטן מאכל, אין וועלכן זי טוט אויך אַריין הינטישע וויטאַמינען; גרייט אים צו פונעם זעל־ביקן פלייש, וואָס איר געלינגט איינצוהאַנדלען פאַר זיך. מיט פּאַרטאַיעטן אָטעם פאָלגט נאָך דער רויטלעך־ברוינער פלאַטשיקער הונט איר מינדסטע באַוועגונג. דאָס זעלביקע טוט אויך מר. קיירא. מער נישט, וואָס יענער קייעט דערביי אַ ציגאַר מיט אַ שווערן פאַרטשאַדענדיקן ריח. ער שמייכלט אָבער מיט הנאה אין זיינע געדיכטע פאַרטאַבאַקטע „דייטשישע״ וואָנצעס אַריין:

— אַזאַ עובר־בטל פון אַ הונט האָט עס דיר מזל. ווי פאַר אַן אייגענעם מאַן קאָכט מען עס פאַר אים.

מרס. נייטינגייל וויל ניט ליידן קיין שלעכט וואָרט אויף איר הונט. איז עס זיין שולד, וואָס ער איז שוין אויף דער טיפער עלטער? ער טשע־פּעט דאָך קיינעם ניט— כאָטש פאַר אַ הונט איז עס אפשר ניט אַזאַ גרויסע מעלה — נאָר ליגט כמעט די גאַנצע צייט אויף זיין קישעלע, וואָס געפינט זיך אויפן דיל פון איר שלאָפצימער, טאָקע לעבן איר אייגן בעט. עד, זי וועט זיך דאָך סוף־כל־סוף ניט קאָנען אַרויסדרייען פון אָוועקפירן אים צום וועטע־רינאַר־דאָקטער, יענער זאָל אים „איינשלעפערן״ אויף אייביק.

פונעם זאַזיקן געדאַנק אַליין גיט איר באַלד וווייטיקלעך אַ שפּאַר אין האַלדז. דער הונט איז דאָך דאָס איינציקע איבערבלייבעכץ פון איר אַמאָליקן משפּחה־לעבן. פערצן יאָר — אַ גאַנץ הינטיש לעבן — האָט ער איר אַזוי גע־טריי געדינט. דעם שכנס מיידעלע, בעת אַ באַגעגעניש אין הויז־קאָרידאָר, רופט זיך טאָקע איינמאָל אַזוי אָן צו איר, זייער אומשולדיק און זייער געטריי:

— מרס. נייטינגייל... פאַרוואָס זאָלט איר ווידער אַמאָל ניט חתונה האָבן? איר וועט דאָך דעמאָלט קריגן פאַר זיך אַ יונגן, אַ געזונטן הונט!

מר. קייראַ לאַכט פון אַט דער מעשה זייער הנאהדיק. ווי אַ פּיצל קינד, איז ער בכלל גרייט צו לאַכן און צו פרייען זיך פון יעדער מינדסטער זאַך. ער האָט בלויז ניט ליב ווען די באַלעבאָסטע גיט באַלד צו:

— אַפּנים אַז דאָס איז אַלץ וואָס איך קאָן שוין אַריינקריגן פון אַ צווייטן מאָל חתונה האָבן — אַ נייעם הונט... וואָס דען, אַן אמתער מאַן וועט דען מיט מיר איצט וועלן חתונה האָבן?

אַ קיי טוענדיק מיט פרישער ענערגיע זיין שטינקנדיקן ציגאַר, פאַרלאָזט קיירא די קיך מיט שווערע פעסטע טריט... ניט נאָר חתונה האָבן בפועל ממש — ער איז דאָך אַפילו צו־קאַרג צו טראַכטן בלויז וועגן חתונה האָבן פון דאָסניי מיט וועמען ס׳איז. כאָטש געווען איז ער איצט אַליין אויף דער וועלט, פאַרמאָגט בלויז אַן איינציקן ברודער אין אַ צווייטער שטאָט, וועלכער קומט אַמאָל אים באַזוכן. און פונקט ווי יענער, פרענק קיירא — מיט אַ פּאָר יאָר יונגער — איז אויך הערדרי קיירא געווען קינדערלאָז. פרענק האָט גאָר אינגאַנצן קיינמאָל ניט חתונה געהאָט. עס איז געווען ווי זיי וואָלטן ביידע געוואָלט פאַרבלייבן די לעצטע פון זייער יחוסדיקן אַפּשטאַם — אויס בלויזער קאַרגשאַפט און ניט־פאַרגינערישקייט צו דער וועלט...

כאָטש אפשר איז עס געווען פיל פשוטער? פון דרויסן אַזעלכע קרעפּ־קע, סטאַטנע מאַנספּערשוינען, זיינען זיי אָבער ביידע פון אינווייניק משמעות געווען שוין דורכגעפוילט. פשוט: דער קנויט וואָס האָט אין משך פון פיל דורות אַזוי העל געברענט אין אָט דער יחוסדיקער משפּחה, האָט אין זיי אַליין שוין געהאַלטן אינגאַנצן דערברענען, דערברענען ביזן סאַמע לעצטן אויפ־צאַפּל. פאַר אַנדערע דורות האָט שוין פון זיי קיין ברעקל ליכט, אַפילו שוואַכסטן און נעפּלדיקסטן, מער ניט געסטאַיעט.

מרס. נייטינגייל האָט שוין איינציקע מאָל געוואוסט צו דערציילן נאַווינען פאַרשידענע מעשיות וועגן דעם אַלטן קאַראַן. יענער איז ממש אַנגעשטאָפּט מיט רייכקייט, מיט גאָלד... ער האָט אויך ריעל־עסטייט ערגעץ אין וועסט־שעסטער קאָונטי... און דאָס אַלץ — פאַר וועמען? דער אַלטער תרח איז דאָך שוין מער ווי 75 יאָר אַלט!... היינט דערוואַרט ער נאָך — ניט היי־יאָר, איז זיכער קומענדיקן יאָר — אַ גרויסע ירושה פון זייער אַ פאַרמעגלעכן קרוב, וועלכער איז געשטאָרבן אין לאָנדאָן נאָך מיט יאָרן און יאָרן צוריק... אין דעם איז דאָ אַ גאַנצע מעשה, זי וועט עס שוין אים אַן אַנדערש מאָל דערציילן...

— איז ניט קיין קינד, ניט קיין יורש, אַליין גאָר אַ יורש — פרעגט זיך: צוליב וואָס איז עס אַ מענטש אַזוי „טייט״, אַזאַ קמצן?

נאַווין, וועלכער האָט אין משך פון זיין וואוינען דאָ עטלעכע מאָל גע־האָט דערפילט אין זיך שיר ניט אַ הייליקן ציטער ביים געדאַנק אַז ער וואוינט אונטער איין דאַך מיט איינעם וואָס איז אַזאַ גלייכער אָפּשטאַם פונעם גזע פונעם „בית־יוסף‟, האָט שוין עטלעכע מאָל זיך אָנגעטאָן אַ כוח, גובר געווען זיין באַוואוסטזיניקע צוריקגעצויגנקייט און פאַרשלאָסנקייט פון די לעצטע פאַר יאָר. פאַרקערט, אין דעם פאַל האָט ער גאָר געזוכט אַלערליי געלעגנהייטן אַריינצוציען דעם אַלטן אין שמועסן... און דאָס איז אים גאָר־ניט אַזוי שווער אָנגעקומען — יענער האָט זיך גערן געלאָזט ריידן.

יאָ, אַוודאי האָט ער געוואוסט — האָבן נישט אַלע אין זיין משפחה מיט דעם שטאָלצירט? — אַז זיין עלטער־עלטער זיידע איז עס געווען יוסף קאַראָ, דער „שולחן־ערוך‟... אוודאי האָט ער געשטאָלצירט וואָס ער אַליין איז ניט אַבי וואָס פאַר אַן „אָסט־יודע‟, נאָר שטאַמט גאָר פון די גולי־ספרד וואָס זיינען דירעקט פון שפּאַניע געקומען קיין טערקיי. אָבער קיין סך מער וועגן אָט יענעם „שולחןערוך‟, אָדער וועגן יידן און יידישקייט בכלל, אַמאָ־ליקער אָדער הייטנצוטאָגיקער, האָט ער ניט געוואוסט — און געהאַט אויך דעם קנאָפּסטן אינטערעס עס צו וועלן וויסן.

— איר ווייסט דאָך — האָט ער אויף אַלע אַזעלכע פראַגן געהאַט בלויז איין ענטפער — מיינע אינטערעסן זיינען תמיד הויפּטזעכלעך געווען קאָ־מערציעלע... גאָר פרי זיך שוין געשטעלט אויף די אייגענע פיס...

אין אַמעריקע איז ער שוין געווען אַרום זעכציק יאָר. געקומען אַהער בחורווייז פונעם האַלב־דייטשישן, האַלב־פּוילישן פּויזנער קאַנט — פון גניע־זין, צי פון בראָמבערג. אָבער ער האָט נאָך איצט אויך געוואוסט: ערגיץ־וואו אויף דער וועלט, איבערהויפּט טאַקע אין די דייטשישע און פּוילישע מדינות, האָט ער געהאַט אין די יונגע יאָרן אַלערליי גאָר נאָענטע קרובים, אויך קאַראָס, וועלכע זיינען געווען באַקאַנטע יידישע רבנים. אַליין אָבער איז ער געגאַנגען אין חדר בלויז אַ פּאָר יאָר, שיר ניט יינגלווייז שוין זיך אָב־געהויבן פאַרנעמען מיט אָקסן־האַנדל — און דאָ אין אַמעריקע: צוערשט מיט פּעדלעריי, שפּעטער אויף וואָל־סטריט. בתכלית הקיצור איז זיין גע־שיכטע געווען אַזאַ: ביז צען — יצחק־הערש קאַראָ; פון דעמאָלט אָן ביז ער איז אָנגעקומען קיין אַמעריקע — איגנאַץ קאַראָ, און דאָ איז ער געוואָרן הערי קייראָ... דאָס אַלץ.

נאַווין האָט אומזיסט אייניקע מאָל געפּרוּוווט אויפאַקערן יענעמס זכרון מיט אַ פּאָר פראַגעס וועגן אָט יענע באַקאַנטע היימישע רבנים, די קאַראָס. אומזיסט האָט ער אים געבעטן דערציילן עפּעס וועגן זיין אייגענער יוגנט אין דער דייטש־פּוילישער שטאָט — אומזיסט. מר. קאַראָ האָט אויף דעם אַלע־מען בלויז אָפּגעענטפערט מיט אַ שמייכל פון אַ שטענדיקן תם: יענע ווײ־

טע יידישע קינדער־יאָרן זיינען ווי איינגאַנצן דערשטיקט געוואָרן אונטער אַ באַרג ניט פון זעכציק, נאָר פון גאַנצע 600 יאָר אַמעריקע. זיינע לערע תם־אויגן האָבן בלויז דעמאָלט אַ טראָפּל אויפגעלויכטן קעגן נאַווינעז, ווען פון אָט יענעם דיגינקן און אויסגעריבענעם קינדהייט־פּלאַסט איז אים ענדלעך געלונגען אַרויסצופּאַנגען, ווי אַ גאָלדן פישעלע, עפּעס אַ קינדעריש פּאַראָדיע־לידל אין דייטש־פּויליש וואָס איז אים, צו גלויבן, ביז איצט קיין איינציק מאָל גאָר אָפּילו אויף די געדאַנקען ניט געקומען.

מיינע מוטער־מאַטקאַ
גינג נאָך דער שטאָדט־קאַ...
זי קאופטע איינע ציגע־קאַזאַ,
אונט שלאַכטעטע זי מיט איינעם נאָזשאַ...

אין דער גרויסער אַלטמאָדישער שאַפּע — מיט אירע גזימסן האָט זי דערגרייכט אָזש ביז דער סאַמע סטעליע — האָט ער ביי זיך אין צימער אָפּ־געהיט פילע פון דעם פאַרשטאָרבענעם ווייבס איבערגעבליבענע פּערזענלעכע חפצים און קליידער. מחמת פיעטעט צו דער פאַרשטאָרבענערס אָנדיינק, — האָט נאַווין געוואָלט גלויבן. אָבער מרס. בייטינגייל איז באַשטאַנען: ס׳איז אַלץ מחמת קאַרגשאַפט... טראָגט ער דען ניט תמיד אויף זיך אַן אַלטן אָפּגעריבענעם רעקל, שמאָלע געפּאַסטע הויזן וואָס זיינען צו־קורץ אויף אים?.. אין זיין שאַפע הענגט אָפּילו דעם פאַרשטאָרבענעם ווייבס אַן אָפּגעקראָכענער פוטער פון „אַלאַסקאַ־סיעל״, וואָס אויב מען וואָלט נאָר דעם דאָזיקן פּעלץ גוט אַ ריב געטאָן איצט, וואָלט ער זיך געוויס גלייך פאַנאַנדערגעשאָטן ווי דורכגעברענטער שטרוי, אָדער ווי אַ פּעדערדיק „דענדעלאַין״־בלימל סוף זומער...

— אויב ער האָט טאַקע באַשלאָסן קיינמאָל ניט חתונה צו האָבן, איז אויף ווען פאַרט באַהאַלט ער עס אַלץ, צוליב וועמען היט ער עס אַלץ אָפּ אַזוי קמצנ׳דיק? — — —

ס׳האָט אָבער אויסגעקוקט ווי אָט דער 8ד־יעריקער זקן, מיט זיין גע־זונטן קאַרק און שטאַרקע פיס, וואָלט זיך געקליבן גראָד צו לעבן לאַנג, זייער לאַנג — לכל הפחות ביז דער וואונדערלעכער צייט פון תחית־המתים, ווען זיין פרוי וועט צוריק לעבעדיק ווערן... דעמאָלט וועט אים, דאָך, יעדע פיצל זאַך זיכער צוניץ קומען. אָבער איינמאָל האָט זיך מרס. בייטינגייל מער ניט געקאָנט איינהאַלטן, האָט האַלב מיט גוטע רייד און האַלב מיט גוואַלד געפּועלט ביי אים צו לאָזן איר מאַכן אַ פּעקל פון אָט די זאַכן, כדי עס אַרויס־צוּוואַרפן אויפן מיסט.

— זע נאָר, וואָס טוט זיך עס דאָ מיטן מענטשן? ער מאַכט דאָך מיר דאָ אָן אַ געפּערלעכן „מאַיל״ אין שטוב!

מיט אַ בלייך־צעכעסטן פּנים, גאָר ניט לויט איר טבע, האָט זי געקליבן איינס צו איינס די אַלטמאָדישע שפּיצן־קאָפּטלעך, באַטיסטענע אונטערוועש, זײַדענע בראַזירן, לאַנגע נאַכטהעמדער... אין קיך לעבן „דאַמבווייטער" האָט זיך געהאַלטן אין קלייבן דערפון אַ גרויסן פּאַק. ווי אומגעזעענע עלעקטרישע פונקען האָבן אין יענעם מאָמענט געשפּריצט פון אירע אויגן, בייזער ווי ווען עס איז... דורכן פענצטער האָט געהאַלטן אין אַריינקוקן אַ כמורנער אָונט, מיט באַלויכטענע פענצטער אויף אויבערשטע שטאָקן פון הויכע ניו־יאָרקער מויערן — אָנשטאָט שטערן, מיט אַ פייערדיק־רויטלעכן „גלי" אין די הימלען ווי פון אַ גרויסער שׂרפה, — פון די צעלויכטענע נעאָן־שילדן און ווייסגליענדיקע עלעקטרישע פייערן אויפן מיטנשטאָטישן בראָדוויי.

„בייבי", דער אַלטער הונט, פאַר וועמען עס איז געשטאַנען איצט אַ שיסעלע מילך, האָט צעטומלט פאַררײסן די פּיכטע מאָרדע, אַ הוסט געטאָן עטלעכע מאָל, פרעגנדיק און באַצערט. מרס. נייטינגייל האָט זיך אָבער אויף די ערשטע פּאָר בילנדיקע הוסטלעך זיינע ניט אומגעקוקט, וואָס דאָס איז אויך כלל ניט געווען אין איר טבע. נאָך מער צוטומלט און דערשראָקן, איז דער אַלטער צעפּיעשטשעטער הונט זיך דעמאָלט פאַרגאַנגען אין אַ לאַנגן שטילן וואָיען, אָשטייגער, ווי אַ קינד וואָס פאַרגייט זיך אין אַ שטיל כליפּענדיקער העשערײַ. דעמאָלט האָט מרס. נייטינגייל אַ וואָרף אַוועק געטאָן דעם גאַנצן פּאַק מיטן אָפּגעלעבטן אונטערוועש, און אַ כאַפּ געטאָן דעם הונט צו זיך אויף די הענט אַרויף:

— אָ—אָ, בייבי . . . אָ—אָ, בייבי... אוודאי, אוודאי ביסטו גע־רעכט... י—ע . . . י—ע . . . קאָנסט ניט טרינקען די מילך? נו — יאָ, ס'איז טאַקע ניט קיין פרישע מילך, די מאַמע וועט עס שוין אַליין אויסטריב־קען... דיר וועל איך געבן פרישע מילך!

אַרויסנעמענדיק פון פריזשידער אַ פלאַש פרישע מילך האָט זי שוין מיט אַן אויפגעלויכטענעם פּנים, זיך געווענדט צו נאָווינען וועלכער איז גראָד צופעליק געהאַט אַריין אין קיך נאָך אַ קאַלטן טרונק וואַסער:

— אַהאָ, אים קאָן מען ניט אָפּנאַרן! — האָט זי געשטאָלצירט מיטן קינד אירן — ער איז דען ניט געווען גערעכט? די מילך אין זיין שיסל איז טאַקע ניט קיין פרישע, שטייט שוין דעם דריטן טאָג... אַהאָ, ער איז ביי מיר אַ גרויסער איבערקלייבער!

ד.

אַ שפּעט־נאַכטיקע אויטאָמאַט קאַפעטעריע אין דער געגנט פון טיימס־סקווער. איינע פון יענע עס־פּלעצער, וואָס שליסן זיך כמעט אינגאַנצן ניט דורכן מעת־לעת.

אויטאָמאַטיש אַרויסגעפּישט פון די גליטשיקע מעטאַל־קעסטעלעך פאַר געשיר: אַ מעסער, אַ גאָפּל, אַ גרויסע לעפל, אַ קליינע לעפעלע. פון אַלערליי ווינקלען, פון די פאַרשידענע ניקל־שופליאָדן מיט זייערע גלאָז־שייבעלעך — זיי זעען אויס ווי אומצייליקע קליינע הײלן אין די ווענט פון אַ ריזיקן עס־קרעמאַטאָריום — מעכאַניש צונויפגעשלעפּט פאַרשידענע גרינגע שפּייזן פאַר זיין שפּעט־נאַכטיקן מאָלצייט. מיט דעם זיך פאַרדוקט אין דעם ווייטסטן און שטילסטן ווינקל, כאָטש אויך דאָ איז די באַלויכטונג געווען פונקט אַזוי העל און גרעל, ווי אינעם גאַנצן „אויטאָמאַט".

אויפן וועג פון זיין ביינאַכטיקער אשמורה אין דעם פּריוואַטן שיפּבוי־האַפן ערגעץ אין ברוקלין — גוט איז נאָך וואָס דאָרטן מאַכן מלחמה־צייט די אייגנטימער ניט קיין אַרבעט־שוועריקייטן פאַר אַזעלכע האַלב־בירגער ווי ער — שטעלט זיך דאָ נאָווין אָפּ כמעט יעדע נאַכט. זיין לעצטער מאָלצייט פון טאָג — פון זיין טאָג, וועלכער ענדיקט זיך אַרום דריי ביינאַכט.

לעבן זיין אַרבעטס־פּלאַץ איז אויך דאָ אַ קליין רעסטאָראַנדל, אַ „לאָנטש־וועגאָן". אָבער נאָווינען איז שווער צו פאַרטראָגן די קאָפּ־אויף־קאָפּ ענגשאַפט און פּוס־אָנטרעטעניש. דאָרטן. ווען ער איז מיט אומגעפער אַ שעה צוריק געהאַט פאַרבייגעגאַנגען דעם גרויסן געל־געפאַרבטן מעטאַל־קאַסטן אויף רעדער, מיט אַן אויסזען פון אַ באַן־וואַגאָן, האָבן נאָך פון דאָרטן געהאַלטן אין אַרויסמאַרשירן אויפן וועג צום פאַבריק־הויף די אַרבעטער פונעם נייעם „משמור", וועלכע האָבן אָקאָרשט אין גרויס איילעניש און יאָגעניש געהאַט אָפּגעגעסן זייער פריען פרישטיק — אָדער אויסגעטרונקען זייער שפּעטע קאַווע.

חוץ דעם, האָט ער פיינט געהאַט דעם וואַגאָן־אויסזען פונעם „לאָנטש־קאַר". ס'איז ווי ער וואָלט מורא געהאַט: קוים זעצט ער זיך דאָרט אַוועק, הויבט דאָס רעסטאָראַנדל אויף רעדלעך אָן גלייך צו פאָרן, — און ער איז זיך שוין געבוג אָנגעפאָרן, נאָווין, דורך די לעצטע פאַר יאָר!... נו,, אויך אין דער שטילער רעזידענץ־געגנט פון אַפּטאָון־בראָדווי לעבן זיין דירה, איז אין אָט דער שעה אַלץ שוין פון לאַנג אָן געשלאָסן און אויסגעלאָשן, פאַרמאַכט און אָפּגעשטעלט. חוץ אפשר א ווייסער ראַדיאָ־אויטאָמאָביל, וועלכער שלייכט זיך אַמאָל דורך אויף זיין ביינאַכטיקער פּאָליצייאישער שליחות... און נאָווין האָט דעמאָלט אויסגעפונען אַז דער אויטאָמאַט־פּלאַץ איז פאַר אים אַמבאַקוועמסטן אין אָט דער שפּעט־נאַכטיקער שעה. סײַוויי דאַרף ער תמיד אין דער געגנט בייטן די סאָבוויי: די „בי־עם־טי" אויף דער „אַי־אַר־טי".

מיטן שנעלן איבערבייסן שוין פאַרטיק געוואָרן. ער בלייבט אָבער זיצן. ער מוז דאָך כאָטש אַביסל אָפּשפּאַנען די שטאַרקע אָנגעשטריינגקייט פון די דורכגעיאָגטע אַכט אַרבעטס־שעהן מיט זייער חולי־נופלדיקער וואַרפעניש. די העלקייט און גרעלקייט דאָ שטערן אים ניט — אין קאָפּ ביי אים שטייט נאָך

אַלץ די פיל שאַרפערע און פלאַמנדיקע העלקייט, וואָס אין דער מאַשין־אָפטיילונג פונעם שיפסבוי־האָפן. די טראַכערייַ פון די פיל־טאָניקע דאַמף־האַמערס, די פאַרטויבנדיקע הילכעררייען פון עלעקטרישע שטאָל־עגבערס וואָס פאַרטרינקען יעדע מענטשלעכע שטים, אַפילו די נאָענטסטע צו דיר, סיידן זי קומט אַרויס פון ליפּן וואָס באַרירן ממש דירעקט דיין אויער. די גרויסע שטאָלענע בריקן, די קאַנווייערס וואָס שווימען אין דער הויך אי־בער די קעפּ פון די אַרבעטער, פירן אַריבער קופּעס אייזן־שטאַבעס פון איין אָרט אין ריזיקן גלעזערנעם אַרבעטס־שפּייכלער אין אַ צווייטן אַריין. די מוראדיק־הויכע היץ וואָס שפּאַרט אַהער פון די שמעלץ־אויוונס אין ווייטן הינטערגרונט, וואו צעגליטע שטאָל־פּלאַטן און אייזן־פּלאַטן ווערן צונויפגע־ניטעוועט מיט פילפונטיקע פייערשטיקער, אַזעלכע צעגליטע „ריוועטס“...
אַלע מענטשן דאָרט אַרום, פונקט ווי געווים ער אַליין אויך, קוקן אויס ווי גולמס, ווי זיך־באַוועגנדיקע ראָבאָטס, — עס העלפט אין אָט דעם איינדרוק דאָס, וואָס דאָס רוב אַרבעטער און אַרבעטערינס, פּונקט ווי נאַווין אַליין אויך, טראָגן דאָרט אויף די קעפּ אַזעלכע פּירקאָנטיקע מעטאַלענע שוץ־היטלען, קעסטלעך גאַנצע מיט צעלולאָידענע פענצטערלעך פאַר די אויגן, — זיי דאַרפן עס באַשיצן קעגן אַ מעטאַל־שטיק אָדער עפּעס אַ שווער שטיקל געצייג וואָס קאָן נאָך אַרונטערפאַלן, און פאַלט טאַקע אַמאָל אַרונטער פון די קאַנוואַיערס אויבן — עס זאָל ניט צעשמעטערן קיין מענטשלעכן קאָפּ אונטן — — —

קעגן דעם, איז אַפילו אין אַן אויטאָמאַט־קאַפעטעריע רואיקער און שטי־לער. אמת, שפּעט־נאַכטיקע באַזוכערס לעכערן נאָך אַלץ דאָ דורך די גרעלע ליכטיקייט פונעם „אויטאָמאַט“. אַריין און אַרויס. אַרויס און אַריין... אָבער ניטאָ שוין מער די חוצפהדיק־פאַרפוצטע טעאַטער־פאַרלעך. שוין צו־שפּעט פאַר יענע, כאָטש ס׳איז אַ שבת־צונאַכטס. אָבער — „ווייסט איר ניט אַז ס׳קומט איצט פאַר אַ מלחמה אויף דער וועלט?“...

ס׳רוב באַזוכער איצט — מאַטראָזן, סאָלדאַטן, אוויאַטאָרן, מאַרינען — מיט זייערע באַגלייטערינס, אפשר אָקאָרשט־געמאַכטע בראָדוויי־באַקאַנט־שאַפטן. דאָ אויך אַ צאָל שפּעט־נאַכטיקע אַרבעטער ווי ער אַליין, נאַווין — סיי צו און סיי פון דער אַרבעט גייענדיק — מיט שוואַרצע לאַנטש־קעסטעלעך פון גלאַנציקן מעטאַל, קעסטעלעך פון נאַכט... אַריין און אַרויס — טונקעלע גרויסשטאָטיש־איינזאַמע סילועטן אויף אַ גרעלן עקראַן.

נאַווינס טיף־אינווייניקסטע איינזאַמקייט און אין־זיך־פאַרטועקייט ווערט אָבער דערפון ניט געשטערט. פאַרקערט. אַן איינזאַמער צווישן איינזאַ־מע — היימישער אַזוי. אין אַ גרויסן ליכטיקן הור־האַ, צווישן אַ סך איינזאַמע, איז נאַווינען גרינגער צו פאַרטראָגן זיין איינזאַמקייט. גרינגער, אַלנפאַלס, ווי

צווישן די פיר ווענט פון אַ ביינאַכטיק־טונקעלן שלאָפצימער, על משכבי בלילות...

מיט יעדן פאַרלאָפענעם חודש — דורכן גאַנצן לעצטן פאַרלאָפענעם יאָר — זיינען אויך זיינע האָפענונגען, ווי אומבאַשטימט און בלייך זיי זיינען לכתחילה ניט געווען, ביסלעכווייז אינגאַנצן צערונען. זייער אָרט האָט צו־ערשט פאַרנומען ביטערער צווייפל, דערנאָך — שוואַרצסטע פאַרצווייפלונג, מדברדיקסטער יאוש.

די ידיעות פון זיין שטאָט, אַפילו די אונטערערדישע ידיעות — ניט גראָד וועגן זיין אייגענער משפחה, נאָר אַפילו אין אַ סאַמע ברייטסטן היקף אַרום זיי — זיינען צום סוף אינגאַנצן אָפּגעשטעלט געוואָרן. ס'איז געווען ווי דאָס פלוצלונג־פאַרשלונגענע לעצטע קלאַפּן און טיקען פונעם ראַדיאָ־אַפּאַראַט אויף אַ ברענענדיקער, אונטערגייענדיקער שיף אינמיטן ווייטן אָקעאַן — אַ ראַדיאָ־אַפּאַראַט וואָס האָט אומזיסט, אין דער שטומער וויסטעניש איבער די פאַרפלייצנדיקע וואַסערן רונד־און־רונד אַרום, מיט די לעצטע כוחות נאָכ־אַנאַנד געהאַלטן אין אויסקלאַפּן אַן „עס־אָ־עס" — ביז אַ פרעסערישע כוואַליע האָט ענדלעך דערלאַנגט דעם לעצטן לעק אויך צו אָט דעם העכסטן ראַדיאָ־טורעמל, און בלוטיק־זיגעריש פאַרשלאָסן דאָס תהומיקע מויל אויך איבער אים.

אָבער לויט ידיעות אין די יידישע צייטונגען — ניטאָ, און ניט געווען ביי נאווינען, קיין שום מענטשלעך־באַקאַנטער וואָרט אויף כאָטש וויפיל ס'איז צו באַצייכענען די פאַרב און דעם טעם פון אָט די ידיעות — איז נאווינען ביסלעכווייז פאָרט קלאָר געוואָרן:

— ניט נאָר איז שוין מער קיין האָפנונג ניטאָ אַז ער זאָל כאָטש נאָך אַן איין־איינציק מאָל אין לעבן, ווי לאַנג אַפילו ער זאָל ניט פאַרשאָלטן ווערן צו לעבן, קאָנען וואַרפן נאָך אַן איינציקן בליק אויף זיין אייגן בלוט־און־פלייש, אויף זיינע ווייב־און־טעכטערלעך (ווי גרויס, ווי הויך זיינען זיי עס אויסגעוואַקסן פאַר די לעצטע צוויי־דריי־יאָר — ווי גרויס, ווי הויך זיינען זיי עס געווען אינעם לעצטן טאָג פון זייער פאַרשניטענעם לעבן); — אַ בליק טאָן אויף זיי ניט דווקא אינגיכן און באַלד, נאָר כאָטש ווען־עס־איז אין לעבן און וואו־עס־איז אויף דער וועלט; — און אויב ניט אויפן וואַרים־פולסירנדיק בלוט־און־פלייש זייערן, איז כאָטש אויפן אָרט פון זייער לעצטער רו — (גאָט מיינער, און וואָס וואָלט דען דאָס געקאָנט דיך אַרן: כאָטש די טרייסט צו קאָנען ווען־עס־איז אַ בליק טאָן אויפן אָרט פון זייער לעצטער רו?), — נאָר ער מוז זיך ביסלעכווייז אויך צוגעוואוינען צום געדאַנק: —

— די גאַנצע שטאָט אין וועלכער ער האָט אַזאַ שטיק לעבן איבערגע־לאָזט; כמעט אַלע לייט דאָרטן מיט וועלכע ער האָט אַזויפיל יאָרן צוזאַמען געלעבט, — אויך זיי זיינען שוין לאַנג ניטאָ... גרינטלעך ניטאָ — ווייל

אויף דער בית־עולם איז דאָרטן אָפּגעווישט געוועזן — אויף די טויטע זייגען אָוועק מיטן רויך...

נאָך אַ קאַווע נעמען, אַ פּרוכט אפשר?... אַז ער קערט זיך אום צו זיין טישל אין אַ צוויי־דריי מינוט אַרום, זייגען שוין די אָפּגענוצטע געשיר דורך אַן אומגעזעענער האַנט צוגענומען געוואָרן, אויך זיינע פריערדיקע עס־געצייג זייגען מיט זיי פאַרשוואונדן. דער עמאַל־טיש איז שוין ריין־אָפּגעווישט, גלאַנצט מיט קאַלטער ווייסקייט — כאַ־כאַ, אויך דאָ איז זיין געגרייטער טיש, ווייזט זיך אַרויס, אַ חלום בלויז, אַ דמיון זיינער געוועזן... ער מוז איצט, מיטן עסן אין האַנט, צוריק צוגיין צום מעטאַל־קאַסטן, ווידער פון דאָס ניי אָנהויבן: אַ גרויסער לעפל, אַ קליינער לעפל... קיין פאַפּירענע סערוויט־קעס זייגען שוין אָבער ניטאָ; אָבער גוט איז, וואָס צוקער איז נאָך דאָ...

ס׳הויבן אָן אַריינקומען נייע באַזוכער, פרישע ענגלישע מאָרגן־צייטונ־גען אין די הענט. דעם פרישן דרוק־ריח זייערן האָט נאָווין ליב צו שמעקן, אָבער — ניט זיי אַליין, די צייטונגען: ווי פול זיי זאָלן ניט זיין מיטן גרויסן וועלט־אומגליק, צעקוועטשן זיי אים אָבער מיט זייער מוראדיקער גלייכגילט צו זיינע באַזונדערע אומגליקן, וואָס וועגן זיי געפינט ער דאָרטן זעלטן־ווען אַ שורה. ס׳איז שוין פונקט ווי אַפילו דאָס עצם אָפּווישן פון זיינע שטעט, פון זיינע קינדער וואָלט שוין אויך אייגנטלעך גאָרניט געוועזן פאַר־געקומען, נאָר געוועזן בלויז אַ וויסטער חלום זיינער, נאָווינס... און וואָס וועט זיין אַז ער וועט אינעם דאָזיקן פריינטלעך־פרעמדן לאַנד ענדלעך אויך פאַר־שווינדן, וועט שוין העמאָלט אַפילו קיין וויסטער חלום, קיין זכר פון אָט דעם אַלעמען ניט פאַרבלייבן? קיין רויך אויך ניט? — — —

ער טוליעט זיך מיט בײדע הענט, ווי ער וואָלט זיך געוואָלט אָנוואַ־רימען, צום הייסן טעפל קאַווע. ניין, ניט נאָר די פרעמדלעך־ענגלישע — אַפילו יידישע צייטונגען קאָן ער אויך מער לעצטנס ניט לייענען. אמת, דאָרטן שטויסט ער זיך שוין גראָד גאָר אָפט אָן אויף אָן אַ שיר באַריכטן פון שאַרפע, גרויזאַמע, אומגעווייגלעך־ווילדע מיתות... אָבער די דאָזיקע באַריכטן לאָזן אים אומצופרידן, ווי עפּעס אַ וואָלוועלע פּראָפּאַגאַנציע. ס׳איז נאָווינען געווען ווי ער וואָלט מיט באַשטימטקייט געוואוסט: דיווירקלעכ־קייט דאָרטן איז אַ סך אַ שרעקלעכערע, ווי אַפילו די שרעקלעכסטע ווער־טער זייגען עס אימשטאַנד איבערצוגעבן, — ס׳איז אַ ווירקלעכקייט פאַר וועלכער עס קאָנען גאָר קיין ווערטער ניט זיין, וויבאַלד אַזוינס איז נאָך קיינ־מאָל ניט פאָרגעקומען אינעם גאַנצן מענטשלעכן געדענקען, סאַמע זינט בריאת העולם — — —

ס׳איז שוין געוואָרן זייער שפּעט. מילא, ס׳איז דאָך מאָרגן זונטיק. וועט ער ליגן אין בעט נאָך שפּעטער. ער׳ט דען פאַרשפּעטיקן צו זען מרס. ביי־טינגיילן מיט איר „בייבין”, וועלכער איז לעצטנס געוואָרן אַזוי שוואַך אַז

אפילו הוסטן איז שוין פאַר אים געוואָרן צו־שווער? אָדער מר. קאַראַן אפשר? יענער זיצט דאָך סיווי דעם גאַנצן טאָג אין שטוב, חוץ ווען ער גייט אַרויס אַפּעסן אין אַ נאָענטער קאַפּעטעריע.

מר. הערדי קיירא, די אַמעריקאַנער פרי... אַנומעלטן האָט נאַווין געפּרוּווט פאַרפירן מיט אים אַ שמועס וועגן די גאָר לעצטע דורות פון זיין יחוסדיקער משפחה — וועגן היינריך קאַראַן, יעקב קאַראַן, לעאָפּאָלד קאַראַן, ניקאָדעמוס קאַראַן... אויך גרויסע גייסטער, דערפינדער און וויסנשאַפטסלייט, וואָס זיינען געבאָרן געוואָרן אינעם זעלבן 19טן יאָרהונדערט וואָס ער אַליין, מר. הערדי קיירא... דער לעצטער האָט אָבער קיינמאָל וועגן זיי ניט געהערט, און קיין איינציק וואָרט וועגן זיי ניט געוואוסט צו דערציילן. זיין געזונט קיילעכדיק לבנה־פּנים האָט דערביי אָן דעם מינדסטן עגמת־נפש נאַרישעוואַטע־צופרידן געשמייכלט אין זיינע „דייטשישע" וואָנצעס אַריין:

— איר ווייסט דאָך, מר. נאַווין, מיינע אינטערעסן זיינען תמיד געווען בלויז קאָמערציעלע... כ'האָב אַ גאַנץ לעבן אין אַמעריקע געהאַט מיינע אייגענע קאָפּדרייעניש... גאַנץ פרי שוין זיך געמוזט שטעלן אויף די אייגענע פיס...

חוץ זיין אַריינלעבן ביז אין אַ טיפן עלטער אַרייַן, האָט ער פון די אַנדערע מיטגלידער פון זיין משפחה גאָרניט געירשנט... איז צוליב וואָס — די טיפע עלטער? בלויז וועגן „יאַקוב" קאַראַן האָט ער זיך באַלד צוריקגעכאַפּט, — יאָ, וועגן אים האָט ער יינגלוויז יאָ עפּעס געהערט: געווען אַ זון פון אַ גניעזינער רב, אָבער אין די שפּעטערדיקע יאָרן זיך געשמדט... דאָס אַלץ. און הערדי קייראָס אויגן האָבן זיך צופרידן צונויפגעזשמורעט:

— זעסט? עפּעס ווייס איך דאָך פונדעסטוועגן יאָ...

אָבער נאַווינען איז בשעת־מעשה זייער קאַלעמוטנע געוואָרן אויפן האַרצן... וואָס איז עס אַזוינס פאַרגעקומען אינווייניק ביי אַ סך גרויסע ייִדישע מענטשן, וואָס זיי האָבן איבערגעלאָזט נאָך זיך אַזעלכע נידעריקע, אַזעלכע איבערגעגעבן דורות? איז עס בלויז אַ ביאָלאָגישע אייגנאַרט פון אַלע גרויסע מענטשן, ביי אַלע אומות? אָבער ביי ייִדן איז עס פאַרט ניכרדיקער... אפשר, ווייל די עלטערן אַליין האָבן קיין צו־גרויסע אמונה אין זייער אייגענער לעבנס־אַרבעט ניט געהאַט? אפשר, ווייל דער עיקרשט זיינען זיי גאָר אַליין געטריבן געוואָרן, אויב ניט סתם פון אַ גרויסקייט־מאַניע, פון אַ פירערשאַפט־קראַנקייט, איז אָבער הויפּטזעכלעך פון אַ געפיל פון פאַרפאַלנקייט בנוגע זיך אַליין, — אין אַ סביבה, וואָס האָט שוין אָבער אינגאַנצן ניט צוגעלאָקט צו זיך דעם אויפשפּראָץ פון זייער זאָמען?

אין די יאָרן פאַר דעם מלחמה־אויסברוך, אין דער פון דרויסן־אָרימער און אינווייניק־ליכטיקער אַלטער היים, איז נאַווינען אַזויפיל און אַזוי אָפט אויסגעקומען צו הערן און צו לייענען וואונדערלעכע זאַכן וועגן דעם פאַרביקן

און עשירות׳דיקן יידישן לעבן אינעם זוייטן נייעם לאַנד. פון דערוזייטנס איז עס אָפּט געווען אַ גרויסע טרייסט... אָבער נאָכדעם ווי ער האָט אין אַמע־ריקע אַליין געהאַט פאַרבראַכט אַ פּאָר יאָר, האָט נאָווין אָנגעהויבן דורכגע־דרונגען צו ווערן מיט אַ געפיל פון גרויסער פאַרלוירנקייט. ער האָט דאָ בלויז געזען פאַר זיך אַ דויערנדיקן פּראָצעס פון נאָכאַנאַנדיקער יידישער צעשטויבטקייט און צעפּולווערטקייט, פון נאָכאַנאַנדיקער פאַנאַנדערגעשפּלי־טערטקייט אין אַלץ קלענערע אַטאָמען וואָס גייען דורך, יעדער אויף זיין אופן, אַ טשיקאַווע ווירבל־טאַנץ ביז וואַנען זיי ווערן אינעם אַרומיקן הונ־געריקן חלל אינגאַנצן ניט פאַרשוואונדן... און ער אַליין, פּונקט ווי נאָך אַ קליינע צאָל זיינס גלייכן, זיינען געראַטעוועט געוואָרן אַהער, ווייזט אויס, הויפּטזעכלעך כדי צו ברענען נאָכאַנאַנד מיטן זכר פונעם חורבן, און טראָגן אין זיך דעם חלום פון אַ וואָרים־אייגענעם לעבן אין אַ פרעמדן לאַנד... און אַז ער וועט דאָ ענדלעך אַליין צעפּולווערט ווערן צוזאַמען מיט די איבע־ריקע אַטאָמען — וועט שוין ניט זיין אַפילו ווער עס זאָל טראָגן אין זיך דעם זכר פון דעם אַלעמען, וואָס איז אַוועק מיטן רויך? —

נאָווינען האָט באַלד אַרומגעכאַפּט אַ געפיל פון גרויס פאַרלוירנקייט — ער האָט אינגאַנצן מער ניט געוואוסט צו וועלכן ווינקל פון דער וועלט ער קאָן שוין איצט ווענדן זיינע בליקן נאָך הילף. נו, נאָך אַ לעצט טעפּל קאַווע אויסטרינקען, און ער וועט זיך אָנגעמען מיט כוח אַרונטערצוגיין אין סאָבווי. אָבער דאָס מאָל איז שוין אינעם גרויסן ספּעציעלן שיסל אינמיטן אויטאָמאַט קיין צוקער אויך ניט געווען. דער הויכער אויפזעער, פון קאָפּ ביז די פיס אין ווייסן אָנגעטאָן, אַ פאַרקערפּערונג פון „היגיענע", האָט אין ענטפער אויף נאָווינס הילפלאָז־פרעגנדיקע אויגן בלויז גאָוהדיק צונויפגעזשמורעט זיינע בלייכע דינע ליפּן:

— ווייסטו גאָרניט אַז אויף דער וועלט קומט איצט פאָר אַ מלחמה?

נאָווין האט גולמיש אַ שמייכל געטאָן: — טאַקע, אפנים אַז ער ווייס ניט... אַלץ, וואָס איז געווען טייער אין זיין וועלט, האָט זיך דאָך אויך אַרויסגעוויזן צו זיין אַ דעלוזיע, אַ וויסטער חלום... איז אפשר איז עס די מלחמה אַליין אויך? די איינציקעווירקלעכקייט דורך דער נאַכט זיינען אָט די אומצייליקע ניקל־שופליאַדלעך וואָס פּיקעווען אָן די גלאַנציק־קאָכעלנע קאָפּעטעריע־ וועלט דאָ אַרום, — אומצייליקע קליינע היילן וואָס פירן טיף אין די ווענט פון אַ ריזיקן קרעמאַטאָריום אַריין.

ה.

— נו־נו, דהעט׳ס אינאַף... — האָט מרס. נייטנינגייל שיר ניט ווייַ־נענדיק זיך געבעטן ביי „בייבין". — נו, קינד, גענוג שוין... גענוג שוין געהוסט... צערייסט דאָך דער מאַמען פּשוט דאָס האַרץ!

עפּעס איז ניט גוט די לעצטע עטלעכע טעג מיטן הונט. מער ווי ווען־עס־איז פריער ליגט ער אָפּ שיר ניט גאַנצע טעג אויף זיין ספּעציעלן קישעלע, אויפן דיל פון זיין באַלעבאָסטעס שלאָפצימער, גלייך נעבן איר אייגענעם בעט. אַזוי ווי די טיר שטייט דאָרט אַ גאַנצן טאָג אָפן, זעט נאַווין, ווען נאָר ער גייט פאַרביי, דעם ליגנדיקן הונט. יענער מאַכט דעמאָלט בלויז אַ שוואַכע באַוועגונג אויפצוהייבן פון קישעלע דעם צעפּאַטלטן קאָפּ מיט די מוטנע־רחמנותדיקע אויגן, אָבער זיין קערפּערל בלייבט ליגן.

חוץ ווען ער דאַרף גיין „שפּאַצירן", און אויף „נקיות" אויך צו דער זעל־ביקער צייט, וויל שוין „בייבי" זיך מער אינגאַנצן ניט אויפהייבן פון אָרט. אַפּנים, די כּוחות זיינען שוין אים באַלד אינגאַנצן אויסגעגאַנגען. מרס. נייטינגייל האָט שוין טאַקע אַ פּאָר מאָל געטראַכט: זי וועט זיך סוף־כּל־סוף ניט אַרויסדרייען פון אָוועקפירן אים צו אַ וועטערינאַר־דאָקטער אויף „איינצושלע־פערן".

— צו־וואָס זאָל זיך עס טאַקע אַ חיה מאַטערן אויף דער עלטער? — טענהט זי אַיין, אַפּנים מער מיט זיך אַליין ווי מיט נאַווינען. יענער מאַכט זיך איצט אין קיך אַ טעפּל קאַווע, פון אַזאַ צעפּולווערטן קאַפע־פּרעפּאַראַט, אויף וועלכן מ'דאַרף בלויז אַרויפגיסן זודיק וואַסער. ער איז מיד אינעם שפּעטן זונטיק־נאָכמיטאָג פונעם צו־לאַנגן ליגן אין בעט. און אפשר איז עס די אָנגעזאַמלטע מידקייט פון דער גאַנצער וואָך. אַלנפאַלס, ער וויל נאָך לעת־עתּה אין גאַס ניט אַרונטערגיין.

הלוואי וואָלט עס עמיצער געטאָן מיט מיר אַליין אויך. ווען איך וועל שוין זיין אויף דער עלטער... — טענהט מרס. נייטינגייל ווייטער, — אָבער ניין, אַ מענטשן לאָזט מען ניט אַזוי גרינג שטאַרבן! מען צווינגט אים מוטשען זיך סאַמע ביז דער לעצטער מינוט... כאָטש וויניק האָט ער זיך שוין אַזוי אויך געהאַט אָנגעמוטשעט ביים לעבן זיינעם, האַ?

נאַווינען האָבן טיף אַ ריר געטאָן אָט די גאַנץ גלייכע רייד. ס'איז ווי ער וואָלט זיך גאָרניט געווען געריכט צו הערן זיי פון מרס. נייטינגיילס מויל. צורייבנדיק אַזוי דאָס שוואַרצע קאַווע־געמישעכץ אין גלאָז מיט אַ לע־פעלע, ווייזט ער שיר ניט אַרויס זיין מיטגעפיל צו דער באַלעבאָסטע מיט אַ העברעאישן פּסוק: — יעס, מרס. נייטינגייל! אָדם לעמל יולד... — ער כאַפּט זיך אָבער באַצייטנס, און טוט בלויז אַ קרעכץ מיט אַ גאָרנישט־זאָגנדיקן שמייכל:

— יעס מעם... סאָטש איז לאַיף.

ס'איז, דעם אמת געזאָגט, נאַווינען אַליין אויך גאַנץ קאַלעמוטנע אויפן האַרצן. ווי תּמיד אין ניו־יאָרק, בייט זיך ווינטער אויף פרילינג און פרילינג צוריק אויף ווינטער — אין איין און דערזעלבער וואָך. נעכטן איז געווען פאַלנער פרילינג און היינט איז שוין ווידער נאַסער סוף־ווינטער. פאַרנאַכט־

לעך־צו האָט אַפילו אָנגעהויבן אַרויספאַלן אַ שנייעלע... און היינט איז גראָד געווען פּורים.

ס׳האָט זיך אים פאַרביינקט נאָך אַביסל כּאָטש פון יענער מענטשלעכער פריילעכקייט און לוסטיקייט, ווי ער האָט עס געדענקט פון יאָרן צוריק אין אַזאַ טאָג. אין דער אַלטער היים — אַפילו אין די גרויסע שטעט. נאָר ווייל ער האָט זיך ביודעים דורך דער לעצטער צייט געהאַט אָפּגעזונדערט פון אַלע זיינע פריינט און באַקאַנטע, האָט ער ניט געוואוסט וואוהין צו גיין. אָבער סייווי: פּונקט ווי די גאַנצע אַמאָליקע היים האָט שוין לאַנג אָוועקגעקרייזט אין שווינדיקע רויכן ערגעץ־וואו צו די גלייכגילטיק־פּוסטע הימלען, אַזוי מעג שוין אויך זיין פרייד פאַרשווינדן דעם זעלביקן וועג... מיטן גלאָז שוואַרצע קאַווע אין האַנט האָט ער זיך באַלד געלאָזט גיין צום צווייטן עק קאָרידאָר. ביי מר. קייראָן איז ער תמיד געווען אַן אַנגעלייגטער גאַסט, ווייל די באַלעבאָסטע אַליין איז ניט צופרידן געווען ווען יענער פלעגט איר אַמאָל צו פיל צובאַלעמוטשן די צייט.

אויך קאַרא פלעגט זיך באַמיען צו האַלטן זיין טיר אָפן, כּאָטש די שאַפע אין זיין צימער פלעגט תמיד זיין פאַרשלאָסן. ער האָט זיך באַמיט צו האַווירן די באַלעבאָסטע וועלכע האָט פיינט געהאַט פאַרשלאָסענע טירן. חוץ דעם, האָט ער טאַקע אַליין אויך ווי אויסגעקוקט, געוואַרט אַז אַ מענטש זאָל צו אים אַמאָל אַריינגיין... אויף איין וואַנט פון זיין צימער איז געהאַנגען אַ געקאַרבט הילצערן טאַוועלע מיט אַן אויסגעקריצטן לאָזונג פון האַרעיס גרילי וועגן דער טוגנט פון געלט־שפּאָרן. אויף אַ צווייטער וואַנט, אונטער אַ סטיליזירטן הילצערנעם אָפּדאַכל פון וועלכן עס איז אַרונטערגעהאַנגען אַ קליין קופּערן גלעקעלע, איז געווען אָנגעקלאַפּט אַ האַנט־געפּאַרבט הילצערן ברעטל מיט אַן אויפשריפט אויף דעם פון לאָרד בייראָנען:

That all-softening
O'er-powering knell,
The tocsin of the soul—
The dinner-bell...

אַליין איז ער געזעסן איצט אין אַ פּאָטער־שטול, אינמיטן פון אַ גאַנצער פאַרפּלייצעניש פון פּילע קאָלירטע און ניט־קאָלירטע בויגנס און ליילעכער פון אַ גרויסן ניו־יאָרקער ענגלישן זונטיק־בלאַט. זיי האָבן זיך געוואַלגערט אויף אים און אַרום אים, אויפן שויס און ביי זיינע פיס. מיט לייעך־ברילן אָנגעזאָטלט אויף דער שטאַרקער פליישיקער נאָז זיינער, האָט ער האַלב געדרימלט האַלב־אַריינגעקוקט אין דער אָפּטיילונג פון סטאָקס און באָנדס.

— קאָם אין, קאָם אין, — האָט ער זיך דערפרייט אַ צאַפּל געטאָן. — זעצט זיך דאָ...

— מר. קייראָ — האָט פון נאַווינס ליפּן ווי פון זיך אַליין זיך אַרונ־טערגעקייקלט דאָס וואָס ס'איז ביי אים געווען אויפן האַרצן. — ווייסט איר כאָטש אַז היינט איז פּורים?

— איז דהעט סאָ? — האָט יענער זיך פאַר'חידושט, אָבער באַלד זיך פאַרכאַפּט. אוודאי ווייס איך, האַ־האַ... וואָס דיינקט איר עפּעס בין איך?

— סאָ וואַי דאָנט יו גאָ טו שול אָר סאָמטינג? — האָט דורך דער אָפּענער טיר אַריינגעשריגן מרס. בייטינגייל, וועלכע האָט רק געזוכט אַ געלעגנהייט צו טשעפּן זיך צום אַלטן. — יעס, איי פיין דזשו יו אַר!

— האַ־האַ — האָט דער אַלטער עפּעס גאָר ווי גרויס הנאה געהאַט פון איר אָנגעשריי. — ווי זי גיט עס דיר אָבער תמיד אַכטונג אויף מיין יידיש־קייט! און וואָס איז דער מער מיט דיר אַליין? — האָט ער צוריקגעשריגן.

— וועל, איי עם אַ גויע... — נאָר ווי דערמאָנענדיק זיך אָן עפּעס, האָט זי גלייך צוגעגעבן: — פּרעקטיקעללי אַ גויע... בלויז 20 פּראָצענט יידיש... אָבער איך ווייס אַז היינט עסט מען המן־טאַשן? און דו, אַל־טער? וואָלסט כאָטש געווען אַרויסגעבראַכט המן־טאַשן!

— יצחק־הערש קייראס „מלאך מגיד מישרים"... — האָט נאַווין מיט ביטערקייט אַ שמייכל געטאָן אין זיין שוואַרצער גלאָז קאַווע אַריין.

— האָ, ס'איז טאַקע אַ „סוועל איידיע"! — האָט זיך אינעם אַלטן צו־שפּילט דער אַפּעטיט. — מרס. בייטינגייל, ווען גייט איר אַראָפּ אין גאַס? נאָט אייך אַ דאָלער און קויפט איין כאָטש אַ האַלבן טוצן... אָבער מיט מאָן! — האָט ער זיך הנאהדיק געריבן די הענט. — און פאַרגעסט מיר ניט ברענגען אַ רעשט פונעם געלט... היטלער־טאַשן וואָלט מען זיי איצט באַדאַרפט רופן! — האָט ער וואוילעריש אַ וואונק געטאָן נאַווינען. אין זיין יידישקייט וועט ער ניט אָפּשטיין קעגן קיינעם!...

און מיט אַ שעה שפּעטער האָט מרס. בייטינגייל טאַקע שוין אַרויסגע־בראַכט פון אַ יידישער בעקעריי אויפן העכערן טייל בראָדוויי אַ שקאַרמיץ פרישע גלאַנציק־פאַרברוינטע המן־טאַשן. צוזאַמען מיט גלעזלעך קאַווע האָט זי זיי באַלד סערווירט ביים אַלטן אין צימער.

מר. קייראָ האָט די גאַנצע צייט פונעם קאַווע־צובייסן געהאַלטן אין איין פאַרטיידיקן זיין אויטענטע יידישקייט פאַר נאַווינען. „אַן אמתער ראַבבאַי", — האָט ער באַוואונדערנדיק אַ וואונק געטאָן צו מרס. בייטינגיילן אויפן צווייטן קוואַרטיראַנט. — „ער ווייסט דיר די קלענסטע זאַך וועגן יידן..." אָבער אויך פאַר זיין אייגענער יידישקייט האָט ער זיך אָנגענומען. „וואָס הייסט: ער, מר. קייראָ, איז ניט קיין „גוד דזשו" — ער פּראַוועט דען ניט קיין „יאָרצייט" פּינקטלעך יעדן יאָר?"

נאווין האָט מסכים געווען, אָבער מרס. בייטינגייל האָט זיך שוין ניט געלאָזט אַזוי גרינג צופרידנצושטעלן. „יעס, איי פיין דזשו יו אַר! אַז אַפילו אין אַזאַ הייליקן יום־טוב, ווי „האמאן־טאַשן“ ביסטו אויך ניט געגאַנגען אין דער יידישער טשוירטש!“ לאַנג אָבער מיט זיי האָט זי ניט געקאָנט פאַרברענגען. זי האָט געדאַרפט צוגיין ערגעץ אויף באַזוך, אַ פּאָר הייזער פון דאַנען. דעם הונט האָט זי דאָס מאָל אויך ניט מיטגענומען — אפנים, אַז ער איז שוין געווען צו־שוואַך פאַר לענגערע שפּאַצירגאַנגען. „זי איז אַוועק נאָכן וועטערינאַר־דאָקטער“, איז נאווינען פּלוצלונג אַיינגעפאַלן, כאָטש ער האָט ניט געהאַט קיין גרונד פאַר דעם. פונדעסטוועגן איז אים עפּעס באַלד הויל געוואָרן אונטערן האַרצן.

זיי זיינען פאַרבליבן איצט אין צימער זאַלבעצווייט. מר. קייראָ האָט געהאַט דערפאַר אַ גרייט אויער פאַר אַלע זקנישע מעשיות און זכרונות. ווי דורשטיקע מדבר־זאַמדן כאַפּן אויף יעדן איינציקן טראָפּן פון אַ פאַלנדיקן רעגן, אַזוי איז נאווין יענעם אָוונט נייגיריק געווען אַריינצוזאַפּן אין זיך יעדן פרעמדן וואָרט, יעדע דרויסנדיקע פּאַסירונג, וואָס וואָלטן געקאָנט פאַרשטופּן און מאַכן אים פאַרגעסן אָן זיינע אייגענע פּיינען און יסורים.

מר. קייראָ האָט גערן און באַריכות הערציילט פון יענער וויטער צייט ווען די ניינטע סטריט, אויף וועלכער ער האָט געוואוינט די ערשטע צייט נאָך דער חתונה, האָט שוין געהייסן אַפּ־טאַון; ווען העכער פון דער 125טער און האַרלעם האָבן זיך שוין געשטרעקט די ווילדערנישן פון אַ שיטער־באַוואוינטן קאָונטרי־לאַנד... ער האָט דערציילט פון יענער ערשטער צייט זיינער אין ניו־יאָרק ווען אַלע טראַמוואַיען פלעגן נאָך דאָ געשלעפּט ווערן פון פערד, און ווינטערצייט פלעגן אין זיי ברענען אויוועלעך, און די דילן זייערע פלעגן זיין באַשאָטן מיט שטרוי...

מיט האַלב־פאַרמאַכטע אויגן האָט זיך נאווין צוגעהערט צו מר. קייראָס מעשיות. אָשוויענטשים, מאַידאַנעק, לובלין — האָט מען געדאַרפט, זיינען דען געווען וואו אַנדערע, „ריכטיקערע“ אָדער פינצטערערע ווערטער אויף אויסצודריקן זיינע יסורים? און אויב ניט ווערטער האָט דען אַ זין געהאַט אַפילו צו טראַכטן בלויז דורך וועלכן פון אָט די אויוונס — שרעקלעכער און גרויזאַמער אַפילו פון די לעגענדאַרישסטע קאַלכאויוונס פון אַ וועלכן ס'איז פאַרצייטישן היידנישן מלך — זיינען עס אויפגעשטיגן די רויכן, מיט וועלכע זיין אייגן פלייש־און־בלוט זיינען עס אַרויף צו די שווייגנדיק־גלכגילטיקע הימלען? ניין, ער האָט קיין ווערטער־לבוש, וואָס זאָל זיין פינצטער גענוג פאַר זיינע געדאַנקען; קעגן דער ווירקלעכקייט האָט אַפילו די פאַנטאַזיע דאָס מאָל ניט געהאַט קיין שטאָף אַרבעט.

יענעם אָוונט האָט מר. קיירא נאווינען אויך אַביסל מער דערציילט

וועגן אַט יענער לאַנדאַנער ירושה וועלכע ער האָט זיך עס געריכט אַריינ־קריגן אַט־אַט. דער לאַנדאַנער קאָראַ איז נאָך געהאַט געשטאָרבן מיט אַ פּופּציק יאָר צוריק. אין זיינע מיטעלע יאָרן האָט ער, זייער אַ פאַרמעגלעכער מאַן, זיך פאַרליבט אין אַ קריסטלעכער מיידל און געוואָלט מיט איר חתונה האָבן. אָבער די נאָענטסטע קרובים, אין לאַנדאָן און אַנדערע אייראָפּעאישע שטעט — אין „יוראָפּ" זיינען זיי דעמאָלט געווען ענג פאַרבונדן צווישן זיך — האָבן אים געוואָרנט אַז זיי וועלן זיך דעמאָלט אַלע אָפּזאָגן פון אים, אים מחרים זיין, אינגאַנצן אויסשליסן פון דער משפחה...

האָט ער זיי, פאַרשטייט זיך, געמוזט נאָכגעבן — אין „יוראָפּ" איז טהרת־המשפחה געווען אַ גרויסער ענין! — ער האָט אָבער דערפאַר קיינמאָל דערנאָך אינגאַנצן ניט חתונה געהאַט. ער איז געשטאָרבן אַן אַלטער בחור — נאַטירלעך, אין טיפן עלטער, צווישן 70 און 80 יאָר, ווי אַן אמתער קאָראַ... ער האָט אָבער איבערגעלאָזט אַ צוואה, לויט וועלכן זיין היפשער פאַרמעגן האָט געמוזט בלייבן ניט־גערירט אין משך פון גאַנצע 50 יאָר נאָך זיין טויט — ביז, הייסט עס, זיינע משפחה־לייט וועלן שוין אַלע האָבן אויסגעשטאָרבן, אַ מין פאַרשולדיקטער „דור המדבר"... די היפּשע ירושה זיינע וועט דע־ריבער באַלד, דאָס יאָר אַדער דאָס קומענדיקע, אַריינפאַלן דאָס רוב צו די נייע יורשים אין די הענט אַריין — און איינער פון אַט די יורשים איז עס אויך געווען מר. הערדי קייראַ. — — —

ביז נאַווין האָט דערפילט אַז ער האָט שוין גענוג טרייסט־זאַפט אַנגע־צאַפּט ביי אַט דעם דאַרן־בוים... כאַטש, דעם אמת געזאָגט, דאָס גלייכמאַ־סיקע קלאַפּן פון יענעמס לײדנשאַפטסלאָזע איינטאָניקע ווערטער האָט אים פאַרט געהאַט אַביסל באַרויקט, אַט ווי דאָס מאָנאָטאָנע קלאַפּן פון אַ הערבסט־רעגנדל אויף אַ דאַך גלייך איבער אַ מענטשנס קאָפּ. ער האָט זיך ענדלעך אויפגעהויבן, געזאָגט אַ גוטע־נאַכט.

אויפן וועג צו זיין צימער דורכן לאַנגן „וועלאָסיפּעד"־קאָרידאָר פון זיי־ער וואוינונג איז נאַווין פאַרבייגעגאַנגען די אָפענע טיר פון דער באַלעבאָס־טעס שלאָפצימער. דאָרט האָט געברענט איצט אַ קליין עלעקטריש נאַכט־לעמפּל. האַרט נעבן מרס. בייטינגיילס בעט איז אויף זיין קישעלע געלעגן אויפן דיל „בייבי". נאַווין האָט זיך אויף אַ מינוט אָפּגעשטעלט ביי דער שוועל. ס׳האָט געצויגן זיין אויפמערקזאַמקייט צו זיך דאָס, וואָס דעם הונטס קאָפּ איז דאָס מאָל ניט געווען איינגענורעט אין די פּיס, נאָר אַביסל פאַר־וואָרפן אַן אַ זייט. ער האָט אויך דאָס מאָל ניט אויפגעהויבן פון קישעלע דעם קאָפּ, ווי געוויינלעך בעת עמיצער פלעגט זיך אָפּשטעלן לעבן זיין טיר. און פּלוצלונג איז אַ ציטער דורך איבער „בייביס" ברויך־גלאַטער הויט, ער האָט שוואַך אַ דריגע געטאָן מיט די פּיסלעך און זיי באַלד אינגאַנצן אויסגעצויגן.

בעריש ווײַנשטיין

ירושה פון דורות

האָסט נאָך קײנמאָל נישט געזען אַזאַ הײסן
ציטער פון קדושה ווי אין חנהלעס תהילים־זאָגן.

ביסט פאַרהײליקט, רײשע, מיט אונדזערע זײדעס.
אויף דײַן ערד בלײַען מצבות פון ייִדישע דורות.
אין אַלע דײַנע שבת־פענצטער ברענען ליכט
פון אונדזערע באָבעס ציטריק געצונדן —
און דערצײלן פונעם גלות ווען זײ טונקלען.
ביסט געהײליקט מיט אונדזער קידוש־השם ;
מיטן געזאַנג פון אונדזערע הײסע מתמידים.
דער אײביקער אליהו־הנביא איבער ייִדישע הײזער,
היט דעם פסח־באַנאַכט אין אונדזערע שטיבער.

און אָט איז די באָבע חנהלעס הויז באַנאַכט.
שלאָף שטײען אירע שײבלעך קעגן דער לבנה
און דעם זײדנס חנוכה־ליכט פינטלען, פינקלען ;
מאָלן וואָגלדיקע ייִדן אויף פּראָסטיקע שויבן.
דער זײדע אַ סופר, שאַרלעך און פאַרקלערט,
צווישן געקאָלכטע ווענט אַלײן,
שרײַבט מיט אַ געגזענער פּענע אויף פּאַרמעט
און שלאָגט זיך־אָן אין דער פרשה תולדות,
וואו דער האָריקער שטאַרקער עשו
האָט די בכורה צו יעקבן פאַרקויפט.

תמיד וויינען פון אים דורות אַרויס ;
די נאַכטיקע ילֿלות פון ייִדישן געוואָי,
ווען מ'איז קריעהדיק צו שײטערס געגאַנגען
מיט רחמים פאַר דעם אויבערשטן שטאַרבן.
דאָס האָט מען אים צו שטאַנגען געבונדן ;
דאָס האָט מען אים אַקסלדיק דעם קאָפּ פאַרוואָרפן
און אויף אים האָבן פלאַמען געקלעטערט
און אים פון צופיל גלויבן פאַרצערט .

חנהלע —אַ פֿרומע, פּשוטע באָבע.
ר׳ בעריש, אַ זיידע, אַ הייסער ייד.
צו דינען גאָט ווערןביידע נישט מיד.
ביידן קוקן אויס ווי ספרים, ווי תּפילות:
דער זיידע איז די גמרא אין שפּעטער קלויז
און די באָבע — דאָס ליכט פֿון תּחינות.
ביידנס טעג און חדשים זיינען תּעניתימדיקע.

אין קלויז קוקט דער זיידע צו די לייבן אַרויף,
פֿון כּתר דאָס ליכט אין זיך אַריינצונעמען.
היות ווי די ערד פֿאַרשוועכט גאָטס תּורה,
וואָלט ער משה־רבינוס שטיינערנע לוחות
וועלן טראָגן צום באַרג־סיני צוריק —
און פֿלאַטערדיק מיט די לוחות צוגעדריקט,
גיין אין טאָג און נאַכט איינגעדעקט
מיטן טלית פֿאַר ווינט, פֿאַר זאַמד באַשיצט,
ווי אין די טעג פֿון גושן, פֿון כּנען —
און מיטן של־ראש אויפֿן קאָפּ זוכן שדי,
זיין עקשנות, זיין גבורה איז גאָט!

*

צום קלויז־ייד ר׳ הערש־יעקב
איז געגליכן די באָבע חנהלע.
מען טרעפֿט זיי גיין צום דאַווענען
אין דער זעלבער שעה — פֿאַרטאָג.
צוויי געבויגענע — אַ זיידע, אַ באָבע;
לויטער יידן — קדושה־וטהרה.
זיי גייען אַלע פֿרי איבערן לערן מאַרק
מיט פֿרומקייט און מיט פֿאַרכט
און שאַרן זיך ווי די הימלען.
ר׳ הערש־יעקב עפֿנט די קלויז
און חנהלע — די ווייבערישע שול.

אין הייזער שמט די באָבע חנהלע
פֿאַר אַ יידענע פֿון מעשים־טובים.
די אמתע וועלט אירע איז עולם־הבא;
אויף דר׳ערד איז זי גאָט צו דינען.

די קלויז, דער קרבן־מנחה סידור,
וואָס זי האָט פון דורות געאַרבט,
איז איר תשובה, איז איר געוויין.

אויף וואָס וויינט דאָס אַזוי חנהלע
צו גאַנצע טעג ביים תהילים־זאָגן?
פון טרערן געל איז איר סידור;
די בלעטער האַרט און פאַרוויינט,
פון צופיל זאָגן ווערט זי ממש בלינד.
אין די וואָכעדיקע קריאת־תורה טעג,
ריכט זי תעניתים־אָפּ ווי יום־כיפור —
און איז קיינמאָל קיין פלייש נישט טועם,
סיידן אַ שטיקל עוף פון ר' אזשע'ס שחיטה. —

דאָך, פאַרוואָס וויינט עס אַזוי חנהלע?
אויף איר שטערן קאַרבן זיך דורות צער;
גלותדיקער געוויין אין אירע בלוטן
און אייביקער תהילים אויף די ליפּן.
ס'איז נישט אַזוי דאָס געוויין,
ווי דאָס תשובה־טאָן פאַר מענטשן.
פאַר חולאים גייט זי שטענדיק קברים־רייסן;
אין די בתי־מדרשים ליכט אָנצינדן;
צו אָרעמע קימפעטאָרנס טראָגן „וואַרעמס" —
און די שעה זאָל נישט זיין, אַפילו תכריכים.
איצט, פאַרוואָס זאָל חנהלע נישט וויינען?

*

בטבע איז חנהלע אַ שניט־סוחרטע
און האַנדלט מיט אַ ברייטן ערלעכן שם.
אַן אלמנה, האָט זי יונג אַ נדר געטאָן
נישט חתונה צו האָבן נאָכן זיידנס טויט.
געבליבן איז זי מיט דריי זין, דריי טעכטער
און צו זיי זייער טאַטע און מאַמע געוועזן
און אַלע, ב"ה, אין דרך־הישר געפירט.
זי פלעגט אויסגעריסן ווערן אויף יאַרידים
און קיינמאָל דאָס דאַווענען נישט פאַרפעלן,
נאָר די קלויז געהיט פאַרטאָג, פאַרנאַכט.

חנהלע האַנדלט מיט וואָרט און מיט חשבון,
דעם זיידן ר׳ בעריש׳ס נאָמען אָפּצוהיטן.
ריישעס גרעסטע שניט־סוחרים — דריי :
פּיװועל, לובאַש און חיים־וואָלף בוי,
האָבן תיכף־ומיד נאָכן זיידנס טויט —
חנהלען אויף די פיס צוריק געשטעלט.
מ׳האָט איר סחורה געגעבן אויף באָרג ;
אויף דער „קאַנטע״ פון איר תהילים
און אויף איר קרבן־ מנחה סידור.

מיטן כוח פון איר ערלעכקייט,
פירט חנהלע איר מסחר אַלע טאָג.
איר געוועלב האָט שווערע, גראָבע טירן
און קאַלטע, בייזע שלעסער אָנגעהאָנגען.
דער אײַזערנער לאָדן איבערן פענצטער
וויגט זיך ווינטיק אַהין־און־אַהער
און ברעכט פון גרויס שווערקייט די מויער.
די שוועלן מיט פּאַטקאָװעס באַשלאָגן,
האַלט אויס דעם מזל שוין יאָרן.

*

און אָט ווי חנהלע פירט איר מסחר :
דינסטאָג און פרייטאָג איז אין ריישע מאַרק.
פּויערים, פּויערטעס שיטן זיך פון דערפער
מיט וועגענער תבואות, עופות און רינדער ;
איינגעדישעטע חזירים שרייען פון זעק.
מען קומט מיט ווייץ, מיט קאָרן אויף די רוקנס ;
מיט שטענגלעך צאַפּלדיקע פיש אָנגעצויגן
און מען פאַלט אַזוי צו חנהלען אַריין שוין יאָרן.
דאָס זיינען געבראַכטע מתנות פאַר איר אייל־און־מאָס
פון קוגים, נאָך פון זיידן ר׳ בערישעס צייטן,
וואָס רופן איר קראָם „בערקאָװע נאַ סכאָטקי״.

אַז דער תמוזדיקער פאַרנאַכט פאַלט צו,
די קלויסטער־שפּיצן ברענען אין שקיעה
און די שויבן, די מענטשן ווערן מנחהדיק שטום
און פונעם יאַריד צעפאָרן זיך די פּויערים —

ערשט דעמאָלט קוקן זיך אַרום די סוחרים:
ווער ס'האָט אַ שווערן טאָג לייזעכץ געהאַט.
ווי אויף להכעיס אַלע שכנישע קראָמען,
געפינען זיך שטענדיק קונים ביי חנהלען
און דאָס געוועלב איז תמיד אין געדרענג.
סוחרים פאַרגינען נישט, נעמען זיך די אויגן אַרויס:
דאַכט זיך די זעלבע סחורה, דער זעלבער פּרייז,
דער פּויער אָבער וויל נאָר „בערקאָווע נאַ סכאָטקי".

אין דער זומערדיקער ערב מנחה־שעה,
נאָכן מאַרק־טאָג צו פאַרנאַכט צו —
קלויבן זיך ערשט־אָן פּריצים, גלחים,
נאָנעס פון שפּיטאָלן, פון קלויסטערס
אין חנהלעס יונישע שניט־קראָם.
זי נעמט זיי אויף גענעדיק־פרום;
ברענגט פאַר זיי שטולן פון שטוב אַרויס
און פאַרבעט זיי העפלעך זיך זעצן.
די פּריצים קויפן ברייט אויפן מעטער;
מ'האַנדלט שטיל, געמיטלעך און רואיק
און מ'רעדט בעת־מעשה וועגן „פּאַן־בוג",
וועגן גוטע שכנים און שלעכטע שכנים
און וועגן פּריצישע גיטער און שלעסער.
די פּריצים שעמען זיך צו דינגען,
צאָלן זיי דעם פּרייז וואָס חנהלע בעט.
אונטערגעשיקטע משרתים קוקן בייז אַריין,
פאַרגינען נישט, קריצן מיט די ציין.

אַזוי שטילן זיך די יאַרידים איין.
די הימלען מיניען אין קילן בראַנדז.
פון האַנדל שטייט דער גאַנצער רינג מיד
און פאַר די געוועלבן שטייען סוחרים לער;
ווער מיט לייזעכץ און ווער אָן לייזעכץ —
און מ'שפּאַסט לאַנגווייליק מיט משרתים.
מעקלערס אויף זייערע שטעקנס אָנגעשפּאַרט,
שטייען מיט אַ פאַרביסענע שטרוי אין מויל
און קוקן אַרויס אויף אַ לעבעדיקער פּרוטה.
די שטאָט פאַלט־צו גרוי אויף זיי.

ווינטער פירט חנהלע אַנדערש איר מסחר,
ביינאַכט סאָרטירט זי די אָנגעוואָרפענע סחורות.
אירע הענט שמעקן פון באַטיסט, פון קאַנגארן;
פון בריסטל, פון צייג, פון וואָלענע שאַלן.
און ס׳נאַפט־קנייטל רויכערט און טריבט
און חנהלע ציילט ס׳לייזעכץ פון יאַריד.
אין שטויסן פון זילבער גאָלד און קופּער,
שטעלט זי „קראָנען", „ראַנישן" באַזונדער;
די קופּער־שטיקלעך און די גאָלד־שטיקלעך —
און ציילט אַלץ פּאַרזיכטיק — אַמאָל און צוויי,
און פאַרשרייבט אין יידיש אויפן אָרט באַלד
וויפיל, און וועלכע סוחרים מען דאַרף צאָלן.

חיות ווי זי קען קיין חובות נישט האַלטן,
גייט זי תיכף־ומיד נאָכן לייזעכץ אַוועק
צו די האָרט־סוחרים זיך אָפּרעכענען.
אַ פּראָסטיקע סכנה בריט דאָס געזיכט
און אינעם שניי זינקען חנהלעס פיס.
אַ זאַווערוכע בויגט איר קאָפּ אַראָפּ טיף
און זי גייט, אַ יידענע אַ סוחרטע איצט,
מיטן ביסל ערלעך געלט סוחרים צאָלן;
איינהאַנדלען וואָס ס׳פעלט אויף מאָרגן.

אַז חנהלע קומט אין האָרט־געשעפטן אַריין,
צינדט מען העלער די בליך־לאָמפּן אָן
און מען שיקט די בעסטע משרתים צו.
חנהלע וויל אָבער דעם סוחר גופא זען,
ווייל א מבין אויף שניט איז זי אַליין;
בלינדערהייט מיט די פינגער אָנצוטאַפּן.
דער סוחר נעמט זיינע סחורות רימען:
אַז אַזאַ שטיקל דאַמאַסק איז נישט צו באַקומען,
מען זאָל אַפילו גאַנץ ווין אויסגיין
און אַז סוחרים זיצן דאָרט אָן וואָכן לאַנג
און קענען אַ פאָדעם נישט באַקומען,
ווייל די מוסטערן זיינען נישט פאַר ריישע —
חנהלע לאַכט פון זייערע סוחרישע רייד
און קנייטשט קלוג מיט אירע אַקסלען,
ווייל אַ מבין איז זי ממש בלינדערהייט.

אַזויפֿיל דאגות אויף חנהלעס קאָפּ!
גרויסע טעכטער דרייען זיך אַרום.
און ווער, אַז נישט חנהלען אַליין,
גייט פּשוט פֿון עגמת־נפש איין?
מען דאַרף נדנים, מען דאַרף חתנים.
די עלצטע שטייט נאָך נישט אין שדוכים;
און די צווייטע, די פֿייערדיקע שפרה,
ברענט אַ וועלט חתונה צו האָבן.
איצט, מאַלטשע, די יונגסטע;
מאַלטשע, חנהלעס אויג אין קאָפּ,
איז דער מאַמע מיט לעבן איבערגעגעבן
און העלפֿט איר אויף יעדן שריט און טריט.
אויף מאַלטשעס אַ וואָרט קען מען שטעלן —
פֿאַרלאָזט זיך טאַקע חנהלע אויף איר
און שיקט זי צו אַלע סוחרים אַרום
סחורות קויפֿן און די חובות צאָלן,
זי וועדט וויכטיק און דערהויבן
אין דער באָבע חנהלעס אויגן.

*

אויף גאָטס באַראָט לאָזט זי אירע זין.
צי איז דען אַ גרעסערער נחת פֿאַראַן,
ווי צו קענען יום־ולילה זיצן און לערנען?
פֿאַר וועמען, מ'שטיינס געזאָגט, האָרעוועט זי,
אַז נישט אירע זין זאָלן ביי ספֿרים זיצן;
אַז נישט אירע זין זאָלן צו רבי'ס פֿאָרן!
ווי אַנדערש קענען ר' בערישעס יורשים זיין?
וואַקסט טאַקע אין חנהלען ס'האַרץ פֿון נחת.

ווי אַזוי גייען די זין פֿונעם לערנען אַהיים,
פֿון די גמרות, משניותן און ש"ס'ן,
אַז די סאַנדזער קלויז שטייט ביים בית־החיים
און אַז צו גיין פֿון דאָרט ווינטער באַנאַכט,
איז ווי מען זאָל גיין דורך מסירת־נפש!
האָסט נאָך אַזאַ פֿינצטערניש נישט געזען.
דאָס חיות גייט אויס ביז מ'זעט ליכט,
ביז מען זעט זיך שוין ביי אַ לאַמטערן.

אַלץ איז ווי פּחד טויב און שטום — אַרום ;
מ׳הערט דאָס אייגענע האַרץ דורכן העמד.
די געזיכטער פון די שפּעטע לערנערס
באַהאַלטן זיך פון שרעק אין די קאָלנערס.

זעלנעריש איז די אימה דאָ, דער וועג !
מען גייט דורך פאַרלאָזענע לערע בודעס,
און עס שווינדלט אין יעדן ווינקל מיט זנות.
דאָ טשאַטעוועט מען אויף געזונטע נאַרישע שיקסעס ;
אויף דינסטן וואָס טראָגן קאַנען־וואַסער.
די פּרעכע גלוסט אין די אָפענע בודקעס ברענט
פון אַלערליי זעלנער, פון יעדן רעגימענט.
מען ציט די שיקסעס פּראָסט אין טויערן אַריין
און הערסט געלעכטער, אַמאָל געוויין ;
לאַנג לאָזן זיי די קאַנען־וואַסער שטיין,
פאַרהאַרטעוועט, פאַרפּראָסטיקט — אויפן שניי —
ביז די תאווה קילט ביסלעכווייז אָפּ אין זיי.

— —

באַשערים, גאָט, חנהלעס זין אין יענע רגעס,
זיי זאָלן זיכערע פונעם לערנען צוריקקומען שטיל ;
תמיד גיין שין די וועגן ווי חנהלע וויל.

*

ווען די טעג ווערן ווינטערדיק און טריב,
דער שניי פאַרשיט די גאַסן, די טריט
ווערט חנהלע טרויעריק אין פאַרנאַכט.
צייט פאַר מסחר קלעקט נישט קיין סך
און דער בין־השמשות פאַלט געשווינד צו.
חנהלע פאַרשפּאַרט ס׳געוועלב, ווי ערב־שבת ;
דאָס וואָכעדיקע מנין נישט צו פאַרפעלן :
תמיד האָט זי נאָך עמיצן ליכט צו צינדן,
פון עלנדע יתומים קדיש — אויסצוהערן
און ווי ר׳ הערש־יעקב נאָכזאָגן אמן.

איצט, אַז עס איז געקומען דער קורצער פרייטאָג,
האָסט שוין אַמאָל דערפילט פאַרציטערט בלוט
פאַר עפּעס וואָס מען ווייסט נישט פאַרוואָס ?
אַזוי פאַרציטערט דיך חנהלעס גרייטן צו שבת.

דאַנערשטיק גרייט זי אָן די פיש, די חלות.
די שטאָט לערט זיך ביסלעכווייז אויס פונעם יאַריד
און ס׳שמעקט מיט כסלו, מיט טבת, מיט שבט.
חנהלע פילט נישט מער די ערד אין די טריט,
נאָך געפינט זיך צווישן שבת און גאָט.

אינמיטן ברען פון פרייטיקדיקן האַנדל,
לאָזט זי די קראָם מיטן גאַנצן יאַריד שטיין
און וואַרפט אַראָפּ די סוחרישע קליידער:
די קעשענע־געלט מיט די בינטן שליסל
און אַלע זאַכן ווערן מיט אַמאָל מוקצה.
שבת צוצוגרייטן איז איר גרעסטע מצווה.
אויף אַלע מאכלים אויפן טשאָלנט, אויף די חלות,
אויף אַלץ וואָס גאָט האָט באַשערט פאַר שבת,
גיט חנהלע איר שפּרוך לכבוד שבת!

די לייכטער פון איר דרשה־געשאַנק שפּיגלען;
שטייען אויפן טיש געגרייט און פינקלען.
דאָס טישטוך וואָרעם־ווייס אויסגעשפּרייט
שמעקט ווי די צווייי צוגעדעקטע פרישע חלות.
די שקיעה אויף חנהלעס אויגן ברענט,
קוקט זי אויפן לוח, אויפן ציפערבלאַט
און לויפט צו דער שויב איטלעכע רגע.
דער פרייטיק פאַלט־צו מידער, בלויער
און אָוונטיקער ווערט דער וויין, די לייכטער,
ווען חנהלע צינדט די באָבישע ליכט אָן.
איר געזיכט, אירע הענט ווערן לויטער
פון גאָטס פייער, פון חנהלעס לייכטער,
פון איר ברכה איבערן שבת אויף דער וועלט.

*

שבת איז חנהלע שפּאָרעוודיק מיט אירע רייד;
אַ וואָכעדיק וואָרט זאָל זיך נישט אַרויסכאַפּן.
ביים ווינטער־פענצטער זיצט זי דעם שבת אָפּ
און איז אין דער סדרה פון דער וואָך פאַרטאָן;
סידורים און דיקע ווייבערישע ספרים
ליגן אויף איר פענצטער הויך אָנגעוואָרפן —
און צו יעדן ספר נוצט זי אַנדערע ברילן:

ברילן — צו דער ברייטער צאנה־וראנה,
ברילן — צו ברכי־נפשי, צו דער תחינה,
און דורכן פענצטער זאָגט זי גאָט־פון־אברהם.

אַזויפיל בענקשאַפט אין חנהלעס קול,
ווען זי לייענט ס׳טייטש־חומש פון שמות.
זי זינגט, זי לויבט און קלאָגט אַזוי:
— דאָס זיינען די קינדער פון ישראל
וואָס זיינען קיין מצרים געגאַנגען,
איטלעכער מיט זיין האָב־און־גוטס,
מיט די זיבעציק נפשות פון יעקבן.
יוסף איז שוין אין מצרים געווען;
געשטאָרבן איז ער מיט די ברידער;
דער דור מיט די זיבעציק נפשות.
נייערט ישראלס קינדער האָבן געמערט;
זיך געפרוכפערט און זיך געווידמעט
און זיינען געוואָרן זייער, זייער שטאַרק
און דאָס לאַנד איז פול געוואָרן מיט זיי...
אַזוי תחינהדיק לייענט חנהלע די סדרה שבת;
טרויעריקער פונעם פאַרנאַכט ווערן די פרשות.

*

חנהלע, דאָס איז דער ציטער פון שבת;
דאָס איז די תחינה פון דער שטוב.
אַז די לאַמטערנס אין דרויסן צינדן זיך אָן,
הויבט חנהלעס געזיכט אָן ווערן טריב.
גראָלעך, פרומלעך און באַביש אַלט,
דערציילט חנהלע ביי דער שבת־שויב
פונעם עלטער זיידן, איר פאָטער ר׳ ליפע.
זי געדענקט אים בלויז ווי אין חלום.
ר׳האָט זיך שטענדיק געפונען צווישן ספרים
און רק זיך אין גאָט, אין קבלה געגריבלט;
שטענדיק געלערנט באַהאַלטענערהייט.
געווען, דערציילט חנהלע, איז ער הויך און דאַר
מיט אַ באָרד פון דינע און שיטערע האָר;
דאָס געזיכט פון צופיל לערנען פאַרקלערט.
שבת פלעגט ער אויפן פעלד אַרויסגיין;

דעם סוד פון דער וועלט צו דערגיין —
און רעדן צו זיך, צום הימל, צו די גראָזן,
גאָטס אָטעם אויף דער ערד צו דערפילן.

חנהלע געדענקט עס ווי אין חלום:
אַזוי ווי איצט, שבת, צו גאָט פון אברהם,
איז איר פאָטער ווי אַלעמאָל אַ שבתדיקער,
אינעם שטריימל אין בין־השמשות אַ טונקעלער,
מיט אַ כזית־חלה צו שלש־סעודות אַוועק
און מער זיך נישט באַוויזן צוריק.

— — — — — — — — — — — — — — —

חנהלע וויל מער פונעם פאָטער נישט רעדן,
וואָרים נישט אַלץ לייגט זיך אויפן יידישן שכל.
איר האַרץ, די אויגן ווערן שווער און קאַלט
און זי נעמט פון עפּעס אַנדערש רעדן באַלד.
וואָס זי זאָל שוין נישט האָבן צוגעטראַכט,
איז נישט משיג צו זיין, ווי אַזוי אַ ייד אַזאַ
זאָל מיטאַמאָל ווי אין אַ וואַלד האָבן אַוועק,
מער פון שלש־סעודות נישט קומען צוריק,
און תמיד בלייבן ווי אַ לעגענדע אין שטאָט.

*

ווי פון אַ לעגענדע מעשות אַלערליי
טראָגן זיך וועגן ר׳ ליפּען קלאַנגען אַרום.
מען זאָגט אַז מען האָט אים שבת־פאַרנאַכט
נאָך מנחה אין אַ קלויסטער פאַרנאַרט;
און אים, לא־עליכם, צו שמד פאַרשלעפּט.
היות ווי ר׳האָט ווי ישו־הנוצרי אויסגעזען,
האָט מען נאָך אים אַ שטיינערנעם געשטאַלט
דאָר און הויך, ווי לעבעדיק אויסגעהאַקט —
און ערגעץ אויף אַ שייד־וועג אויפגעשטעלט.
ער שטייט, זאָגט מען, אויף נאַכטיקע וועגן;
צווישן פעלדער אויף ווינט און אויף רעגן —
און גויים־גויעטעס פאַלן דאָרט אויף די קני,
ציען זייערע ליפּן צו זיינע פיס־פינגער
און לאָזן נאָך זיך עטלעכע נאַרישע פרוטות.

ווי פון אַ לעגענדע מעשות אַלערליי
דערציילט מען וועגן אור־זיידן ר׳ ליפּע:
אַז ער איז שבת באַלד נאָך דער הבדלה
אַרויס מיט אַ ליכט מחדש זיין די לבנה,
און מער אין שטוב אַריין נישט געקומען.
אַ סברה אַז ר׳איז אַ וואַנדערער געוואָרן —
און געוואַנדערט האָט ער טעג און חדשים;
מיט טלית־תפילין אין דער וועלט זיך געלאָזט,
אַ ביסל צו פוס און אַ ביסל אויף באַנען —
ביז ר׳איז אָנגעקומען צו באָרטנס פון ימען.
פון דאָרט האָבן שיפן קיין אַפריקע געזעגלט
מיט אַלערליי סחורות פון פּאָרטוגאַל, שפּאַניע.
דאַכט זיך דער זעלבער ים־המלח פון חומש,
גאָטס גרויסער ים פון משה־רבינוס טעג —
זעט ר׳ ליפּע איצט מיט זיינע אייגענע אויגן.

פון די וואַסערן, וואָס ציען קיין ארץ־ישראל,
האָט ר׳ ליפּע נאָך פון יינגלווייז־אָן געחלומט;
אינעם חדר פון אַזאַ גרויס לאַנד געלערנט.
ווי קען ער גאָר גובר זיין אין זיך דעם כוח
נישט צו וועלן פאָרן אין יענעם חומש־לאַנד,
בפרט ווען ר׳איז נאָענט איצט צו די שיפן?
פאַר וועמען, אַז נישט פאַר אַזאַ ווי ר׳ ליפּען,
האָט גאָט געהייליקט יענע צוגעזאָגטע ערד?
אויב נישט פאַר אַזעלכע יידן ווי ער?
ווער אַנדערש, גאָט, זאָל יענע הייליקע ערד אַרבן?
איז טאַקע ר׳ ליפּע דאָרט אַהין געפאָרן שטאַרבן.

*

חנהלע — זי איז די ירושה פון דורות.
וועגן ארץ ישראל רעדט זי מיט גרויס כוונה.
פאַר אַלע פרומע סחורות פון יענעם לאַנד:
פאַר מצה־שמירה, פאַר וויין, ארץ־ישראל ערד,
באַצאָלט זי מיט שטיקער גאָלד צו גלייך.
אַהין קלייבט זי זיך דעם גאַנצן לעבן
און בעט דעם אויבערשטן טאָג־און־נאַכט,
זי זאָל זיך אַהין נישט דאַרפן קאַלערן,

נאָר עס זאָל איר ווי דעם פעטער ר' מאירל כהן
און ווי איר הייליקן פאָטער ר' ליפּע —
פון גאָט זיין באַשערט דאָרט צו שטאַרבן.

עס שרעקט דיך איר פרומקייט, איר פּנים.
גאָט, וויפיל פּיין עס וועקט אין איר דער צלם!
פאַר קלויסטערס פאַרשטעלט זי די אויגן.
און ווייזט איר אַמאָל אַ קינד אָן אויף יעזוסן,
ווערן אירע באַבישע הענט בייז און האַרט
און פאַלן געשווינד אויפן קינד מיט אַ פּלאַם.
חנהלע, דאָס איז די ירושה פון דורות.

זומער צי ווינטער ביים שבת-פענצטער
ווערט חנהלע אין איר מנחה טונקעלער.
זי ווערט ממש „גאָט פון אברהם" אַליין.
רק זי האַלט אין זאָגן מיט גרויס געוויין
און לויבט, בענטשט דאָס פאָלק-ישראל, אַזוי:
— איידער איך טו צו דיר מיין תפילה, גאָט,
לייטזעליק און פאַרגיב די זינד פון מיין גוף.
דו, ווען איך בין נישט ווערט צו דערמאָנען,
ווען מען נאָמען מיינע לעפּצן טאָרן נישט באַרירן —
דערבאַרים זיך אויף די קינדער פון ישראל,
דערמיט וועסטו אונדז באַגערן און שטאַרקן.
זיי געלויבט פאַר דיין שבת, פאַר דיין וואָך
און זאָלן זיך דיינע קינדער אייביק מערן,
ווי די פיש אין וואַסער, ווי אין הימל די שטערן,
און אָנגענומען זאָלן איצט מיינע תפילות ווערן —
אמן ואמן!

ב. י. ביאַלאָסטאָצקי

לאָרד בייראָנס „יידישע מעלאָדיעס"

1

לאָרד בייראָן (דזשאָרדזש גאָרדאָן בייראָן) האָט די „יידישע מעלאָדיעס" אָנגעשריבן אויף דעם פאָרשלאָג און אויף דער בקשה פון זיין פריינט, ריטער דאָגלאַס קינייערד, פאַר אַ זאַמלונג פון „יידישע געזאַנגען". אַזוי האָט בייראָן אַליין אָנגעגעבן אין אַ מין „מודעה" ביים פאַרעפנטלעכן די דאָזיקע סעריע אין יאָר 1815. צו יענער צייט ווידער האָבן די מוזיקער בראַהאַם און נייטהען, (דער לעצטער — אַ חזן, אַ „קאַנטאָר") אויך פריינט פון דעם דיכטער, פאַרפאַסט מוזיק צו די מעלאָדיעס. קומט, הייסט עס אויס, אַז די „מעלאָדיעס" זיינען געשאַפן געוואָרן בלויז פון „פריינטשאַפט־וועגן".

אָבער ווען מען לייענט בייראָנס ווערק, ווען מען דערשפּירט זיין טאָן, זיין ריטם; ווען מען באַקענט זיך גענויער מיט בייראָנס פּערזענלעכקייט, — דאַן הויבט מען אָן צו האָבן דאָס געפיל, אַז ניט נאָר צוליב „פריינטשאַפט" האָט דער ענגלישער דיכטער אויסגעזונגען די „היברו מעלאָדיס". עפּעס טיפערעס האָט אים צו דעם געבראַכט. בייראָן, מיין איך, האָט געטראָגן אין זיך טיפע אַיינפלוסן פון תנ"ך. אין זיין קינדהייט זיינען די דערציער זיינע אין שאָטלאַנד מיט אים דורכגעגאַנגען גאַנץ תנ"ך. בייראָן האָט אַ סך פסוקים געקענט אויף אויסווייניק. און אָט אַזוי זיינען אין אים שוין אויף אייביק פאַרבליבן תנ"כישע אַיינפלוסן, אַ געוויסע תנ"כישע דירעקטע בילדלעכקייט; אַ מין בונטאַרישע פּראָפעטישקייט; אָפט אַן אָפּקלאַנג פון אַ קהלת־טאָן, אַן אָפּנקייט און אַן עקסטאַטישקייט, און דערצו — גרויסער ערנסט. אמת, בייראָנס ערנסט ווערט אין גאַנג פון זיין לעבן און שאַפן אָפט געמישט מיט בייסיקייט, מיט אַ מין טראָציקייט; אויך פאַלט אַמאָל זיין ערנסט אַראָפּ, ווי אַ טייל קריטיקער ווילן האָבן, צו „ציניזם", אָדער ווערט גאָר פאַרשוואומען מיט סענטימענטאַליזם און מיט צופיל רייד. אָבער דאָך טראָגט זיין ערנסט, זיין רוף, זיין רעוואָלט און זיין התלהבות קענטיקע אַיינפלוסן פון תנ"ך.

אָט די אַיינפלוסן וואָס אין דעם רויש פון דעם בייראָן־שטראָם, ווערן זיי אָפט פאַרוואַנדלט בלויז אין שוים־בלעזלעך; אָט די ליכטיקע פונקען, וועלכע האָבן געגליט אין זיין בלוט, האָבן אין אים איינגעהיט אַ ליבשאַפט

צו „ישראל" (אַלענפּאַלס, צום אַמאַליקן „ישראל"...) און האָבן אַרויסגעצוגעגן פון אים מיט די נאַציאָנאַל־ראָמאַנטישע טענער פון די „יידישע מעלאָדיעס".

די דאָזיקע לידער זיינען גוטע און קרעפטיקע שאַפונגען. כאָטש זיי זיינען ניט פון זיינע העכסטע פּאָעטישע דערגרייכונגען. זיי זיינען אין אַלגעמיין גענומען, אויך ניט כאַראַקטעריסטיש פאַרן בייראָניזם, ווי דאָס האָט זיך אַנטוויקלט ביי אים גופא און דערנאָך אין דער וועלט־פּאָעזיע. זיי זיינען אָבער זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר אים אַליין. זיי דעקן, גלויב איך, אויף אַ באַהאַלטענעם ווינקל אין זיין נשמה, אַ ווינקל, וואָס איז פאַרדעקט געוואָרן מיט בייראָנס אַנדערע מער־כאַראַקטעריסטישע טענער זיינע. זיי ווייזן אַז אין תוך האָט בייראָן אפשר געבענקט נאָך ליד פון גלויבן, פון גאַנצקייט, פון רו, און ניט דווקא נאָך געשפּליטערטע טענער, נאָך צעריסנקייט, נאָך „אומרו צוליב אומרו"־לידער, וואָס זיינען אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַרן אויסגעשפּראָכענעם בייראָניזם.

2

פאַראַן צווישן די 25 „מעלאָדיעס" לידער פון פיר גאַטונגען.

1. לידער קעגן פּויסט, קעגן דעם „גייסט פון מאַכט"; לידער וואו דער פּאָעט זאָגט פאַרויס דעם אונטערגאַנג פון די סנחריבס, פון דעם נצחון פון גאָט און פון געטלעכקייט, פון דעם זיג פון דער הייליקער נבואה.

2. לידער אויף דעם חורבן ירושלים און אויף דעם שווערן גורל פון פאָלק ישראל. דאָ הערן זיך לידער פון קלאָג און אויך טענער פון גבורה. און דערביי קלאַנגען פון האָפנונג!

אין די דאָזיקע לידער שפּירט זיך די פּאָעטיש־פּראָפעטישע פאַראַכטונג צו פּאַגאַניזם. עס זינגט אַרויס פון זיי די טיף־תנ"כישע טרייסט, אַז די רשעות וועט סוף כל סוף מוזן פאַלן און גערעכטיקייט וועט זיגן.

3. לידער פון הייליקער פרויען־שיינקייט, לידער וועגן „שיינקייט", אי אַלס באַגריף און אי אַלס דערגרייכונג. שיינקייט — אַן תאווה, אָן ערדישע באַגערן; אַזאַ שיינקייט, וואָס ווערט פאַרוואַנדלט אין הערלעכקייט, און וואָס איז גאַנץ אַנדערש פון דער עראָטישער שיינקייט פון בייראָנס אַנדערע לידער וועגן פרוי און וועגן ליבע. בייראָן האָט הפּנים געהאַלטן אַז שיינקייט סובלימירטע, שיינקייט ווי „גאָטס קרוין", פרויען־שיינקייט אָן גוף, (אין קעגנזאַץ צום גריכישן באַגריף פון שיינקייט), איז יידישער מאָטיוו!

4. לידער וואָס האָבן אין זיך קהלת־טענער און אויך עטוואָס פון איוב, ווי אַ שטייגער דאָס אינטערעסאַנטע, קרעפטיקע ליד: „ווען קאַלטקייט

הילט אַיין מיין געביין״; אָדער דאָס ליד: „הבל הבלים״ און דאָס ליד „פון איוב״.

5. לידער פון מענטשלעכן נשמה־געראַנגל, דער געראַנגל צווישן יצר הרע און יצר טוב, וואָס איז אַזוי טיף יידיש. לידער פון חרטה, פון יאוש, פון געוויין. אַזוינע טענער, ליריש־רירנדיקע, הערן זיך אין זיין „הורדוס׳עס קלאָג־ליד״, די לידער וועגן שאולס טויט, אָדער דאָס באַרימטע ליד „מיין זעל איז פינצטער״ (וואָס דער רוסישער דיכטער לערמאָנטאָוו האָט עס אין רוסלאַנד באַרימט געמאַכט מיט — ניט קיין איבערזעצונג — נאָר מיט — אַ באַאַרבעטונג).

און איבער אַלץ, איבער אַלע לידער פון דעם ציקל, שוועבט אַ דייסן זיך צו געלייטערטקייט, צום יום שכולו טוב, צו גאַנצקייט, צו רו. אפשר גאָר איז דאָס געווען דער אינערער רוף פון דעם בונטאַר — לאָרד בייראָן!

בייראָנס „יידישע מעלאָדיעס״ זיינען פון די באַרימטסטע, וואָס ניט־יידן האָבן געשריבן וועגן יידן. איך האָב זיי איבערגעזעצט, ניט אַזוי צוליב זייער באַרימטקייט און ניט דווקא צוליב זייער פּאָעטישן ווערט, נאָר צו־ליב — און פון — מיין אייגענעם סענטימענט. דערהויפּט נאָך אין די היינטיקע טעג פון 1945! בייראָנס קללה אויפן פּאַגאַניזם, זיין רוף צו גערעכטיקייט, האָט פּאַר מיר געגומען שיינען ווי אַ טרייסט. איך האָב זיך געטראַכט: — אַט איז אַ ניט־ייד, וואָס זעט אויך אַיין, אַז דער ייד איז ניט אומזיסט געגאַנגען צו טויט און צו חורבן און צו גלות; אַז אין דעם דאָזיקן גיין איז דאָ הייליקע עקשנות, פאַרבאָרגענער אָנזאָג אַז די מפּלה פון אַלע סנחריבס וועט מוזן קומען.

2

עטלעכע ווערטער וועגן בייראָנען אין אַלגעמיין.

אין ענגלאַנד איז, ווי באַוואוסט — יאָרנלאַנג אָנגעגאַנגען אַ דיסקוסיע וועגן דעם ווערט פון בייראָנס לידער. ענגלאַנד האָט אַ לאַנגע צייט אים ניט געקענט פאַרדייען. דאָס לאָרדישע ענגלאַנד האָט אין בייראָנען גע־שפּירט אַ פרעמדע געשטאַלט. יאָרנלאַנג איז אין ענגלאַנד אָנגעגאַנגען אַ גערייד צי בייראָן איז אָקאָרשט ניט געווען מער בונטאַר, ווי פּאָעט; מער פרייהייטס־ליבהאָבער, ווי ליריקער, מער פערזענלעכקייט, ווי קינסטלער. מען האָט אים אויך פשוט געזידלט און אָנגערופן „פראַזיאָר״ און „פּאָעטי־שער פאַזירער״. בייראָנס נאָמען האָט געהאַט געגוג אויסצושטיין. און ס׳איז זייער אינטערעסאַנט וואָס אין דער לעצטער צייט, אין די טעג פון קריג און וועלט־טראַגיק, הייבט זיך די וואָגשאָל אין ענגלאַנד צום גונסטן פון בייראָנען! מען איבערשאַצט אַמאָליקע מיינונגען. די קריטיק זעט

זיך אַרום. זיין חשיבות וואַקסט. מען דערפילט זיין כוח און זיין גרויסן פּאָעטישן ווערט. עס האָבן וועגן דעם לעצטנס געשריבן סאַי די ליטעראַרישע אָפּטיילונג פון דער „לאָנדאָן טאַימס" און סאַי אַנדערע ענגלישע ליטעראַרישע אויסגאַבן.

אָבער וואָס פאַרוואָס ווערט האָבן סאַי־ווי געהאַט די אַלע יע־און־ניין־דיסקוסיעס, ווען מען נעמט אין אַכט דעם גרויסן אײַנפלוס פון בייראָנס ליד אויף דעם גאַנצן פּאָעטישן גאַנג פון דעם 19־טן יאָרהונדערט, אין גאַנץ אייראָפּע, און אויך אין אַמעריקע! בייראָן איז דאָך ניט נאָר בייראָן. פון בייראָן איז געוואָרן — בייראָניזם. און בייראָניזם איז דער ווענד־פּונקט פון דער פּאָעזיע פון פאַרגאַנגענעם 19־טן יאָרהונדערט.

אין וועלכן לאַנד האָט מען ניט געפילט בייראָנס אײַנפלוס? יעדע פּאָעזיע, אין יעדן לאַנד כמעט, האָט זיך געהאַט איר „בייראָן".

אין דער רוסישער ליטעראַטור — פּושקין. און נאָך מער איז לערמאָנ־טאָוו — דער ריטער פון בייראָניזם.

אין דער פּוילישער איז בייראָנס אײַנפלוס גרינג צו געפינען ביי מיצ־קעוויטשן, ביי סלאָוואַצקין.

קריטיקער דערמאָנען: לעאָפּארדי אין איטאַליען, אַלפרעד דע־מוסיע, לאַמאַרטין, און הוגא — אין פראַנקרייך, און נאָך און נאָך — אַלע טראָגן אין זיך פונקן פון בייראָניזם. אויך ביי היינען איז דאָ בייראָן. ווען היינע איז געווען אַ ייִנגל האָט בייראָן שוין געשמט מיט זיינע קאַנטאָס פון „טשאַילד האַראָלד". און ס'איז קיין ספק ניט אַז היינע טראָגט אין זיך בייראָנס ווירקונגען. (היינע איז געשטאָרבן 35 יאָר נאָך בייראָנען).

און אַז מיר קומען צו אונדזער אייגענער סביבה, צו דער ייִדישער, קען מען אויך גרינג געפינען בייראָנס ירושה, כאָטש צו אונדז איז דאָס שוין געקומען ניט אַזוי דירעקט, ווי עטוואָס אומדירעקט, דורך — לערמאָנטאָוו, פּושקין, היינע און מיצקעוויטש. מען קען די אײַנפלוסן געפינען אין די בייראָן־היינעשע טענער פון מאָריס ראָזנפעלד: „קראַנק איז איינער פון אונדזביידן; זאָגט, בין איך עס צי די וועלט?"; אין די ערנסטע און דאָך אין זיך צעריסענע בייגקשאַפטן פון י. ל. פּרץ, דערהויפּט אין זיינע דראַמאַטישע ווערק; אין די אויפגעהויבענע דאָך אין תוך עלעגישע טענער פון דעם „המתמיד" פון חיים נחמן ביאַליק, אָדער אין די בייראָנישע יאַמבן פון אַזוינע ביאַליקשע לידער ווי „בן עבי אש ועבי דם" (י. י. שוואַרצעס איבער־זעצונג: „אין וואָלקנס פלאַם, און וואָלקנס בלוט, אין מערב זינקט די זון אין גלות." און ווייטער ווי עס גייט אין ליד: „ווער האָט מיט שאָטנס דיך פאַרפילט? אין פינצטערניש פון נאַכט געהילט? פאַרוואָס ביסטו באַטריבט, פאַרביינקט, — די וועלט איז ברייט און דיר איז איינג?"...);

אין דער ווייִמוטיקייט פון אַ צאָל רייזענס לידער; אין די עקסטאַטישע און דאָך טראַגישע לידער פון א. ליעסין; אין די טראַציק־בונטאַרישע און אָפט ביטער־גאַליקע לידער פון מ. ל. האַלפּערן; אין דער טעאַטראַליש־טרויעריקער פּאָזע פון משה נאַדיר; אין דעם שאַרפן דראַמאַטיזם, אין דעם קאָנפליקט און אין דעם גערעַנגל צווישן „איך" און דעם אַרום ביי ה. לייוויק; אויף דעם וואָגשאָל פון מענטשלעכן דורכפאַל, אָדער דערגריי־כונג — ביי ב. לאַפּין; אין די טריט פון דעם יידישן „טשאַילד העראָלדישן „גייער" פון מנחם באריישא; אין משה קולבאַקס „בערע און בוניע אויפן שליאַך" און דערהויפּט אין זיין „דיסנער־טשאַילד העראָלד"; אין די אַכט־שורהדיקע יאמבּ־פּערזן פון א. לעיעלעסעס „פּאַביוס לינד" (אין דער אָפּ־טיילונג: „דער פרילינג גייט" . . .) אָדער אין לעיעלעסעס גרעסערן ליד „בייראָן"; אין דער ריטמיק פון ל. פיינבערג; אין דעם באַהנטן און דאָך מעלאַנכאָלישן איך־טרויער פון יעקב גלאַטשטיין, — און נאָך, און נאָך. טענער פון בייראָן, און בייראָן־ריטמען, בייראָן־יאמבן און בייראָן־אַנאַפּעסטן זיינען צעוואָרפן אין דער לענג און ברייט פון אונדזער גאַנצער פּאָעזיע.

קורץ, עס איז גאָר ניט אָפּצושאַצן ווי גרויס עס איז געווען בייראָנס איינפלוס אויף דער פּאָעזיע פון דעם 19־טן יאָרהונדערט. און אויך ווייטער. בייראָנס איינפלוס איז אפשר געווען נאָך גרעסער פון געטעס, און אוודאי גרעסער פון זיין צייט־חבר שעלי. געטע האָט מער דערגרייכט. געטע איז גאַנצער, צמצומדיקער, האָט מער פאָרם. שעלי האָט מער מוזיק, צאַרט־קייט. אָבער קיינער קען זיך ניט פאַרגלייכן צו בייראָנס איינפלוס! די גרויס פון איינפלוס דעקט זיך ניט אַלעמאָל מיט דער גרויס פון טאַלאַנט. דאָס איז שוין ניט איינמאָל באַוויזן געוואָרן אין דער געשיכטע פון ליטע־ראַטור. אָבער דאָך איז איינפלוס אַ גרויסע זאַך. עס באַווייזט עפּעס. קודם כל ווייזט עס אַז דער געגעבענער קינסטלער האָט באַנומען זיין צייט, און די צייט וואָס האָלט אין אָנקומען. אַז ער האָט אָנגעכאַפּט דעם ריטם פון אַ גאַנצע עפּאָכע, און נאָך ווייטער.

בייראָן האָט געלעבט נאָך דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע פון 1789, און אין ברען פון די נאַפּאָלעאָנישע מלחמות. און אַז מען זאָל בייראָנען פאַרבינדן מיט זיין צייט קומט אויס, אַז ער האָט אין זיך געטראָגן אַ דואַליזם — די אידעאַליסטישע רעבעלישקייט און פּאַטאָס פון דער רע־וואָלוציע, פּאַטאָס צוזאַמען מיט טראַגיק — און דערביי אויך די ריקזיכטס־לאָזיקייט, געוואַגטקייט, צוריקפאַל און אויך מעלאַנכאָליע, פון אַ נאַפּאָ־לעאָן־העלד. די רעבעלישקייט ביי בייראָנען איז ניט פון איין שניט, אויך זיין אידעאַליזם איז ניט פון איין גאַנצקייט. ער האָט פיינט דעם שלעגער, האָט אָבער ווייניק ליבע פאַרן געשלאָגענעם; האָט פיינט מלכים, אָבער האָט ניט קיין וואַרעמקייט פאַר מאַסע, פאַרן המון.

דאָס זיינען זאַכן וואָס האָבן צו טאָן מיט דער סאָציאַלקייט פון בייראַנס עפּאָכע. דערביי דאַרף מען נאָך צוגעבן אַ מאָמענט וואָס האָט צו טאָן מיט דעם אינדיווידו, מיט דער איבערלעבונג פון יחיד אין יענער צייט. די געוויסהייט, די זיכערקייט און ליניע־גאַנצקייט פון רענעסאַנס האָט זיך אין צוזאַמענהאַנג מיט די צייט־פּאַסירונגען, געגומען ברעכן. עס זיינען אַנטשטאַנען צווייפלען, קרומקייטן, זיג־זאַגענישן. עס איז פאָרגעקומען אַ ריס אין דער מענטשלעכער נשמה.

און דאָס אַלץ האָט בייראָן געשפּירט. פון דאַנען שטאַמט זיין אייבּפלוס. און דער איינפלוס איז אַ דויערנדיקער, ווייל די אַנטשטאַנענע געבראָכנקייט, די צייט פון איבערקערענישן, די צייט פון זוכענישן, פון זוכן נייע גאַנצקייטן, — איז נאָך ניט פאַראיבער ביז צום היינטיקן טאָג.

3

און איצט, צום סוף, זאָל מיר דערלויבט זיין צו זאָגן אַ וואָרט וועגן דעם מעטאָד פון דער איבערזעצונג.

ס'איז אַ דבר ידוע: ליד, פּערזן, און דערצו נאָך געגראַמטע פּערזן, איז שווער צו איבערזעצן. ס'איז שווער איינצוהאַלטן אי דעם ריטם, מעטר, אי די בילדלעכקייטן, קלאַנגען, און די געגויאיקייט פון לשון. ס'איז שווער איינצוהאַלטן און איבערצוגעבן אין אַ איבערזעצונג דעם אָריגינעלן חן פון דער שפּראַך, אין וועלכער דאָס ליד איז געשאַפן געוואָרן. אַ וואָרט אין אַ שפּראַך, און אין אַ ליד נאָך דערצו, איז מיט טויזנט פעדעם פאַרבונדן מיט די מיט־ווערטער זיינע, מיט די קרובים זיינע אין דער געגעבענער שורה.

און דעריבער זיינען דאָ מיינונגען, אַז אַ ליד קען מען איבערהויפּט ניט איבערזעצן. און אַנדערע ווען אַפילו שאַרף אַ זאָג טאָן, אַז אַ ליד דאַרף מען ניט איבערזעצן.

אָבער די ניין־זאָגער זיינען ניט גערעכט. איבערזעצונגען האָבן פיל באַרייכערט אַלע ליטעראַטורן.

ווי זאָל אַ ליד איבערגעזעצט ווערן?

פאַראַן פאַרשידענע צוגאַנגען צו דעם. אַ סך מאָנען פּינקטלעכקייט אין אַן איבערזעצונג; זיי מאָנען אַ ריכטיקע איבערזעצונג — שורה נאָך שורה.

יאָ, פּינקטלעכקייט איז אַ גרויסע זאַך. אָבער מען טאָר, האַלט איך, צוליב פּינקטלעכקייט ניט מקריב זיין דעם פּאָעטישן אָטעם פון דעם ליד, די פרישקייט פון וואָרט.

דאָס מיינט ניט אַז ביים איבערזעצן זאָל מען זיך דערלויבן אַלערליי פרייקייטן, טאָן מיטן ליד וואָס מען וויל. מען מוז אויף וויפיל דאָס איז נאָר מעגלעך זיך האַלטן נאָענט צום אָריגינאַל.

ס'איז וויכטיק איינצוהאַלטן דעם ריטם פון ליד, און אויך דעם מעטר. יאַמב דאַרף בלייבן יאַמב, כאָריי דאַרף בלייבן כאָריי, און מיט דער זעלביקער צאָל זילבן אין דער שורה. מען מוז אַמאָל מאַכן אַ פשרה מיט דער צאָל זילבן, אָבער ניט מיט דער פּאָעטישער איבערלעבונג. איך האָב געפּרואווט זיך אַריינלעבן אין דעם תוך פון יעדן ליד, עס זאָל אַרויסקומען פליסיק, פריש, און עס זאָל ניט קלינגען ווי עפּעס פרעמדס.

עס זיינען געווען מאָמענטן ווען איך האָב זיך געפרעגט: — ווי וואָלט בייראָן זיך דאָ אויסגעדריקט ווען ער וואָלט זיין ליד געשריבן אויף יידיש? איך האָב אויף דעם געפּרואווט געבן אַן ענטפער, כאָטש געוויס זיינען ניט אַלע מיינע „ענטפערס" מזלדיקע. איך האָב אויך געפּרואווט גע־פינען אייגענע, יידישע וואָרט־קרובהשאַפטן, אַליטעראַציעס, קלאַנג־שייכותן. איך האָב דאָ און דאָרט ניט געוואָלט צוליב אַבסאָלוטער פּינקטלעכקייט מקריב זיין די פּינקטלעכקייט פון דער יידישער שפּראַך. אין אייניקע שורות און שטע־לעס, האָב איך געמוזט אָנקומען, לפי כוחי, צו איבערדיכטונג, כדי אַרויסצו־ברענגען בייראָנס גייסט.

און איך האָף אַז גאָר אומזיסט איז מיין אַרבעט ניט געווען.

ווי געזאָגט, כ'האָב אין בייראָנס „יידישע מעלאָדיעס" געפונען עפּעס אַ טרייסט. זיינע יידישע לידער זיינען מיר אין די איצטיקע טעג געוואָרן נאָך נענטער ווי פריער. איך האָב, שעצנדיק בייראָנען אין אַלגעמיין, גע־פּרואווט מיטגיין מיט דעם ריטם פון זיינע „מעלאָדיעס", מיטגיין מיט זיין רוף קעגן געצנדינסט, קעגן די סנחריבס. און אוודאי איז מיר נאָענט זיין געוויין אויף דעם חורבן פון ישראל און זיין האָפנונג אויף גאולה.

לאָרד בייראָן

יידישע מעלאָדיעס

יידיש : ב. י. ביאַלאָסטאָצקי

סנחריבס מפלה

אשור קומט, ווי אַ וואָלף, וואָס אַ סטאַדע באַפאַלט,
ס׳האָט זיין חייל אין גאָלד און אין פורפור געשטראַלט ;
ס׳האָבן שפיזן געגלאַנצט, ווי די שטערן אין תהום,
ווען סע רוישט פאַרביי גליל דער נאַכטיקער שטראָם.

ווי די בלעטער פון וואַלד אינם זומער צעגרינט,
האָט די מחנה געשיינט אין פאַרנאַכטיקן גלי ;
ווי די בלעטער אין ווייַ פון דעם האַרבסטיקן ווינט,
ליגט די מחנה צעוואָרפן, פאַרוועלקט אין דער פרי.

ווייל דער מלאך פון טויט האָט די פליגלען צעשפּרייט,
און זיין הויך אין דעם פנים פון שונא געוויט ;
ס׳זיינען אויגן אין שלומער געוואָרן פאַרקילט,
האָבן הערצער געקראַמפּט און אויף אייביק פאַרשטילט.

און דער קריג־פערד אָט ליגט, ברייט צעעפנט זיין נאָז,
נאָר עס גליט ניט אין אים פון נצחון דער פלאַם.
ס׳איז דער שוים פון זיין גסיסה פאַרגליווערט אין גראָז,
ווי די וויס־קאַלטע פיענע ביים ברעג פון דעם ים.

און דער רייטער אָט ליגט, זיין געזיכט אַזוי בלאַס,
ס׳איז זיין פאַנצער פאַרראָסט, און זיין שטערן איז נאַס.
די געצעלטן פאַרשטומט — ס׳האָט די שפּיז ניט געפּראַלט,
ס׳האָט די פאָן ניט געוויט, דער טראָמפּייט ניט געשאַלט.

די אלמנה פון פיינט אין איר יאָמער זיך שטיקט
ליגן געצן פון בעל אין די טעמפּלען צו שפּאָט.
און פון אשור די מאַכט, פון דער שווערד ניט באַזיגט,
איז צעגאַנגען, ווי שניי, אין דעם אָטעם פון גאָט.

די זעאונג פון בלשאצר

דער קיניג אויפן טראָן,
און טויזנט ליכט אין זאַל;
סאַטראַפּן אויבנאָן,
ס'איז גרויס אין רויש דער באַל.
די כוסות גאָלד־געגילט,
יהודהס קדושה־שיין, —
גאָטס כלים אָנגעפילט
מיט יין־נסך־ווין.

אין זאַל, אין זעלבער שעה,
אַ פינגער פון אַ האַנט,
ווי שרייבנדיק אויף זאַמד,
באַווייזט זיך אויף דער וואַנט.
דער פינגער — פלייש און בלוט,
נאָר האַנט — געשפּענסטיק, בלויז, —
ווי אַ מכשפס רוט,
רופט אות נאָך אות אַרויס.

בלשאצר קוקט אין שרעק,
זיין בליק ווערט בלוטלאָז, ווילד;
— זאָל זיין צום טאַנץ אַן עק!
זיין קול אין קעל פאַרקילט.
— רופט אַלע קלוגע לייט,
די קליגסטע פון מיין לאַנד,
כ'מוז וויסן דעם באַדייט
פון וואָרט־שפּרוך אויף דער וואַנט.

די כשדים זיינען קלוג,
נאָר דאָ, עס פעלט זיי רייד;
זיי ווייסן ניט גענוג
צו וויסן דעם באַשייד;

און בבלס אַלטע לייט,
אין כישופן געניט,
זיי זוכן דעם באַדייט —
דער פּתרון קומט דאָך ניט.

אַ פרעמדער און אַ שקלאַף,
געפאַנגען אין דעם לאַנד,
ער זעט דעם מאָדנעם כתב,
און ווייס, וואָס ס'שרייבט די האַנט.
די לאַמפּן העל, אַ פּראַכט! —
די זעאונג אויך איז קלאָר,
דער יונג באַשיידט ביינאַכט,
דער פרימאָרגן וויזט — ס'איז וואָר.

— בלשאצרס גרוב געענט,
זיין קיניגרייך צעפאַלט;
און ער, אין גורלס הענט,
ווערט ליים, ווערט קליין און קאַלט.
זיין טראָן ווערט קבר־שטיין,
תכריכים — פון זיין טראַכט;
קומט מדי שוין צוגיין,
און פּרס רויבט זיין מאַכט.

אויב מיין האַרץ...

אויב מיין האַרץ, ווי דיר דוכט, איז מיט פאַלשקייט פאַרסמט,
וואָלט איך קיינמאָל אין גלות פון גליל אַוועק;
איך דאַרף בלויז פאַרשווערן מיין פאָלק און כ'פאַרמעק
בייזע פלוך, וואָס דו זאָגסט, איז די זינד פון מיין שטאָם.

אויב די שלעכטס קיינמאָל זיגט — דאַן שטייט גאָט אויף דיין וועג,
אויב עס זינדיגט נאָר שקלאַף ביסטו פריי און אָן פלעק;
אויב געיאָגטער אויף דער ערד ווערט אין הימל פאַרשפּאַט —
טאָ לעב מיט דיין געץ, איך צום טויט גיי פאַר גאָט.

איך האָב פאַר מיין גלויבן פאַרלאָרן פיל מער פון דיין גאָב,
ווי ס'ווייסט ער, וועלכער גיט דיר דיין גוטס און דיין האָב.
ער היט מיין האָפנונג און זעל, און מיין לעבן און לאַנד
האָב איך איבערגעלאָזט צוליב אים אין דיין האַנט.

דאָס געזאַנג פון שאול פאַר זיין לעצטער שלאַכט

קריגער און הויפּטלינגס! אויב שווערד, אָדער פייל,
וועלן מיך טייטן ביים פירן גאָטס חייל, —
איבער מיין גוף, כאָטש אַ קעניגס — אין טאָל, —
גראָבט איין אין פּלישתי דעם בלאַנקיקן שטאָל.

דו, נושא־כלים, מיין אָנזאָג איז היינט,
אויב מיין אַרמיי ווערט דערשראָקן פון פיינט, —
שטעך מיך און וואַרף מיך אין בלוט צו דיין טראָט,
איך נעם דעם גורל, וואָס האָט זיי באַדראָט.

כ׳שייד זיך מיט יעדן, מיט דיר ניט צעשיידט,
זון פון מיין האַרצן, און יורש פון טראָן!
ליכט זי, די קרוין; איז מיין מאַכט אַזוי ברייט, —
מלכותדיק אָבער דער טויט וואָס קומט אָן!

שאול ביי דער מכשפה אין עין־דור

— דו, וואָס גייסטער ברענגסט ארויף,
וועק פון טויט דעם נביאס גייסט!
— שמואל, נעם, דיין קאָפּ הייב אויף!
— קעניג, זע, פּראָפּעט זיך ווייזט!

די ערד זיך שפּאַלט, אין מיטן פון אַ וואָלקן־רינג ער שטייט,
דאָס ליכט זיך בייט און ווערט פון די תכריכים אָפּגעשיידט;
דער טויט באַוועגלאָז קוקט פון אויגן גלאָזיק, שטאַר,
די אָדערן פאַרוועלקט און האָנט — געשרומפּן, דאַר;
זיין פוס מיט ביינער־ווייסקייט ליכט אין גרויל,
קנאָכעדיק, אָן הויט, געשפּענסטיק־הויל;
און פון די שטומע ליפּן און אָטעמלאָזן גוף
קייכט קול, ווי ווינט פון טיפער הייל אַרויף...

שאול זעט און הערט, און גיט צו דר׳ערד אַ פאַל,
ווי ס׳פאַלט אַ דעמב אין וואַלד אין דונערקנאַל.

— „ווער האָט מיר מיין רו געשטערט?
ווער וועקט מתים פון דער ערד?

מלך, דאָס ביסטו אַלײן?
זע, װי קאַלט ס'איז מײן געבײן,
װאָס מיט מיר װעט זײן מיט דיר, —
מאָרגן נידערסטו צו מיר,
אײדער נײער טאָג פאַרשװינדט,
פריער דו, דערנאָך דײן קינד;
בלױז אײן טאָג פון פרײד און שײן —
שימלט באַלד דײן לײם מיט מײן;
דיך מיט שטאַם, פאַרשעמט, באַזיגט, —
פײל נאָך פײל האָט דורכגעפליקט;
פירט דײן האַנט אַלײן די שװערד
צו דײן האַרץ און פאַלסט צו דר'ערד;
פאַלט אַ קרױן, אַ קאָפּ, אַ מאַכט
שאולס הױז — אין לעצטער שלאַכט!"

אַ שטערן

זון פון די שלאָפלאָזע, מעלאַנכאָלישער שטערן!
דײן טרערנדיקער שטראַל גליט ציטערדיק און װײט, —
דו װײזט דעם חושך, װאָס דו קענסט דאָך ניט צעשטערן, —
װי גלײך ביסטו צו פרײדן פון פאַרגאַנגענהײט!
אַזױ דאָך גליט דער עבר — דאָס ליכט פון װײטע יאָרן,
װאָס שײנט, דאָך װאַרמט ניט מיט אָפּשײן אין זכרון, —
אַ נאַכט־שטראַל, װאָס דער צער װיל טיף אין זיך באַהאַלטן,
העל — דאָך ניט צום גרײכן! קלאָר — דאָך, װײ! — װי קאַלט!

זי שװעבט אין שײנקײט...

זי שװעבט אין שײנקײט, װי עס שװעבט די נאַכט
אין שטערן־רױם, אין ספערן הױך און בלאָ;
און אַלץ װאָס שײנט פון שאָטן אָפּ מיט פראַכט
אין אױסשטראַלונג בײ איר אין אױג איז דאָ;
פאַרװױגט אין יענעם שטילן ליכט פון נאַכט —
װאָס איז בײם שרײענדיקן טאָג ניטאָ.

איין שטראַל בלויז וויניקער, איין שאָטן מער,
וואָלט האַלב געפעלט פון נאָמענלאָזן ליכט,
וואָס ווייט פון שוואַרצן צאָפּ, פון יעדן קער,
און ליכטיקט צאַרט אַריבער איר געזיכט, —
וואו לויטערער געדאַנק דריקט אויס, אַן וואָרט,
ווי ליב און ריין עס איז זיין וואוינונגס־אָרט.

און אויף דעם שטערן, אויף דער באַק זיך צינדט,
באַרואיקט, ווייך אַזוי, דאָך אויפגעוואַכט,
די פאַרב, וואָס גליט, דער שמייכל, וואָס געווינט, —
דערמאָנט אַן טעג אין גוטסקייטן פאַרבראַכט,
אַ האַרץ אין אומשולד, אַן אַ שפור פון זינד,
איר זעל מיט אַלץ אין שלום זיך פאַרבינדט.

יפתחס טאָכטער

אויב עס וויל אונדזער גאָט, אַז דיין קינד,
ווי אַ קרבן זאָל ווערן געבראַכט,
אָ, מיין האַר, שלאָג אין האַרץ מיר געשווינט, —
ס'האָט דיין נדר געוואונען די שלאַכט.

ס'איז געשטילט פון אבלות מיין טרער,
און די בערג ניט באַהאַלטן מיך מער;
אויב די האַנט, וואָס איך ליב, טוט און שעכט —
איז דער ווייטיק מיר גרינג און גערעכט.

אָ, מיין פאָטער, איך ווייס, אַז דו ווייסט, —
ריין, אָן זינד, איז דאָס בלוט פון דיין קינד,
ווי דיין ברכה, — בענטש, איידער עס רינט! —
ווי מיין לעצטע מחשבה, וואָס טרייסט.

כאָטש די חברטעס וויינען נאָך מיר,
דו, זיי העלד, און דער שופט אויך זיי!
איז דער זיג דאָך געקומען דורך מיר,
און מיין פאָטער און לאַנד זיינען פריי.

ווען דאָס בלוט פון דיין קרבן איז קיל,
און דאָס קול, וואָס דו ליבסט איז שוין שטיל, —
זיי דאָך שטאָלץ, ס'איז דיין קינד ניט קיין מת,
כ'האָב געשמייכלט ביים טויט — ניט פאַרגעס!

אין מיטן בלי

אָ, אין דיין שיינקייט אָפּגעפּליקט,
קיין שווערער שטיין דיין קבר דריקט,
נאָר אויף דייך גראָז אין פרילינג־פרי,
די רויז אַנטפּלעקט איר עָרשן בלי,
דער ציפּרעס־בוים זיין אומעט שטילט פאַרוויגט.

און אָפּט ביים שטראָם, אין בלאָ צעגליט,
וועט קומען צער מיט שטילער טרער,
און טרוימען לאַנג, און טראַכטן שווער,
און גיין געהיט, מיט לייכטע טריט —
אָ, ליבער נאַר! דער טויט הערט סיי־ווי ניט!

פאַרשווינד! די טרער איז דאָך אומזיסט!
עס ווייס ניט פון קיין פּיין דער מת;
נאָר וואָס דען העלפט, אַז טרויער פליסט!
קען זיין אבלות גרינג און לייכט?
אויך דו, וואָס זאָגסט: פאַרגעס, פאַרגעס! —
דיין בליק איז שטאַר, דיין אויג איז פייכט.

דער העלד

דיין טאָג פאַרשווינדט, דיין רום באַגינט,
דאָס פאָלק אין ליד באַערט
דעם זיג פון אויסדערוויילטן קינד, —
די שלאַכטן פון זיין שווערד;
מיט שטאַרקער האַנט — פאַרברייט דאָס לאַנד,
און פרייהייט אומגעקערט.

ווי לאַנג מיר זיינען פריי, דיין מוט
ווערט ניט פאַרדעקט מיט טויט, —
כאָטש ס'איז אויף דר'ערד געפלאָסן רויט,
דאָך זינקט ניט אין דיין בלוט —
זיין גלי שטראָמט אונטער אונדזער הויט,
דיין גייסט אויף אונדז נאָך רוט.

דייך שם — אַ רוף, וואָס צינדט, באַזעלט
די מחנה צום געפעכט;
דייך פאָלן — שטייגט אַרויף, צעהעלט,
אין מיידלס כאָר־געפלעכט.
ניט קלאָגט, באַדויערט ניט דעם העלד,
געווין זיין רום פאַרשוועכט.

דו האָסט געוויינט

איך זע, דו וויינסט, דיין טרער — זי פאַלט
אַריבער אויג פון בלוי;
מיר האָט זיך אויסגעדוכט: עס שטראַלט
אַ בלאָער טראָפּן טוי.
דו האָסט געשמייכלט — וואונדער־ליכט!
דער סאַפיר־פלאַם בלייבט קאַלט
אַנטקעגן שיין פון דיין געזיכט
און בליק פון דיין געשטאַלט.

ווי וואָלקן הינטער זון אין גלי —
טריפט צאַרט און וווייך אין רוים;
און שאָטן אין זיין אָוונט־פּלי,
קען אים פאַרלעשן קוים;
אַזוי דיין שמייכל לינדערט פּין, —
זאָל זיין ווי טונקל, שוואַרץ! —
לאָזט הינטער זיך, ווי זון, אַ שיין,
וואָס ציטערט אין מיין האַרץ.

אַ, וויינט...

אַ, וויינט פאַר די, וואָס האָבן ביי דעם בבל־טייך געוויינט,
וועמ׳ס לאַנד עס איז אַ חלום נאָר, דער טעמפּל איז צעשטיינט;
באַוויינט יהודהס האַרף אין בראָך, פון חורבן ניט געשווינט,
אבלים! וואו ס׳האָט גאָט געוואוינט, דער גאָטלאָזער איצט וואוינט.

וואו זאָל ישראל אָפּוואַשן די בלוטנדיקע פּיס ?
און ווען זשע וועלן ציונס לידער ווידער קלינגען זיס ?
און דאָס געזאַנג יהודהס, ווען וועט הייליק, ווי אַמאָל,
די הערצער אויפברויזן מיט פרייד אין ציטער פון גאָטס קול ? !

אָ, ווי קענט איר אַנטרינען איצט צו רוען אויף דער ערד,
איר, שבטים מיט דעם וואָגלער־פּוס, מיט הארץ אַזוי באַשווערט ? !
עס האָט דער פוקס זיין נאָרע־היים, די טויב אַ נעסט בויט אויס,
דער מענטש — ער האָט זיין לאַנד ,ישראל האָט אַ קבר בלויז.

ביי די ברעגן פון ירדן

אַראַבער־קעמלען בלאָנדזשען אום, וואו ירדן פליסט,
אויף ציונס הויכקייטן דאָרט קניט פון געץ דער פּריסט ;
און אויף באַרג סיני זוכט דער בעל זיך אַן אָרט, —
אויך דאָרט, אָ, גאָט, דיין דונער רוט, אפילו דאָרט !

דאָרט וואו עס האָט דיין האַנט די לוחות אויסגעברענט,
דאָרט וואו דיין שאָטן האָט צום פאָלק מיט ליכט געבלענדט ;
דיין רום פאַרבאָרגן אין אַ קלייד פון פייער־רויט,
און דו — ס'קען קיינער דיך ניט זען און זאָל ניט פאַלן טויט.

אָ, קום, דערשיין אין בליץ, און וואַרף דיין בליק אויף דר'ערד !
רייס פון דעם שונאס ציטערדיקער האַנט די שווערד !
ווי לאַנג וועט פיינט דיין לאַנד פאַרשווענכן מיט זיין טראָט ?
ווי לאַנג וועט שטיין פאַרוויסט דיין מקדש־פּלאַץ, אָ, גאָט ? !

תשעה־באב

פון דעם באַרג, וואָס האָט לעצט אויף דיין מקדש געקוקט,
האָב איך ציון דערזען — פון די רוימער פאַרצוקט ;
לעצטע זון אין פאַרגיי, און פון חורבן דער בראַנד,
האָט געוואָרפן אַ שיין אויף מיין בליק — צו דיין וואַנט.

כ'האָב דיין טעמפּל געזוכט, און מיין היים, וואָס פאַרשטומט,
ניט געשפּירט גאָר די יאָכיקע קנעכטשאַפט, וואָס קומט.

כ'האָב דעם טויט־פלאַם געזען, וואָס דיין וואוינאָרט פאַרלענדט,
און די קייט, וואָס פאַרשמידט פון נקמה די הענט.

און פאַרנאַכט נאָך פאַרנאַכט, הויכער באַרג און אַליין,
האָט דערגליט לעצטן שטראַל פון די טעג אין פאַרגיין;
כ'האָב געזען פון דעם שפּיץ, — בין־השמשות, געהיים, —
ווי עס נידערט און לעשט זיך דער בליק אויף דיין היים.

שטיי איך ווידער אויף באַרג אין דעם טאָג פון דיין פאַל,
נאָר מיך קימערט מער ניט דער פאַרנאַכטיקער שטראַל;
אָ, וואָלט בעסער אַ בליץ זיך איצט שניידיק צעשיינט,
מיט אַ דונער געקראַכט אויפן קאָפּ פון דעם פיינט.

ס'וועט דער געץ דאָך דיין נאָמען ניט מאַכן צו שאַנד,
אין דעם היכל, וואו דו האָסט גערוט אין דיין לאַנד.
און דיין פאָלק, כאָטש צעזייט און צעשפּרייט, און צו שפּאָט,
וועט אַלץ בעטן, אָ, פאָטער, צו דיר נאָר, צו גאָט!

דער ווילדער הירש

דער ווילדער הירש אויף יהודהס בערג
אַנציקטערהייט נאָך שפּרינגט;
און פון די טייכלעך, גאָטס געווערק,
אַ פרייידיקער ער טרינקט.
מיט לייכטן טראָט, מיט אויג צעפלאַמט,
קוקט ווייט, און פריי, און ניט געצאַמט.

אַ טראָט אויף פלינק, אַן אַנדער בליק,
האָט יהודה דאָ געזען;
וואו ס'חורבנט איצט פאַרלאָרן גליק,
איז הייליק קינד געווען!
דער צעדער אויף לבנון ווייט,
די שלאַנקע טעכטער — ווייט, צעשפּרייט.

געבענטשטער פון ישראלס שטאַם,
איז פאַלמע־בוים אויף פליין;
וואו וואָרצל גראָבט, אין שאָטנס צאַם,
דאָרט בלייבט די פאַלמע שטיין.

קוים בייט זי אָרט, ווערט זי צעשטערט,
זי וואַקסט ניט אויף קיין אַנדער ערד.

נאָר מיר פאַרשעמטע מוזן גיין,
געיאָגט פון לאַנד צו לאַנד;
און וואו פון אָבות ליגט געביין —
מיר ליגן ניט ביינאַנד.
פאַרצוקט, פאַרוויסט איז טעמפּלס פּראַכט,
אויף ציונס טראָן זיצט שפּאָט און לאַכט.

ביי די טייכן פון בבל

מיר זיינען געזעסן און פאַרגאָסן טרערן
ביי די טייכן פון בבל, און האָבן געטראַכט
פון דעם טאָג, ווען דער פיינט, אין געשריי פון דער שלאַכט,
האָט ירושלים צערויבט אין צעשטערן;
און, וויי! אירע טעכטער פאַריתומט געבליבן,
זיי זיינען אין יאָמער געוואָרן פאַרטריבן.

מיר האָבן פאַרטרויערט געקוקט אויף די וואַלן,
און געזען ווי דער טייך ציט אַ פרייער זיין גאַנג.
האָט דער שונא געמאָנט: — זינגט ישראלס געזאַנג!
אָ, ניין! ס'וועט דער פיינט אָט דעם זיג ניט דערהאַרן,
די האַנט מיינס די רעכטע וועט בעסער פאַרדאַרן,
די הייליקע האַרף וועט פאַר פרעמדע ניט שאַלן!

מיר האָבן אויף ווערבע די האַרף אויפגעהאַנגען
אָ, מיין לאַנד, ס'מוז דיין ליד דאָך ווען ווערן באַפרייט!
פון דער שעה, ווען דיין פּראַכט איז געפאַלן אין שטרייט,
דיין אָנזאָג דער לעצטער ער איז ניט פאַרגאַנגען:
— עס זאָל זיך דער קלאַנג פון דער האַרף אַזוי זויבער,
ניט מישן מיט קול פון דעם פיינט, פון דעם רויבער.

אין דעם טאָל פון די טייכן

(וואַריאַציע)

אין דעם טאָל פון די טייכן מיר האָבן געוויינט,
און געטראַכט ווי ס'איז ציון געוואָרן צו שאַנד;
מיט געבויגענע קעפּ און מיט הערצער פאַרשטיינט —
דאָך טיף אין נשמה געלויכט האָט דאָס לאַנד!

אונדזער הייליק געזאַנג וויל דער פיינט, נאָר אומזיסט!
אין דעם האַרץ שטומט דאָס ליד, ווי אויף באַרג שטאַרבט דער ווינט.
ס'וויל דער שונא די האַרף, — אונדזער בלוט נעם, פאַרגיס!
רעכטע האַנט וועט ניט רירן די סטרונעס אַצינד.

אויף דער ווערבע פאַרשטילט, פון דעם עלנטן בוים,
הענגט די האַרף טויט אַראָפּ, ווי אַ בלאַט וואָס פאַרוויאַנט —
איז געשמידט אונדזער האַנט, נאָר די טרער האָט קיין צוים,
און זי גיסט זיך פאַר גאָט און פאַר ציון — זיין לאַנד!

דודס האַרף

די האַרף, באַרירט פון קעניג־זינגער,
געזאַלבט פון מענטשן, און אויסדערוויילט פון גאָט,
האָט וויינענדיק געמאַכט דעם טרויער גרינגער,
ווען האַרץ פון הערצער האָט איר ליד געזונגען!
פאַרטאָפּלט אירע טרערן! די סטרונעס זיינען איצט צעשפּרונגען!
האָט מאַן פון אייזן אויך געבויגן,
געוועקט האַרטנעקיקן צו גנאָד!
קיין זעל, ווי קאַלט, האָט ניט געקענט פאַרבויגן
איר הייליקן געפיל, דעם פייער פון איר טאָן, —
ביז ס'איז געוואָרן דודס האַרף נאָך מעכטיקער פון טראָן!

זי האָט דערציילט פון מלך'ס זיגן,
און פלאַטערדיק געטראָגן לויב צו אונדזער גאָט!
זי האָט געמאַכט די בערג זיך וויגן,
די טאָלן זינגען, די צעדער זיך צו בויגן,
איר קלאַנג התלהבותדיק האָט הויך צום הימל זיך געצויגן!

זייט דאָן, כאָטש אויף דער ערד אַנטשוויגן,
דורך טריישאַפט, און דורך איר טאָכטער: ליבע,
איר גייסט, אין ביינקשאַפט, ווערט גערופן אויבן,
צו יענעם קלאַנג, וואָס קומט פון טיפן גלויבן,
צום טרוים, וואָס ליכט פון טאָג קען איבער דעם ניט זיגן!

יענע וועלט

אויב יענע הויכע וועלט, וואָס קומט נאָך דער,
געטרייע ליבע אייביק היט;
אויב ס'הייס געליבטע האַרץ דאָרט גליט,
דאָס זעלבע אויג, נאָר אָן אַ טרער, —
דאָן זיי געבענטשט, געהיימע ספער!
ס'ווערט זיס דער טויט, פון ערד געשיידט —
צו זען, אַ, אייביקייט, ווי שרעק
צערינט, און אין דיין ליכט פאַרגייט.

ס'מוז זיין אַזוי! ניט זיך צוליב
מיר ציטערן ביים לעבנס־סוף;
אַריבערשפּאַנען ווילט זיך גרינג,
דאָך קלאַמערט האַנט אָן לעצטן רינג.
אין יענער צוקונפט גלויב און האָף,
וואו האַרץ מיט האַרץ געגאַרט זיך בינדט,
און זעל מיט זעל ביים לעבנס־קוואַל
אין בונד, אין אייביקייט, זיך צינדט.

מיין זעל איז פינצטער...

מיין זעל איז פינצטער, אַ, גיך צי אָן די האַרף,
ווי לאַנג איך קען נאָך איינזאַפּן דיין ליד!
און זאָלן דיינע פינגער דין און שאַרף,
אַריינמורמלען ס'געזאַנג אין מיין געהער.
אויב אין מיין האַרץ אַ לעצטע האָפנונג טליט,
זאָל קלאַנג זי אויפוועקן צעגליט,
אויב ס'לויערט נאָך אין אויג אַ טרער,
אַרויספּלאַצן זאָל זי — ניט ברענען מער!

זאָל ניגון זיך צעוויגן טיף און ווילד,
און ניט פון פרייד זאָל אויפשאַלן דיין סטראָף!
אָ, זינגער, הער, כ'מוז וויינען איצט, כ'בין קראַנק,
מיין האַרץ פאַרגייט אויב ס'ווערט ניט באַלד געשטילט.
כ'האָב שווייגענדיק אין שווערע נעכט, אָן שלאָף,
געגערט, געשטיקט זיך מיט מיין פיין צו לאַנג, —
און איצט, איך ווייס עס קומט די לעצטע שטראָף,
דער סוף — אויב ניט די האַרף מיט איר געזאַנג!

הורדוסעס קלאָגליד אויף דעם טויט פון מרים *

דאָס האַרץ פאַר וועמען, מרים מיין,
דו האָסט געבלוטיקט — פאַרבלוטיקט איז אַליין געוואָרן;
נקמה איז געוואָרן פיין,
חרטה ווילד געקומען איז נאָך צאָרן.
אָ, מרים, וואו ביסטו, אָ, וואו?
דו קענסט איצט מיין געבעט ניט הערן;
און ווען דו וואָלסט געהערט — פאַרגעבן מיר וואָלסטו,
כאָטש גאָט וויל ניט פאַרנעמען מיינע טרערן.

און איז זי טויט? ווער האָט איר מיין באַפעל
פון וואַנזין, איפערזוכט געוואָגט צו ברענגען?!
פאַרמשפט איצט איז אויך מיין זעל,
די שווערד, איר סוף, אַריבער מיר טוט הייגען.
נאָר דו, דערמאָרדעטע, ביסט קאַלט,
מיין טונקל האַרץ אומזיסט טוט בעטן
צו איר, וואָס שוועבט דאָרט אין די הויכקייטן באַשטראַלט,
ווייט פון מיין זעל, וואָס קיינער טאָר ניט רעטן.

אַוועק די מלכה פון מיין קרוין!
אַראָפּ אין קבר מיט מיין פרייד צוזאַמען;
געבליט האָט זי פאַר מיר אַליין —
אַ ריס געטאָן די בלום פון יהודהס שטאַמען!

---

*) מרים (מאַריאַמנע) די קעניגין, וועמען הורדוס האָט אַליין פאַרמשפט צום טויט.

די שולד איז מיין, דער גהנום מיין,
איך קען זיך קעגן סוף ניט ווערן,
מיר קומט די מאַטערניש און פּיין,
וואָס, ניט פאַרצערט, — זיי טוען מיך פאַרצערן.

פון איוב

אַ גייסט האָט פלוצלינג זיך פאַר מיר אַנטפּלעקט,
איך האָב דערזען: די אייביקייט האָט ס'פּנים אָפּגעדעקט.
שלאָף פאַלט אויף יעדנס אויג, נאָר ניט אויף מיין,
ער שטייט אַן אנבליק, נאָר אין אַ קדושה־שיין.
אַ פּחד איז מיר דורך, אַדורכגענומען יעדן ביין,
די האָר פאַרשטייפט, איך הער עס רעדט דער גייסט אַליין:

— קען מענטש דען זיין גערעכטער, הייליקער פון גאָט?
פון אים וואָס שפּירט קיין שלמות אויך אין שׂרפים'ס לויב?
איר ברואים פונעם ליים, באַוואוינער פון דעם שטויב,
דער מאַיל האָט לעבן אויך — דער מענטש וואָס האָט?
באַשאַפן אויף איין טאָג, קומט נאַכט און ער פאַרגייט,
פאַרשטאַרט און בלינד צו חכמה'ס ליכט, וואָס איז אומזיסט צעשפּרייט.

ווען קאַלטקייט הילט איין מיין געביין

ווען קאַלטקייט הילט איין מיין געביין, —
ווי גיט זיך הויך דער גייסט אַ הויב!
ער שטאַרבט ניט, דאָך ער בלייבט ניט שטיין,
נאָר וואַרפנדיק פון זיך דעם שטויב,
צי פליט ער דאַן, באַפרייט פון צוים,
צום וועג פון געטלעכן פּלאַנעט?
צי פילט ער באַלד דעם גאַנצן רוים
מיט זעאונג אַן — אַב'אויג וואָס זעט?!

אומשטערבלעך, פריי — און ניט צעשטערט —
זעט אַלץ, כאָטש אים זעט קיינער ניט;
און וואָס געווען אויף הימל, ערד,
ער נעמט אַרום, מיט זיך נעמט מיט.

דער שוואַכסטער שפּור פון ווייטער צייט,
וואָס טליעט אין זכרון קוים, —
מיט בליק, וואָס דרינגט פון רוים דורך רוים —
ווערט פון פאַרגעסענהייט באַפרייט.

ער דרינגט דורך כאָאָס וויסט און לער,
צום ערשטן מענטש, צו ערשטער שטים;
צום וועלט־געבורט, און גאַנג אַהער, —
צום בראשית ברא אלהים;
און צו דער צוקונפט, גוט, צי שלעכט, —
זיין בליק דערזעט, וואָס איז נאָך ווייט;
צי זון זיך לעשט, צי וועלט זיך ברעכט, —
דער גייסט רוט אין זיין אייביקייט.

הויך, איבער האָפנונג, האָס און שרעק,
לעבט רייך, און העל, און אָן באַגער;
אַ דור פאַרפליט —אַ יאָר ניט מער,
אַ יאָר, ווי ס'וואָלט מינוט אַוועק.
אין אַלץ, דורך אַלץ, אָן פליגל פליט
אונענדלעך אייביקער געדאַנק, —
דער גייסט, וואָס האָט פאַרגעסן לאַנג
דעם צער פון אומקום און פון טויט.

הבל הבלים אָמר קהלת...

רום, חכמה, מאַכט געווען איז מיין,
און יונגשאַפט האָט מיין בלוט געוואַרמט;
מיין כוס האָט זיך געריוט מיט יעדן וויין,
און ליבסטע האָבן מיך געאָרמט;
מיין האַרץ האָט זיך גע'זונ'ט אין שיינהייטס בליק,
מיין זעל געווען איז אונטערטעניק, —
וואָס ערד פאַרמאָגט, פון שטערבלעכקייט דאָס גליק,
געהערט האָט אַלץ צו מיר — דעם קעניג.

איך זוך איצט אין זכרון יענע טעג,
פון פרייד, פון אַלץ, וואָס ערד קען געבן;
וואָס זיי צוליב וואָלט איך אויף לעבנס־וועג,

געוואָלט זיי ווידער איבערלעבן;
קיין טאָג, קיין שעה איז ניט אַוועק מיט פרייד,
וואָס זאָל מיט צער ניט זיין צוזאַמען, —
און יעדע ציר, וואָס האָט מיין מאָכט באַקליידט,
האָט אין מיין לייב געטריפט מיט סמ׳ן.

די שלאַנג אין פעלד, מען קען מיט שפּרוך, אָן שמאַרץ,
מיט כשופן, איר גיפט פאַרקלעמען, —
נאָר יענע שלאַנג, וואָס קנוילט זיך אויף מיין האַרץ,
אָ, ווער האָט קראַפט זי איינצונעמען?
מען קען זי ניט פאַרנאַרן מיט געזאַנג,
און חכמה ווערט פון איר אַנטמוטיקט,
עס שטעכט אַלץ בייזער, סם׳יקער די שלאַנג,
און ס׳האַרץ און די נשמה בלוטיקט.

פערזן פאַר מוזיק

זיי זאָגן האָפענונג איז גליק,
נאָר ביינקשאַפט צום אַמאָל גאָר קומט!
דערמאַנונג וועקט דעם טרוים צוריק,
צום ערשט געוועזן, צום לעצט פאַרשטומט.

און וואָס זכרון צערטלט, ליבט,
געדאַרפט האָט אין דער האָפענונג זיין;
וואָס האָפענונג האָט דורכגעהיפּט,
איצט לייכט גאָר אין דערמאָנונגס־שיין.

אָ, ווי! ס׳איז אַלץ אַ פאַלשער קול!
די צוקונפט נאַרט פון וייטן לאַנד;
מיר זיינען ניט, וואָס אין אַמאָל,
און וואָס איז איצט — איז אונדזער שאַנד.

ה. לייוויק

מהר"ם פון רוטענבערג

דראַמאַטישע פּאָעמע אין זיבן בילדער.

פערזאָנען

❧

דניאל — אַ יאָר צוואַנציק אַלט, געפינט זיך אין היטלערס קאָנצענטראַציע־לאַגער אין דאַכאַו.

אַלטער ייד — זיין שכן.

אַהאַספער — אייביקער ייד

מהר"ם — ר' מאיר ב"ר ברוך פון רוטענבערג, הויפט־רב פון דייטשישע פּראָווינצן אין 1286, ראש פון דער מאַינצער ישיבה. אַ זיבעציקער.

שמשון ב"ר צדוק (באַקאַנט אין דער רבנישער ליטעראַטור אונטערן נאָמען תשב"ץ) מהר"מס איבערגעגעבנסטער תלמיד, נאָכשרייבער פון מהר"מס תשובות אויף אַ צאָל שאלות, 35 יאָר אַלט.

אשר ב"ר יחיאל (באַקאַנט אין דער רבנישער ליטעראַטור אונטערן נאָמען ראַ"ש) מהר"מס גאונישער תלמיד, אַ יאָר 37 אַלט.

חיים בן מכיר — מהר"מס אַ תלמיד, 20 יאָר.

משה — מהר"מס שמש.

רחל און **אסתר** — מהר"מס טעכטער.

בת שבע — אַ זקנה, מהר"מס הויז־ווירטין.

יחיאל דער גלעזער.

קנופ — מהר"מס אַ געוועזענער תלמיד. געשמדט זיך, געוואָרן אַ ריטער און אַ שונא ישראל.

הערצאָג אַלבערכט פון האָהענבערג — מושל פון מאַינץ אין 1286.

שליח פון ארץ ישראל

ראשי הקהל פון מאַינץ, וואָרמס, שפייער, אָפּענהיים, רעגענסבורג, קאָנסטאַנצע.

בעל אכסניה.

תפיסה־וועכטער.

יידן, דייטשער המון, ריטערס.

קומט פאָר אין נאַצישן דאַכאַו אין 1943 און אין מאַינץ אין 1286.

בילד איינס.

(נאַציִשער קאָנצענטראַציע־לאַגער אין דאַכאַו. רייען אויסגעפּייניקטע יידן ליגן אויף דער ערד. שפּעט אין דער נאַכט. דניאל, אַ יאָר צוואַנציק אַלט, ליגט צעננויפגעדרייט אויף אַ בערגל שמאַטעס. קען ניט שלאָפן. לעבן אים — אַן עלטערער ייד, אַ יאָר זעכציק.)

עלטערער ייד

ניט גוט אַזוי, דניאל, מיין זון. —
אַ גאַנצע נאַכט אין אומרו שליידערסט זיך אַרום,
אַ גאַנצע נאַכט. און שרייסט פון שלאָף.

דניאל

ווער שרייט דאָ, זיידע, ניט פון שלאָף?
אַז יעדע נאַכט איז שיר ניט סוף.

עלטערער

אַט איז דאָך שטיל.

דניאל

ביז וואַנען עמיצן פון די געשטאַפּאָ־הינט
וועט זיך פאַרגלוסטן אָפּשפּילן אַ נייע שפּיל.

עלטערער

השם יתברך וועט אונדז ניט פאַרלאָזן.

דניאל

ער האָט אונדז שוין פאַרלאָזן.

עלטערער

מען טאָר אַזוי ניט רעדן.

דניאל

פאַרוואָס שלאָפט איר ניט, זיידע?

עלטערער

ווען ניט דיין שרייען וואָס דו שרייסט
וואָלט איך געשלאָפן.

דניאל

טאָ זייט ניט בייז אויף מיר דערפאַר.

עלטערער

ניט שייך גאָר צו רעדן וועגן בייז זיין —
מיר זיינען ניט די איינציקע אין צער,
אין יידישע יסורים; איבער אונדז —
די לעבעדיקע פּיין פון דורות.

דניאל

איך ווייס. איך האָב געַנוג זיך אָנגעלייענט
מיט יידישער געשיכטע.

עלטערער

זיך אָנלייענען איז ניט גענוג —
דער עיקר איז מכוון זיין מיט גרויס כוונה,
מיט אַלע אברים זיך אַריינטאָן
אין דורותדיקער פּיין ווי אין עבודת הבורא.

דניאל

מען גייט, דוכט זיך —

עלטערער

גיין, גיין. סע דוכט זיך. לאָמיר שלאָפן.

(די ווערן שטיל, לאַנגע פּויזע. פון דער פינצטערניש טיילט זיך אַרויס אַ געשטאַלט, שפּאַנט צווישן די שלאָפנדיקע. קומט צו צו דניאלן. אַ בלאַסע ליכטיקייט שפּרייט זיך אַרום דער געשטאַלט. ס'איז אַהאַספער, האָט דעם אַנבליק פון דעם עלטערן ייד וואָס לעבן דניאלן.)

אַהאַספער

דו שלאָפסט, מיין זון?

דניאל

(איינגעשלאָפן, ענטפערט ניט)

אַהאַספער

שטיי אויף, דניאל.

דניאל

(כאַפּט זיך אויף)

אוי ווי — ווער איז דאָ? שלאָגט מיך ניט.

אַהאַספּער

ניט האָב קיין מורא. דאָס בין איך.

דניאל

ווער זיינט איר? אוי, ווי מאָדנע,
איר קוקט דאָך אויס אינגאַנצן ווי דער זיידע.

אַהאַספּער

פאַרוואָס מאָדנע?

דניאל

דער זיידע ליגט דאָך דאָ און שלאָפט.

אַהאַספּער

מען קען אי שלאָפן, אי זיין וואַך
אין איינער און דערזעלבער צייט.

דניאל

ווער זענט איר?

אַהאַספּער

אהאספער בין איך.

דניאל.

דער אייביקער ייד?

אַהאַספּער

יאָ.

דניאל

ווי קומט איר אַהער?

אַהאַספּער

וואו יידן זיינען — דאָרטן בין איך.

דניאל

איך האָב געלייענט וועגן אייך אין מעשות.

אַהאַספּער

און ניט געוואָלט גאָר מיך אַמאָל באַגעגענען?

דניאל

אַז אַלע מיינען דאָך אַז איר זענט אַ לעגענדע נאָר.

אַהאַספּער

און וועלכער ייד איז ווייניקער פון אַ לעגענדע?
אויך דו ביסט אַ לעגענדע, אויך דיין שכן.
ועסט גיין מיט מיר.

דניאל

וואוהין?

אַהאַספּער

איך זע דאָך — דיר איז שווער צו זיין דאָ.

דניאל

יאָ, זייער שווער. אַ מוראדיקע תּפיסה דאָ.

אַהאַספּער

מען דאַרף אויך אין אַ תּפיסה קאָנען זיין,
אויב נויטיק. —

דניאל

ווען איז עס נויטיק?

אַהאַספּער

ווען רשעות וויל דורך תּפיסות מנצח זיין —
באַדאַרף מען איר באַווייזן —

דניאל

(לאָזט ניט ענדיקן)

וואָס באַווייזן? ווי אַזוי?
זיי קומען מיטאַמאָל אַריין, די פּייניקער, די דייטשן,
און נעמען מיך אָן אויפהער שלאָגן,
און איך — איך קאָן מיין שרעק ניט גובר זיין.
איך וויין, איך שריי, — צו זייער פּינצטערער הנאה.
איך וואָלט זיך דעמאָלט אָנגעטאָן אַליין אַ מיתה.

אַהאַספּער

חלילה. וואָרעם שרייען איז קיין חרפּה ניט.
ווייל איין זאַך איז צו שלאָגן איבערן גוף,
און גאָר אַן אַנדער זאַך איז צו דערשלאָגן די נשמה,
און דאָס דערגרייכן קאָן ער ניט, דער שלעגער.
ווייל ייִד איז אייביקער פון תּפיסה.
פאַרשטייסט? — און איצטער קום מיט מיר אַ ביסל.

דניאל

וואוהין?

אַהאַספּער

אויף מיינע וועגן. קום.

◇◇

בילד צוויי

(יודנגאַס פון מאַינץ. יאָר 1286. לינקס, אין דערוויטערונג, דער בית המדרש און ישיבה, מהרמ"ס וואוינונג ביים בית המדרש. אין צענטער — עטלעכע קלייטן. רעכטס — דער געטאָ־טויער, אַ שווערער, אַן אייזערנער, — פונאַנדערגעעפנט. סיאיז פאַר האַלבן טאָג, אָבער מען זעט ניט קיין יידן אין גאַס. אַ חוץ עטלעכע באַוואָפנטע דייטשישע שוץ־זעלנער וואָס מאַרשירן אַרום הין און צוריק. אַן אימה ליגט איבער דער גאַס. אין אַלע שטיבלעך זיינען די שויבן אויסגעהאַקט. אין צענטער אָפּגעברענטע צוויי שטיבער. די קוימענס טאַרטשען אַרויף, זיי רויכערן נאָך. איבערן גאַס וואַלגערן זיך שטיקער גלאָז, צעפלינדערטע קישנס — סימנים פון אַ נאָר וואָס פאַרגעקומענעם פּאָגראָם. אַ באַנדע דייטשישע יונגען — איינינקע פון זיי אָנגעטאָן ווי ריטערס — מיט שפּיזן און אייזערנע שטעקנס אין די הענט, קומען אַן פון עק גאַס, שפּאַנען צום טויער צו, ליאַרעמען)

— אַ טויט די יודן.
— זיי זיינען פיינט פון אונדזער אימפּעראַטאָר.
— זיי זיינען פיינט פון אונדזער הערצאָג.

שוץ־וואַך

זיין האָהייט האָט אונדז היינט געשיקט אַהער
צו האַלטן אָרדענונג. מיר בעטן אייך —
פאַרלאָזט די יודנגאַס.

יונגען

און נעכטן האָט זיין האָהייט אונדז דערלויבט
די יודנגאַס צו אונטערצינדן.

שוץ־וואַך

וואָס נעכטן איז געווען געהערט צום נעכטן,
און היינט איז דער באַפעל צו האַלטן וואַך.
זאָל זיין גענוג.

קנופּ

(אָנגעטאָן ווי אַ ריטער)

פאַרוואָס געגנוג?

מיר דאַרפן אונטערצינדן נאָך די יודן־שול,

און אויך דאָס הויז פון זייער רב.

איינער פון די יונגען

וואָס זאָגסטו עפּעס „זייער”, ריטער קנופּ?

צי דו ביסט ניט פון זייערע? — צי ביסטו ניט?

אַ צווייטער

געוויס איז קנופּ שוין ניט קיין יודע מער,

ער איז אַן אונדזעריקער און — אַ וואָרער ריטער.

ערשטער

אַ יודע, ווען אַפילו אַ געטויפטער,

איז אַלץ אַ יודע נאָך.

קנופּ

האָט אַלע צוטרוי צו מיר, ברידער, —

האָט צוטרוי צו אַ ריטער פון זיין האַהייט.

די יודן האָס איך. אָ ווי כ'האָס זיי!

שויק־וואַך

גייט אַלע איצט אַהיים. מיר בעטן אייך.

ביי גאָט זיינען פאַראַן נאָך פריילעכערע טעג.

אַ דריטער

יאָ, וואָר, יאָ, וואָר. מיר וועלן קומען מאָרגן.

די יודן וועלן ניט אַנטלויפן,

מיר וועלן קומען מאָרגן,

מיר וועלן קומען איבערמאָרגן.

מיר וועלן קומען, קומען.

אַלע יונגען

(גייען צום טויער, זינגען)

מיט בלוט און פייער

די יודנגאַס וועלן מיר צינדן,

דאָס יודן־שמוץ זאָל פון מאַינץ פאַרשווינדן,

די יודן־מעדכען וועלן מיר ווי קעלבער בינדן,

און זיי וועלן שוואַנגערן און קינדן.

(אַפּ דורכן טויער. די שויק־וואַך דערווייטערט זיך אין דער ריכ־
טונג פונעם רבס הויז. אין דער צייט זיינען דורכן טויער

אַריינגעקומען אַהאַספער און דניאל, אַ ווינקל פון אַ שטוב האָט זיי פאַרשטעלט און די באַנדע האָט זיי ניט באַמערקט. קנופּ אָבער האָט זיי יאָ באַמערקט. ער לאָזט איבער די באַנדע און גנבעט זיך הינטער אַרום. לויערט אויף זיי)

דניאל

צי הערט איר די געזאַנגען וואָס זיי זינגען?

אַהאַספער

אוודאי הער איך.

דניאל

אַזוי באַקאַנט ווי ס'קלינגט מיר.

אַהאַספער

מיר אויך.

דניאל

ווי ווייט זיינען מיר פון דאַכאו?

אַהאַספער

ניט ווייט.

דניאל

וואָס מיינט ניט ווייט?

אַהאַספער

אַ זיבן הונדערט יאָר אויף צוריק, ניט מער.

דניאל

איז דאָס — ניט ווייט?

אַהאַספער

וואָס זיינען זיבן הונדערט יאָר, דניאל?
איין שפּאַן. — ווילסט וויסן ריכטיק וואו מיר זיינען?
אין מאַינץ, דניאל, אויף דער יודנגאַס,
אין יאָר צוועלף הונדערט זעקס און אַכציק.

דניאל

אין מאַינץ? וואו ס'וואוינט דער רב מהר"ם פון רוטענבערג?

אַהאַספער

אַ טייערן זכרון האָסטו, זע איך.
דאָ וואוינט טאַקע ר' מאיר ב"ר ברוך,
דער גוטער גאון און דער מנהיג הדור.

דניאל

די גאַס זעט אויס ווי נאָך אַ פּאָגראָם.

אַהאַספער

ניט ווי — נאָר אויף אַן אמת נאָך אַ פּאָגראָם.
ווייל ווען און וואו מיר זאָלן ניט קומען
טרעט שטענדיק אונדזער פוס אַריין אין אַ פּאָגראָם.

דניאל

איר זאָגט עס מיט אַזאַ מין זיכערקייט
און — מיט אַזויפיל קאַלטקייט.

אַהאַספער

אַ ברירה האָב איך!

דניאל

כ'באַוואונדער אייער קאַלטקייט. אָבער —

אַהאַספער

וואָס אָבער?

דניאל

צי ווילט איר אַז אויך איך זאָל זיין
אַזוי ווי איר געלאַסן און פאַרשלאָסן?

אַהאַספער

וואָס הייסט איך וויל? ס'איז ניט מיין טבע
אַרויפצעצווינגען מיין געמיט אויף עמיצן.
צו מיין געמיט דאַרף יעדער צופאַלן אליין
ווי צו זיין סאַמע לעצטער ברירה,
וואָס איז די לעצטע טיר וואָס פירט צו גאָט. —
צו מיין געמיט פאַלט צו איעדער ייד,
וואָס איז אדורכגעגאַנגען שוין די לעצטע טיר
און רירט שוין אָן די אייביקייט פון גאָט.
און דו ביסט צו יונג נאָך דערפאַר. —

דניאל

(פאַלט צו מיטן פּנים צו אַ וואַנט פון אַ שטיבל. דינע אַקסלען ציטערן)

אַהאַספער

ניט וויין, דניאל.

דניאל

איך וויין ניט.
איך וויל נאָר צומאַכן די אויגן אויף אַ ווײַלע.

אַהאַספֿער

אַ ייִד דאַרף האַלטן זײַנע אויגן אָפֿן.

דניאל

איך וויל ניט קוקן אַלעמאָל אויף חורבן; כ׳וויל ניט.

אַהאַספֿער

דו מוזט.

(ער הייבט אויף שטיקער גלאָז, באַטראַכט זיי, גיט זיי דניאלן)

נאַ, נעם עס אין דײַן האַנט.

דניאל

איך וויל ניט צורירן זיך צו דעם.

אַהאַספֿער

(שטרענג)

דו מוזט, זאָג איך!

דניאל

(נעמט די שטיקער גלאָז אין האַנט, האַלט זיי אַ רגע, לאָזט זיי אַרויס פֿון האַנט. זיי פֿאַלן אַרונטער מיט געקלימפּער).

שוין האַלבער טאָג. קיין לעבעדיקער נפֿש אויף דער גאַס.

אַהאַספֿער

ס׳וועט זײַן אַ לעבעדיקער נפֿש באַלד, ס׳וועט זײַן.
האָב צוטרוי. האָב אמונה. האָב, דניאל.
ווײַל אויב מיר ווילן קאָנען מיר דאָך זאָגן:
אַ ייִד וואָס איז אין דאַכאַו, איז אויך אין מאַינץ, —
אַ איד וואָס איז אין מאַינץ, איז אויך אין דאַכאַו.
אין איינער און דער זעלבער רגע — דאָרט און דאָ.

דניאל

כ׳בין דאָרשטיק. לאָמיר אַנקלאַפּן אין אַ טיר.

(לאָזן זיך גיין צו אַ טיר)

קנופּ

(שפּרינגט אונטער)

גייט ניט!

דניאל

פֿאַרוואָס?

קנופּ

איך זאָג דאָך — גייט ניט.

דניאל

ווער זענט איר?

קנופּ

און איר ?

דניאל

מיר זיינען אורחים דאָ.

קנופּ

אַז איר זענט אורחים — זע איך דאָך,
דאָס דאַרפט איר מיר ניט זאָגן — —
אַוועקט פון מאַינץ, אַנטלויפט.
אַז ניט וועל איך אייך אומברענגען.
כ'האָב מאַכט. כ'האָב מאַכט אַ סך.
צי זעט איר ניט מיין פּאַנצער און מיין שווערד ?
צי ווייסט איר ניט אַז איך בין ריטער קנופּ ?

דניאל

מיר זיינען יידן, און צו יידן זיינען מיר געקומען.

קנופּ

דאָס זע איך אָן די בגדים אייערע.
גאָר געלע לאַטעס טראָגט איר אויף די אָרעמס !
גאָר מגן־דודס טראָגט איר ! —
און אונדזערע יידן טראָגן הוטן גאָר מיט שפּיצן.
יאָ, יאָ, מיט שפּיצן טראָגן זיי, —
קיין מגן דודס טראָגן זיי ניט — אונדזערע יידן.
קיין גרויסער חילוק אָבער איז דאָס ניט,
איך וועל אייך סיי ווי סיי פאַרניכטן אַלעמען. —
גייט שנעל אַוועק פון דאַנען.

דניאל

ניט ביים זינען דאַכט זיך.

קנופּ

אַזוי ? אַט נעם איך און איך גיב אויך אייך
פאַרזוכן גלייך מיין ריטער־שווערד.
(ציט זיין שווערד פון שייד)

אַהאַספער

(געלאַסן)

נו, אדרבה, לאָמיר זען.

קנופּ

(לאָזט אַראָפּ די שווערד צוריק, דורכגענומען מיט אַ שרעק)

מאַכסט ציטערן מיין האַנט. — ווער ביסטו ?

אַהאַספּער

דו ווייסט ניט ווער איך בין? דערפאַר אָבער
ווייס איך ווער קנופּ־משומד איז:
אַ גלגול פון אַ הונט אויף טויטע וועגן,
אַ גלגול פון אַ וואָלף וואָס זינקט אין זומפּן.

קנופּ

פאַרדאַמטער יודע מיטן שנאָבל־נאָז.

(עס קומט יחיאל דער גלעזער, אַ הויכער ייד, אַ שטאַרקער,
טראָגט אין האַנט אַ קעסטל מיט גלאָז פאַר שויבן. דערזעט קנופּן.
נעמט שרייען)

גלעזער

משומד! עוכר ישראל!

קנופּ

(רוקט זיך אויף צוריק פּחדנותדיק)

איך וועל אייך אַלעמען פאַרטיליקן!

גלעזער

וואָס גיכער טראָג זיך אָפּ, משומד, —
אַז ניט צעברעך איך דיר די ביינער.

(קנופּ אָפּ. גלעזער צו די אורחים)

צוזאַמען מיט די ווילדע רוצחים —
אויף אונדז, אויף אייגענע, אויף ברידער;
פון כעס וועגן אויפן רב געשמדט זיך —
פאַרוואָס דער רב האָט ניט געוואָלט אים געבן
זיין טאָכטער פאַר אַ ווייב. — אַזאַ משומד,
אַזאַ מין עוכר ישראל. — שלום עליכם, יידן.

אַהאַספּער און דניאל

עליכם שלום, עליכם שלום.

גלעזער

פון ווייטע מקומות, זע איך —

אַהאַספּער

פון זייער ווייטע.

גלעזער

אָן אייער מלבוש זעט מען עס. אין שלעכטע טעג
צו אונדז געקומען. גאָר אין שלעכטע. —
אין טעג פון ריטער־אָנפאַלן אויף אונדז.

איר זעט דעם חורבן אונדזערן? אוי ווי —
ניטאָ קיין שטוב וואו ס'איז ניט אויסגעהאַקט אַ שויב.
איצט האָב איך ניט קיין גלאָז פאַר אַלע שויבן.

דניאל

וואו זיינען ייִדן?

גלעזער

זיצן אין די שטיבער;
געשלאָגן זיך אַ גאַנץ פרימאָרגן מיט די רוצחים.
נישקשה, מאַינץ האָט בראַווע ייִדישע יונגעלייט,
וואָס קאָנען פעכטן זיך מיט שווערדן, ברוך השם.
אפילו אַ ישיבה־מאַן ביי אונדז הייבט אויף אַ מעסער.
דער רב אַליין, זאָל לעבן, גיט אויף דעם זיין היתר.
נאָר אָט האָט זיך דערמאָנט אָן אונדז דער הערצאָג,
דער בעל־החסד אונדזערער, — געשיקט אַ וואַך
מכלומרשט צו באַשיצן אונדז — ווען שוין נאָך אַלעמען,
און אָנגעזאָגט מיר זאָלן אַלע זיצן אין די שטיבער
ביז האַלבן טאָג.

דניאל

ביי אונדז — ניט בעסער.

גלעזער

וואָס שייך בעסער? וואו נאָר ייִדן — דאָרט אַ הערצאָג.
און גזירות, זאָגט מען, אומעטום. מיט טעג צוריק
איז נאָך אַן אורח אָנגעקומען, אָן עין־הרע,
אַ שליח אַזש פון אונדזער ארץ־הקדושה, —
איז ער זאָגט אויך, אַז אומעטום פאַרפאָלגט מען ייִדן,
מען שעכט זיי און מען ברענט זיי, זאָגט ער;
נאָר דאָרט ביי אים אין לאַנד פון כּאַן אַרגון
האָט זיך משיח שוין באַוויזן, זאָגט ער. —
די ייִדישע גאולה שוין געקומען, זאָגט ער.

(עס יאָגט אַריין דורכן טויער אַ מלוכה־רייטער אויף אַ פערד,
האַלט אין אַ טרומייט, יאָגט מיט אימפעט צו דער שול)

דניאל

וואָס באַטייט עס?

גלעזער

אַ רייטער פון אונדזער מושל.

דניאל

און וואָס באַטייט די שאַלונג וואָס ער שאַלט?

גלעזער

אַ סימן פון אַ נייער צרה, ווי איז אונדז!

(לאָזט די איבער און איילט אַוועק אין דער זעלבער ריכטונג וואָס דער ריַיטער. פון שטיבער קריכן אַרויס יידן, רוקן זיך פאַרזיכ־טיק מיט אויסגעשטרעקטע העלדזער און פאַרשנדיקן שוויַיגן. נעמען זיך דערנאָך איבערוואַרפן מיט אַפּגעהאַקטע שטימען:)

— אַ גזירה ווידער.

— ווייניק נאָך געפּלינדערט אונדז.

— אַזאַ באַשיצער, ווי צו אונדז.

— דעדט שטילער.

— מסתמא ווידער געלט פון אונדז.

— מען דאַרף פאַרלאָזן מאַינץ.

— אַרויס פון גלות.

— משיח קדשנו רופט דאָך אונדז,
געשיקט אַ שליח נאָך אונדז.

— דער רב אָבער האָט אים געאסורט — דעם שליח.

— און אויב משיח איז געקומען שוין?

— נאָך ניט די ריכטיקע צייט.

— און ווען איז יאָ די ריכטיקע צייט?

— ווען? ווען? —

(שטיל געוואָרן. האַקט זיך אָפּ. דער גלעזער קומט צוריק)

גלעזער

געקומען רופן אונדזער רב צום הערצאָג אין פּאַלאַץ.
דער ראש־הקהל איז דאָרט, און אַלע. אַ מהומה.

(דער רייטער יאָגט דורך אויף צוריק. פאַרשווינדט. גלייך נאָך דעם זעט מען פון דערווייטנס ווי דער רב קומט אַרויס אין גאַס און אַן עולם אַרום אים. עס שטעלט זיך אויס אַ מחנה, דערנענטערט זיך צום טויער. פאָראויס גייט משה, דער שמש פון מהר״ם. זיין שטענדיקער באַגלייטער. אַ ייד פון אַ יאָר פופציק. דערנאָך גייט דער ראש־הקהל פון מאַינץ. נאָך אים — דער רב, **מהר״ם**, אַ מיטלוואוקסיקער זקן, אַ זיבעציקער, איינגאַנצן אַ ווייסער. פון ביידע זייטן באַגלייטן אים זיינע צוויי באַליבטסטע תלמידים: **אשר בן יחיאל** [באַקאַנט אונטער נאָ־מען **רא״ש**] און **שמשון ב״ר צדוק** [באַקאַנט אונטערן נאָמען **תשב״ץ**]. הינטער זיי — נאָך אַן עולם תלמידים, צווישן וועלכע

עס גיפינען זיך: **חיים בן מכיר** [צוואַנציק יאָר אַלט, אַ שיינער, אַ באַגייסטערטער, אַ מוטיקער]. **משה בן חסדאי, הלל הכוהן.** אשר בן יחיאל — פינף און דרייסיק יאָר אַלט, אַ הויכער, אַ דינער מיט אַ שטרענגען שאַרפן פּנים, טיף־שוואַרצע האָר. שמשון בייר צדוק — אַרום דרייסיק. — אַ נידעריקער, אַ דיקלעכער, בלאָנדלעך. אַלן זיינען זיי געקליידט אין לענגלעכע טונקעלע רעק. שפּיציקע יודנהיטן אויף די קעפּ. דער ראש־הקהל טראָגט אַ ראָק פון בלוילעכן סאַמעט. דער מהר״ם — אַ מאַנטל פון שוואַרצן זייד ביז די פּיאַטעס. דעם מהר״מס הוט — אַ העכערע פון אַלעמענס, אַ צעשפּרייטע אין עטלעכע שפּיצן, באַצויגן מיט ווייסן פוטער. די מערסטע תלמידים, צווישן צוואַנציק און העכער, טראָגן אין די הענט שטעקלעך, אין וועלכע, ווי אין שיידן, ליגן באַהאַלטן שפּיזלעך. זיי, די בחורים, פון וועלכע עס טיילט זיך אַרויס חיים בן מכיר, בילדן מיט זיך אַזאַ מין זעלבסטשוץ. מהר״ם האַלט אין האַנט אַ הויכן שטעקן מיט אַ גאָלדן הענטל און אויפן האַלדז טראָגט ער אַ קייטל מיט אַ זיגל. ער שפּאַנט שטאָלץ)

שמש

דער רב גייט, יידן, מאַכט אַ וועג.
דער הערצאָג, ירום הודו, האָט געשיקט נאָך אים.

עולם

(פאַרשטעלט דעם וועג)

וואָס זאָל עס מיינען, רבי?

ראש הקהל

פאַרהאַלט אונדז ניט, רבותי.

מהר״ם

(שטעלט זיך אָפּ)

נאָר ניט מיט כעס, ראש הקהל. — —
און איך, רבותי, בעט איך: האָט בטחון
אין גאָט ברוך הוא.

פון עולם

אַ מורא איינצוזיצן אין די שטובן, רבי.

מהר״ם

השם יתברך איז אונדזער פאָטער, יידן.

פון עולם

צי ווייס דער רב זאָל לעבן
נאָך וואָס דער הערצאָג רופט אים?

מהר"ם

מיר דאַרפֿן זײַן גרייט אויף אַלץ, רבותי.

(אין עולם געוויין)

איך בעט אײַך — וויינט ניט.

ראש הקהל

דער הערצאָג וואַרט דאָך, רבי.

מהר"ם

געדולד, ראש הקהל. ייִדן ווילן אַ טרייסט־וואָרט.

ראש הקהל

זייט מיר מוחל, רבי.

(אייניקע יונגעלייט־באַגלייטער האָבן דערווײַל אַרויסגעצויגן פֿון זייערע שטעקנס קורצע שפּיזן און באַטראַכטן זיי)

אשר

(שטרענג)

מײַן עצה, רבי, צו זײַן אָפּגעהיט וואָס מערער
און ניט אַרויסציען קיין שפּיזלעך פֿון די שיידן
אַזוי זיך, גלאַט פֿון שפּיל וועגן, אין מיטן גאַס.
דער רבי וואָלט באַדאַרפֿט גוט מתרה זײַן —

מהר"ם

תּלמידים מײַנע, אשר־לעבן איז גערעכט.
איך בעט אײַך זייער אָפּגעהיט צו זײַן —

חיים בן מכיר

(אומצופֿרידן)

מיר זײַנען אַלע אָפּגעהיט און פֿאַרזיכטיק.

אשר

אָט שטייט איר דאָך און שפּילט זיך מיט די קלינגלעך.
ניט רעכט אַזוי.

שמשון

און איך מײַן אויך ווי אשר —

מהר"ם

געדענקט, תּלמידים מײַנע — נאָר פֿון שוץ וועגן;
ווײַל טאָמער, חס־וחלילה, פֿאַרגעסט איר —

חיים

ווי קענען מיר פֿאַרגעסן?

(די וואָס האָבן אַרויסגעצויגן די שפּיזן באַהאַלטן זיי צוריק אין די שטעקנס)

מהר"ם

אויב דאָ אויף אונדזער גאַס, אויף דער זייט טויער,
איז אונדזער לעבן אַזוי הפקר —
אַפּשיטא שוין אויף זייער גאַס, אויף יענער זייט.
איז טאָמער וועט, חלילה, ווער פון זיי
מיט עפּעס אונדז אין וועג פּוגע זיין —
זאָלט איר, איך בעט איך נאָך אַמאָל, זיין אָפּגעהיט,
ניט ווערן אומגעדולדיק גלייך אויף דער מינוט,
ניט לאָזן זיך אַריינגאַרן אין אַ געשלעג.

חיים

דער רבי ווייס דאָך מער פון אַלעמען,
און אויך ר' אשר ווייסט דאָך אויף געוויס,
אַז יידן זיינען קיינמאָל ניט קיין אָנפאַלער.
אַ סימן — וועמענס האָב און גוטס איז צעראַבירט ?
און וועמענס הייזער ברענען ? — אונדזערע, ניט זייערע.

אשר

וואָס חיים זאָגט איז טאַקע אמת,
פונדעסטוועגן וואָלט גאָר דער רבי, לפי דעתי,
באַדאַרפט דעם נאַרישן כלי־זיין אסורן.

מהר"ם

פאַרוואָס, אשר ?

חיים

מיט וואָס איז אַ כלי־זיין נאַריש ?

אשר

דערביי האָב איך אַן אַנדער יידישע מחשבה,
און האָבן מורא אים צו טראָגן אָפן.
און מורא אים צו טראָגן אָפן האָבן מיר דאָך אַלע,
אַפילו די פון אונדז וואָס שפּילן זיך אַמאָל מיט אים. —
פאַרוואָס ? ווייל אַ כלי־זיין נאָר פון שוץ וועגן
מוז זיין פאַרדעקט, פאַרבאָרגן ווי אַ גנבה,
און דאָס איז ניט אין כבוד פון השם יתברך,
און ניט אין כבוד פון ישראל.

חיים

טאָ לאָמיר טראָגן אָפן דאָס כלי־זיין.

מהר"ם

דאָס קאָנען מיר ניט, חיים.

ראש הקהל

צי איז עס ניט צום חוזק, רבי,
אַ פּאָר פאַרשפּיצטע שטעקנס אָנרופן כלי־זיין?
מיר מאַכן זיך דערמיט דאָך טאַקע נאַריש,
און שפּילן נאָר אַריין די ריטערס אין די הענט:
די ריטערס האָבן שווערדן אמתע, און שפּיזן,
און העק און פּאַנצערס און צעשוימטע פערד. —
דעריבער מיין איך אויך —

חיים

און איך מיין אַנדערש.

אשר

דערביי האָב איך אַן אַנדער מחשבה,
און אויך אַן אַנדער שאלה, רבי, —
איר אַלע, ברידער, דאַרפט די שאלה פרעגן: —
צי קאָנען מיר דען זיין ווי זיי?
צי ווילן מיר דען זיין ווי זיי
אפילו ווען מיר וואָלטן עס געקאָנט?
אַ תשובה קאָן נאָר איינע זיין אויף דעם:
מיר קאָנען ניט און ווילן ניט.
פון דעם איז שוין געדרונגען, אַז די שווערד
מיט איר באַשיינפּערלעכער תאווה און הנאה
געהערט אין סאַמע תוך צו זיי. ס'איז זייערס.
פאַר אונדז איז זי אַ מוקצה.

חיים

ר' אשר, דוכט זיך, טראָגט אַליין אַזאַ כלי־זיין —

אשר

אוודאי טראָג איך, ווייל — אל תפרוש מן הצבור.
און חיים ווייס, אַז ווען מען דאַרף
בין איך ניט פון די לעצטע, פון די שרעקעדיקע.
כ'האָב נעכטן אויך ביים אָנפאַל פון די הינט
מיין שפּיזל־שאַרף גענוצט, און גוט גענוצט.
פונדעסטוועגן, בין איך זיך מודה דאָ פאַר אייך,
אַז יעדעס מאָל ווען כ'ריר זיך צו צום שפּיזל,
איז ווי איך וואָלט זיך צוגעריהרט צו טומאה,
און כ'וואַש די הענט ווי נאָך אַן אָנריר פון אַ שרץ. — —
און איר — איר שפּילט זיך נאָך אַרום מיט דעם!

חיים

איך בין לחלוטין מיט ר׳ אשרס רייד ניט מסכים.

ראש הקהל

(מיט אומגעדולד)

אין מיטן גאַנג — אַ פּילפּול גאָר,
אין מיטן חורבן — אַ מחלוקת גאָר.
דער הערצאָג וואַרט דאָך, רבי.

מהר״ם

קיין בייז ניט, ראש הקהל. זאָל ער וואַרטן.
די גזירות וועלן ניט פאַרשפּעטיקן.

(ווענדט זיך צו אַן אַנדער תלמיד)

און וואָס זאָגט איר, הלל?

הלל הכוהן

ביים רמב״ם, בין איך זיך משער, רבי,
וואָלט גאָר קיין שאלה ניט געווען צי מעג אַ ייד
באַשיצן זיך אַנטקעגן שונא מיט געווער.
דער רמב״ם וואָלט אפילו הייסן אָנפאַלן, —
יאָ, יאָ, די ערשטע זיין אַפילו אָנצוגרייפן —
אויב נאָר עס זאָל אַ חיוב זיין דערביי,
אַ חיוב און אַ שכל הישר.

משה בן חסדאי

ר׳ הלל איז שוין דאָ מיטן שכל הישר!
אַז אַך און ווי וואָלט זיין צו אונדז
ווען עם ישראל וואָלט זיך נאָר פאַרלאָזט
אויף ברעקלעך שטאָל און ברעקלעך שכל הישר!

חיים

איז, הייסט עס, וואָס? —
איז, הייסט עס, נעמען און זיך אויסלייגן,
להבדיל, ווי די קעלבער צו דער שחיטה?

אשר

פאַרוואָס עפּעס ווי קעלבער, חיים?
פאַרוואָס ניט גאָר ווי יצחק אויפן באַרג מוריה?

שמשון

פאַרוואָס ניט ווי די עשרה הרוגי מלכות?

חיים

פאַרוואָס ניט מיט דער שווערד אין האַנט ווי רבי עקיבא,
וואָס האָט געוועקט בר־כוכבאן צו מרידה?

מהר״ם

כ׳וועל איבערטראַכטן וועגן דעם, תּלמידים מיינע, —
דער ענין איז אַ האַרבער.

(פון הינטערגרונט טרעטן אַרויס אַהאַספער און דניאל. דניאל
קומט צו נאָענט צום מהר״ם)

דניאל

פאַרוואָס ניט טראַכטן, רבי הייליקער,
אַז צווישן די עשרה הרוגי מלכות
איז אויך געווען אַ יוסף חיים ברענער,
אַ ווילנער שוסטער־יונג — אַ לעקערט,
צי גאָר אַ פראַסטער איטשע מאַיער פון מאַידאַנעק?

מהר״ם

(געפּלעפּט)

ווער?

אַלע

(אַרום)

ווער?

אַהאַספער

דער רבי זאָל ניט האָבן קיין תרעומות —

מהר״ם

ווער זענט איר, ר׳ ייד?

אַהאַספער

מיר קומען פון דער פרעמד.

דניאל

פון ווייטע לענדער.

מהר״ם

(גיט זיי שלום)

שלום עליכם, יידן.
די מאָדנע לאַטעס מיטן מגן־דוד זאָגן עדות
אויף אייער יידישקייט.

דניאל

ווי דאָ ביי אייך — די שפּיצן פון די הוטן.

מהר״ם

די הוטן טראָגן מיר ווי שאַנדע־צייכנס —

וועט איר דאָך אויך דעם צייכן דאַרפן אָנטאָן.
דעריבער נעמט אַראָפּ די לאַטע מיטן מגן־דוד,
איר זאָלט ניט דאַרפן אייער שאַנדע־צייכן טאָפּלען.

דניאל

מען וועט מיך שלאָגן אויב איך וועל עס טאָן.
אין היטלער־לאַגערן פאַרפייניקט מען דערפאַר.

פון עולם

אין וועמענס לאַגערן?

דניאל

אין היטלערס, ימח שמו. איר ווייסט ניט ווער דאָס איז? —
וואָס קוקט איר אַלע אַזוי שאַרף פאַרחידושט?
איך קום פון פינצטערניש, פון פייניקונג,
מיין לייב איז מיר צעשמיסן און צעשניטן.
און איר קוקט אויך אויף מיר מיט חידוש, רבי. —
צי איר דערקענט מיך ניט?
צי איר זענט ניט מיין שכן וואָס אין תפיסה?

מהר"ם

אין וועלכער תפיסה? וואָס באַטייטן דיינע רייד?

דניאל

איך זע דעם רבין איינגעזעצט אין תפיסה —
איך זע — איך זע —

(אַלע אַרום גאַפּן)

אהאַספער

אַ נעמט ניט זיינע רייד פאַר אומגוט, רבי.
איר זעט דאָך אַלע — ער איז מיד, צעטומלט.
מיר קומען פון אַ לאַנגן שווערן וועג.

מהר"ם

איר זענט זיין פאָטער?

אהאַספער

אפשר מער נאָך ווי אַ פאָטער.

מהר"ם

וואָס הייסט? — צי מעג איך וויסן אייער נאָמען?

אהאַספער

דער רבי ווייס מיין נאָמען שוין פון לאַנג.
דער רבי קאָן מיך —

(מהרם קוקט לאַנג אַהאַספּערן אין די אויגן. פון אונטערן טויער באַווייזט זיך דער שליח פון אָריענט, מיט אַ טורבאַן אויפן קאָפּ, אַ מאַן פון אַ יאָר פערציק. צווישן עולם ווערט אַ גרויס גערודער)

פון עולם

דער שליח, רבי!

מהר״ם

(צאָרנדיק)

איך וויל אים ניט זען.

פון עולם

דער רב זאָל לעבן וויל איך ניט זען.

שליח

דער רבי מוז מיך זען. ער מוז.

(שפּאַרט זיך און קומט צו נאָענט צום מהר״ם)

מהר״ם

איך האָב געאַסורט אייער זיין דאָ, ר׳ שליח.

שליח

(מיט התפּעלות)

אָ זאָל דער רבי ניט אָוועקנעמען זיין פּנים
פון איינעם, וועמענס אויגן ס׳האָבן זיך געטונקט
אין ריינעם זיו פון אונדזער ארץ הקדושה,
און וועלכער קומט צו אייך אין טעג פון גזר
מיט גוטע בשורות וועגן ביאת המשיח.

מהר״ם

כ׳בין גוזר ניט אַרויפצוברענגען אויף דער צונג לשוא
דעם נאָמען פון משיח צדקנו.

שליח

ווי זאָל איך ניט אַרויפּברענגען זיין נאָמען? —
אַז ער איז דאָך מיט מזל שוין געקומען,
מיט ברכות מיך געשיקט צו אייך.

מהר״ם

עס קאָן ניט זיין. דער קץ איז נאָך ניט אָנגעשטאַנען.

שליח

אַז מיינע אויגן האָבן דאָך אַליין געזען
זיין לויכטנדיק געשטאַלט, און כ׳האָב אַליין
פאַרנומען פון זיין מויל דאָס זיסע וואָרט: גאולה.
גערעדט האָט ער צו מיר אַזוי צו זאָגן:

צו אַלע יידן גיי און זאָג צו זיי:
אין אונדזער הייליק לאַנד אין ארץ־ישראל
אַ מלך חסד הערשט, דער כאַן ארגון,
און סעד אל אבדול דער ייד — זיין שני למלך,
און שלום און מנוחה איז ביי אונדז,
און ס׳רופט צו קבוץ גליות אַלע יידן
דער מלך המשיח אבולפיה.

מהר״ם

ער איז ניט אַנדערש ווי אַ משיח שקר.

שליח

אַז ווי צו מיר אַזוינס צו הערן.

פון עולם

פאַרוואָס ניט גלויבן אים? פאַרוואָס?
מיר ווילן גלויבן אַז סאיז אמת.
מיר ווילן גלויבן. —

מהר״ם

איך הייס אייך ניט פאַרפירן ס׳פאָלק!

שליח

פאַרוואָס אַזאַ אכזריות, רבי?

מהר״ם

איך הייס אייך גלייך פאַרלאָזן מאַינץ.

(צום אָנגעזאַמלטן עולם)

און איר, רבותי, גייט צו זיך אין די שטיבער,
פאַרריכט דעם היזק יעדער ווי ער קען,
און אויך דעם שטאָט־עירוב פאַרריכט,
ווייל ישוב, רבותי, איז ישוב,
און מאָרגן, אם ירצה השם, איז ערב שבת.
און איצטער לאָמיר גיין צום הערצאָג, ראש הקהל.

(די מחנה יידן לאָזט זיך צום טויער)

בילד דריי

(אין פּאַלאַץ ביים הערצאָג אַלברעכט פאָן האָהענבערג. ביי די טירן ריטערס.)

הערצאָג

אריינלאָזן דעם יודע.

(וואָך עפנט די טיר. מהר״ם קומט אַריין מיט זיין שטעקן אין האַנט. נייגט זיך פאַרן הערצאָג. הערצאָג מיט געמאַכטער העפלעכקייט)

אָ זייער אנגענעם צו זען פאַר זיך דעם רב פון יודנגאַס.

מהר״ם

איך דאַנק זיין האָהייט פאַר גאַסטפריינטלעכקייט.

הערצאָג

(סאַרקאסטיש)

אַ גרויסן שטעקן טראָגט דער רב פון יודנגאַס.
אַ שטאָלצן שטעקן מיט אַ גאָלדן הענטל,
און אויך אַ זיגל טראָגט דער רב פון יודנגאַס.

מהר״ם

זיין האָהייט האָט ניט איין מאָל שוין
געזען מיך מיטן זעלבן שטעקן, מיטן זעלבן זיגל.

הערצאָג

איז טאָקע זייער זאָנדערבאַר: דער יודן־רב
טראָגט שיר ניט קעניגלעך זיין שטעקן.

מהר״ם

זיין האָהייט קאָן היינט זען אויף אונדזער גאַס
אַ סך סימנים קעניגלעכע.

הערצאָג

צום ביישפּיל?

מהר״ם

פאַרברענטע שטיבער, אויסגעהאַקטע שויבן,
צעפּלינדערט האָב און גוטס —

הערצאָג

(געטראָפן. צאָרנדיק)

דער רב פון יודנגאַס קאָן זיין אויך ביטער.
דער רב פון יודנגאַס פאַרגעסט, ווייזט אויס,
פאַר וועמענס אַנגעזיכט ער שטייט.

מהר"ם

איך שטיי פאַרנויגט פאַר מלכות, אייער האָהייט.

הערצאָג

דער רב פון יודנגאַס ווייזט צופיל שטאָלץ אַרויס.

(גאליק צווישן די ציין)

כ'דערלויב דעם רב פון יודנגאַס צו זעצן זיך.

מהר"ם

(זעצט זיך ניט גערן.)

איך דאַנק, אייער האָהייט.

הערצאָג

דער יודן־רב איז אַ געלערנטער און קלוגער מאַן.
דאָס ווייס איך שוין פון לאַנג. יאָ, יאָ, פון לאַנג.
כ'האָב שטענדיק פאַרגעניגן פון זיין חכמה
און פון זיין פעאיקייט פאַראויסצוזען געשעהענישן.
וואָלט וואונדערבאַר געווען ווען ער נעמט איינס און צוויי
און טרעפט צו וואָס כ'האָב אים גערופן.

מהר"ם

מסתמא צוליב דעם, כדי אויסצודריקן מיטגעפיל
צו אונדז, און אויך באַדויער, פאַר דעם אָנפאַל
אויף אונדז מצד דעם בלוטיקן המון פון מאַינץ,
און — אפשר — אויך אַרויסצעווייזן גרייטקייט
צו אויפשטעלן צוריק דעם שאָדן אונדזערן.

הערצאָג

(אַ געלעכטער־ספּאַזמע כאַפּט אים אַרום. ער שפּרינגט אויף).

דער רב פון יודנגאַס רעדט פּרעך.
געהערט האָב איך אַז אייערע יונגעלייט גאָר
געוואָרפן האָבן זיך מיט שאַרפע מעסערס
אויף מיינע בראַווע ריטערס.

מהר"ם

באַשיצן זיך דאַרף זיין דערלויבט אַיעדן.

הערצאָג

די יודן האָבן ניט קיין מינדסטע רעכט
אַליין זיך צו באַשיצן, איך דאַרף זיי באַשיצן.

(זעצט זיך צוריק, באַהערשט זיך)

איך זע — איך דאַרף אַליין דעם יודן־רב דערציילן
אויף וואָס כ'האָב אים גערופן.

מהר"ם

כ'בין לויטער אויפמערקזאַמקייט, אייער האָהייט.

הערצאָג

דער רב פון יודנגאַס און אַלע יודן ווייסן,
אַז אונדזער פאַטערלאַנד איז היינט אין גרויסער נויט
צוליב דעם קריג, וואָס דער פאַררעטער עבערהאַרט
פאָן ווינטענבערג האָט ווילד אַרויפגעצוואונגען
אויף אונדזער אימפּעראַטאָר.

מהר"ם

זיין האָהייט, האָף איך, ווייס געוויס,
אַז אַלע יידן טוען אַלץ נאָר וואָס זיי קאָנען
צו העלפן אונדזער אימפּעראַטאָר.

הערצאָג

ס'איז ניט גענוג, ס'איז קריגסצייט, יודן־רב.

מהר"ם

מיר זיינען דאָך אַן אָרעמע קהילה, אייער האָהייט.
מיר דאַרפן אויסהאַלטן אַ סך יתומים און אלמנות —

הערצאָג

איך גלויב אייך ניט. איעדערער פון אייך
איז אָנגעשטאָפּט מיט געלט. איעדערער פון אייך.
און אַלץ נאָר וואָס ביי אייך קומט פאָר איז מיר באַקאַנט.
איך גלויב אייך ניט. און זאָל דער יודן־רב
פאַרנעמען ריכטיק מיינע ווערטער: אַ באַפעל
איז אָנגעקומען היינט פון אונדזער אימפּעראַטאָר,
אַז אַלע מאַינצער יודן זאָלן אין אַ חודש צייט
דער קעניגלעכער קאַסע צושטעלן מזומן פופציק טויזנט מאַרק.

מהר"ם

(אויפגעציטערט, שטעלט זיך אויף)

גאַנץ מאַינץ פאַרמאָגט אַפילו ניט קיין העלפט
פון אַט דער מוראדיקער סומע, אייער האָהייט.

הערצאָג

איך קאָנט זיך ווענדן צו די אַנדערע געמיינדעס אייערע
פון אונדזער קעניגרייך.

מהר"ם

אויך זיי זיינען ווי מיר, און אפשר מער נאָך, אָרעם.

הערצאָג

דער איינפלוס פון דעם יודן־רב אויף אַלע יודן
איז גרויס. זיך וואָרט קען אַלץ דערגרייכן.
דאָס וויס דער אימפּעראַטאָר און אויך איך.

מהר"ם

איך קען אַזוינס אויף זיך ניט נעמען.

הערצאָג

דאָס וואָרט „איך קען ניט" עקזיסטירט ניט
אין אימפּעראַטאָרס גרויסער קעניגרייך. — — —
איך האָב געהערט, אַז צווישן מיינע יודן
צעוואַקסט זיך אַ פּאַרעטערישער ווילן
אַוועקצעוואַנדערן פון אונדזער לאַנד, אַפילו אַ שליח
איז שוין צו אייך געקומען, וויס איך. — זאָג איך אייך,
אַז קיינער זאָל ניט וואַגן זיך פון אָרט צו רירן.
די היגע יודן זיינען מיינע. מיינע.
און אויך דער רב פון יודנגאַס געהערט צו מיר.

מהר"ם

כ'געהער, ווי אַלע יידן, צום באַשעפער פון דער וועלט
און מער צו קיינעם.

הערצאָג

שטיל זיין!

מהר"ם

כ'בין מערער נאָך ווי שטיל.

הערצאָג

וואָס מיינט דער יודן־רב?

מהר"ם

(שוויגט)

הערצאָג

דער רב פון יודנגאַס שווייגט פרעך.

מהר"ם

זיין האָהייט האָט דעם אויסדרוק פרעך
געברויכט שוין איין מאָל פריער.

הערצאָג

ווייל אמת. — פרעך און ניט געהאָרכזאַם
איז יעדער יודע. — — דער באַפעל פון אונדזער אימפּעראַטאָר
וועט מוזן זיין דערפילט. דער רב פון יודנגאַס
וועט דאַרפן צושטעלן דאָס גאַנצע געלט.

מהר"ם

דער רב פון יודנגאַס איז ניט קיין געלט-מינצער.

הערצאָג

איך וויל פון גאָרנישט וויסן, רב פון יודנגאַס. —
איך האָב ביי זיך אַ מאַן פון אייערע,
זאָל ער אייך געבן בעסער צו פאַרשטיין
די פולע סומע ווי אַזוי צו שאַפן. —

(ער עפנט אַ טיר, גיט אַ מאַך מיט דער האַנט. סיקומט אַריין קנופּ.
הערצאָג שטעלט פאָר)

קנופּ — רב פון יודנגאַס.

(צום ריטער)

דער רב פון יודנגאַס קוקט אויס די אויגן נאָך אַ ראָט.

(גייט אַרויס. מהר"ם, דערשטוינט, לאָזט אַרונטער דעם קאָפּ, פאַר־
דעקט מיט ביידע הענט די אויגן. עפנט ניט דאָס מויל.)

קנופּ

(נאָך אַ לאַנגן שווייגן)

וועל זאָגן גלייך דעם הערצאָג, אַז איר ווילט ניט רעדן.

מהר"ם

(זעצט זיך אַרונטער ווי צוזאַמענגעבראָכן. שווייגט)

קנופּ

אַ ריטער רעדט צו אייך,
אַ ריטער פון דעם אימפּעראַטאָרס קעניגרייך,
אַ ריטער מיט אַ שווערד און פאַנצער.

מהר"ם

(קערט זיך אום צו קנופּן מיט דער פלייצע. שווייגט)

קנופּ

איך וועל אייך צווינגען אויפצעפּענען דאָס מויל,
איך וועל אייך צווינגען אויפצושטעלן זיך פאַר מיר. —
יאָ, יאָ — איך קען — און וועל — איך צווינגען!
צי זעט איר ניט ווי ס'עפּענען זיך אויף פאַר מיר
די ברייטע טירן פונעם הערצאָגס פּאַלאַץ?
צי זעט איר ניט ווי כ'גיי צו גדולה?
איך וועל אייך אַלעמען נאָך זען ביי מײַנע פּיס.
יאָ, יאָ.

(גיט אַ געלויף איבער און שטעלט זיך אַנטקעגן דעם מהר״מס פּנים,
שרייט אַריין)

אַ שנאה ברענט אין מיר צו אייך,
אַ שנאה צו אייך אַלעמען!

מהר״ם

(דרייט זיך אַוועק מיטן פּנים אין אַ צווייטער זייט. שווייגט)

קנופּ

איר ווילט מיט מיר נאָך אַלץ ניט רעדן,
אַפילו ווען איר ווייסט אַז מיט מײַן עצה
וואָלט איך געקאָנט אייך ברענגען הילף אין דער מינוט.
איר פירט נאָך אַלץ אַ חרם קעגן מיר.
און אפשר זיצט איר גאָר אויך איצט און שילט מיך,
אַ רבי שילט זײַן תלמיד. יא, איך זע, איך זע;
פאַרוואָס? — דערפאַר ווייל כ'האָב געוואָלט אַביסל מער
ווי יעדערער פון אייך האָט אָפּגעמאַכט ביי זיך
אַז ס'קומט מיר. כ'האָב געוואָלט די טאָכטער אייערע
און עפּעס מערער נאָך דערצו. און איר און אַלע
געוואָרפן האָבן מיר אין פּנים נאָר בזיונות.
איר אַלע האָט געמיינט אַז קנופּ איז נאָר אַ נאַר,
אַ חסר דעה און ניט מער, אַ הפקר, אָן אַ היים —
ווייל קיינער ווייס ניט ווער זײַן פאָטער איז געווען,
און קיינער ווייס ניט וואו זײַן מוטער איז, —
און ער אַליין ווייס אויך ניט. יאָ, איר האָט געמיינט אַזוי.
און איצטער זעט איר דאָך שוין אַלע אײַן דעם טעות,
איר זעט דאָך שוין אַז איך בין קליגער פון אייך אַלעמען.
איך האָב געוואָלט דעם טעם פון זינד פאַרזוכן,
דעם זיסן, דעם געשמאַקן טעם פון רשעות;
געוואָלט — און אָט טאַקע פאַרזוכט. נו, אדרבה,

זאָל ווער פון אייך אַ צווייטער האָבן שכל
צו טועם זיין, ווי איך, דעם זיסן טעם פון רשעות! —
איך זאָג אייך, רבי, אַז ס'איז טעם גן־עדן.

(ער וואַרט אַז דורך זיינע אויפרייצנדיקע רייד זאָל מהר״ם עפּעס זאָגן. אָבער מהר״ם זיצט ווי פריער מיט אַ פאַרדעקטן פּנים, מיט דער פּלייצע צו קנופּן און שווייגט. קנופּ ווערט אויסער זיך)

איר שווייגט נאָך אַלץ. איר עפנט ניט דאָס מויל,
ווייל איר פאַרגינט מיר ניט דאָס גרויסע גליק.
יאָ, יאָ. איך זע עס און איך שפּיר עס.
ווייל איר האָט קיינער ניט קיין מוט דערצו,
און איך האָב יאָ. וואָס מער איר שווייגט,
וואָס מער איר ווילט מיך אָפּווישן מיט ביטול,
אַלץ מערער ווער איך שטאַרקער, און איך זאָג אייך:
דאָס גליק פון רשעות און אפילו פון רציחה,
די פרייד אפילו פון פאַרגיסן יידיש בלוט
מעג אויך אַ ייד אַמאָל פאַרזוכן.

(פּויזע)

יאָ. יאָ. פאַרוואָס זאָל אַזאַ גרויסע פרייד
געהערן נאָר צו עשון און ניט צו יעקבן?
פאַרוואָס זאָל אויך אַ ייד ניט האָבן די הנאה
פון נוקם זיין זיך אַן אַ צווייטן ייד
און אויך אַן גאַנצן פאָלק — למשל, אָט ווי איך? —
איך וואָרן אייך אַ צווייטן מאָל: אַ ריטער רעדט צו אייך —
אַ ריטער פון דעם אימפּעראַטאָרס קעניגרייך,
אַ ריטער מיט אַ שווערד און פאַנצער.
דער הערצאָג וויל איך זאָל דעם יודן־רב
אַן עצה געבן ווי אַזוי צו שאַפן
דאָס געלט וואָס ווערט פאַרלאַנגט פון אייך.

מהר״ם

(זיצנדיק אָפּגעקערט פון קנופּן מיט דער פּלייצע, רעדט אַרויס ענדלעך אַזוי ווי מיט אַ קול פון אַ ווייטער טיפעניש)

פאַרשאָלטן זיי אַ צווייטן מאָל לעולם ועד.
מיין קללה זאָל דיר נאָכגיין, ביז זי וועט
אַנידערוואַרפן דיך ווי אַ צעבראָכן שטיקל ליים.

(סיקומט אַריין דער הערצאָג)

הערצאָג

נו וואָס ?

קנופּ

(ווי סילשון וואָלט אים אָפּגענומען)

ער האָט מיך ווידער גאָר געשאָלטן !

הערצאָג

(מאַכט אַ צייכן אַז קנופּ זאָל אַרויסגיין. קנופּ אָפּ)

איך זע אַז מיין פאַרלאַנג איז ניט דערפילט געוואָרן.

מהר"ם

אַזאַ פאַרלאַנג קען ניט דערפילט ווערן.

הערצאָג

דער רב פון יודנגאַס וועט מוזן איצט אַליין
געפינען וועגן ווי אַזוי צו אויספירן
דעם הייליקן באַפעל פון אונדזער אימפעראַטאָר.
איך זאָג: דער רב פון יודנגאַס וועט מוזן.
דער רב פון יודנגאַס וועט זיין פאַראַנטוואָרטלעך דערפאַר.
איך גיב דעם רב פון יודנגאַס פיר וואָכן צייט.
דער יודן־רב קאָן גיין איצט. גוטן טאָג.

(מהר"ם אַ שווייגנדיקער לאָזט זיך אַרויסגיין)

בילד פיר

(אין חדר פון מהר״ם. די שויבן אויסגעבראָכן.)

אסתר

(ביים אויסגעבראָכענעם פענצטער)

מען דאַרף, בת שבע לעבן, נאָך אַ טוך
די שויבן צו פאַרשטאָפּן.

בת שבע

(אַ זקנה, דערלאַנגט אסתרן אַ טוך)

אָט האָסטו, אסתרלין.

אסתר

אַ שטורעם־רעגן קלייבט זיך דרויסן.
דעם גלעזער זעט מען נאָך ניט אַרום אונדז?

בת שבע

ער איז נאָך אַלץ אין בית־המדרש, טאָכטער.
אויך דאַרט קיין גאַנצע שויב ניט איבערגעבליבן.
אַ בראָך זאָל אויף זיי קומען — אויף די רוצחים.

(ביידע אַרבעטן אַרום דעם פענצטער, דורך וואַנען עס רייסט זיך אַ ווינט פון גאַס)

אסתר

אַזאַ מין קלאָגן פון אַ ווינט אין מיטן זומער.
וואָס זאָגט איר ניט צו דעם, בת שבע לעבן? —

בת שבע

כ'זאָג גאָרנישט, אסתר קרוין, כ'זאָג גאָרנישט.
ווייל וואָס איז דאָ צו זאָגן? —
אַז גאָט דער בארעמהערציקער טוט טאָן זיין רצון —

אסתר

און שיקט אויף אונדז די מערדער אָן,
און ברעכט אַרויס די שויבן אונדזערע. —

בת שבע

(לייגט אַרויף איר האַנט אויף אסתרס ליפּן)

האַלט איין די ווערטער, אסתרלין.

אסתר

(מיט אומרו)

דער פאָטער איז נאָך אַלץ ניטאָ פון הערצאָג.

בת שבע

ער וועט, אם ירצה השם, באַלד קומען.

אסתר

אַזויפיל מאָל געבעטן איך צו איבערלאָזן
די שווערע אַרבעטן אין שול און אין די שטובן
פאַר מיר און פאַר מיין שוועסטער. —

(וויל אַרויסנעמען פון איר האַנט די טיכער מיט וועלכע זי נעמט
ווישן די דילן)

בת שבע

וואָס רעדסטו, הארץ מיינס ?
צי טויג איך שוין ניט מער צו קיין מלאכה ?
אַ לעבן אָפּגעלעבט מיט אייך,
געלויבט השם יתברך פאַר דער זכיה.

אסתר

איך מיין, חלילה, ניט קיין שלעכטס.

בת שבע

ווי קאָנסטו מיינען שלעכטס, מיין אסתרלין ?
אַ טייערע, אַן איידעלע ווי דו. —
געראָטן אין דיין מוטער די צדיקת, עליה השלום.

אסתר

(מיט טרערן)

בת שבע, האָט רחמנות.

בת שבע

צי בין איך ניט אַליין געווען אַן עדות
ווי זי איז אומגעקומען מיט גאָטס נאָמען אויף די ליפּן ?
און אויך אַזוי די ברידער דיינע חיים און יהודה.
ס'איז היינט דאָך יאָרצייט, אסתרלין. פינף יאָר שוין
זינט יענע טעג פון גזר און קידוש השם.

אסתר

איך ווייס — איך ווייס.

(זי פֿאַלט צו צו דער אַלטער. ביידע וויינען. עס קומט אַריין די עלטערע שוועסטער רחל.)

רחל

נאָך אַלץ ניטאָ דער פֿאָטער.
כ'בין אומרואיק. — איר וויינט?

אסתר

דער מוטערס יאָרצייט היינט — צי ווייסטו ניט?

רחל

אוודאי ווייס איך.

(נעמט אויך שטיל וויינען)

בת שבע

פֿונדעסטוועגן פֿאַרגעסט ניט, קינדערלעך,
אַז מאָרגן, אם ירצה השם, איז ערב שבת,
איז דאַרף מען נעמען זיך געשמאַק צו דער מלאכה:
פֿאַר אַלע מאַנסלייט פֿרישע העמדער אויסוועלגערן,
און אויפֿראַמען די חדרים פֿון די ישיבה־בחורים.
דער שבת־קודש זאָל אונדז ניט פֿאַרשטערט זיין —
די רוצחים און דעם נאַר־משומד אויף להכעיס.

אסתר

דערמאָנט ניט דעם משומד, כ'בעט אייך.

רחל

ער דרייט זיך ווידער דאָ אַרום. ער לויערט.
דער מענטש מוז זיין משוגע אויף אַן אמת.

אסתר

גענוג צו רעדן וועגן אים. גענוג.
איך האָב אייך ביילכערס וואָס צו זאָגן —
(מיט אויפֿרעגונג)
אַ סוף מוז נעמען צו דעם אַלעם.

רחל

וואָס מיינסטו, אסתרלין?

אסתר

דער הייליקער שליח פֿון משיח צדקנו —

רחל

(אויפגערעגט)

אויך דו? — צי האָסטו ניט געהערט דעם פּאָטערס רייד?

בת שבע

און אפשר איז עס טאַקע אמת, קינדערלעך?
אַז אפשר איז משיח שוין געקומען טאַקע — — — —

אסתר

כ'וויל גלויבן, גלויבן, אַז ער איז געקומען!
ווייל דאָ — וואָס האָבן מיר?
רציחות, חרפּות, בלוט און פייער.
איך וואָלט די ערשטע זיין
דאָס רשעותדיקע היימלאַנד צו פאַרלאָזן.

רחל

פונדעסטוועגן פאַרפעלסטו ניט צו זאָגן היימלאַנד —

אסתר

אַ סוף — אַ סוף —
איך שפּיר דאָס אָנקומען פון נאָך מער גזר.

(עס זיינען אַריינגעקומען אין דער צייט אַהאַספער און דניאל.
די פרויען האָבן זיי ניט באַמערקט. די לעצטע ווערטער פון
אסתרן זיינען געזאָגט געוואָרן ווען די אורחים זיינען שוין אַריין)

אַהאַספער

דאָס אָנקומען פון נאָך מער גזר —
צו וואָס נביאות זאָגן שלעכטס אויף זיך אַליין?
ניט רעכט אַזוי — —
(די פרויען גאַפן פון שרעק)

די פרויען

ווער איז דאָ? אוי!

אַהאַספער

גאָט העלף.

דניאל

מיר זיינען אורחים.

בת שבע

אוי, קינדערלעך. — משונהדיקע יידן.
אַזאַ מין לאַטע אויפן אָרעם — זעט!
און אויך אַזאַ משונהדיקער הילוך.

רחל

פון וואַנען קומען יידן?

אַהאַספער

פון זייער וויט. — —

דניאל

און איך האָב אַנדערש אויסגעטייטשט די ווערטער,
וואָס עמיצער פון איך האָט דאָ געזאָגט:
„דאָס אָנקומען פון נאָך מער גזר" —

רחל

וואָס מיינט דער אורח?

דניאל

דאָס מיינט:
דער גזר איז שוין געקומען.
געקומען. יאָ, געקומען.
צו וואָס נאָך האָבן ספקות?
צו וואָס נאָך וואַרטן?
איך קען פאָראויס אייך זאָגן וואָס עס וועט געשען.
איך קום פון דאַכאַו, פון זבאַנשין, פון מאַידאַנעק.

אסתר

פון וואַנען, זאָגט איר, קומט איר?

דניאל

(געעקלעמט)

פון זייער וויט — פון וויטן שפעטער.

אהאספער

(מיט געבייזער)

דניאל!

דניאל

איך מיין — איך קום פון וויטע לענדער,
און מיד בין איך אַזוי.
די וועגן אַלע זיינען שטויביק, זייער שטויביק.

און ס'איז אַזוי די טבע שוין פון פיס —
זיי ווערן מיד.

(צו אַהאַספער)

ניט אמת, זיידע?

אהאספער

אַוודאי, אמת.

(צו די פרויען)

אַ דרך שוין אַזאַ ביי אים —
אַרויסצוכאַפּן זיך מיט ווערטער פאַר דער צייט.

אסתר

פאַר וועלכער צייט?

אהאספער

ניט נייטיק אָפּצושטעלן זיך אויף יעדעס וואָרט.
ניט אַלעמאָל איז צייט אַן ענין.

בת שבע

די אורחים זיינען הונגעריק געוויס.

רחל

קומט, וואָשט אייך, וועט איר עפּעס עסן.

אהאספער

איך טראַכט: מיר זאָלן וואַרטן אויפן רב.

רחל

איר ווייסט דען וואו דער פאָטער איז?

דניאל

אוודאי ווייסן מיר. מיין האַרץ גייט ווידער אויס
צו זאָגן אייך אַז —

רחל און אסתר

(מיט שרעק)

וואָס ווייסט איר? — זאָגט.

אהאספער

ער מיינט, חלילה, ניט קיין זאַך.
מיר זיינען דאָ איין שטאָט פון אינדערפרי נאָך.
געזען דעם רב ווי שטאָלץ ער איז געגאַנגען
באַגלייט פון אַלעמען צום הערצאָגס פּאַלאַץ.

אסתר

נאָר עפּעס, זע איך דאָך, דערזאָגט איר ניט.

דניאל

מיר מוזן שטענדיק עפּעס ניט דערזאָגן, —
אַז ניט וואָלט ערגער נאָך געווען.

אסתר

איר וואַרפט אויף אונדז אַ פּחד אָן.

אהאספער

צו פּחד דאַרפן ייִדן זיין געוואוינט.

דניאל

(צו אסתר)

און איך וואָלט זייער שטאַרק געוואָלט
די אויגן אייערע באַפרייען פון אומזיסטן פּחד.
די אויגן אייערע געפעלן מיר.
זיי קוקן אַזוי אומעטיק און שאַרף,
און ליכטיק אומעטיק אַזוי.
די אויגן אייערע דערוואַרעמען מיין האַרץ.
איך קען זיי שוין פון לאַנג, פון לאַנג.
די אויגן אייערע געפעלן מיר.

בת שבע

אוי ווי, וואָס רעדט דער אורח ?
וואָס רעדט ער, אסתרלין ?
אַזוינס צו ברענגען פאַרן מויל ביים רב אין שטוב.

דניאל

ניט נעמט פאַר אומגוט, כ'בעט איך,
די אומגעריכטע ווערטער מיינע.

אַהאַספער

אָט קומט דער רב.

(עס קומט אַריין מהר״ם מיט די מערסטע פון זיינע באַגלייטער. די טעכטער, ניט דרייסט, ניט אויסמישנדיק זיך מיטן עולם, שטרעקן זייערע הענט צום פאָטער. אַהאַספער און דניאל פאַר־טושירן זיך צווישן עולם, פאַרשאַטענען זיך אַהינטערן שראַנק מיט ספרים.)

ביידע טעכטער

אַ פאָטער לעבן, פאָטער לעבן.

מהר"ם

ניט וויינען, קינדער מײַנע. נאָר ניט וויינען.
דער בורא עולם טוט ניט אָפּ פון אונדז זיין חסד.
איך בעט אײַך, גייט צו זיך.

(די טעכטער און בת שבע גייען שטיל אַרויס. מהר"ם גייט אָפּ פון עולם, שטעלט זיך מיטן קאָפּ אָנגעלענט אָן זיין שטענדער אויף וועלכן עס ליגן ספרים און מגילות. אַ שווערער טרויער ווייט פון אים. צווישן עולם אַ פּיינלעכע שטילקייט. מהר"ם פאַרדעקט זיין פנים מיט די הענט, דאָס פאַרשטאַרקט נאָך מער די פּיין פון אַלעמען.)

ראש הקהל

(מיט אַ ציטעריק קול רייסט איבער די שטילקייט)

איז וואָס באַטייט דאָס שווייגן וואָס דער רבי שווייגט?

שמשון

רבי!

אשר

צי ניט אַ נייער גזר, חלילה?

חיים

מיר ווילן וויסן, רבי.

מהר"ם

דער הערצאָג וויל פון אונדז, רבותי,
פון אונדזער אָרעמער און קליינער קהילה,
אַן אָפּצאָל פופציק טויזנט מאַרק במזומן.

אַלע

(אין שטוינונג)

ווי איז עס מעגלעך, רבי?

ראש הקהל

פאַרוואָס פאַרלאַנגט ער עס?

מהר"ם

וואָס הייסט, פאַרוואָס?
צי איר זאָלט פרעגן אַזאַ שאלה גאָר.
אַ הערצאָג דאַרף ניט האָבן קיין פאַרוואָס,
אַזוי ווי דאָס באַדאַרף אויך ניט דער גזלן

וואָס מאַכט אין מיטן נאַכט אַן אָנפאַל. — — — —
אין משך פון אַ חודש צייט, — האָט ער געזאָגט.

(פויזע)

איך וויל אייך פרעגן, ראש הקהל, זאָגט מיר:
צי קאָנען מיר אים צושטעלן אַזויפיל געלט?

ראש הקהל

גאַנץ מאַינץ פאַרמאָגט עס ניט.

חיים בן מכיר

ניט פאָלגן. ניט געבן אים קיין פרוטה.
און זאָל ער אונדז אַרויסטרייבן פון מאַינץ.
מיר וועלן אַלע גיין צו אונדזער ארץ הקדושה.

מהר"ם

צי קאָנען אַלע יידן גיין קיין ארץ־ישראל, חיים?

חיים

אַזויפיל וויפל ס'קאָנען זאָלן גיין.

מהר"ם

און די וואָס קאָנען ניט?

אשר

און דאָס איז דאָך דאָס רוב.

מהר"ם

כ'וויל הערן טאַקע, אשר, — ווי איז לפי דעתך?

אשר

אַז ציון ליגט דאָך חרוב, רבי,
דערצו — אין פרעמדע הענט,
און מאַכטלאָז זיינען מיר,
און אַלע שליחים מיט משיח־בשורות
זיינען שליחי־שקר, —
דער רבי ווייס דאָך עס נאָך מער ווי איך,
דעריבער איז פון דעם געדרונגען, רבי,
אַז ס'בלייבט אונדז איבער נאָר איין זאַך:
סבלנות.

חיים

דער הערצאָג וויל דאָך אָבער עפּעס מערער פון סבלנות. —
צי ווייס ר' אשר וואו צו נעמען אַזאַ סומע?

אשר

לעת עתה ווייס איך ניט.

מהר"ם

(נאָך אַ לאַנגער פויזע. נידערגעשלאָגן)

איך בעט אייך — לאָזט מיך זיין אַליין אַ רגע.
כ'בין מיד אַ ביסל.

(אַלע גייען אַרויס, אַ חוץ אַהאַספער און דניאל. זיי בלייבן פאַרדרוקט אין שאָטנדיקן ווינקל. מען זעט זיי ניט. מהר"ם שטייט איבערן שטענדער, פאַרזונקען אין מחשבות. ער נעמט אַזוי ווי תפילה טאָן).

אָ, בורא עולם, וואָס איז דיין כוונה?
אַז יידן זיינען ערב איינער פאַרן צווייטן,
ווייל כל ישראל ערבים זה בזה —
איז מיינט דאָך כל ישראל — אַלע יידן, אַלע.
איז ווי זשע שיקט זיך עס אַז איינער נאָר זאָל ערב זיין?
בין איך דער איינער? — ענטפער מיר. אַ ענטפער מיר.

(פויזע)

דער טויט פון מיינע זין און פון מיין ווייב עליהם השלום —
אין גן עדן זאָלן רוען זייערע נשמות —
באַוויליקט האָסטו ווי דעם טויט פון הונדערטער,
פון טויזנטער אַזוינע אומגעקומענע אין כבוד פון דיין נאָמען. —
און ווען די אויגן מיינע האָבן צוגעזען,
ווי הענט פון רוצחים וואַרפן דיינע ספרי־תורות
אין מיטן מאַרק אין שייטער־פלאַם אַריין,
בין איך דערביי געשטאַנען און געריסן קריעה,
אין פייער אָבער בין איך ניט אַריינגעשפרונגען
פאַרברענט צו ווערן אינעם פלאַם מיט זיי צוזאַמען. —
דעריבער פרעג איך דיך: פאַרוואָס האָסטו מיך היינט
גאָר אויסדערוויילט צו זיין דער ערב פאַר ישראל —
מיך — דעם זינדיקן, דעם אַלטן און דעם שוואַכן?
אַ זאָג מיר, וואָס זאָל זיין מיין עצה צו ישראל?
אַז שטעלן זיך מיט כוח קעגן שונא קאָן ער ניט,
ווייל שוואַך איז ער און אויסגעצערט פון פיין,
און מאַכטלאָז איז זיין האַנט און ניט באַוואָפנט. —
אַ זאָג מיר, ווי זאָל זיין מיין דרך ווייטער?

(שטרעקט אויס זיינע הענט)

נאָר לייגן זיך אינגאַנצן צו דעם הערצאָגס פּיס,
אין מיאוסער הכנעה קושן זיינע טריט,
און ס׳לעצטע ביסל האָב און גוטס אונדזערס
אַוועקגעבן אין זיין רשות אויף מאָרד און רשעות —
דאָס קאָן איך דאָך אוודאי ניט. — דאָס וויל איך ניט.

(מיט געשריי)

דאָס וויל איך ניט!

(פּויזע)

אָ זאָג, פאַרוואָס האָסטו אַרויפגעלייגט אויף מיר
אַזאַ מין שליחות?

(פאַלט צו מיטן קאָפּ פאַרזונקען אין טרויער)

אַהאַספער

איך בין דער
וואָס האָט אַרויפגעלייגט אויף אייך די שליחות.

דניאל

און איך — דער לעבעדיקער עדות.

מהר״ם

(ווי אין אַ כּישוף־חלום)

איר גייט מיר נאָך. איר זענט פאַרשטעלטע.
איר זיצט אַהינטער מיר ביי מיר אין חדר.
איר הערט זיך צו צו מיינע ווערטער און מחשבות.

אַהאַספער

מיר הערן אויך דעם רביס תפילות.

דניאל

און אויב מען וועט אייך וועלן צונעמען פון דאַנען,
אַריינזעצן אין תפיסה — גייט ניט.
אַנטלויפט וואָס גיכער.

אַהאַספער

פאַרוואָס עפּעס אַנטלויפן גאָר? פאַרוואָס?
אַ ייד אַנטלויפט ניט פון זיין גורל.

דניאל

און איך זאָג: רבי, איילט זיך צו, אַנטלויפט.

אַהאַספער

וואָס איז מיט דיר? וואָס רעדסטו מיר אַנטקעגן? —

דניאל

כ'וויל וואָרענען דעם רבין, ראַטעווען.

(צו מהר״ם)

איך זאָג אײַך נאָך אַמאָל — אַנטלויפֿט.

אַהאַספֿער

און איך זאָג נאָך אַמאָל: אַ ייד אַנטלויפֿט ניט,
ווײַל ייד איז אייביקער פֿון תּפֿיסה.

דניאל

איז זאָג איך נאָך אַמאָל: אַנטלויפֿט! אַנטלויפֿט!

אַהאַספֿער

דו רעדסט מיר צופֿיל שוין אַנטקעגן. —
קום שוין אַרויס פֿון דאַנען.

(ער ציט דניאלן פֿאַר אַ האַנט. שלײַכן זיך שנעל אַרויס. מהר״ם
גיט זיך אַ כאַפּ אַזוי ווי פֿון אַ שלאָף)

מהר״ם

ווער איז דאָ? אוי ווײ.

(קוקט זיך אַרום. רופֿט)

משה לעבן!

(עס קומט אַרײַן משה שמש)

צי האָסטו ניט געזען אַרויסגיין עמיצן פֿון דאַנען?

שמש

ניין, רבי.

מהר״ם

איך בעט דיך — רוף אַרײַן מײַן אײדעם און די טעכטער.

(שמש וויל גיין, מהר״ם פֿאַרהאַלט אים)

איך וויל דיך עפּעס פֿ״עגן, משה, זאָג מיר:
צי דו האָסט אויך אמונה אין די רייד פֿון דעם שליח?

שמש

ער קומט, זאָגט ער, פֿון אונדזער ארץ הקודשה.

מהר״ם

לכן?

שמש

(דערשראָקן)

דער רבי וויל מיך אויספּרובירן.

מהר"ם

חלילה, חלילה.

שמש

איך הער — ניט ווייניק יידן ווילן גיין מיטן שליח.

מהר"ם

און דו?

שמש

אַז ווען דער רבי וואָלט געגאַנגען וואָלט איך אויך —

מהר"ם

פאַרלאָזן מאַינץ און די ישיבה?

שמש

איך ווייס ניט, רבי, — אָבער אַלע זאָגן
אַז ס'קומט אַ נייער גזר —

מהר"ם

אַז אַלע וועלן זיך אַרויסדרייען פון גזר,
איז ווער וועט גיין אויף קידוש השם?

שמש

אַ שווערע קשיה פרעגט ביי מיר דער רבי.
דער רבי וואָלט באַדאַרפט עס פרעגן ביי ר' אשרן.

מהר"ם

צי אשר מיינסטו האָט אויף אַלץ אַ תשובה?

שמש

ר' אשר איז דעם רבינס בעסטער תלמיד;
אַ גאון, זאָגט דער רבי —

מהר"ם

אַ גרויסער גאון, משה. — — ביסט גערעכט.
גיי שיק אים מיר אַריין; נאָר פריער
זאָג שלמהן און די קינדער אַז איך וויל זיי זען.

שמש

(אָפּ. עס קומען אַריין רחל, אסתר און שלמה הלוי, אויפגערעגטע.
מער פון אַלעמען איז אויפגערעגט אסתר.)

אסתר

(האַלב גשווין, האַלב אויסגעשריי)

אַ פּאַטער לעבן!

מהר"ם

נאָר ניט וויינען, קינדער מיינע.

רחל

ס'איז היינט דאָך יאָרצייט, פּאַטער —

מהר"ם

איך ווייס, רחלין.

אסתר

און איך זאָג, פּאַטער, לאָמיר שוין אַוועק פון מאַינץ!

שלמה הלוי

אַ ווילדע און אַ שרעקלעכע מחשבה.

אסתר

דער שוואָגער, זע איך, איז אויף מיר אין כעס.

שלמה

ניט רעכט אינגאַנצן פאַר אַ פּרויענצימער
אַריינצוקומען אין אַ שול צווישן מאַנסלייט
און רעדן רייד אַזוינע.

מהר"ם

וואָס האָט זי גערעדט?

שלמה

סכנהדיקע רייד אַנטקעגן הערצאָג,
און אויך אַנטקעגן אימפּעראַטאָר.
חלילה ווען דער הערצאָג זאָל דערוויסן זיך —

אסתר

איך האָב קיין מורא ניט.
גענוג געווען צו חרפּה און צו הפקר. —
כ'וועל רופן און ניט אויפהערן צו רופן:
זאָל יעדער ווער עס קאָן פאַרלאָזן דייטשלאַנד,
דאָס לאַנד וואָס ווערט פאַר אונדז פון טאָג צו טאָג
אַ בלוטלאַנד, ניט קיין היימלאַנד.

שלמה

און די ישיבה, אסתרלין?

ערשט צוגעבויט אַ שטוב פאַר נייע לערנער,
אַריינגעשטעלט נאָך בעטן, טישן, בענק.

אסתר

ליגט צו צו זיי אַ ליכט און צינדט זיי אָן;
אַז ניט — וועלן די ריטער־הינט דאָס טאָן.

רחל

דער פאָטער האָט גרויס צער פון דיינע רייד.

אסתר

איך שפיר אַז ס'קומט אָן אומגליק.

(נענטער צום פאָטער)

צי זעט איר אַלע ניט אַז ס'קומט דער סוף —
צו אַלץ, צו אַלץ. און מערער נאָך —
צו אונדזער אַלעמענס געדולד.

(מיט געיאָמער)

איך וויל ניט דולדן מער. איך קען ניט.

מהר"ם

(גייט צו צו איר, נעמט די אָן שטרענג פאַר אַ האַנט, קוקט אין אירע אויגן אַריין מיט שאַרפע בליקן)

הער אויף צו וויינען, אסתרלין.

(פויזע)

אַ ייד דאַרף אָננעמען באהבה די יסורים זיינע —
צי ווייסטו ניט דערפון?

רחל

דער פאָטער האָט מיט אונדז אַזויפיל מאָל
געלערנט וועגן דעם.

אסתר

און אויב דאָס זיינען גאָר יסורים לבטלה?
אַ וואָרעם האָט דאָך אויך יסורים אַז מען טרעט אויף אים.

מהר"ם

צי איז פון דאַנען ניט געדרונגען, אסתרלין,
אַז אויך יסורים פון אַ וואָרעם זיינען הייליק?

אסתר

איך וויל ניט די יסורים!

(לויפט אַרויס מיט פאַרשטיקטן געוויין. רחל נאָך איר. פון דרויסן הערט מען אַ שטורעם־רעגן קלאַפּן. די פאַרשטאָפּטע שויבן פּלאַטערן)

מהר"ם

צי וועט דער גלעזער היינט נאָך קומען, שלמה?

שלמה

אם ירצה השם.
עס זיינען אָנגעקומען זייער אַ סך שאלות
פון רעגענסבורג, פון שפּייער, פון קאָנסטאַנצאַ.

מהר"ם

טאָ זיי זשע מוחל — רוף מיר אשרן אַריין.
איך דאַרף אים נייטיק.

(שלמה אָפּ. אַ לאַנגע פּויזע. מהר"ם שטייט אין אַ וואַרטנדיקער פּאָזע. זיין פּנים אָנגעשטרענגט צו דער טיר. עס קומט אַריין אשר, אַ דורכגענעצטער פון רעגן, אַ דורכגעציטערטער. מהר"ם אַנטקעגן אים מיט אויסגעשטרעקטע הענט)

איך וואַרט דאָך שוין אויף דיר, דו זאָלסט מיר העלפן
צו געבן תשובות ריכטיקע אויף שאלות;

(פאַרהאַקט זיך)

און יאָ — — — איך דאַרף אַליין פאַר זיך אַן עצה. — — —
אוי זע, ביסט דורכגענעצט אַזוי און דורכגעציטערט.
אַוואו ביסטו געווען?

אשר

(פאַרחושט)

אין שטורעם־רעגן, רבי.

מהר"ם

(חידושדיק)

זעסט אויס דערשראָקן, —
איז עפּעס שלעכטס מיט דיר געשען, חלילה?

אשר

איך זיץ אין שול איבער אַ ספר,
און פּלוצלונג הער איך ווי אַ קול וואָלט מיך גערופן
פון בית־המדרש אין דעם שטורעמדיקן דרויסן;
איך גיי אַרויס. דער רעגן שמייסט אין פּנים
און ציט מיך ווייטער און נאָך ווייטער.

מהר"ם

וואוהין? נאָך וואָס?

אשר

אַדורכצוטראַכטן ביזן סוף
דעם רעיון וועגן ביאת המשיח.

מהר"ם

(געפּלעפּט)

משמעות אַז אויך דיך האָט דער שליח שוין
פאַרכאַפּט מיט זיינע פאַלשע בשורות.

אשר

דער הערצאָג מער ווי דער שליח.

מהר"ם

דהיינו?

אשר

ווייל נאָר אין אמתע משיחס צייטן קאָן געמאָלט זיין
מען זאָל פון אונדז אכזריותדיק פאַרלאַנגען
אַזוינס וואָס ס'איז ניט מעגלעך צו מקיים זיין.
איז דאָס אַ סימן אַז מיר טאָרן מער ניט וואַרטן.

מהר"ם

ניט וואַרטן? — דו, דער סבלן, זאָלסט עס זאָגן?
צי האָסטו דורכגעטראַכט דעם רעיון ביזן סוף?

אשר

מיין רעיון איצטער איז — מיר זאָלן גלייך
פאַרלאָזן דייטשלאַנד —

מהר"ם

דאָס זעלבע טענהט דאָך אויך אסתרלין —

אשר

(מיט קענטיקן פחד)

איך האָב דערוואוסט זיך, רבי, אַז דער הערצאָג
וועט מאָרגן־איבערמאָרגן אייך אַריינזעצן אין תפיסה.

מהר"ם

אין תפיסה?

אשר

יאָ. — כדי דורך דעם
אַרויסצופרעסן פון די יידן ס'געלט וואָס ער פאַרלאַנגט.
דער הערצאָג ווייס ווי גרויס עס איז ביי יידן
די הייליקייט פון פדיון שבויים.

מהר"ם

דאָס איינגעשטעלטע אויסלייז־געלט פאַר אַ געפאַנגענעם
איז דאָך ניט מער ווי פינעף הונדערט מאַרק.

אשר

פאַר אייך וועט ער פאַרלאַנגען וויפל ער וועט וועלן. —
ער ווייס ווי טייער איר זענט אונדז.

מהר"ם

פון וואַנען איז צו דיר דערגאַנגען די ידיעה?

אשר

ניט ווייט פון שול האָב איך דערזען
אין שטורעם־רעגן קנופן —

מהר"ם

גערעדט מיט אים?

אשר

געוואָלט פאַרבייגיין דעם משומד, אָבער ער
איז צוגעשפרונגען מיטאַמאָל צו מיר, און האַסטיק
אַריינגעשריגן מיר אין פנים: זאָג דעם רב
ער זאָל אויף גיך פאַרלאָזן מאַינץ,
ווייל מאָרגן־איבערמאָרגן וועט דער הערצאָג אים
אַריינזעצן אין תפיסה. — רבי, איר וואָלט זען
ווי ס'האָבן אים געקלאַפּט די ציין פאַר שרעק.

מהר"ם

צי זאָלן מיר אים גלויבן?

אשר

איך האָב געפילט אַן אמת אין זיין ריידן.

(ווי זיי ריידן אַזוי עפנט זיך די טיר און סישלייכט זיך אַריין קנופ. מהר"ם און אשר, דערשטוינטע, קוקן אים אָן. ער איז דורכגענעצט און דורכגעציטערט)

קנופּ

איך וועל אייך גאָרנישט טאָן. אַ שרעקט זיך ניט!

אשר

ווי אַזוי ביסטו אַריין אַהער?

קנופּ

זיך דורכגעשלייכט, זיך דורכגעגנבעט —
און קיינער האָט מיך ניט געזען.

מהר"ם

(קערט זיך אָפּ, שטעלט זיך מיט דער פּלייצע צו אים)

קנופּ

דער רבי וויל אויף מיר אפילו ניט אַ קוק טאָן.

אשר

וואָס דאַרפסטו דאָ?

קנופּ

איך ווייס ניט.

אשר

ווילסט תשובה טאָן?

קנופּ

חלילה.

אשר

איז וואָס זשע ווילסטו?

קנופּ

איר זאָלט ניט צווייפלען אַז איך האָב געזאָגט אַן אמת.
דערפאַר בין איך אַריינגעקומען.

אשר

ווילסט ראַטעווען דעם רבין?

קנופּ

אוודאי וויל איך ראַטעווען דעם רבין.
דער רבי זאָל נאָך היינט פאַרלאָזן מאַינץ.

אשר

צי ווילסטו ניט אַמאָל אַריינגאַרן דעם רבין אין אַ נעץ?

קנופּ

(אַלע זײַנע אבֿרים פֿיבערן)

איך האָב אַלײן געהערט דעם הערצאָגס גזר־באָפֿעל
דעם יודן־רבֿ אַרײַנצוװאַרפֿן אין אַ תּפֿיסה.
איך זאָג אײַך, רבי, גלײבט מיר.

מהר״ם

(מיט דער פּלײצע צו אים)

צי איז עס ניט געװען צומאָל דײַן אײגענע עצה
אַרײַנצוװאַרפֿן מיך אין תּפֿיסה?

קנופּ

צי יאָ, צי נײן — איז איצט קײן חילוק ניט.
איר זעט דאָך אָבער, אַז איך שטעל װאָס איך
מיט דעם װאָס כ׳קום אײַך װאָרענען באַצײַטנס.
איך װיל דער רבי זאָל מיר דאָס מאָל גלײבן.

(װיל נעמען אַרױסגײן און קערט זיך צוריק)

איך װיל ניט לײקענען: דער רבי האָט געטראָפֿן.
דעם פּלאַן אַרײַנצוזעצן אים אין תּפֿיסה
האָב איך טאַקע אַלײן געגעבן.

מהר״ם

פֿאַרלאָז מײַן חדר!

קנופּ

ס׳איז גוט אין רבֿיס חדר.

אשר

װאָס טוט זיך דאָ?

קנופּ

װאָס זאָל זיך טאָן? איך זאָג אײַך אױס:
ניט אײן מאָל גיט עס מיך אַ צי אַהער.
אַזױ געשמאַק צו זײַן דאָ.

אשר

װער נױט דיך, אױב אַזױ, צו זינדיקן,
צו זײַן אַ רשע און אַ מסור?
טו תּשובֿה, קער זיך אום צוריק.

קנופּ

אויף אַלעמאָל? — אַ ניין. דאָס וויל איך ניט.
כ'וויל האָבן בײדע זכיות:
צו זיין אי ייד, אי ניט־ייד,
צו זיין אי דאָ, אי דאָרטן.
דערגרייכן עס מיט גוטן קען איך ניט,
דערגרייך איך עס דורך רשעות,
און ס'אַרט מיך ניט אַפילו אויב דורך מאָרד.

אשר

ער טרייבט נאָך שפּאַס — דער חכם!

קנופּ

צי זעסטו ניט אַז מיינע ליפּן פיבערן
און ס'האַרץ אין מיר ווערט אויפגעריסן? —

(צעלאַכט זיך ווילד)

יאָ, יאָ, איך שפּאַס, איך טרייב לצנות.

(האַסטיק צו מהר״ם)

איך האָב אייך פיינט און ליב, — איר הערט?
אי פיינט, אי ליב. אַ ניכפּה אויף אייך אַלעמען.
אַ ניכפּה אויך אויף מיר.
וואָס שטעלט דער יודן־רב מיר אויס זיין קרומע פּלייצע?
איך הייס דעם יודן־רב זיין מילד צו מיר. —
אַז ניט, וועל איך אייך ביידן דאָ דערמאָרדן!

(כאַפּט אַרויס זיין שווערד פון שייד. אין דעם קומען שנעל אַריין אהאַספער און דניאל)

דניאל

(כאַפּט אַן קנופּן פאַרן האַנט)

וואָס ווילט איר טאָן?

אַהאַספער

ניט ריר אים אָן — דעם שוטה דעם פאַרשאָלטענעם,
ניט אים און ניט זיין שווערד.
אָט זעסט דאָך ווי זי פאַלט אַליין אַרונטער.

(קנופּס הענט מיט דער שווערד לאָזן זיך אַרונטער צו דער ערד)

קנופּ

שוין ס'צווייטע מאָל היינט אַז מיין האַנט
ווערט אָפּגענומען. — זאָג, ווער ביסטו?

אַהאַספער

אַרויס פון דאַנען!

קנוף

(לאָזט זיך מיט פחד צו דער טיר)

אַהאַספער

קום, דניאל,
מיר וועלן אים אַרויסבאַגלייטן.

(צו מהר״ם און אשר, גייענדיק צו דער טיר)

און איר, ר׳ מאיר ב״ר ברוך,
און איר, ר׳ אשר ב״ר שלמה,
טוט ווייטער וואָס ס׳איז נייטיק נאָך צו טאָן,
טוט ווייטער, ווי ס׳איז אָנגעחתמעט.

בילד פינף

(אַן אכסניה ביי דער גרענעץ. טיף אין דער נאַכט. איבער אַ גרויסן חדר, אויף בענק און איבערן דיל, ליגן אויסגעלייגט יידן, פרויען, קינדער. זיי זיינען אויפגערודערט געוואָרן דורכן רוף פונעם שליח, און געלאָזט זיך אין וועג אַריין קיין ארץ־ישראל. זיי וואַרטן אויף דער שעת־הכושר איבערצוגיין די דייטשישע גרענעץ. אויך דניאל און אַהאַספער זיינען דאָ. אַלע וואַרטן אויפן אָנקומען פון מהר״ם.)

שליח

(וויגט זיך אַרום מיט התפעלות)

בטחון איז אמונה,
אמונה איז גאולה,
גאולה איז שמחה;
האָט, יידן, אמונה
אין ביאַת המשיח.

שטימען

מיר האָבן אמונה,
מיר וואַרטן בלב ונפש
צו גיין פון דאַנען ווייטער
צו אונדזער ארץ הקדושה.

אַ זקן

ווען חס וחלילה ניט —
צי וואָלטן מיר דען איבערגעלאָזט אונדזערע היימען
צו גיין נאָכן רוף פונעם הייליקן שליח?

שליח

איך הער דאָך אָבער אייניקע וויינען.

צווייטער זקן

און אַז וויינען איז וואָס?
אַ יידיש האַרץ קאָן ניט אויסקומען אָן וויינען.
דער הייליקער שליח זאָל וויסן,

אַז כ'וואָלט געגאַנגען קיין ארץ־ישראל
אפילו ווען ניט געדרופענערהייט,
וואָרעם — ווי געשריען, ווי געשריען!
וואָרעם באו מים עד נפש.
די יסורים צעברעכן מיך,
די כוחות גייען מיר אויס.

(דיין קול גייט איבער אין אַ שטיל געוויין)

אַ פרוי

מיין קינד איז איינגעשלאָפן. וועקט עס מיר ניט אויף.

דניאל

אויך איך וואָלט אייך געבעטן: — וויינט ניט.

שליח

די שעה פון גאולה איז נאָענט.
אם ירצה השם מאָרגן וועלן מיר גיין צו דער גרענעץ.

(דאָס געוויין ווערט ניט איינגעשטילט)

דניאל

אַז איר וויינט —
וואָלט איך אוודאי באַדאַרפט וויינען.

צווייטער זקן

פאַרוואָס אוודאי?

אַהאַספער

ער מיינט, חלילה, גאָרניט.

שליח

בהן שלי אַז איך האָב אייך געזען אין מאַינץ.

אַהאַספער

ווייל אומעטום וואו יידן — דאָרט זעט מען אונדז.

דניאל

מיר קומען טאַקע פון מאַינץ און — פון נאָך ערטער.
אָ ווי דערלעב איך שוין, ווי דערלעב איך שוין
ניט צו דאַרפן וואַנדערן נאָך אַמאָל
דורך אַזויפיל לענדער,
דורך אַזויפיל יאָרהונדערטער.
אָ ווי דערלעב איך שוין

אַרויפצושטעלן מיין פוס
אויף אונדזער צוגעזאָגטן לאַנד
באַצייטנס.

ערשטער זקן

וואָס זיינען עס פאַרא רייד?

צווייטער זקן

וואָס מיינט ער — יאַרהונדערטער?
וואָס מיינט ער?

דניאל

אָ גאָט, מיין גאָט,
ביז וואַנען וועסטו פייניקן מיין האַרץ
מיט דער זעאונג פון מיין לאַנד,
וואָס איז ווייט און פאַרבאָטן;
מיט דער זעאונג פון אַ וועג,
וואָס פאַרהאַלט זיך ביי אַ גרענעץ;
מיט דער זעאונג פון אַ וועג,
וואָס דערפירט ניט?

שליח

ניט רעכט אַזוי צו רעדן.

אַהאַספער

עס מאַכט ניט, לאָזט אים.
זיין זכיה אַזאַ:
צו אויסטרויערן באַצייטנס אַלע טרויערס,
צו אויסליידן פאַראויס אַלע ליידן.
אַז איינער שעפּט דעם גאַנצן טרויער אויס באַצייטנס —
ווערן אַלע שמחות פריי אויף לאַנגע דורות.
איר פאַרשטייט — אַ זכיה אַזאַ.

דניאל

אַ זכיה אַזאַ האָט יעדער אין ישראל,
צי ער ליגט ווי אַ לאַם געבונדן,
צי ער ליגט אַ פאַרמשפּטער אונטער אַ שווערד,
צי גאָר אויף אַ דיל אין אַ גאַז־קאַמער —
ערגעץ דאָרט אין טרעבלינקע.

שטימען

אויף וואָס איז ער מרמז?
טרעבלינקע — וואָס מיינט עס?

שליח

ס'איז אַלץ אין דרך — איך זאָג אייך.
יעדעס וואָרט — אַ רמז אויף גאולה,
מחמת צער איז אַ רמז אויף שמחה,
מחמת שווערד איז אַ רמז אויף שלום.

פרוי

פאַרוואָס גייט מען ניט צו דער גרענעץ?
שוין העכער אַ וואָך אַז איך וואַלגער מיך אַרום
צוזאַמען מיט מיין קינד אין דער שמוציגער אכסניה.

ערשטער זקן

מיר וואַרטן דאָך אַלע אויפן מנהיג הדור,
אויף ר' מאיר פון רוטענבערג —
צי ווייסטו ניט, טאָכטער פון ישראל?

פרוי

אוודאי ווייס איך, אוודאי. אָבער איך פרעג דאָך:
פאַרוואָס נעמט עס אַזוי לאַנג?

(צו איר קינד פאַרוויגנדיק)

שלאָף, מיין קינד, שלאָף,
די מאַמע וועט דיך נעמען צו דער גרענעץ —
צו דער גרענעץ — אַלע־ליו;
ירושלים הקדושה וואַרט אויף אונדז,
דער מלך המשיח וואַרט אויף אונדז
אויף יענער זייט גרענעץ — אַלע־ליו.

שליח

דער הייליקער ר' מאיר וועט קומען באַלד.

דניאל

אוודאי וועט ער קומען. ער מוז.
און ס'האַרץ אין מיר פאַרגייט אין בענקשאַפט
צו וואַרענען אים מיט אַ וואָרט כאָטש
וועגן דעם וואָס אים דערוואַרט.

אַהאַספער

דו טאָרסט ניט.

דניאל

(מיט אומגעדולד)

איך קען ניט שוויגן מער. איך קען ניט!

אַהאַספּער

דו מוזט.

דניאל

צי מעג איך כאָטש דערציילן אַ מעשה?

אַהאַספּער

וואָס ווילסטו דערציילן?

דניאל

אַ ווייסע, אַ כשרע טויב איז געפלויגן
אין פּיסק אַריין גלייך פון אַ פינצטערן רויב־פויגל.
דער רויב־פויגל לויערט, לויערט.
אַ צושויער זעט עס צו.
ער זעט עס צו און שווייגט.
אוי ווי, אוי ווי — ער שווייגט.

פון עולם

וואָס רעדט ער מיט משלים?
אַזוינע מאָדנע ווערטער:
טרעבלינקע, גאַז־קאַמער. — —
ער וואַרפט אַ פּחד אָן אויף אונדז.

אַהאַספּער

(מיט כעס)

איך זע — ס'איז שלעכט מיט דיר,
די אומגעדולד האָט ווידער דיך אַריינגעכאַפּט
נאָך ערגער ווי אַ רויב־פויגל אין פּיסק אַריין.
קום שוין אַרויס פון דאַנען.

(ער נעמט ציען דניאלן פאַר אַ האַנט. אין דעם קומט אַריין משה, מהר״מס שמש, אַ צעטראָגענער)

שמש

אוי ווי געשריען, יידן, ווי געשריען!

אַלטע

(אין שרעק)

וואָס געשען?

שמש

דער מומר להכעיס איז דאָך דאָ אין שטאָט,
דער מסור, דער משומד. — ער האָט מיך געזען!

שליח

ווי אַזוי ?

שמש

אַ וויי, אַ וויי ! געשען איז עס בייטאָג נאָך :
דער באַזעלער געקרוינטער בישאָף
איז דורכגעפאָרן היינט די שטאָט.
די גאַסן זיינען פול געווען מיט מענטשן,
און איך בין, על פי מקרה, אין המון אַריין,
פון גרויס צעטומלעניש, אוי וויי, אַריין.
מיין קאָפּ איז מיר פאַרנומען, ווייסט איר דאָך,
מיט איין מחשבה : גרענעץ. צוליב דעם
האָט מיך דער רבי דאָך געשיקט אַהער פאַראויס
כדי צוצוגרייטן אַלץ ווי ס'דאַרף צו זיין. —
איז ווי איך זוך אַרויסצוראַטעווען זיך פון המון,
דערשפיר איך מיטאַמאָל אויף זיך צוויי אויגן.
איך גיב אַ דריי מיין קאָפּ, ערשט — ווי איז מיר !
דעם רשע קנופּס צוויי אויגן ! — הערט נאָר : אַזאַ גדולה !
דער רשע איז געווען דאָך איינער פון די ריטערס,
וואָס האָבן, פול באַוואָפנטע, באַגלייט דעם בישאָף.

דניאל

(מיט גרויס אימפעט צו אַהאַספער)

קומט שנעל צו שטעלן זיך אויף וואַך. קומט שנעל.

(צום שמש)

אויך איר מיט אונדז. מיר מוזן היטן.

(דניאל ציט אַהאַספערן, אויך משהן. זיי גייען אַרויס. צווישן עולם אומרו)

פרוי

ס'איז עפּעס דאָ ניט גלאַט.

צווייטער זקן

יאָ, עפּעס קומט דאָ פאָר.

שליח

אָן פּחד, יידן, — נאָר אָן פּחד !
וואָס גייט אונדז אָן דער בישאָף ?
וואָס גייט אונדז אָן דער נאַר־משומד ?
מיר ליגן דאָ עק שטאָט אין גוטער פינצטערניש

פאַרבאָרגן און באַהאַלטן.
שטילט איין די מורא, יידן.

(בעל אכסניה קומט אַריין)

בעל אכסניה

דער רב מיט מזל איז שוין דאָ.
מאַכט פּלאַץ, מאַכט פּלאַץ.

(עס קומען אַריין מהר״ם, אשר, שמשון, חיים, אסתר און נאָך אַ צאָל פון זיינע תלמידים. בעל אכסניה נייגט זיך)

ברוכים הבאים.

שליח און אַלע

(הייבן זיך פון די ערטער)

ברוכים הבאים, רבי, ברוכים הבאים.

מהר״ם

זייט אַלע געבענטשט, יידן;
איך בעט אייך — רוט אויף אייערע ערטער.

בעל אכסניה

דער הייליקער רבי זאָל מיר מוחל זיין
וואָס כ׳האָב ניט געגרייט פּלאַץ פאַר אַלעמען.
אַזויפיל יידן, אַן עין הרע, קומען אָן.

שטימען

וואָס הייסט? וואָס הייסט? מיר׳ן מאַכן פּלאַץ.

(עולם רוקט זיך צונויף אויף דער ערד. סיקינד ביי דער פרוי כאַפּט זיך אויף)

אסתר

אַ ברעקל פּלאַץ נאָר פאַרן פאָטער.

שטימען

פאַר אַלעמען. פאַר אַלעמען. — וואָס הייסט —

אסתר

דער פאָטער איז פאַרמאַטערט שטאַרק פון וועג.

מהר״ם

ניין, ניין, אסתרלין.
איך בעט אייך, יידן, רוען, ניט געשטערט זיין,
און אויך דעם קינד ניט שטערן. כ׳בעט אייך.
מיר וועלן זיך אַן עצה געבן, טאָכטער. —
אויך איר, תלמידים מיינע, שפּאַרט זיך צו וואו ס׳לאָזט זיך.

אסתר

אַט האָבן מיר שוין פלאַץ פאַר אַלעמען.

(מיט אַ געניטער האַנט מאַכט זי אַ שטיקל געלעגער אויף אַ באַנק וואָס אַנדערע האָבן אָפּגעטראָטן פאַרן רב. אַלע איבער־ריקע אָרדענען זיך ביסלעכווייז איין דערביי אויפן דיל, אויף שטרוי־אויסבעטן, טוען ניט אויס די קליידער. אסתר זעצט אַוועק דעם פאָטער, שפּאַרט אָן זיין קאָפּ אָן אַ שטרוי־קישן)

מאַך צו די אויגן, פאָטער לעבן. רו.

מהר"ם

אַ ברכה אויף דיין קאָפּ, אסתרלין.

און ווי איז אייך, תלמידים מיינע?

אשר

מיר רוען, רבי.

שמשון

אַ שווערער וועג געווען.

חיים

דער שווערסטער וועג איז לייכט און גרינג

אויב נאָר ער פירט קיין ציון.

שליח

ער פירט אונדז אַלעמען אַהין.

מהר"ם

דער טרייער שליח זאָל מיר מוחל זיין

מיין שפּעטיקונג, דאָס וואַרטן וואָס ער האָט געוואַרט.

שליח

וואָס מער געוואַרט, אַלץ הייליקער דער שכר

פון זיך דערוואַרטן, רבי.

אסתר

ס'וואָלט גוט געווען אַ ביסל מילך צו קריגן פאַרן פאָטער.

מהר"ם

לאו דווקא, אסתרלין, לאו דווקא.

בעל אכסניה

דער עולם, אָן עין הרע, האָט אַלץ אויפגעגעסן.

און אויסגעטרונקען ביז אַ לעצטן טראָפּן.

מהר"ם

אַ חידוש מיר וואָס כ'זע ניט משהן דאָ,
מיין שמש מיין געטרייען.

בעל אכסניה

ער איז אויף שמירה, רבי.

מהר"ם

וואָס הייסט?

בעל אכסניה

צו זיין באַוואָרנט פון ניט־גוטע אויגן.

מהר"ם

און ווען זשע וועלן מיר, אם ירצה השם,
די גרענעץ דורכגיין?

בעל אכסניה

איך גלייב אַז מאָרגן, רבי.

(לאָזט זיך אַרויסצוגיין)

און טאָמער מאַכט זיך עפּעס וואָס —
אפילו אַז עס קומט אַריין אַהער די מלוכה־וואַך —
זאָל קיינער ניט דערשרעקן זיך פאַר איר,
ניט נעמען לויפן אין בהלה, חס וחלילה.
זי קומט אַריין און גייט אַוועק. יאָ, יאָ.
דאָס בעסטע איז — פאַרטוליען זיך און שלאָפן.

אסתר

אַ גוטע עצה — שלאָפן.
די אויגן קלעפּן זיך סיי ווי.

שמשון

כנראה — זיינען חשדים דאָ,
וויבאַלד מען שמועסט וועגן שמירה.

חיים

צו וואָס אַזוינע רייד, ר' שמשון?
צו וואָס אַרויפוואַרפן אויף זיך אַן אימה?

שמשון

וואָס הייסט — אויף זיך? וואָס הייסט?
צי שיקט זיך עס צו טראַכטן וועגן זיך נאָר?
איך פרעג אַן אַנדער שאלה:

וואָס קען עס וועמען אַרן אַז מיר ווילן
פאַרלאָזן אונדזער היימלאַנד?

אסתר

איך בעט אייך, זאָגט ניט היימלאַנד.

חיים

און איך וואָלט נאָך עפּעס געבעטן
ביי אַלעמען און אויך ביי זיך אַליין:
ניט טרויערן, ניט צולאָזן צום האַרץ
קיין מינדסטן שפּור פון היים־ווײ — — —
וואוהין דען גייען מיר — מיר זאָלן קלאָגן?
פון ארץ־הדמים גייען מיר קיין ארץ־ישראל —
באַדאַרפן מיר דאָך זינגען, טאַנצן.

שליח

אַזוינס צו הערן גאַר איך.

שמשון

ס׳איז אמת, אָבער זעסט דאָך, חיים, —
ס׳געזאַנג דאַרף ערשט נאָך קומען.

חיים

ס׳געזאַנג איז שוין געקומען, שוין געקומען.
און וואָס זאָגט איר, ר׳ אשר? וואָס זאָגט איר?

אשר

(זיצט אין אַ ווינקל, זיין קאָפּ אַריינגעקומען צווישן די קני,
שווייגט פאַרזונקען)

חיים

ר׳ אשר ענטפערט ניט, ר׳ אשר שווייגט.
און אויך אַזוי דעם גאַנצן וועג געשוויגן. —

מהר״ם

(וועצט זיך אויף)

ס׳איז אמת, חיים, — אשר שווייגט די גאַנצע צייט.

אשר

(שטעלט זיך אויף)

דער רבי זאָל מיר מוחל זיין.

מהר"ם

אוודאי. — כ'בין דיר מוחל. ווי דען אַנדערש ?
אוודאי איז מיר ליב וואָס דו באַגלייטסט מיך.
דו שוויגסט אָבער די גאַנצע צייט, און כ'וויס ניט
די סיבה פון דיין שווייגן.
איך טראַכט אַז אפשר איז דיר גאָר ניט ניחא
צו טאָן מיין רצון און צוריקפאָרן קיין מאַינץ
צו זיין דאָרט רב און ראש־הישיבה.

אשר

דעם רביס רצון איז מיר טייער,
כאָטש זייער שווער איז מיר דאָס שיידן זיך —

מהר"ם

איך זע אַז עפּעס אַנדערש דריקט דיך.

אשר

ס'איז אמת, רבי.

מהר"ם

צי ווילסטו מיר ניט זאָגן וואָס ?

אשר

איך וויל. אוודאי וויל איך זאָגן. —
איך זע אין אייער גיין קיין ארץ ישראל
אַן אצבע אלקים ; אַ צייכן, ווי אַ פייער רויט,
נעמט דורך דאָס האַרץ פון אַלע יידן.
דאָס פייער לויכט אויך דאָ אין חושך.
דעם רביס ליפּן אָבער, זע איך, קלעמען
און ס'האַרץ אין מיר פאַרגייט פאַר צער. —
און חיים, רבי, איז דאָס מאָל גערעכט.

מהר"ם

איז דאָס די סיבה פון דיין שווייגן ?

אשר

איך וואָלט אַוועקגעגעבן מי יודע וואָס
אַבי צו זען אין אייך אַ ביסל שמחה.

מהר"ם

(שטיל און טרויעריק)

פאַרשטיי איך, אשר, דיין מחשבה.

און חיימען פאַרשטיי איך דאָך אוודאי.

(פויזע)

אַ ייד וואָס גייט קיין ארץ־ישראל,
דאַרף גיין ווי ס׳גייט אַ חתן צו זיין חתונה,
אין פרייער אהבה, אין פרייען רצון,
און ניט מחמת רדיפות און גגישות.
ווייל ארץ ישראל, אשר, איז דאָך כלו אהבה,
און אהבה מוז דאָך זיין באַגלייט מיט שמחה.
פאַרשטייסט, מיין זון — איך האָב גרויס צער דערפון
וואָס כ׳פאָר קיין ארץ ישראל על פי נויט,
ווי עפּעס איינער אַן אַנטלויפער,
צוליב דער רשעות גאָר פון עפּעס דאָרט אַ הערצאָג.

אשר

ס׳איז אָבער דאָך דער רצון פון אַלמעכטיקן,
אַז שטענדיק, שטענדיק זאָל עפּעס אַ הערצאָג
אונדז האַלטן אין איין טרייבן.

חיים

כדי מיר זאָלן נענטער אַלץ און נענטער
דערגרייכן צו די גרענעצן פון אונדזער חלום־לאַנד.

מהר״ם

ס׳איז אָבער אויך דער רצון פון אַלמעכטיקן,
אַז כל זמן ערגעץ וואו אין גלות־לאַנד
בלייבט איבער נאָר איין ייד אפילו,
באַדאַרף מען אים, דעם איינציקן, ניט איבערלאָזן
אַליין אויף הפקר, — און בפרט נאָך
ווען ס׳בלייבן איבער גרויסע טיילן פון ישראל.
אויב גאולה, אָשר, איז פאַר אַלע יידן,
פאַר אַלע — ביזן סאַמע לעצטן.

אשר

איר מיינט צו זאָגן, אַז איר פילט זיך שולדיק, רבי ?

מהר״ם

אַ ביטערע מחשבה מאַטערט מיך, מיין זון,
און די מחשבה איז אַזאַ :
צי מעג איך איבערלאָזן ס׳פאָלק אין רשעות־לאַנד,
און זיך אַליין, ס׳אייגענע נפש, ראַטעווען ?

אשר

אַ יעדער ייד וואָלט געבן מי יודע וואָס
אַבי דער רבי זאָל וואָס גיכער ניצול ווערן
פון הערצאָגס רשעותדיקער האַנט.

מהר"ם

די מערסטע יידן אָבער בלייבן דאָך אין גלות.
פאַרוואָס קומט מיר גאולה — ניצול ווערן?

(אין גרוים אומרו)

פאַרוואָס האָב איך געלאָזט זיך איינריידן פון דיר,
פון אַלעמען? — געלאָזט דאָס פאָלק אין פּיין,
אין אומגליק, און אַליין אַנטלאָפן — — — —
פאַרוואָס האָב איך דערלאָזט — — ?

אסתר

(אין דערשראָקנקייט)

אַ פּאָטער לעבן, פּאָטער לעבן.

(אשר, שמשון, חיים, דער שליח רינגלען אַרום דעם מהר״ם,
טרייסטן אים)

אַלע

דער רבי זאָל געטרייסט זיין, זאָל געטרייסט זיין.

מהר"ם

(אין זעלבן טאָן פון צער)

פאַרוואָס איז יצחק אָבינו ניט אַנטלאָפן פון זיין עקדה?

חיים

און ווי וועט זיין דער דין, רבי,
אַז אויך ארץ־ישראל איז אַ הייליקע עקדה?

(פאַר דער צייט זיינען אַריינגעקומען שטיל אַהאַספער און דניאל.
שטייען ביי דער טיר, רוקן זיך נענטער)

דניאל

און אפשר גאָר ניט קיין עקדה, נאָר אַ סך?

(אַלע גאַפן)

מהר"ם

אויך איר זענט דאָ?

אַהאַספער

אוודאי, רבי לעבן.

מהר"ם

וואָס מיינסטו, זון מיינער, מיט דיינע רייד?

דניאל

אין ארץ־ישראל ברענען היינט אַ סך עקדות,
און ליכטיק פלאַקערן דאָרט הונדערטער מזבחות,
אין עין חרוד, אין תל יוסף, אין גבעת ברענער,
און ניט נאָר יצחקס שטרעקן אויס די העלדזער פרום,
נאָר שרהס אויך, און רבקהס אויך, און רחלס אויך.
און ווער עס קומט אַהין פאַרגייט זיך אין מתיקות,
ווי משה רבינו איז פאַרגאַנגען זיך אויף באַרג נבו
אַ רגע פאַר זיין שטאַרבן. —
אַ גאַנצער דור אַזוי. — אַ גאַנצער דור
וואָס איז אַליין משיח.

שליח

צי קומט דער אורח אויך פון ארץ ישראל?

דניאל

כ'וואָלט זייער וועלן זאָגן אַז איך קום פון דאָרט.
נאָר כ'קאָן ניט, ווייל איך קום פון אַנדערע עקדות,
פון אַנדערע מזבחות איבער גאָר דער וועלט,
און ס'וואַרט אויף מיר אַ קאַלך־אויוון — אַ גאַז־אויוון,
וואָס איז ניט ווינציקער באַקאַנט מיט זיין מתיקות.
מוריה, עין־חרוד, נבו, מאידאנעק —
אין פלאַקער־פייער נעמט זיי אַלעמען אַרום.

חיים

וואָס טוט זיך דאָ?

דניאל

וואָס זאָל זיך טאָן? — דער פלאַם פון גאַז־אויוון
האָט שוין פאַרברענט אויף טויט מיליאָנען יידן,
און איצטער וואַרט דער פלאַם אויף מיר.
איך האָב געמיינט אַז כ'וועל זיך קאָנען ראַטעווען
אָט דאָ ביי אייך, און כ'בין צו אייך געקומען
צוזאַמען מיטן זיידן. — אָבער איצט,
ווי קאָן איך טראַכטן וועגן זיך, ווען כ'זע
דעם רב זיך גרייטן צו זיין אייגענער עקדה.

אַהאַספער

(פאַרשטעלט אים די ליפּן)

קיין וואָרט ניט ווייטער.

אשר

מיר ווילן וויסן וואָס ער מיינט.

שטימען

מיר ווילן וויסן.

אסתר

איר וואָלט באַדאַרפט דעם פּאָטער לאָזן רוען.

מהר"ם

ס'מאַכט ניט, אסתרלין, ס'מאַכט ניט.
כ'וויל אויך דער יונגערמאַן זאָל רעדן ווייטער.

אַהאַספער

איך הייס ניט, ווייל ער רעדט ניט צו דער זאַך.
ער וויל פאַרמיידן, אָפּשרייען געשעענישן
וואָס זיינען פאַרגעקומען שוין.

מהר"ם

ער רעדט דאָך אָבער וועגן מיר —

דניאל

אוודאי, רבי, וועגן אייך.

אַהאַספער

דניאל! איך הייס ניט רעדן.

אסתר

(צו דניאל)

אויב יאָ אַזוי — בעט איך, אַז איר זאָלט רעדן
און אויפדעקן דעם מיין פון אייערע רמזים.

דניאל

מיין האַרץ איז פול מיט בענקעניש נאָך אייך,
און כ'וויל פאַר אייך אנטפּלעקן אַלע סודות, —
פאַר אייך, אָ אסתר —

אסתר

אָט שטרעק איך אויס די הענט צו אייך.
אַנטפּלעקט, זאָגט אויס, דערציילט פאַר מיר —

אַהאַספער

איך הייס ניט. איך פאַרווער.

אסתר

אָ זייט ניט שלעכט, אָ זייט ניט האַרט,
איך זע דאָך אַז איר ווייסט וועגן אונדזער גורל.

(צו דניאל)

צוליב מיין פאָטער טוט עס.
און אויך אַביסל צוליב מיר.
מיין פאָטער וועט ניט ווערן בייז אויף מיר
אויב איך וועל זאָגן אַז איך זע אויף אייער פּנים
אַ טרויער פון אַ ברודער, פון אַ שיינעם ברודער.

דניאל

איך בין אַ ברודער אייערער, ס'איז אמת.
און ס'גייט מיר אויס דאָס חיות צו דערציילן אייך — —

אַהאַספער

(לייגט אַרויף זיין האַנט אויף דניאלס מויל)

איך הייס ניט רעדן וועגן דעם. איך פאַרוועהר.

דניאל

(באַצוואונגען. ענדערט טאָן. זיינע ליפּן ציטערן, שטאַמלען מיט הייס געבעט)

איך מיין — איך וויל אייך בעטן, רבי —
איך מיין — איר זאָלט מיר געבן אייער ברכה,
איך מיין — איר זאָלט מיך אָנרירן מיט ביידע הענט
און בענטשן מיך — —

שטימען

וואָס טוט זיך דאָ? גאָר בענטשן אים?

דניאל

כ'מוז האָבן אייער ברכה, רבי. כ'מוז.

אסתר

כ'פאַרשטיי ניט וואָס איר מיינט.

דניאל

ס'איז, דוכט זיך, קלאָר און פּשוט:
זיי האָבן מיך צעריסן און מיך חרב געמאַכט.
באַדאַרף איך טרייסט, באַדאַרף איך ליבשאַפט,
באַדאַרף איך וואַרעמקייט. זיי האָבן מיך צעפּייניקט.

מהר"ם

ווער?

אסתר

איך בעט אייך, זאָגט אונדז: ווער?

דניאל

צי איז אַ חילוק ווער?
צי איז אַ חילוק ווען?
כ'בין חרוב, רבי.

מהר"ם

קום־צו צו מיר.

(דניאל גייט צו. מהר"ם לייגט אַרויף זיינע הענט אויף דניאלס קאָפּ)

זיי געבענטשט אין זכות פון אונדזער נצח.

(פּויזע)

און איצטער לייגט זיך אַלע אָפּרוען, איך בעט אייך.

(אַלע צעלייגן זיך. סיוועדט שטיל. מהר"ם, אַנגעלייגטערהייט, נעמט זאָגן פאַר זיך אַליין מיט זייער אַ שטילן זינגענדיקן קול)

מן המצר קראתי יה, ענני במרחב יה —

(עמיצער פון עולם כאַפּט עס, אויך שטיל, אונטער, און ביס־לעכווייז, ווי פון זיך אַליין, נעמט עס אויף דער גאַנצער עולם, ניט געקוקט אויפן שלאָף. עס ווערט אַ געזאַנג, וואָס פאַרוואַנדלט זיך אין אַ שטיל נאָגנדיק געוויין. מהר"ם זעצט זיך אויף, ווענדט זיך צו עולם)

רבותי, רבותי —
צעשטערט ניט די מנוחה אין אייער האַרץ
מיט געוויין, איך בעט אייך.
מאַכט צו אייערע אויגן און שלאָפט.
אפילו אין אַ פינצטערער אכסניה
דאַרפן יידן זיך אָנטאָן אַ כוח
ניט בטל צו מאַכן דעם סדר העולם,
אפשיטא — ניט וויינען ביינאַכט;
די נאַכט האָט אונדז גאָט ברוך הוא
געגעבן אויף רו.

שליח

מן המצר אָבער איז פון הלל, רבי, —
און הלל זאָגט מען דאָך אום יום־טוב. —
איז אַ סימן אז דער יום טוב איז שוין דאָ,
דער יום־טוב פון גאולה איז שוין דאָ.
טאָ לאָמיר אַלע זינגען, לאָמיר אַלע זאָגן הלל:
הודו, הודו, הודו.

(דער גאַנצער עולם כאַפּט עס אויף. עס ווערט אַן עקסטאַטיש געזאַנג. עס יאָגט אַריין משה מיט גרויס פּחד)

משה

(אין בהלה)

יידן! יידן!

שטימען

וואָס איז געשען?

משה

חייל גייט אַהער מיט פאַקעלן און שפּיזן.

(מהומה)

באַהאַלט דעם רבין!

(פאַלט צו צו מהר״ם)

גייט שנעל אַרויס פון דאַנען, רבי.

(מהר״מס נאָענטע רינגלען אים אַרום. משה כאַפּט אָן מהר״מס האַנט, ציט אים)

כ׳האָב מורא, רבי.

מהר״ם

אָן פּחד, רבותי. אָן פּחד.

איך בעט אייך אַלעמען זיין רואיק.

מען קאָן אַנטלויפן פון אַ הערצאָג,

נאָר ניט פון גאָט ברוך הוא.

(עס פאַלט אַריין אַ באַוואָפנטע מחנה)

עלטסטער פון דער מחנה

דער יודן־רב פון מאַינץ איז דאָ צווישן אייך.

(שטילקייט)

איר שווייגט? — וועל איך אייך אַלעמען פאַרנעמען.

איך פרעג דאָך: ווער איז דאָ דער יודן־רב?

מהר״ם

איך.

עלטסטער

מיר האָבן אַ באַפעל דעם יודן־רב צו אַרעסטירן.

שטימען

פאַרוואָס? פאַרוואָס?

עלטסטער

מיר גיבן קיינעם ניט קיין רעכענונג,

מיר פירן אויס נאָר דעם באַפעל פון אונדזער הערצאָג.

מהר״ם

כ׳בין גרייט.

(וואָך רינגלט אים אַרום)

בילד זעקס

(אַ טונקעלע תּפיסה־צעל אין וואַסערבורגער פעסטונג. מהר"ם זיצט אויפן בעטל אין אַ תּפילהדיקן צושטאַנד. ער איז איינגעוויקלט אין אַ טלית. זיינע ליפּן פּליסטערן: יושב בסתר עליון — — — אויף אַ טישל דערביי שטייט אַ קרוג וואַסער און אַ ניט־געריררט ברויט. עס עפנט זיך די פאַרריגלטע טיר, סיקומט אַריין דער וועכטער. מהר"ם שענקט ניט קיין אַכט. זעצט פאָר דאָס פּליסטערן פון זיינע ליפּן.)

וועכטער

דער יודן־רב שלאָפט ווידער?

מהר"ם

(גיט זיך אַ כאַפּ, בלייבט זיצן אויסגעגלייכט)

ניין, הער וועכטער.

(ער טוט אויס פון זיך זיין טלית)

וועכטער

שוין האַלבער טאָג, און ס'ברויט מיט וואַסער
נאָך אַלץ ניט אָנגערירט.

מהר"ם

איך פאַסט אַ תּענית היינט, הער וועכטער.

וועכטער

שוין ווידער? וועסט דאָך אומקומען אַזוי ביי אונדז.

מהר"ם

השם יתברך ווייס —

וועכטער

(שלאָגט איבער)

לאָז אָפּ, הער אויף — —
איך האָב אַ גוטע בשורה פאַרן יודן־רב.

(ער וואַרט אַז מהר"ם זאָל אַרויסווייזן נייגעריקייט, אָבער מהר"ם נעמט־אויף זיינע ווערטער קאַלט, רעאַגירט ניט אויף זיי. דער וועכטער ווערט אויפגערעגט)

וואָס שווייגסטו? ביסט ניט נייגעריק צו וויסן גאָר?

מהר"ם

אַ ייד באַדאַרף ניט נייגעריק צו זיין.

וועכטער

דיר שטייט ניט אָן אפילו, הייסט עס,
צו פרעגן וואָס און ווער? — דו אַלטער יודן־קאָפּ.

מהר"ם

איך פרעג ניט. איך באַלעסטיק ניט.

וועכטער

אָט דאָס איז טאַקע וואָס מיך אַרט. — דיין גאווה!
אַ תפיסהניק באַדאַרף ניט האָבן אַזאַ גאווה.
אַ תפיסהניק באַדאַרף זיין אומגעדולדיק, גראָב,
און שטענדיק דאַרף ער עפּעס מאָנען, שרייען. —
כ'האָב ליב ווען תפיסהניקעס זידלען זיך,
ווען תפיסהניקעס פאָדערן אַז עפּעס קומט זיי,
ווייל דעמאָלט פיל איך אַז די תפיסה טוט זיי וויי.
און דו — שוין באַלד אַ יאָר אַז דו ביסט דאָ,
און מאָנסט ניט. גאָר ניט. ביסט צו שטיל.
און כ'הער צומאָל אפילו ניט זאָלסט וויינען,
ווי ס'וויינען מערסטע תפיסהניקעס, אויפן קול. —
דו מאַכסט מיר פון דער תפיסה אַ שטיק חוזק.

(לאָזט זיך אַרויסגיין, קערט זיך אום צוריק)

דערהאַלטן פון זיין האָהייט אַ פאַראָרדענונג
דיר נאָכצוקומען דיין בקשה.

מהר"ם

איך האָב ביי קיינעם ניט געבעטן קיין בקשות.

וועכטער

מסתמא האָבן דיינע יודן עס געטאָן פאַר דיר.
דעם יודן־רב וועט זיין דערלויבט פון היינט און ווייטער
צו האָבן ביכער און אַ שטענדער דאָ אין צעל,
און אויך אַ פעדער, טינט און פּאַרמעטן,
און איבער אַלעם — אַ דערלויבעניש צו האָבן געסט.

מהר"ם

אַ דאַנק דיר, בורא עולם, פאַר דיין חסד.

וועכטער

דעם הערצאָג דאַרף דער יודן־רב באַדאַנקען. —
און וואָס, אַ שטייגער, וועט דער יודן־רב
דאָ טאָן מיט פּאַרמעטן?

מהר"ם

אַ ספר־תורה שרייבן.

וועכטער

די יודן־תורה?

מהר"ם

גאָטס תורה.

וועכטער

ווי קאָן מען אין דער פינצטערניש דאָ שרייבן?

מהר"ם

גאָט ברוך הוא מאַכט ליכטיק אַלע פינצטערנישן,
און עפנט ברייט פאַנאַנדער אַלע תפיסה־שלעסער
פאַר זיינע אותיות — פאַר מיינע געסט.

וועכטער

פאַר וועלכע געסט? וואָס מיינט דער יודן־רב?
און וואו איז דאָ אַ נפש אויף דער וועלט
וואָס קען אַריינדרינגען אַהער אָן מיינע שליסלען?
צי מיינט דער יודן־רב מיך ווידער אָנצושרעקן,
ווי נעכטן נאַכט, דורך פירן אַ געשפּרעך
מיט עמיצן אַ ניט־געזעענעם אָט דאָ אין צעל?
דער יודן־רב זאָל מער אַזוינס ניט טאָן.

מהר"ם

אַ וועכטער דאַרף ניט זיין קיין שרעקעדיקער.

וועכטער

האַלט ס'מויל, דו אַלטער יודן־קאָפּ.
ניט אַנדערש אַז דו ווילסט מיך אָנשרעקן מיט כישוף;
איז טאַקע אמת אַז עס קומען צו דיר גייסטער,
צי גלאַט אַזוי — דו רעדסט פון שלאָף?

מהר"ם

ניט גייסטער און ניט שלאָף, נאָר לעבעדיקע עדות
פון וויטע שפּעטערדיקע דורות.

וועכטער

דער יודן־רב לאַכט אָפּ פון מיר. —
ווי קאָן אַ שפּעטערדיקער, אַ נאָך־ניט־געבאָרענער
אַריינקומען צו דיר אין תפיסה היינט?

מהר"ם

דײַן װעכטער־מוח װעט אװדאי ניט באַנעמען
אַן אײביקײט אַן אָפענע אױף אַלע טירן,
אַן אַנגעצונדענע מיט ליכט פון בורא עולם,
דורך װעלכער אַלע דורות — אַלע לעבנס —
פון נעכטן און פון הײַנט און אױך פון מאָרגן —
באַגעגענען זיך. — דײַן פאַרטעמפּטער מוח
באַנעמט נאָר אײנס: פאַרהאַקן טירן,
פאַרשליסן שלעסער, קלאַפּן מיט די שליסלען,
און װאָס מער פּינצטערניש אַרײַנפּאַקן
אין שמוציקע פיר ענגע װענט. —

װעכטער

(אױפגעזאָדן)

געפעלן דיר ניט מײַנע שליסלען — װאָס?
אַנו, פּרוביר פאַרזוכן זײער טעם!

(ער גיט אַ שטױס דעם מהר"ם צום בעטל און הײבט אױף איבער אים אַ בונט שטאָלענע לאַנגע שליסלען, װיל נעמען אים שלאָגן מיט זײ. עס טױכן אַרױס פון דער טונקלקײט אַהאַספער און דניאל. אַהאַספער גיט אַ קלאַפּ דעם װעכטער איבער דער האַנט, די שליסלען פאַלן אַרױס פון דײן האַנט מיט האַסט צו דער טיר. דער װעכטער שפּרינגט צו צו דער טיר אין פּחד. מהר"ם איז געפאַלן אױפן בעטל. זיצט אַ געבױגענער)

אַהאַספער

קײן האַנט ניט װאַגן אױפצוהײבן!

װעכטער

װער איז דאָ?

דניאל

אַ לעבעדיקער עדות פון די שפּעטערדיקע דורות.

װעכטער

(אין פּחד)

די גײסטער. דײַנע זײַנען דאָ. די גײסטער.

אַהאַספער

װאָס פּלאָפּלסטו? הײב־אױף די שליסלען
און גײ צו דײַן מלאכה.

דניאל

העקערשע מלאכה —

אַז אָפּדאַרן זאָל דיר דיין רעכטע האַנט,

דו תּפֿיסה־הונט. — אַ גאָט, אַ גאָט —

אַ ווי דערלעב איך שוין כאָטש וואו ניט איז,

כאָטש ווען ניט איז, צו אָפּצאָלן אַ מינדסטן אָפּצאָל

פֿאַר אַלע תּפֿיסות און פֿאַר אַלע מאָרדן,

פֿאַר אַלע דורות.

וועכטער

ווער וואָגט אַזוי צו מיר צו רעדן?

ניט אַנדערש נאָר אַ כּישוף —

(ער כאַפּט די שליסלען, לויפֿט אַרויס, פֿאַרשליסנדיק די טיר אויף יענער זייט. מהר״ם זיצט אויפֿן בעטל, דער קאָפּ אַראָפּגעזונקען. אַהאַספֿער און דניאל שטייען איבער אים אַ רגע, טרעטן אָפּ אויף צוריק. ריידן שטיל צווישן זיך)

אַהאַספֿער

ער׳ט קומען באַלד צו זיך.

דניאל

אפֿשר וועקן אים?

אַהאַספֿער

ער׳ט אויפֿשטיין באַלד אַליין.

דניאל

אַזוי אַלט געוואָרן.

אַהאַספֿער

ש־ש־ש, רעד ניט הויך.

(פּויזע)

און איצטער לאָמיר גיין.

דניאל

אפֿשר נעמען אים מיט זיך?

אַהאַספֿער

(שאַרף)

דניאל!

דניאל

צי טאָר אין אונדזער גאַנג ניט זיין

קיין מינדסטער שינוי?

אַהאַספֿער

דניאל

אַפילו ניט קיין איינציק מאָל
אין משך פון יאָרטויזנטער?
קיין אָפּווייכונג? קיין איבערבראָך?

אַהאַספּער

עס טאָר ניט.

דניאל

אַפילו אַזאַ אַלטן מאַן ניט העלפֿן?

אַהאַספּער

ער מוז אַלץ דורכמאַכן אַליין,
ער מוז אַליין אַלץ דורכגיין.
אַליין, ווי דו.

דניאל

צי וועט ער אויסהאַלטן?

אַהאַספּער

ער וועט. ער מוז. ווי דו.
און איצטער לאָמיר גיין.
די בני־בית זיינע הער איך קומען.

(אַהאַספּער און דניאל אָפּ אין דער טונקלקייט. מהר״ם קומט צו זיך, קוקט זיך אַרום. נעמט זאָגן: מזמור לדוד, ה׳ רועי לא אחסר — — די טיר עפנט זיך ווידער. דער וועכטער שטעקט אַריין דעם קאָפּ)

וועכטער

איצט זיינען אויף אַן אמת געסט געקומען.

(וועכטער לאָזט אַריין אין קאַמער משהן, דעם שמש, און שמשון [תשב״ץ]. ביידע דערשראָקענע. זיי פאַלן ביידע צו צום מהר״ם, מהר״ם, אויפגעטרייסלט, נעמט זיי אַרום)

ביידע געסט

שלום עליכם, רבי.

מהר״ם

(שפּירט אין זייער קול געוויין)

עליכם שלום, רבותי.
איך דאַרף אייך תיכף בעטן:
חלילה אייך פון צו וויינען.

שמש

(פאַרברעכט מיט די הענט)

אוי ווי! —

מהר"ם

(שאַרף)

משה!

שמש

אַז איך בין דאָך אין אַלעם שולדיק —

מהר"ם

ניין, ניין. אפילו קנופּ איז ניט שולדיק.

שמש

ס'איז ער געווען וואָס האָט געמסורט.

שמשון

ער איז שוין אַ געשטראָפטער, רבי.
ער ליגט זייט דעמאָלט אַ צענויפגעפאַלענער, אַ חולה־נופל.
אַ שלאָק האָט אים געטראָפן. און דער הערצאָג
האָט אָפּגעקערט פון אים זיין פנים, און מען זאָגט נאָך
אַז ס'וואַרט אויף אים אַ שטראָף מצד דעם הערצאָג.

מהר"ם

איצט זעט איר דאָך אַליין אַז גאָט ברוך הוא
לאָזט קיינעם ניט אַנטרינען. קיינעם ניט.
ניט מיך, ניט קנופּן —

שמש

להבדיל אלף הבדלות.

מהר"ם

(ווערט וואָס ווייטער פעסטער. זיצט תקיפותדיק אָנגעלענט אָן
זיין שטעקן)

איר קענט דאָך לאַנג ניט זיין מיט מיר, רבותי, —
איז לאָמיר היטן זיך פון דברים בטלים.
וואָס מאַכן אַלע? רחליק, און אסתרליק, און שלמה,
און אָשר, און חיים — —

שמש

אַלע ברוך השם געזונט.

שמשון.

און חיים איז אַליין אַוועק קיין ארץ הקדושה.

מהר"ם

אַזוי ? אַוועק טאַקע אַליין —
אַ ברכה אויף זיין קאָפּ.

שמשון

און אַשר איז מקיים אייער רצון, רבי.
ער איז דער ראש הישיבה.

מהר"ם

געלויבט השם יתברך.

שמשון

דאָס מאָל בין איך געקומען מיט ר' משהן,
אַ צווייטן מאָל, אם ירצה השם, וועט קומען אַשר,
אויך אסתרלין און רחלין.

מהר"ם

כ'וועל וואַרטן אויף זיי אַלעמען מיט שמחה.
די קהילה קומט צו זיך ?

שמשון

יאָ, רבי.
און אַלע יידן קוקן אויס נאָך אייך די אויגן,
און אַלע האָבן אין איין קול אונדז אָנגעזאָגט
צו איבערגעבן אייך אַ דרישת שלום,
און מערער נאָך — אַ שטאַרקונג און אַ האָפענונג,
אַז באַלד וועט קומען די באַפרייאונג —

שמש

און אפשר טאַקע גאָר אינגיכן.

מהר"ם

וואָס הייסט ?

שמש

די יידן רוען ניט.

שמשון

די ראשי הקהל פון די גרעסטע קהילות
פאַרזאַמלען זיך היינט דאָ אין שטאָט.
זיי וועלן אַלע קומען היינט צו אייך,
און אפשר טאַקע באַלד.

מהר"ם

מכוח וואָס ?

שמשון

מכוח פדיון שבויים.

מהר"ם

מכות פדיון שבויים סתם ?

שמשון

מכות איך, רבי.

מהר"ם

(אויפגערעגט)

מכה מיר באַדאַרף מען קיין אסיפות ניט.
צי ווייסט איר ניט מיין רצון ?

(פויזע. מיט צאָרן)

איך פרעג דאָך אייך — צי ווייסט איר ניט מיין רצון ?

שמשון

מיר ווייסן, רבי.

שמש

(געבראָכן)

דעם רבין גיט מען עסן ברויט מיט וואַסער נאָר —
אַז ווי איז מיר —

מהר"ם

ס'איז ניט קיין עיקר וועגן דעם צו רעדן.

(ווערט האַפּערדיקער, באַרואיקטער)

איצט זאָג מיר, שמשון לעבן —
צי האָבן זיך אין משך פון דער צייט
ניט אָנגעקליבן גאָר קיין שאלות ?

שמשון

אָ, זייער אַ סך שאלות, רבי.
פון אַלע שטעט, פון אַלע געגנטן.
די יידן נעמען אויף אַ האָר ניט אָן
דאָס זיצן וואָס דער רבי זיצט אין תפיסה.
זיי שיקן זייערע שאלות, ווי אַמאָל, אַהיים צו אייך,
און אַלע וואַרטן זיי אויף אייער תשובה.

מהר"ם

(אויפגעלויכטן)

אַ גוטער סימן אַז דאָס פאָלק אַליין
איז ניט אונטער דער שליטה פון געוויין און עצבות —
אַזוי ווי עס וואָלט קיין תפיסה גאָר ניט זיין.
און דאָס איז גוט. און דאָס איז מיר צום האַרצן.
האָסט אפשר מיטגעבראַכט מיט זיך די שאלות ?

שמשון

יאָ, רבי, כ׳האָב געלייענט די כתב־ידן —
געדענק איך זיי.

מהר״ם

צי וועסטו קאָנען אויך געדענקען מיינע תשובות,
און זיי מודיע זיין דעם עולם ?

שמשון

כ׳וועל קאָנען, רבי.

שמש

און איך וועל אויך אַ ביסל צוגעדענקען.

מהר״ם

(זעצט זיך אין אַ פייערלעכער פּאָזע, טוט אָן אויף זיך דעם טלית)

געבענטשט זיי, בורא עולם, וואָס דו ביסט מבטל
פאַר מיר די שליטה פון דער תפיסה,
און טיילסט אויס פון דיין ליכטיקן פאַרשטאַנד
צו אַן אָרעמען און פּשוטן בשר ודם. —

(צו שמשונען)

איצט ברענג פאַר מיר די שאלות, שמשון.

שמשון

אַ שאלה, רבי, וועגן די מאַנצבילן,
וואָס קומען אָן צו אונדז אין דער ישיבה לערנען
פון ווייטע שטעט און ווייטע געגנטן,
און גאָר אַ סך פון זיי זיינען באַווייבטע,
וואָס לאָזן איבער זייערע ווייבער אין די היימען —
צי דאַרפן זיי, די מאַנצבילן, על פּי דין
מקיים זיין די מצווה פון הדלקת נרות ערב שבת ?

מהר״ם

איך פּסקן אַז זיי דאַרפן, שמשון.
ווייל בענטשן ליכט איז גאָר אַ גרויסע מצווה,
אַ מצווה וואָס דאַרף חל זיין אויף אַ יעדן,
אַ חוץ אויף די וואָס וואוינען אין איין שטוב
מיט זייערע ווייבער און די ווייבער בענטשן ליכט.
און וויסן זאָלסטו, שמשון לעבן,
אַז בענטשן ליכט מיינט בענטשן גאָר די וועלט,
מיינט ליכטיק מאַכן אַלע פינצטערנישן,
מיינט בענטשן אויך דעם מענטש.

שמשון

און איצטער, רבי, שאלות צוויי פון שפּייער.
די ערשטע שאלה וועגן צינז און שטייער.
צי מעג, למשל, ראובן זאָגן:
איך וועל אַליין, און ניט דורך קהל,
באַצאָלן דער מלוכה מיינע צינזן,
און כ'וועל אַליין מיט דער מלוכה דורכקומען
ווי גרויס ס'דאַרף זיין מיין חלק שטייער?

מהר"ם

צי קאָן געמאָלט גאָר זיין אַזאַ מין שאלה?
מען דאַרף אַרויסגיין שאַרף אַנטקעגן ראובנען
און טאַדלען אים; אַ ייד איז ניט קיין יחיד בלויז,
אַיעדער ייד געהערט צום כלל ישראל,
און זיין אין כלל ישראל איז אַ זכיה. —
מוז יעדער יחיד בישראל אויף זיך נעמען
זיין פולן חלק, וויפל עס פאַלט אויס אויף אים,
און ניט ווי אים, דעם יחיד, קאָן געראָטן
ביים האַר, ביים מושל אויסצופּועלן פאַר זיך.
אַמאָל פאַלט אויס אויף איינעם נאָר אַ ביסל,
אַ צווייטן מאָל פאַלט אויס אויף איינעם גאָר אַ סך —
באַדאַרף ער אָננעמען באהבה זיין חלק,
אפילו ווען דער חלק איז אַ שווערער.
איך זאָג דיר, שמשון, נאָך אַמאָל,
און גיב עס איבער אַלעמען בשמי,
אַז זיין אין כלל ישראל איז אַ גרויסע זכיה,
דעריבער איז עס אויך אַ גרויסער חיוב;
און ס'טרעפט אַמאָל: וואָס גרעסער ס'איז דער חיוב,
אַלץ גרעסער איז די זכיה.
געדענק עס גוט. און איצט — די צווייטע שאלה.

שמשון

(אין גרויס פאַרלעגנהייט)

די צווייטע שאלה איז — —

מהר"ם

פאַרוואָס דערזאָגסטו ניט?

שמשון

די צווייטע שאלה איז — מכח פדיון שבויים.

מהר"ם

(אָנגעשפּיצט)

למשל?

שמשון

צי מעג מען אויסלייזן ראובנען פון תפיסה
אפילו ווען ער וויל עס ניט?

מהר"ם

(אויפגעצאפלט)

וואס הייסט? וואס הייסט? עס ווענדט זיך אין דעם טעם
פארוואס ער וויל עס ניט?

(כאפט אן שמשונען פאר א האנט)

צי מיינט די שאלה ניט צו טרעפן מיך אליין?
די שאלה, זאגסטו, קומט פון שפייער?

שמשון

א, זאל דער רבי מיך ניט חושד זיין.

מהר"ם

איך בין אין קיין זאך דיך ניט חושד, שמשון.

שמשון

די שאלה קומט פון שפייער. יא, פון שפייער:
אויב ראובן זיצט אין תפיסה און קאן ווערן אויסגעלייזט,
און געלט פארמאגט ער, נאר ער איז א קמצן —
איז זיצט ער און ער ווארט אויף קהלס געלט,
ווייל פדיון־שבויים, ווייס ער, איז ביי קהל א מצווה,
וועט קהל, טראכט ער, אים שוין אויסלייזן. —
וואס דארף מען טאן מיט אים?

מהר"ם

(אטעמט אפ לייכטער, צעשמייכלט זיך אפילו)

אזוי זעט אויס די שאלה אנדערש גאר.
אזא ראובנען באדארף מען אנלערנען:
מען דארף אים אויסלייזן בעל כרחו
אויף זיין, ראובנס, חשבון און הוצאות.
מען זאל באצאלן פון זיין אייגן געלט פאר אים
אזויפיל וויפל מען באצאלט פאר יעדן שבוי.
אזויפיל אבער און ניט מער.

(זאגט איבער נאך אמאל)

אזויפיל און ניט מער.

(א לאנגע פויזע)

וואס שוויגסטו, שמשון? האסט ניט מער קיין שאלות?

שמשון

(גיט זיך אַ כאַפּ)

און איצט אַ שאלה פון קאָנסטאַנצע:
אַז ראובן גייט אַריין אין אַ געוועלב פון בשמים
און זיצט דאָרט אַפּ אַ גאַנצן טאָג,
און איז אוודאי נהנה פון די גוטע ריחות —
צי איז ער יוצא מיט איין ברכה וואָס ער מאַכט
אויף אַלע בשמים, אָדער ער באַדאַרף
אויף יעדן מין אַן אַנדער ברכה מאַכן?

מהר"ם

ער איז יוצא, שמשון, מיט איין ברכה,
אויב נאָר ער בלייבט אַ גאַנצן טאָג אינעם געוועלב,
נאָר אויב ער גייט אַרויס און קומט אַריין צוריק,
באַדאַרף ער מאַכן פונדאַסניי אַ ברכה, —
ווייל יעדעס מאָל אַריינקומען באַטייט:
אויף ס'ניי מגלה זיין גאָטס זיסע וועלט,
וואָס טראָגט אין זיך די ריחות פון גן־עדן
און וואָס פאַרטרייבט די שטיקעניש פון גיהינום.

(דערהערט אַ כליפּ פון שמשון)

וואָס איז מיט דיר — דו וויינסט?

שמשון

(מאַכט זיך האַרץ)

חלילה, רבי, חלילה.
און איצט פון רעגענסבורג אַ שאלה:
אַז שמעון שלאָגט זיין ווייב —
צי דאַרף מען האַרבער זיין מיט אים
ווי מיט אַן אַנדערן וואָס שלאָגט אַ חבר?

מהר"ם

בלי ספק האַרבער. וואָרעם יעדער ייד
דאַרף ערלעך האַלטן ס'ווייב נאָך מער פון זיך אַליין.
דער פרוי דאַרף זיין באַשערט צו האָבן נחת;
און דעם וואָס הייבט אַ האַנט, חלילה, אויפן ווייב,
באַדאַרף מען מחרים זיין און געבן מלקות.
און ס'דאַרף דערביי געזאָגט ווערן:
אַז ווי דער פרוי וואָס האָט אַ מאַן
און וויל פאַר אים ניט אויסזען שיין,

און נאָך מער ווי דער פרוי
וואָס האַלט זיך אין מאַכן שיין
און האָט אינגאַנצן ניט קיין מאַן.

שמשון

אַ שאלה איצט פון אַפּענהיים:
אויף וואָס פאַר אַ מדרגה
באַדאַרפן יידן האַלטן יענע לערער
וואָס לערנען זייערע קינדער שווערד־געפעכט?

מהר"ם

מכוח דעם האָב איך אַ סך געטראַכט,
און דאָ אין תפיסה איז מיר קלאָר געוואָרן
וואָס פריער איז ביי מיר געווען אַ ספק. —
מען דאַרף די לערער האַלטן אויף דער זעלביקער מדרגה
ווי די, וואָס לערנען מיט די קינדער תורה.
זיי לערנען, זאָלסטו וויסן, יידישע קינדער
צו שטעלן זיך אַנטקעגן שונאים ווען מען דאַרף
באַשיצן שטאָלץ דעם כבוד פון ישראל. —
געדענק עס גוט, איך בעט דיך.

שמשון

כ'וועל גוט געדענקען, רבי, כ'וועל געדענקען.
(פייערלעך)
און איצט אַ שאלה, רבי לעבן,
וואָס קומט פון אַלע קהילות דאַרצנו,
אַ שאלה גאָר אַ שווערע, גאָר אַ האַרבע.

מהר"ם

מכוח וואָס?

שמשון

מכוח גיין אויף קידוש השם.

מהר"ם

איך בין אוודאי זיך משער וואָס דו מיינסט —
פונדעסטוועגן מאַך קלאָר פאַר מיר די שאלה.

שמשון

אַ שאלה אין אַ שאלה, רבי:
אַ ייד וואָס גייט אויף קידוש השם —
וואָס דאַרף ער און וואָס מעג ער טאָן,
אַז זיינע טויט־יסורים זאָלן אים ניט וויטאָן? —
לחלוטין טאָקע גאָר ניט ווי טאָן,
כדי ער זאָל ניט דאַרפן שרייען בפרהסיא.

און נאָך אַ שאלה קומט אַריין אין דעם —
אַז אפשר טאָר ער גאָר אַזוינס ניט וועלן,
אפילו אויף אַ העלפט דערפון ניט וועלן? —
ווייל אויב ער זאָל לחלוטין גאָר ניט ליידן,
צי וועט, חלילה, גאָר די גאַנצע מצווה
ניט ווערן בטל ומבוטל?

מהר"ם

(מיט נאָך פאַרשטאַרקטער פייערלעכקייט)

אוי, אוי, שמשון, ביסט גערעכט.
די שאלה איז ביז גאָר אַ האַרבע;
און יידן, ווייל זיי פרעגן אַזאַ שאלה,
פאַרדינען שוין מיט דעם אַליין אַ ברכה,
ווייל אין דער שאלה גופא ליגט די תשובה
פאַר אַלע אויסדערוויילטע אין ישראל,
פאַר אַלע, אַלע,
פאַר מאַן און פרוי, פאַר אַלט און יונג,
ווייל וועלכער ייד איז ניט קיין אויסדערוויילטער? —
און איצטער, שמשון, צא ולמד:
צי קאָן גאָר ווען עס איז געמאָלט זיין,
אַז עמיצנס אַ קידוש השם זאָל ניט פאַררעכנט זיין,
זאָל ניט אַריין אין ספר פון גאָטס חשבון?
די טבע פון יסורים איז,
אַז אַלעמאָל און שטענדיק טוען זיי וויי;
יסורים וואָס זיי טוען גאָרניט וויי,
לחלוטין גאָרניט וויי —
אַזוינע זיינען גאָר אין ערגעץ ניט בנמצא,
אין ערגעץ ניט, אין ערגעץ ניט בנמצא.
ווייל דאָס איז דאָך ידוע,
אַז ווען מען שטעכט אַן אבר מיט אַ שפּיז,
צי ווען מען ברענט אים מיט אַ פייער,
צי ווען מען נעמט מיט צוואַנגען ציען
די אָדערן פון אים — ווייל שטאַרק דער אבר שרייען,
און שרייען הייבט ער אָן צו וועלן
נאָך איידער ס'פייער רירט אים אָן.
פון דעם איז דאָך געדרונגען, שמשון,
אַז גאָר די מינדסטע שרעק אפילו,
די מינדסטע דאַכטונג פון אַ קלענסטער פיין,
וואָס שונאים פון ישראל זיינען גורם,
איז אָן שום ספק אַ מדרגה שוין פון קידוש השם. —

און כ׳האָב אויף דעם בקבלה פון מיין פאָטער ז״ל,
אַז שרייען איז דער ערשטער טראָט צו קדושה,
ווייל נאָכדעם, נאָכן ערשטן אויסגעשריי,
קאָן יעדער ייד, מיט כוח פון כוונה,
דערגיין צו דער מדרגה פון אַ פולן בעל־נצחון —
אַז ווען ער ווערט אַרומגעכאַפּט מיט פלאַם
זאָל ער זיין ערשטן ווײ־געשריי מבטל זיין די רגע,
און גלייך אַריבער איבער יעדן ווייטיק.
דער עיקר איז מכוון זיין דורך שמע ישראל
און דורך אחד מיט אַלע רמ״ח אברים.

(טומל הינטער דער טיר. וועכטער עפנט)

וועכטער

נאָך געסט צום יודן־רב.

(עס קומען אַריין אין קאַמער די ראשי הקהל פון מאַינץ, וואָרמס, שפייער, אָפּענהיים, קאָנסטאַנצע, ראָטענבורג. זיי זיינען אָנגעטאָן פאַרנעמלעך. זיי נייגן זיך, שטרעקן אויס ציטעריקע הענט צום מהר״ם. ראש הקהל פון מאַינץ רופט אויס יעדן מיטן נאָמען פון זיין שטאָט. אַלע גיבן זיי דעם מהר״ם שלום עליכם. מהר״ם ענטפערט יעדן באַזונדער: עליכם שלום ראש הקהל פון — — אַזוי״ו. נאָכן געבן שלום בלייבן אַלע שטיין מבולבל. דער שמש און שמשון שטייען לעבן מהר״ם, פּרובירן אים אַוועקזעצן. מהר״ם אָבער וויל בלייבן שטיין אָנשפּאַרנדיק זיך אָן זיין שטעקן. נאָך אַ לאַנגער פּויזע גיבן אַלע געסט אַ קרעכץ אַרויס: רבי, רבי!)

מהר״ם

אָן פּחד, רבותי.

ראש הקהל פון מאַינץ

ווי קאָנען מיר דען ניט זיין אָנגעפילט מיט פּחד,
בשעת מיר זעען אייך אין תפיסה דאָ?

(מיט באַזונדערן ווײ)

איך פיל מיך שולדיק, רבי, קעגן אייך.
איך בעט מחילה.

מהר״ם

איך בין אייך מוחל, ראש הקהל פון מאַינץ.

ראש הקהל פון וואָרמס

אַ גרויסער חטא געווען פון אַלעמען פון אונדז
אַזאַ נבלה צו דערלאָזן צוליב געלט.

מיר האָפן אַז דער רבי וועט ניט זיין
פאַרעקשנט מער —

ראש הקהל פון אָפּענהיים

ווייל ס'קאָן דאָך ניט געמאָלט זיין, רבי,
אַז איר זאָלט זיצן איינגעשפּאַרט אין תפיסה,
און מיר זאָלן אַרומגיין פריי.

ראש הקהל פון מאַינץ

דער רבי זאָל אונדז אויסהערן מיט גוטן. —
מיר האָבן היינט צונויפגערופן אַן אסיפה
און אָנגענומען אַ החלטה —

מהר"ם

אַז וואָס ?

ראש הקהל פון מאַינץ

צו אויספאָלגן דעם הערצאָגס געלט־פאַרלאַנג.

מהר"ם

(אויפגעפלאַמט)

צי ווייסט איר ניט מיין רצון אַלע ? —
אויב מער אַ פּרוטה פון דעם איינגעשטעלטן פּרייז,
וואָס יעדער צאָלט פאַר אַ געוויינלעכן געפאַנגענעם —
וועל איך ניט מסכים זיין.

(די אויפרעגונג פון די געסט הייבט אָן וואַקסן)

ראש הקהל פון מאַינץ

ניט שייך גאָר צו טראַכטן וועגן דעם.
דער הערצאָג טרעט ניט אָפּ פון זיין פאַרלאַנג.
און מיר זיינען מרוצה אים צו געבן ס'גאַנצע געלט —
אַבי דער רבי זאָל באַפרייט ווערן די רגע.
מיר האָבן ס'גאַנצע געלט מיט זיך.

מהר"ם

איך גיב ניט מיין הסכמה, רבותי.

ראש הקהל פון מאַינץ

צי איז עס פאַר דעם רבינס אַלטע כוחות
אַליין צו פירן אַ מלחמה מיטן הערצאָג ?

ראש הקהל פון וואָרמס

אַ חוץ דעם מעג דער רבי וויסן אַז סע שטערט אונדז.
סע שטערט אונדז זייער שטאַרק אין אַלץ.

דאָס גאַנצע לעבן אונדזערס איז צעדרייט.
צוליב דעם רבי'ס אויסגעהאַלטענער עקשנות.
דער רבי איז ניט מסכים, אָבער מיר —
מיר זיינען אויך ניט מסכים מיטן רבין.
דער רבי שטעלט דאָך אַלע יידן איין אין קאָן.

ראש הקהל פון קאָנסטאַנצע

און איך וועל פרעגן גאָר אַן אַנדער שאלה:
צי מעג דער רבי זיין אַ מאבד עצמו לדעת —
זיך נעמען בידים און זיך אומברענגען?

מהר"ם

(טיף געטראָפן, רעדט שטיל, קוים וואָס מען הערט)

אויב יאָ אַזוי, רבותי — קומט מיר מלקות.
גיי, משה לעבן, זוך אויס אַ רצועה
און גיב מיר פולע מלקות.

שמש

(אין שרעק)

חס וחלילה, רבי.

שמשון

די יידן מיינען דאָך אוודאי אייער טובה. — —
איך בעט אייך, רבי, זעצט זיך צו.

(ער זעצט אים אַוועק. מהר"ם זיצט אַ ביסל. זיין אויפרעגונג שטייגט אין אים. ער שטעלט זיך אויף. אַלץ אין אים ציטערט)

אַלע

(מיט געבעטן)

מיר ווילן זיך דאָך איינשטעלן פאַר אייך.
אַ רבי, רבי.

מהר"ם

רבותי, לפי דעתי איז אויסגעקומען,
אַז ניט פאַר זיך, נאָר פאַר דעם כבוד פון ישראל
האָב איך מיין שוואַכן אָרעם אויפגעהויבן קעגן רשע,
כאָטש איין מאָל צו באַווייזן אים, דעם הערצאָג,
אַז ניט אַ יעדע רשעות קאָן ער אויספירן;
און איצטער קומט איר און איר טענהט טענות,
און אַלע זענט איר גרייט אים נאָכצוגעבן,
אַזוי ווי ס'וואָלט נוגע זיין נאָר מיך אַליין.
אַז וויי איז מיר אַזוינס פון אייך צו הערן,
אַז וויי, אַז וויי צום כבוד פון ישראל.

ראש הקהל פון מאַינץ

אַ רבי, רבי —

מהר"ם

צי ווייסט איר ניט, רבותי, אַז ס'איז דאָ אַ גרענעץ,
וואָס קיינער טאָר אים ניט אַריבערטרעטן, קיינער!
און מיר אוודאי מוזן היטן אונדזער גרענעץ,
ווייל ווער פון אונדז עס נעמט און שפּאַנט אַריבער,
גיט יעדן מינדסטן האַר און הערשער
אַ היתר אויפן גאַנצן הפקר. —
איר הערט, רבותי, אויפן גאַנצן הפקר.
צי ווילט איר עס? — איך פרעג אייך.

ראש הקהל פון אָפּענהיים

מיר ווילן אַלע נאָר איין זאַך:
דער רבי זאָל באַפרייט ווערן.

מהר"ם

אוודאי ווילט איר. און צי מיינט איר
אַז איך וויל ניט באַפרייט ווערן?
איך פרעג אייך. — — צא ולמד, רבותי,
אויב זיי מאַכן פון אונדז אַ הפקר
דורך זייער רשעות — האָבן מיר קיין מורא ניט פאַר זיי. —
זיי זעצן אונדז אין תפיסה — זיצן מיר;
מיר זיינען זיי מבטל — זיי און זייער תפיסה
און זייער מאַכט בבטול גמור;
נאָר ווען, חלילה, מיר אַליין דערלויבן זיך
אין אונדזער שרעק צו מאַכן פון זיך הפקר,
און זיך אַליין מבטל זיין,
און גיבן נאָך אַליין דערצו אונדזער הסכמה —
אוי דעמאָלט זיינען מיר פאַרלאָרן, רבותי,
אוי דעמאָלט ווערט פאַר אונדז די פרייהייט
נאָך פינצטערער, נאָך ערגער פון אַ תפיסה.
און דאָס איז דאָך וואָס זיי, וואָס אַלע זיי,
פון קלענסטן ביזן גרעסטן רשע, ווילן.
זיי ווילן אומברענגען אויף טויט אונדזער נשמה
נאָך מער ווי אונדזער גוף.
עס איז זיי ווייניק וואָס זיי מאַכן אונדז צו חרפּה —
זיי ווילן נאָך, אַז יעדערער פון אונדז
זאָל זיך אַליין, דורך זיך אַליין, מבזה זיין.

זיי ווילן האָבן איבער אונדז אַ גרינגינקן נצחון,
זיי מיינען, אַז דורך פּיין און תּפיסות
דערגרייכן זיי עס איינס און צוויי.
אַ ניין — אַזאַ נצחון וועל איך זיי ניט געבן!

(פּויזע)

רבותי, איך זע נאָך היינט פאַר מיינע אַלטע אויגן
דאָס בילד וואָס כ'האָב געזען מיט יאָרן אין פּאַריז,
ווי ס'פּלאַקערט אויפן מיטן מאַרק דער שייטערהויפן,
און אינעם פּלאַקער — לעבעדיקע ספרי־תורהס,
אַ גאַנצער באַרג מיט ספרים און מגילות.
וואָס, מיינט איר, האָבן זיי געטאָן — די ספרי־תורהס?
ניט פרעגט ביים צינדער און ביים תּליון,
נאָר פרעגט ביים פלאָם אַליין — ביים פּלאַקער,
און ער וועט אייך שוין קלאָר דערציילן
ווי שטאָלץ די לעבעדיקע ספרי־תורהס האָבן
געברענט, געפלאַקערט, אָבער ניט געוויינט;
זיי האָבן ניט געוויינט — די ספרי־תורהס,
זיי האָבן ניט מבזה זיך געווען פאַר קיינעם,
זיי האָבן ניט געבעטן זיך ביי קיינעם
צו ווערן אויסגעלייזט דורך גזלה־געלט.
זיי האָבן אַלע לויטער שטאָלץ געפלאַקערט, —
אש טהור, רבותי, אש טהור. — — —

(פּויזע)

וואָס שייך מיך אַליין, רבותי,
איז אפשר טאַקע אמת אַז איך בין
ניט ראוי פאַר דער שליחות.
איז אפשר קומט מיר טאַקע מלקות.

(אַלע שטייען ווי פאַרגליווערט)

ראש הקהל פון אַפּענהיים

אַ רבי, רבי — הייליקע ווערטער אייערע.
פאַרשעמטע שטייען מיר אַנטקעגן אייך. —
וואָס זאָלן מיר איצט טאָן?

מהר"ם

גייט אַלע, רבותי, אַהיים בשלום,
און ברענגט דעם פאָלק אמונה און בטחון.

ראש הקהל פון מאַינץ

מיר מוזן אָבער דאָך דעם הערצאָג געבן
אַ שנעלע תשובה. —

ראש הקהל פון וואָרמס

מיר האָבן אים פאַרשפּראָכן.

מהר"ם

(אין צאָרן)

פאַרשפּראָכן? אָן מיין הסכם?

ראש הקהל פון מאַינץ

דער הערצאָג האָט געזאָגט, אַז אויב דער רבי וועט
אויף ווייטער אָנהאַלטן צו זיין פאַרעקשנט,
וועט ער עס אויפנעמען ווי אַ מרידה קעגן מלכות.

מהר"ם

מרידה? אמת, רבותי, ס'איז אמת.
און איצטער זאָגט מיר, רבותי, איך פרעג אייך:
אויב גאָט ברוך הוא האָט איינעם אָנגעטרויט,
צי אפשר גאָר אַרויפגעלייגט אויף אים אַ חוב,
צו שטעלן זיך אַמאָל אַנטקעגן רשע —
זאָל ער ניט אָננעמען די זכיה?
און אויב ער האָט די זכיה אָנגענומען —
צי וואָלט איר וועלן אַז ער זאָל ניט אויסהאַלטן?
איך פרעג אייך, רבותי — צי וואָלט איר וועלן?
איך פרעג אייך! —

(אַלע שטייען געפּלעפטע)

איך פרעג אייך נאָך אַמאָל.

ראש הקהל פון אָפּענהיים

(מיט טרערן אין די אויגן)

ווי קענען מיר אייך אָבער איבערלאָזן דאָ?

אַלע

(מיט געבעט און יראת הכבוד)

ווי קאָנען מיר? ווי זאָלן מיר?

מהר"ם

גייט יעדער פון אייך צו זיך אַהיים
און היט געטריי דעם כבוד פון ישראל.

אַלע

(אין טרערן)

זייט געזונט, רבי.

מהר"ם

גאָטס ברכה אויף אייך אַלעמען, רבותי.

(אַלע לאָזן זיך אַרויסגיין. מהר״ם צו שמשון)

זאָלסט געדענקען, שמשון לעבן, אַלע תשובות.

שמשון

כ׳וועל געדענקען, רבי.

מהר"ם

די תשובות וואָס מען דאַרף אָוועקשיקן דורך שליחים
אין ווייטע שטעט, שיק תיכּף ומיד אַוועק.
זאָל צדק זיין און סדר אין ישראל.

(אַלע אָפּ. מהר״ם שטייט אין מיטן צעל מיטן שטעקן אין דער האַנט. דער קאָפּ הויך און עקשנותדיק געהויבן. נעמט זיך מיטאַמאָל וואַקלען פון מידקייט, לאָזט זיך אַרונטער אויף זיין בעטל, פאַרוואָרפט מיטן קאָפּ ווי אין אַ צושטאַנד פון אָנמאַכט. עס שלייכן זיך אַריין אַהאַספער און דניאל. שטייען ביי דער וואַנט. די צעל ווערט אָנגעפילט מיט אָוונט)

אַהאַספער

מיד, רבי לעבן?

דניאל

דער רבי איז ניט מיד.

מהר"ם

(זיצנדיק מיטן קאָפּ געזונקען צו זיין ברוסט)

כ׳בין יאָ אַ ביסל מיד.

אַהאַספער

שוין צייט זיך אָפּצופּאַסטן, רבי.

מהר"ם

נאָך ווייט צו אָוונט?

דניאל

ניט ווייט. כ׳וואָלט זייער ניט געוואָלט
דער רבי זאָל זיין מיד. —
דער רבי האָט נאָך זייער פיל דאָ אויסצושטיין.

מהר"ם

וויפיל?

אַהאַספּער

(צו דניאל)

דאָס טאָרסטו ניט מגלה זיין.

מהר"ם

צי וועל איך זוכה זיין אַז ווער פון איך
זאָל מיר מגלה זיין דעם צווייטן סוד :
ווי לאַנג נאָך וועלן יידן דאַרפן ליידן ?

אַהאַספּער

צי ווייס דער רבי ווער איך בין ?

מהר"ם

איך ווייס, ר' אַהאַספּער.

דניאל

און איך וואָלט זייער וועלן אויסזאָגן
ווי לאַנג דער רבי וועט דאָ דאַרפן ליידן —

מהר"ם

צי ווייסטו, זון מיינער ?

דניאל

אוודאי ווייס איך.
איך בין צוזאַמען מיטן רבין דאָ
און — אויך באַזונדער, אין אַ צווייטער תפיסה.

מהר"ם

טאָ זיי טאַקע מגלה מיר, מיין זון —
ווי לאַנג וועל איך דאָ דאַרפן זיין ?

אַהאַספּער

(שטרענג)

איך הייס ניט.
מיר וועלן איצטער זיך אָוועקלייגן און רוען.
דער רבי דאַרף אוודאי רוען.

(אַהאַספּער און דניאל ציען זיך אויס אויפן דיל. מהר"ם — אויפן בעטל האַלב ליגנדיק מיטן קאָפּ פאַרוואָרפן)

בילד זיבן

(אין ענזיסהיימער פעסטונג. אין זיבן יאָר אַרום. די צעל — אַ גרעסערע ווי אין דער פריערדיקער תפיסה. אין איין ווינקל פאַרדרייט זי זיך און נעמט אָן אַן אויסזען פון אַ שטיקל קאָרי־דאָרל. אַ בעט, אַ טישל און אַ שטענדער. אויפן שטענדער אַ פאַנאַנדערגעוויקלטע יריעה. מהר״ם האַלט אין פאַר־ענדיקן שרייבן אַ ספר תורה. אַ סך יריעות ליגן צונויפגעוויקלט אויפן טישל, אויך ספרים ליגן דערביי. מהר״ם איז פיזיש שוין געבראָכן, אַ צוזאַמענגעדרייטער זקן, אָבער זיין פעסטקייט איז ניט געבראָכן; אין זיין גאַנצער באַנעמונג פילט זיך, אַז ער גרייט זיך אויפן אָנקום פון דעם אומפאַרמיידלעכן — צום שטאַרבן. ער איז באַהערשט פון חלומות און זעאונגען, די גרענעץ צווישן חלום און וואָר איז ווי אָפּגעווישט פון פאַר אים. ס׳איז נאַכט. אַ ליכט ברענט איבערן שטענדער. מהר״ם ליגט אַנידערגעפאַלן אויפן בעט, האַלב שלאָף — האַלב וואַך. ער טראָגט אויפן האַלדז זיין זיגל.

אין פאַרדרייטן ווינקל, אויסגעצויגן אויף דער ערד, ליגט פאַרזונקען אין שלאָף אַהאַספער. לעבן אים זיצט דניאל. אין דער זעלביקער פאָזע ווי אין דער פראָלאָג־סצענע. דניאל הייבט זיך אויף, גייט צו צום מהר״ם, שטייט איבער אים.)

דניאל

(דייער שטיל)

דער רבי שלאָפט?

מהר״ם

(ניט אויפהייבנדיק זיך, אַזוי ווי רעדנדיק צו שמיצן אין דמיון)

אין טעג פון פורעניות אויף כל ישראל,
ניט זוך אַרויסצוטיילן נאָר דייך אייגענעם צער,
ווייל קודם כל, מיין זון, קומט קהל.

דניאל

דער רבי זאָגט מיר מוסר?

מהר"ם

צי ביסטו ניט מיין טרייער תלמיד חיים,
וואָס שיקט מיר בריוו פון ארץ־ישראל?

דניאל

דעם רבין חלומט זיך. — איך בין דניאל,
דער רבי ווייסט דאָך שוין. —

מהר"ם

ביסטו דאָך אויך
אַן אורח מיר צו חלום. ווייט ביסטו?

דניאל

איך בין די גאַנצע צייט מיט אייך אין צעל דאָ.

מהר"ם

די גאַנצע צייט? דאָס מיינט דאָך זיבן יאָר.

דניאל

שוין באַלד ס'אַכטע יאָר.

מהר"ם

ס'אַכטע שוין? — באַדאַרף עס מיינען
אַז מיין זכרון דינט מיר שוין ניט גוט.
און דו ביסט טאַקע דאָ מיט מיר די גאַנצע צייט?
אויך דאָס געדענק איך עפּעס ניט אינגאַנצן.

דניאל

כ'בין דאָ און — ערגעץ נאָך.

מהר"ם

איז ווער שליסט אויף פאַר דיר מיין תפיסה־טיר?

דניאל

אַ תפיסה מיט אַ תפיסה גיסן זיך צונויף,
און שאָטנס פלעכטן זיך צונויף מיט שאָטנס,
און דורות שליסן זיך אַריין אין דורות —
און דעמאָלט שלייך איך זיך אַריין.

מהר"ם

גאָטס גרויסע וואונדערלעכע נסים.
ביסט שטאַרק געראָטן אין מיין תלמיד חיים,
קוקסט אויס ווי ער. ביסט יונג ווי ער,
און אויך ווי ער אַ בעל־חלומות.

ער איז אַוועק קיין ארץ־ישראל
נאָך דעמאָלט, דעמאָלט, ביי דער גרענעץ,
און איז פאַרבליבן דאָרט. איך בענק נאָך אים.
ער שרייבט אין בריוו צו מיר, אַז די משיחים
וואָס האָבן זיך באַוויזן, זיינען אָפּנאַרער געווען.
אוי ווי, מיין האַרץ האָט מיר אַזוי געזאָגט.
און ארץ־ישראל, שרייבט ער, איז נאָך אַלץ אין חורבן.

(די לעצטע ווערטער זאָגט ער אַרויס מיט געוויין)

דניאל

אַ וויינט ניט, רבי.

מהר"ם

ניין, איך וויין ניט, זון מיינער.
ער שרייבט מיר — אַזאַ טייערער איז ער —
אַז ס'האָט צו אים דערגרייכט מיין שיר, מיין קינה
אויף די פאַרברענטע ספרי־תורות אין פאַריז,
וואָס כ'האָב עס דאָ אין תפיסה־צעל געשריבן,
און נאָר צו אים, און מער צו קיינעם ניט, געשיקט.
די קינה, שרייבט ער, האָט אים דורכגעגליט זיין האַרץ.

דניאל

אויך איך בין דורכגענומען מיטן צער פון אייער שיר.
איך קען די ווערטער.

(נעמט זאָגן)

שאלי, שרופה באש, לשלום אבליך,
המתאוים שכן בחצר זבוליך,
השאפים על־עפר־ארץ והכאבים,
המשתוממים עלי מוקד גויליך — — —

מהר"ם

(זעצט זיך האַלב אויף. מען זעט ווי ער איז צוזאַמענגעפאַלן אין זיקנה. זיינע אויגן אָבער ברענען גלוטיק. ער שטרעקט אויס זיינע הענט)

אַ זון מיינער, דו זאָגסט דאָך מיינע ווערטער,
דו טראָגסט דאָך מיין געוויין אין זיך.

(פאַלט אַוועק צוריק)

כ'בין מיד, מיין זון. כ'בין אַלט
און קיינער קומט ניט צו מיר לעצטנס.
דער הערצאָג לאָזט ניט צו. ער נעמט נקמה.

דניאל

דער רבי וועט מנצח זיין.

מהר"ם

ווער בין איך צו מנצח זיין, מיין זון ?
איך ווער פון אַלעמען פאַרלאָזן און פאַרגעסן.
איך בין אַן אָרעמאַן וואָס זיצט אין חושכניש,
אַן אָפּגעבראָכענע פאַרשטויבטע שוועל
וואָס האָט אַמאָל געהייסן מאיר ב"ר ברוך.

דניאל

אָ רבי, זאָגט עס ניט. אָ זאָגט עס ניט — — —
אַז איך אַליין באַדאַרף דאָך טרייסט און שטאַרקונג,
און איצט — — — — אָ רבי, רבי ! קומט צו זיך.

(ער מינטערט דעם אַלטן)

אָט האָט איר דאָך אַ נייע ספר־תורה אויפגעשריבן —
אָט ליגן דאָך די פּאַרטיקע יריעות —
איר האַלט דאָך שוין ביים סוף פון וזאת הברכה. —
איין ספר ווערט פאַרברענט — אַ צווייטער ווערט געשריבן. —
איך בעט אייך, רבי, קומט צו זיך.

מהר"ם

איך נעם אַריין אין זיך דיין טרייסט, מיין זון.
דיין קול איז זיס — אַ היילונג פאַר מיין האַרצן.
פאַרגעס די פריערדיקע ווערטער מיינע,
ווייל ס'איז ניט אין מיין דרך גאָר אַזוי צו רעדן —
איך בעט דיך, זון מיינער, פאַרגעס —

(פּויזע)

וואָס שווייגסטו, זון מיינער ?

דניאל

איך הער זיך איין מיט אַלע אברים אין דער שטילקייט.

מהר"ם

איז וואָס זשע הערסטו ?

דניאל

שטילקייט פּליסט אַריין אין שטילקייט.
עס טרעפט אָבער אַז שטילקייט שטורעמט אויף
מיט שרעקלעכער רציחה.

(אין פּחד איילעניש)

איך מוז גיין !

מהר"ם

וואוהין ?

דניאל

צום קאָנצענטראַציע־לאַגער מיינעם.

מהר"ם

און וואו איז דיך באַגלייטער ?

דניאל

אָט ליגט ער דאָך אין ווינקל דאָ. ער שלאָפט.
כ'האָב אויסגענוצט זיין שלאָף. — אַז ניט,
וואָלט איך באַדאַרפט שוין לאַנג אַוועק פון דאַנען.
ער וואָלט מיך ניט געלאָזט דאָ זיין צו לאַנג.

מהר"ם

פאַרוואָס ?

דניאל

ער לאָזט מיך לעצטנס ניט איך זאָל
צו אָפט אַריבערגיין די גרענעץ פון מיין תפיסה,
ווי כ'האָב עס מיט זיין הילף געטאָן אַמאָל,
ווייל לעצטנס אַז מען כאַפּט מיך שלאָגט מען מיך
גאָר אַנדערש ווי אַמאָל. גאָר אַנדערש.
איז וויל ער מיך פאַרהיטן ווי אַ פאָטער.

מהר"ם

אוודאי דאַרף ער דיך פאַרהיטן.

דניאל

אָ, ניט קיין קלייניקייט דאָס שלאָגן וואָס זיי שלאָגן
מיט שווערד און בייטש, און — ערגער נאָך :
זיי צווינגען מיך צו גראָבן גרויסע קברים
פאַר טויזנטער געשאָכטענע פון אונדזער פאָלק.

מהר"ם

(פאַרשטעלט זיך פּנים)

אָ ווי איז מיר אַזוינס צו הערן. — וויי, וויי.

דניאל

די דייטשן וואַרפן לעבעדיקע מאַמעס
און קליינע קינדער, עופהלעך, אין פלאַם אַריין.
די דייטשן וואַרפן יידן אין מיליאָנען
אין גאַז־אויוונס, און זייער אַש
צעשפּרייטן זיי אויף פעלדער פאַר באַמיסטיקונג,

און אײדער מען פֿאַרברענט די קערפּערס שינדן זײ אַראָפּ
די הויט פֿון זײ, און צאַרטע פּרויען־הענט
צעװעלגערן די הויטן, טריקענען זײ אויס
און מאָלן אויס געמעלעכצן אויף זײ
און מאַכן פֿון זײ לאָמפּן־שירעמס.
און װער זײנען די פּרויען־הענט ? די הענט פֿון גרעטכענס,
פֿון מאַרגאַרעטעס, פֿון ברוינהילדעס און פֿון לאָרעלייס.

מהר״ם

אוי װײ ! — — פֿאַרװאָס ? פֿאַרװאָס ?

דניאל

װי זאָל איך עס אײך קאָנען גאָר דערקלערן,
אַז כ׳װער אַלײן צעפּליקט פֿון מענטשנס משוגעת ! —
די שטילקײט איז שוין מער קײן שטילקײט ניט.
זי שרײט, זי שטורעמט און זי יאָמערט. —
צי הערט איר ניט ?

(פֿאַרשטיקטע געשרײען צעטראָגן זיך)

מהר״ם

איך הער, מײן זון, איך הער. אוי װײ.
צי מײנסטו אַז עס האָט צו טאָן מיט דיר ?

דניאל

מיט מיר, צי ניט מיט מיר — איך װײס ניט, רבי.
און אפֿשר גאָר מיט אײך. — איך הער נאָר אײנס:
געשרײען קײקלען זיך װי דונערן אַהער —
געשרײען פֿון יאָרהונדערטער. — כ׳מוז אײלן, רבי.

אַהאָספּערס קול

דניאל, שנעל.

מהר״ם

אָן פּחד, זון מײנער, איך בעט דיך. זײ געבענטשט
אין אַלע דײנע אַנגסטן.

(דניאל װערט אויפֿגעלײזט אין דער טונקלקײט. די פֿאַרשטיקטע געשרײען דערנענטערן זיך צום מהר״מס צעל. מהר״ם, אַן אויפֿגעציטערטער, הײבט זיך אויף פֿון דײן געלעגער, הערט זיך צו געשפּאַנט. די טיר עפֿנט זיך און דער װעכטער װאַרפֿט אַרײן קנופּן, אַ צעשױבערטן, אַ צענויפֿגעפּאַלענעם, אַ האַלב־פּאַראַליזירטן, אַ קוים־יאָמערנדיקן)

וועכטער

זיי דאָ צוזאַמען מיטן יודן־רב, דו הונט איינער.

(וועכטער אָפּ. קנופּ ליגט, האַלב זיצנדיק אויפן דיל. מהר״ם, אַ דערשטוינטער, קוקט אים אָן, באַגרייפט קוים וואָס דאָ קומט פאָר)

קנופּ

רבי !

מהר״ם

וואָס טוסטו דאָ ?

קנופּ

דאָס זעלבע וואָס דער רבי טוט.

מהר״ם

וואָס הייסט דאָס זעלבע ?

קנופּ

איך זיץ אין תפיסה ווי דער רבי זיצט.

מהר״ם

דאָס זע איך שוין אַליין. ווי לאַנג ?

קנופּ

דאָס דריטע יאָר שוין.

מהר״ם

אַט דאָ אין ענזיסהיים ?

קנופּ

אין ענזיסהיים ערשט אָנגעקומען היינט.
צו וואָס אַהער אין רבים צעל דווקא —
פאַרשטיי איך ניט. מסתמא שטעקט אין דעם
דעם הערצאָגס טייוולשע נקמה.

מהר״ם

מיט וואָס האָסטו זיך אַזוי שטאַרק פאַרזינדיקט ?

קנופּ

חלילה ניט פאַר גנבה, צי פאַר מאָרד.

מהר״ם

פאַרוואָס עפּעס „חלילה״ ?
צי האָסטו ניט געוואָלט דעם טעם פון מאָרד פאַרזוכן ?

קנופּ

גוואַלט, נאָר ניט פאַרזוכט.
דאָס האַרץ האָט ניט דערלאָזן.

מהר"ם

דערפאַר האָסטו פאַרזוכט דעם טעם פון שמד און פון מסירה.

קנופּ

(אויפגעציטערט)

אָ רבי, כ'בעט אייך מיך ניט פּייניקן. —
איך בין דאָך שוין געפּייניקט און — פאַרפּייניקט;
וואָס קאָן דער רבי וועלן נאָך? —

מהר"ם

רבונו דעלמא, רבונו דעלמא!

קנופּ

דער רבי קערט נאָך אַלץ אַוועק פון מיר זיין פּנים.
דער רבי אָבער מעג דאָך וויסן,
אַז אים איז בעסער פונעם מסור קנופּ.
דער רבי איז געפּייניקט, אָבער ניט פאַרפּייניקט.
און איך בין יאָ. דעם רבין איז דאָך גוט.
איך זע דאָך ווי עס ברענען ליכטיק זיינע אויגן,
ווי תקיפותדיק ער הייבט אויף זיינע הענט.
און מיינע הענט — ווי שטיקער האָלץ.
מיין גאַנצער גוף — ווי איין שטיק ליים.

(ער לייגט זיך אויס איבערן דיל)

דער רבי מעג אינגאַנצן זיין צופרידן,
זיין קללה איז מקוים שוין געוואָרן:
איך בין פאַרדרייט, פאַרדאַרט, פאַרקריפּלט. —
וואָס וויל דער רבי נאָך?

מהר"ם

זיי שטיל און ליג.

קנופּ

אוודאי ליג איך. כ'האָב אַ ברירה דען?
אַפריער בין איך קראַנק געוואָרן אויף דער פאַליקע,
דערנאָך — אויף הענט און פיס פאַרשטיינערונג,
ווייל חרפּה און חרטה האָבן מיך געגעסן.
דערנאָך האָב איך געמאָנט אַ היים ביים הערצאָג,

ווייל קיינער האָט מיך ניט געוואָלט אַריינגעמען צו זיך.
לסוף האָב איך אַ היים באַקומען —
אין אַלע קעלערן פון אַלע תפיסות.
און דאָ וועט אפשר זיין מיין לעצטע היים —
מיין קבר.

מהר״ם

וואָס וויל פון דיר דער הערצאָג ?

קנופּ

דער הערצאָג נעמט פון מיר נקמה
פאַר זיין מפּלה ביי דעם רבין.
דעם רבים איינגעשפּאַרטקייט מאַכט אים ווילד.
די גאַנצע וועלט איז ער מסוגל אומצוברענגען
אַבי צו ברעכן די עקשנות פונעם רבין.
דערפאַר מסתמא האָט ער מיך געבראַכט אַהער
צו אָנטאָן מיר יסורים פאַרן רבין אין די אויגן. —
אַז אפשר וועט דער רבי זיך מרחם זיין
און אויפהערן צו זיין פאַרעקשנט — —

מהר״ם

צוליב דיר ?

קנופּ

צי איך פאַרדין שוין גאָר קיין רחמים ניט ?

(דעם מהר״ים נעמט דורך אַ ווייטאָגדיק געלעכטער. קנופּ הייבט
זיך האַלב אויף פון דיל)

דער רבי לאַכט פון מיר ?

(מיט געשריי)

געגוג צו לאַכן !

(סיוועדט שטיל. פּויזע)

צי אויך דער רבי איז אַ בעל־נקמה ? —
דער רבי איז דאָך אַזאַ שטילער צדיק.
אַז ווי — איך קאָן קיין האַנט ניט אויפהייבן.
אַז ניט, וואָלט איך נאָך איצט
באַוויזן וואָס עס מיינט אַ בעל־נקמה.
אַז ווי, אַז ווי —
ווי אויסגערונען ס'איז מיין חלום,
ווי ווערעמדיק — מיין האָפענונג,

ווי מיאוס, ווי פאַרשאָלטן מיין געביין.
און אַלץ פאַרוואָס ? —
דערפאַר ווייל כ'האָב געוואָלט אַ ביסל תענוג,
אַ טראָפּן עולם־הזה.
דעריבער ליג איך איצט ביי אייער פוס
אַזוי ווי אַ געליימטער הונט.

(ער נעמט קריכן מיט שווערקייט, רוקט זיך צום מהר״ם, שטרענגט זיך אָן מיט אַלע כוחות אויפצושטעלן זיך. ער קאָן ניט. ער שטרעקט אויס זיינע הענט מיט געבעט)

אַ, רבי, הייבט מיך אויף!

מהר״ם

(נעמט אים פאַר די הענט און שטעלט אים אויף)

קנופּ

אַ דאַנק. אַ דאַנק.
געבענטשט זאָל זיין דער רבי.

(בלייבט שטיין אָנגעשפּאַרט ביי דער וואַנט אָן מהר״מס הילף)

איך בעט מחילה, רבי.
צוליב מיין שולד, צוליב מיין נישטיקייט
קומט־אָפּ דער רבי זיינע אַלטע יאָרן דאָ. —
צוליב מיין הינטישקייט. — איך בעט מחילה.

מהר״ם

ניט איצט. אַן אַנדערש מאָל.

קנופּ

און וואָס וועט זיין אַן אַנדערש מאָל ?
צי זעט דער רבי ניט אַז ס'איז פאַרפאַלן,
אַז ביידע זיינען מיר איצט גלייכע תפיסהניקעס —
אַז ביידע זינקען מיר אין תהום ?
צי זעט דער רבי ניט ?

מהר״ם

און וואָס, למשל, וואָלט געווען
ווען כ'נעם און גיב־אויף מיין עקשנות ?

קנופּ

(מיט שמחה)

דער רבי וואָלט באַפרייט געוואָרן תיכף . . .

מהר״ם

און וואָס וואָלסטו געהאַט דערפון ?

קנופּ

וואָס הייסט, וואָס הייסט? —
דער הערצאָג וואָלט אויך מיך געוויס באַפרייט.

מהר"ם

צי וואָלסטו וועלן איך זאָל נאָכגעבן דעם הערצאָג?

קנופּ

דער רבי פרעגט עס אויף אַן אמת?

מהר"ם

(שאַרף)

צי ביסטו טויב? איך פרעג דאָך דיך. —
צי אפשר האָט דער הערצאָג דיך בכיוון
אַריינגעשיקט צו מיר אין צעל אַהער,
כדי דו זאָלסט מיך אָפּנאַרן מיט פאַלשע רייד? —
צי ביסטו ניט נאָך אַלץ דער זעלבער מסור?

קנופּ

(מיט געוויין אין קול)

אַ זאָל דער רבי מיך ניט חושד זיין.

מהר"ם

טאָ ענטפער קלאָר מיר אויף דער שאלה:
צו וואָלסטו וועלן איך זאָל נאָכגעבן דעם הערצאָג?

קנופּ

(מיט לעצטע כוחות)

אַ ניין! אַ ניין! דאָס ניט! איך וויל עס ניט.
דער רבי וויל מיך אויספּרובירן.
ווער בין איך אַז איך זאָל גאָר ווערט זיין
געשטעלט צו ווערן צו נסיון? — און אויב יאָ,
באַדאַרף עס זיין אַ סימן אַז דער רבי
האָט אַלץ אַביסל צוטרוי נאָך צו מיר,
צו מיר — דעם אומגעקומענעם לעולם ועד.
איז דאָס אַליין אַ סימן שוין פון גליק,
איז דאָס אַליין גענוג אַז מיינע אברים
צעטאַנצן זאָלן זיך מיט פולן כוח
און זאָלן מיך אַ טראָג טאָן ווי אויף פליגלען
דורך אַלע תפיסה־צעלן און דורך אַלע שלעסער.
אַ רבי, רבי, פליען וויל איך, איך — דער וואָרעם,
דער זינדיקער, דער טויט געשלאָגענער־דערשלאָגענער,

דער אָרעמער פאַרשעמטער קנופּ,
וואָס איז שוין מער ניטאָ, לחלוטין מער ניטאָ. —
געווען אַ קנופּ אַ נאַרישער און — מער ניטאָ.
און וואו איז ער אַהינגעקומען, רבי? וואו?
אוועקגעפלויגן איז ער. זיין געליימטער גוף
איז אויפגעשטאַנען פלוצלינג תחית המתים,
ווייל איר האָט אים געהייסן אויפשטיין.
געהייסן. יאָ, געהייסן. היינט ווי שיקט זיך עס
אַז איר זאָלט פרעגן איצט אַזאַ מין שאלה
צי וויל איך אַז דער רבי זאָל זיך אונטערגעבן?

(מיט גרייזמער)

איך וויל עס ניט! איך וויל עס ניט!
דער רבי זאָל ניט נאָכגעבן! —
און — רבי, זייט מיר מוחל. מוחל.

(דער וועכטער יאָגט אַריין)

וועכטער

זיי שטיל, דו הונט איינער.
זיין האָהייט איז דאָך דאָ,
און ער — ער רעוועט גאָר.
שטיי אויף! זיין האָהייט קומט אַהער.

(קנופּס קול האַקט זיך אָפּ. ער ליגט אויף דער ערד אַזוי ווי אָן לעבן. פון זיין מויל שפּאַרט אַ שוים. דער וועכטער דרייט זיך אַרום אים, ווייס ניט וואָס צו טאָן, שטופּט אים מיט די פיס, אָבער קנופּ רירט זיך ניט. וועכטער לאָזט אים איבער, לויפט אַרויס האָסטיק)

מהר"ם

דער הערצאָג? בכבודו ובעצמו?
אַ שטאַרק מיך, בורא עולם, שטאַרק מיך.

(בויגט זיך איבער קנופּן)

שטיי אויף. עפן די אויגן.
איך בין דיר מוחל.
כ'נעם אַראָפּ פון דיר מיין קללה,
צעעפן דיינע ליפּן, זאָג עפּעס.

(לייגט אַרויף זיין האַנט אויף קנופּס ברוסט, שפּרינגט אויף אין שרעק)

אוי, וויי, ער אָטעמט קוים.

(פּויזע)

רבונו דעלמא, זיי אויך דו אים מוחל.
צי איז ער ניט געווען געשטראָפט גענוג ?
צי האָט ער ניט אויף זיך אַליין
מקיים פסק געווען ?

(ער ווערט אַליין באַוועלטיקט פון אַ שוואַכקייט. ער לאָזט זיך אַראָפּ אויפן בעטל קוים, קוים אַנהאַלטנדיק זיך אָן דיין שטעקן)

רבונו דעלמא, גיב אים נאָך אַ ביסל חיות,
פאַרלאָז אים ניט, באַשיץ אים,
וועק אויף אין אים אַ מינדסטן ריר,
אַ שוואַכסטן צאַפּל פון אַ פינגער,
און זאָל עס זיין ווי אַן התראה פאַר דעם פייניקער,
ווייל יעדער ריר, אפילו פון אַ שטאַרבענדיקן,
ברעכט דורך די פעלזן פון דעם רשעס מאַכט.
אויך מיך פאַרלאָז ניט אין דער שווערסטער רגע.

(הייבט אויף זיינע הענט)

און אויב עס איז דיין רצון איך זאָל גרייט זיין
אויף נאָך ענויים — גיב מיר כוח דערויף,
אַזוי ווי דו'סט געגעבן פון דיין כוח
צו ר' עקיבא און צו חנינא בן תרדיון.

(עס קומט אַריין דער הערצאָג אין זיין פולער הלבשה, קעניגלעך, באַגלייט פון ריטערס און פעסטונג־באַאַמטע. איידער וואָס ווען שטויסט ער זיך אָן אַן קנופּס גוף, וואָס ליגט אויף דער ערד)

הערצאָג

(שפּרינגט אָפּ)

ווער ליגט עס דאָ ? — אַרויסשלעפּן פון דאַנען !

(וועכטער שלעפּט אַרויס קנופּן פאַר די פיס פון צעל)

הויפּט פון פעסטונג

(צו מהר"ם)

אויפשטיין, יודע, אויפשטיין !

מהר"ם

(פּרובירט אויפצושטעלן זיך אָבער קען ניט)

הערצאָג

זיצן זיי. זיצן זיי.

(צו אַלע באַאַמטע)

כ'וויל בלייבן דאָ אַליין מיטן געפאַנגענעם.

(אַלע, אַ חוץ צוויי ריטערס ביי דער טיר, אָפּ. די ריטערס שטייען די גאַנצע צייט אויסגעצויגן, שטאָליק, רירן זיך ניט פון אָרט ביז דעם הערצאָגס אָפּגאַנג. דער הערצאָג שטייט אין מיטן פון דער צעל, באַטראַכט לאַנג דעם מהר״ם ווי ער זיצט אָנגעלענט אָן זיין שטעקן)

הערצאָג

דער קאַמעראַד, וואָס איז געלעגן אויפן דיל דאָ,
האָט ניט געשמעקט, ווייזט אויס, דעם יודן־רב.

מהר״ם

דער קאַמעראַד געהערט צו אייער האָהייט.

הערצאָג

אָ ניין. — דער קאַמעראַד געהערט צום יודן־רב —
אַ קאַמעראַד אין תפיסה.

מהר״ם

דאָס יאָ — מיין קאַמעראַד אין תפיסה.

הערצאָג

צי האָט דער קאַמעראַד געזאָגט וואָס ?

מהר״ם

צי האָט ער עפּעס דען געהאַט צו זאָגן —
אַ חוץ פאַרשלאָפטע ווערטער וועגן זיך אַליין ?

הערצאָג

אַזוי ? אַזוי ? דער יודן־רב איז פאַרזיכטיק.
אַפילו קנופּן וויל דער יודן־רב ניט טאָן קיין שאָדן.

(פּויזע)

מיט העכער זיבן יאָר צוריק
האָב איך געהאַט די זייער גרויסע ערע
צו זען דעם יודן־רב ביי מיר אין פּאַלאַץ.

מהר״ם

און היינט האָב איך די זייער גרויסע ערע
צו זען זיין האָהייט דאָ ביי מיר אין פּאַלאַץ.

הערצאָג

אַזוי ? — אַט דער פּאַלאַץ איז אויך דאָך מיינער.

(אויפגעקאָכט, מיט אויסגעשריי)

וואָס זיצסטו ? — אויפשטיין !

מהר"ם

אודאי אויפשטיין. ווי דען אנדערש?

(שטרענגט זיך אן אויפצושטעלן זיך)

הערצאג

(מיט ביטול)

נו זיצן זיי. נו זיצן זיי.

(מיט ליארעם)

איך זאג דאך: זיצן זיי!

מהר"ם

(שטעלט זיך ווי ניט איז אויף מיט דער הילף פון זיין שטעקן און בלייבט שטיין תקיפותדיק)

אט בין איך אויפגעשטאנען, אייער האהייט.

הערצאג

(צווישן די ציין)

זיין יעדעס ווארט איז פול מיט גאל.

(צום מהר"ם)

דער יודן־רב האט אויך אין תפיסה דא
זיין שטעקן מיטן גאלדן הענטל —
און אויך זיין זיגל טראגט ער אויפן האלדז.
צי מיינט דער יודן־רב, אז אויך אין תפיסה דא
האט עפעס נאך א ווערט זיין יחוס־שטאלץ?

מהר"ם

מיין יחוס־שטאלץ וואס קומט פון גאט ברוך הוא איז אייביק.

הערצאג

איך בין אליין געקומען אין דער שפעטער שעה
צו ווארענען דעם יודן־רב צום לעצטן מאל,
אז אויב ער וויל ניט זיין פארניכטעט —

מהר"ם

דעם יודן־רב קאן קיינער ניט פארניכטן, אייער האהייט.

הערצאג

(פארלירט אינגאנצן געדולד)

דו מיאוסער, פארפלוכטער יודנקאפ!
דו ביסט דאך שוין פארניכטעט און צעשטערט.
סע שמעקט דאך שוין פון דיר מיט קבר.

ווי פרעך ער שטייט עס מיטן שטעקן אין דער האַנט
און מיטן זיגל אויפן האַרצן!
אַרונטער מיטן זיגל!

(ער גיט אַ ריס אַראָפּ פון מהר״מס האַלדז דאָס קייטל מיטן זיגל און אויך אַ ריס אַרויס פון זיין האַנט דעם שטעקן, צעברעכט דעם שטעקן אויף צוויי. גיט בײדע זאַכן אַ שליידער צו דער ערד. דעם מהר״ם אַליין גיט ער אַ שטופּ־אָפּ פון זיך. מהר״ם פאַלט אַוועק אויפן בעטל. הערצאָג מאַכט אַ באַוועגונג אַרויסצוגיין פון קאַמער, בלייבט שטיין ביי דער טיר, קערט זיך אום צוריק, שטייט און קוקט ווי מהר״ם ליגט אָנגעלענט. ער זאָגט מיט אַ שטיקנ־דיקן קול)

ווער ביסטו?

מהר״ם

(זעצט זיך ווי ניט אין אויף. שטיל שווייגן)

הערצאָג

ווער ביסטו?

מהר״ם

(שווייגט)

הערצאָג

ביסט יודן־רב — דאָס ווייס איך.
נאָר דאָס איז ניט גענוג פאַר מיר.

מהר״ם

פאַר מיר איז דאָס גענוג.

הערצאָג

איך פרעג דיך נאָך אַמאָל: ווער ביסטו?
ווייל עפּעס איז מיר ניט פאַרשטענדלעך דאָ.

מהר״ם

פאַר מיר איז עס פאַרשטענדלעך.

הערצאָג

איך פרעג צום פערטן מאָל: ווער ביסטו?

מהר״ם

איך בין אַ פּשוטער פאַרפאַלגטער ייד. ניט מער.

הערצאָג

איך פיל דאָך אָבער מעכטיקייט אין דיר.
אין וואָס באַשטייט דיין מאַכט?

מהר"ם

מיין מאַכט?

(אַ לאַנגע פויזע)

מיין מאַכט באַשטייט אין דעם וואָס כ'האָב קיין מאַכט ניט.

הערצאָג

(נעמט קייכן פון געלעכטער)

דאָס אַלץ? דאָס אַלץ? —
ביסט, הייסט עס, שטאַרק אַנטקעגן מיר
מיט דעם וואָס דו ביסט שוואַך?
און איך בין, הייסט עס, שוואַך אַנטקעגן דיר
דערפאַר ווייל כ'האָב אַזויפיל מאַכט? — —
אַן איינפאַל פון אַ רב. נו גוט, נו גוט.
כ'וועל געבן דיר פאַרזוכן גאָר אויפס'ניי
מיין שוואַכקייט אָט אַ די.

(ער בייגט זיך איין און הייבט אויף מהר"מס זיגל. שטרעקט אויס צום מהר"ם דעם זיגל גלייכצייטיג מיט אַ פּאַפּיר)

איך גיב דעם יודן־רב די לעצטע מעגלעכקייט
באַפרייט צו ווערן שוין אין דער מינוט, —
ער דאַרף נאָר טאָן איין קליינע זאַך:
אויף דעם פּאַפּיר אַרויפלייגן זיין זיגל.

מהר"ם

וואָס שטייט אין דעם פּאַפּיר?

הערצאָג

אַ צושטימונג
אַז יידן זאָלן געבן דאָס פאַרלאַנגטע געלט.

מהר"ם

(שטייט רואיק, גיט ניט אַ ריר מיט קיין האַנט צום פּאַפּיר און זיגל, וואָס דער הערצאָג שטרעקט אויס צו אים. זאָגט געלאַסן)

זיין האָהייט קאָן צוריקנעמען זיין האַנט און דאָס פּאַפּיר.

הערצאָג

(גיט אַ וואָרף דעם זיגל צו דער ערד. ווילד פון צאָרן)

דער יודן־רב וועט אויס וויל זייער שטאַרק
פאַרזוכן פאַרן טויט די מאַרטער־קאַמערן
פון אונדזער פעסטונג — שמיץ און אַנגעגליטע שפּיזן.

מהר"ם

אויב ס'איז אַזוי גאָטס רצון —

הערצאָג

דער יודן־רב שטעלט אויך אין טויט־סכנה
זיין הויזגעזינד און מערער נאָך — זיין נאָכפאָלגער,
וואָס איז דער הויפּט־רב היינט אין מאַינץ.
ער איז אין פעסטונג דאָ.

מהר"ם

(אין שרעק, אויסער זיך)

פאַרשפּאַרט? עס קען ניט זיין!

הערצאָג

דערווייל נאָך ניט. דערווייל — צו גאָסט נאָר.
און אויך די טאָכטער פון דעם יודן־רב איז דאָ.
איך האָף אַז זייערביידנס פרייהייט
איז עפּעס ווערט נאָך ביי דעם יודן־רב,
כדי ער זאָל ניט לייקענען פאַר זיי
דעם אמת וואָס ער הערט פון מיינע ליפּן.
דער יודן־רב זאָל אויף אַ האָר ניט מיינען,
אַז אויב ער שטאַרבט אין תפיסה דאָ
איז אַלץ געענדיקט. — ניין, ער מאַכט אַ טעות!
דער יודן־רב וועט דאָ פאַרפוילט ווערן. —
אפילו טויטערהייט וועט ער פון דאַנען ניט אַרויס.
די ביינער פון דעם יודן־רב אויף אייביק וועלן זיך
אַרומוואָלגערן אין טויטן־קאַמער דאָ,
אָן הספד און אָן קבורה. אייביק. אייביק.

(שפּרינגט צו צום שטענדער וואו עס ליגן די יריעות)

וואָס איז דאָס?

מהר"ם

יריעות פון דער תורה.

הערצאָג

וי קומען זיי אַהער?

מהר"ם

די גאַנצע וועלט איז פול מיט זייער כבוד.

הערצאָג

ווי קומען זיי אַהער?

מהר"ם

איך האָב זיי געשריבן.

הערצאָג

אויך זיי וועלן פאַרפוילט ווערן אין קבר דאָ
צוזאַמען מיט די ביינער פון דעם יודן־רב.

(וואַרפט יריעות צו דער ערד)

אויך זיי — אויך זיי.

(אָפּ האַסטיק. מהר"ם פאַלט־צו צו די פאַרשוועכטע יריעות. קושט די, לייגט זיי צוריק אויפן שטענדער. אַלץ אין אים פּי־בערט. ער לאָזט זיך אַראָפּ מיט האַסט אויפן בעטל. פאַרדעקט זיין פּנים מיט ביידע הענט. די טיר, נאָכן אַרויסגיין פונעם הער־צאָג און די צוויי ריטער־שומרים, איז ניט פאַרמאַכט געוואָרן. דער וועכטער פירט אַריין אָשרן און אסתרן)

אסתר

(פאַלט צו צום אַלטן)

טייערער פאָטער־לעבן.

מהר"ם

(מאַכט אַ פאַרזוך זיך אויפצושטעלן. בלייבט זיצן מאַכטלאָז)

אסתרלין, ליב קינד מיינס.
און דו, אשר מיינער, שלום עליכם דיר,
מיין תלמיד, מיין געטרייער.

אשר

עליכם שלום, רבי הייליקער.

מהר"ם

חלילה פון צו רופן מיך אַזוי. חלילה.
איך בין ניט זוכה.

(ווען אסתר צעווינט זיך)

אסתרלין, האַלט איין די טרערן.
איך בעט דיך.

אסתר

אַט ווינסטו דאָך אַליין —

מהר"ם

פון שמחה וואָס איך זע איךביידן.

(זיין קול ווערט שטאַרקער)

דערציילט וואָס מאַכן אַלע — רחלין און שלמה?
און שמשון? און אַלע, אַלע?

אסתר

אַלע זיינען געזונט, פאָטער־לעבן.

מהר"ם

(זעט ווי אסתר קוקט אויף אים אַנגעשטרענגט)

וואָס קוקסטו, אסתרלין, וואָס זעסטו?
כ'בין זייער אַלט געוואָרן — וואָס?

אסתר

(קאָן זיך ניט קאָנטראָלירן, איר געוויין רייסט זיך פון איר. דער אַלטער נעמט זי אַרום)

מהר"ם

אוודאי איז דעם מענטשנס טבע: ווייגען
נאָך לאַנגע יאָרן פון צעשיידונג —

אסתר

שוין מער ווי זיבן יאָר.

מהר"ם

און איך בין אויך דאָך ניט פון אייזן.
פונדעסטוועגן זאָל זיין גענוג. ווייל טרערן —
אויב נאָר מען לאָזט זיי פריי — —

(וויל זיך אויפשטעלן. אסתר און אשר העלפן אים. ער שטעלט זיך אויף)

איר זעט — איך בין שוין ווידער שטאַרק.
דעם רשע אויף להכעיס.

אסתר

דער הערצאָג האָט באַפוילן אונדז אַהער צו קומען. —
וואָס זאָל עס מיינען, פאָטער?

אשר

באַפּוילן מיטן כוח פון התראה.

מהר"ם

איך ווייס. איך ווייס.
ער איז אַט ערשט געוועזן דאָ.
געקומען מיך צעברעכן, און — איר זעט דאָך —
צעבראָכן האָט ער נאָר מיין שטעקן.

(לאַכט קרעפּטיק)

איר זעט — אַט ליגט דער שטעקן מיינער.

(אסתר הייבט־אויף די צוויי האַלבע שטיקער פונעם שטעקן, אירע הענט ציטערן)

ניט זאָרג זיך, טאָכטער, וועגן דעם,
כ'וועל אויסקומען אויך אָן אַ שטעקן. — — —
און כ'קאָן אייך ביידן אָנזאָגן אַ גוטע בשורה:
איך האָלט דאָך שוין ביים סיום פון דער ספר תורה.
די לעצטע פּסוקים אָנצושרייבן נאָר.
קום צו צום שטענדער, אשר, זע.

אשר

(גייט צו צום שטענדער וואו עס ליגן די יריעות. קוקט אַריין אין זיי)

דער רבי איז אַ וואונדערלעכער סופר.
אַ יעדער אות איז צאַפּלדיק און פלאַטערט.

אסתר

ווי גוט עס איז צו זען דיך אַ געמוטיקטן, אַ שטאָלצן.

מהר"ם

איצט רעדסטו ווי אַ טאָכטער פון ר' מאיר בר' ברוך.
פאַרנעם דעריבער מיינע לעצטע ווערטער.

(צו אשר)

אויך דו פאַרנעם זיי.

אשר

פאַרוואָס די לעצטע?

מהר"ם

זייט וויסן ביידע: מיינע טעג זיינען געציילטע.

אסתר

ניין. ניין.

מהר"ם

דערפאַר האָט אייך דער הערצאָג איצט געהייסן קומען,
כדי דורך אייך מיך אַנצושרעקן און צעטומלען.
וואָס שייך, אָשר, דיך — איז זיין מחשבה
אַן אָפענע.

אשר

איך שפיר אין ר'בינס ווערטער גזר.

מהר"ם

איך שעץ מיך גליקלעך וואָס דו ביסט
דער מנהיג און דער מדריך היינט אין מאַינץ.
איך האָב זיך ניט גענאַרט אין דיר.
דיין ליכט נעמט אויפגיין ערשט
צוזאַמען מיט דיין נאָמען איבער אַלע קהילות.
דעריבער טאָר איך דיך ניט שטעלן אין סכנה.

אשר

וואָס וויל דער הערצאָג טאָן?

מהר"ם

ער וויל אויך דיך פאַרשפאַרן אין דער פעסטונג.

אשר

כ'בין גרייט אויף דעם. כ'בין גרייט.
אַבי דער רשע זאָל ניט אויספירן.

אסתר

אויך איך בין גרייט.

מהר"ם

אַז וואויל איז מיר אַזוינס פון אייך צו הערן.

אשר

צי מיינט דער רבי אַז דער גזר איז שוין געחתמעט?

מהר"ם

דערווייל ביסטו נאָך פריי, פאַרשטיי איך.
דער הערצאָג שפילט אַ שפיל אַזאַ מיט מיר.

ער וויל מיך אין אַ נעץ פון שרעק פאַרפּלאָנטערן,
אין ספקות און אין שווערן ישוב־הדעת,
אין חשדים און אין מוראס, כדי דורכדעם
די לעצטע כוחות מיינע צו צעברעכן.
ער וועט דיך לאָזן גיין אַהיים דערוויל,
נאָר יעדע רגע וועט ער האַלטן איבער אונדז
די בייטש פון ערבות און פון קרבן;
און אפשר וועט ער גאָר פאַר דיר
אַן אַנדער תפיסה אויסזוכן,
כדי נאָך מער צו פייניקן מיין האַרץ
מיט דיינע עלנטע יסורים. —
טאָ הער מיין עצה כל זמן ס׳איז נאָך צייט:
פאַרלאָז די רגע דייטשלאַנד.

אשר

(דערשטוינט)

אַנטלויפן?

מהר״ם

דער רשע וויל מיט זיינע בייזע פּלענער
פאַרניכטן־אויסראָטן די בעסטע פון ישראל. —
דאָס טאָר זיך אים ניט איינגעבן.
איך בין ניט מסכים אַז דו זאָלסט ווי איך
מיט גוטן ווילן אָננעמען די תפיסה.

אשר

פאַרוואָס האָט זי דער רבי אָנגענומען? —
און כ׳מעג דאָך איצטער זאָגן, אַז דער רבי
האָט אָנגענומען אַלץ ווי אַ פאַרדינטע שטראָף כמעט,
געזען אין אַלץ אַן אצבע אלקים.

מהר״ם

יאָ, יאָ, מיין זון, — אַ שטראָף פון גאָט ברוך הוא
פאַר וועלן ראַטעווען זיך דורך קרומע וועגן;
מיט דיר אָבער איז אַנדערש.

אשר

כ׳געדענק — דער רבי האָט אַרויסגעזאָגט אַ רעיון,
אַז יעדער ייד טאָר ניט אַנטלויפן פון זיין גורל.
פאַרוואָס באַשטייט דער רבי איצט
אַז איך זאָל יאָ אַנטלויפן?

מהר"ם

עס איז בפירוש ניט קיין חוב און ניט קיין מצווה,
אַז אַלע יידן זאָלן גיין אויף קידוש־השם —
ווייל דעמאָלט וואָלט, חלילה, דאָך
דאָס גאַנצע פאָלק ישראל אָפּגעמעקט געוואָרן;
און וויסן זאָלט איר, קינדער מיינע,
אַז קידוש־השם איז דעמאָלט נאָר אַ מצווה
ווען ס'איז אַ שטאַרקונג פאַר ישראל.
ווייל — איין ייד שטאַרבט על קידוש־השם,
אַ צווייטער לעבט אין זכות פון דעם.
איז איצט די שאלה, אשר לעבן,
צי דאָס, וואָס איז געשען מיט מיר, מוז אויך
געשען מיט דיר? צי איז פאַראַן דערויף
די זעלבע סיבה? — פּסקן איך אַז ניט.
פאַרלאָז וואָס גיכער דייטשלאַנד.

אשר

וואוהין?

מהר"ם

דערווייל באַזעץ זיך אין איטאַליע.
איך וועל דיר מיטגעבן אַ בריוו צום גרויסן גאון
ר' שלמה בן אדרת. ער וועט דיך מקרב זיין.

(קוקט מיט דורכדרינגענדיקע אויגן)

אַזוי וועט עס געשען, מיין זון:
פון לאַנד צו לאַנד, פון לאַנד צו לאַנד, ביז וואַנען
ס'וועט קומען אויף אַן אמת אונדזער לאַנד.

(ער נעמט זיין פעדער און שרייבט שנעל אָן אַ בריוו, דערלאַנגט עס אשרן)

אשר

(נעמט דעם בריוו מיט ציטערדיקע הענט)

און די ישיבה, רבי?

מהר"ם

זאָל שמשון ווערן רב אין מאַינץ און ראש הישיבה.
און דו, מיין טאָכטער אסתרלין, פאָר גלייך אַהיים
און ברענג קיין מאַינץ מיין רצון וועגן דעם.

אסתר

(האָט זיך צוגעהערט די גאַנצע צייט, האַלט ניט אויס און פאַלט צו צום אַלטן)

ס'איז שרעקלעך, פאָטער.

מהר"ם

נאָר רואיק זיין, מיין טאָכטער, שטאַרק זיין.

אסתר

מיין שטאַרקייט פאַלט צוזאַמען.

אשר

אויך איך מוז עפּעס פרעגן נאָך דעם רבין. —
דער רבי אָבער זאָל ניט ווערן בייז.

מהר"ם

וואָס ווילסטו פרעגן, אשר?

אשר

(מיט געקלעמטן ווייטיק)

אַ פראַגע וואָס מיר טראָגן אַלע טיף אין זיך.
אָ רבי, רבי — — — כ'מוז זי פרעגן אָפן:
אָ רבי — אפשר — אפשר —

מהר"ם

וואָס אפשר?

אשר

פון אַלע קהילות קומען אָן געוויינען ממש:
מיר קאָנען ניט אַריבערטראָגן — טענהן זיי.

מהר"ם

וואָס קאָנען זיי ניט אַריבערטראָגן?

אשר

דעם גרויסן צער און טרויער וואָס דער רבי —

מהר"ם

(מיט אויסגעשריי)

אשר!

אשר

(קוים וואָס ער זאָגט אַרויס מיט אַ געשטיקטן קול)

ס'ליגט אָנגעגרייט די גאַנצע סומע געלט — —
אָ, רבי, אפשר פאָרט ? —

מהר"ם

אויך דו, אשר ?

אסתר

אַ פאָטער לעבן !

מהר"ם

אויך דו, אסתרלין ?

אשר

רבי !

מהר"ם

(מיט באַפעל)

שטיל !

(אַשר און אסתר שטייען מיט געבויגענע קעפּ, האַלטן קוים איין סיגעווין אין זיך. לאַנגע אָנגעשטרענגטע פויזע.)

מהר"ם

איצט הערט וואָס איך פאַרזאָג אייך :
דער רשע וועט אודאי וועלן אויסנוצן מיין טויט,
ער וועט אפילו אייך ניט לאָזן ברענגען מיך
צו קבר־ישראל, ביז איר וועט ניט אויספּאָלגן
זיין גוואַלד־פאַרלאַנג. דעריבער בין איך גוזר :
ניט נאָכגעבן ! — איר הערט וואָס איך פאַרזאָג ?

(אסתר און אַשר שטייען פאַרקלעמטע. מהר"ם ווידער)

דו הערסט וואָס איך בין גוזר, אסתרלין ?

אסתר

איך הער, פאָטער לעבן.

מהר"ם

דו הערסט וואָס איך בין גוזר, אַשר ?

אשר

איך הער, רבי.

וועכטער

ציט פאַראיבער.

מהר"ם

(ליגט אַרויף זיין האַנט אויף אשרס קאָפּ)

זיי מצליח, זון מיינער, אין דייך נסיעה,
און זיי געבענטשט בשם אלהי ישראל.

(טוט דאָס זעלבע צו אסתרן)

גאָטס ברכה אויף דיין קאָפּ, טאָכטער מיינע.

אשר

גוטע נאַכט, רבי.

אסתר

גוטע נאַכט, פאָטער לעבן.

(ביידע אָפּ. די טיר פאַרשליסט זיך. מהר״ם שטייט פאַרחושט אַ פּאָר רגעס, זעצט זיך און שטעלט זיך ווידער אויף, בויגט זיך איין און הייבט אויף די צוויי טיילן פון זיין שטעקן, באַטראַכט זיי לאַנג. ליגט זיי אַוועק אויפן טיש. הייבט אויף זיין זיגל, באַקוקט עס, טוט עס אָן צוריק אויפן האַלדז. טוט אָן אויף זיך אויך זיין טלית, שאַרט זיך צו מיט געבראָכענע קני צום שטענדער, נעמט די גענזן־פעדער אין דער האַנט, וויל נעמען שרייבן, גיט אַ פאַל צום בעט מיט דער פעדער אין האַנט. מען זעט אַז ער ראַנגלט זיך מיט זיין שוואַכקייט. ליגט אַ ווײַלע. נעמט זיך אָן מיט נייעם כח און הייבט זיך ווידער אויף, זאָגט זיין באַליבטן פסוק : **גם כי אלך בגיא צלמות לא אירע רע כי אתה עמדי — עמדי — עמדי.** — שטעלט זיך ענדלעך ביים שטענדער און נעמט שרייבן מיט דער פעדער איבערן פאַרמעט. סיווערט שטאַרק טונקלער. סיווערט אינגאַנצן פינצטער. אַ פויזע פון עטלעכע רגעס. סיווערט צוריק אַ ביסל ליכטיק. קוים, קוים צו זען עפעס. מהר״ם ליגט אויפן בעטל מיטן אויבערשטן האַלבן קערפּער, דער קאָפּ פאַרוואָרפן, די פיס הענגען אַרונטער. דער טלית — אויף דער ערד ביי זיינע פיס. דניאל און אַהאַספער שטייען איבער אים)

דניאל

כ׳בין דאָ געזועזן די גאַנצע צייט, רבי.
כ׳האָב אַלץ געזעזן און אַלץ געהערט, —
פאַרגייט ניט, רבי, פאַרגייט ניט.

אַהאַספער

מען דאַרף אים גוט אַרויפלייגן אויפן בעטל.

(זיי לייגן אַרויף זיינע פיס אויפן בעטל)

מהר״ם

(קוים צו הערן)

גם כי אלך בגיא צלמות — — —

אַהאַספער

לא אירע רע — —

דניאל

(בויגט זיך איבער אים)

כי אתה עמדי. — —
רבי הייליקער —

אַהאַספער

דער רבי האָט ניט ליב געהאַט
מען זאָל אים אַזוי רופן.

דניאל

איצט מעגן מיר.

אַהאַספער

יאָ, איצט מעגן מיר — —
ס׳געשעט, דניאל.
ברוך דיין האמת.

דניאל

דעקט אים איבער מיטן טלית,
צי אפשר גאָר מיט די יריעות.

אַהאַספּער

די יריעות זאָלן ליגן אויפן שטענדער.

(ער דעקט איבער דעם מהר״מס גוף מיטן טלית, קוקט אַריין אין די יריעות)

דו זעסט, דניאל, דו זעסט —

פאַרענדיקט שרייבן ביזן לעצטן אות.

דניאל

(קוקט אויך אַריין און לייענט מיטן ניגון פון קריאה)

אשר עשה משה לעיני כל ישראל. —

אַהאַספּער

דאָס מיינט דאָך אַ סיום, דניאל מיין זון.

אַ סיום איז שטענדיק אַ יום טוב, מיין זון —

אַ סיום פון הייליקע אותיות,

אַ סיום פון וואָרעמען אָטעם.

אַזוי האָט דער בורא עולם

אויף מיר אַזאַ גורל אַרויפגעלייט:

אַן אייביקער טרעגער צו זיין

פון סיומס, פון סופן,

וואָס גייען גלייך איבער אין אָנהייבס

פון נייע געבוירענע וועלטן. —

דערביי ווערט מיין אייגן האַרץ מיר

צעריסן אויף שטיקער געיאָמערס,

דערביי ווערט מיין אייגענער גוף

צעפייניקט, צעשמיסן, צעחוזקט. —

צי האָסטו געהערט אָבער ווען

איין וואָרט פון תרעומות פון מיר?

איך פרעג דיך, דניאל.

איך זאָג עס, כדי דו זאָלסט וויסן

דעם אמת פון אויפגיין אין שטאַרבן.

ווער ליגט דאָ? ר׳ מאיר ב״ר ברוך?

ניין, ניין. — דער געמיינער פאַרפייניקער

האָט זיינס ניט דערגרייכט. מיר׳ן בעמען

ר׳ מאירן מיט זיך. — ביסטו גרייט?

דניאל

כ׳בין גרייט.

אַהאַספּער

ניט קוק וואָס אַ ניכטערע האַנט
וועט פֿינקטלעך פֿאַרשרייבן לדורות,
אַז דעמאָלט און דעמאָלט און דעמאָלט
איז עלנט געשטאָרבן אַ ייד,
אַן עקשן, און ליגן געבליבן
אין פֿינצטערער תפיסה אויף יאָרן.
זאָל שרייבן די פֿינקטלעכע האַנט,
נאָר מיר וועלן ביידע טאָן אונדזערס,
זיך איינבייגן פֿאַרכטיק און זאָגן:
שטייט אויף, ר' מאיר ב"ר ברוך,
שטייט אויף און — קומט מיט אונדז.

דניאל

שטייט אויף און — קומט מיט אונדז.

(זיי נייגן זיך ביידע איבער מהר"מס גוף און זאָגן צוזאַמען)

שטייט אויף און — קומט מיט אונדז.

(פֿאָרהאַנג)

ש. מיללער

אין שפּאַן

— אַה!...

די דריי (...) זיינען אַן אָנצוהערעניש אויף דעם אונטערשלאַק אונטער דעם איינזילביקן „אַה!". דער מיטוואָך איז געווען לענגער פון דעם דאָנער־שטיק, דער נאָכקלאַנג הילכיקער פונעם קלאַנג, און דער נאָכקלאַנג האָט עס געזאָגט: ביסט דאָ? ווער האָט געשיקט נאָך דיר? וואָס ווילסטו? קיין גוטס ווילסטו ניט, דאָס ווייס איך, לאָמיר שוין הערן דאָס ניט גוטע. אַרויס־געזאָגט האָט ער — וואָס'ט איר זאָגן עפּעס גוטס?

אַ ווידערשפּרוך?

נו יאָ, דאַרויף איז מען דאָך אַ מענטש.

דער מענטש, מאַקס פּעסט, דער באַלעבאָס פון דער „פּאַרמאָונט גאַר־מענט קאָ.", האָט אַדרעסירט זיינעם אַן אַרבעטער, וואָס האָט אומגעבעטענער־הייט זיך אַריינגעשטעלט צו אים אין אָפיס, דעם קדשי קדשים, וואו אויף דער טיר איז געווען אָנגעשריבן: פּריוואַט.

דער אַרבעטער, לייב פעלדמאַן, אַ ייד אין די הויכע פופציקער, האָט געזען אַז זיין באַלעבאָס האָט אים געזען גלייך ביים עפענען די טיר, האָט אים אָבער ערשט דערזען מיט אַ פּאָר סעקונדן שפּעטער, דערזען אים כלומרשט אומגעריכט, אַזש אַ דריי געטון ראש דעם קאָפּ. ער האָט דערהערט דעם „אַה" און דערזען דעם אונטערשלאַק. דער „וואָס'ט איר זאָגן עפּעס גוטס" האָט אים נישט אָפּגענאַרט, פונדעסטוועגן האָט ער זיך אָנגעכאַפּט אָן די ווערטער: אינעם נאָכקלאַנג פונעם „אַה" וואָלט ער זיך ניט געקענט אָנכאַפּן.

— דאָס איינציקע גוטע וואָס איך קען אייך זאָגן איז — גוט שבת.

— גוט שבת, גוט יאָר, — האָט מאַקס געענטפערט מיטן מויל, די אויגן האָבן געפרעגט: וואָס פאַר אַ גוט שבת אויף אים? וואָס וויל ער?

— איך צאָלט פּראָצענט, — האָט לייב פעלדמאַן כלומרשט גע־שפּאַסט, אין דער אמתן האָט ער זיך אַליין פּאַרפּעסטיקט, זיך צוגעגעבן קו־ראַזש און אויך הנאה געהאַט וואָס ער ציט זיין באַלעבאָס די עצמות.

— פּראָצענט?

— נו, יאָ, מ׳זאָגט אַ יידן גוט שבת, ענטפערט ער גוט שבת, גוט יאָר, קרן און פּראָצענט.

— אָה... (ניט דאָס מיינסטו דאָך. וואָס ווילסטו?) — אוודאי, וואָס פאַר אַ גוט שבת אַזאַ גוט יאָר. — געמיינט האָט עס — דיין גוט שבת געפעלט מיר ניט, און מיין גוט יאָר, אַזאַ יאָר אויף דיר... און דעם מיין פון די ווערטער האָט לייב פעלדמאַן דייטלעך אַרויסגעלייענט אין זיין באַלעבאָס׳ אויגן. שוין אַ יאָר צוואַנציק אַז ער קען אים, אַ יאָר דריי אַז ער אַרבעט ביי אים, האָט אים שוין געזען טויזנט מאָל, און ערשט איצט דערזען, ריכטיק דערזען דעם קאָליר פון די אויגן — העל גרוי געפלעקט מיט אַש קאָליר שפּרינקעלעך, דער אויסדרוק פון די אויגן קרענקלעך לעבעדיק, ווי ער וואָלט געהאַט היץ, און אפשר איז עס פון כעס. ער איז אין כעס. כאַפּט אים דער גוטער יאָר. אים זאָגן און פּטור.

— געקומען אייך זאָגן אַז איך מאַך שבת. וועל ניט אַריינקומען מאָרגן.

—אַלץ וואָס האָט צו טאָן מיט אַרבעט באַלאַנגט צו דזשעקן. איך מיש זיך ניט אין שאַפּ.

— מיין טאַטע האָט מיך געלערנט: דאַרפסט צום רב רעד ניט צום שמש.

— הם... גאָר אַזוי?

מאַקס פּעסט האָט אַ נעם געטאָן אַ ציגאַרעט, אַ רייב געטאָן אַ שוועבעלע, געצונדן דעם ציגאַרעט, אַ בלאָז געטאָן רויך. ווען דער בלאָז קען אַרויסשטויסן אַט דעם אַרבעטער זיינעם פון אָפיס, פון שאַפּ. דער אַרבעטער איז געשטאַנען, געשוויגן.

— וואָס איז דער מער?

— דער מער איז, וואָס פּופציק שעה אַ וואָך איז פאַר מיר איבערגענוג.

— וואָס זשע, אַ מיוחס ביי גאָט?

— אויב ניט האָבן קיין כוח איז יחוס, בין איך אַ מיוחס.

— נו, אפשר זאָל איך אייך געבן אַ ביסל כוח?

— ניין, דאָס קענט איר מיר ניט געבן.

איצט האָט שוין דער אַרבעטער געמאָסטן זיין באַלעבאָס. ער האָט געזען דעם פּנים־קיט, פּאַרטריקנטער קיט, די ליפּן — מילך, די הויט אונטער די אויגן גרוי־בלוילעך און אַזוי דין — פּאַפּיראָס־פּאַפּיר, כאָטש נעם שייל אָפּ. און דאָס רעדט פון געבן כוח.

— איז וואָס זשע ווילט איר?

— געזאָגט אייך — איך וויל ניט אַרבעטן שבת.

— צאָל דאָך וואַרטן!
— מוחל. זאָלן אַנדערע ווערן גבירים.
— די גבירישקייט בין איך אייך מוחל, אָבער די מאַשין. אַ מאַשין קען ניט שטיין ליידיק. ניט איין מענטש, איז אַן אַנדערער, די מאַשין מוז גיין.
— איר קענט אפשר ווען אַן אַנדער אַרבעטער, איך וויל ניט קיין אַנדער באַלעבאָס.
— אַזוי גאָר? אָהבתי את אדוני?
— איר מאַכט אַ טעות, ניט איך האָב ליב מרדכין, נאָר איך האָס המנען.
קיינע הינטערשיסעלעך מער. אַן אָפענע ליבעס־דערקלערונג. מרדכין האָט ער ניט ליב. וויסט, מר. מאַקס פעסט, אַז איך קען אייך נאָך ווען איר האָט געהייסן מרדכי פּאַסטאַווער, האָט נאָך באַלאַנגט מיט מיר אין איין צווייג אַרבעטער־רינג, זייט נאָך אפילו געקומען צו די זיצונגען. איצטער באַלאַנגט איר נאָך אויך, גיט נאָך אַמאָל אַ צענערל, אָבער איך האָב פּיינט אייך, מיט אייער צענערל, מיט...
אין לייב פעלדמאַנען האָט געזאָדן דער כעס. די כעס־פּאַרע האָט געגרייכט מאַקס פעסטן.
מאַקס פעסט איז שוין געווען אַזוי איינגעפּונדעוועט אין זיין באַלעבאַטישקייט, אַז דער מאַכטלאָזער כעס פון זיינעם אַן אַרבעטער האָט אים נישט געשראָקן, נאָר געקיצלט, ניט צום לאַכן, אַ שניידיק שמייכעלע בלויז.
— אַ גאַנצע מגילה. מילא מרדכי איז מרדכי (מיין גדולה ווערט ניט געמינערט), אָבער ווער איז דאָס דער המן?
— אייער פּאַרמאַן! — האָט שוין לייב פעלדמאַן אויסגעשאָסן. — ער האָט ניט וואָס צו באַלעבאַטעווען איבער מיר. און איך בין עס געקומען אייך זאָגן איר זאָלט אים מאָל פאַר אַלע מאָל אים אָנזאָגן, דעם המן, ער זאָל מיך לאָזן צורו. דערגייט מיר די יאָר, דערגייט ער מיר. איך קען ניט אַרבעטן, וועל איך ניט אַרבעטן. פון פינף און דרייסיק געוואָרן פערציק, פיר און פערציק, אַכט און פערציק, איצטער פופציק, זעכציק! גאָר ניטאָ קיין שיעור. הרגע זיך אַוועק. באשר בכן...?
— אַוועקהרגענען זיך דאַרפט איר ניט, — האָט מאַקס פעסט שטיל און דייטלעך געענטפערט. זיין אַנטשוויגן ווערן האָט נאָך דייטלעכער געזאָגט: אָבער אַוועקגיין דאַרפסטו. זיין וואָרף טאָן דאָס ציגאַרעטל האָט נאָך צוגע־געבן: און טאַקע באַלד, שוין!
— די אַרבעט דאַרף מען, די אַרבעט מוז אַרויסגיין, אָבער איכ׳ל אים זען, רעדן מיט אים. יעס סער, איכ׳ל אים זאָגן.

דער „יעס סער" האָט ממש געעפנט די טיר פאַר לייב פעלדמאַנען.

— טראָג זיך אָפּ!

לייב פעלדמאַן איז אַרויסגעגאַנגען. מאַקס פעסט האָט זיך אויפגעהויבן, ניין, איז אויפגעשפּרונגען, געווען גרייט אַ לאָף טאָן צו דער טיר, זיך אָבער איינגעהאַלטן ביז ער איז געווען זיכער אַז לייב פעלדמאַן איז שוין אַרויס פון שאַפּ, ערשט דאַן האָט ער אַ ריס געטאָן די טיר פון אָפּיס, אַ שפּאַן געטאָן און אַ געשריי געטאָן: דזשעק!

דאָס מיידל ביים טעלעפאָן האָט אַ דריי געטאָן דעם קאָפּ.

— דזשעק! — האָט מאַקס איבערגעחזרט. — איך וויל זען דזשעקן!

— דזשע־עק! — האָט אַ זינג געטאָן דאָס מיידל אין שאַפּ אַריין.

אַרטן האָט עמיצער נאָכגעהאַלטן: דזשעק! אַ דריטער האָט אונטערגעכאַפּט: דזשע־עק!! דאָס וואָרט האָט זיך געטראָגן ווי איבער אַ קאַנווייער, און ווען דזשעק האָט אַריינגעשטעקט דעם קאָפּ אין אָפּיס, האָט דאָס מיידל אויף שטום־לשון אים אָנגעוויזן אויפן קדשי־קדשים, מאַקס פעסטס פּריוואַטן אָפּיס. זי האָט שוין געוואוסט אַז עס שמעקט מיט פּולווער און זי איז געווען צופרידן. ניט ווייל זי האָט עפּעס געהאַט צו דזשעקן, נאָר גאָרניט — פריילעכער!

דזשעק האָט אויך געאָנט אַ שטורעם קומט, ער האָט אָבער ניט איינגעבויגן דעם קאָפּ. דער שטורעם האָט אים אַ שלאָג געטאָן גלייך אין פּנים אַריין.

— וויפיל מאָל האָב איך אייך געזאָגט אַז איך וויל גאָרניט האָבן צו טאָן מיט די אַרבעטער? אַלץ וואָס האָט צו טאָן מיט די אַרבעטער באַלאַנגט צו אייך, איר קריגט באַצאָלט דערפאַר, ניין?

— נו?

אָט דער קאַלטבלוטיקער „נו" — אַ שעפל קאַלטע וואַסער. מאַקס פעסט האָט זיך אַזש אַ שאָקל געטאָן אויף צוריק, געבליבן שטיין מיט אויפגעריסענע אויגן. ער איז שנעל געקומען צו זיך.

— נו, נו, — האָט ער אים איבערגעקרימט. — טאָ נאָכוואָס שיקט איר די מענטשן צו מיר?

— איך האָב קיינעם ניט געשיקט. ווען עס זאָל זיין געווענדט אָן מיר וואָלט איך אים שוין לאַנג אָוועקגעשיקט.

— טאָ פאַרוואָס האָט איר עס ניט געטאָן? איר ווייסט גאַנץ גוט, אַז וואָס אָנבאַלאַנגט די אַרבעטער זייט איר דער באַלעבאָס.

— נו, — האָט דזשעק געצויגן דעם „נו" מיטן מויל און זיינע אויגן האָבן זיך ווייסעריש געצויגן איבער באַלעבאָס' פּנים. — ערשטנס קען מען איצט קיין אַנדערע ניט קריגן, צווייטנס...

— מ׳דאַרף שוין ניט קיין צווייטנס, — האָט מאַקס פּעסט אים איבער־געשלאָגן. פּעלט אים נאָך אַז דער חוצפּהניק זאָל אים דערמאָנען אַז ער און לייב פעלדמאַן זיינען... געגאַסן. איז ער אַריין אַמאָל אין אַרבעטער־רינג, דעריבער? אַ פּרוי גייט אין גאַס און אַ זאַק נעמט אַרונטערפּאַלן ביי איר. זי בייגט זיך איין, וואַרפט אַ קוק אַהער, אַהין, פאַרשאַרט דאָס קליידל, ציט אַרויף דעם זאַק. ווען זי גלייכט זיך אויס און כאַפּט דעם קוק פון אַ מאַן וואָס האָט צוגעזען איר טועכץ, טוט זי אַ שמייכל: פּאַסירט! אַט דעם מאַן וואָלט זי אָבער שוין ניט געוואָלט מער באַגעגענען. וואָלט פּאַסירט אַז זי זאָל זיך פאַרליבן אין דעם מאַן איז גאַנץ מעגלעך אַז ליגנדיק מיט אים זאָל פּלוצלונג אַרויפשווימען אָט דער זאַק אויפּהויבעניש און איר פוס וואָלט דערביי אַ דריגע געטאָן. מאַקס פּעסט האָט ניט ליב געהאַט עמיצער זאָל אים דערמאָנען יענע יאָרן. ער אַליין האָט געקענט ריידן וועגן זיי, דערמאָנען מיט אַ שמייכל, אָבער אַן אַנדערער!

— קענט ניט קריגן קיין אַנדערע, רייסט מען זיך ניט מיט די וואָס מ׳האָט.

— איך רייס זיך מיט זיי? דער סוף איז גוט. הונדערט מענטשן, דאָס מיינט זעקס טויזנט שעה אַרבעט אַ וואָך און דאַרפן דאַרף איך כאָטש ניין טויזנט, איז כאָטש נעם צערייס זיך, און איך רייס זיך מיט זיי. זיי רייסן פון מיר שטיקער, שטיקער רייסן זיי. דזשעק! דזשעק! דאָס אַלץ וואָס מ׳הערט. בלויז דער איינער, אַ מיוחס...

— גענוג, נו. געסעטלט. שמש... — איז מיט אַמאָל אַרויסגעפאַלן פון מויל.

דזשעק האָט פאַרחידושט אַ קוק געטאָן אויפן באַלעבאָס. מאַקס פּעסט האָט געשמייכלט, האָט אַ קלאַפּ געטאָן דזשעקן אין פּלייצע. — אָלרייט. ווי איז די אַרבעט? קענען אַרויסשיקן די באַשטעלונג קיין סיאַטל? ווי שפּעט איז? דאַרף מען שוין נעמען פּאַקן. לואי! וואו איז לואי? — האָט ער שוין געשריען אין דער אָפענער טיר, אַזוי אַרום אַרויסגעפירט דזשעקן. — איז לואי דאָ? — האָט ער געפרעגט ביי דער טעלעפאָן־מיידל און, נאָך איידער זי האָט געענטפערט, האָט ער שוין געפרעגט: — האָט איר גע־רופן די עקספּרעס־קאָמפּאַניע? רופט זיי. רופט זיי גלייך. זאָגט זיי זיי זאָלן דאָ זיין ניט שפּעטער ווי... לואי!

לואי, אַ צעשויבערטער, דאָס העמד שיר ניט אינגאַנצן אַרויסגעצויגן איבערן הויזן רימען, האָט זיך אַריינגעשטעלט.

— ווי לאַנג וועט עס דיר נעמען איינצופּאַקן די לאַדונג קיין סיאַטל? אַ שטונדע? אַ שטונדע, האָסטו געזאָגט? זאָגט זיי זיי זאָלן דאָ זיין ניט שפּעטער ווי אין אַ שטונדע אַרום, ווייל...

— טעלעפאָן, — האָט דאָס מיידל אים אַ זאָג געטאָן.

מאַקס פעסט האָט אָפּגעהאַקט דאָס ריידן, זיך אַ לאָז געטאָן צו זיך אין אָפּיס.

לואי און דאָס טעלעפאָן־מיידל האָבן זיך איבערגעקוקט. לואי האָט אַ ווייז געטאָן מיטן פינגער אויפן שטערן. דאָס מיידל האָט אַ שמייכל געטאָן. — איר זייט אַ שלאַק. — „ווי לאַנג וועט עס דיר נעמען, לואי? האַ, לואי? ווי לאַנג וועט עס דיר נעמען?" — האָט לואי איבערגעקרימט דעם באַלעבאָס. — מאַכט מיך קראַנק. מר. מאַקס פעסט!

—טוט אַ קוק אויף אייער העמד.

— וואָס איז דער מער מיט מיין העמד?

לואי האָט פונדעסטוועגן אַ קוק געטאָן, גענומען שטורכען דאָס העמד אין די הויזן אַריין. פרענסיס האָט פאַרשעמט אָפּגעקערט דעם קאָפּ. לואי האָט אַ בליק געטאָן צו דער טיר „פּריוואַט", אַ שפּאַן געטאָן צום טעלעפאָן טיש און אַ רייב געטאָן זיין באַק אָן דער מיידלס.

— גייט, איר דאַרפט זיך אָפּגאָלן.

— אין אָוונט. מיר גייען אַרויס היינט אָוונט, ניין?

דאָס מיידל האָט אַ דריי געטאָן דעם קאָפּ, מיט דער האַנט אַ ווייז געטאָן אויף דער אָפּיס־טיר. לואי האָט מיט איין האַנט מבטל געמאַכט דעם באַלעבאָס' טיר, מיט דער צווייטער געהאַלטן דער מיידלס אָרעם. — „איט'ס אַ דייט! אַ קעי!" אַכט דרייסיק.

לואי האָט זיך אַוועקגעלאָזט צו זיין פּאַקעניש. דאָס מיידל האָט שוין אַריינגערעדט אין טעלעפאָן־טרייבל: ער איז פאַרנומען אויפן צווייטן טעלע־פאָן. איר ווילט וואַרטן? אָלרייט, כ'וועל אים זאָגן. אַ דאַנק.

אויפן צווייטן טעלעפאָן איז אָנגעגאַנגען אַ געשפּרעך צווישן מאַקס פעסטן און זיינעם אַ קונה.

— הערט, הערט! איר ווייסט אַז איך וויל צופרידנשטעלן מיינעם אַ קונה, אָבער איך קען ניט, פּשוט איך קען ניט.

— — — — — — — — — — — —

—אייך געזאָגט דאָך, איך קען ניט קריגן קיין אונטערשלאַק.

— — — — — — — — — — — —

— יאָ, יאָ, אונטערשלאַק. קענט ניט קריגן קיין אונטערשלאַק פאַר קיין געלט אין דער וועלט.

— — — — — — — — — — — —

— גוטענטאָג האָט אונטערשלאַק? ער האָט עס, האַ?

— — — — — — — — — — — —

— אַזוי? אַזש אין ניו־יאָרק האָט ער עס געקראָגן? נו, איך בין נאָך קיינמאָל ניט געווען אין ניו־יאָרק, ווייס ניט ווי ניו־יאָרק זעט אויס.

— — — — — — — — — — — —

— אָן שפּאַס. איך זאָג אייך, אַז מ׳קען קיין אונטערשלאַק ניט קריגן. אויב גוטענטאָג האָט אונטערשלאַק זאָל ער אייך צושטעלן די סחורה. איך האָב גאָרניט קעגן דעם.

— — — — — — — — — — — —

— איר האָט מיך שלעכט פאַרשטאַנען. איך וויל צופרידנשטעלן מיינעם אַ קונה. אַלעמאָל געוואָלט און וויל עס אויך איצט. ווען איך וועל קריגן די סחורה זייט איר דער ערשטער אויפן צעטל.

— — — — — — — — — — — —

— איך קען ניט צוזאָגן. ניט קיין באַשטימטן דאַטום. אַלץ וואָס איך קען צוזאָגן איז, אַז ווען איך וועל קריגן די סחורה, וועט איר זיין דער ערשטער. יעס סער. איר דאַרפט מיר ניט דערמאָנען. איך וועל אייך לאָזן וויסן. מעגט זיין זיכער. יעס סער. יעס סער. גודבאַי.

איין האַנט האָט אָוועקגעלייגט דאָס טרייבל אויפן פּאָסטאַמענט, אַ פינגער פון דער צווייטער האַנט האָט שוין געקוועטשט דאָס קנעפּל צו דער טעלעפאָן מיידל. מאַקס פעסט האָט נאָך צייט געהאַט אַ וויש צו טאָן דאָס פּנים איידער דאָס מיידל האָט זיך אַריינגעשטעלט, פונדעסטוועגן האָט ער געזען אַ סילועט בלויז, ערשט ווען זי האָט אַ פרעג געטאָן: איר האָט מיך גערופן? האָט ער זי דערזען ווי דורך אַ שלייער און צו דעם פאַרשוואָומענעם פּנים אַ זאָג געטאָן: זאָגט מר. וועקסן, איך וויל אים זען. גלייך.

מר. וועקס, אין אַ צעשפּילעטער קאַמזויל — צווי טראָטואַרן פאַרן ברייטן קאַליטן שניפּס־שליאַך — מיט אַ בלייפעדער הינטערן אויער, איז אַריינגעקומען שטיל ווי זיינע שיך־זוילן וואָלטן געווען פון וואַטע. ער איז געבליבן שטיין, געוואַרט.

— ווייסט איר וויפל מיר האָבן פון די סי 54?

— איך ווייס ניט גלייך אויף דער מינוט, אָבער איך קען נאָכקוקן.

— נאָכקוקן קען איך אַליין. געמיינט איר ווייסט. סיי ווי, איך וויל איר זאָלט מיר אויסשטעלן אַ ליסט, וויפל מיר האָבן פון די סי 54, סי 68, בי . . . וואַרט אַ ווײַלע. לאָמיר גיין אַ קוק טאָן.

פון אָפיס איז דער ערשטער אַרויס מר. וועקס. אויף יענער זייט טיר איז ער, מיט איין דריי, געבליבן הינטערן באַלעבאָס. מאַקס פעסט איז געגאַנגען, דער הויפּט־בוכהאַלטער איז נאָכגעגאַנגען מיט שטילע טריט.

— מר. פעסט! — האָט דאָס מיידל סודותדיק איינגערוימט, — עמיצער וויל אייך זען.

— זאָגט אים איך בין פאַרנומען. ווער איז עס?

— מר. זימער.

— אָה, זאָגט זשע אַזוי. איר׳ט ענדיקן די קאָסט, — האָט ער אַ וואָרף געטאָן צום בוכהאַלטער און זיך געלאָזט אין אָפיס צו זיך. — העללאָ, זימער! קומט אַריין! קומט אַריין! — האָט ער אים אָנגענומען ביי דער האַנט, געצויגן נאָך זיך. — וואָס גוטס?

— אַ דאַנק. ערשט געדויכערט, — האָט מר. זימער זיך אָפּגעזאָגט פון אַ ציגאַרעט.

— וואָס נייעס? — האָט מאַקס פעסט אַרויסגעלאָזן פון מויל צוזאַמען מיטן רויך.

— אַ נייע קראָם.

— אַ נייע קראָם? דענקט איר ניט, מיר האָבן שוין אַזוי אויך גענוג?

— קיין קייט איז ניט לאַנג גענוג אײדער זי איז געשלאָסן. אַלץ וואָס קומט צו איז נאָך אַ רינגעלע.

— דאָס איז אמת. אָבער וואו וועלן מיר נעמען סחורה? פעלט שוין אַזוי אויך. די קונים רייסן די הויט.

— גייען די קונים צו אַל די שוואַרצע יאָר. ווער דאַרף זיי, ווער? די צייטן ווען מ׳איז נאָכגעלאָפן דעם קונה זיינען פאַרביי. איצט איז אַ פאַרקויפערס מאַרק. איר׳ט זיי צושטעלן סחורה, זיי זאָלן אַרונטערנעמען די סמעטענע? סמעטענע קענען מיר אַליין פאַרזוכן.

די קראָמען זיינען געווען סמעטענע. דאָס האָט אים זימער איינגערעדט עפענען קראָמען, אין דער שטיל, אַנדערע קרעמער זאָלן ניט וויסן, אַ באַזונדער פירמע. מאַקס פעסט האָט בלומרשט גאַרניט צו טאָן מיט איר. אַ קאָרפּאָראַציע. מר. זימער איז דער פאַרוואַלטער. מר. זימער האָט גאַרניט אַריינגעלייגט, די סחורה האָט צוגעשטעלט די „פּאַראַמאַונט״, די קראָמען ברענגען אָבער אַריין גרויסע פּראָפיטן, אַ פעאיקער מענטש. גנבעט מסתם, אָבער ווער גנבעט ניט? דער עיקר — נאָך די גנבות בלייבט גענוג ריווחים.

— וואו איז עס?

— קענט דעם ראָג אַלוואַראַדאָ און זעקסטע?

— פאָר פאַרביי יעדן טאָג.

— געזען אַמאָל די קראָם ליידיק?

— איך ווייס ניט. קיינמאָל ניט געשאָנקען קיין אויפמערקזאַמקייט.

— איך האָב יאָ. שוין זעקס חדשים אַז איך העננ אַרום דער קראָם. עס איז אַ גוטער ראָג. די קראָם דאָרט איז אַ גאָלדגרוב, אַ מינץ. ווייסט וויפל מענטשן גייען דאָרט פאַרביי אַ טאָג? איך האָב אָפּגעציילט. צען טויזנט מענטשן אין אַ וואָכעדיקן טאָג, שבת איז אָפּגערעדט. עס איז אַ גוטע קראָם.

— נו, פאַרוואָס האָט איר זי ניט גענומען ?

— פאַרוואָס איך האָב זי ניט גענומען ? ניט געקענט קריגן די קראָם פאַר קיינע געלט. פאַר קיינע געלט ! אָבער היינט האָב איך זי געקראָגן.

— געדונגען ?

— מענטש איינער ! איך זאָג דאָך אייך, אַז מ׳קען זי ניט דינגען פאַר קיינע געלט.

— טאָ ווי אַזוי האָט איר זי געקראָגן ?

— איך האָב זי געקראָגן. סוף כל סוף זי געקראָגן ! — האָט מר. זימער אַ שאַר געטאָן דאָס בענקל נעענטער צו פעסטן און מיט אַ סודות־טאָן גענומען ריידן. — איך האָב זיך דערוואוסט אַז די געביידע איז אַ ירושה געביידע, די באַנק גיט אַכטונג. אין באַנק האָב איך זיך דערוואוסט, אַז די געביידע איז צום פאַרקויפן און, לויט די טערמינען פון די קאָנטראַקטן מיט די שכנים, גייט אויס דער קאָנטראַקט אַ חודש נאָכדעם ווי די געביידע ווערט פאַרקויפט. פאַרשטייט ?

— נו ?

— נו ?

— נו, האָב איך געקויפט די געביידע.

— געקויפט די געבידע ? !

— געקויפט. פאַרשטייט זיך איך קויף ניט אָן אייך, אָבער איך האָב עס פאַרקניפט, געהייסן אויסמאַכן די פאַפירן.

— וויפל ?

— אַ סך געלט.

— וואָס הייסט אַ סך ?

— צוויי און זיבעציק טויזנט.

— וואָס עפּעס צוויי און זיבעציק ?

מאַקס פעסטס פאַרשפּיצטע אויגן האָבן אַ שטאָך געטאָן זימערס גרויסע, ברוינע אויגן — די צוויי ווילסטו אַריינלייגן צו זיך אין קעשענע. מר. זימער האָט אויסגעהאַלטן דעם קוק, און מאַקס פעסטס אויגן האָבן אַ בלאַנדזשע געטאָן איבער מר. זימערס וואָנצעס —צוויי לאָמעדן אויסגע־שאַרן, ניין אויסגעמאָלן, פון דער נאָז איבער די ליפּן, דער שטח צווישן די צוויי לאָמעדן, דאָרט וואו דער מלאך גיט אַ פּיק פאַרן געבורט, אַ רינוועלע. מאַקס פעסט האָט דערזען מר. זימערן אַ קינד מיט אַ סטרעמפּל וואָס ציט זיך פון נעזל, אָט אָט גרייכט עס צום מויל. — אַזאַ סמאַרקאַטש. וויל אים באַגנבענען. — די פיר שפּיצן פון אַ קאָלירטן זיידן טיכל אין דער אויבער־שטער קעשענע זיינען אונטערגעשפּרונגען.

— ווייל אויף זיבעציק האָבן זיי שוין אָן אָנבאָט, — האָט מר. זימער ניט אָן רוגזה געענטפערט. אָט די באַהאַלטענע רוגזה האָט געזאָגט: —

דו ווילסט מיך כאַפּן ביי גנבה? קליגערע פון דיר האָבן עס ניט באַוויזן. צוויי פינגער האָבן אַ צי געטאָן די וואָנצע.

— וויפל איינצאָלן?

(ער גנבעט. אוודאי גנבעט ער, אָבער אַ פּעאיקער גנב. די קראַמען ברענגען ריווח.)

— צוויי און פערציק טויזנט. דאָס איבעריקע נעמט איבער די באַנק.

— אַ סך געלט.

— האָט די ווערט.

— אַ געשעפט האָט די ווערט ניט וויפל מ'לייגט אַריין, נאָר וויפל מ'נעמט אַרויס.

(דו לייגסט גאָרניט אַריין, נעמסט בלויז אַרויס.)

— אַז מ'לייגט ניט אַריין, נעמט מען ניט אַרויס.

— אויך ריכטיק. (נאָר דו לייגסט ניט אַריין פונדעסטוועגן.) די פראַגע איז צי האָט עס די ווערט?

— נאָך מיין מיינונג האָט עס די ווערט אפילו לויט די פאַר־מלחמה־פּרייזן. איך וויל איר זאָלט מיט מיר צופאָרן, טאַקע אָט איצט, אַ קוק טאָן. עס וועט לאַנג ניט נעמען. איך וויל איר זאָלט זען די געביידע, די קראַמען, די קראָם. איר'ט זען די צוויי פענצטער וועט איר אַליין צוגעבן אַז מ'קען דאָרטן מאַכן געלט. עס איז אַ גאָלדגרוב. איך זאָג אייך — אַ גאָלדגרוב.

— ווי שפּעט איז?

— זיבעצן נאָך פיר.

— דער שאַפּ . . .

— דער שאַפּ וועט ניט אַנטלויפן. דאָ דאַרף מען האַנדלען שנעל. איך וויל מיר זאָלן עס זען היינט, מאָנטיק גיין אין באַנק.

— מאָנטיק? מאָנטיק איז אוממעגלעך.

— פאַרוואָס אוממעגלעך?

— ווייל מאָרגן פאָר איך קיין ניו־יאָרק.

— פאָרט מאָרגן קיין ניו־יאָרק?

— מיטן עראָפּלאַן. אַרויספאָרן מאָרגן אָוונט, זיין דאָרטן מאָנטיק און דינסטיק, מיטוואָך זיין דאָ צוריק.

— וואָס פּלוצלונג?

פּלוצלונג? גאָרניט פּלוצלונג. פּעלט סחורה. אייך גייט עס גרינג, אַלץ וואָס איר ווייסט איז פאַרקויפן, איך דאַרף קויפן. און היינטיקע צייטן . . . מיס בוירנס! אה, מיס בוירנס! קלינגט אָן דער ט. א. וו. און זאָגט זיי, רעזערווירן אַ פּלאַץ פאַר מאָרגן אָוונט אויף דעם טראַנסקאָנטינענטאַל קיין ניו־יאָרק. יאָ, מאָרגן אָוונט.

— טיי ווי, מיר קענען צופאַרן זען די געביידע. אויב איר זאָגט יאָ, קען איך שליסן דעם מסחר.

— טראַנסקאָנטינענטאַל זאָגט אַז מ׳קען ניט קריגן קיין רעזערוואַציעס. מוזט האָבן אַ „הויכע פּריאָריטי״ אַרויפצוקומען אויפן עראָפּלאַן.

— „הויכע פּריאָריטי״ ?!

מאַקס פעסט האָט אַרויסגערעדט די ווערטער אָט ווי ער וואָלט זיי געהערט דעם ערשטן מאָל אין לעבן.

— זיי זיינען משוגע! — האָט ער זיך אַזש אַ וואָרף געטאָן, ווי אָט גייט ער זיי אַריינגעבן אַ ביסל שכל.

— מלחמה־צייט, — האָט דאָס מיידל אַ זאָג געטאָן. דערזעענדיק איר באַלעבאָסעס קוק, האָט זי גענומען קאָלופּען דעם בלייפעדער.

— מלחמה־צייט איז ריכטיק, — האָט מר. זימער צוגעשטימט, שמייכלענדיק.

— מיר׳ן נאָך זען, — האָט מאַקס פעסט אַ זאָג געטאָן, אַזוי אַרום באַפרייט דאָס מיידל.

— איך גלויב אַז מ׳קען עס צורעכט מאַכן.

— צורעכט מאַכן וואָס?

— די „פּריאָריטי ביזנעס״.

— ווי אַזוי?

— איך גלויב אַרטשי קען עס טאָן.

— אַרטשי? איר מיינט אַרטשיבאַלד מ׳קלעין?

— ער גופא.

— ניט קיין שלעכטער איינפאַל. ער קען עס טאָן. ער׳ט עס זיכער טאָן. די פראַגע איז ווי כאַפּט מען אים? וואַרט, וואָס האָבן מיר היינט? פרייטיק. איצט איז נאָך פיר. ער איז זיכער ביי די פערדלעך. טויג ניט, — האָט מאַקס פעסט גענומען שפּאַצירן אַ טריט אַהין, אַ טריט צוריק.

— ווי ווען איר זאָלט רופן זיין אָפיס?

— זיין „אָפיס״...

— נו, זיין פּלאַץ. ער האָט דאָך אַ טעלעפאָן.

— איך האָב ערגעץ זיינעם אַ טעלעפאָן. וואַרט, וואו האָב איך אים אהינגעטאָן?

מאַקס פעסט האָט גענומען שאַרן איבערן שרייבטיש, אין די שופלאָדן, נאָכדעם גענומען איבערלייגן קאַרטלעך פון איין קעשענע אין דער צווייטער און צוריק, ענדלעך האָט ער געפאַקט דאָס קאַרטל. — דאָס איז עס. אַזוי גלויב איך.

ווען ער האָט שוין געקראָגן דעם נומער האָט די שטימע אויף דער צווייטער זייט געלאָזט וויסן, אַז מר. מ׳קלעין איז איצט ניטאָ, מ׳קען אים

איבערלאָזן אַן אָנזאָג. האָט מאַקס פּעסט אָנגעזאָגט מר. מ׳קלעין זאָל למען השם רופן טר. 7826, פרעגן אויף מר. פּעסט, מר. פּ־ע־ס־ט, אָבער ער זאָל רופן היינט, זייער דרינגענד.

אָנזאָגנדיק דער טעלעפאָן־מיידל אַז אויב ז׳ט קריגן אַ טעלעפאָן פון מר. מ׳קלעין, אַרטשיבאַלד מ׳קלעין, זאָל זי למען השם נעמען ביי אים אַן אָנזאָג וואו מ׳קען אים קריגן, עס איז זייער נויטיק, האָט ער זיך אַרויס־געלאָזט מיט מר. זימערן אַ קוק טאָן אויף דער נייער געביידע.

ווען מאַקס פּעסט איז צוריקגעקומען אין שאַפּ, זיינען שוין די אַרבעטער ניט געווען. דאָס טעלעפאָן־מיידל האָט שוין צום וויפלטן מאָל אַריינגעקוקט אין שפּיגעלע, אָנגעפּודערט דאָס נעזל, זי האָט שוין אפילו אָרונטערגענומען איר מאַנטל פון הענגער, און שטיל געשאָלטן דעם באַלעבאָס ווי אויך דעם שפּעטן באַזוכער, וואָס איז געזעסן, געוואַרט אויף אים. ווען ער זיצט ניט דאָ, וואָלט זי כאָטש געוואָלט אַ פּאָר פריינט, זיך דורכגערעדט, אַזוי...

— האָט ער גערופן? — האָט מאַקס פּעסט אַ פרעג געטאָן און ערשט נאָכדעם אַ וואָרף געטאָן: — העללאָ, דייוו!

— דאָ איז זיין טעלעפאָן, — האָט דאָס מיידל דערלאַנגט אַ שטיקל פּאַפּיר. אירע אויגן — געפּאַר־סיגנאַלן — האָבן געוואָרנט: זאָלסט מיר נאָר ניט הייסן רופן עמיצן, טאָן עפּעס! גענוג!

— איר קענט גיין אַהיים, — האָט מאַקס פּעסט איר געגעבן די דערלויבעניש אפילו ניט אַ קוק טוענדיק אויף איר און איז אַריין צו זיך אין פּריוואַטן צימער.

דאָס מיידל האָט זיך אָפּגעטראָגן ווי זיך אַרויסגעראַטעוועט פון אַ געפערלעכער זאַבע.

צו דוד ביסקינס אויערן האָבן זיך דערטראָגן אומדייטלעכע קלאַנגען פון מאַקס פּעסטס פּריוואַטן צימער, אין די אויגן האָט געקלאַפּט די שטילקייט פון שאַפּ, אויסגעליידיקט פון די אַרבעטער. אַ שאַפּ אָן אַרבעטער — אַן אָרקעסטער־בינע אָן די שפּילער, די אינסטרומענטן — שטום, דער זאָל — טויב. אין דער טויבקייט האָט זיך אַריינגעריסן אַ „וואָס מאַכסטו?"

דוד ביסקין האָט זיך אַ צאַפּל געטאָן.

— וואָס זאָל איך מאַכן? מ׳לעבט. און דו, „ביזי"?

— אַלץ הייסט ביזי. ניטאָ קיין צייט די נאָז אָפּצעווישן. ווערסט מיר גלויבן? פון אינדערפרי נאָך אין מיין מויל ניט געהאַט. ווערסט אפשר אַרונטערגיין מיט מיר כאַפּן אַ ביס? קום, גלייך דאָ דערביי. אַ גוטער רעסטאָראַן.

— גייסט גאָרניט אַהיים? פרייטיק! די ווייב...

— שוין געוואוינט צו די צרות. איך דאַרף דאָ זיין. וואַרט אויף עמיצן. קום.

מאַקס פעסט האָט אַ פּיר געטאָן מיט די אויגן — אַ בליק־פאָטאָגראַפיע פון גאַנצן שאַפּ, אַרויסגעלאָזט זיין לאַנדסמאַן און וויטן קרוב, צוגעצויגן די טיר און, כאַפּנדיק אַז די עלעוויטאָר־טירן עפענען זיך, האָט ער אַ געשריי געטאָן: — האַלט! האַלט! ער איז אונטערגעלאָפן צום עלעוויי־טאָר, זיך אומגעקוקט צי דוד לויפט נאָך און, שטייענדיק שוין אינעווייניק, האָט ער אַרויסגעוואָרפן „אַ דאַנק" דעם עלעוויטאָר־מאַן, אויף דודן געקוקט מיט אַ שמייכל. דער שמייכל אַ זיגערישער — געכאַפּט און אַ קרענקלעכער — אים האָט געשווינדלט פאַר די אויגן.

— און אַז דו וואָלסט גענומען דעם נעקסטן עלעוויטאָר, וואָלסטו פאַרשפּעטיקט אַ קדושה־ברכו?

— אַ נאַטור אַזאַ. פאַרפאַלן. ניט אומזיסט זיך אַ נאָמען געגעבן פעסט. דער זיידע טאַקע געווען אַ פּאַסטאָווער, דאָס אייניקל איז — פעסט, פעסט! דאָס איז עס.

אין רעסטאָראַן איז מאַקס פעסט געווען אַ היימישער מענטש. ער האָט שוין געהאַט זיין טישל, זיין בודקעלע, זיין קעלנערין. זיך אַרונטער־געלאָזט אויפן געבעטן זיץ, האָט ער גענומען ווישן דאָס פּנים, דעם קאָפּ.

— ביסט ווערט מ'זאָל דיך שמייסן.

— איך בין אַלרייט. פּשוט הונגעריק. פלאַרענס! וואו איז זי ערגעץ?

— קיין צייט ניט געהאַט עסן?

— וואָס האָט איר היינט עפּעס גוטס? — האָט ער אַ פרעג געטאָן דער קעלנערין. — גייט עס. און קיינע גרינסן. קענט מיר געבן אַ שטיקל זויערע אוגערקע, אַ קליין שטיקל, — האָט ער יינגליש צוגעגעבן, דער שמייכל — מ'טאָר טאַקע ניט, אָבער...

— דאָס זעלבע, — האָט דוד אַ זאָג געטאָן. — קענט מיר געבן דעם סאַלאַד. מאַיענעיז, — האָט דוד איינגעשטימט, אַבי פּטור ווערן.

— וואָס האָסטו געזאָגט? ווענן עסן? אַזוי די מעשה. וואָלט געקענט אָפּרייסן אַ צען, פופצן מינוט, האָט מיר אָבער דער דאָקטאָר אָנגעזאָגט, אַז אויב איך קען ניט אָפּרוען נאָכן עסן, זאָל איך בעסער ניט עסן.

— און דו פאָלגסט עס אַלץ וואָס דער דאָקטאָר זאָגט.

מאַקס פעסט האָט געשמייכלט.

— זאָל וועלן פאָלגן די דאָקטוירים, וואָלט איך שוין איצט געווען אויף יענער וועלט, אָדער וואָלט געלעגן און געוואַרט אויפן טויט. גיי ניט, טו ניט, זאָרג ניט און, פאַרשטייט זיך, אַרבעט ניט. אַלץ ניט.

— און דו, קענסט זיך ניט פאַרגינען, וואָס?

— פאַרגינען? ניט קיין פראַגע פון פאַרגינען. דאָס וועל איך טאָן. זיך זעצן שרייבן ספרים?

— שרייבן אפשר ניט, אָבער לייענען, אַריינקוקן אין אַ ספר וואָלט ניט געשאַדט.

— רעדסט ווי אַ קינד. לייענען ספרים. ווער האָט עס געדולד? אַ מענטש דאַרף עפּעס טאָן. פאַרשטייסטו מיך, פון די פערדלעך, וואָס אַז מ'שפּאַנט זיי אויס פאַלן זיי אַוועק. לאַכסט, האַ? איך פאַרזיכער דיך אַז ווען ניט דער שאַפּ, וואָלט איך שוין איצט געווען אויף יענער וועלט. ווען איך בין, ניט היינט געדאַכט, געלעגן אין שפּיטאָל, ווייסט וואָס האָט מיך אויפגעהאַלטן? דער טעלעפאָן! די ערשטע עטלעכע טעג, ווען איך האָב זיך געפילט שלעכט, זייער שלעכט, איז מיר גאָרניט אָנגעגאַנגען. אָבער גאָרניט. איך בין געלעגן ווי אַ פלאַכטע און, ווען איך האָב יאָ אַ טראַכט געטאָן, האָב איך געטראַכט איין זאַך — איז דאָס דער סוף? וועל איך זיך אַרויסדרייען? אויפן אַכטן טאָג האָב איך באַשטימט — איך לעב. טאַקע אָט ווי דו הערסט — איך האָב באַשטימט. דער דאָקטאָר האָט מיך נאָך אַלץ באַהאַנדלט ווי אַ ווילדיוואַק, ווייסט'אָד, אַן איי אָן אַ שאָלעכץ, ניט זען קיינעם, ניט ריידן, ניט... און איך האָב מיר געטאָן מיינס, דורכן טעלעפאָן געפירט די געשעפטן. אַ פּריוואַטן צימער געהאַט, מיט אַ טעלעפאָן. און הערסט, דאָס האָט מיך אויפגעהאַלטן.

— פיין. איר קענט מיר געבן מיין קאַווע.

— אין דערהיים זעט מיך מיין ווייב צו, גיט מיר וואַסער מיט מילעך, דאָ טרינק איך קאַווע וויפל איך וויל.

— און דער דאָקטאָר?

— אַ דאָקטאָר איז אַ טיפּש. אין ביכל ביי אים שטייט לויטער „ניט". ניט טרינקען קיין קאַווע, ניט... קאַווע האַלט מיך אויף די פיס.

— נאָך עפּעס?

— מיר האָבן אַלץ. דעזערט? שפּעטער.

פלאָרענס האָט זיך דערוויטערט. מאַקס פּעסט האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אויפן עסן. דאָס פלייש אויפן טעלער האָט ער ניט צעשניטן, נאָר ממש צעריסן. ער האָט געכאַפּט שטיקלעך, זיי געוואָרפן אין מויל, ניט געקייט, נאָר געשלונגען. דוד האָט געפילט ווי אָנצוכאַפּן מאַקסעס הענט, זיי אָפּשטעלן — כאַפּ נישט! מאַקס האָט געשלונגען די שפּיז און גלייכצייטיק גערעדט. — זעסטו, דאָס אַפּרוען נאָכן עסן, דאָס איז עפּעס. מאַכט זיך, איך האָב קיין צייט ניט, אָדער סתם אַזוי זיך, גיי אַרונטער אַליין, קען איך ניט איינזיצן, אָפּגעגעסן און צוריק אין שאַפּ אַריין, קרענק איך עס אויס. פאַרדיי פשוט ניט דאָס עסן, גיב עס גלייך אָפּ צוריק. מזומן אויפן טיש.

קיין קרעדיט... שוין בעסער ניט עסן. גוט וואָס דו ביסט אַריינגעפאַלן. ווי קומסטו טאַקע אַהער, אינמיטן אַ פרייטיק?

— געגאַנגען אַהיים, האָב איך געטראַכט — אַריינגיין דיר זאָגן: היינט אָוונט איז ביי דער מומע מלכה אַ שמחה. האָט חתונה געמאַכט די בת־יחידה.

— יאָ, געקראָגן אַן איינלאַדונג.

— זי האָט מיך געבעטן איך זאָל אַריינגיין דיר דערמאָנען. זי וויל זייער זאָלסט קומען.

— וואָס עפּעס אַ פרייטיק?

— דער איידעם איז אין דער אַרמיי. אַ לייטענאַנט. מאָרגן דאַרף ער פאַרלאָזן. די חופה געווען מיטוואָך. צו דער חופה ביסטו ניט געקומען. איר האָט עס שטאַרק פאַרדראָסן.

— זיך ניט געקענט אָפּרייסן.

— און היינט?

— היינט? היינט וועל איך קומען. אפשר קומען אַ ביסל שפּעט, אָבער וועל קומען.

— מיינסט, דו גייסט נאָך צוריק אין שאַפּ?

— אַוודאי.

— פרייטיק אָוונט?

— און אַז פרייטיק? איך וואַרט אויף עמיצן.

— אויף דער נאַכט אויך געשעפטן?

— טונקעלע געשעפטן.

דודס פרעגנדיקער קוק האָט זיך אָנגעשטויסן אָן מאַקסעס שמייכלענדיקע אויגן.

— דער פאַרשוין וואָס דאַרף קומען איז אַ גוי אַ... געמבלער. נו יאָ, אַ געמבלער.

— ווי קומסטו צו געמבלער?

— יעדער געשעפטסמאַן איז אַ געמבלער.

— דו, אַ געמבלער? מיר דוכט אַז איידער דו גיסט אויס אַ דאָלאַר, רעכנסטו אויס דריי מאָל צי איז עס זיכער.

— און דער געמבלער רעכנט ניט? ווייסטו ניט וואָס אַ געמבלער איז. דער וואָס גייט צו צום טיש, לייגט אַוועק אַ דאָלאַר צי וויפל און וויל געווינען, דער איז ניט קיין געמבלער, דער איז פשוט אַ טיפּש וואָס וויל קריגן עפּעס פאַר גאָרנישט. דער אמתער געמבלער, אַרטשי אַ שטייגער, דער וואָס דאַרף מיר טעלעפאָנירן, ער געמבלט אויף פערדלעך. מיינסטו דאָך ער לייגט פינף אָדער צען דאָלאַר אויף אַ פערדל און פטור, געווינען אָדער פאַרלירן. מאַכסטו אַ טעות. יענער ווייסט דעם יחוס פון יעדן פערדל אין די פאַראייניקטע שטאַטן, ווער זיין טאַטע איז געווען, זיין מאַמע, און ניט

נאָר ווייסט ער דעם יחוס, ער האָט שוין אפילו אויסגעאַרבעט אַ סיסטעם לויט וועלכן ער מוז געווינען. מיט אָט דעם סיסטעם פאַרלירט ער, פאַר־שטייט זיך, ווי אַ טאַטע.

— וועטסטו שוין אויף פערדלעך אויך ?

—זעסטו, דאָס טו איך נישט. ווערסטו דאָך פרעגן, טאָ וואָס האָב איך צו טאָן מיט אים ? אַזוי די מעשה ער איז נישט קיין פשוטער געמבלער. אַמאָל איז ער געווען זייער רייך, שטאַמט פון אַ געהויבענער משפחה, קען זיך נאָך היינט מיט אַלע קאַרפן־קעפּ, די פערדלעך האָבן אים רואינירט, אויף אַזוי ווייט, אַז איצטער מאַכט ער אַ לעבן דערפון, שטילער־הייט, פאַרשטייט זיך. איך וויל מאַרגן פאָרן מיטן עראָפּלאַן קיין ניו־יאָרק. איז דאָך מלחמה, אַן עסק מיט „פּריאָריטיס", קען איך קיין פּלאַץ ניט קריגן. ער וועט שוין קריגן פאַר מיר. אַלץ וואָס איך וועל דאַרפן טאָן איז געבן אים אַ וועט אויף אַ פערדל, אַ זיכערן געווינער, דאָס פערדל וועט זיכער אָריינ־קומען... אויסלאָזן וועט זיך אַז עס וועט אַריינקומען אַ ביסעלע צו שפּעט, מיט אַ נאָז, ווי זאָגט מען עס, וועל איך בלייבן מיט אַ נאָז, אָבער קיין ניו־יאָרק וועל איך פליען.

— און דו מוזט עס פליען ?

— ניין, זיך העצקען דריי פיר מעת־לעת אויף דער באַן ?

— כ'מיין, וואָס פליסטו אַזוי? וואָס איז די יאָגעניש ? דאַרפסט קויפן סחורה ? דאָ אַ טעלעגראַף, פאַר אַ נויט אַ טעלעפאָן.

— טעלעגראַף, טעלעפאָן. פאַרגעסט אָבער אַז דורכן טעלעגראַף קען מען ניט שמייכלען און אפילו דורכן טעלעפאָן קען מען קיין כאַבאַר ניט געבן.

— שוואַרצער מאַרק ?

דודס פאָרוואורף אין די אויגן האָט באַגעגנט אַ שמייכלענדיקן, באַדוי־ערנדיקן קוק.

— מענטשן כאַפּן אויף ווערטלעך, ריידן זיי נאָך, כאָטש זיי הייבן ניט אָן צו וויסן וואָס זיי ריידן. וואָס מיינט שוואַרצער מאַרק ? קויפן פאַר־באָטענע סחורה אויף העכערע פרייזן ? איז ערשטנס, וואָס מיינט פאַר־באָטן ? זיצט עפּעס אַ קלערק אין וואַשינגטאָן און באַשטימט, לאָמיר זאָגן, אַז איך מעג קריגן אונטערשלאַק זעכציק פּראָצענט פון דעם וואָס איך האָב פאַרברויכט אין ניינצן איין און פערציק. און ווי אַז אין 1941 האָב איך גאָר קיין אונטערשלאַק ניט געברויכט ? ניט געמאַכט קיין מאַנטלען, און איצט מאַך איך יאָ ? טאָר איך, הייסט עס, ניט קריגן ? מאָלט'יך דאָס האָב איך שוין באַוואָרנט,איך מעג יאָ, אָבער קריג איך עס ? ביים קלערק אין וואַשינגטאָן געפועלט, אָבער אין ניו־יאָרק איז אויך דאָ אַ קלערק. אַמאָליקע יאָרן, מיט דריי, פינף יאָר צוריק, אַז איך בין געקומען אין ניו־יאָרק, האָט דער זעלבער קלערק צי דער באַלעבאָס, מיך אַרויסגענומען אין וואַלדאָרף

אַסטאָריאַ עסן מיטיק, נאָכדעם אין אַ טעאַטער, נאָכדעם... וואָס האָט מען ניט געטאָן פאַר מאַקס פעסט? אַ גרויסער קונה! איך האָב גאָרניט געדאַרפט פאָרן. מיין קויפער איז געפאָרן. איצטער אָבער איז דער קונה אַ קנאַפּער מיוחס, ווילסט קויפן דאַרפסטו קעכלען דעם פאַרקויפער. איך קען טעלעגראַפירן צען מאָל איך דאַרף אונטערשלאַק, אָבער גוטענטאָג פאָרט קיין נו־יאָרק, נעמט אויס דעם קלערק דאָרט, גיט אים אַ גוטן מאָלצייט, אַ פּאָר דאָלער דערצו און ער קריגט דעם אונטערשלאַק, ניט איך. איך קען וואַרטן. און וואַרטן קען איך ניט. פאַרשטייסט, אין שאָפּ ליגט ביי מיר איצט סחורה זיבער אויף אַ פערטל מיליאָן דאָלער, אָבער אונטערשלאַק ניט מער ווי אַ צען טויזנט יאַרד און וואָס פאַר אַ באַטרעף האָט עס ווען עס גייען הונדערט מאַשינען? ביז מ׳וועט זיך אויסטראַכטן מיר אָוועקשיקן, ביז ס׳וועט אָנקומען דאַרף איך מאַכן שבת, אָפּשטעלן די מאַשינען.

— און דאָס פאַרשטייט זיך, קענסטו ניט.

— וואָס?

— זיך אָפּשטעלן.

— רעדסט ווי אַ... קינד. וואָס הייסט זיך אָפּשטעלן?

— און פאַרוואָס ניט זיך אָפּשטעלן? אינגאַנצן אָפּשטעלן, אויפגעבן, גענוג!

— גענוג? ניטאָ קיין גענוג.

— וואָס זשע, מוזט איבערלאָזן דיינע קינדער דווקא אַ פערטל מיליאָן דאָלאַר?

— מיינע קינדער? ניין, איך אַרבעט ניט פאַר מיינע קינדער. אַנ־דערע רעדן זיך איין, זיי אַרבעטן פאַר זייערע קינדער, איך ווייס, מיינע קינדער דאַרפן מיך ניט, און איך זיי?... ניין, מיינע קינדער דאַרפן מיך ניט. מעני וואָלט נאָך אפשר געווען צופרידן ווען איך טראָג זיך אָפּ. פאַרשטייסט? אים שטייט ניט אָן אַ טאַטע אַ קלאָוקמאַכער. ווען איך זאָל האָדעווען חזירים וואָלט געווען מער יחוס, מער אַמעריקאַניש. שעמט זיך מיט זיין טאַטן, מיט זיין אייגענעם נאָמען אפילו. עמנואל שטייט אים ניט אָן, צו יידיש. פרעד צי טאַם וואָלט געווען אַ סך בעסער. ניין, פאַר אים אַרבעט איך ניט. רחלע — אַ וואויל קינד. נו, האָט זי חתונה געהאַט מיט אַ קלעזמער. אַ קלעזמער. פאַרצט אויף אַ טרובע, זאָלסט מיר מוחל זיין, שפּילט סאַקסאָפאָן, שפּילט ער. מאַכט אַ לעבן. זי וויל ניט נעמען אַ סענט, גיב איך איר מתנות, אַמאָל אַ מאַנטל, אַ קליידל, שטוב־זאַכן. לאָה זעט שוין וואָס זי דאַרף. אָבער אַרבעטן פאַר זיי?

— טאָ פאַר וועמען דען, פאַר זיך? פאַר זיך האָסטו שוין גענוג, דענק איך.

— אַזוי דענקסטו ? וויפל גייט ביי דיר אַוועק אַ וואָך ? איך מיין ניט חלילה אַריינקריכן אין דיינע געלט־ענינים, איך וויל פשוט פרעגן וויפל פאַרלעבסטו אַ וואָך ?
— איך קום אויס מיט פערציק דאָלאַר.
— און מיך קאָסטן אויטאָמאָבילן צוויי מאָל אַזויפיל. בלויז אויטאָ־מאָבילן.
— וויפל אויטאָמאָבילן האָסטו עס ?
— צוויי. ניט מער ווי צוויי. איינעם פאַר זיך, איינעם פאַר איר.
— און צוויי אויטאָמאָבילן קאָסטן עס אַזויפיל ? אַן אויטאָמאָביל קאָסט פינף, צען דאָלאַר אַ וואָך...
— און אַ שאָופער ?
— האָסט אַ שאָופער ? פון ווען אָן ? טאָרסט אַליין ניט טרייבן ?
— אַט האָסטו דיר, איך טאָר ניט. דער דאָקטאָר האָט מיר פאַר־זאָגט ניט צו טרייבן, אָבער דאַרויף איז ער דאָך אַ דאָקטאָר אַ טיפש. „איר קענט נאָך בלייבן ביים רעדל". ער ווייסט גאָרניט אַז אויב איך האָב אַ רואיקע האַלבע שעה, איז עס ווען איך טרייב דעם אויטאָמאָביל, איך רו זיך ממש אויס ביים רעדל. ניין, איך דאַרף ניט דעם שאָופער.
—טאָ וואָס דען, לאָה ?
— זי דאַרף אים אויף כפרות. איך האַלט זייער ווינציק פון פרויען־טרייבערס, אָבער זי טרייבט ווירקלעך גוט.
— טאָ וואָס דאַרף זי אַ שאָופער ? ניט אויף צו אַנטלויפן מיט אים ?
מאַקס פעסטס אויגן, עטוואָס מוטנע, פאַרצויגן, האָבן זיך אַ הויב געטאָן. — ניין, אַנטלויפן מיט אים וועט זי ניט, גענוג אַז זי לויפט מיט אים אַרום. אָבער אַפילו ניט צוליבן אַרומלויפן דאַרף מען אַ שאָופער. אַ שאָופער דאַרף מען צוליב מר. האָטשינסאָנען ! ווייסטו ניט ווער מר. האָטשינסאָן איז ?
— וואָס איז דאָ פאַר דעזערט ? קאַסטאַרד ? רהובאַרב ? זאָל זיין רהובאַרב. און גיט מיר נאָך אַ טעפל קאַווע, אָבער הייסע.
— געדענקסט'אָך מיר האָבן געוואוינט אויף האוסטאָן סטריט. שטייט נאָך די דירה. נו, האָט זי גענומען נעגען, מ'מוז זיך אַרויסקלייבן אויף דער וועסט סאַיד. די קינדער שטייען אין שידוכים, אַפילו דעם קלעזמער מיינעם ניט אָנגעשטאָנען צו קומען אויף דער איסט סאַיד. פון דעם „לאַיער" מיינעם, מעניך,איז דאָך אָפּגערעדט. אַן אַנטיסעמיט, אַן אמתער אַנטיסעמיט. וויל ניט וואוינען צווישן די „קאַיקס". מיט די ווערטער. האָט אַזוי לאַנג גענעגעט און גענעגעט ביז איך האָב געקויפט דאָס הויז אויף אָקסידענטאַל, באַצאָלט פאַר דעם צוועלף טויזנט דאָלאַר דאָן, און עס האָט געהאָט די ווערט. אַ גוט הויז, גוט געבויט, מיט אַלע מאָדערנע איינריכטונגען, באָד, שפּריץ,

דריי שלאָפצימערן, אַ הויף, אַ גאַניק. שאַ, ביסט'אַך געווען ביי מיר, ווייסטו דאָך. דאַכט זיך גוט, האַ? נו, ווייסטו דאָך, יידן אַנטלויפן פון מזרח קיין מערב, זיי לויפן, דוכט זיך, איינציקווייז, אַנטלויפן איינער פונעם אַנדערן, מ'קוקט זיך אַרום — שלום עליכם, עליכם שלום, כאַטש זיי מקדש די לבנה, אָדער גאָר זיך שטעלן דאַוונען במנין. מערב ווערט ווידער מזרח. יידן האָבן זיך גענומען באַזעצן און ס'איז געוואָרן אַ וועסט־איסט־סאַיד. דאָס וואָלט נאָך געווען צו דערליידן. העלפט גאָט און גאָלדבלאַט קויפט אַ הויז אין בעווערלי און באַצאָלט דריי און צוואַנציק טויזנט דאָלער. ווייסטו ניט ווער גאָלדבלאַט איז?

— דאָס איז אַלעס. אַ דאַנק. אַ שוועבעלע? אַ דאַנק. ווילסט? ביידע האָבן פאַררויכערט.

— גאָלדבלאַט איז מיין ווייבס אַ לאַנדסמאַן. מיט אַ יאָר זיבעצן צוריק, ווען איך בין נאָר וואָס געהאַט געקומען אַהער פון ניו־יאָרק, ניט געהאַט וואָס צו טאָן, האָט מיך מיין ווייב אַרויפגעשיקט צו אים. ער האָט שוין דאַן געהאַט אַ שאַפּ. אַ שאַפּ! עפּעס אַ שאַפּקע ערגעץ אויף צווייטער און ספּרינג, זעקס מאַשינען. ער האָט זיך געקנייטשט, געדרייט, ער ווייסט ניט וואָס איך קען טאָן ביי אים אין שאַפּ, סוף כל סוף מיך אַנגעשטעלט פאַר אַ שיפּינג קלערק, פּאַקן זיינע צוועלף קליידלעך אַ טאָג. אָפּגעאַרבעט צוויי וואָכן, האָט ער זיך אַרומגעקוקט אַז דער שידוך געפעלט אים ניט. אים ניט געפעלן ווי איך האָב געפּאַקט זיינע קליידלעך, מיר געגעבן דעם וועג. בין איך אַוועקגעגאַנגען און אַליין געעפנט אַ שאַפּ. געלט? מיט די פינף פינגער. פאַר פינף יאָרן איז דער זעלבער גאָלדבלאַט געקומען צו מיר, מיר פאַרגעלייגט פופציק טויזנט דאָלאַר איך זאָל אים אַריינגעמען פאַראַ שותף. האָב איך אים געענטפערט: איר פּאַקט אייערע קליידלעך אַנדערש, איך פּאַק מיינע אַנדערש . . . בעסער זיין גוטע פריינט איידער שלעכטע שותפים. ער האָט פאַרשטאַנען, גאַרניט געזאָגט, פאַרבליבן, וואָס מ'רופט, גוטע פריינט. נאָר ווען מיין ווייב האָט דערהערט אַז גאָלדבלאַט האָט געקויפט אַ הויז אין בעווערלי פאַר דריי און צוואַנציק טויזנט דאָלאַר, האָט זי שוין ניט געקענט איינרוען, מ'מוז זיך אַרויסקלייבן, און ניט אין בעווערלי, נאָר אין בעלעיר. און, דער אמת געזאָגט, מיך האָט עס אויך געררופעט. פאַרשטייסט? אַז גאָלדבלאַט קען, קען איך דאָך אוודאי. וואָס טויג דיר די מעשות, כ'האָב געקויפט אַ הויז, ניט אין בעלעיר, אין וועסט־וואוד, באַצאָלט זיבן און דרייסיק טויזנט פינף הונדערט, מזומן געלט. אַ הויז אַ פּאַלאַץ. האָט די ווערט. קען פאַר דעם קריגן איצט פינף און פערציק טויזנט,און אפשר די פולע פופציק טויזנט. אַ הויז פון צוועלף צימערן, צוויי באַדצימערן, דער פראַנט־צימער — אַ פעלד אַ גאַנצס. היינט אַ שטיבל באַזונדער פאַר דער דינערשאַפט. דאַ קומען מיר צום פסוק. דער שכן

מיינער איז איינער אַ מר. האַטשינסאָן. זיין יחוס — וויס־פּרעזידענט פון דער סיטיזענס באַנק. אַלץ וואָס איך האָב גערעדט מיט אים אין משך פון די צוויי יאָר איז „גייס מאָרנינג, דיס מאָרנינג" און „רייניגג". מער האָב איך ניט גערעדט מיט אים און וועל ניט ריידן מסתּם ביז ער'ט זיך אַרויסקליבן. וועט זיך אַרויסקליבן. וואָס דען, ער'ט בלייבן? אַ ייד האָט זיך דאָך אַריינגעקליבן. און איך בין שוין ניט דער איינציקער אָבער דער מר. האַטשינסאָן האָט אַ שאָופער, און אַז מר. האַטשינסאָן האָט אַ שאָופער דאַרף שוין מר. פּעסט אויך האָבן אַ שאָופער, אַ שאָופער און אַ דינסט, זיי זאָלן זיך קענען דורכריידן מיטן שאָופער און דער דינסט ביי מר. האַטשינסאָן און, איך שטעל מיך פֿאָר, זיי ווייסן שוין מער וועגן מיר ווי איך אַליין. ווי ס'ניט איז, דער שאָופער קריגט זיינע פינף און פערציק דאָלאַר אַ וואָך אויף אַלעם פּאַרטיקן, אַ דירה און עסן, דערפֿאַר גיט ער שוין אַכטונג אויפן הויף אויך, שניידט דאָס גראָז, פּוצט די ביימלעך, אַ מושלם בכל החולשות.

איצט פאַרשטייסטו שוין? אַ שאָופער, אַ דינסט. הייגט אַז מ'האָט אַ נייע הויז דאַרף מען נייע מעבל פאַר עטלעכע טויזנט דאָלאַר, מיט טעפּיכער, מיט בילדער. בילדער אַליין האָבן מיר אָפּגעקאָסט אַ פאַרמעגן. געוואָרן אַ גאַנצע קינסטלערין מיין ווייב. איינגעשטעלט דאָס הויז, האָט זי מיך אָוועקגעשלעפּט אין אַ בילדער־געשעפט, איך מוז גיין, אַ ווילדע מציאה, אַ בילד פון אַ פראַנצויזישן מאָלער, רענע, צי רענאָ, אָדער רענאַר, יאָ Renoir, פאַר בלויז טויזנט דאָלאַר. איך האָב אַ קוק געטאָן אויפן בילד איז מיר געוואָרן ניט גוט. אַ נאַקעטע מויד. וואָלט עס כאָטש געווען אַ מויד. אַ נאַקעטער הינטן. אָט אַזוי ווי דו הערסט — אַ נאַקעטער הינטן, און פאַר דעם אַ טויזנט דאָלער. האָב איך זיך איינגעשפּאַרט, איך וויל ניט, אַפילו ווען מ'גיט עס מיר אומזיסט, וויל איך עס ניט האָבן. נו, נו, פרעג שוין ניט. וואָס טויג דיר מעשׂות, כ'האָב אויסגעשריבן אַ טשעק אויף טויזנט דאָלאַר. טויזנט דאָלאַר ווי אין גענזענעם הינטן. פאַרפאַלן. איצטער, אַז איך גיי אַריין אין גרויסן צימער, דערזע דאָס בילד, ווען דאָס ליכט אונטער דעם איז נאָך אָנגעצונדן, איך דערזע דעם נאַקעטן הינטן ווי ער לייכט זיך דורך, ממש ער לייכט זיך דורך, ווילט זיך מיר צוגיין און עס צערייסן, צעשטעכן, אָבער גאָרניט, אַז מ'שמועסט בילדער איז דאָך ניט שייך. ווי ס'ניט איז, אין דעם הויז ליגט אַ פאַרמעגן. און אַז מ'האָט אַזאַ הויז, מאַכט מען שוין פּאַרטיס, שמחות. זי איז דאָך געוואָרן אַ גאַנצע „סאָסייעטי ליידי", גייט ניט אָוועק אָן אָונטש זי זאָל עפּעס ניט האָבן ביי זיך אָדער ערגעץ אַנדערש. קורץ און גוט, געלט שמעלט, בלאָטע אין קעשענע. איך בין אַ גרויסער בעל־הוצאה, גאָר אַ גרויסער בעל־הוצאה.

— און צוליב דעם דאַרפסטו זיך אָוועקהרגענען, האָוועז, לויפן, פליען?

— האָסט אַ ציגאַרעט? פּ־פּ־ף. צוליב דעם אַליין ניט. צוליבן

נאָקעטן הינטן דאָרט וואָלט איך ניט איינגעריסן קיין וועלט, וואָלט זיך געקענט באַגיין אָן דעם. אויב איך בין פאַרטאָן אין געשעפט איז צוליב עפּעס אַנדערש.

דער רויך צווישן די צווייַ איז געוואָרן געדיכטער, געבליבן שטיין, וואַרטנדיק. דוד ביסקין האָט אויך געוואַרט.

— אַ מענטש האָט ניט ליוטער צוליב עולם־הזה פון נאָך אַ סטייק, גאַנץ אָפט האָט ער גאָרניט דעם מאָגן דערצו, אָדער צוליב אַ גרויס הויז, וואָס ער דאַרף אויף כפּרות. אַ מענטש האָט, וויל מאַכן געלט, ניט אַזוי צוליבן געלט ווי צוליב דעם ער זאָל ניט זיין אָבי ווער, מ׳זאָל וויסן ווער ער איז, מ׳זאָל דרך־ארץ האָבן פאַר אים. און פאַר געלט האָט מען דרך־ארץ. וויפל איז ער ווערט? דאָס איז די ערשטע פראַגע, די איינציקע מאָס. איך האָב די מאָס ניט געמאַכט, כ׳האָב זי געפונען אַ פאַרטיקע.

— מאָלט׳יך דאָ אַן אַנדער מאָס.

— וועלכע?

— האָסט שוין פאַרגעסן? אין וואָפניארקע איז דער גביר פון שטעטל געווען ראַפּאָפּאָרט, אָבער כבוד האָט מען אָפּגעגעבן דעם רב.

— אַזוי, דעם רב? — מאַקס פעסט האָט דערזען לייב פעלדמאַן, דערהערט „דאַרפסט צום רב, גיי ניט צום שמש", זיינע אויגן האָבן גענומען שמייכלען. — נו, יאָ, מ׳האָט אים אָנגעטאָן דעם כבוד, אים אָוועקגעגעבן אין אָרענדע די היזון פון שטעטל און ער איז געזעסן אין מזרח. ראַפּאָפּאָרט האָט אָבער געהאַט אין אָרענדע דעם וואַלד, די פאַראַוווע מיל, דאָס גאַנצע שטעטל, דעם רב אַריינגערעכנט. ראַפּאָפּאָרט איז אויך געזעסן אין מזרח און די דעה האָט געהאַט ראַפּאָפּאָרט, ניט דער רב. ווער עס האָט די מאה דער האָט די דעה. דאָ איז דאָך אָפּגערעדט. זעסט? — האָט ער געוויזן אַ פּערטעלע. „אין גאָט גלויבן מיר". בפירוש געשריבן. טאָן טוט זיך אָבער אַנדערש. אין גאָט גלויבן מיר, דעם עגל־הזהב דינען מיר. — ער האָט אָוועקגעלייגט דאָס פּערטעלע אונטערן טעצל פאַר דער קעלנערין.

— די אַמעריקאַנער זאָגן יאַקבי אַז אַרום עגל־הזהב טאַנצן די יידן...

— יאָ, אַזוי זאָגן זיי, אָבער לאָמיך דיר עפּעס זאָגן. משה רבינו האָט צעמאָלן דעם עגל־הזהב און אונדז געגעבן טרינקען פון דעם וואַסער. דאָס וואַסער איז אָבער ווייט אָוועקגעגאַנגען, איז געקומען קיין אַמעריקע נאָך איידער מיר זיינען דאָ געווען, און ווען עס קומט צו געלט, קענען מיר יידן הייצן די הרובע ביי די אַמעריקאַנער. דו האָב מיט זיי צו טאָן, ווייסטו זען. אָט שטיי איך אין אַ געשעפט, האָב, ווי זאָגט מען, אַן אָפענע טיר. גייט ניט אָוועק אַ טאָג עמיצער זאָל ניט קומען בעטן געלט, דער פאַר דעם, דער פאַר אַן אַנדער זאַך, און איך לאָז קיינעם ניט אַרויס מיט ליידיקן. מער, ווינציקער, איך גיב, און איך בין ניט קיין צוואָרפענער, ווייסטו.

דער אַמעריקאַנער איז דאָך כלומרשט אַ צוואָרפּענער. געלט שפּילט ביי אים קיין ראָלע ניט. אָבער אַנו פּרואוו ביי אים עפּעס קריגן פאַר אַ געוויסן צוועק. אַ ניקל וועט ער דיר ניט געבן. אַ סענט ניט. ער גיט אין „טשוירטש", גיט ער. וואָס אַרט דיר, איך קען דעם אַמעריקאַנעם. אויב אַן אַמעריקאַנער וועט דיר זאָגן אַז ער וויל ניט קיין געלט, זאָלסטו אים ניט גלויבן. ער קען אפשר ניט מאַכן קיין געלט, דערפאַר וויל ער ניט. אַ סריס וויל ניט חתונה האָבן. אַלע ווילן געלט און פאַר געלט האָבן אַלע דרך־ארץ. אָבער אַלע. וואָס דאַרפסטו מער? דער אַרבעטער. ווען איך האָב געוואוינט אויף האוסטאָן האָב איך געפאַרבט דאָס הויז. ווען די בעל־מלאכות זיינען פאַרטיק געוואָרן, איז אַלץ געווען פאַרשמירט, פאַרליאַפּעט, לאה האָט מיר פאַרווייַנט דעם קאָפּ, האָט זי מיר. אין דעם הויז, אין וועסטוואוד, האָב איך אויך געפאַרבט, וואָלסטו באַדאַרפט זען ווי די בעל־מלאכות האָבן זיך געהיט! פונעם מעבל איז דאָך אָפּגערעדט, נאָר אין דרויסן, אַ גרעזעלע ניט באַשפּריצט. און פאַרוואָס? אַ גביריש הויז. פאַרן גביר, פאַר געלט שטייט מען אויף די ציפּקעס. האָסטו ניט קיין געלט, מעגסטו זיין איך ווייס ווער, ביסטו אַ גאָרנישט, אַ נישט.

— וואָס דענקסטו מכוח איינשטיינען?

— איינשטיין? מיינסט דעם באַרימטן פּראָפעסאָר איינשטיין?

— יאָ, יאָ, טאַקע אים גופא.

— אַהאַ, איך פאַרשטיי. וועל דיר זאָגן דעם אמת, ווער איינשטיין איז, כ'מיין וואָס ער האָט אויפגעטאָן, ווייס איך ניט, און איך בין ניט דער איינ־ציקער. איך ווייס יאָ אַז ער איז אַ גרויסער מענטש, באַרימט איבער דער גאָרער וועלט, אַלע גיבן אים אָפּ כבוד. איז שוין גוט, האַ? איז, ערשטנס, וויפל איינשטיינס זיינען עס דאָ אויף דער וועלט? איינער אַ מענטש. אַזאַ מענטש ווערט אפשר געבוירן איין מאָל אין טויזנט יאָר. מיט אים קען זיך קיינער ניט גלייכן. צווייטנס, אפילו איינשטיין, דו הערסט, אפילו איינשטיין, ווען ער האָט ניט קיין געלט און דאַרף ליגן אין אַ שפּיטאָל, וואָלט ער געלעגן אין אַ וואָרד. הערסט, אין אַ וואָרד וואָלט ער געלעגן. דאָס זאָג איך דיר ניט סתם אין דער וועלט אַריין, איך רעד פון דערפאַרונג.

מיט מיר אין שפּיטאָל איז געלעגן איינער אַ פּראָפעסאָר. וואָס איז געווען זיין נאָמען? אוירוווין, צי אוירוויין, כ'געדענק שוין ניט גענוי. איך געדענק אָבער זיין פּנים, אָט ווי ער וואָלט מיר געשטאַנען פאַר די אויגן. ווייסט'אָך, אַ לענגלעכער פּנים אַזאַ, מיט אַ הויכן שטערן, קיין האָר אויפן קאָפּ האָט ער שוין ניט געהאַט, בלויז ביי דער פּאַטילניצע אַ פּרענזל האָר, און דווקא לאַנגע, און ווייס, ווייס ווי מילך. ווען מ'האָט מיך דאָס ערשטע מאָל אַרויסגעפירט אויף אַ שטול אין דרויסן, האָב איך אים אויך דערזען אויף אַ שטול. מיר איז איינגעפאַלן, אַז דאָס איז דער פּוילישער שפּילער, דער

פּאַדערעווסקי, זייער ענלעך אויף אים. טו איך אַ פרעג דער וואַרטספרוי: ווער איז דער מענטש?

— איר ווייסט ניט? פּראָפעסאָר אוירוויין!

ווער דער פּראָפעסאָר אוירוויין איז, וואָס פאַר אַ פּראָפעסאָר, ווייס איך ניט עד היום, אָבער אַ פּראָפעסאָר. פרעג איך דער וואַרטספרוי: איז ער אויפן זעלבן שטאָק מיט מיר?

— ער איז געווען, — האָט זי געענטפערט. צוויי וואָכן איז ער געלעגן אין אַ צימער איבער דער וואַנט פון מיינעם,נאָכדעם האָט מען אים טראַנספערירט אין אַ וואַרד: ניט געהאַט קיין געלט צו צאָלן. און צאָלן האָט מען געדאַרפט געוווּג. אַ היפּש ביסל. די אַכט וואָכן וואָס איך בין דאָרט געלעגן האָבן מיך אָפּגעקאָסט קנאַפּע דריי טויזנט דאָלאַר. פאַרן צימער אַליין פופצן דאָלאַר אַ טאָג, וואַרטספרויען נאָכאַמאָל אַזויפיל, איך רייד שוין ניט פון דאָקטוירים. היינט עקסטראַס — זיי רעכענען דאָך אפילו פאַר אַ שטיקל אשר יצר פּאַפּיר, זאָלסט מיר אַנטשולדיקן. איז געשטאַנען פאַר מיר פאַד קאַזיראַק, וואָס איך האָב געוואָלט האָב איך אויסגעפירט. ווייסט, ניט איין מאָל איז מיר אויש ניט גוט געוואָרן פון זייער הינטישקייט, זייער חנפענען. איך האָב דאָך געוואוסט אַז דאָס מיינט מען ניט מיך, נאָר מיין טשעק-ביכל, האָב איך זיך פּשוט איזדעקעוועט איבער זיי. די דאָקטוירים, די וואַרטספרויען און, נאָכדעם, אַז ס'האָט מיר פאַרדראָסן למאי איך בין אַזאַ דבר אחר, האָב איך טעלעפאָנירט מ'זאָל צושיקן דער וואַרטספרוי נאָך אַ פּאָר זיידענע זאָקן, און האָסטו באַדאַרפט זען ווי גוט זי איז געווען צו מיר, כאָטש לייג איר טאָקע צו אַ מכה. און אַלץ — געלט. פאַרן פּראָפעסאָר איז מען אויף די ציפּקעס ניט געשטאַנען, אין אַ וואַרד איז ער געלעגן. און הערסט, אפילו איינשטיין, ער האָט מסתמא געגוג פריינט, חסידים, וואָס וואָלטן געצאָלט פאַר אים, דאָן וואָלט מען אים געהאַלטן בכבוד, אָבער אָן געלט? אין וואַרד אַריין!

קוקנדיק טאָקע אויף אָט דעם פּראָפעסאָר, האָב איך געטראַכט: וואָס פאַר אַ היפּאָקריטישע וועלט! אָט ליגט אַ פּראָפעסאָר, אַ האַלעדראַנעץ, האָט ניט אַ גראָשן ביי דער נשמה, קיינער קוקט זיך אויף אים ניט אום, פונ־דעסטוועגן איז אויף זיין קאַרטל דאָ אַ פּ. ד., אָדער אַן ענלעכער טיטול. אַ פּראָפעסאָר. פאַרוואָס זאָל אַזאַ איד ווי איך ניט האָבן קיין טיטול פּ. ד. (דאָקטאָר פינאַנס)? קוקסט מיך אָן? טיטולן ווילן מיר דאָך אַלע. דאָ אין אַמעריקע ניטאָ קיין פרינצן, גראַפן אָדער באַראָנען, דאָס מיינט אָבער ניט אַז מענטשן ווילן ניט קיין טיטולן. וואָס מיינט אַ טיטול? אַן אויס־צייכענונג, אַ באַווייז אַז דער מענטש איז עפּעס, עמיצער, ניט אַבי ווער. נו, קוק זיך אומישנע צו ווי אַזוי מענטשן צאַצקען זיך מיט אַ בלעכל, אַ ליענטע, אַ שלייפל אַלס דעלעגאַט צו עפּעס אַ צוזאַמענפאָר. ער שפּיליעט

עס צו אויבן אויף, אַלע זאָלן זען אַז ער איז אַ דעלעגאַט, אַ... וויכטיקער מענטש. דאָס איז טיטול. נו, שטעל זיך פאָר, דער צי אַן אַנדער פּראָפעסאָר — אייגנטלעך אַ גמרא־מלמד — האָט פאַרשריבן אַ בוך וועגן... רוימישע צי גריכישע מטבעות און געקראָגן דעם טיטול פּ. ד. — דאָקטאָר פילאָסאָפיע. איך פאַרזיכער דיך אַז איך ווייס מער וועגן אַמעריקאַנער פאָזיטלעך ווי דער פּראָפעסאָר וועגן רוימישע מטבעות, פאַרוואָס זאָל איך ניט קענען דרוקן אַ קאַרטל אויך מיט אַ פּ. ד. — דאָקטאָר פינאַנסן?

— ווי זאָל איך דיר זאָגן? דייך משל הינקט אַ ביסל אונטער. דאָ איז אַ מעשה פון לערנען און ביי דיר איז אַ פראַגע פון געלט־מאַכן. דאָס איז אַ קנאַפּע תורה, מ'קויפט פאַר צוויי, מ'פאַרקויפט פאַר דריי, קיין גרויסע חכמה ניטאָ דערביי. — אָט האָסטו דיר געלט־מאַכן! דער פּראָפעסאָר לערנט תורה, איך מאַך געלט, ער דער תלמיד חכם, איך דער עם־הארץ. איז לאָמיך דיר זאָגן אַז איך, מאַכנדיק געלט, האָב מער געלערנט ווי וועלכער עס איז פּראָפעסאָר. איך האָב ניט געלערנט וועגן די שטערן אין הימל, איך האָב אָבער געלערנט וועגן מענטשן אויף דער ערד. אוי, האָב איך געלערנט! דאָס איז ניט נאָר קויף פאַר צוויי, פאַרקויף פאַר דריי, ווי דו דענקסט, עס איז מער ווי דאָס, אַ סך מער, גלייב מיר. טאָ פאַרוואָס ניט אָפּשאַצן דעם וואָס האָט פאַרדינט געלט?

— ווער זאָל עס שאַצן? די גמרא־מלמדים?...

— אָט דאָ ליגט טאַקע דער הונט באַגראָבן. זיי קוקן נאָך אַלץ אויף אונדז פון אויבן אַרונטער. שטילערהייט שאַצט מען אָבער יאָ. שטילערהייט טוט דער פּראָפעסאָר דאָס וואָס דער גביר פון אוניווערסיטעט הייסט אים טאָן. וויל ער ניט, פליט ער פון בענקל. שטילערהייט, דאָרט וואו מ'דאַרף, ווייסט מען יעדן איינעמס ווערט. איכ'ל קומען אין אַ געשעפטס־הויז קויפן סחורה, ווייסט מען מיין שטאַנד גענוי צום פונקט. דאָס איז אָבער אַלץ שטילערהייט. פאַרוואָס זאָל אַ מענטש מיט, לאָמיר זאָגן, הונדערט טויזנט דאָלאַר, ניט האָבן אַ קאַרטל געדרוקט — מאַקס פעסט ה. ט. (הונדערט טויזנט), אַ מיליאָן? איז א. מ., אַ מולטי־מיליאָנער — מ. מ.

— שטעל זיך פאָר, דו האָסט שוין אַ קאַרטל מיט אַ מ. מ. — וואָס דאַן? פאָרד האָט שוין אַזאַ „קאַרטל", איז אים בעסער? וועט ער לעבן אייביק?

— פאָרד? איך האָב ניט ליב דעם גוי, ער איז אַן אַנטיסעמיט, געוועזן און מסתם נאָך היינט אויך, אָבער איך מוז צוגעבן, ער איז עמיצער. מאַלע וואָס ער איז אַן עם־הארץ, קען ניט קיין געשיכטע ווי עפּעס אַ פּראָפעסאָר אַ פּ. ד., זיין מ. מ. האָט מער די ווערט ווי דעם ענגלישן קעניגס ה. מ. (היז מעדזשעסטי). פאָרדס אַ וואָרט איז געזעץ פאַר הונדערטער טויזנטער, אפשר מיליאָנען מענטשן. און פאָרד וואָלט ניט אויפגעגעבן זיין

קעניגרייך צוליב עפעס אַ קליידל. ער איז שוין אַלט, אָבער די מלוכה לאָזט ער ניט אַרויס פון האַנט. אַזוי דאַרף זיין. ווער, ווער, ער האָט שוין זיכער געגנוג, אָבער פאַר אַ מענטשן וואָס וויל עפעס איז ניטאָ קיין גענוג. פאַרד וועט שטאַרבן, אָבער ביז ער לעבט איז ער פאַרד מ. מ. צי גאַר ב״ר, ביליאָנער. יעס, סער, מ. מ. דאָס מיינט עפעס. מ׳נאָ, איכ׳ל שוין דאָס ניט דערלעבן. ווי שפעט איז עס?

מאַקס פעסט האָט אַ קוק געטאָן אויפן זייגערל ביים האַנט־געלייגק, אַ שאַר געטאָן די מטבע אונטערן טעצל און געמאַכט אַ באַוועגונג זיך אויפ־צוהייבן. — צייט צו גיין. דוד ביסקין האָט זיך אויך אויפגעהויבן.

— וועסטו צוקומען?

— מיינסט צו דער חתונה? אוודאי. וועל אפשר קומען שפעטלעך, אָבער כ׳וועל קומען. וועל טעלעפאָנירן לאָהן זי זאָל גיין אַליין אָן מיר. איכ׳ל שוין קומען גלייך פון שאָפּ. אגב, מ׳דאַרף דאָך ברענגען עפעס אַ מתנה. וועט זיך נאָך באַלײדיקן „די אָרעמע קרובה". וואָס קען איך איר ברענגען? איצט איז צו שפעט עפעס קויפן, סיידן אַ מאַנטל. וואָס איז זי, די כלה, אַ זעכצענער, אָן אַכצענער?

— וואָס׳ער זעכצן, אַכצן? זי מוז שוין זיין אַ פיר פינף און צוואַנציק.

— מלמד! — האָט מאַקס פעסט אויסגעשאָסן. — איך פרעג ניט אויף אירע יאָרן, איך מיין איר מאָס, ווי הויך איז זי, ווי ברייט?

— אָה! — האָט דוד ביסקין דער „מלמד", דער רעגירונגס־אָנגעשטעל־טער, געענטפערט. — זי איז מיין הויך. יאָ, זי איז אומגעפער אַזוי הויך ווי איך, און די ברייט? געראָטן אין דער מאַמען.

— אָן אַכצענער, — האָט מאַקס פעסט געפסקנט, באַצאָלט פאַרן עסן און זיך געלאָזט צום אַרויסגאַנג.

— וועסטו צוקומען?

— קומען, קומען. גוט האָסטו געטאָן וואָס דו ביסט געקומען. זיך אָפּגערוט אַ ביסל נאָכן עסן. ביז דער פאַרשוין וועט קומען נאָך קענען עפעס אָפּטאָן. זיך זען שפעטער.

*

— שפלות קאָמפּלעקס.

דאָס גאָלמעסער האָט זיך אַ גליטש געטאָן איבער דער באַק, געפסקנט — שפלות געפיל.

אָפּווישנדיק דאָס גאָלמעסער אינעם שטיקל פאַפּיר, האָט דוד ביסקין באַשטעטיקט — שפלות־געפיל. יידישע קרענק. דאָס גאָלמעסער האָט זיך ווידער געגליטשט איבער באַק און קין. דוד האָט געזען אין שפיגל דאָס גאָלמעסער, זיין פנים און אויך מאַקס פעסט. ער האָט מאַניפּולירט מיטן גאָלמעסער, צו דער זעלבער צייט שפּעקולירט: וואָס איז אָט די בענקעניש

נאָך אַ טיטול פּ. ד. אויב ניט שפּלות־קאָמפּלעקס? קאָמיש. געלט־טיטולן. פּ. ד., מ. מ. דוד האָט געזען זייך שמייכל, באַלד דערפילט אַ שניט. ער האָט אַ לייג געטאָן דאָס גאָלמעסער, גענומען לייכט קלאַפּן מיט אַ פינגער אויפן שניט, דאַן גענומען פאַררייבן דאָס שניט מיט אַן אַלום־שטעקעלע.

דוד ביסקין, אַן אָנגעשטעלטער ביי דער פעדעראַלער רעגירונג, איז געווען זייער קאָנסערוואַטיוו אין . . . גאָלן זיך. ביי טאָג האָט ער איבער־געקוקט פּאַפּירן, געשריבן פּאַפּירן און, אויב אין אַ פּאַפּיר האָט זיך אַריינגע־כאַפּט אַ גרייז, אָדער גאָר ניט געווען פּונקטואירט לויט אַלע כללים פון סינטאַקס, האָט ער איבערגעשריבן דאָס פּאַפּיר, מאַכנדיק נייע פיר קאָפּיעס. אין די אָוונטן האָט ער זיך געגריבלט אין פּסיכאָלאָגיע, און דווקא פּסיכאָאַנאַ־ליז. דאָס איז געווען זיין „פערדל". אַ פערדל ניט צו פאָרן רייטנדיק דאַרויף בפני עם ועדה. ער האָט זיך ניט אויסגעגעבן פאַר אַ פּסיכאָאַנאַ־ליטיקער, נאָר הילצערן פערדל צו פאָרן אויף דעם רייטנדיק ביי זיך אין צימער, לשם איבונגען. דאָס „פערדל" האָט ער אַזוי ליב געהאַט אַז פון זיינע מאָגערע שכירות האָט ער אָפּגעריסן געלט און זיך איינגעשאַפט אַ היפּשע ביבליאָטעק איבער פּסיכאָאַנאַליז. געגאָלט האָט ער זיך ניט מיט קיין מאַשינקע. ער האָט ניט געהאַלטן פון די באַוואָרנטע מעסערלעך. דאָס איז גוט פאַר יינגלעך ביי וועמען עס הייבט אָן שפּראָצן אַ בערדל, פאַר ווייכע הערעלעך. פאַר זיין באָרד, אַ געדיכטע, שוואַרצע, האַרטע באָרד, איז אַן אָפּן גאָלמעסער, דאָס גוטע, אַלטע גאָלמעסער. עלעקטרישע גאָל־מאַשינקע? גוט פאַר קאָמיוואָיאַזשאָרן, ניט פאַר אים. אָט דאָס אָפענע גאָלמעסער איז שוין ביי אים אַ יאָר צוואַנציק און וועט דינען נאָך צוואַנציק יאָר, אויב ניט מער. שניט? שוין פאַרהאַמעוועט. גאָרניט. דער שפּיץ גאָלמעסער איז פאַמעלעך געקראָכן צו דער ליפּ און נאָז גרענעץ, אויס־געשקראָבעט ממש די האָר דאָרט, דאַן זיך געלאָזט אַ ביסל פרייער איבער דער אויבערשטער ליפּ. דודס געדאַנק האָט זיך אויך געטראָגן פרייער.

— און אפשר דורשט נאָך מאַכט? — האָט ער זיך געהעצקעט אויף זיין פּסיכאָאַנאַליטישן פערדל. — וויל זיין עמ[צער. די זעלבע זאַך. קאָמ־פּענסאַציע פון שפלות געפיל. און אפשר איז דאָס שוין צו איינפאַך, צו אַדלעריש, אַדלערס שיטה ליידט טאַקע פון צופיל איינפאַכקייט. אפשר איז דאָס גאָר דער פאַרניכטונגס־אינסטינקט, דער טויטן טריב. אַנטלויפט פון טויט צו דער אַרבעט. „איך בין פון די פערדלעך, וואָס אַז מ'שפּאַנט זיי אויס פאַלן זיי אַוועק". ער דענקט אַז ער ראַטעוועט זיך פון טויט, דער אמת איז, דאָס האָט דער טויטן טריב זיך פאַרמאַסקירט, שלעפּט אים אין שאַפ אַריין, דאָרטן אים דערענדיקן. פרויד איז פאָרט דער פּסיכאָלאָג. דוד האָט געפּאַטשט מיטן גאָלמעסער איבערן לעדערנעם רימען הין און צוריק, איין

פּסיכאָנאַליטישע סברא אָװעקגעפּאַטשט, דער צװײטער פּאַטאַקעװעט און זי אױך אָװעקגעפּאַטשט. ער איז נאָך אַמאָל איבערגעגאַנגען מיטן גאָלמע־סער איבער די באַקן, דאָס איז שױן געװען לפנים משורת הגאלן, דערבײ אַ טראַכט געטאָן. — דער מאַקס איז אַ פּאַסקודניק, אָבער אַ פּאַסקודניק מיט אַ קנײטש. און אפשר אפילו דאָס אױך ניט, פּשוט אַ מענטש... נו יאָ, אַ מענטש...

דוד האָט דערזען אין שפּיגל אַ פּאָר שמײכלענדיקע אױגן און ער האָט זיך צעשמײכלט מיטן מױל אױך. אים האָט הנאה געטאָן װאָס ער האָט זיך דערגרונטעװעט... אין זײן װײטן קרוב מאַקס פּעסט, אין מענטשן... און פּונעם אָפּגאָלן. גוט אָפּגעגאָלן. דער שניט ניט קענטיק.

— ער׳ט ניט קומען, — איז אַרױסגעפֿאַלן פֿון דוד ביסקינס מױל, גײ־ענדיק צו דער שמחה.

די װערטער זײנען געװען אַ מין אָפּשלוס פֿון זײנע פּסיכאָאַנאַליטישע איבונגען בײם גאָלן זיך, פֿון זײנע ספּעקולאַציעס צי דער „פּאַסקודניק מיט אַ קנײטש" װעט קומען צו דער שמחה אָדער ניט. זײנע ספּעקולאַציעס זײ־נען געװען אַ מין גומעלע. — ער׳ט קומען. ער, דער מינדערװערטיקער, װאָס חלשט נאָך אַ פּ. ד. אַ מ. מ. װעט קומען: אָט בין איך, דער גביר אין דער משפּחה, און איר אַלע זײט קבצנים, גאָרנישטן. מהאי טעמא װעט ער ברײנ־גען אַ מתּנה אַ מאַנטל, און דװקא אַ גוטן מאַנטל — נאָט װײסט. — דאָס־זעלבע „גומעלע" האָט זיך אױסגעצױגן אױך אַ ביסל אַנדערש. — קומען צו אָט די האַלעדריגעס? ראש לשועלים, ניט מער. װאָס פּאַר אַ װערט האָט עס? גאָרניט. צװישן לײבן! דאָרטן! אַפילו דער געמבלער דאָרט איז אינטערעסאַנטער, חשובער װי די קבצנים דאָ. ער׳ט ניט קומען.

*

די מומע מלכּה.

װי אַזױ זי איז געװען אַ מומע האָט ער ניט געװאוסט גענױ. ניט זי איז געװען זײן טאַטנס אָדער זײן מאַמעס אַ שװעסטער, געװען עפּעס אַ פּלאַנ־טער פֿון שטיפטאַטעס און שטיפמאַמעס, מיט מײנע קינדער, דײנע קינדער, אונדזערע קינדער, פֿון אָט דעם פּלאָנטער האָט אַרױסגעשטעקט אַ פּאָדעם די מומע מלכּה. אַלע „פּאַרפּלאָנטערטע" האָבן זי אַזױ גערופֿן, ניט גענױ צוליב דער קרובהשאַפֿט, נאָר װײל אַלע האָבן זי ליב געהאַט. אַן אלמנה, װאָס האָט געהאָרעװעט שװער און ביטער צו געבן איר קינד — אַ בת יחידה — אַ גוטע דערציאונג, און ניט נאָר האָט זי דערגרײכט איר ציל, זי האָט אים דערגרײכט מיט חשיבות. יאָרן פֿון אַרבעט האָבן זי ניט דערדריקט, אַפילו אױף איר פּנים ניט געלאָזט צופֿיל שפּורן, און זי איז אַמאָל געװען אַ

שיינע. זי איז גרוי געוואָרן, און די גרויקייט האָט ניט ניוועלירט איר שיינ־קייט, נאָר צוגעגעבן חשיבות, דער גרויער קאָפּ האָט באַפוילן — דרך ארץ!

די מומע מלכה האָט אויפגענומען דודן בסבר פנים יפות, מיט איר שמייכל, וואָס ער האָט אַזוי ליב געהאַט, אַ שמייכל — אַ מתנה, אַ קליינע מתנה, נאָר געגעבן מיט אַזאַ לייכטקייט און מיט אַזאַ חשיבות פונדעסטוועגן, אַז מ׳האָט עס גערן צוגענומען און... באַהאַלטן. נאָך די געוויינלעכע באַ־גריסונגען האָט זי אַ פרעג געטאָן: געזען מרדכין?

איר איז געגאַנגען אין לעבן מאַקס פעסט זאָל קומען. ניט קומען האָט געמיינט — דעם גביר שטייט ניט אָן. זי האָט ניט געוואָלט זיך אויספּיינען מיטן גביר, זי האָט אָבער ניט געקענט פאַרטראָגן אַז גבירהשאַפט זאָל עמיצן אוועקשטעלן העכער, זי מאַכן נידעריקער.

— ער׳ט קומען, — האָט דוד אויף שנעל פאַרזיכערט. — געווען ביי אים. ער האָט זיך פאַרענטפערט למאי ער איז ניט געקומען צו דער חופה. וועט קומען... — דוד האָט שיר ניט אַרויסגעזאָגט — און וועט ברענגען אַ מאַגטל. — ער האָט זיך פאַרכאַפּט און פאַרענדיקט, — אפשר אַ ביסל שפּעטער, אָבער קומען וועט ער.

אַ צופרידענע האָט די מומע אים אַריינגעפירט אין זאַל צו די איבע־ריקע געסט. ביי דודן האָט זיך ווידער אָנגעהויבן די שקלא וטריא: וועט ער קומען אָדער ניט. די מחותנים האָבן ניט געלאָזט לאַנג ספּעקולירן. קודם דער חתן, דער אײדים שוין. אַ ליוטענאַנט. דאָס וואָרט „לייטענאַנט" האָט סוגעסטירט הויכן וואוקס, פיזישע קראַפט. דער טרעגער פון דעם טיטול איז געווען אַ מיטלוואוקסיקער, דאַרער יידישער בחור. דאָס אָפּיצערן רעקל, ברייט אין די אַקסל, האָט אים געמאַכט אויסזען אַביסל ברייטער, מעגערישער, דער־פאַר אָבער נאָך קלענער, קורצער. דוד האָט אַ טראַכט געטאָן אַז דער דייט־שישער אָפיצער, דער רוסישער, קוקט אויס מער אָפּיצעריש ווי דער אַ, דער אַמעריקאַנער, דער יידישער.

דער „אָפּיצער" איז ניט געווען קיין גראַדואירטער פון וועסט פּאָינט. ער איז געווען אַן אינזשיניר, איצטער, אין דער אַרמיי, איז ער געווען אין דער קאָנסטרוקציע בריגאַדע, האָט אַרויסגעוויזן גוטע אינזשיניר פייאיקייטן און, אַזוי אַרום, געוואָרן אַ פייאיקער, ניט קיין שיינער ליוטענאַנט. ווי די מייסטע אמת פייאיקע מענטשן האָט ער געהאַלטן זיין פייאיקייט פאַר אַ פּריוואַט זאַך, ניט צו ריידן דערפון. אויף זיין אָפּיצערישן מונדיר האָט ער גע־לייגט ווינציק וואָס אַכט, זיך גאָר אַביסל אונטערגעשעמט מיט אים פאַר זיינע פאַר חברים, אויך סאָלדאַטן, וואָס זיינען געקומען צו זיין שמחה, סאָלדאַטן, איינער מיט צוויי בענדלעך, איינער מיט איין בענדל, איינער גאָר אָן אַ בענדל, אַ „באַק פּרייוועט". די עטלעכע מיידלעך האָבן געקלעפּט צו די סאָלדאַטן, אַט ווי זיי וואָלטן געווען... גענעראַלן.

דוד האָט ניט געהאַלטן פון קיינע מונדירן. אַריבערגעקומען קיין אַמע־ריקע אַ פּערצניאָריקער ייִנגל, האָט ער מיטגעבראַכט אין זכרון בילדער פון מענטשן אין מונדירן. אָט די מונדירטע האָבן אים, אַ ייִנגל, זיין מאַמע מיט נאָך צוויי פּיצלעך קינדער, אַנגעטאָן גענוג צרות מיט פּאַרהאַלטענישן, פּאַספּאָרטן, וויזאַס. אין דער אַמעריקאַנער שול, הויך שול האָט ער דער־וואָרבן אַ גוטן ענגלישן אַקצענט, קיינער וואָלט ניט געזאָגט אַז ער איז ניט געבוירן געוואָרן אין אַמעריקע. ער האָט ניט געפונען פּאַר נייטיק עס עמיצן דערציילן, ביי זיך האָט ער געוואוסט, געוואוסט גאַנץ גוט, אַז דאָרטן וואָלט ער ניט געקענט גיין אין שול, אוניווערזיטעט, דאָ האָט ער עס באַוויזן. אמת, אַן אָרימער סטודענט, נאָכן לערנען האָט ער געוואַשן געפּעס אין אַ רעסטאָראַן, געטראָגן צייטונגען, דאָ איז עס אָבער ניט געווען קיין חסרון. סטודענטן האָבן ניט געטראָגן קיין מונדירן. דאָ איז בעסער. דאָרט איז אָבער געווען אַנדערש. אָט האָט ער, אַ פּערצניאָריק ייִנגל שוין געלערנט גמרא, און זיי, אָט די א . . . קענען דאָך קיין צלם פּאַר קיין אַלף, קיין יידיש וואָרט.

די יונגוואַרג האָט ער מבטל געווען, זיך געפּילט אַ סך עלטער פון זיי. די יונגוואַרג האָט געקוקט פּאַרדעכטיק אויף אים: ווי אַלט איז ער? דודן האָט מען געקענט געבן פון זעקס און דרייסיק ביז צוויי און פערציק יאָר. פאַרוואָס טראָגט ער ניט קיין מונדיר? צו אַלט? אויסגעבראַקירט? סיי ווי ניט אונדזערער אַ מענטש. מיט די עלטערע האָט דוד אויך ניט געהאַט צו־פיל געמיינשאַפטלעכס. ער האָט געקענט אַלעמען, זיי אים. די מענער האָבן געקוקט אויף אים מיט דרך ארץ און חשד — אַ רעגירונגס אַנגעשטעלטער! דאָס מיינט אָבער אויך אַ „פּאָליטישן", אַ כאַבאַרניק, מיר ניט דיר ניט קריגט מען נישט קיין שטעלע ביי דער פעדעראַלער רעגירונג, אפשר גאָר אַ דעטעקטיוו, אַ שפּיאָן, אַז קיין מונדיר טראָגט ער ניט. די פרויען האָבן ניט אויסגעמיטן קיין געלעגנהייט אים דערמאָנען אַז ער איז אַן אַלטער בחור, אים רעדן אַ שידוך . . . און ער האָט ניט געהאַלטן ביי שידוכים, ער האָט געהאַלטן ביי . . . אַ גלעזל בראָנפן. ווען וועט זיך שוין אָנהייבן די שמחה?

שוין געווען באַלד ניין. די מענער האָבן זיך שוין דורכגערעדט, דורכ־געשמועסט, די פרויען האָבן שוין באַטראַכט די קליידער וואָס „יענע" האָט געטראָגן, „יענערס" פריזור, מ'האָט זיך שוין געוואָלט משמח זיין, אָבער אין עטלעכע מינוטיקע הפסקות האָט זיך נאָך באַוויזן איין שפּעט געקומענער גאַסט, אַ צווייטער, דאָס קומען פון די געסט איצט אַ מין קאַפּען פון אַ פלעשל כמעט ליידיק, פון אָט דעם כמעט האָט זיך פאַמעלעך אויסגעקאַפּעט אַ טראָפּן, נאָך אַ טראָפּן. שוין געווען נאָך ניין. פירנדיק אַ שפּעט געקומענעם גאַסט, האָט די מומע אַ וואָרף געטאָן מיט די אויגן צו דודן, דער קוק — נו? וואו איז ער? דוד האָט געוואָלט איר פאַרזיכערן אַז מאַקס וועט קומען און אויך געוואָלט איר זאָגן: ער'ט ניט קומען! וואַרט ניט אויף אים! הויבט

אַן די שמחה אָן אים. ער איז אַ פּאַסקודניק, אַ פּאַסקודניק אַפילו אָן אַ קנייטש. דוד האָט אָבער גאָרניט געזאָגט. די שמחה האָט זיך אָנגעהויבן.

די מומע האָט אַרומגעטראָגן אַ טאַץ מיט קליינע גלעזעלעך בראָנפן, גרעסערע גלעזלעך ווייַן, אַ צווייטע מחותנתטע האָט אַרומגעטראָגן אַ טאַץ מיט צובייסן. דוד האָט גענומען אַ גלעזל בראָנפן.

— מזל טוב, מומע! זאָל זיין מיט מזל. איר זאָלט האָבן נחת אין לאה׳קען.

— מיט מזל זאָלסטו לעבן. אם ירצה השם איַנגיכן אויף דיין חתונה.

— גאָר אַזוי?

— האָב חתונה. האָב חתונה. און איך זאָג דיר צו, אויף דיין חתונה גיי איך אַ טענצל. אַפילו אַז דו׳סט מיך ניט בעטן וועל איך קומען און גיין אַ טענצל. ווי זינגט זיך דאָרטן: ניט קיין געבעטענע, אַליין געקומען, כאָטש אַן אָרימע פּאָרט אַ מוטע.

די מומע האָט שיר ניט אויסגעזונגען די ווערטער, אין דעם „געזאַנג" האָט דוד דערהערט אַ הינטערטאָן פון פאַרדרוס, ווייטיק. — הערסט? — האָט ער זיך אַליין געפרעגט, און אַט די שטומע פראַגע איז אויך געווען אַ שטומער באַפעל צו די אויגן: קוקט זיך צו! קוקט זיך גוט צו צו דער מומעס פנים, אירע אויגן. דודס אויגן האָבן אויסגעפאָלגט דעם באַפעל און דער־זען אין דער מומעס אויגן אַ פריילעך פייערל, ניט אָן אַ חייטיקדיקן רויכל.

ער האָט אַ קער געטאָן דאָס גלעזל בראָנפן שיר ניט איבערהיפּערנדיק דעם מויל, גלייך אין האַלדז אַריין. ער האָט דערפילט אַ ברען אין האַלדז און אין מוח האָט אַ ברי געטאָן: פּאַס־קוד־ניק! ער האָט אַ שטעל געטאָן דאָס גלעזל אויפן טאַץ.

— פאַרבייס!

— אַ דאַנק, — האָט דוד אַ זאָג געטאָן דער צווייטער מחותנתטע. — איך וויל ניט! — האָט ער שיר ניט בייז אַ זאָג געטאָן דער מומען. ביידע פרויען האָבן זיך געלאָזט צו די אַנדערע מחותנים, אין דודן האָט געזאָטן כאַאָטישער כעס. ער׳ט אים אָנקלינגען. אים אָנקלינגען און זאָגן...

דוד האָט אַ וואָרף געטאָן מיט די אויגן, זוכנדיק דעם טעלעפאָן אין... זאַל. ער האָט זיך דערמאָנט דער טעלעפאָן איז אין לאַנגן קאָרידאָר. אָנט־שלאָסן, מיט שנעלען שפּאַן האָט ער זיך געלאָזט אַהין, פאַרהאַקט הינטער זיך די טיר, אָפּצוהאַקן דעם טומל פון זאַל און דער אָנווייזנדיקער פינגער האָט מיט כוח גענומען דרייען דאָס טעלעפאָן רעדל.

— איז דאָס טרינטי 7826? לאָמיך ריידן צו מר. פעסט.

— איך וויל ריידן צו מר. פעסט.

— איך קען ניט! וואָס מיינט איר איך קען ניט? איך מוז ריידן מיט אים.

— גאָר אַזוי? הערט, ווער זייט איר דאָס אַזוינס מיר זאָגן אַז איך קען ניט ריידן צו אים. איך מוז ריידן מיט אים. דייער נייטיק.

— אַ פּאָליציי באַאַמטער? וואָס איז דער מער? וואָס האָט פּאַסירט?

— טויט? איר מיינט צו זאָגן מאַקס איז געשטאָרבן? אין שאַפּ?

— אָבער איך האָב דאָך אים ערשט געזען! איך האָב אים געזען מיט אַ... צוויי שעה פריער.

— יאָ, עס נעמט ניט לאַנג צו שטאַרבן. דאָס איז אמת... אָבער, ווי אַזוי?

אין דער פּאַוזע, צווישן „איז אמת" און „אָבער ווי אַזוי", האָט דער מענטש אויף יענער זייט שוין געהאַט אויפגעהאַנגען דאָס טרייבל, אויף דער פראַגע „ווי אַזוי" איז דער ענטפער שוין געווען אַ זשומען פון אַ טויבן טעלעפאָן.

— העללאָ! העללאָ? — האָט דוד נאָך אַריינגעשריען, אַריינגערעדט אין טעלעפאָן, אין זיין שטימע איז שוין אָבער ניט געווען קיין בייזער. ער האָט נאָכלעסיק אַ לייג געטאָן דאָס טרייבל, אַפילו ניט געווען קיין אימפּולס נאָכאַמאָל דרייען דאָס רעדל.

— ער איז טויט.

אַרויסזאָגנדיק די ווערטער, האָט דוד דערהערט ניט זיין שטימע, נאָר די שטימע, דעם טאָן פון יענעם מענטשן, דעם פּאָליציי באַאַמטן, וואָס האָט אים איבערגעגעבן די ידיעה. ער האָט דערזען אַ פּאָליציי מונדיר, אַ היטל, קנעפּ, אין דעם מונדיר, אונטער דער היטל האָט זיך אַריינגעשטעלט אַ געשטאַלט, אַ פּנים פון אַ... טראַפּיק פּאָליציסט, וואָס ער האָט שוין וויפיל מאָל געזען. אָט דער פּאָליציסט אין שאַפּ... ער האָט דערזען דעם שאַפּ, מאַקסן אַ טויטן, ליגנדיק אויף דער... ערד.

אָט דאָס בילד — מאַקס אַ טויטער אויף דער ערד, האָט אים אַ טרייסל געטאָן. ער האָט זיך אַרומגעקוקט. צולויפן אַהין. נעמען אַ טעקסי, צופאָרן. זאָגן דער מומע. איר זאָגן?

זיין גאַנג, אין זאָל אַריין צו די מחותנים, אַ ישובנדיקער: זאָגן — ניט זאָגן? אַרויסגיין. זאָגן ער דאַרף ערגעץ נייטיק צוגיין. זיך אַרויסרוקן קיינער זאָל ניט באַמערקן. צוגיין. און וואָס וועט ער דאָרטן טאָן?

ניט זיכער האָט דוד צוגעצויגן די טיר הינטער זיך, געבליבן שטיין אויפן שוועל צום זאָל. די שטילקייט דאָרט האָט אים אַ קלאַפּ געטאָן אין די אויערן. ער האָט דערזען אַ רעדל, דערהערט:

— איך קום ערשט פון דאָרטן. אומגעפער אַ שעה פריער האָט מיר לילי טעלעפאָנירט צי וויל איך גיין צו דער פּאַרטי. „פאַרשטייט זיך, איך וויל"

זאָל איך קומען זי נעמען מיט מיין מאַשין. „וואָס איז מכוח מאַקסן? גייט ער ניט?״ ער גייט, אָבער ער איז פאַרנומען אין שאָפּ, זי פּילט ניט ווי צו טרייבן, דעם שאָופער וויל זי ניט נעמען, זאָל איך קומען נאָך איר, אַהיים וועט זי פאָרן מיט מאַקסן. בין איך אַוועקגעפאָרן צו איר. זי איז שוין געווען אָנגעטאָן גרייט צו גיין, ערשט דער טעלעפאָן קלינגט. זי זאָל גלייך קומען אין שאָפּ אַריין. עפּעס האָט פּאַסירט מיט מאַקסן, זי זאָל גלייך קומען. האָב איך זיך אַריינגעזעצט אין מאַשין און געטריבן... ווען אַ פּאָליסמאַן כאַפּט מיך וואָלט איך שוין איצט געווען אין תפיסה, ניט דאָ. צוויי סטאָפּ סיגנאַלן פאַרבייגעפאָרן. אָבער איך בין סיי ווי געקומען צו שפּעט. ער איז שוין געווען טויט. אַ האַרץ אַטאַקע.

— אָבער ווי? אַזוי פּלוצלונג?

לויט ווי דער פאַרשוין דאָרט האָט דערציילט... דער פאַרשוין איינער אַ מר. מקליין, אַן אַגענט זיינער, זאָגט ער, האָט אים געבראַכט אַ בילעט און אַ דערלויבעניש צו פליען מאָרגן אָוונט קיין ניו יאָרק. אונדז געוויזן דעם בילעט, געפרעגט וואָס זאָל ער איצט טאָן מיט אים. מאַקס ליגט טויט און ער — בילעט. קען אים צוריקגעבן. אוודאי קען ער און קריגן דאָס געלט צוריק, כאָטש איך האָב אַ פאַרדאַכט אַז מאַקס האָט אים פאַרן בילעט שוין באַצאָלט. ווי ס'ניט איז, ער האָט אים געבראַכט דעם בילעט, געזעסן און גערעדט, גענומען צוביסלעך שנאַפּס. דער פאַרשוין קען, ווייזט אויס, אַריינגיסן, געשמעקט פון אים אַ מייל די ווייט, פּלוצלונג, אינמיטן רעדן איז אים ניט גוט געוואָרן, געהייסן רופן אַ דאָקטאָר, רופן אַהיים, רופן רחלען. רופן רחלען, דאָס זיינען געווען זיינע לעצטע ווערטער. מער האָט ער שוין ניט גערעדט. האָט דער פאַרשוין גערופן דעם שפּיטאָל. דער אַמבולאַנס איז געקומען, האָט דער דאָקטאָר געזאָגט: צו שפּעט. טויט. געראָטן רופן די פּאָליציי. דערווייל זיינען מיר אָנגעקומען. פּאָליציי האָט גענומען פרעגן, אויספאָרשן, גענומען רעדן וועגן פּאַלמעסן. האָט לילי גענומען רופן מעניו. אים קוים געקראָגן. מעני געקומען, האָב איך זיך מישב געווען: וואָס טויג מיין זיין דאָרט? בין איך אַוועקגעגאַנגען אַהער. יאָ, ער איז געווען אַ קראַנקער מענטש, ער האָט אָבער געגלויבט אין אַרבעטן, און ער איז זיכער געשטאָרבן אין שפּאַן, — האָט דער דערציילער פאַרענדיקט מיט אַ פילאָזאָפישער מינע.

אַ לעקטאָר האָט פאַרענדיקט אַ לעקציע. ער איז ניט געשטאַנען אויף קיין בימה, ניט געשטאַנען העכער פון עולם, ער האָט זיך דאָך געפילט חשוב, ער האָט געבראַכט אַ שלעכטע בשורה, ער האָט אָבער געבראַכט נייס, וואָס קיינער האָט ניט געוואוסט, נאָר ער.

דוד האָט געוואוסט די „נייס״, דאָך האָט ער שטיל אויסגעהערט דעם דערציילער, אים אַפּילו ניט איבערגעשלאָגן צו פרעגן: איז ער געלעגן אויף דער ערד? און אים האָט עס זייער געעגבערט. ווען דער נייס ברייני-גער האָט פאַרענדיקט איז דאָס רעדל אַרום אים געבליבן שטיין, קיינער האָט ניט געוואָגט עפּעס זאָגן, אָפּגיין פון רעדל. די נייס וועגן טויט איז גע-שטאַנען אַנטקעגן, היינטן איז געשטאַנען דער טויט גופא.

די ערשטע זיך אָפּצוטיילן זיינען געווען די סאָלדאַטן. זיי האָבן אַ טראַט געטאָן, מיט זייערע שווערע שיך אָנגעטראַטן אויפן טויטן שאָטן, זיך אַ דריי געטאָן, האָבן זיי אים צעריסן און ער האָט זיך אַ יאָג געטאָן. אַנדערע האָבן נאָכגעפאָלגט, און דער טויטן שאָטן האָט זיך שוין געיאָגט אויף אַרויס.

— לאָמיר נעמען אַ טרונק! — האָט איין סאָלדאַט אַ זאָג געטאָן. תוך כדי דיבור איז דאָס פלעשל געווען ביי איינעם אין האַנט, ער האָט געגאָסן אין די גלעזלעך, אַריבערגעגאָסן. אויך די ציווילע געסט האָבן אונטערגע-שטעלט די גלעזלעך.

— לחיים!

— לחיים! — האָט דוד אַ זאָג געטאָן, אַריינגעגאָסן דאָס גלעזל און גלייך עס אונטערגעטראָגן צום אָנפּילן. אַריינגעגאָסן דאָס צווייטע גלעזל, האָט ער געהאַלטן דעם בראָנפן אין מויל, אים „צעקייט״, געפילט אַ וואַרימ-קייט אין מויל, די וואַרימקייט האָט זיך געשפּרייט צום קאָפּ צו. זיינע אויגן האָבן אויפגעבלישטשעט. בגילופין בליאסק? ניט נאָר דאָס. אַ בגילופנדיקער, האָט דוד זיך אַ העצקע געטאָן אויף זיין פּסיכאָאַנאַליטיש פּערדל. — דער טויטן טריב! דאָס איז עס! ער האָט עס געפּאַקט! לכתחילה אַזוי געדיינקט! יאָ, דער טויטן טריב. — ער האָט אָנגעגאָסן נאָך אַ גלעזל, דערפילט אַ נאַסקייט אויף די פינגער, אים האָט עס ניט גע-קימערט. — ניין, ער איז ניט שיכור, אַפילו ניט שיכורלעך, ער וויל בלויז עמיצן דערקלערן... טויטן טריב. — די מומע מלכה איז אָנגעקומען. ער האָט איר פאַרשטעלט דעם וועג.

— לחיים, מומע! לחיים, פאַרן פערד, מיין איך פאַר אונדזער טייערן קרוב, וואָס איז געפאַלן אין שפּאַן. לחיים!

ער האָט איבערגעקערט דאָס גלעזל און פאַרשייט אַ וואונק געטאָן: מיר ווייסן!

די מומע האָט אַרויסגענומען דאָס גלעזל פון זיין האַנט, מיטן קוק גע-זאָגט: זאָלסט מער ניט טרינקען. זי האָט געזוכט וואו אַוועקצושטעלן דאָס גלעזל און איז אָפּגעגאַנגען פון דודן.

— זי דענקט איך בין שיכור, — האָט דוד געמורמלט צו זיך אַליין און אַ צופרידענער שמייכל האָט זיך געשפּרייט איבער זיין פּנים. — ניין, ער איז ניט שיכור. ניט פון בראָנפן, ער קען אויסטרינקען אַ פולע פלעשל און דאָס ניט פילן. ער איז שיכור פון לעבן. דאָס איז עס. פון לעבן! דאָס איז דאָס וואָרט. טויטן טריב? זייער פיין. אויך אמת, צו דערזעלבער צייט אָבער לעבט ער, ער איז פול מיט לעבן. יעס סיר! ער איז לעבעדיק און ער וויל לעבן. אָט־די־אָ ווייבל...

אַ ראָזעווער שיכרות נעפּל. דודס גלאַנציקע אויגן שטעכן דורך דעם נעפּל, באַלויכטן אים דעם וועג צו אָט דער ווייבל... — אירע בריסט... ער האָט זיי פריער קיינמאָל ניט באַמערקט . . . ניט אַזעלכע . . . זיי מוזן זיין.. זי איז... ער'ט טאַנצן מיט איר. ביי גאָט! ער וועט טאַנצן.



ל. טרייסטער

מחותנים

אין באָוואוסטן וואָל־ און זייד־געשעפט, אין דער איסט סייד, וואָס האָט באַלאַנגט צום עטלעכע־און־פערציק־יאָריקן אימיגראַנט, יוסף רובין, דעם פּרעזידענט פון קליינעם שולכל „מקוה ישראל", אַרום דילענסי סטריט, איז געווען אַ שטאַרק געטומל און האַוועניש.

פאַמיליעס פון דער בראָנקס, פון ברוקלין, פון לאָנג איילענד, וואָס האָבן געגאַרט אויסצוריכטן זייערע היימען מיט שיינע גאַרדינען, מיט פאָר־טיערן, מיט בעט־דעקעס, מיט מעבל־ציכן, זיינען אַריבערגעקומען צו מיסטער רובין אין דעם אָנגעפּראָפּטן, פאַרשיידנאַרטיקן פאַבריקאַטן־געשעפט, וואו זיי האָבן געקראָגן די בעסטע שטאָפן, די פיינסטע אויפגעאַרבעטע אַרטיקלען — און דערצו נאָך שטאַרק געגלייבט, אַז זיי קויפן מציאות.

אויך מאַנופעקטשורערס פון מענער־מלבושים, פון פרויען־קליידער, וואָס האָבן געהאַט זייערע שעפער „אַפּטאַון", אין ניו־יאָרקער רייכן, אינ־דוסטריעלן באַקליידונגס־געגנט, האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט צו אים פון די הויכע הימלקראַצערס־שטאָקן, איינצוהאַנדלען זיך זעלטענע טוך־סחורות, וואָס ער גראַבט אויס פון אונטער דער ערד און פאַרקויפט פאַר אַזאַ פּרייז, וואָס גיט פאַבריקאַנטן אַ מעגלעכקייט צו שטיין אין ביזנעס און אויסהאַלטן די קאָנ־קורענץ פון גרעסערע.

עס איז געווען אַזאַ געדרענג אַרום דעם לאַנגן, מיט טינט באַשריבענעם, האַנדלס־טיש, ביי די ראַלן מאַטעריאַלן, וואָס אויף די ווענט־פּאָליצעס, ביי די הילצערנע פּלאַטפאָרמע־געשטעלן, וואָס זיינען שורותוויז געשטאַנען אין מיטן סטאָר מיט רעשטלעך דאַמאַסקין, טאַפּעסטרי, סאַמעט, פּליוש און אַנדערע סאָרטן, אַז איינער האָט געטראָטן אויפן צווייטנס פיס. טייל מענער האָבן דערפאַר נישט געוואַרט אויף דער באַדינונג פון די געשעפט־אָנגעשטעלטע און אַליין אַרויסגעשלעפּט מוסטערן פון די שטויסן סחורות, פון די אויפגעאַר־בעטע אַרטיקלען. אַנדערע האָבן אַרויסגעצויגן ציגאַרן פון זייערע וועסטל־קעשענקעלעך, דערלאַנגט זיי צו די „סיילסלייט" פאַר שענקען אויפמערקזאַמ־קייט. פרויען האָבן צעעפנט זייערע האַנטבייטלען און פון דאָרט מכבד געווען מיט קיי־גומע. אַנדערע האָבן געחנפט, אָפטמאָל אַפילו אונטערגעקומען מיט נישט־אָנשטענדיקע ליצנות־ווערטלעך — — —

עס האָט זיך געליאַרעמט ווי אויף אַ הינט־אויסשטעלונג.

ווי אַלעמאָל האָבן אויך איצט געאַרבעט צען געשעפט־אַנגעשטעלטע. אַ חוץ זיי — האָט אויך אַרויסגעהאָלפן דאָס מיידל, וואָס זיצט ביים רעגיסטער; אויך די בוכפירערין, וואָס מ'גיט איר נישט קיין געלעגנהייט אַפּצושלאָפן די אָפיס־צייט ביי די ביכער; אויך דעם אייגנטימערס זון, סאָל, דער איבערגע־וואַקסענער בחור מיטן גענדזענעם גערגעלע, וואָס איז חתן צו ר' אלימלכס, דעם שול־רבס בת־יחידה, הילדע, און וואָס צוליב זיין הויכקייט האָבן מענטשן ליב צו טרייבן שפּאַס און רעדן אַרויף צו אים דורך אַ טעלעפאָן, כאָטש זיי געפינען זיך מיט אים זייט ביי זייט.

דער איינציקער, וואָס האָט געפעלט צום רומל, איז געווען דער אייגנטימער זעלבסט, מיסטער יוסף רובין.

אַן אַנדערש מאָל איז ער אויך אין קאָך. ער לויפט אַרום פון פלאַץ צום פלאַץ, פון ווינקל צום ווינקל, מיט אַ בליישטיפט אונטערן אויער, מיט אַ שער אין דער הינטערשטער הויזנקעשענע, מיט צוויי, דריי פיל־פעדערס אין זיין אויבערשטער וועסטל־קעשענע און מאָלט מיטן מויל פאַר פייער און פאַר וואַסער. ער קלעטערט אויף לייטערלעך צו די הויכע פּאָליצעס נאָך פאַר־וואַרפענע אָדער פאַרגעסענע רעשטלעך. ער וואַרפט דורך שטיקער שטאָף איבערן יאַרדשטיק. ער שניידט, רייסט און שערט. ער רופט אָן צענדליקער נעמען פון סחורות, זייערע פאַרשיידענע סאָרטן, זייערע קוואַליטעטן, זייערע קאָלירן, דעסנס. ער איז אַזוי פאַרהאַוועט, אַז זעלטן־ווען קען מען מיט אים אַרויסרעדן אַ נישט־געשעפטלעך וואָרט. שוין אָפּגערעדט פון אַ נישט־מסחרדיקן, געמיטלעכן, לאַנגן שמועס. אפילו פונוועגן צדקה, אָדער מכוח אימעצן אַרויסהעלפן מיט אַ גוט־וואָרט, וועט ער זיך נישט לאָזן לאַנג באַלאַ־מוטשען. נאָר ער לויפט, נאָר ער מאָלט. איטלעכע מינוט איז ביי אים ציפער, חשבון, געלט, טשעקס. נישטאָ קיין צייט פאַר דברים־בטלים.

איצט איז ער אָבער אין קאָך נישטאָ. אַרויס און פאַרטיק.

איצט לויפט ער נישט און רעדט נישט. ער קלעטערט נישט און שערט נישט. ער גיט נישט קיין באַפעלן און פאַרהאַפטעט ניט קיין צוזאָגן. איצטער איז ער גלייך ער וואָלט דאָ קיינמאָל נישט געווען און קיינמאָל קיין שייכות, אפילו דעם מינדעסטן, מיט אָט דעם געשעפט דאָ נישט געהאַט. אַן אויס־נאַם פון אַלע צייטן, זינט ער איז געשעפטסמאַן, איז געווען אָט דער הייב־טיקער טאָג. כמעט אַן אייגענער, פערזענלעכער תשעה־־באָב.

אין אָט אַזאַ פאַרטרויערטן תשעה־באָב צושטאַנד איז ער איצט גע־שטאַנען ביים הילצערנעם מלבושים־ געשטעל, טיף אין הינטערגרונט פון סטאָר, און האָט זיך אַראָפּגענומען דאָס רעקל צום אַוועקגיין.

פון טייל זייטן האָבן צו אים געקוקט אייניקע געשעפט־אַנגעשטעלטע, אויך קונדן. זיי האָבן געוואָלט וויסן, וואָס אַזעלכעס עס איז מיט אים געשען. אָבער קיינער האָט נישט געקענט דערגיין.

אגב, נאָך אינדערפרי איז ער, מיסטער רובין שוין נישט געווען מיט אַלעמען. ווי נאָר די בייציייטנס זיך־געיאָוועטע קונדן האָבן דאָ די שוועל אַריבערגעטראָטן, האָט ער נישט געמאַכט מיט זיי קיין לאַנגע שהיות און זיי אָפּגעשיקט צו די אָנגעשטעלטע:

— צו זיי...

און נאָכדעם בלויז געשטאַנען אין אַ ווינקל, ביים עק האַנדל־טיש, אָנגעשפּאַרט אָן דער וואַנט און נישט געמישט זיך אין גאָרנישט. ער האָט נאָר געשוויגן. ער האָט נישט געזען און עס איז אים נישט אָנגעגאַנגען — ווער עס איז דאָ אין סטאָר, פון וואַנען די מענטשן זיינען, וואָס זיי דאַרפן, וויפיל. עלעהיי אַ פרעמדער! און אויב אימעצער האָט נישט געוואוסט, איז צוגעקומען אַריינשטעקן אים אַ ברייטן „האָו־דו־יו־דו?" און האָט בדעה געהאָט אָנצוהייבן רעדן וועגן געשעפט, האָט דער אָנגעכמורעטער מיסטער רובין קיין וועזן נישט געמאַכט פון דעם כבוד און דער חניפה און בייז אַ ווייז געטאָן אויף די אָנגעשטעלטע:

— זייט מוחל... צו זיי...

ער האָט נאָך היינט אפילו אין זיין מויל גאָרנישט נישט געהאַט.

האָט אים די פרוי זיינע אין דער היים, באַלד אינדערפרי, אַוועקגעשטעלט קאַווע אויפן קיך־טיש, האָט ער איר פאַר דער גוטסקייט אירער קורץ און שאַרף, מיט רוגזה און באַליידיקונג אָפּגעצאָלט:

— גיס עס אין דיין אייגענעם האַלדז אַריין...

האָט אים סאַל, דער איבערגעוואַקסענער זון מיטן געגנדזענעם גער־געלע, אַ זאָג געטאָן אין סטאָר, אין מיטן טאָג, צו גיין אַהיים, אָדער זיך אַריינכאַפּן אין אַ רעסטאָראַן און עפּעס איבערבייסן, האָט ער ברומענדיק אַזאַ וואָרף זיך געטאָן, אַז יענעם איז שיר־נישט די נשמה אַרויס:

— הער מיר אויף צו דולן אַ קאָפּ!...

די איינציקע זאַך, מיט וועלכער ער האָט זיך אָפּט, כאָטש אין אַ פּאַר־קלאַפּעטן צושטאַנד, באַשעפטיקט, איז געווען דער זייגער. פון צייט צו צייט האָט ער האַסטיק אַ כאַפּ אַרויס געגעבן דעם זייגער פון דער אונטערשטער וועסטל־קעשענע און אַ קוק געטאָן — ווי שפּעט ס'איז. אַלץ, וואָס ער האָט באַגערט איז געווען: פינף אַ זייגער נאָכמיטאָג. די דאָזיקע צייט איז פאַר אים געווען אַזוי דרינגענד־נויטיק און, דעסטגלייכן, אַזאַ וויכטיקער ווענד־פונקט אין זיין היינטיקן טאָג, און צוליב דער אייגענער זאַך אויך אין דער רעשט פון זיין לעבן, אַז ער האָט זיך גאָרנישט געקענט דערוואַרטן.

און ענדלעך — איצט, אַז ס'האָט שוין געהאַלטן ביי אַט־אַט־אַט, איז ער צוגעגאַנגען צום מלבושים־געשטעל און האָט זיך אַראָפּגענומען דאָס רעקל.

דער גרויסער עולם אַרום האָט זידך אומגעקוקט, אויפגעשטעלט די אויגן און געפּאַרשט אים:

— וואוהין גייט ער ?
— וואָס איז געשען מיט אים ?
וואָס איז צו אים צוגעשטאַנען ?
אָבער ער . . .

ער איז פאַרבייגעגאַנגען דעם עולם אַ שטומער, נישט אומגעקוקט זיך אויף גאַרנישט און קיינעם. ער איז אַרויס אין דרויסן און גיך, נישט אָפּ־ווייכנדיק פונעם וועג אפילו אויף קיין האָר, זיך פאַרנומען גלייך צו דער שול, פון וועלכער ער איז דער פּרעזידענט.

:: :: ::

צווישן צוויי רייען הויכע, הושכדיקע טענעמענט־הייזער, וואו אין די זומעריש־צעפּראַלטע פענצטער האָט זיך געלופטערט אָנציכלדיק בעטגעוואַנט, אַלטע מלבושים, שטיקער אָפּגעקראַכענע טעפּיכער, איז אומבאַמערקט, האַרט ביים טראָטואַר, ווי אַ טייכל צווישן טאַדעס שאָף, געשטאַנען די שול „מקוה־ישראל".

אונטן, אונטער דער שול, אין אַ לאַנגן, דומפּיקן זאַל, וואָס איז אַמאָל־אַמאָל געווען אַ קעלער פאַר זויערע אוגערקעס, איז ביי אַ טיש געזעסן אַ תלמוד־תורה־לערער — אַ שטילינק, מיטלוואוקסיק מענטשל מיט קליינע, שוואַרצע אויגן — און האָט תמימותדיק, האַרציק געלערנט מיט זעקס אָרעמע יינגלעך חומש מיט רש"י —

— וכי ימוך אחיך, און אַז דיין ברודער וועט אָרעם ווערן, ומטה ידו עמך, און זיין האַנט וועט זיין שוואַך ביי דיר, והחזקת בו, זאָלסטו אים אויפהאַלטן, גר, צי ער איז אַ פרעמדער, ותושב, אָדער אַן אייגעוואַנדערטער, וחי אחיך עמך, און ער זאָל קענען לעבן ביי דיר . . .

די טיר פון דער תלמוד־תורה, וואו דער לערער האָט געלערנט איטלעכן טאָג, צוויי שעה, מיט די זעלביקע זעקס יינגלעך, איז געווען אָפן און די קולכלעך פון די תלמידים און די טיפע ברוסט־שטים פון פערציק־יאָריקן, וואָרעם־ אונטערזינגענדיקן לערער, וואָס האָבן זיך געהערט אין דרויסן, אויף דער גאַס, האָבן אָפט פיל פאַרבייגייער אָפּגעשטעלט און אַרויסגערופן ביי איניקע — חידוש און ביי אַנדערע — התפעלות. אויך איצט זיינען אויף דער גאַס, ביי די טרעפּלעך, וואָס פירן אַראָפּ אין דעם קעלער־זאַל, געשטאַנען מאַנצבילן, ווייבער, טייל מאַמעס מיט זייערע זויג־קינדער אויף די הענט און האָבן אַריינגעקוקט.

בעת דעם האָט זיך באַוויזן מר. יוסף רובין, מיט אַ ציגאַר אין מויל, מיט פלעמלעך אין די גרינע אויגן, און שנעל, ווי נישט צו פאַרשפּעטיקן זיך אויף קיין איין רגע, זיך אַראָפּגעלאָזט אין דער תלמוד־תורה.

— איין ווייל . . . — מאַכט ער נישט קיין לאַנגע שהיות ווי נאָר ער

איז צו צום לערן־טיש, נעמט זיך אַרויס דעם ציגאַר פון מויל און לייגט אַרויף אַ ברייטע האַנט אויפן לערערס אָפענעם חומש — איין ווײַלע...

דער לערער, אַן עניו, אויך אַ שטיקל פּחדן, האָט אויפגעהערט לערנען, געזאָגט די ייִנגלעך זיי זאָלן שווייגן, און גענומען קוקן אויפן שול־פּרעזידענט, וואָס איז אויך זיין ברויט־געבער.

— זייער וואויל, מר. רובין, — זאָגט ער מיט דרך־ארץ און שטעלט זיך אויף — וואָס וועט איר עפּעס גוטס זאָגן?...

מר. רובין האָט אַ קנייטש געטאָן מיט דער נאָז אויף דעם לערערס לעקישעוואַטער גוטסקייט, ראַפּטום אַ קלאַפּ געגעבן אין טיש און גענומען קוקן אויף די ייִנגלעך מיט אַ פאַראַכטנדיקן בליק:

— פון מאָרגן אָן, — שטעקט ער זיך צוריק אַריין דעם ציגאַר אין מויל און נעמט אים באַקוועם מאַכן אַמאָל אין רעכטן ווינקל, אַמאָל אין לינקן — פון מאָרגן אָן קומט איר מער נישט לערנען. פאַרשטאַנען?...

דער לערער, אַ צעטומלטער, האָט זיך גענומען רוקן אויף הינטער זיך, נאָכדעם אָנגעכאַפּט אַ ייִנגל ביים קעלנערל, ווי ער וואָלט אים געוואָלט באַשיצן פון אַ גרויסער סכנה, און אָנגעהויבן שטאַמלען:

— אַ? וואָס האָט איר געזאָגט?... נישט קומען לערנען?...

— יאָ!

— היתכן? — האָט דער לערער ווידער זיך אָנגעהויבן צו פאַרהיקען אין רעדן — וואָס אַזעלכעס איז געשען, מר. רובין?

— כ'מאַך צו די תלמוד־תורה.

ביים לערער האָבן זיך איצט אויסגעקרימט די ליפּן, וואָס אין זייער נישט־געוויינלעכער פּאָזע האָבן זיי אים שרעקלעך מיאוס געמאַכט סיי ביי די תלמידים, סיי ביים שול־פּרעזידענט. זיי האָבן געציטערט ווי אין פיבער.

— וואָס האָט איר געזאָגט?

— און דאָס איז אייער לעצטער טאָג, — נעמט מר. רובין באַלד אַרויס אַ לעדערן טייסטערל פון רעקל־קעשענע און גיט דעם לערער די שכירות פאַר אַ גאַנצער וואָך.

דער לערער האָט נישט געקוקט אויפן געלט. ער האָט אפילו נישט איינזינען געהאַט, אַז עס קומט אים. אויב עפּעס פאַר זיינע אויגן און אין זיין געדאַנק האָט איצט געהאַט וועלכן ס'איז זינען, איז עס געווען — דאָס ווייטערע אויפהאַלטן פון דער תלמוד־תורה.

— מעג איך האָבן אַ קשה, — נעמט ער דורך שטיקעניש אין האַלדז ווידער רעדן — מעג איך בעטן, איר זאָלט מיר כאָטש מרמז זיין, וואָס עס האָט גורם געווען? מעג איך?... ס'איז דאָך היינט, געלויבט השם יתברך, נישט ערגער ווי מיט אַ יאָר צוריק, ווי מיט דריי יאָר צוריק. האָט איר אפשר עפּעס, חלילה, קעגן די תלמידים? קעגן מיר?

דער שול־פּרעזידענט האָט אָבער אויף דעם גאַרנישט געענטפערט. עס איז אים אַ פּשוט נישט געלעגן אין זינען און אַ נישט אָנגעשטאַנען צו ענטפערן. ער האָט זיך בלויז אַריינגעשטעקט אין מויל דעם ציגאַר, וואָס ער האָט געהאַט אַרויסגענומען, כדי אָפּצואווישן זיך דעם שוים פון די ליפּן, און אויסגעשטרעקט אַ האַנט צום לערער:

— אָהער דעם שליסל.

ס'הייסט — דעם שליסל פון דער תלמוד־תורה.

דער לערער האָט איצט אַרונטערגענומען די הענט פונעם יינגעלע, וואָס ער האָט געהאַלטן צוגעדריקט צו זיך, און אַרונטערגעלאָזט די אונטער־שטע, גרעבלעכע ליפּ לעפּישעוואַטע.

— אמת . . . — פאַרקרימט ער די אויגן פון אַ מחשבה. — אמת, מר. רובין איז דער געלט־געבער. פון זיין אייגענער קעשענע, אין משך פון יאָרן, צאָלט ער די שכירות. פון די זעקס אָרעמע יינגלעך קומט דאָך נישט אַריין אפילו קיין וואַסער אויף קאַשע. אמת, אין דער שול איז אויך נישטאָ קיין קאַסע, וואָס זאָל קענען דעקן די הוצאות פון דער תלמוד־תורה. אויך דאָרטן איז דאָך נישט גוט. די שול איז כמעט אָן יידן. מ'קומט נישט דאַווענען. דאָס, וואָס מ'קריגט אַריין פון ימים־נוראים־דאַוונערס פאַר די זיצפּלעצער, סטייעט נישט אויף קיין פיר, פינף חדשים, און דערפאַר טאַקע ווערט אויך דער רב דאָרטן אויסגעהאַלטן פון אים, מר. רובין. אָבער קען מען דען אים, דעם לערער, פאַרווערן, ווען ער וויל סיי־ווי־סיי לערנען מיט די קינדער? מעג מען? . . . רבונא דעלמא כולא . . .

און שטאָט ענטפערן וועגן שליסל, נעמט ער זיך גאָר רעדן וועגן די קינדער זעלבסט.

— זיי זיינען דאָך אַזוי גוט אין חומש מיט רש"י, מר. רובין. אַזעלכע טייערע קעפּלעך. ס'וואָלט, אויף מיינע נאמנות, געווען אַ חילול־השם, ווען מ'לאָזט אַזעלכע טייערינקע, ליבינקע קינדערלעך, אָן אַ מדריך... אַ? וואָס זאָגט איר, מר. רובין? . . . איר ווילט אויפהערן צאָלן? עס גייט אייך וועגן אייער געלט . . . . נו . . . מילא . . . אָבער פאַרוואָרט מיר כאָטש נישט אַריינקומען דאָ יעדן טאָג אויף צוויי שעה און אָנהאַלטן ס'לערנען מיט די זיידענע נשמהלעך . . .

— אָהער דעם שליסל! — האָט זיך מיסטער רובין שטאַרק כעסיק אַ צי אַרויס געטאָן דעם ציגאַר פון מויל און נאָכאַמאָל אַ קלאַפּ געטאָן אין טיש — וויפיל מאָל דאַרף איך רעדן?

— כ'וויל דאָך נישט קיין באַצאָלט . . . — זאָגט ווידער דער לערער תחנונימדיק, כ'מיין דאָך נישט, חס וחלילה, אייך איבערצופירן רבונא דעלמא כולא... וואָלט איך געהאַט אַ באַקוועמע דירה, וואָלט איך זיי פאַר־

בעטן קומען צו מיר אין שטוב. דערצו, בין איך דאָך אַ מטופּל מיט קינדער־לעך, אָן עין־הרע, ס'איז ענג און טומלדיק.

— האָט איר געהערט, וואָס איך האָב געזאָגט? — איז דער שול־פּרעזידענט צוגעגאַנגען זייער נאָענט צום לערער, כמעט נאָז צו נאָז, — אַהער גיט דעם שליסל און גיך פאַרנעמט זיך פון דאַנען מיטן קליינוואַרג.

דעם לערער איז איצט קאַלט געוואָרן. ער האָט דערזען אין אָט־דעם אַרויפגעאַרבעטן, באַוואוסטן ייד דעם אַמאָליקן לאַנדסמאַן זיינעם, דעם בושהלאָזן שיק־יונג ביי איינעם אַ גבירשן שניט־סוחר אין אַ פּויליש־יידישער שטאָט. מיט אַ ציטערדיקער האַנט האָט ער אַנגעהויבן בלאָנקען אין רעקל־קעשענע, אַרויסגענומען דעם שליסל און אים איבערגעגעבן צום שול־פירער.

*

אין דרויסן, נאָכן פאַרשליסן די טיר און דערווייטערן זיך פון לע־רער און די קינדער, האָט זיך מיסטער רובין געפילט גרינגער. ער האָט זיך אַראָפּגענומען דעם ווייסן פּאַנאַמאַ־הוט פון קאָפּ און נישט געדאגהט זיך, וואָס מענטשן אויף דער גאַס, אָדער אין די אָפענע פענצטער פון די טענעמענט־הייזער וועלן אים זען און פאַרוואָרפן, באשר ער, דער שול־פּרעזידענט גייט אַרום ווי אַן אפיקורס. עס האָט אים איצט גאָרנישט געאַרט, וואָס מענטשן וועלן וועגן אים מורמלען. ער האָט זיך, אייגנטלעך, קיינמאָל נישט גענומען צום הארץ, וואָס מענטשן זאָגן. אויב מ'זאָל זיך צוהערן צו דעמס און יענעמס מיינונג, — האַלט ער, — דאַרף מען אַלעמאָל ליגן אין דר'ערד. עס איז אַ וועלט, וואָס ווי אַזוי דו קנעטסט זי, אַזוי באַקט זי זיך אויס. און טאָמער וועסטו וואַרטן ביז אַנדערע וועלן זיך מכלומרשט כשרדיק מכין־זיין און מיט פאַרגלאָצטע אויגן מאַכן די ברכה איבער דעם קוילעטש, וועסטו קיינמאָל קיין חלק נישט קריגן. מ'וועט שוין זען, אַז דו זאָלסט פאַר־טיילט ווערן. און דערפאַר אויך איצט גלייכגילטיק, מיט ביטול צו דעם, וואָס מ'וועט זאָגן וועגן אים, איז ער אַדורכגעגאַנגען די עטלעכע גאַסן, וועלכע ער האָט באַדאַרפט דורכגיין, און איז אַריין אין זיין אייגענער טענעמענט־גע־ביידע, וואו ס'געפינט זיך זיין אַפּאַרטמענט.

אין פראָנט־צימער, וואו ר'איז אריינגעקומען, האָט ער געטראָפן די פרוי זיינע ביים טעלעפאָן און רעדן צו אירס אַ שוועסטער. רובין האָט נישט געמאַכט די קלענסטע אָנשטרענגונג צו הערן, וואָס זי זאָגט און וועגן וואָס דער שמועס גייט אָן. אַזוי ווי ער גייט און שטייט, נאָר אָן דעם פּאַנאַמאַ־הוט, האָט ער זיך אַ לייג אַוועק געגעבן אויף דער זעלטענער סאָפע, איבער וועלכער עס איז געהאַנגען אויף דער וואַנט אַ גרויס פישפאַנג־בילד מיט רעשיקע קאָלירן.

— אַאַאַ . . . — האָט ער טיף און מיט הנאה אָפּגעדעכעט.

עס איז געווען אַ זעלטענע מתיקות אין אָט־דעם איצטיקן ליגן. ער

איז שוין אין זיין לעבן פיל מאָל זייער מיד געווען, אויך זייער אויפגערעגט, אויך געהאַט ביטער־דריקנדיקע עגמת־נפשן, פון וועלכע דאָס האַרץ איז אָפּט שיר נישט פאַרקלעמט געוואָרן. אָבער קיין איין מאָל האָט ער אין אַוועקלייגן זיך נישט געפילט אַזאַ אָנגענעם, אַזאַ זיך־צעגייענדיק זיס געפיל אין די ביי־נער, ווי ער פילט איצט. עס האָט אים אַזוי פאַליובעט, אַז ווי פון זיך אַליין איז אַרויסגעקומען אַ צווייטער אָפּגעדעכעטער „אַאַאַ״, דערנאָך — אָפּילו באַ־גלייט פון אַ זייער וויכטיקן געדאַנק, וואָס האָט, אַגב, ביי אים אויפגעבליצט נאָך אינדערפרי, נאָר איצט, צוליב דעם געשעעניש דאָרטן אין שול־קעלער, בלויז זיך איבערגעחזרט. דער געדאַנק: דאָס פאַרמאַכן די תלמוד־תורה וועט זיין אַן אויסגעצייכנט גוטע וואָרנונג פאַרן רב, פאַר דער רביצין און זייער טאָכטער הילדען. ס׳הייסט דער כלה. ס׳וועט זיין אַ התראה, וואָס זיי קענען פון אים, דעם מחותן רובין, דערוואַרטן, אויב זיי וועלן זיך באַצייטנס נישט אויסטשוכען פון זייער שלאָף . . . דאָס צומאַכן די תלמוד־תורה איז בלויז אַן אָנהויב . . .

און ווייל דאָס דאָזיקע געמיט האָט אים נישט איינגעשלעפערט, פאַר־קערט — גאָר אויפגעמינטערט, אויפגעפרישט, האָט ער זיך באַלד אויפגע־זעצט און מיט שעלמיש־לוסטיקע אייגעלעך גענומען קוקן אויף דער פרוי, וואָס איז שוין געווען פאַרטיק מיטן טעלעפאָן־שמועס.

— המ . . . — וויל ער עפּעס זאָגן, אָבער עס פאַרהאַקט זיך ביי אים באַלד דאָס לשון. נאָך אַ ווײַלע נעמט ער זיך אָבער אָן מיט מוט און נעמט ווידער פּרובירן די פאַרלייגטע צונג — גייסט עפּעס טאָן?

די פרוי — אַ קיילעכיקע, קליינגעוויקסיקע, מיט שפּאַרלעך גרעב־לעכע ברילן אויף דער נאָז — האָט זיך שוין געהאַט אויפגעהויבן פון דער שטול און איז געשטאַנען איצט מיט דער פּלייצע צום מאַן און מיטן פּנים צום טעלעפאָן. זי האָט זיך אָבער נישט באַוועגט און נישט געענטפערט. זי איז געווען שטאַרק דערשלאָגן. אין איר טעלעפאָן־שמועס מיט דער שוועסטער, וואָס זי האָט אָקאָרשט פאַרענדיקט, איז געזאָגט געוואָרן עפּעס אַזעלכעס, וואָס איצט, ווען זי טראַכט וועגן דעם, וויל זיך איר אָפּילו נישט גלויבן, אַז אַזאַ זאַך האָט גאָר געקענט אַרויסקומען דער שוועסטער אויף די ליפּן.

— וואָס שטייסטו אַזוי? — פרעגט ער ווידער.

זי האָט ווידער נישט געענטפערט.

— נו? — פרעגט ער אויפסניי — האָסט זיך אַוועקגעשטעלט צו שטיין? . . . זעץ זיך אויף דער סאָפע . . .

זי האָט ווידער נישט געענטפערט.

אַ ווײַלע איז געווען שטיל, אָבער באַלד האָט זי זיך אויסגעדרייט צו אים און גענומען קוקן אומגערן.

— צו וואָס?

— זיך, ווּעסטוּ שוין זען . . .

— אָבער צו וואָס ?

— אַז כ׳וויל, זאָלסט זיצן, האָב איך, פאַרשטייט זיך, דיר עפּעס צו זאָגן.

— נייעס ?

— ווי דען ? . . . — שמייכלט ער מיט אַ באַהאַלטענער כוונה — סתם אַזוי ? !

אָן חשק האָט זי זיך צוגעזעצט, אָבער אומגעדולדיק גענומען קוקן אויף אים — ער זאָל דערציילן.

ביי רובינען האָבן זיך פּיבערדיק אַ ציי געטאָן די הענט. אַ ציי אין דער זייט פון זיין פרוי. אָבער באַלד האָבן זיי זיך, ווי פּאָר פייער, צוריקגע־כאַפּט און זיי זיינען געבליבן ליגן אויף זיינע קניען, ווי פייגל, אונטערגעשאָסענע בעת פליען.

ביי רובינען איז געווען אַ חשק — עפּעס צו טאָן מיט זיך אין דער נאָענטקייט פון זיין פרוי. ער האָט געוואָלט אויסלעבן זיינע פרישע כוחות, זיין פרייד. אָבער עפּעס האָט אים צוריקגעהאַלטן. איז עס געווען איר גלייכ־גילטיקייט, איר טרויער, איר ביטערקייט ?

אַזוי, צי אַזוי — ס׳איז אים גלאַטיק נישט אָפּגעלאָפן.

די פרוי, וואָס האָט שוין לאַנג פון זיינע אָפּטמאָל, קוים־באַמערקטע, כוונות־באַוועגונגען פאַרשטאַנען די הינטער־געדאַנקען זיינע, האָט זיך איצט געטאָן אַ שטעל אויף און גענומען קוקן אויף אים מיט עקל און פאַרוואורף :

— איז עס אַט־דאָס, וואָס דו האָסט געמיינט ? איז עס אַט־דאָס, צו וועלכן דו ביסט אַהיימגעקומען פון סטאָר ? איז עס אַט־דאָס, וואָס דיר ליגט אין זינען נאָך דער בושה, וואָס דעם רבס טאָכטער האָט אונדז אָפּגעטאָן ? די שוועסטער מיינע נעמט זיך דאָך שוין מער צום האַרץ די גאַנצע זאַך ווי דו, דער טאַטע פון אַ זון אַ חתן ! . . .

און אָפּרוקנדיק זיך פון אים אויף נאָך עטלעכע טריט, האָבן זיך אירע ליפּן, צווענגלדיק צונויפגעביסענע, אָן עפּן געטאָן און באַלד זיך צוריק פאַרהאַקט, ווי זיי וואָלטן דאָס קעפל ביי אַ נאָגל אַראָפּגעביסן :

— שול־פּרעזידענט . . .

מיסטער רובין האָט זיך צעלאַכט. ער האָט געלאַכט אַזוי שטאַרק, אַז דאָס ביסעלע באַליידיקונג, וואָס האָט זיך טיף אין אים אָפּגעשטעלט פון דער פרויס גאַב, ווי אַ פליג, איז אין זיין קייכיקן געלעכטער צערונען גע־וואָרן, ווי אַ קליין ביטער פּילכל אין אַ גלאָז וויין. ער איז אויפגעשטאַנען און האָט זי אָנגענומען ביי אַ האַנט :

— דו אָפּגעשלאָגענע הושענה . . . נו, קום און גרייט צו עפּעס צו עסן.

די פרוי האָט געשוויגן, אָבער גערירט זיך. זי איז אַריין אין דער קיך, האָט זיך גענומען פּרעגלען ביים גאַז־אויוון, און ער איז געבליבן זיצן דאָרטן ביים טיש.

*

בעתן עסן זיינעם האָט זיך די פרוי רובין אָביסל אָפּגעקילט, געזעצט זיך אַנטקעגנאיבער אים, כאָטש זי אַליין האָט גאָרנישט טועם געווען, און גענומען אים אויספרעגן וועגן זייער אײדעלע פאַמיליע־ענינים. זי האָט אים געפרעגט וועגן דעם זון, סאָל, ווי ער פילט זיך, צי די געשעפט־אַנגעשטעלטע האָבן פון אים נישט אָפּגעחוזקט איבער דעם, וואָס די כלה האָט אים אָפּגעטאָן, און בכלל, וואָס ער, רובין, טראַכט צו טאָן וועגן גאַנצן עסק.

יאָ גערן, נישט גערן — ער האָט געענטפערט. אָבער בנוגע דעם, וואָס ער טראַכט צו טאָן וועגן גאַנצן עסק — קיין פּיפּס נישט. און דאָס — נישט דערפאַר, ווייל עס קען אים שטערן צום עסק. חלילה. ער האָט אָבער פון אייביק אָן אַ טבע נישט צו זאָגן, וואָס ער האָט בדעה צו טאָן, איידער עס איז אָפּגעטאָן געוואָרן. אַ טבע, וואָס פאַרשאַפט אים הנאה. אָבער נאָך ווייניקער חשק צו זאָגן קען מען זען ביי אים, ווען אַ זאַך איז ביי אים שוין לאחר המעשה. זאָל מען זיך דערוויסן פון אַנדערע, טראַכט ער, און נישט פון אים. דאָס געפיל פון אויפלויבן זיך, אַ צווייטע טבע זיינע, האָט ער אָבער נישט אַלע מאָל, און אויך נישט איצט, געקענטביישטיין, און קוקנדיק מיט לוסטיקע אויגן אויף דער פרוי — גענומען זיך באַרימען:

— לאָז עס צו מיר . . . מיר האָט נאָך קיינער אויפן קאָפּ נישט אָנגעדאָסט.

דערווייל האָט זיך געעפנט די טיר און פון דרויסן איז שטיל און זיך שאָקלענדיק אריינגעקומען אַן איינגעבויגענע, פאַרוויינטע יידענע, מיט אַ שווערן, טונקל־ברוינעם שייטל אויפן קאָפּ, האָט זיך אָוועקגעשטעלט ביים גאַז־אויוון און גענומען יאָמערן.

רובין, מיט דער גאָמבע איבערן טעלער, און זיין דיקלעכע פרוי, מיט די ברילן אויף דער נאָז, האָבן גענומען קוקן אויף איר.

— איר מיינט, מיר פאַרשטייען נישט, מיסטער רובין? — האָט די עלטערע יידענע מיטן שווערן פּאַרוק אויפן קאָפּ געשלוכצעט און געשטיקט זיך — איר מיינט, מ׳ווייסט נישט, אַז דאָס האָט איר געטאָן איבער דער כלה, דער טאָכטער מיינער?

געווען איז זי דעם שול־רבס, ר׳ אלימלכס, פרוי.

די קיילעכיקע, קוים־זיך־באַוועגנדיקע מיסעס רובין האָט איצט ראַפּטום צענומען די פאַרקרייצטע הענט, וואָס זי האָט געהאַלטן אויפן בויך, און אָנגעהויבן קוקן דאָ אויפן מאַן, דאָ אויף דער רביצין.

— וועגן וואָס רעדט זיך דאָ? — פרעגט זי ביידן מיטאַמאָל און

נעמט זיך גיך אַראָפּ די ברילן פון דער נאָז, אויסצואווישן די שייבלעך, וואָס זיינען פאַרלאָפּן געוואָרן מיט אַ שוויס — וואָס אַזעלכעס איז אָפּגעטאָן געוואָרן אָן מיין וויסן?

ביי מיסטער רובין אין האַלדז האָט זיך עפּעס אַ קוילער געטאָן און גענומען זיך שטיקן מיט געלעכטער: „אָן מיין וויסן". ער איז אויפגעשטאַנען, האָט זיך אַראָפּגענומען די סערוועטקע פון אונטער דער גאמבע און נישט אַרויסוויזנדיק די נקמה־פרייד, וואָס ער האָט שוין דערלעבט, און וואָס וועט זיך נאָך אָן אַ שיר מער פאַרגרעסערן, ווען די גאַנצע רבנישע פאַמיליע וועט אַרויסקומען מיט חרטה, זיך אונטערגעבן צו זיין ווילן, האָט ער אָנגעהויבן קוקן אי אויף דער פרוי, אי אויף דער רביצין מיט אַ תמעוואַטער אומשולדיקייט:

— אין וואָס איז מען מיך חושד? . . . וואָס אַזעלכעס איז געשען?

און נישט פרעגנדיק מער, אויך נישט וועלנדיק הערן מער פון גאָרנישט, האָט ער זיך אַרויסגענומען אַ ציגאַר פון וועסטל־קעשענע און מיט אים אין מויל זיך געלאָזט צו דער טיר.

— ביזי אין סטאָר. כ'קען דאָ נישט באַלעמוטשען. — טוט ער זיך מכלומרשט פאַרענטפערן און לאָזט הינטער זיך אַ רויך.

ערשט איצט, אַז ער איז שוין נישט געווען אין הויז, האָט די קיילעכיקע, באַברילנטע מיסעס רובין אומרואיקער גענומען פאַרשן, פרעגן. זי האָט דערפילט, אַז זי שטייט פאַר עפּעס שרעקלעכס. אַ דיקער שלייער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט פאַר אירע אויגן. און די רעביצין, פאַרשטייט זיך, האָט נישט געהאַט וועלכע ס'איז סיבה צו מאַכן פון דעם פאַרגעקומענעם אַ סוד. פּשוט און מיט ביטערניש האָט זי דערציילט אַלץ וועגן דער תלמוד־תורה און וועגן לערער, וואָס זיצט איצט אין איר שטוב און רעדט מיטן רב.

מיסעס רובין האָט אויסגעהערט אַלץ מיט אַ נישט־דערוואַרטעטער שטיינערנער רואיקייט, וואָס האָט אין זיך באַהאַלטן אַ צונויפגעדריקטע איבערראַשונג. זי איז געוואָרן טרויעריק, אויך עפּעס טיף געפאַלן ביי זיך. איז דאָס איר מאַן? האָט ער אַזעלכעס געקענט אָפּטאָן? אָבער פּאַמעלעך, פּאַמעלעכינקע, שטאַרקער און שטאַרקער האָט זיך טיף אין איר האַרץ גענומען צעוואַקסן אַ פרייד, אַזאַ אומגעצאַמטע, ברויזנדיקע כוואַליע, אַז נישט נאָר איר בלוט, נאָר אַלץ, אַלץ אין איר, דאָס גאַנצע אַלצמיטאַנאַנד, האָט מיטאַמאָל גענומען שרייען און יובלען: גוט אַזוי! גוט אַזוי, מאַן מיינער! ! אַצינד וואָלט איך דיך געקושט, געלאָזט דיך טאָן מיט מיר וואָס נאָר דו וואָלסט באַגערט.

אָבער כדי עס נישט אַרויסצואוויזן, נישט ליימען אין דער רביצין די מאָס פרייקייט און היימישקייט, וואָס אַ גאַסט דאַרף האָבן אין אַ פרעמדן הויז, האָט זי זיך מכלומרשט געמאַכט מיטפילנדיק, געהאַלטן זיך אַפילו פאַר

אַ זייער אומבאַדייטנדיקע, און ווי אַן אַזויגערופֿן־אומפּאַרטייאישער, באַ־גלויבטער עדות פֿאַרטיידיקט איר, נעבעך, נישט פֿאַרשטאַנענעם מאַן:

— פֿאַרוואָס מיינט איר, רביצין, אַז דאָס איז געשען איבערן שידוך, ס'הייסט, איבער אייער טאָכטער? מיסטער רובין און איך האָבן שוין פֿון לאַנג געהאַט געטראַכט, אַז לענגער קענען מיר נישט טראָגן די תּלמוד־תּורה־הוצאות אויף אונדזערע פּלייצעס. ס'איז דען עפּעס אַ פּאָר סענט יעדע וואָך?

די רביצין, אַ שוואַכינקע, אַ דאַרינקע, האָט געפֿילט, אַז דער פּאַרוק וואָס זי טראָגט אויפֿן קאָפּ, וועגט איצט טאָנען. זי איז אויפֿגעשטאַנען פֿון דער שטול, וואו די מיסעס רובין האָט זי פֿריער פֿאַרבעטן זיצן, און אַן דעם רבס וויסן, אָדער הסכּמה, האָט זי באַשלאָסן — זי מוז זיך באַלד זען מיט דער טאָכטער. קיין איין מינוט לענגער טאָר זי נישט וואַרטן. און זי איז אַרויס.

*

אַפּטאַון, אין אַן אַפּאַרטמענט, אַרום סענטראַל פּאַרק, האָט געוואוינט איר זון, יהושיעלע, וואָס רופֿט זיך דזשעסי. און ביי דעמדאָזיקן זון געפֿינט זיך איר טאָטער הילדע מיט אַלע אירע זאַכן, זינט נעכטן אָוונט.

געשען איז עס צוליב איר שידוך מיט מיסטער רובינס זון, סאָל.

מיט צוויי יאָר צוריק האָבן זיי תּנאָים געשריבן. אָבער נישט לאַנג נאָכדעם האָט זי, הילדע, פּלוצים חרטה געקראָגן און געוואָלט וויכן פֿון אים. דערוואוסט האָט מען זיך, אַז צווישן איר און דעם שול־פּרעזידענטס זון שטייט אַ צווייטער יונגערמאַן אין וועג. און דאָס איז עפּעס איינעמס אַ בראָדוויי־רעסטאָראַטאָרס אַ זון, וואָס לערנט אין סינסינעטי אויף רעפֿאָרם־ראַביי. די טאַטע־מאַמע, ס'הייסט, דער רב און די רביצין, זיינען, פֿאַרשטייט זיך, געווען שטאַרק קעגן דעם. איבער פֿיל סיבות זיינען זיי געווען קעגן. ערשטנס, תּנאָים שיקט מען נישט צוריק. ביי יידן איז אַ מנהג — בעסער זיך גטן, ווי צעררייסן תּנאָים. צווייטנס, ווייל דער חתן איז אַ גאַנץ וואוילער און אָנשטענדיקער. אמת, ער איז נישט קיין בקי אין תּורה, אויך נישט קיין געלערנטער אין וועלט־זאַכן. אָבער דערפֿאַר האָט ער אַנדערע מעלות. ער איז אַ שטילער, אָן אַמביציעזער. ער וועט וויסן ווי בכבוד צו האַלטן הילדען, די רבנישע טאָכטער. ער וועט זיך אַלעמאָל האַלטן קלענער פֿון איר. און דערעיקרשט — פּרנסה. ער וועט איר אויסשטאַטן אַ שיינע היים און באַזאָרגן מיט כּל־טוב. דריטנס, און דאָס איז שוין גאָרנישט אָוועקצו־מאַכן מיט דער האַנט, מיסטער רובינס אויפֿהאַלטן נישט נאָר די שול, נאָר אויך דעם רבס הויז. ווער צאָלט דען שכירות דעם רב, אויב נישט ער? ס'איז דען דאָ אַ שטענדיקע און געזיכערטע שול־הכנסה? און צום לעצט דער דרך פֿון דעם בחור, וואָס לערנט אין סינסינעטי אויף רעפֿאָרם־ראַביי.

וואָסער יידישקייט וועט זי, הילדע, די רבנישע טאָכטער, זען ביי אים ? וועט זי דאָס קענען פאַרטראָגן ? וועט זי קענען צוזען ווי ער פאָרט אום שבת, עסט אין בלויזן קאָפּ, ווייסט נישט פון קיין גרעניץ צווישן כשר און טריף ? וויל זי טאָן דעם פאָטער אויף להכעיס ? וויל זי אים ווי טאָן ? ווייסט זי דען נישט, אַז ער וועט קיינמאָל קיין מגע־ומשא נישט האָבן מיט אַזאַ אײדעם, מיט אַזאַ פאַרקרומעניש פון אַ יידישן פרומען מדריך ?

אָבער הילדע, די בת־יחידה, וואָס האָט געקראָגן חוץ אַ פרומער דערציאונג, אויך — אַפילו ס'האָט געמיינט גרעסערע נויט פאַר די על־טערן — אַ קאָלעדזש־בילדונג, האָט זיך נישט געוואָלט צוהערן. און נאָך אַפּטע, לאַנגע מחלוקתן און עגמת־נפשן, ענדלעך נעכטן אָונט זיך געגומען אירע מלבושים און אַוועק וואוינען ביים ברודער דזשעסין אין אַפּאַרטמענט.

איז אַט צו אים אַהיים פאָרט זי איצט, די רביצין, כדי צו זען זיך מיט דער טאָכטער.

דאָס פאָרן צום זון איז אָבער פאַר זיך גופא אויך קיין באַטעמטער ענין נישט געווען.

שוין באַלד צען יאָר ווי נישט זי און נישט דער רב האָבן געהאַט וועלכע ס'איז מגע־ומשא מיט אָט־דעם זון. גאָרנישט. ווי ער וואָלט איינ־גאַנצן אויף דער וועלט נישט געווען. און דאָס — ווייל ער איז אַראָפּ פון וועג, אויף וועלכן עס זיינען געגאַנגען זיינע זיידעס, עלטער־זיידעס, און אויף וועלכן עס גייט דער פאָטער זיינער, דער רב ר' אלימלך. ער איז דורך עפּעס אומפאַרשטענדלעכע סיבות און צופאַלן געוואָרן אַ קאָמיקער אויף בראָדוויי, אַ באַרימטער נאָמען וואָס ברענגט אים אַריין אַן עשירות. ער האָט חתונה געהאַט מיט אַ מיידל, וואָס איז ביז איר באַקאַנטשאַפט מיט אים געווען אַ מאָדעל אין דעפּאַרטמענט־סטאָרס, אין סטודיאָס ביי מאָלערס, און אַ כאָר־זינגערין אין אַ וואָדעוויל. שבת איז ביי אים קיין שבת נישט, יום־טוב קיין יום־טוב. ער איז אויסגעטאָן פון אַלעם, ווי אַ כופר.

עס איז איר, בקיצור, נישט ניחא געווען, נאָך קנאַפּע צען יאָר נישט זען אים, אריינצוקומען אין זיין היים. אָבער קען זי עס דען אויסמיידן ? אַ תוך־זאַך שטייט דאָך איצט אין אַ סכנה איבער דער עקשנות פון דער טאָכטער !

און אַז זי איז אַריינגעקומען אין דעם נאָך קיינמאָל נישט געזעענעם אַפּאַרטמענט פון דזשעסין, וואו אַ נעגער־מיידל האָט איר די טיר געעפנט, האָט זי נישט געוואָלט שענקען קיין אויפמערקזאַמקייט נישט דעם זון, וואָס האָט געהאַלטן אין מיטן רעדן צו אַן אַקטריסע אויפן טעלעפאָן, אויך נישט דער האַלב־נאַקעטער, בלאָנדער יפהפיה, דעם זונס פרוי, מאַטידלע, וואָס איז געשטאַנען אין קורצע זומער־רעזאָרט־הייזלעך מיט איר דריי־יאָריקן זיך שפּילנדיקן מיידעלע. זי איז געגאַנגען גלייך אַריין אין פאַרלאָר, וואו זי

האָט געזען שטיין איר שוואַרץ־חנעוודיקע בת־יחידה הילדען אַ דערשראָ־קענע.

— זאָלסט וויסן זיין, — האָט זי גלייך אָנגענומען הילדען ביי אַ האַנט און זיך געזעצט מיט איר אויף אַ סאָפע — איבער דיר ווערט אַ חורבן אין שול... שוין היינט האָט דער מחותן אָפּגעזאָגט דעם לערער, אַהיים געשיקט די תּלמידים און צוגעמאַכט די תּלמוד־תּורה. וויסטו, וואָסער אַנ־צוהערעניש דאָס איז?

כ'ווייס. — האָט הילדע, אַ הויכגעוויקסיקע, מיט פאַרכמורעטן חן אין איר איידל, בלייך פּנים, אַ פלאַם־אויף געטאָן מיט אירע שוואַרצע, פאַרחלומטע אויגן און איז צוריק אויפגעשטאַנען. — כ'ווייס... מיסטער רובין וועט אויפהערן געבן דעם טאַטעשי די שכירות.

די מוטער האָט גענומען קוקן אויף דער טאָכטער, ווי זי וואָלט זי נישט דערקענט.

— איז דאָס ווייניק? — פרעגט זי שטיל, כדי קיינער זאָל נישט הערן — איז דאָס נישט גענוג, טאָכטערשי? צי ווייסטו נישט, אַז אָן איין וואָך שכירות גייען מיר, חלילה, אויס פון הונגער? און צי ווייסטו נישט, אַז נאָכדעם ווי דער מחותן וויל נישט אויסהאַלטן די שול, מיטן אויסרייד, אַז ער קאָן נישט מער ציען פון זיין קעשענע, וועט דער טאַטע קיין צווייטע רבנות־שטעלע נישט קריגן? דאַרף איך דיר דערציילן, אַז מ'דאַרף מער נישט קיין אַלטמאָדישע רבנים? דאַרף איך דיר נאָך זאָגן, אַז די ראַביים האָבן צוגענומען די בעסטע שטעלעס און פאַרטריבן די רבנים אַפילו פון די ערגסטע?

הילדע האָט זיך צעוויינט. זי האָט זיך אַרויפגעטאָן די הענט אויפן פּנים און אוועקגעשטעלט זיך ביי אַ פענצטער.

דורך פענצטער האָט מען געזען דעם האַדסאָן־טייך, וואָס האָט איצט, קעגן אָוונט, אויסגעזען ווי אַ לאַנגער, גרויער, פאַרדרייטער וועג, באַזעצט מיט פייערן, וואָס הימלאָזע, נאָך אַ גאַנצן טאָג וואָגלען, האָבן אויפגע־שטעלט צו פאַרהיטן די אייגענע שפּורן. מ'האָט אויך געזען שיפן שווימען דאָרטן הין און צוריק און טרויעריק טרובען, ווי אַנזאָגנדיק גרויס סכנות. מהאָט אויך געזען די הויכע ברעג־בערג, אויף וועלכע פורפורנע שאָטנס האָבן זיך שטיל־סודותדיק געדראַפּעט העכער און העכער און געזוכט דעם שטעג אַריבער די שפּיצן.

הילדע האָט זיך שטאַרקער צעוויינט, אַזוי שטאַרק, אַז די מוטער האָט אָנגעהויבן מיטצוּוויינען.

— איך קען אָבער נישט — האָט הילדע געיאָמערט — אָפּלעבן מיינע יאָרן מיט אַזעלכן, ווי עס איז דעם שול־פּרעזידענטס זון.

די מוטער האָט דאַביוועט אַ נאָז־טיכל פֿון ערגעץ אַ קליידקעשענע און זיך גענומען ווישן די אויגן און אויסרייניקן די נאָז.

איצט האָט זיך פֿאַמעלעך, טראָט ביי טראָט, פֿון אַ זייטיקן צימער אַהער דערגענטערט דער זון דזשעסי. אַ מיטלוואוקסיקער, אַ רויטער, מיט אַ ראָז־הויטיקן פּליך, האָט ער זיך מיט זיין דין, זשוואַווע גופֿעלע געזוקט נענטער און נענטער, געהאַלטן זיך אויף הינטן די פּלינקע הענטלעך, די צוויי כישופֿדיקע לאַך־קוועלכלעך פֿאַר הונדערטער טויזנטער וואָדעוויל־באַזוכער. ער האָט בעת־מעשה געשמייכלט ציניש, קליגיטשקע, ווי ער וואָלט געווען דער איינציקער חכם אין דער גאַנצער, מכלומרשט קלוגער, טיפּזיניקער וועלט, און מיט די קאָמיש־שפּיציקע אייגעלעך געקירצט דעם שטח צווישן זיך און דער מוטער פֿאַר וועלכער ער האָט זיך אויסגעחשבונט צו בלייבן שטיין מיט אַ זעלטן־גוט אַרומגעטראַכטן פּלאַן.

דער פּלאַן: נישט פֿאַרוווערן דער שוועסטער הילדען טאָן, וואָס זי באַגערט. און ער, דזשעסי, וועט אויסהאַלטן דעם פֿאָטער און, פֿאַרשטייט זיך, אויך זי, די מוטער, פֿון זיין אייגענער קעשענע, אויב, נאָכאַמאָל פֿאַרשטייט זיך, יענער... ווי רופֿט מען עס אים דאָרטן, דעם איסט־סיידער האָז, וואָס איז צווישן העזלעך געוואָרן אַ תּקיף? יאָ, מיסטער רובין... אויב דער נעמלעכער רובין וועט טאַקע אָפּשטעלן די שכירות.

אָבער די מוטער האָט נישט געוואָלט קוקן אין זיין זייט. כאָטש ס'האָט איר געשניטן אין האַרץ, וואָס זי קען זיך נישט דורכרעדן מיט אים, נאָך אַזויפֿיל יאָרן נישט זען אים, נישט קענען זיין קינד, זיין פֿרוי, דאָך האָט זי זיך אָפּגערוקט, געמאַכט אַ מחיצה צווישן זיך מיט אים. נאָכדעם, אָן אַנטוישטע אויך אין הילדען, איז זי אויפֿגעשטאַנען פֿון דער סאָפֿע און האָט גענומען אַרויסגיין פֿון הויז.

— האָב איך שוין, הייסט עס, — כליפּעט זי אַריין אין נאָז־טיכל — נאָך אַ קינד פֿאַרלוירן... שוין...

*

אויפֿדערנאַכט, נישט ווייט פֿון שול „מקוה־ישראל", איז ביים רב ר' אלימלך אין קליינעם חדר־מיוחד, וואו די ווענט פֿון דיל ביז צום סופּיט, זיינען געווען פֿול מיט ספֿרים, געשטאַנען ביי אַ פּאָליצע מיסטער יוסף רובין און האָט שווייגנדיק גערויכערט אַ ציגאַר.

עטלעכע טריט ווייטער, ביי אַ טיש מיט ספֿרים, איז געזעסן דער רב ר' אלימלך, אַ שוואַר־לייביקער, מיטלוואוקסיקער, אין זיך פֿאַרטיפֿטער, און האָט געהאַלטן זיין גרויסן קאָפּ מיט דער לאַנגער, גרויער באָרד אָנגעשפּאַרט אויף אַ האַנט.

אין דער צווייטער שטוב — אין קיך — איז איינע אַליין געזעסן די רביצין און האָט טרויעריק זיך געשאָקלט.

עס איז געווען שטיל. דער וואַנט־זייגער, אַ ירושה־חפץ, וואָס די רבנישע פאַמיליע האָט מיטגעבראַכט פון פוילן, מיט עטלעכע און צוואַנציק יאָר צוריק, און איז געהאַנגען אין פראָנט־צימער, האָט ווי אַ הייזעריקער, איינזאַ־מער תהלים־זאָגער, איינטאָניק געטיק־טאַקט. פון דרויסן האָט זיך פון צייט צו צייט אַריינגעריסן אַ טומל פון אַפּט פאַרבייבראַזגענדיקע לופטבאַנען, פון לאַסט־וועגענער פון אָטאָבוסן, פון אָטאָמאָבילן, אָבער קיינעם פון די מחותנים האָט ער נישט אויפגעוועקט . . . זיי זיינען נאָך געווען שטיל, פאַרזונקען־שטיל.

נישט לאַנג צוריק איז דאָ אַריינגעקומען מיסטער רובין אַ טאָפּ טאָן דעם דופּק. ס'איז דאָך פאַר אים קיין סוד נישט געווען, אַז דער רב און די רביצין קומען נישט צו זייער זון. אויב אַזוי, טאָ ווי נאָך וועט זיך הילדע דערוויסן, אַז צוליב איר איז שוין עפּעס פאָרגעקומען און אַז די עלטערנס פּרנסה איז אין סכנה? אָן איר הסכמה קענען דאָך די עלטערן נישט פאַר־ריכטן, וואָס ס'איז קאַליע געוואָרן! די אונטערשטע שורה: ער האָט באַ־שלאָסן אריינצוקומען דאָ מיט אַן אויסרייד און זען ווי עס האַלט.

— ווייסט איר, רב, — האָט ער געזאָגט ווי נאָר ער האָט אַ פּוס אריינ־געשטעלט — וואָס ס'איז געווען מיין כוונה פון פאַרמאַכן די תלמוד־תורה?...

דער רב האָט נישט געענטפערט.

— ווייסט איר, — האָט ער ווידער געזאָגט — פאַרוואָס כ'האָב עס געטאָן היינט און נישט פריער?

דער רב האָט ווידער נישט געענטפערט.

— ווייל, — זאָגט ער ווידער — ווייל כ'האָב אָפּגעמאַכט ביי זיך אָוועקצושטעלן אייערע שכירות אויף אַ פעסטן באָדן . . . אויף אַלעמאָל, . . . און אַזאַ עסק, פאַרשטייט זיך, איז נאָר מעגלעך געווען דורך איינשפּאָרן דעם לערערס שכירות.

דער רב האָט ווידער גאָרנישט געזאָגט.

מיסטער רובין האָט זיך נאָכדעם אַרויסגענומען אַ ציגאַר פון וועסטל־קעשענע, אריינגעשטעקט אים אין מויל און רויכערנדיק ווידער גערעדט:

— און געטאָן האָב איך עס היינט, ווייל ס'איז מיר געגאַנגען אין לעבן אייך צו באַווייזן, אַז הילדעס אָפּזאָגן זיך פון מיין זון האָט מיט מיינע שול־עסקים גאָרנישט וואָס צו טאָן . . . איר זיינט ווידער, און ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר, דער רב פון דער שול, און ווי ביז אַהער, אַזוי אויך ווייַ־טער, מיט השי"ת'ס הילף, וועט איר קריגן אייערע שכירות אָן קיין בלוט־צאַפּעניש . . .

אָבער אויך אויף דעם האָט ער קיין וואָרט פון רב נישט געקראָגן. דער רב, ווי אָן כוחות, איז נאָר געזעסן מיטן קאָפּ אָנגעלענט אויף דער האַנט און האָט געשוויגן.

מיסטער רובינען איז איינגעפאַלן, אַז דער רב ענטפערט נישט, ווייל ער טראַכט וועגן דעם, וואָס ער האָט געהערט, און ווי נאָר דאָס געהערטע וועט פון אים גוט באַנומען ווערן, וועט ער געבן די דערוואַרטעטע תשובה.

אָבער דער רב, אַ מידער פון דעם איבערגעלאַדנטן, שווערן גוף זיי־נעם, אויך אַ צעבראָכענער פון דער רבנישער דאָליע זיינער, אויך פון צרות פון די קינדער, אויך פון דעם, וואָס איז היינט געשען אין דער תלמוד־תורה, האָט גאָר געמאַכט אַ גרונטלעכן חשבון־הנפש, אַ חשבון פון אַלעם, זינט דער צייט, ווען ער האָט זיך באַזעצט אין נייעם יידישן ישוב.

מיט עטלעכע און צוואַנציק יאָר צוריק, ווען ער איז אַריבערגעבראַכט געוואָרן פון פוילן קיין ניו־יאָרק און איז אויפגענומען געוואָרן אין דער שול „מקוה־ישראל" אַלס רב, האָט ער געהאַט גרויסע רעיונות און פלאַמיקע מחשבות. ער האָט געטראַכט צונויפצעזאַמלען אַרום זיך אַ גרויסע עדה יידן און פירן אַ שול ווי אין דער אַלטער היים. ער האָט זיך געגרייט צו האַלטן דרשות אין שבת, פראַווען שלוש־סעודות, אויפשטעלן אַ חברה משניות, וואָס זאָל עטלעכע מאָל אין וואָך אַריינקוקן אין אַ ספר. ער האָט זיך געגרייט אריינצוברענגען ברען, יראה, רעליגיעזע התעוררות. און נישט נאָר אין לעבן פון זיין עדה, נאָר אויך אין לעבן פון אַלע יידן אין ניו־יאָרק. און נאָך מער: אַז ס'וועלן צו אים צושטיין רבנים, נאָך מענטשן מיט גאָטס וואָרט אין הארץ, וועט ער זיך אַ נעם טאָן איבערצעאַנדערשן אויך די הנהגות פון די יידן אין גאַנץ אַמעריקע. בקיצור, ער וועט אַזוי באַפעסטיקן די אמונה, וואָס האַלט זיך אויף משקולת, אַז קיין מדבר־ווינט וועט זי מער נישט קענען קיין טרייסל טאָן.

און נאָך האָט ער דעמאָלט געטראַכט. אַז עס וועט קומען זיין צייט צו גיין אין וועג אַריין, זאָל זיין אַרבעט איבערגענומען ווערן פון זיין בן־יחיד, יהושיעלע. ער זאָל זיין דער ממלא־מקום . . .

אָבער וואָס האָט זיך פון די דאָזיקע אַלע פּלענער אויסגעלאָזט?

נישט נאָר איז קיין עדה יידן אין דער שול „מקוה־ישראל" נישטאָ, נאָר אַפילו קיין מנין צום דאַוונען אויך נישט. יענע יידן, וואָס ער האָט אָנגע־טראָפן ביים אויפגענומען ווערן אַלס רב, זיינען זיך צעפלויגן, ווער אין דער בראָנקס, ווער קיין ברוקלין, קיין לאָנג איילאַנד. טייל גייען אינגאַנצן נישט אין קיין שול אַריין. אַנדערע באַלאַנגען צו טעמפּלען, וואו די מדריכים זיינען ראַביים. און דער עיקר — צווישן די רבנים אַליין איז אויך אַן אָפּגעלאָזטקייט, נישטאָ קיין אחדות. דאָ שאַפט זיך אַזאַ חברה, דאָ אַזאַ. איינער פאַרגינט נישט, וואָס ביים צווייטן אין שול איז דאָ אַ גרעסערע צאָל יידן, וואָס עס קומען פאַר מער בריתן, מער חתונות, מער לוויות. עס הערשט אַזאַ קנאה־שנאה, אַז אַן דעם עיקר, דער סכנה פאַר יידישקייט, האָט מען נישט געגנוג צייט און חשק צו געדענקען.

און איצט? איצט קומט נאָך צוגיין איינער און דורך הינטער־וועגן לייגט ער אים אַרויף אַ שטריק אויפן האַלדז און זאָגט: אָדער גיב דיין טאָכטער צו מיין זון, אָדער דו פאַרלירסט דיין רבנות־שטעלע.

ער איז נאָך לאַנג אַזוי געזעסן, נישט גערירט זיך און האָט געהאַלטן אבילותדיק דעם קאָפּ אויף דער האַנט.

דער וואַנט־זייגער האָט אַן אויפהער געטיקטאַקט און דאָס דרויסנ־דיקע לעבן, דאָס געפּאַרעריי און האַוועניש, האָט פון צייט צו צייט אַ כוואַליע אַריין געטאָן דאָ אַ טומל, גלייך ווי אַ הונגעריקער וואָלף וואָלט זיך אַרייג־געכאַפּט אין אַן אָפּענעם געשטעל מיט שאָף.

אין דעם איז דער רב אויפגעשטאַנען, האָט אַרויסגערוקט דאָס שופלעדל פון טישל, אַרויסגענומען פון דאָרטן אַ שליסל און אַ דערלאַנג אים געטאָן צו מיסטער רובין:

— נאַ!... — און ער נעמט זיך האַסטיק גיין הין און צוריק אין שטיבל.

מיסטער רובין, אַ צעטומלטער, האָט זיך גיך אַרויסגענומען דעם ציגאַר פון מויל און מיט אַן אויסגעשטרעקטער האַנט, ווי ער וואָלט געוואָלט צו־ריקגעבן דעם שליסל, האָט ער גענומען קוקן אומזיכער.

— וואָס גיט איר מיר עפּעס דעם שול־שליסל?

דער רב האָט נישט געענטפערט און איז ווידער געגאַנגען הין און צוריק.

פון די עטלעכע געפּאַלענע ווערטער איז די רביצין אין קיך געוואָרן אומרואיק. זי איז גיך אויפגעשטאַנען און דאָ אַריינגעקומען.

— וואָס גייט דאָ אָן עפּעס אַ טענה וועגן שול־שליסל?

— איך בין מער נישט קיין רב... — איז ר׳ אלימלך געבליבן שטיין אין מיטן שטיבל, און אַ קוק זיינער, וואָס האָט געבעטן ביי דער פרוי פאַר־שטענדעניש, פאַרגעבונג, האָט זיך געהאַלטן אויף אירע אויגן אין משך פון עטלעכע רגעס — און אויך דער שידוך איז אויס.

— היתכן?... — האָט מיסטער רובין, אַן אַנטוישטער, גענומען שטעלן טריט דאָ צום רב, דאָ צו דער רביצין, און מיטן ציגאַר אין דער אויסגעשטרעקטער האַנט פרעגן — היתכן?...

אויך די רביצין איז אַרויס פון די כלים.

— וואָס האָסטו זיך עפּעס גענומען רעדן נאַרישקייטן? — האָט זי זיך צעיאָמערט — פאַרוואָס טראַכסטו נישט איבער, וואָס דו רעדסט?...

אָבער ר׳אלימלך האָט גאָרנישט געענטפערט. ער איז אַריין אין פראָנט־צימער, וואו דאָס ירושה־חפץ, דער וואַנט־זייגער, האָט אָן אויפהער דער־ציילט וועגן אַן אייביקייט פון טאָג און נאַכט, פון נאַכט און טאָג, און האָט אויסגעקוקט — מיסטער רובין זאָל פאַרלאָזן די שטוב.

בעלאַ שאַגאַל

— — — פֿאַר דיר —

דער געבורטסטאָג *

— געדענקסט ווי מיר זיינען געזעסן אין אַ זומער־אָונט, אויפֿן הויכן ברעג טייך, נישט ווייט פֿון דער בריק? געדענקסט דאָס קליינע סעדל אַרום?

די באַנק איז געשטאַנען אויפֿן סאַמע שפּיץ פֿון אַפּריס־ברעג. אונטער אונדז איז געלעגן דער טייך שטיל ווי ער וואָלט זיך געקליבן גיין שלאָפֿן.

אַרום די פֿיס — הויכע גראָז, וואָס גליטשן זיך באַרג־אַראָפּ, גליטשן זיך מיט צעשאָטענע בלימלעך, מיט די קאַרליק־ביימלעך, וואָס שטעקן פֿונעם גראָז אַרויס.

אונדזער באַנק איז קליין און שמאָל. אונדזערע קעפּ הענגען אַריבער, קוקן אַרונטער צום טייך.

מיר זיצן און שווייגן.

וועגן וואָס ריידן?

מיר האָבן זיך שוין אָנגעקוקט אויף דער זון, וואָס איז אונטערגעגאַנגען אַנטקעגן אונדז.

ס'האָט לאַנג געדויערט, ביז זי איז פֿאַרשוואונדן. אַ לאַנגע צייט האָט זיך די זון געהנדלט, געדרייטלט זיך, געטוליעט צום הימל. זי האָט זיך געשאַרט פֿון איין אָרט אויפֿן אַנדערן, געוואָרפֿן אַרום זיך שטיקער פֿייער, געצונדן די ווייטע שטאָט מיט די צלמים פֿון די קלויסטערס, ביז אַן אויסגעמאַטערטע, אַן אויסגעבלייכטע, איז זי ערגיץ וואו פֿאַרלאָרן געגאַנגען.

האָבן מיר, פֿון אונדזער הויכן ברעג, געקוקט אויף דער זון ווי פֿון אויבן אַראָפּ, ווי מיר וואָלטן געווען העכער פֿאַר איר.

ס'איז וואונדערלעך, ווי דער הויכער ברעג ציט זיך צום הימל אַרויף און ווי צו דעם פֿלאַכן, נידעריקן ברעג — לאָזט זיך דער הימל אַליין אַראָפּ.

די זון איז אַוועק, האָבן זיך אַ לאָז געטאָן אין וועג, ווי אַ סטאַדע געקרייזלטע שעפּסעלעך, קליינע, ווייסע וואָלקנס, אָנגעוואָרפֿן זיך אויף אַ שטיקל הימל, לאָזן אים נישט אָפּ, פֿאַרטרייבן יעדעס שטערנדל, וואָס האָט געוואָלט אַ בליק טאָן פֿון דער הייך.

---

* שאַגאַלס בילד "L'anniversaire" געמאָלן אין 1915.

אַט קומט אָן פון דער זייט אַ שטיק טונקל־בלויער הימל און פאַר־טרייבט די וואָלקנס הינטער זיך. מיר זיצן, מיר קוקן. מיר וואַרטן אויף דער לבנה.

וועט זי אַמאָל אַרויס?

אַ קוק אָן אַ זייט און מיט אַמאָל — זי איז דאָ. אין איין רגע איז די לבנה דורכגעקראָכן דעם טונקעלן הימל, איז אַריבערגעשפּרונגען די וואָלקנס און האָט אַרויסגעוואָרפן אַ שיין, אַז ס׳איז געוואָרן ליכטיק אין די אויגן.

און אַט באַהאַלט זי זיך ווידער, רוקט זיך הינטער אַ טונקעלער כמאַרע. אַרויסגעשטעלט אויף אַפּריער אַן אויג, דערנאָך אַ גאַנצע באַק, די אַנדערע באַק פאַרשלייערט און איז אין דער נאַכט פאַרפאַלן געגאַנגען.

ווי אַן אמתע שטיפערקע רייצט זיך די לבנה, דאָ שפּילט זי זיך מיט די וואָלקנס, וואָס שטופּן זי אַפּ, דאָ — מיטן טייך, וואָס כאַפּט זי אונטער, טובלט זי אין וואַסער, און אפשר שפּילט זי זיך גאָר מיט אונדז? זי ווייס, די לבנה — מיר זיצן און לאָזן זי נישט אָפּ פון אויג.

ערשט איז געווען טאָג און אַט איז נאַכט... מען זאָגט יעדער איז געבאָרן אונטער זיין שטערנדל...

איך גיב זיך אַ קער צו דיר.

דיינע אויגן, אַנגעזאַפּט מיט הימל, בלישטשען. איך פרעג:

— הער, ווי אַלט ביסטו?

גיסט אויף מיר אַ קוק, ווי איך וואָלט פון הימל אַראָפּגעשפּרונגען. דערנאָך פרעגסטו מיך:

— ווילסט טאַקע וויסן? מיין טאַטע האָט מיר אַמאָל אַ זאָג געטאָן, אַז צוליב דודן, מיין ברודער, כדי ער זאָל האָבן כאָטש אַ שטיקל „לעגאַטע״, האָט ער מיך פאַרשריבן מיט צוויי יאָר עלטער. גאָט וועט מען דאָך סיי ווי סיי נישט אָפּנאַרן — האָט דער טאַטע זיך באַרעכטיקט. — און אַז מע וועט זאָגן אַ ליגן דעם „איספּראַווניק״, וועט גאָט מוחל זיין, אבי דוד זאָל נישט דאַרפן גיין דינען.

— איז ווען ביסטו פאַרט געבאָרן געוואָרן? —

— מיר וועלן אויסרעכענען. איך בין דער עלטסטער. פון די שוועס־טער — איז ניוטע די עלטערע. נישט לאַנג האָב איך געהערט, ווי די מאַמע האָט אַ וואָרף געטאָן דעם טאַטן ביי דער וועטשערע:

— כאַטשע*), וואָס גיסטו גאָר נישט אַ טראַכט וועגן חנהקען? — אַזוי רופט מען אונדזער ניוטע — אַלץ פאַלט אויף מיינע פּלייצעס. ביז וואַ־נען וועט זי זיצן? איר איז דאָך, גאָט צו דאַנקען, באַלד זיבעצן יאָר. כאַפּ זיך אַריין צו מרדכי שדכן, דו גייסט דאָך סיי ווי סיי פאַרביי — — —

---

*) יחזקאל

— איז הער צו — ווען ניוטען איז זיבעצן, דאַרף איך העכסטנס זיין ניינצן.

— וואָס פאַרא טאָג ביסטו געבאָרן געוואָרן? ווייסטו טאַקע נישט? —

— וואָס דאַרפסטו עס אַלץ וויסן? סט׳ווערן אַלט...

—אַלץ? כ׳וויל נאָר וויסן ווען דו ביסט געבאָרן געוואָרן. —

— ווער ווייס? מען דאַרף פרעגן דער מאַמען. און די מאַמע האָט אוודאי אויך פאַרגעסן. געהאַט אַזוי פיל קינדער. נאָר, ווען די שוועסטער קריגן זיך מיט מיר, וואַרפן זיי מיר צו: „ביסט דאָך אַ משוגענער, ביסט געבאָרן געוואָרן אין תמוז..."

מיט אונדז צוזאַמען צעלאַכן זיך אַלע שטערנדלעך, וואָס זיינען אָנגעלאָפן אויפן הימל, ווי געקומען אויסהערן דיין מעשה. איך זאָג:

— ווייסט וואָס איך מיין? וועסט זאָגן איך בין אַ נאַר. אָבער מיר פאַלט איין, אפשר ביסטו טאַקע געבאָרן געוואָרן אין דעם יאָר, ווען דער טאַטע האָט דיך פאַרשריבן? נאָר פון דער ערשטער רגע אָן ווי דו ביסט געקומען אויף דער וועלט, האָסטו זיך דערשראָקן און ביז וואַנען דו ביסט געקומען צו זיך, זיינען פאַרביי די פאָר יאָר — — —

— מיינסט עס אויף אַן אמת? —

דו ביסט שוין געווען גרייט זיך אָנצוכמאַרן, ווי דער הימל, וואָס איז פול געוואָרן מיט וואָלקנס.

— זעסט נישט, אַז איך האָב געלאַכט? — האָב איך מורא אפילו אַ שמייכל צו טאָן.

— ביסט דען ברוגז?

— כ׳ווייס שוין אַליין נישט ווי אַזוי, אָבער איך האָב פאָרט געטראָפן, כ׳האָב אויסגערעכנט ווען דיין געבורטסטאָג איז.

***

באַגינען בין איך אַוועק הינטערן שטאָט. כ׳האָב אָנגעריסן אַ גאַנצן פּאַק מיט בלומען.

איך געדענק נאָך, ווי איך האָב צעדראַפּעט מיינע הענט, געוואָלט אָנרייסן הויכע, בלויע בלומען, וואָס זיינען געוואַקסן הינטער אַ פּלויט. אַ הונט האָט אויף מיר אָנגעהויבן בילן.

כ׳האָב זיך קוים געראַטעוועט, אָבער די בלומען האָב איך נישט אַרויסגעלאָזט פון די הענט. אַזעלכע שיינע! כ׳בין אַנטלאָפן גלייך אין פעלד אַריין, רייסן נאָך בלומען, זיי געריסן מיט גראָז און וואָרצלען, ס׳זאָל דיר מער שמעקן מיט ערד. און ביי זיך אין שטוב האָב איך צענויפגעקליבן אַלע מיינע קאָלירטע טיכער, שטיקער זיידן־צייג, אפילו אַראָפּגעשלעפּט פון בעט מיין פריילעכע, קאָלירטע קאָלדרע, פאַרכאַפּט אין קיך אַ פלעצל, אַ פּאָר שטיקלעך געפּרעגלטע פיש, וואָס דו האָסט אַזוי האָלט געהאַט,

אָנגעטאָן מיין יום־טובדיק קלייד און אַן אָנגעלאָדענע, ווי אַ יונג פערדל, זיך אָוועקגעטראָגן צו דיר אַהיים.

מיין נישט, אַז ס'איז געווען אַזוי גרינג, דאָס אַלץ טראָגן אויף זיך.

דער טאָג איז געווען אַ הייסער. די זון האָט געברענט פון אין דער פרי אָן. די גאַסן אָנגעהייצט. פון די שטיינער אַליין האָט געשלאָגן מיט חמימה. און מע האָט נאָך געדאַרפט דורכגיין אַ האַלבע שטאָט, ביז מען איז אָנגעקומען צו דיר אַהיים.

קרעמערקעס שטייען לעבן די טירן פון זייערע קראָמען, כאַפּן אַ ביסל פרישע לופט. יעדע קאָן דאָך מיך, ווייס וואוהין איך גיי. זיי קוקן זיך איבער, ווינקען איינע צו דער אַנדערער:

— וואוהין לויפט זי, די משוגענע, מיט אַזוי פיל פעקלעך? איז זי נישט, חלילה, אַנטלאָפן פון דער היים צו איר שיינעם בחור? אויף היינטיקע מיידלעך איז אַלץ צו גלויבן! —

איין גליק, וואָס דו האָסט געוואוינט אויף דער אַנדערער זייט טייך. שניידט מען איבער די גאַסן, מען פאַרנעמט זיך מיט'ן בריק, מע לויפט אים דורך און אויפן ברעג טייך אָטעמט מען אָפּ, מען איז פריי.

אין די שטיבלעך, אויפן ברעג, זיינען די פענצטער פאַרמאַכט. די בעל־הביתטעס היטן זיך פאַר דער זון. זיי זיינען דאָך פאַרנומען אין קיך, וואָס ליגט מיטן רוקן צום טייך.

אַ בלויער הימל. אַ פרישע קילקייט פונעם טייך. ס'וואַסער לויפט און איך לויף, דער הימל יאָגט זיך נאָך מיר. ער קוקט אַלץ נידעריקער אַרונטער. נעמט מיך אַרום פאַר די פּלייצעס, העלפט מיר לויפן.

יענעם זומער האָסטו געהאַט אַ צימער פאַר זיך, געדענקסט אים? אַ ביסל ווייטער פון דיין טאַטע־מאַמעס היים. אַ צימער געדונגען ביי אַ זשאַנדאַרם.

זיין שטיבל, אַ ווייס מיט רויטע לאָדנס, ווי דעם זשאַנדאַרמס ווייס זומער היטל מיט די רויטע קאַנטן, איז געשטאַנען אין עק גאַס, נישט ווייט פון אַ לאַנגן פּלויט, וואָס האָט אָפּגעצאַמט אַ גרויסן גאָרטן. פון דעם מיטן גאָרטן האָט זיך געהויבן אַ קלויסטער.

דו האָסט מסתמא, געמיינט, אַז ער, דער זשאַנדאַרם און דער הייליקער קלויסטער, וועלן דיך שוין אָפּהיטן פון אַלץ, אַפילו פון זיך אַליין. ניין?

כ'האָב אַ קלאַפּ געטאָן אין דיין לאָדן, וואָס דו האָסט אָפט געהאַלטן האַלב צוגעמאַכט אַפילו בייטאָג, צי פון צופיל ליכט, צי כדי קיינער זאָל דיך נישט זען פון גאַס.

גייסטו מיר אַליין עפענען די טיר, דיין בעל־הביתטע זאָל מיך נישט

באַמערקן. אַ צו אַפּטער גאַסט בין איך — און נאָך מיט פּעקלעך אין די הענט.

איך שטיי און וואַרט — די טיר פון דעם זשאַנדאַרמס שטוב איז נישט אַזוי גרינג צו עפענען. אַ גרויסער פּלאָקן איז פאַרלייגט הינטער דער טיר. עס דויערט ביז דו שלעפּסט אים אַרויס פון זיינע לעכער.

— וואָס איז דאָס? — לאָזטו מיך גיכער אַריין אין דיין צימער און שטעלסט אויס אויף מיר ביידע אויגן — פון וואַנען ביסטו געקומען צו־פאָרן? —

— דו מיינסט, מיט פּעקלעך, קאָן מען אָנקומען נאָר פון דער באַן? טרעף וואָס היינט איז?

— פרעג מיר אַ גרינגערע זאַך. כ׳ווייס קיין מאָל נישט, וואָס פאַר אַ טאָג ס׳איז — — —

— ניין, נישט דאָס... היינט איז דאָך דיין געבורטסטאָג! —

דו בלייבסט שטיין אַ פאַרשטאַמלטער. דוכט זיך, ווען איך וואָלט דיר אָנזאָגן, אַז דער קיסר איז געקומען צופאָרן אין אונדזער שטאָט, וואָלסטו נישט זיין מער איבערראַשט.

— פון וואַנען ווייסטו? —

און איך נעם גיכער פאַנאַנדער מיינע קאָלירטע טיכער, הענג זיי אויף אויף די ווענט, לייג איינס אַוועק אויפן טיש, דעק איבער דיין בעטל מיט דער קאָלירטער קאָלדרע, וואָס איך האָב מיטגעבראַכט, און דו . . . האָסט זיך גאָר אַ קער געטאָן אָן אַ זייט, קלייבסט אין איילעניש איבער אין דעם ווינקל דיינע לייוונטן. מיט אַמאָל כאַפּסטו אַרויס אַ לייוונט, גיסט אַ שטעל אַוועק דער מאָלברעט און הייבסט אויף אַ האַנט:

— ריר זיך נישט — — — בלייב שטיין, וואו דו שטייסט! אָט אַזוי!

די בלומען זיינען געבליבן ביי מיר אין די הענט. איך שטיי נישט איין אויף קיין אָרט, כ׳וויל זיי אריינשטעקן אין וואַסער, זיי זאָלן נישט פאַרטריקענט ווערן. אָבער באַלד פאַרגעס איך אָן די בלומען. כ׳קוק — ביסט אָנגעפאַלן אויף דיין לייוונט, אַזש ער טרייסלט זיך אונטער דיינע הענט.

טונקסט די פּענדזלען, גיסט פאַרב. רויטע, בלויע, ווייסע, שוואַרצע. איך ווער מיטגעריסן מיט די פאַרבן. מיט אַמאָל, — איך האָב זיך אָפּגעריסן פון דער ערד און דו אַליין שטופּסט זיך אָפּ מיט איין פוס, ווי דיר וואָלט געוואָרן צו ענג אין דיין קליינעם צימער.

צענעמסט די הענט. די הייך צעוויגט זיך. פליסט צום באַלקן אַליין. דיין קאָפּ דרייט זיך דיר, דו פאַרדרייסט אויף מיינעם.

— וואָס שושקעסטו מיר אין די אויערן?

איך הער זיך צו — ווי דו וואָלסט מיר געזונגען אַ ליד מיט דיין ווייך, טיף קול. אַפילו אין דיינע אויגן הער איך ס׳ליד. אוןביידע אין איינעם הויבן מיר זיך גרינג אויף איבער דעם אויסגעפוצטן צימער און פליען אַוועק זאַלבאַנאַנד. מיר קומען אָן צום פענצטער, ווילן אים דורכ־רייסן. פון פענצטער רופט אונדז אַ וואָלקנדיקע לופט —אַ שטיקל בלויער הימל. די ווענט, באַהאָנגענע מיט די קאָלירטע טיכער און פלאַכטעס, דרייען זיך אַרום אונדז און פאַרדרייען אונדז דעם קאָפּ. מיר פליען איבער פעלדער מיט בלומען, איבער פאַרשלאָפענע שטיבלעך, איבער דעכער, איבער הויפן און קלויסטערס...

— ווי געפעלט דיר מיין בילד? — שטעלסטו זיך מיט אַמאָל אַוועק אויף די פיס, קוקסט אויף דיין בילד, קוקסט אויף מיר, גייסט אָפּ פונעם מאָלברעט, גייסט צוריק און זאָגסט — ס׳איז נאָך דאָ אַפולע צו טאָן. אַזוי קען מען נישט איבערלאָזן, אמת?

דו רעדסט אַליין. דו וואַרסט און דו האָסט מורא, וואָס וועל איך דיר זאָגן.

— גוט, זייער גוט. ביסט אַזוי שיין געפלויגן — — — ווייסט, לאָמיר עס אָנרופן: „דער געבורטסטאָג” —

— סט׳קומען מאָרגן? — האָסטו אַ נעם געטאָן מיינע ביידע הענט...

—וועסטו מאָלן נאָך אַ בילד?

— מיר וועלן ווייטער פליען — — — —

יצחק בערלינער

מעקסיקאַנישע מאָטיוון

לאַנדשאַפט

אַ פּענזל־שפּריץ אינמיטן פון דער גרויער מאַטער מאַפּע —
אַ טאָל ווערט אויסגעשפּרייט — אַ פּילקאָלירטע קנייטשיקע סאַראַפּע.*

עס וואַרפט די זון מיט פלאַמענדיקע רויטע שפּיזן
אויף בונטע ביימער־צווייגן — קעפּ פון גרינע ריזן.

די אויגן מיינע זשמורען, חלומען און קוקן
און נעבן מיר אַ בעטלער, זיינע אַקסלען צוקן,
קוקט תמעוואַטע ערגעצוואו אַוועק אין שווייגן — —
מיין בליק — ער האָט פאַרפלאָנטערט זיך אין חלום פון די צווייגן.

אין טאָל — אויף דעם געלעגער גרינעם — איז אַנטשלאָפן
אַ באַרג אַ לענגלעכער — אַ הויקערדיקער קעמל — —
דער בעטלער דאָ דערנעבן, מיט די אויגן אָפן,
חלומט פון אַ זעמל — —

פאַראָװנטיקע זון — אַ פּורפּור ברענענדע באַנדורע —
זי ציטערט־אויס אַ טרויעריקע פיינלעכע באַלאַדע — —
פון ערגעץ ווייט, אַ כאַטקע־פענצטערל — אַ חלומדיקער פלעמל —
טוט מיינע פיינען־וואונדן וואונדערלעך באַרירן — —
איך חלום שטיל, דער בעטלער חלומט דאָך אוודאי, —
ער חלומט פון אַ זעמל — —

ווערט טונקעלער דעם בעטלערס באָרד — אַ שוואַרצער רעמל — —
ווערט טרויעריקער טרויער־ציטער פון באַנדורע — —
איך קוק אין טאָל, דער בעטלער קוקט צו פינצטער קרומע טירן...

---

* אַן אינדיאַנער טוך פון שרייענדיקע קאָלירן.

עס שטעלן־אויס זיך, אין אַ לאַנגער און צונויפגעפּרעסטער שורה,
די ביימער־ריזן, ווי מושטירטע, הייבן־אָן זיך רירן,
זיי גייען לאַנגזאַמע אין נאַכט אַריין באַגלייט פון אָוונטיקע נאָטן
און אויך דער בעטלער שאַרט אַוועק זיך, ווי אַ שאָטן — —

מעקסיקאַנער אידיליע

אַ בלומען־סאַד, אַ הויז, אַ האַלעטאַנקע, —
זיי בראָטן זיך אין זשאַרענדיקן גלי.
אַ יונגע און צעברוינטע מעקסיקאַנקע —
זי טוליעט אַ גיטאַרע אויף די קני.

די אויגן אירע שטרעקן זיך צו ווייטן
און אומעטיק צעזינגט זי זיך אַ ליד:
„די רייטערס אויף די ווילדע וועגן רייטן
מיט אויגן — שוואַרצע בראַנדן און צעגליט".

און פינגער צופּן־אויס פון דער גיטאַרע
די טענער אָפּגעריסן פון אַ טרוים — —
אַ פּאַלמע לאָזט־אַראָפּ די צווייגן דאַרע
אויף בלעטלדיקן קאָפּ פון רויזנבוים.

אַ זקנה פול מיט קנייטשעלעך מיט דינע —
זי שאָקלט־צו פאַרטרויערט מיט איר קאָפּ.
אַ פּעט־באַשמינקטע פרוי, ווי אַ רואינע,
זי רויכערט, וואַרפט דאָס אַש אין בלומענטאָפּ...

אין בלומענטאָפּ די ברייטע פינטלבלעטער —
זיי בייגן־איין פאַרחלשטע די קעפּ — —
צום הימל ציט די קריכבלום אין געקלעטער,
נאָר הימלוועג ער האָט דאָך נישט קיין טרעפּ.

דער אָוונט שלייכט־אַריין אין די אַלייען,
די מאַטע מידקייט טראָפּנוויז צערינט,
ווי אַ הענגלאָמפּ, אַ געוויקס פון אָרכידייען,
באַוועגט זיך אַזוי לייכט פון שטילן ווינט.

שטייגט טונקלעניש פון טאָל, פון אַלע וועגן,
און דראַפּעט זיך אַליין העכער אויפן באַרג.
אויף אַ וויגשטול, אין אַ ריטמישן באַוועגן,
אַ זקן, מיט אַ שטערן ביז צום קאַרק.

די אויגן זיינע, רויטלעך און געשוואָלן,
זיי זוכן נאָך אַ פּעדימל פון פרייד — —
די פינצטערניש פאַרדעקט שוין אַלע טאָלן
און גנבעט זיך אַריין דאָ שטילערהייט.

אַהערגעטריבן פון אַ ווילד געוויטער
אַ יונגע פרוי — אַ זומערדיקע שוואַלב —
איר חלום ליגט אין האַרץ אין שטילן ציטער,
ס'האָט עמיץ אים צעשניטן אויף דער האַלב.

איר חלום רייסט פון האַרץ זיך און וויל בלאָנקען,
ווי ס'בלאָנקען איבער וויסטענישן וועלף — —
נשמה אירע — אים אַוועקגעשאָנקען,
און חלום ליגט צעשניטן אויף דער העלפט — —

אין לענשטול ליגט זי אין אַ שטומען שוויגן,
דורכזיכטיק ווערן אירע צאַרטע הענט — —
די אומעט־טענער פאַלן דורך די צוויגן
און חלום ליגט צעשניטן אויף דער העלפט.

און מענטש און בלום פאַרחלומט — אַן אידיליע —
אַ רגע נאָר, — זי דויערט דאָך נישט לאַנג.
די רויטע בלימלעך פון דער בוגאַמביליע
זיי זינגען־מיט ס'פאַרחלומטע געזאַנג.

פון וואַנט אַראָפּ עס טרויערט די מאַדאָנע,
אַ מאַמע וויגט דאָס קינד אירס אויף דער שויס,
אַנטקעגן דער צעליכטיקטער לבנה
פאַררויטלט זיך אַן אויפגעקוועלטע רויז.

בלייבט שטיין אין מיטן הימל די לבנה
און וויל נישט וויטער קריכן, ביז באַגין — —
מיט אַש ווערט אַ פאַרפולטע די וואַזאָנע
און ס'רויכערט נאָך די פרויאישע רואין.

די שטערן, דאַכט זיך, פאַלן און זיי צאַנקען — —
דער טרויער, ווי אַ גנב, שלייכט אַריין.
עס זינגט נאָך אַלץ די ברוינע מעקסיקאַנקע,
דער אַלטיטשקער, אויף וויגשטול, ער שלאָפט־איין.

די אַלטיטשקע פון דאָן פּאָרפּיריאָ דיאַזעס צייטן *)

זיצט די אַלטיטשקע אויף וויגשטול ביי דעם פענצטער אינעם הויז דעם אַלטן,
שרייט די גאַס אין שטוב אַריין מיט טאָג־געהילך און קינדערשע געוואַלדן.

מאַטער הימל הענגט — אַן אָפּגענוצטער בגד פול מיט וואָלקן־לאַטעס — —
קוקט די אַלטיטשקע אין גאַס אַרויס דורך שויב באַצויגענער מיט גראַטעס.

שטריקט, — די שפּינדלען אין די דאַרע פינגער, און פאַרשטריקט די טעג און יאָרן — —
לעבן אירע פּיס אַ פּוילע ווייסע קאַץ איז אויך שוין אַלט געוואָרן ...

טאָג געפּאַלדעוועט, געררונצלט פול מיט קנייטשן, ווי איר אייגן הויט איז — —
קינדערשע געוואַלדן מישן־אויס זיך מיט געשרייען פון די אויטאָס.

ס'ליכט פון יונגע טעג, האַלב אויסגעלאָשן, רינט דורך אירע גרויע וויעס —
ס'ליכט פון אירע יונגע יאָרן פון די צייטן פון פּאָרפּיריאָ דיאַז.

זי טרוימט. די זון, דורך טעג אַזויפיל, דעם זכרון אירן טוט אָפּזעגנען — —
און דער חלום, אַ מטושטושער, ער בלייבט אויף אירע ברעמען הענגען.

מענער האָבן בערד געטראָגן, פרויען — קליידער ביז די שפּיצן פינגער — —
סערענאַדעס האָבן איר געזונגען יונגע שעמעוודיקע זינגער.

שטיל האָט דורכגערוישט מיט טאַקט פון פערדן־טריט אויףברייטן ברוק אַ בריטשקע —
טראַכט די אַלטיטשקע און ס'בלייבן גליווערן די שפּינדלען אין דער וויליטשקע.

---

*) פּאָרפּיריאָ דיאַז — אַ מעקסיקאַנישער אַריסטאָקראַטישער פּרעזידענט וואָס האָט „געקיניקט" איבערן לאַנד און אונטערדריקט די אינדיאַנער דריי און דרייסיק יאָרן דורכאַנאַנד.

ס'לייב איז ראָזיק־פריש געוועזן, איצט געל און איינגעקנייטשט איר הויט איז, זי קוקט דורך גראָטע־שויב און ס'וועקט איר פונעם חלום דאָס געשריי פון אויטאָס.

קילער אָוונט פאַלט אויף גאַס אַראָפּ און אויטאָבוסן אַלטע סקריפּען, קעגנאיבער שויב אַ פּאָרל האַלדזט זיך און ער קושט זי אויף די ליפּן.

ס'בענקט זיך איר, דער אַלטיטשקער, נאָך טעג די יונגע פון פּאָרפיריאָ דיאָז, גליטשן זיך די שפּינדלען פון די פינגער און ס'פאַרמאַכן זיך די וויעס.

נאַכט דעקט־איין די גאַס און שטערן ווינקענדיקע אינעם חושך פאַלן — — די ווייסע קאַץ ביי אירע פיס זיך טוליעט צו די פלושענע סאַנדאַלן.

דריי פּאַיאַצן

אַ זוניקע שעה האָט אויף שטאָטישע ראָגן
געבראַכט דריי פּאַיאַצן פאַרדאַרטע צו טראָגן.
די קליידער אויף גופן — באַבלומטע, קאַלירטע,
די פּנימער בייניק מיט פאַרבן באַשמירטע,
אויף שפּיצן פון קעפּ רויטע רונדיקע מיצן,
און איינער פון זיי הייבט־אָן פלאָפּלען מיט וויצן.

פון זייטיקע גאַסן, דורך טאָגיקן רוישן,
געקומען צוגיין זייענען קינדער און גרויסע
און ווייבער מיט דינסטן וואָס טראָגן נאָך קוישן,
און אַלטע אינדיאַנער, האַלב שיכור, נאָך כוסה,
מיט שטרויענע, ברייטע, צעקנאָדערטע היטן,
געפּודערטע מיידלעך מיט ברעמען פאַרשניטן,
געשטעלט אין אַ ראָד זיך, פּאַיאַצן אינמיטן.

האָט באַלד אויפגעשטעלט זיך דער פּאַיאַץ דער צווייטער,
גענומען אויף ציין אַ דרייגאָריקן לייטער,
דער דריטער — סקעלעטיש מיט ביייניקן קנאָכן —
איז פלינק ווי אַן אַף אויפן לייטער געקראָכן,
דערנאָך מיט איין פוס אויפן גאָר לעצטן שטאָפּל
געשטאַנען ווי אַ ווירע אַן ציטער, אַן צאַפּל.

דער ערשטער, דער ווילצלער פון אַלע פּאַיאַצן,
געקלאַפּט האָט, געזרוישט, מיט צוויי בלעכענע טאַצן,
דער דריטער, דער פלינקער מיט קנאַכיקע ביינער,
געשפרונגען אויף דר׳ערד, זיך געקייקלט אויף שטיינער,
געדריקט האָט זיין לייב אויף די טשוועקעס מיט שפיצן.
דער ערשטער, דער פייקלער, געפלאַפּלט האָט וויצן.

און באַלד האָט דער שטאַרקער, דער פּאַיאַץ דער צווייטער,
געצויגן פון זעקל אַ הילצערנעם פלאַקן,
מיט טונקעלע וואַטע דעם עק איינגעבונדן,
באַגאָסן מיט נאַפט און אים גלייך אָנגעצונדן,
געשטופּט אינעם אָפענעם מויל זיך די פלאַמען,
אויף לינקס און אויף רעכטס מיט פייער געבלאָזן.

אין פולער דערוואַרטונג, אין וואונדער, אין שרעק איז
געשטאַנען דער עולם אין גלאָצן, אין גאַפן:
ווי קאָנען דאָס מענטשן גאָר לויפן ווי אַפן
און קייקלען די לייבער אויף שפיציקע טשוועקעס
און טראָגן אויף ציין־קאַנטן מענטשן מיט לייטערס
און פרעגלען די צונג זיך מיט פלאַמען ווי שייטערס?

געזען האָט נישט קיינער,
ווי הונגער — אַ שד — האָט געשפרונגען, געצאַפּלט
אין פינצטערן אָפּגרונט פון פּאַיאַצס שוואַרצאַפּלען,
אַז טשוועקעס פון ברעט איז אַ בעט פאַר פּאַיאַצן,
אַז פלאַם אינעם מויל קען אין ברויט זיך נישט בייטן,
און ס׳וויל ניט אַנטלויפן דער שד פון שוואַרצאַפּל.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

דער פּאַיאַץ, דער ערשטער, ער שטייט פונדערווייטן
און קלאַפּט מיט די טאַצן און פלאַפּלט. און פלאַפּלט.

שטייט אַ ייד אינמיטן פעלד

בלייאיק שטאַרט דער הימל און די ערד איז רויט,
דורכן ווינט, וואָס קלאָגט דורך צווייגן, ברומט דער טויט.

טרער נאָך טרער פון גראָען הימל טראָפּט און טראָפּט.
שטייט אַ ייד אינמיטן פעלד און גראָבט און גראָבט.

וואַרפט אַ שאָפל נאָך אַ שאָפל שוואַרצע ערד — —
זיצט אַ בלאָנדער נאַצי אויף אַ ברוינעם פערד.

ווערט די ערד פון הימל־טרערן דורכגעווייקט,
ווערט דער ייד אויף נאַסן פעלד אַ קרומער צווייג.

און דער נאַצי ווי אַ היענע ברילט און לאַכט.
זעט דער ייד: עס בליצט, דער הימל אויפגעמאַכט — —

העלט ביים ייד דאָס פאַרמעט־פּנים פון אַ מת,
אויגן זיינע לויכטן: — ס'איז אַ נס! אַ נס!

בליץ — אַ רויטע שפּיז — געטראָפן האָט אין ציל,
און — ס'איז שטום געוואָרן ס'נאַצישע געבריל.

מיין מזל

וואו אַ באַרג און וואו אַ טאָל איז
האָט מיין בליק זיך אומגעטריבן,
אויפן הימל די מזלות
דורכגעציילט און דורכגעקליבן.

צו מיין מזל אין די הויכן
האָב איך ניט געקאָנט דערלאַנגען,
מיינע יאָרן — שנורן רויטע —
האָבן ניט געקאָנט אים פאַנגען.

שנורן רויטע — מיינע יאָרן —
אָפּגעהיטן און פאַרהוילן —
זיינען דורך דער צייט געוואָרן
פלאָנטערדיקע שנורנקנוילן.

גאָט! — בן אָדם שיקט זיין תּפילה
און זיין מזל בעט ער, מאָנט ער,

זע, מיין מזל איז געפאַלן
אינעם רויטן שנורנפּלאָנטער.

אינעם קנויל מיין מזל פּלאָטערט,
פּינקלט ווי פון פּיש די שופּן — —
איך, אין אייביק־שווערן מאַטער,
נישט צענעמען קאָן די קנופּן.

שטומע שווייגעניש

פעלדער, וועלדער, לאָנקעס — אין גרינעם מיד,
שטומע שווייגעניש אָן גבול.
בלויז די זון — די רויטע נול —
גליט און גליט.

בריענדיקע העלקייט, גלוט און זשאַר.
טאָג איז אויסגעמאַטערט, מאַט.
בלויז דער הימל — דער בלויער ציפּערבלאַט —
שטאַרט און שטאַרט.

וועגן איינגעטוליעט אינעם שטויב, אין גראָ.
שטילקייט־שלייער איבער ברוק און הייזער.
יעדער זונענשטראַל — אַ גליענדיקער ווייזער —
בלוטיקט־אויס אַ שעה.

מיין מאַמעס הענט

כ'געדענק זיי נאָך —
— אויסגעצערטע פונעם יאָך —
מיין מאַמעס הענט
ביי אירע דאַרע קינבאַקן געלענט,
וואָס האָבן דורכן פענצטער־לאָך
אַרויסגעגעלט,
ווען זון האָט זילבערדיק געהעלט.

און מיר —
אַ כאַפּטע קינדערלעך
אין יאַגעלעך, אין פרייַלעכן געלויף —
האָבן זיך געשפּילט
אויף שבתדיקן הויף — — —

כ׳געדענק זיי נאָך,
כאָטש לעבן מיינס, וואָס כ׳האָב אַדורכגעלעבט,
האָט מיך אַוועקגעפירט
אויף וועגן פון אַ נייעם דור
און מיך אַריינגעוועבט
אין גרויער וואָך — — —
כ׳געדענק זיי נאָך.

אויף דער שבת איז געוואָרן וואָך,
און יעדער טאָג ברענגט נייעם גזר.
ווייטיקט אין מיין האַרץ די פּיין און ברענט.
און איצט, —
פון יעטוועדער געפאַר
היט מיך און באַשיצט
דער שאָטן פון מיין מאַמעס הענט.

מאיר סעגאַל

לידער

דאָרף ביים ים

1

אַ טונקעלער ווינט צעוואַרפט דאָס גראָז איבער פעלדער,
די העלע זון לעשט שוין אַלע וועגן אויס.
דורך אָוונטיקע שויבן אויף די ווייסע שטיינער
וואַרפן לאָמפּן נאַכטיק פייער שוין אַרויס.

זיצן מענטשן צוגעמאַכטע אין די הייזער
אין רו, נאָך טאָג, נאָך שווערער מי. —
ס'האָט ים געבראַכט אַ היים זיי — צו נאַכט, צו ווייס געלעגער,
און כוואַליעס וועלן וועקן זיי אין שטילן אינדערפרי.

ס'האָבן מענטשן דאָ דעם גורל זייערן מיט ים פאַרבונדן,
קוקן זיי אין ווינטער־אָוונטן דורך שמאָלע פענצטער
ווי ס'וואַרפט דער גרויער ים זיך אויפן ברעג;
עס שטאַרבן פיש געשליידערטע אויף קאַלטע שטיינער,
און כוואַליעס איילן אין ים אין שטאַליקן אַוועק.

אויך מיך האָט שפּעטער זומער דאָ אַהער געבראַכט,
ווען אָפּגעשוירן ליגן פעלדער
און דערנער־שאָטנס זאָגן אָן:
אָ, מענטש פאַרבלאָנדזשעטער!
ס'קומט אָן די קאַלטע ווינטערדיקע נאַכט.

אָ, דערנער אויסגעשטרעקטע צו דער ווינטערדיקער נאַכט,
ווער וועט אייך דאָ הפקרדיקע פאַרן שטורעם־ווינט פאַרהיטן?
כ'בין אַליין איצט אויך אַ דאָרן אויפן פעלד —
און אַלע לעבנס אַרום מיר
האָבן קאָסעס שוין פאַרשניטן.

עס קלינגט אין נעפּל ווייט און רויט דער ים־גלאָק,
אַ שיף אַ צינדנדיקע גייט פאַרביי,
עס שלאָגט דער תהום מיט נאַכט, געפּאַר און גריבער. —
אָ, שיף, אָ, ים, אָ, תהום, —
אויך מיר — מיר גייען אין אונדזער איצטיקן לעבן
איבער די בלוטיקסטע כוואַליעס אַריבער.

אַריבערן ים — אַ שטורעם־־געשריי.
עס דרייען זיך וואַלקנס רונדער און רונדער.
איך קוק אין דער ווייטקייט און טראַכט
פון אונדזער גרויסער ערד,
וואָס דרייט זיך אפשר בלינדער נאָך און בלינדער.

2

אין שטיבל ביים ים גייט שלאָפן מיין קינד .
ס'איז קאַלטער סעפּטעמבער.
מיין קינד ווערט אַכצן חדשים באַלד. —
דער זעלבער נאַכט־שלאָף, וואָס אויף מיין קינדס וויעס,
אויך אויף דיר איצט פאַלט.

די מאַמע וואָס האָט צעעפנט פאַר דיר, מיין קינד,
אין בלוט איר איינגעווייד —
איר פּנים איבער דיר איצט לויכט אין פרייד.
זי חלומט איבער דיר — — — —
זי זעט דיין לעבן ווייט, אין יאָרן ווייט. — — — —

נאָר איך, מיין קינד, פאַרבינד דיין לעבן איצט
מיט ברעגן בלוטיקע, פון ים, אויף יענער זייט. —
איך קניפּ דיין לעבן, וואָס גייט אויף,
מיט לעבנס אומגעקומענע צענויף. —

דאָרט — אַ יאָמער־טאָל ; אַ בלוטיקע איז דאָרט די זון פאַרגאַנגען,
און דאָ, אויפן הויכן באַרג, אַ העלע גייט זי אויף צוריק.

3

ס'האָט אַ ליכט אַ פלייץ געטאָן —
און אויפגעוועקט דאָס בלויקייט אינעם דאָרף.
דעקט די זון זיך שוין פון וואָלקנס אָפּ,

וואַשן מענטשן זיך פון כלים ערדענע
דעם שלאָף דעם נאַכטיקן פון פנימער אַראָפּ.

ליגן אָנגעהאַקטע שייטלעך האָלץ,
קיניקע און רויטע —
פאַרשמעקן הינטער טירן.
דער ים צעעפנט זיך
געזאַלצענער און ברייטער,
און אויף זיין ווייסקייט
שפּיגלט זיך אַ זון,
אַ זון — אין טויזנטער קאָלירן.

אַזאַ ליכט האָט נאָך גאָט אַליין ניט געזען

. . . און עס זיינען אַוועק טעג און וואָכן און חדשים —
און אויפן אַלטן בית־עולם האָט זיך נישט באַוויזן קיין איינציקע לוויה,
פון קיין ייד קיין קדיש זאָגן —
פון קיין ייד קיין יללה.

און אַ שניי האָט דעם אַלטן בית־עולם פאַרשאָטן.
פון נאַסקייט האָבן די ווענט פון טהרה־שטיבל גענומען פאַרדאַרבן.
האָט די מיטה, אַן איבערגעקערטע —
דורך די פענצטער פון טהרה־שטיבל,
איבער פעלדער,
אַזוי משונהדיק גענומען וויינען :
אָ, צי האָבן יידן אינגאַנצן שוין אויפגעהערט צו שטאַרבן?

און אַז נאַכט איז צוגעפאַלן אויפן בית־עולם,
און דער באַגרעבער איז ניט אַרויס פון זיין שטיבל
צומאַכן אויפן ליכטיקן פענצטער זיין לאָדן,
און אַז מען האָט מער ניט געהערט אינדרויסן
פאַרן שטיינערנעם פּאַרקן
אויפן שניי דאָס סקריפּען פון רעדער
פון אַן איינזאַמען וואָגן
און דאָס קרעכצן פונעם איינגעשפּאַנטן יידן אין וואָגן,
וואָס פלעגט נאָך אַ טאָג פון שווערע משא שלעפן

דורך נאַכט, און ווינט און שניי,
וויט אַריבערן בית־עולם
צו זיין אָרימען שטיבל זיך טראָגן,
און אַז די שטאָט־משוגענע
פלעגט מער ניט קומען אין די קאַלטע ווינטער־נעכט
קלאַפּן אין די קברים
און ציען אירע אויסגעדאַרטע הענט
צו די ווייסע נשמה־שנייעלעך וואָס שוועבן
און אין טרויער טאַנצן,
און זינגען
און רייסן איר האָרץ:
אַ שנייעלעך, שנייעלעך ווייסע,
צו אייך איז געגליכן מיין לעבן, —
האָט די טהרה־ברעט נאָך יאָמערלעכער גענומען קלאָגן:
אָ, מתים, מתים, — מיט וואָס פאַר אַ פרייד
איך פלעג אייך צו דער אייביקייט טראָגן. —
אַזש דער טונקעלער עמער אין זיין ווינקל
האָט גענומען אויפציטערן
און זיך אויפכאַפּן פון זיין חדשים־לאַנגן
טויט־שלאָף דעם ביטערן, —
און צום נידעריק צעבראָכענעם טיש גענומען ריידן:
אָ, איך געדענק נאָך די ציטער־פרייד צווישן אונדז ביידן
ווען אויף דיין נאַקעטן דעק —
דער נאַקעטער מת,
און איך, מיט פרישן וואַסער, פלעג געבן אַ גאָס
אויף יעדן גליד,
אַ יעדער טראָפּן פלעגט זיך געבן אַ צעשפּריץ
און אָפּוואַשן פון גוף
די זינד פונעם לעבן.
און דו האָסט דעם מת
וואָס האָט אין ליכטיקייט שוין זוכה געווען
צום צווייטן לעבן —
צום אייביקן
אַוועקגעגעבן.

ב

האָט זיך אויפגעכאַפּט פון זיין טויזנט־יעריקן שטיינערנעם שלאָף
אַ פאַרציטערטער זיידע,
און צוזאַמען מיט אַ מתים־עדה
געגאַנגען אַ קוק געבן
וואָס ס'איז געוואָרן פונעם פאָלקס לעבן.
און ווי !
אַהינטערן פּלויט —
בלוט אויפן שניי,
און אברים צעוואָרפענע,
קעפּ אָפּגעשניטענע.
און אויגן אין בלוט־פּיין פאַרטרונקענע
ווי פינצטערע גריבער.
און אויף ביימער צעהאָנגענע מתים
קוקן בלוטיק־פאַרשטאַרטע
אין בענקשאַפט —
צום בית־עולם אַריבער.
און אַ קינד מיט הענטלעך פאַרלייגטע
און שמאָלע אַקסלען
טוט צום פאָלנדיקן שניי אַזוינע מאָדנע רייד ריידן.
זיין בלוטיק נישט־דערשאָכטן קעפּל
פאַלט אין די אָרעמס
פונעם טויזנט יעריקן זיידן.
איבערן ווייסן פעלד — דאָס ריינע בלוט.
דער זיידע טוט דאָס קינד
צו זיך טוליען און אָרבן,
און מורמלט מיט פאַרחלשטע ליפּן :
דאָס פאָלק איז פאַרברענט,
געקוילעט. —
דאָס פאָלק וועט מער ניט שטאַרבן.

און אויפגעקליבן האָבן די מתים אַ יעדן גליד. —
דער אַלטער זיידע איז צוריק אין בית־הקברות אַריין
און אויף זיינע ציטערנדיקע הענט צוזאַמענגעשפּינט
אַ קינדער־חלום פון אַ בלוטיק נישט־דערלעבטן לעבן

מיט אייגענע יענע־וועלטיקע־סופן,
און די טויטע וועלט, צום צווייטן מאָל,
צוריק איז איינגעשלאָפן.

איך קוק אַרויף צו דער זון

איך קוק אַרויף צו דער זון
און איך זאָג:
— זון,
אַנטליי מיר דיין רו.
איך וויל,
ווי דו פאַר דיין לעצט־מינוטיקן פאַרגיין,
אויך אַזאַ לויטערער
און ריינער
פאַר די הימלען שטיין.

דו לייזט זיך אויף פאַר די הימלען
און איך פאַר די ערדיקע גריבער;
ווי דו וויל איך זיין:
פאַרגיין —
כדי אויפצוגיין, ווידער.

ענטפערט די זון:
— אָ, נישט בעט צו מיר, מענטש, אין אָוונט־ציטער,
נישט זוך דורך די שטראַלן אַלץ צו פאַרשטיין.
פאַראַן אַזאַ שיינקייט
וואָס מיט זיך קען מען ברענגען,
אַפילו צו די פינצטערסטע ערדיקע גריבער,
אויך ביי אַן איינמאָליק אייביק פאַרגיין.

א. פריד-ווײַנינגער

סאָנעטן און לידער

אַ ליד

פון הויכן בלויען בוים,
האָב איך אַ זון אַראָפּגעריסן,
און בין אַוועק צוריק אין שטעטל
איך זאָל אַ יעדן לאָזן וויסן.

כ׳האָב אַלעמען געוויזן וואָס איך האָב,
און אויסגעלערנט יעדן ווי מען צינדט דאָס זונליכט אָן.
און ווי מען פּרעסט פון זונפאַרגאַנג
דעם זאַפט אַרויס,
און פאַרבט דעם רויטן מאָן.

האָט עמעץ זיך צעשריגן אַז מײַן זון
שטעכט אַלעמען גאָר אין די אויגן.
און אַנדערע האָבן גלאַט געזאָגט
ס׳איז נישט געשטויגן, ניט געפלויגן.

האָב איך מײַן אוצר
צוריק אין קעשענע באַהאַלטן,
און בין אַוועק אין וואַלד צו אַלע וועווערעקלעך,
און כ׳האָב די זון אין טויזנט ניסעלעך צעשפּאַלטן.

וואַסערמיידן

מײַן בליק צעשוימט די כוואַליעס גרין ווי סם,
ווי ס׳פונקלט יעדער טראָפּן אויסטערליש.
סע שמעקט דער נאָכמיטאָג מיט זאַלץ און פיש,
מיט פוילע וואַסערפלאַנצן און מיט שוואָם.

איך לאָז ווי פישער-שיפלעך אויפן ים,
די אויגן ווי אין אַ פאַרוויגעניש.

אַ וואַסערמויד האַלב יונגפרוי און האַלב פיש,
הייבט אָן שוין שנײדן רייפּטלעך פון דעם פלאַם,

פון רויטער זון ווי פון אַ לאַבן ברויט.
אַ צווייטע זאַלבט איר שליימיק נאַסע הויט
מיט פערלמוטערדיקן מושלאַייל,

טוּיכט אונטער אין דעם אָפּגרונטס טיפער הייל,
טויכט ווידער אויף אין לעצטן פייער־רעגן,
און לייגט די נאַכט אויס אויף די וואַסערוועגן.

מײנע קעץ

געוואַלגערט האָט די זון זיך פאַר די טירן,
איצט האַלט איך זי אין שטוב נאָר ווי אַ קאַץ.
איך גיב איר דעמערמילך אין אַ טאַץ,
און מוז זי תמיד אין אַ ווינקל פירן.

ווי מאָדנע זי האָט ליב זיך אויפצופירן.
זי טוט אין פנים מיר צומאָל אַ קראַץ —
איך זאָל אויף טייטשמעריש זי רופן שאַץ,
און איר די נעגל פורפור רויט לאַקירן.

נאָר מיין לבנה קאַץ איז מער ראָמאַנטיש.
זי לייענט בײנאַכט נאָר עדגאַר עלן פאָ.
ווי איך טרינק זי פון חלום־פאַס באַכאַנטיש,
שעפּט מיט אַ בעכער אָן וואָס האָט קיין דנאָ.
מיין שכן וואָס האָט קעץ און קאָטערס פיינט,
מיינט ס׳איז ניט שיין צו זיין ראָמאַנטיש היינט.

לבנה קאַץ

כ׳האָב נעכטן מיין לבנה קאַץ געבעטן,
זי זאָל פאַר מיר אין מילך־געסל לויפן,
אַ טעפּל סמעטענע און פוטער קויפן,
איר צוגעזאָגט כ׳וועל אירע וואָנציעס גלעטן.

כדי זי זאָל זיך אָבער ניט פאַרשפּעטן —
דעם וועג אַנטפּלעקט איר אויפן גרינגסטן אופן.

און זי געוואָרנט פֿאַר די טונקלע הויפֿן,
וואו קאָטערס לויערן ביי די שטאַכעטן.

אַ גאַנצע נאַכט האָב איך אויף איר געוואַרט,
און שוין געמיינט אַ בייזער קאָטער־וואָלקן
האָט ערגעץ וואו אין הימל זי פֿאַרנאַרט,

צי מ'האָט די שטערן־קי נאָך ניט געמאָלקן.
וואו מיינט איר זי געטראָפֿן, פֿייערפֿלאַם?
ביים כאַפּן זילבערפֿישעלעך אין ים.

זייט ווייסן אַז —

אַ קאַץ האָט פֿיינבאַגעמונג און דערפֿאַר
לעב איך מיט קעץ און קאָטערס תמיד גוט.
פֿאַר זיי האָב איך געשריבן וועגן פרוט,
צעטיילט אַ יעדער קאַץ אַן עקזעמפּלאַר;

און ניט געוואַרט האָב איך אויף האָנאָראַר,
כאָטש יעדע קאַץ ווייסט אַז איך שרייב מיט בלוט.
ביינאַכט ווען מידער קערפּער ליגט און רוט
הער איך ווי איינע שפּילט אויף איר גיטאַר

אַ סערענאַדע פֿול מיט לויב און דאַנק,
און אַנדערע ביים פֿענצטער אויף אַ באַנק
באַזינגען און באַמיאַוקען שטענדיק מיך.

און איך, טו דעמאָלט גיך אַ כאַפּ אויף זיך
פֿאַר פֿרייד, מיין שוואַרץ און ווייס געפֿלעקטע פֿעל,
און שאַרף די נעגל אָן ביים בלויען שוועל.

טונקעלע נאַכט

מען קאָן מסתּם צוליב מלחמה־צוועקן,
מער ניט קיין שוועבעלעך אין הימל קריגן.
איך האָב געזוכט די שטערן וואו זיי ליגן,
און אָנגעטאַפּט זיי בלינד נאָר מיט מיין שטעקן.

איך זאָל זיך פאַר דעם חושך ניט דערשרעקן,
האָב איך געברומט פאַר זיך אַ שטילן ניגון,
און אָפּטמאָל אויף אַ הויכן קול געשריגן
איך זאָל די שלאָפנדיקע שטערן וועקן.

נאָר אַז די פינצטערניש האָט מיך געוואָרנט,
דער שונא איז ניט ווייט און אויף דער לויער,
און רוקט אַלץ נאָענטער צו צום הימל טויער,

האָב איך, אַ גרייטער, זיך געשטעלט פון פאָרנט,
די אויגן גיך געלאָדן ווי געווערן;
געשטאַנען אויף דער וואַך מיט טונקלע שטערן.

דענקמאָל פון א. לינקאָלן אויף יוניאָן סקווער

אַלטמאָדיש אָנגעטאָן פאַר אַזאַ שטאָט,
ווי אַ פּראָווינצלער וואָס קומט איצט פון ווייט,
איז גרין פון ווינט און רעגן פון דער צייט,
נאָך טרוימט ער: יעדער מענטש איז גלייך פאַר גאָט.

אַ טויב האָט זיך אַרויפגעזעצט פאַרשייט,
גראָד אויף זיין קאָפּ, דערציילט אים ווי מען האָט
פאַרגעסן שוין כמעט אָן זיין געבאָט
וואָס האָט דאָס נעגער־פאָלק אַמאָל באַפרייט.

זי דרעמלט קוים און חלומט אויף זיין קאָפּ:
די אייביקייט ליגט ניט אין בראָנז צי שטיין,
און ס'איז נאָך אייביק דאָס וואָס איר היט אָפּ.

נאָר פּלוצלינג קייקלט עפּעס זיך אַפּער
פון אונטערן טייבלס עק, פאַרחלומט, שיין,
און פאַלט אויף אים אַרויף נאָר ווי אַ טרער.

ש י מ פּ אַ נ ז ע

דער אורוואַלד ענדיקט אָפּט זיך אין אַ שטייג.
אַ גרויזאַמקייט פון לעמפּערט און רעפּטילן!

ווי שווער איז זיך צו בייגן פאַרן ווילן
פון אדם מיט דער ביקס און מיט געצייג.

זי פּרואווט אין זיך די בענקשאַפט איינצושטילן,
און גלעט אַ גראַטע ווי אַ גרינעם צווייג.
נאָר כאַפּט זי אויף אַ ניסל צי אַ פייג,
דאַן פרייט זי זיך נאָר ווי אַ קינד ביים שפּילן.

אויף שטריקן מיט די אייזערנע צוויי רינגען,
דערוואַכט צומאָל אין איר דער וואַלד ביים שפּרינגען.
און עפּעס פּילט זי אינעם בלוט פון חיה

אַ חלום ווידער אויפגיין: דזשאַנגלען פרייע.
טוט זי אַ שפּיי אויף דיר וואָס ביסט געשטאַנען
און האָסט אַפילו ניט דעם זין פאַרשטאַנען.

אַנטפּלעקונג

איך שטאַרב און האַלט אין איין געבוירן ווערן.
פאַרגיי איך לעשט די זון אויס אירע פלאַמען,
צעשפּאַלטן זיך דערשראָקענע די ימען,
און איר צעפליישט אייך ווי די וועלף און בערן.

קום איך צוריק און בלייב מיט אייך צוזאַמען,
הייבט איר זיך ווידער אָן ווי זאַמד צו מערן,
די ערד ווערט פעט, קאָן אַלעמען דערנערן,
און פירות קריגן ווידער אַלע טעמ׳ען.

דער דאָרשט נאָך בלוט איז אָבער אייער גזר.
מיט שנאה הייבט איר אָן זיך צו באַפלעקן,
און לייגט אַרויף אויף מיר אַזויפיל צער,

נעם איך אין האַנט דעם שוואַרצן וואַנדערשטעקן,
איך גיי, און בין אייך מוחל אויך דערפאַר,
דאָך וועל איך זיך אַמאָל פאַר אייך אַנטפּלעקן.

בײַם קלאַװיר

די װײַסע און די שװאַרצע טרעפּן פֿירן
צו גאָט, און דו האָסט זיך צו אים דערהויבן,
סע טאַנצן דײַנע פֿינגער נאָר װי שטויבן,
װען ס׳קומט די זון זײ מיט אַ שטראַל באַרירן.

איך קוק אויף דײַנע הענט. נאָר דו ביסט אויבן,
כ׳הער דין דעם הימל אונטער דיר װיברירן.
שפּאַנסט אין אַ װאַלד פֿון טויזנטער קלאַװירן,
װאו טרוימערס קומען בלויע שטערן קלויבן.

אַמאָל אויך שפּרינגען זילבערנע פֿאַנטאַנען
פֿון דײַנע פֿינגער, װי פֿון מיטן טײַך,
װאו ס׳באָדן זיך די װײַסע, שװאַרצע שװאַנען,

די ריטערס פֿונעם װאַסער קיניגרײַך,
און ס׳שײַנט די זון דורך דײַנע װאַסעראויגן
און װערט פֿאַרגליװערט אין אַ רעגנבויגן.

אַ פֿולע לבנה

דו לויפֿסט מיט אַ פֿולער לבנה אין האַנט
אַריבער די זילבערנע פֿעלדער און שליאַכן.
און װאָס דו באַרירסט מיט דעם ליכט פֿון דײַן האַנט
לײַכט אויף אַזױ העל װי פֿאַרזילבערטע זאַכן,
אַפֿילו דער שטערן װאָס פֿאַלט פֿון דײַן האַנט,
מוז אויך זײַנע אויגן אין בלינדקייט פֿאַרמאַכן.

דו ברענגסט מיר אַ פֿולע לבנה אין האַנט,
און לײגסט פֿאַר די װערבעס אַװעק װי אַ שפּיגל,
דאָס טײכל װאָס גיסט זיך אַרויס פֿון דײַן האַנט
װי װײַן פֿון אַ קלאָרן קרישטאָלענעם קריגל.
ס׳איז צװעלף שוין דער זײגער, דאָס ליכט אין דײַן האַנט
װערט מיטנאַכט —אַ פֿויגל מיט זילבערנע פֿליגל.

אַ זשמעניע גאָלד אין טונקל בלוי

אַ ביסן ברויט און אַ געלעגער פֿאַר מיין קאָפּ
און כ׳וואַרף פון זיך די גרויע זאָרג אַראָפּ,
נאָר הימלען דאַרף איך זיבן האָבן.
כ׳האָב ליב די שטערן אויסצוגראָבן,
און זיי צעוואַרפֿן גלאַט אַזוי,
אַ זשמעניע גאָלד אין טונקלבלוי,
און ווער סע וויל זאָל קומען אויבן,
און זאָל דאָס אַלץ צוזאַמען־קלויבן.
איז וואָס זשע דאַרף איך ראָטשילד ווערן
אַז כ׳האָב אַזויפיל גאָלדענע שטערן.

אַ ביסן ברויט און אַ געלעגער פֿאַר מיין קאָפּ
און כ׳וואַרף פון זיך די גרויע זאָרג אַראָפּ.
איך דאַרף קיין אוצרות ניט וואָס שימלען,
גיט בעסער מיר די זיבן בלויע הימלען,
און כ׳פּרעס אַ גאַנצע נאַכט פון שטערן וויין
אין טונקל בלויען פֿאַס אַריין,
און ווער סע וויל זאָל קומען טרינקען
און זאָל מיך אויך אַמאָל געדענקען.
איז וואָס זשע דאַרף איך ראָטשילד ווערן,
אַז כ׳האָב אַזויפיל גאָלדענע שטערן.

מנחם ריבאַלאָוו

שמואל ניגער — דער קריטיקער

א

שמואל ניגער איז דער באַרופֿענער און געטרייער קריטיקער פֿון דער יידישער ליטעראַטור. פֿון ערשטן טאָג פֿון זיין ליטעראַרישער טעטיקייט — וואָס איז פּרוכטבאַר און פֿאַרשיידנאַרטיק — האָט ער די ליטעראַרישע קריטיק געמאַכט פֿאַרן צענטער און צוועק פֿון זיין לעבן. ווי אַ געטרייער באַגלייטער גייט ער נאָך אַלע אירע אַנטוויקלונגען, ווי אַ גוטער שומר היט ער אָפּ אַלע אירע נייע שפּראָצונגען, און ווי אַן עכטער קריטיקער גיט ער אַכטונג אויף אַלע אירע שאַפֿער און דיכטער.

דורך ניגערס קריטישע עסייען און ביכער גייט דורך די גאַנצע נייע יידישע ליטעראַטור, פֿון די ראשונים ביז די אחרונים. ער האָט אַ וויכטיקן בוך וועגן מענדעלע מוכר ספרים (זיין לעבן, זיינע געזעלשאַפֿטלעכע און ליטעראַרישע אויפֿטואונגען), אַן אינטערעסאַנט בוך וועגן שלום עליכמען (זיינע וויכטיקע ווערק, זיין הומאָר און זיין אָרט אין דער יידישער ליטעראַטור), גרעסערע אַרבעטן וועגן פּרצן און צעזייטע און צעשפּרייטע אַרטיקלען וועגן אַלע וויכטיקע יידישע שרייבער, וועגן הונדערטער ביכער וואָס זיינען דערשינען אין משך פֿון קרוב צו פֿערציק יאָר.

ער איז אַריינגעוואַקסן אין דער יידישער ליטעראַטור, פֿאַרוואָרצלט אין אירע שרשים, פֿאַרבונדן מיט איר גורל און איר מהות. און ער איז אויך אויסגעוואַקסן צוזאַמען מיט איר. פֿון די ערשטע אַרטיקלען זיינע וועגן שלום יעקב אַבראַמאָוויץ, שלום עליכם, פּרץ, פּינסקי, אַש, וויסענבערג, נאָמבערג, ל. שאַפּיראָ, בערקאָוויטש און בעל־מחשבות — אויף וועלכע ער האָט געקוקט ווי „אויף ליטעראַרישע פּראָבעס, פֿראַגמענטן, באַאַרבעטונגען" — ביז די ביכער זיינע און קריטישע אָפּהאַנדלונגען וועגן די עלטערע און יינגערע יידישע שרייבער, האָט ער דורכגעמאַכט אַ לאַנגן און שעפֿערישן וועג, האָט ער אויפֿגעבויט אַ בנין וואָס איז געוואָרן אַ וויכטיקער טייל פֿון דער נייער יידישער ליטעראַטור.

ער איז געווען אַן ערשטער אויף זיין געביט און איז עד היום פֿאַרבליבן דער ערשטער און דער וואָגיקסטער יידישער קריטיקער.

אַנדערע האָבן אָנגעהויבן און ניט פֿאַרגעזעצט, אָדער פֿאַרגעזעצט מיט הפסקות, ווייל אַנדערע אינטערעסן האָבן זיי געצויגן צו זיך. ניגער איז

געבליבן געטריי צו זיין שליחות און צו זיין באַרוף. אמת, ער האָט אויך נאָך אינטערעסן. ער איז אַ וואַכזאַמער פּובליציסט, וואָס רופט זיך אָפּ אויף אַלע וויכטיקע פראַגעס פון אונדזער לעבן; ער איז אויך אַ קולטור־טוער און רעדאַקטאָר — אָבער זיין הויפּט־אַרבעט איז קריטיק און אין איר ווייזט ער אַרויס זיין אמתן כוח. און דערמיט בויט ער ניט נאָר זיין אייגענעם בנין פון ליטעראַרישער קריטיק, נאָר אויך דעם גאַנצן בנין פון דער יידישער ליטעראַטור. ווייל — כל זמן עס איז ניטאָ קיין סיסטעמאַטישע קריטיק אין אַ ליטעראַטור, פעלט דער דאָזיקער ליטעראַטור גאַנצקייט, באַזינונג, תכלית. אַ ליטעראַטור וואָס האָט ניט קיין קריטיק איז געגליכן צו אַ הימל וואָס איבער אים זיינען צעשפּרייט פינקלדיקע שטערן וואָס קיינער ווייסט ניט זייער נאָמען און קיינער פאַרשטייט ניט זייער זין. זיי ווינקען צו אונדז, זיי כישופן אונדז פון די הויכע וויטן, אָבער מיר האָבן ניט דעם טעלעסקאָפּ זיי נעענטער צו באַטראַכטן, מיר האָבן ניט די אסטראָנאָמישע מיטלען זיי צו דערגרייכן מיט אונדזער וויסן און פאַרשטאַנד. עס זיינען קליינע, פינקלדיקע סודות וואָס רייצן אונדז אָן אויפהער, רעגן אונדז אָן אויף עטוואָס מיסטעריעזעס, אָבער שטילן ניט אונדזער דורשט און באַלייכטן ניט אונדזער פינצטערניש.

ווען די נייע יידישע ליטעראַטור האָט זיך צעבליט און צעוואַקסן, איז דאָס געווען אַ גרויסע דערשיינונג. עס איז פאָרגעקומען אַ רעוואָלוציע אין אונדזער לעבן. אָבער ניט אַלע האָבן פאַרשטאַנען וואָס דאָ קומט פאָר. דער לעזער, צוליב וועמען די ליטעראַטור איז געשאַפן געוואָרן, איז נאָך ניט געווען רייף פאַר איר וואָרט און האָט נאָך ניט געקאָנט אָפּשאַצן איר ווערט. ער איז געווען אַ דרדקי־תלמיד. ער האָט זיך גענויטיקט אין אַ טייטל פון אַ ליטעראַרישן רבין, פון אַ קריטיקער אַ לערער, אַ דערציער, אַ וועגווייזער, וואָס זאָל אים אַריינפירן אין די חדרי־חדרים פון דעם שעפערישן וואָרט און אים מאַכן פאַר אַ גוטן תלמיד, וואָס זאָל זיין אַ „מבין דבר מתוך דבר".

ניגער האָלט בעל־מחשבותן פאַר דעם „פאָטער פון דער קינסטלערישער קריטיק אין דער יידישער ליטעראַטור", ווייל ער איז געקומען פון אייראָפּע און האָט מיט זיך מיטגעבראַכט ראַפינירטקייט פון געשמאַק, וועלטלעך וויסן און זעלבסטשטענדיקייט פון קריטישן געדאַנק. און ער האָט אויך געפונען — דענקט ניגער — דעם לעזער וואָס פאַרשטייט און נויטיקט זיך אין אַזאַ מין עסטעטישער קריטיק. אַזאַ לעזער — זאָגט ער — „וויל ניט אַז דער קריטיקער זאָל קנעלן מיט אים, ווי אַ דרדקי־מלמד, און טייטלען קמץ אלף — אָ, פּתח בית—באַ. צו דעם דאָזיקן לעזער מוז דער קריטיקער רעדן ווי אַ גלייכער צו אַ גלייכן. ער דאַרף אים דערציילן, וואָס איז פאַר אים אַליין די ליטעראַטור, וואָס ער שרייבט וועגן איר, ווי פאַרשטייט ער זי, וואָס פאַר אַ געדאַנקען און געפילן רופט זי אַרויס אין אים, וואָס פאַר אַן עסטעטישע און אַלגעמיין־גייסטיקע באַפרידיקונג גיט זי אים, וואָס פאַר אַ פאָדערונגען שטעלט ער

צו איר, וואָס פאַר אַ האָפענונגען לייגט ער אויף איר, וואָס פאַר אַ שייכות געפינט ער צווישן איר און דער עפּאָכע, ווען זי ווערט באַשאַפן, צווישן איר און דער באַזונדערער לעבנס־דערפאַרונג, פון וועלכער זי איז אַרויסגעוואַקסן, צווישן איר און די פּערזענלעכקייטן פון אירע שרייבער..."

דאָס רעדט ניגער וועגן בעל־מחשבותן, אָבער צווישן די שורות רעדט ער ניט נאָר וועגן אים, נאָר אויך וועגן זיך און וועגן קריטיקער בכלל.

און אויב בעל־מחשבות איז געווען דער פאָטער פון דער קינסטלערישער קריטיק אין דער יידישער ליטעראַטור, איז ער, אָבער, צו פרי געשטאָרבן און האָט דערפאַר ניט באַוויזן צו ווירקן און באַאיינפלוסן אונדזער ליטעראַטור און באַפעסטיקן די קריטיק. דערפאַר איז דער לעזער לאַנג נאָך אַ לאַנגע צייט פאַרבליבן אַ דרדקי־תּלמיד, וואָס האָט זיך געניטיקט אין אַ „קנעלונג".

דאָס האָט ניט ווייניק געווירקט אויף ניגערס אופן פון קריטיק. אויף אים איז געפאַלן דער מאַנטל פונעם „פאָטער" און ער האָט געדאַרפט ווערן דער קריטיקער וואָס איז לויט זיין אויפפאַסונג „אַ שרייבער, אַ לעזער, אַ לערער". ער טראָגט אויף זיך תמיד דעם עול פון אַ רבי און אַ וועגווייזער. ער קאָן זיך ניט פאַרגינען דעם תענוג צו זיין בלויז אַ שרייבער, בלויז אַ קריטיקער, וואָס שעפּט פון שאַפערס־קוואַל און האָט הנאה. ער ווייסט, אַז ער איז אויך אַ לעזער (און דער קריטיקער איז לויט זיין אויפפאַסונג „דער בעסטער, דער אַקטיוווסטער, דער שעפערישסטער לעזער") ניט נאָר פאַר זיך נאָר אויך פאַר אַנדערע, פאַר די וואָס דאַרפן אַ לערער. ער איז זיך סומך אויף סענט־בעוו, דעם גרויסן פראַנצויזישן קריטיקער, וואָס האָט געזאָגט, אַז „דער קריטיקער איז ניט מער ווי אַ מענטש וואָס קאָן לייענען אַליין און וואָס לערנט לייענען אַנדערע". און דער אידעאַל פון קריטיק איז ביי אים געוואָרן „אַ געוויסער גלייכגעוויכט צווישן דער שרייבערישער און דער לעזערישער פיאיגקייט".

גאַנצע צוויי ביכער האָט ער געווידמעט דער דאָזיקער פּראָבלעם און האָט זיי אַ נאָמען געגעבן: „לעזער, דיכטער, קריטיקער". דעם ערשטן פלאַץ האָט ער אָפּגעגעבן דעם לעזער, דעם לעצטן — דעם קריטיקער.

אין דער דאָזיקער בולטער טענדענץ ליגט אַ טיפע סתירה צו זיין גאַנצער קריטיק־פילאָסאָפיע, וועלכע איז ניט קיין דאָגמאַטישע, און ניט קיין טענדענציעזע. ער האָט דורכגעשטודירט אַלע תורות און שיטות פון די גרויסע קריטיקער — פון סענט־בעוו ביז טענען און בראַנדעסן און פון בעלינסקין ביז גארנפעלדן און אייכענוואַלדן, און האָט דערהערט דעם בת־קול פון קריטיק־דיכטונג. ער האָט אין זיינע 13 עסייען „פּראָבלעמען פון קריטיק" פאַנאַנדערגעוויקלט דעם גאַנצן קנויל פון דער מאָדערנער קריטיק, אין אַלע אירע שאַטירונגען (סאָציאַליסטישע, קולטור־היסטאָרישע, מאַרקסיסטישע, ספּעציאַליזירטע אאַז"וו) און דער סך־הכל זיינער איז אַז ניט די

דאָגמאַטישע קריטיק, נאָר די פרייע, די אימאַנענטע קרטייק איז די רכטיקסטע. ער ווייסט און זאָגט אַז „קיין שום געבונדנקייט טאָר ניט זיין אין דער קריטיק . . . די קריטיק ווייס ניט פון גייסטיקער מאָנאָגאַמיע". זי איז שטענדיק גרייט זיך צו פאַרליבן. זי מוז זיין אָפן פאַר אַלע שולן, אַלע עפּאָכן, אַלע ריכטונגען און אַלע סטילן אין דער קונסט. „זי זאָגט אייך ניט, האָט עס באַשטעטיקט איינער פון אירע גלענצנדיקסטע פאַרשטייער היפּאָליט טען, — „פאַראַכט די האָלענדישע קונסט: זי איז צו גראָב; פאַראַכט די גאָטישע קונסט: זי איז קראַנקהאַפטיק; ליבט נאָר די גריכישע קונסט': זי לאָזט יעדן די פריהייט צו פאָלגן זיינע פערזענלעכע נייגונגען און באַזור־דערהייטן, אויסצוקלייבן דאָס, וואָס איז צוגעפּאַסט צו זיין געמיט און אַריינצוטאָן זיך אין דעם וואָס שטימט מער מיט זיין גייסט".

ער ווייסט און חזרט עס איבער פיל מאָל אַז קריטיק איז ניט „לויבן" אָדער „זידלען", זאָגן „יאָ" אָדער זאָגן „ניין", נאָר „די קונסט אויפצונעמען אין זיך אַ פרעמדנס ווערק מיט שעפערישער ליבע, אויפנעמען עס, ווי די פרוכטבאַרע ערד — דעם קערנדל, וואָס ווערט פאַרזייט אין איר, און צוריק אים אונדז אומקערן אַן אויפגעבליטן".

אָבער ער, וואָס פאַרשטייט אַזוי גוט דעם מהות און די נשמה פון קריטיק, האָט צופיל עניוות אין זיך און מאַכט זיך — און אויך יעדן קריטיקער — פאַר אַ לעזער, און זאָל זיין אַפילו פאַרן בעסטן, פאַרן אַקטיווסטן, פאַרן שעפערישסטן לעזער. ער האָט מורא, וויזט אויס, פאַר איבעריקער שרייבערישער גאווה, ער אַנטלויפט פונעם „אתה־בחרתנו"־געפיל וואָס לויערט אויף יעדן שעפערישן מענטשן. און ער באַרואיקט זיך ניט ביז ער גיט אָפּ אַ גאַנצע אָפּהאַנדלונג דעם ענין פון „לעזערס רוח־הקודש".

ניט נאָר דער שרייבער, הייסט עס, דאַרף האָבן און האָט רוח־הקודש, נאָר אויך דער לעזער דאַרף אים האָבן און האָט אים. דאָס איז אוודאי אַ הויכע מדרגה פון דעמאָקראַטיע און „אהבת־הכלל", אָבער אין ליטעראַרישער קריטיק איז דאָס אַ זעלטענע דערשיינונג.

עס נעמט זיך בלי ספק פון דעם קריטיקערס עניוות, פון זיין מורא ניט אי־בערצוטרייבן זיין אייגענע ווערט, פון זיין איינגעבוירענער פאַרזיכטיקייט; אָבער איך דיינק אַז דאָ האָט אויך ניט ווייניק געווירקט, אפשר אומבאַוואוסטזיניק, זיין לערעריש־דערציערישע שליחות וועלכע ער פילט אין זיך תמיד. ער ווייסט אַז ער איז פון די ערשטע, אויב ניט דער ערשטער, אויפן געביט פון מאָדערנער יידישער ליטעראַטור־קריטיק. ער קאָן דעם לעזער און ער וויל אים העלפן, דערציען, לערנען. און אַ גוטער לערער, אַ מאָדערנער לערער מוז אויך זיין אַ פּסיכאָלאָג, וואָס מאַכט דעם תלמיד פאַר זיין שותף, וואָס באַגייט זיך מיט אים מיט מידת־הרחמים און ניט מיט מידת הדין, מיט ברידערלעכער ליבע און ניט מיט פאָטערלעכער שטרייגקייט. דערפאַר מאַכט ער זיך אַליין פאַר אַ לעזער

כדי ער זאָל קאָנען צוקומען צום פאָלק־לעזער און אים אויסלערנען לייענען און פאַרשטיין ליטעראַטור.

דערביי איז צו באַמערקען אַ מערקווירדיקע דערשיינונג.

אין אָנפאַנג פון זיין קריטישער אַרבעט איז ניגער מער געשטאַנען מיטן פּנים צום שרייבער. אין די ערשטע אַרבעטן זיינע — וועלכע ער האָט אָנגע־רופען „פראָגעס", „פראַגמענטען", „פאָראַרבייטען" — פילט זיך מער דער ציטער פון קריטיקער וואָס איז צוגעקומען צו די שעפער פון דער יידישער ליטעראַטור און וויל זיי ענטדעקן, פאַרשטיין און דערפילן. עס איז דער ציטער פון יענעם מתפלל וואָס איז צוגעקומען צום ארון־קודש און הויבט אויף דעם פרוכת. ער וויל צוקומען צום קדשי־קדשים, צו דער קדושה פונעם ספר וואָס איז באַהאַלטן אין ארון. דעמאָלט שאָקלען זיך די ליפּן. נישט אַלעס איז קלאָר, אָבער עס איז דאָ דער ציטער פון דער תפילה, דער צאַפּל פון דער קדושה, דער צויבער פון דער יוגנט.

אין יענער ערשטער תקופה האָט דער קריטיקער אין זינען געהאַט דעם שרייבער, דעם דיכטער און אויך — זיך. ער האָט נאָך פאַר זיך ניט געזען דעם לעזער, וואָס איז געווען רוי און ניט רייף.

שפּעטער אָבער ווען דער לעזער אַליין איז געוואָרן רייפער און פּעאיקער אויפצונעמען ליטעראַרישע ווערטן איז דער קריטיקער אַרויס פון זיין התבודדות און פון זיין באַהעפטן זיך מיטן דיכטערס גייסט און איז געוואָרן אַ „שרייבער־לעזער־לערער".

דער אַריסטאָקראַט איז געוואָרן אַ דעמאָקראַט.

דער יחיד איז אַריין אין כלל, און אין אים געפונען זיין תיקון.

ב

ניגערן אָהט געצויגן צום פאָלק און צו זיינע אוצרות, צו זיין רייכן עבר און צו זיין גרויסער טראַדיציע. און ווי נאָר ער האָט זיך באַפרייט פון די פרעמדע השפעות און פון דעם „צייט־גייסט", וואָס איז אים אין תוך געווען פרעמד, האָט ער אָנגעהויבן שטאַרקער און פעסטער זיך באַהעפטן מיטן אַמאָל, מיטן יידישן גייסט. דער כלל־ישראל האָט באַוויזט אַלע דיפערענצירונגען וואָס האָבן זיך באַוויזן אין אונדזער לעבן און דאָס אויג פון יידישן קריטיקער האָט אָנגעהויבן זוכן די איינהייט. שוין אין 1913 האָט ער אין זיין אַרטיקל וועגן שלום אַשעס בוך „מערי" באַגריפן די גרויסקייט און די טיפקייט פונעם יידישן וועלט־ראָמאַן, דיאַספּאָרא־ראָמאַן. ער האָט געזוכט דעם ייד אין וועג, דעם ייד אין דער וועלט. ער וויל אַ ווערק וואָס זאָל אונדז ווייזן דאָס יידישע ניו־יאָרק פונעם „גרינעם" ביזן יידישן אויבער־ריכטער, פון דער אָרעמסטער אַרבעטער־יוניאָן ביז דעם פילאַנטראָפּישן אָרדען פון „יאהודים"־באַנקירן, פון דעם משולח, וואָס פאָרט אום קלייבן געלט אויף אַ אייזישיקער ישיבה ביז

דעם רעקטאָר פון אַן אַמעריקאַנער יידישן קאָלעדזש. און ווען צום ניו־יאָרקער זאָלן צוקומען נאָך טיפן פון אַנדערע יידישע צענטערן — דער פּועל און שומר פון ארץ־ישראל, דער פּאַרמער פון אַרגענטינע, דער דימענט־שלייפער פון אַמסטערדאַם, דער קאַשקעטן־מאַכער פון פּאַריז, דער סטודענט פון בערן, דער סעפּאַראַטיסט פון טשערנאָוויץ, דער זשורנאַליסט און טעאַטער־דירעקטאָר פון בערלין, דער אָרטאָדאָקס פון פראַנקפורט, דער ספרדישער ייד פון סאַלאָניקי — פון דעם העכסטן שפּיץ־באַרג וועט זיך ניט עפענען פאַר אייך אַזאַ רחבות, אַזאַ וועלט פּאַנאָראַמע!"

ער זוכט דעם גרויסן דיכטער און מייסטער־בויער וואָס זאָל אונטער־וואַרפן אַלע פּרטים פון זיין געבוי צום גרויסן האַרמאָניע פּלאַן פון אַ מאָנומענ־טאַל יידיש ווערק, וואָס זאָל אַריינזאַפּן אין זיך דעם ריטם פון אונזער לעבן, די גדלות פון אונדזער עבר, די פאַרבענרייכקייט פון אונדזער געשיכטע און די גאַנצקייט פון אונדזער גורל.

און ווען ער שרייבט וועגן אָפּאַטאַשוס „פוילישע וועלדער" פאָדערט ער פון דער יידישער ליטעראַטור צו האָבן איר שטיצפּונקט אין דער יידישער געשיכטע. זי, די יידישע געשיכטע, „אָט דאָס שווינדלדיקע באַרג־אַרויף און באַרג־אַראָפּ, אָט די שליחות פון גאָט, וואָס ווערט פּלוצלונג אַ שפּיל פון שטן — לערנט אונדז גיין אויף דעם הויכן און שווערן וועג". ווייל אין דער יונגער יידישער ליטעראַטור — באַקלאָגט ער זיך — זיינען אַ לאַנגע צייט געווען פאַרשוינען אָבער ניט קיין העלדן. און ער וויל אין דער יידישער ליטע־ראַטור אַן אַטמאָספערע פון „דערהויבנקייט, יום־טובדיקייט, העראאישקייט". אים גלוסט זיך צו זען אין דער ליטעראַטור דאָס מאָנומענטאַלע, דאָס ווערק פון גרויסן סטיל, פון ברייטן פאַרנעם. ער זוכט „רעטעניש טרעפערס, צוקונפט זעער, וועלט סימבאָליקער". ער וויל אַרויסציען די יידישע ליטעראַטור פון איר בלאַסער ווירקלעכקייט, פון איר שמערצלעכער ירידה, פון איר קליינשטעטל־דיקייט. דערפאַר זוכט ער דעם שלום־וועג צווישן השכלה און חסידות, צווישן העברעאיש און יידיש, צווישן ארץ־ישראל און גלות. דאָס איז ניט דערפאַר וואָס ער איז אַ רודף־שלום און אַ פּשרה־מאַכער, נאָר דער עיקר דערפאַר וואָס ער וויל צוריקגעפינען דעם גרויסן יידישן תוך פאַר אונדזער ליטעראַטור.

דערפאַר זוכט ער און געפינט דעם אָנהייב פון דער נייער יידישער ליטעראַטור אין — חסידות. די חסידישע וואָרט־שאַפונג באַטראַכט ער, פון איין זייט, ווי די לעצטע אויפבליאונג פון דער רעליגיעזער מעשה־ליטעראַ־טור און, פון דער אַנדער זייט, ווי דעם אָנהייב און דעם אָנזאָג פון דער נייער יידישער דערצייל־קונסט. ער וויל בשום אופן ניט נאָכגעבן אַז די נייע יידישע ליטעראַטור ציט איר יניקה פון וועלטלעכקייט — וואָס האָט אַזוי מיאוס באַנ־קראָטירט — און פון וואָכעדיקייט, נאָר פונעם טיפן קוואַל פון יידיש־רעלי־גיעזן שאַפן. „יידיש הויבט זיך ניט אָן מיט א. מ. דיק — חזרט ער איבער

פּרצעס ווערטער — דאָס חסידישע מעשהלע דאָס איז דער בראשית. „שבחי בעל שם טוב" און אַנדערע וואונדערגעשיכטן זיינען פאָלקס־דיכטונגען. דער ערשטער פאָלקס־דיכטער איז ר' נחמן פון בראַצלאַוו מיט זיינע זיבן בעטלער".

אויך די נייע העברעאישע ליטעראַטור הייבט זיך אָן, לויט מערסטע קריטיקער און ליטעראַטור־היסטאָריקער, פון ר' משה חיים לוצאַטו. און ווער איז געווען לוצאַטו? אַ מקובל, אַ מיסטיקער, אַ מחבר פון מוסר־ספרים. פאַרוואָס זשע זאָל אויך די יידישע ליטעראַטור ניט אָנפאַנגען פון די רעליגיעז־חסידישע קוואַלן?

אַזוי גראָבט זיך ניגער טיפער אין די בראשית־קוואַלן פון דער נייער יידישער ליטעראַטור און דערגראָבט זיך צו די טיפענישן פון חסידות, פון דער גרויסער אויפלעבונג־באַוועגונג פון 18טן און 19טן יאָרהונדערט וואָס האָט דערפרישט דאָס פאַרטרויערטע און פאַרטרוקנטע יידישע לעבן, וואָס האָט אים, דעם לעבן, אומגעקערט שיינקייט און געזאַנג, גלויבן און עקסטאַז.

דערמיט האָט ער אויך פאַרגרעסערט דעם יחוס און פאַרטיפט די חשיבות פון ניי־יידיש.

ג

עס איז דאָ אין ניגערס אַרבעט אַ טיפער פאַרלאַנג צו סינטעזע. ער סינטעזירט חסידות מיט השכלה און באַווייזט אַז ביידע האָבן געהאַט אַ שותפדיקע היסטאָרישע אויפגאַבע — דערפרישן דאָס יידישע לעבן. איינע, די השכלה, האָט געטאָן איר שליחות מיט קאָפּ, מיט שכל. די צווייטע, חסידות, — מיט האַרץ, מיט געפיל. איינע איז געווען ראַציאָנאַל, די אַנדערע עמאָציאָנעל. פון צוויי פאַרשידענע זייטן האָבן געבלאָזן די צוויי פרישע ווינטן — אָבער ביידע האָבן געהאַט איין ציל.

דאָס איז אַ היסטאָריש־סינטעטישע קאָנצעפּציע. און וואָס מער מיר גייען אַוועק פון יענער עפּאָכע פון קאַמף און געראַנגל צווישן ביידע כוחות אַלץ לייכטער און לאָגישער ווערט אַזאַ סינטעטישער שלום־צוזאַנג.

און ניגער בויט דעם דאָזיקן סינטעטישן בנין מיט גרויס הנאה און מיט שטאַרקער איבערצייגונג, ווייל דאָס איז זיין נאַטור. דאָס איז זיין דרך.

ער האָט ליב דעם „גאָלדענעם מיטען". ער איז אַ בעל הלכה וואָס האָט ליב אגדה; אַ ליטוואַק וואָס רעדט מיט טיפער סימפּאַטיע וועגן דער מעלאַדישקייט פון די דרום־שרייבער. אַ מתנגד וואָס פאַרשטייט און קוויקט זיך מיט חסידות. אַ גלותיסט וואָס אנערקענט ארץ־ישראל. אַ יידישיסט וואָס לעבט בשלום מיט העברעאיש. און איבער אַלץ — אַ קריטיקער וואָס שטרעבט צו פאַראייניקן אין זיך די עסטעטישע יסודות פון קריטיק, אירע שעפערישע אימפּולסן מיט אירע דערציערישע כוונות. ער איז דער פאַרבינדער און פאַרמיטלער צווישן דעם דיכטער און דעם לעזער.

און אַזוי פֿאַראייניקט ער אין זיך אויך דעם קריטיקער און דעם לי־טעראַטור־פֿאַרשער און היסטאָריקער.

די דאָזיקע אייגנשאַפֿט זיינע איז געקומען צום אויסדרוק אין זיין בוך וועגן שלום־עליכמען, און נאָך מער אין דעם פֿיל גרעסערן און גאַנצערן בוך וועגן מענדעלען.

די דאָזיקע צוויי ביכער, איבערהויפּט דער ערשטער, זיינען פּראָדוקטן פֿון פֿאַרשידענע אַרבעטן אין משך פֿון פֿילע יאָרן. אין דאָזיקן אָפּשטאַם זייערן איז דאָ אַ געוויסע שוואַכקייט, ווייל צווישן זייער „לכתחילה" און „בדיעבד" איז דאָ דער אונטערשייד פֿון צייטן, שטימונגען און פֿאַרשידענע אופֿנים פֿון אָפּשאַצן און שרייבן. אַזוי איז ניגער אַליין זיך מודה אַז נאָך אַ לאַנגען איב־ערוויניקסטן ישוב הדעת איז ער „געקומען צו דער אָפּשאַצונג פֿון שלום־עליכמען וואָס געפֿינט זיך אין דעם דאָזיקן בוך". פֿריער איז אים שלום־עליכמס פֿאָלקס־גייסט, זיין „ניט־מאָדערנער" אופֿן שרייבן ניט געווען גע־נוג נאָענט, געגנוג פֿאַרשטענדלעך. „אַ חוץ דעם — זאָגט ער — איז די יידישע יונג־אינטעליגענץ, ערב דעם צווייטן צענדליק יאָר פֿון היינטיקן יאָרהונדערט פֿאַרכאַפּט געווען פֿון פֿאַרשידענע ליטעראַרישע מאָדעס און מאָדערניזמען".

ערשט נאָכדעם איז ער רייפֿער געוואָרן און נעענטער צוגעקומען צו די מקורות פֿון יידישן פֿאָלקס־לעבן. ווען די אַלע „„מאָדעס" און „מאָדערניזמען" האָבן זיך אויסגעוועפּט, זיינען אָראָפּגענומען געוואָרן די „איסורים" און „טאַ־בוס" פֿון די יוגנט־יאָרן און צוזאַמען מיט אַנדערע „אַלטע" ווערטן איז אויך שלום־עליכם געכשרט געוואָרן.

אַזוי איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן דאָס בוך וועגן שלום־עליכמען. אָבער אין דעם דאָזיקן בהדרגהדיקן אויסוואַקסן פֿון בוך איז דאָ אויך אַ גרויסע מעלה. ניט נאָר זעען מיר שלום־עליכמען אין גראַדענווייזער ענטפֿלעקונג נאָר אויך דעם קריטיקער גופֿא, ניגערן, זעהן מיר אין זיין ענטוויקלונג און שטייגערונג און דער עיקר — אין זיין אומאויפֿהערלעכן המשך. ער, וואָס האָט געטריי נאָכגעפֿאָלגט די אבות פֿון דער ניי־יידישער ליטעראַטור און תמיד גע־זוכט אין זיי דאָס קערנדיקע און דאָס היי־עולמדיקע, די טראַדיציע און דעם המשך, האָט אין זיך אַליין געשאַפֿן און פֿאַרשטאַרקט דעם געפֿיל פֿון טראַ־דיציע, די מצווה פֿון המשך.

ער איז געוואַקסן מיט דער ידישער ליטעראַטור און מיט אירע שע־פֿער פֿאַרוויקלט אַלץ מער דעם קנויל און באַרייכערט זיין פֿאַרמעגן.

אַזוי טוען אויך פּאָעטן. קערענדלעך פֿון קליינע לידער ווערען צע־וואַקסן און צעבליען זיך אין גרויסע פּאָעמען. (ביי ביאַליקן האָבן מיר געזען ווי די ערשטע אָטאָביאָגראַפֿישע לידער ווי „שירתי" האָבן ווידער אויפֿגע־לעבט געלייטערטע אין די לעצטע לידער זיינע: „אבי", „אלמנות", „שבעה" און „הפרידה" ; די „צפרירים" זיינען אַריין און זיך צוזאַמענגעגאָסן מיט דער

ליכט פון „זוהר" און „הברכה"; די ליבע־לידער, ספּעציעל „איך?", האָבן זיך אײַנגעוויקלט אין „מגילת האש"; און פון די בית־מדרש לידער האָבן זיך געצויגן פעדעם וואָס האָבן זיך אײַנגעוועבט אין „המתמיד".)

אָט אַזוי וויקלט ניגער צוזאַמען באַזונדערע קאַפּיטלען און מאַכט פון זיי אַ בוך. אין בוך וועגן שלום־עליכמן איז דאָס דער צווייפאַכער צוגאַנג פון אַ קריטיקער און אַ היסטאָריקער. די ערשטע קאַפּיטלען באַשעפטיקן זיך מיט קוואַלען־פאַרשונג און היסטאָריש־ליטעראַרישע פאַרגלײַכן: מענדעלע און שמ"ר, רעאַליזם און שמ"ריזם, מענדעלעס סאַטירע און שלום־עליכמס הומאָר.

אָבער אײדער דער קריטיקער גייט צום אינעווייניקסטן קוואַל פון שלום־עליכמס שאַפן גלוסט זיך דעם היסטאָריקער באַווײַזן די דרויסנדיקע לופט וואָס ער, שלום־עליכם, האָט געאָטעמט, און באַלײַכטן די זייטיקע השפעות אויף אים. און ער, וואָס האָט אַזוי ליב צו סינטעזירן דעם טעזיס מיטן אַנטיטעזיס, באַווײַזט באותות ומופתים אַז פון איין זײַט האָט אויף שלום־עליכמן געווירקט דער „זיידע" מענדעלע, און פון דער צווייטער זײַט האָט אויף אים געווירקט... שמ"ר. מענדעלע איז געווען זײַן יצר־טוב; שמ"ר — זײַן יצר־הרע. „שמ"ר איז געווען פאַר שלום־עליכמן אַ שטיין אויפן וועג, מענדעלע —אַ שטערן: ביים ליכט פון שטערן האָט ער געוואָלט אָפּשאַרן דעם שטיין".

דורך אַזוינע פאָרשונגען, פאַרגלײַכן און סאָציאַל־פּסיכאָלאָגישע עקסקורסיעס איבער דער צײַט, דער סביבה און דעם קולטור־מצב פונעם לעזער, שאַרט ניגער אָפּ דעם שטיין פונעם קוואַל און שלאָגט זיך צו צום מקור, צו אים אַליין, צום מייסטער פון יידישן הומאָר.

און אַז ער קומט צו צו טוביהן מיט זײַנע טעכטער, וועלכע זײַנען שלום־עליכמס ליבסטע כאַראַקטערן, און אין וועלכע עס האָט זיך אַרויסגעוויזן זײַן גרויס מענטשלעכקייט און זײַן טיפע יידישקייט — ערשט דאַן ווערט די לופט מילדער און זאַנפטיקער. וועגן שלום־עליכמן איז שווער צו פילאָזאָפירן. און „היסטאָריזירן". וועגן שלום־עליכמן איז גוט צו שרײַבן „אַזוי זיך", פאָלקס־טימלעך בעלעטריסטיש, מיט זײַן שפּילעוודיקן סטיל, און חנעוודיקן הומאָר. מ'דאַרף טאָן ווי ער טוט: לאָזן זײַנע „העלדן" רעדן. איבערדערציילן זייערע לעבנסגעשיכטעס אויף זייער פריילעך־טרויערדיקן אופן, מיט זייער אייגנאַרטיקן אַקצענט און די וואונדערבאַרע פּסוקים־אויסטייטשונגען, וואָס שלום־עליכם מיט טביהן זײַנען זייערע אונפאַרגלײַכלעכע מייסטערס. אַז מ'שרײַבט וועגן שלום־עליכמן קאָן מען ניט שטיין איבער אים און רעדן מיט הויכן לשון פון קריטיק. מ'מוז זיך אַסימילירן אין אים, זיך אונטערגעבן, און אָננעמען זײַן לשון, זײַן וועלט־באַנעם, זײַן גוטסקייט און זײַן חסד, און מיט אים צוזאַמען, און אויך מיט זײַנע מענטשן, אָננעמען זאַכן ווי זיי האָבן זיי אָנגענומען.

אויב מענדעלען דאַרף מען, לויט ניגערן, ניט לייענען נאָר לערנען („לערנען אַ בלאַט מענדעלע מוכר ספרים") טאָר מען שלום עליכם ניט לערנען,

נאָר לייענען. און לייענען אָן פרעמדע כוונות, ווייל ס'טאָר ניט זיין קיין מחיצה צווישן דעם לייענער און שלום־עליכמן, אַזוי ווי עס איז ניטאָ קיין מחיצה צווישן אים, שלום־עליכמן, און זיינע באַליבטע העלדן און קינדער.

דערפאַר איז די צווייטע העלפט פון בוך — „דאָס יידישע און דאָס אוניווערסאַלע אין טביה דעם מילכיגן" — נעענטער צום ענין שלום עליכם ווי די ערשטע העלפט „שלום־עליכם, אַלגעמיינע כאַראַקטעריסטיק". דער קריטיקער וואָס גייט צום עצם קוואַל פון שלום־עליכמס שאַפן, און פון זיין וועלט און אירע איינוואוינער, איז זיכערער אין זיין גאַנג און קלאָרער אין זיין ראיה ווי דער ליטעראַטור־היסטאָריקער וואָס פאַרשט שלום־עליכמס צייט און די דרויסנדיקע השפעות אויף אים. שלום־עליכמס אייגנשאַפטן זיינען געקומען ניט פון דרויסן נאָר פון אינעווייניק. אַלע השפעות האָבן זיך ביסלעכווייז אויסגעוועפּט. געבליבן איז דאָס קערנדיקע, דאָס אייגנטימלעכע, דאָס איינציקאַרטיקע וואָס איז „שלום־עליכם" מיט זיין הומאָר און סטיל און קלאַנג און צויבער, פון זיין ליטעראַרישער פערזענלעכקייט און ליבער וועלט וואָס איז אַוועק. ניגער ווייס און פילט די די דאַזיקע „צוגעלאַזנקייט, די קלוגע גוטסקייט, די גאָטס־געבענטשטע שמייכלדיקייט"—אַט די כוחות וואָס האָבן געמאַכט שלום־עליכמן פאַר דעם גרויסן פאָלקסשרייבער. „שלום־עליכם, זאָגט ניגער, איז ניט ליטעראַטור. ליטעראַטור איז מענדעלע, פּרץ, אַש. „שלום עליכם איז אַ טייל פון דער יידישער פאַמיליען־סביבה, פון דער שטוביקער באַלעבאַטישקייט, אַזוי ווי דער „מזרח", דער „כותל מערבי", דער „„ווילנער גאון", דער „ליובאַוויטשער רבי" אויפן וואַנט — —"

ד

שלום־עליכמן איז שווער צו „היסטאָריזירן" און וועגן זיינע ווערק איז געפערלעך צו „פילאָזאָפירן", אָבער אַז מען קומט צו צו מענדעלען „מעג מען". מענדעלע איז ניט נאָר ליטעראַטור. ער איז אויך שטייגער. אין זיינע ווערק שפיגלט זיך אָפּ אַ גאַנצע תקופה פון אונדזער לעבן. דער כלל־ישראל איז די צענטראַלע פיגור אין מענדעלעס עפּאָס. די סאָציאַלע און רעליגיעזע סביבה איז דער „הויפּט־העלד" פון מענדעלעס שאַפן. דערפאַר געפינען זיך אַפילו סאָציאָלאָגן וואָס שרייבן וועגן דער יידישער עקאָנאָמיק לויט מענדעלען.

ניגער האָט זיין בוך „מענדעלע מוכר ספרים" געשריבן מער ווי אַ ליטעראַטור־היסטאָריקער און קולטור־פאַרשער איידער ווי אַ קריטיקער. דער ביאָגראַפישער עלעמענט פאַרנעמט דעם אויבנאָן, און דער סאָציאַלער עלעמענט שפּילט די הויפּט־ראָל.

ער טוט עס, ווייזט אויס, צוליב צוויי סיבות.

ערשטנס, איז דאָס ביי ניגערן אַ טייל פון אַ פּלאַן צו שרייבן די געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור. און געשיכטע איז ניט בלויז קריטיק.

געשיכטע מוז זיך רעכענען מיט פיל מער פאַקטאָרן, מוז פאַרברייטערן די באַזע פון דער ליטעראַטור. און מיט מענדעלען איז גוט אָנצופאַנגען אַזאַ אַר־בעט.

צווייטנס, ווייסט ניגער אַז מען קאָן איצט נישט גוט דעם „זיידען". עס פילט זיך אַ פרעמדקייט צו אים, ניט נאָר מצד די לעזער נאָר אויך מצד די שרייבער. און דער קריטיקער ווערט אַ לערער. ער לערנט מיט אונדז אַ „בלאַט מענדעלע", אויף אַ גאַנץ גרינדלעכן אופן. ער פירט אונדז דורך אַלע גלגולים פון מענדעלעס לעבן און שאַפן, ווייזט אונדז ווי אַזוי שלום יעקב אַבראַמאָוויטש איז געוואָרן מענדעלע מוכר ספרים, ווי אַזוי ער איז איבער־געגאַנגען פון מליצה צו רעאַליזם, פון העברעאיש צו יידיש און נאָך אַמאָל צו העברעאיש. ער פאָלגט נאָך זיין קינסטלערישן און שפּראַכלעכן וואוקס, זיין שטיין אויף דער גרעניץ פון צוויי תקופות, זיין קאַמף־עפּאָכע און קונסט־עפּאָכע, זיין סאַטירע און זיין הומאָר, זיין יידישע לעבנס־פילאָזאָפיע און באַ־ציאונג צו פאַרטייען און באַוועגונגען. און פאַרשטייט זיך אַז ער באַלייכט אויך די פאַרשידענע השפעות אויף אים — אייראָפּעאיש־רוסישע און יידישע — מצד זיינע פאָרגייערס און זיין השפעה אויף זיינע נאָכגייערס.

זייער פיל פלאַץ גיט ער אָפּ צו מענדעלעס יידיש און וואָס ער האָט אויפגעטאָן פאַר איר. ער האָט אַ גאַנצן פּרק וואָס הייסט „פון העברעאיש צו יידיש", אין וועלכע ער רעדט אַרום, מיט פיל פּרטים און אַ סך באַגייסטע־רונג, „די קינסטלערישע און די סאָציאַל־עטישע מאָטיוון פון זיין איבערגיין צו יידיש". ער האָט אָבער פיל ווייניקער געשריבן וועגן מענדעלעס העברע־איש און דעם גרויסן ווערט פון זיין העברעאישן סטיל און זיין אויפטו פאַר דער ניי־העברעאישער ליטעראַטור. נאָכמער: ער וויל אונדז איבערצייגן אַז ער, מענדעלע, האָט דער העברעאישער שפּראַך, וועלכע ער האָט באַרייכערט און פאַרפיינערט, געגעבן אַ ווידערקלאַנג פון יידיש, און „האָט געשריבן יידיש שרייבנדיק העברעאיש".

דאָס איז פאַרשטייט זיך אַ פּאַראַדאָקס, וואָס טאָר ניט איבערגעחזרט ווערן צופיל מאָל, כדי ער זאָל ניט פאַרפירן דעם קריטיקער־היסטאָריקער און דעם תלמיד־לעזער. מיר ווייסן אַז די יידישע שפּראַך איז געווען מענדעלען זייער ליב און טייער, און אַז „ער האָט זי נישט נאָר גערייניקט, געלייטערט, געפיילט און געשליפן — ער האָט זיך אָפּט מיט איר געשפּילט (און זיך פאַר־שפּילט)". ניט נאָר ער, נאָר יעדער שרייבער וואָס איז אַ קינסטלער האָט ליב די שפּראַך, אויף וועלכע ער שאַפט, און לייטערט זי און פיילט זי און שלייפט זי מיט ליבע און מיט ציטער, ווייל דאָס איז זיין געווער, דאָס איז זיין איינ־סטרומענט.

אָבער אַזוי האָט מענדעלע אויך געטאָן מיט דער העברעאישער שפּראַך, אין וועלכע ער האָט אַרויסגעוויזן אי גדלות אי פרייד פון שאַפן און באַשאַפן.

אויב יידיש איז אים געווען טייער ווי מאַמע־לשון און די שפּראַך פון די מאַסן אין זיין צייט, און ער האָט זי ליב געהאַט מיט אַן אינטימער ליבע, איז אים העברעאיש געווען טייער, אויב ניט טייערער, מיט איר טיפקייט און איר רייכקייט, מיט איר גרויסן היסטאָרישן יחוס און מיט איר אויסערגעוויינלעכער אויסדרוק קראַפט און „סוד־הצמצום". און טאַקע דערפאַר וואָס ער האָט אַזויפיל מייסטערשאַפט באַוויזן אין דער אויפלעבונג און באַרייכערונג פון העברעאיש און אַן אויפהער זי געשטאַרקט אין דער צופּאַסונג פון אַלטע ווערטער און באַגריפן צו נייע צייטן און אומשטענדן האָט ער זי אַזוי טיף און ציטריק געליבט. דערפאַר טאָר מען ניט זאָגן, און איבערזאָגן, אַז מענדעלע „האָט געשריבן יידיש שרייבנדיק העברעאיש". ווען דאָס זאָל זיין אַזוי וואָלט מענדעלעס העברעאיש געווען ניט אַזוי גוט ווי ער איז, און מענדעלעס העברעאיש איז כידוע זייער און זייער גוט. ער האָט אין זיך אַ באַזונדערן כוח און אַ באַזונדערן חן. דער אידיאָם זיינער האָט ניט קיין גלייכן מיט זיין אינערלעכן אמת און מיט זיין אייגנאַרטיקן ריטם.

און אַז מ'שרייבט וועגן מענדעלען אַ גרויס און וויכטיק בוך טאָר מען עס ניט פאַרגעסן, ווייל דערמיט ווערט זיין געשטאַלט פאַרטונקלט, און זיין אויפטו פאַרמינערט.

ניגער האָט אַ באַזונדערן פאַרגעניגן צו מאַכן פאַרגלייכן צווישן פאַרשידענע שרייבער, ספּעציעל צווישן די „דריי אבות": מענדעלע, שלום־עליכם און פּרץ. אין זיין בוך וועגן שלום־עליכמן גיט ער אָפּ פיל פּלאַץ צו מענדעלעס השפּעה אויף אים. און אין דעם בוך וועגן מענדעלען קערט ער זיך ווידער אום צום דאָזיקן ענין, צו די קעגנזייטיקע באַציאונגען פון „זיידען" און „אייניקל". ער פילט מענדעלעס גוסט און גייסט „אין דעם עצם שטאָף פון שלום־עליכמס שאַפן". שלום־עליכמס כתרילעווקע איז דער גילגול פון מענדעלעס קאַבצאַנסק. זיי זיינען שותפים ניט נאָר אין ביידע הויפּט־עלעמענטן וואָס פאַרבינדן זיי: „פאָלק און שפּראַך". אויך טעמעס, מאָטיוון, אידייען און פאַרשוינען האָט שלום־עליכם גענומען ביי מענדעלען. די טעמע און די אידייע פון זיינע „אידישע ראָמאַנען" האָט שלום־עליכם גענומען פון מענדעלען. דער פאַרשוין סטעמפעניו געפינט זיך שוין אין „„ווינטשפינגערל". און מנחם מנדל מיהופּעץ איז, לויט ניגערן, די ווייטערע, מער קאָנסעקווענטע און מער שלום־עליכמדיקע, פאַנאַנדערוויקלונג פון מענדעלעס אלתר יקנה"ז. און אויך צווישן טביה דעם מילכיקן און מענדעלע מוכר ספרים ווי אַ געשטאַלט איז דאָ אַ גייסטיקע קרובהשאַפט (אין זייער פּסוקים־טייטשעניש). מענדעלע אַליין האָט אַמאָל געזאָגט, נאָכדעם ווי ער האָט איבערגעלייענט שלום־עליכמס אַ זאַך: „מען זעט ערטערווייז, אַז אין דעם אייניקל רינט דעם זיידנס בלוט".

און אויב אין „זיידן" און „אייניקל" זוכט ניגער און געפינט דעם „צד־השווה", דאָס וואָס פאַרגלייכט זיי און גלייכט זיי אויס, זוכט ער און געפינט

אין מענדעלע־פּרץ די שטריכן און אייגנשאַפטן וואָס טיילן זיי אָפּ. „זיי זיינען געווען צוויי באַזונדערע כאַראַקטערן. זיי זיינען געגאַנגען אויף פאַרשיידענע וועגן, און עס איז זיי שווער געווען זיך צו באַגעגענען . . .״ מענדעלעס סטיל טראָגט אויף זיך „דעם שטעמפּל פון פאָלקס־קאָלעקטיוו, נישט פון אַן איינציקער פּערזענלעכקייט״. פּרץ, דער אינדיווידואַליסט, האָט אַריינגעטראָגן אין דער יידישער ליטעראַטור זיין אייגענעם איך. „מענדעלעס נוסח האָט אין זיך עפּעס פעסט איינגעשטעלטס, שיר ניט פאַרגליווערטס״. פּרצעס סטיל איז באַוועגלעך און דינאַמיש. מענדעלע איז קלאַסיש. פּרץ — ראָמאַנטיש. מענדעלע איז דער בעל־הלכה. פּרץ — דער בעל אגדה. מענדעלע איז טראַדיציע. פּרץ — איז פריייקייט, נייקייט. ביי מענדעלען איז דאָ פּסוקימדיקייט. פּרץ האַלט נישט פון פּסוקים ווי פון פּוסקים. מענדעלעס טעמע איז כנסת־ישראל און זיין וועלט — קאַבצאַנסק. פּרץ האָט תמיד געזוכט נייע טעמעס, נייע פאָרמעס, נייע וועלטן. „מענדעלע האָט אַנטפּלעקט די יידישע פאָרם — — פּרץ האָט אונדז געוויזן זיין משנטשלטכן תוך . . .״ מענדעלע האָט אַרויפגעצויגן אויף זיך די עלטער. פּרץ איז געווען „אייביק־יונג״.

און אַזוי גייט ער דורך דעם לאַנגן וועג פון פאַרגלייכונגען — פאַרשידענאַרטיקע און פאַרבנרייכע — כדי צו באַווייזן אַז מענדעלע און פּרץ זיינען ניט געווען גלייך איינער צום צווייטן. לויט זייער גאַנצן שאַפן און זייערע פּערזענלעכקייטן „זיינען זיי געווען אומענדלעך פאַרשיידן״, און טאַקע דערפאַר וואָס זיי זיינען געווען אַזוי פאַרשיידן, דער „זיידע״ און דער „טאַטע״, איז דאָס קעגנשטעלן איינעם קעגן צווייטן אַזוי באַלערנד און אַזוי וויכטיק פאַר דעם אָנהייב פון אונדזער ליטעראַרישן שאַפן אין דער נייער צייט. די טעזע מיט דער אַנטיטעזע שאַפן די סינטעזע. און דאָס איז שוין מער אַן ענין פאַרן קריטיקער וואָס וויל זיך דערגרונטעווען צום תוך פונעם שאַפן, צו דער פילאָזאָפיע פון ליטעראַטור, איידער אַן ענין פאַרן היסטאָריקער וואָס וויל פאַרשטיין און דערקלערן דעם גייסט פון דער צייט.

ווען ניגער שרייבט למשל: „פּרץ איז געווען אַן ,עטישער כאַראַקטער׳ כאָטש ער האָט נישט געהאַט קיין באַשטימטן שולחן ערוך פאַר מאָראַל״; מענדעלע איז פאַרקערט געווען אַן עסטעטישער כאַראַקטער, כאָטש ער (אָדער ריכטיקער זיין עפּאָכע)״ האָט געקוקט אויף קונסט, ווי אויף אַ ,יצר הרע׳ — ווען ניגער שרייבט אַזאַ פּסוק איז ער ניט קיין ליטעראַטור־היסטאָריקער נאָר אַ ליטעראַטור־קריטיקער. און אַפילו די עצם הנחה, וואָס קלינגט ווי אַ סתירה צו דעם וואָס ער האָט געזאָגט פריער, איז ניט אַזוי סתירהדיק און פּאַראַדאָקסאַל, ווייל קריטיק, אויך קריטיק, מעג און דאַרף האָבן אַ ביסל ניט אויסגעהאַלטנקייט און אַ ביסל בליציקייט.

אין לעצטן טייל פונעם בוך, אַזוי גיך ווי דער פאָרשער און היסטאָריקער האָט זיך באַפרייט פון די קייטן פון דער שטרענגער פאָרשונג און מענ־

דעלעס וועלט, איז דער קריטיקער אַרויס אויף דער פריי און אין דעם דערפרישנדיקן שפּיל פון פאַרגלייך צווישן צוויי שעפער און צוויי וועלטן, איז ער געקומען צו זיך. און ליכט און שפּילעוודיק פליסן ווידער די סתירהדיקע פאַרגלייכן. מענדעלע אין אדעס און פרץ אין וואַרשע — צוויי באַזונדערע וועלטן: ליטע און פּוילן; רעאַליזם און ראָמאַנטיק; זאַכלעכקייט — און סענטימענטאַליזם; געציילטע ווערטער — און דאָס געפליגלטע וואָרט... עפּישע געלאַסנקייט — און לירישער אומרו... מאַסקולינע — און פעמינינע קונסט... גאַנצקייט, פאַרענדיקטקייט — — — און אייביקע אָנהייבערישקייט — — — —

און דאָס, זאָגט ניגער, איז דער אונטערשייד צווישן מענדעלעס וואָרט פון קונסט און פרצעס קונסט פון וואָרט. און דער אויספיר זיינער איז, אַז כאָטש פרץ רעכנט זיך פאַרן פאָטער פון דער נייער ידישער ליטעראַטור רעפּרעזענטירט ער מיט זיך די עלטערע טראַדיציע, די עטישע טראַדיציע פון די נביאים, בעת מענדעלע דער זיידע איז דער טרעגער פונעם נייערן גייסט, דעם גייסט פון קינסטלערישקייט.

און ווען מ׳זאָל קאָנען משנה זיין גאָטס דרכים וואָלט מענדעלע געדאַרפט געבוירן ווערן נאָך זיין דור, אין דער נאָך־השכלה צייט, ווען קונסט האָט אָנגעהויבן ווערן אַ ציל פאַר זיך אַליין, און פרץ וואָלט געדאַרפט קומען אויף דער וועלט נאָך דער ערשטער מלחמה, ווען קונסט האָט אַזוי ווי אין דער השכלה עפּאָכע, ווידער אויפגעהערט צו זיין אַ ציל פאַר זיך.

אָט אַזוי ווערן פאַרפלאָכטן די פעדעם פון זיידן, טאַטן און אייניקל פון דער נייער ידישער ליטעראַטור אין דער אָפּשאַצונג פון איר קריטיקער און היסטאָריקער וואָס זוכט אַ סינטעז צווישן געשיכטע און קריטיק, צווישן עסטעטיק און עטיק, צווישן מענטשלעכקייט און ידישקייט.

ה.

דער וואָס זוכט אַ סינטעז ווייס גאַנץ גוט דעם טעם פון קעגנזאַצן און סתירות, פון ליכט און שאָטן, פון פרייד און טרויער, פון שטורעם און שטילקייט. דער סינטעז־זוכער ווייס זייער גוט וואָס הייסט „צוויי־געשטאַלטיקייט" און „איך־אָנטצווייאונג". וואָס איז דער סוד פון דער מענטשלעכער נשמה בכלל, און דער טיפער אומדערקלערלעכער סוד פון דער זוכנדיקער, שעפערישער נשמה בפרט. דערפאַר אפשר ציט אים אַזוי צום סינטעז, צו דעם וואָס פאַראייניקט פרעמדע און מאַכט שלום צווישן שונאים, צו דעם „אחד", וואָס אַנטהאַלט אין זיך דעם וואונדער פונעם לעבן און דעם סוד פון גאָט.

און וואו נאָך — אין וועלט פון וואָרט־שאַפונג — שלאָגט אַזוי דער קוואַל פון דער סודותדיקער פאַרשיידנאַרטיקייט און פילפאַרביקייט, ווי אין די ווערק פון דיכטער? וואו נאָך קאָן דער מענטש — און מער פון אַלע דער מענטש וואָס איז אַ קריטיקער — כאַפּן דעם ריטם און דעם גאַנג פון

די וועלטן, „די" וועלט און „יענע" וועלט, די וועלט פון ווירקלעכקייט און פון „ווארהייט" און יענע וועלט פון חלום און פון דיכטונג, ווי אין די שאפונ־גען פון פאעטן?

דערפאר ציט אזוי דעם ליטעראטור־קריטיקער צו דיכטונג. אין איר דערפילט ער דעם גרויסן קערנדיקן „יש", וואס איז די נשמה פון דער וועלט און דאס לשון פון מענטשלעכן הארץ. אין דעם קלאנג פון אירע ווערטער, אין דעם ריטם פון אירע שורות, אין איר וואונדערלעכער אומדערוואַרטקייט און קינדיש־געניאלע איינפאלן, אין איר תפילהדיקן ברומען און אין איר ציטע־ריקן, פארבארגענעם געוויין וואס איז געזאנג, געפינט ער דאס אומפאר־שטענדלעכע און אומלאגישע וואס איז אזוי פארשטענדלעך און נאענט און אנטפלעקנדיק פאר דעם מענטשן וואס זוכט טעם און שיינקייט און שבת־קודש אין לעבן.

אויך ניגערן, דעם ניכטערן קריטיקער און פארשנדיקן ליטעראטור־היסטאריקער, דעם ליטוואק וואס זוכט קודם־כל צו פארשטיין זאכן — אויך אים ציט צו דער שבת־לופט פון פאעזיע. און ס'איז ניטא כמעט קיין איין באדייטנדיקער יידישער דיכטער וואס איז געבליבן אויסער ניגערס קריטיק־קרייז. צום באדויערן זיינען נאך עד־היום, נאך אזויפיל יארן שרייבן, ניט ארויס זיינע געזאמלטע ווערק — און וועגן פאעטן איז נאך אפילו איין בוך זיינס ניט ארויס — דערפאר איז זייער שווער, כמעט אוממעגלעך, פולשטענדיק אפצושאצן זיין ביישטייער צו דער קריטיק פון דער יידישער פאעזיע.

אבער פון דעם וואס לעבט אין זכרון ווי אויך פון די געציילטע אר־טיקלען זיינע, וועלכע זיינען געדרוקט אין זאמלביכער און זשורנאלן, ווי אין טאג־צייטונגען, וואס איך האב פאר זיך בשעתן שרייבן דעם ארטיקל, איז קלאר אז זיין ביישטייער צו דער אפשאצונג פון דער יידישער פאעזיע איז זייער א באדייטנדיקער.

ער איז ניט פון די קריטיקער, וואס לאזן זיך לייכט פארשיכורן פון דעם פאעטס אייגענער שיכרות, וואס גיסט אויף זיי גליענדיקע שטראמען פון דיכטונג. ער געדענקט זיין פאזיציע און היט אפ זיין גלייכגעוויכט. ער באמיט זיך צו שטיין אויף זיינע אייגענע פיס, פון א פראזע־שרייבער, פון א קריטיקער, וואס וויל ניט נאר אליין הנאה האבן פונעם פאעטישן געטראנק, נאר אויך גרינטלעך פארשטיין דעם ענין פון דיכטערישן שאפן און אים קלאר דערקלערן דעם לייענער.

און דאס גיט זיך אים מערסטנס איין. ער אנאליזירט און דערקלערט, ווי א גוטער מפרש, די פאעטישע ווערק אין דער יידישער ליטעראטור און מאכט לידער צוגענגלעך צום לעזער. ער איז אן אביעקטיווער קריטיקער, וואס קען זען זאכן ווי זיי זיינען און זיי וועגן און מעסטן מיט געהעריקער פארזיכטיקייט.

אָבער ניט איין מאָל טרעפט אַז אפילו ער, דער פּאָרזיכטיקער, דער שכלדיקער קריטיקער, ווערט פאַרכאַפּט אין שטראָם פונעם דיכטער, און ער הייבט אָן רעדן כמעט מיט זיין לשון. דאָך שטייט ער ניט ווי אַ זייטיקער, וואָס קוקט זיך צו פונדערווייטנס, אַזוי ווי ער אַליין האָט קיין שייכות ניט צו דעם עמוד, נאָר ווי איינער וואָס איז געוואָרן אַ שותף צום דאַוונען און צום זינגען, און אינאיינעם מיטן חזן, מיטן פּאָעט, דאַוונט ער ווי אַ פרומער מתפּלל.

אַזוי, למשל, זאָגט ער וועגן יוסף ראָלניקס נייע לידער („אַ פענצטער צו דרום"): „ווען איך זאָל אַ קוק געבן אין אַ שפּיגל, וואָלט איך געזען, ווי אינאיינעם מיטן פּאָעטס ליפּן ציטערן אויך מיינע, ציטערן און שעפּטשען" (און דאָ קומט אַ ציטאַטע פון אַ ליד, וואָס האָט געמאַכט דעם קריטיקערס ליפּן „ציטערן און שעפּטשען", צוזאַמען מיטן דיכטער.). ראָלניק איז אים, ניגערן, זייער נאָענט, דערפאַר זינגט ער מיט מיט אים, און ווערט באַרואיקט פון זיין באַרואיקטקייט און איינגעשטילט פון זיין שטילקייט. די בלוילעכע און ניט ממשותדיקע וועלט פון דעם אידעלן זכרונות־דיכטער ווערט אויך ביים קריטיקער אַ רעאַלע און ממשותדיקע וועלט. און ער נעמט זי אָן אַזוי ווי זי איז, אָן קשיות, אינמיטן דער שטורעמדיקער צייט פון דער מלחמה.

און וואָס מער ער איז אַוועק מיט אים, מיטן דיכטער, אָן אַ דייט, אַלץ בלאַסער איז געוואָרן זיין פאַרלאַנג זיך אומצוקערן צוריק צום ברייטן וועג. „אויסגעלאָשן זיינען אַלע הייסע געשעענישן (פון יאָר 1942 — מ. ר.), די פראַגן פון טאָג ברענען ניט מער. עס קילט מיך ראָלניקס בלויע ווייטעניש . . . כ'קוק טיף אין איר אַריין, קוים וואָס עס דערגרייכן מיין אויער אירע שטילע, שטילע טענער. איך הער זיי דאָך ציטערן און פלאַטערן אין דער לופטיקער בלויקייט — און מער הער איך גאָרנישט".

אין אַזאַ עקזאַלטירטן און מיטזינגענדיקן צושטאַנד געפינען מיר אים, אויך אין זיין אַרטיקל וועגן לייוויקן, אין „שריפטן" (פון 1920). דאָס אַרטיקל הייסט „ווי אין חלום" און עס האָט אין זיך עפּעס חלומדיקס. די ערשטע שורה פון אַרטיקל איז: איך האָב געזען לייוויקן חלומענדיק". און גלייך נאָך דער שורה קומט אַ ציטאַטע פון לייוויקס אַ ליד („דאָ—אַ טויער, דאָ—אַ שוועל, ווייטער, ווייטער גיי איך זיך; אַלץ אַרום מיין אייגן זעל, ווי אין חלום דריי איך זיך").

איז ער אויפן וואָר אפשר אַן אַנדערער? — פרעגט ניגער און ענטפערט: „אפשר. איך האָב געטרוימט בלויז זיין טרוים און געזען זיינע זעאונגען".

דאָ זעען מיר דעם קריטיקער ווי ער איז גלייך געפאַנגען געוואָרן פונעם דיכטער און ער גייט אים נאָך און זינגט אים נאָך און חלומט אים נאָך. ניט ניגערס גייסט שוועבט איבער דעם אַרטיקל נאָר לייוויקס. די ציטאַטן פונעם דיכטערס לידער ווערן געבראַכט ניט ווי באַווייזן צו שטאַרקן דעם

קריטיקערס הנחות און באַפּעסטיקן זיינע מסקנות, נאָר ווי עיקרים, ווי יסודות, וואָס אויף זיי האַלט זיך דאָס אַרטיקל. און מיט זייער כוח לעבט עס. עס ווערן אַפּגעווישט די גרענעצן צווישן דיכטערס פּאָעטישע שורות און צווישן קריטיקערס פּראָזע־פּירושים. איינס גיסט זיך אַריין אין צווייטן. און נאָך יעדער ציטאַטע ווערט איבערגעחזרט ווי אַ ווידערקול דאָס קול פון פּאָעט אין דער פּראָזע פונעם קריטיקער.

פרעגט דער דיכטער:

„ווער ווייס, אפשר האָט מען
מיך לאַנג שוין באַפרייט?"

פרעגט־נאָך דער קריטיקער ווי אַן עכאָ אין וואַלד: „אפשר האָט מען אים שוין לאַנג באַפרייט?"

פרעגט ווידער דער דיכטער:

„און אפשר געשטאָרבן
בין איך און ביים טיר
דאָס לעמפּל ברענט יאָרצייט,
ברענט יאָרצייט נאָך מיר?

ענטפערט ווידער אָפּ דער ווידערקול פונעם קריטיקער: „אפשר איז ער שוין געשטאָרבן, און דאָ זיצט גאָר אַן אַנדערער, ניט ער?..."

אָבער אויב די עכאָס קלינגען ווי אָמנס, וואָס ווערן נאָכגעזאָגט דעם חזן נאָכן סוף פון די תפילות, איז דאָ אין דעם נאָכזאָגן אויך העכערע מדרגות, אויף וועלכע דער מתפלל־קריטיקער גייט אַרויף און דערזעט דאָס אינערלעכע ליכט. און אויב ס'איז דאָ צופיל צוגעבונדנקייט צום דיכטער, צוגעבונדנקייט וואָס זעט אויס ווי אומפרייהייט, איז אָבער אויך דאָ דער שכר פון דערגרייכונג. אַנדערש האָט דער קריטיקער ניט געקאָנט אַריין אין דיכטערס וועלט. פון דרויסן וואָלט ער זיין ציל ניט דערגרייכט, ווי אַ פרעמדער וואָלט ער קיינמאָל אין תוך ניט אַריין. איז ער דערפאַר אַריין אינעווייניק, אין דיכטערס וועלט, אין זיין חלום, און אונטערגעבנדיק זיך צו אים און באַהעפטנדיק זיך מיט אים האָט ער זיין ניגון געכאַפּט, זיין נשמה געפונען און אים אונדז אַלעמען געגעבן.

ער האָט אָנגענומען זיין לשון און זיין ריטם, אָבער דער וועג צום אַנט־פּלעקן איז געווען זיין אייגענער. דעם אויסגאַנגס־פּונקט האָט ער געפונען אין דיכטער, אָבער פון אים איז ער אַוועק זוכן דאָס וואָס ער האָט געוואָלט — און געפונען.

וואָס זוכט דער סינטעז־זוכער? דעם סינטעז וואָס פּאַראייניקט אין זיך די טעזע מיט דער אַנטיטעזע, דעם אחד וואָס שמעלצט אין זיך צונויף

די צווייגעשטאַלטיקייט אָדער די פילגעשטאַלטיקייט. אָבער אים איז אַזוי וויכטיק צו געפינען די פאַרשיידענע יסודות, וואָס ראַנגלען זיך צווישן זיך, ווי דעם עלעמענט וואָס פאַראייניקט זיי אין איין סינטעז. אַזוי וויכטיק, אויב ניט נאָך וויכטיקער. דערפאַר זוכט ער מיט אַזויפיל חשק און געפינט מיט אַזויפיל הנאה אין לייוויקס שאַפן זיינע צוויי איכן: דעם רעאַלן און דעם אויסגעחלומטן, דעם היגן, פון דער וועלט, און דעם דאָרטיקן, פון יענער וועלט. „איין געשטאַלט איז אַן עכטע, אַן אידעאַלע, אַן אַבסאָלוטע, אַ קלאָרע, אַ דאָרטיקע, אַ דערלייזטע און אַ דערלייזנדיקע; די אַנדערע איז אַ היגע, אַ טונקעלע, אַ זינדיקע, אַ נישטיקע, אַ שאָטנהאַפטיקע . . .״

ניגער כאַפּט אויף די „ווייסע שיין״ און דעם „זילבבעריק־בלויען חלום״, און די שאָטנס פון „ערגעץ וויט, ערגעץ ווייט״, און דעם טרויער און די פרייד, און די באַרויאיקטקייט און די שטילקייט און די מילדקייט פון דער דיכטונג, וועלכע האָט אין זיך „עפּעס פון שלאָף, פון חלום, פון פאַרשלאָסענע אויגן״, עס איז די גרענעץ און דער אויסמיש צווישן דאָ און דאָרט, צווישן דער וועלט וואָס מיר קאָנען דורך אונדזערע פינף חושים און דער וועלט וואָס איז העכער פון אונדזערע חושים, וואָס איז אַ חלום און אַ זעאונג. עס איז די גרענעץ און דער אויסמיש צווישן זיין און ניט־זיין, צווישן טויט און לעבן. עס איז דער געמיט־צושטאַנד פון אַ דיכטער, וואָס זוכט דערלייזונג פאַר זיך און פאַר דער וועלט, וואָס איז פול מיט רחמנות און פאַרגעבונג, און אין וועלכן עס ברענט דאָס שטילע, ווייסע פייער פון לויטערן עקסטאַז.

דורך באַהעפטונג מיט אים און מיט זיין חלום קען מען דערגיין דעם סוד פון זיין ווייטער אומערדישקייט און ווייסער שנייאיקייט און בלויער טרויעריקייט. און אויף דעם וועג האָט אים דער קריטיקער געפונען.

אַזוי טוט ער אויך מיט ביאַליקן, דעם איינציקאַרטיקן און דעם גייסטיק־פּאַטעטישן מאַנאָליט. ער קאָן ניט דערגרונטעווען זיין טיפקייט און אַריינדרינגען אין סוד פון זיין גאַנצקייט ביז ער צעשפּאַלט ניט, אויך ביי אים, די באַזונדערע יסודות, וואָס ראַנגלען זיך אין אים און מאַכן אים טראַגיש און גרויס.

ביאַליק — זאָגט ניגער, אויפן יסוד פון ביאַליקס שירים און אויך פון זיינע געשפּרעכן — „איז אָפּט און שנעל איבערגעגאַנגען פון שטילקייט צו שטורעם, פון קינדער־שפּיל און קינדער־צאַרטקייט צו דונערן און בליצן און פלאַמפייערדיקן צאָרן. עס איז נישט געווען איין ביאַליק, עס זיינען געווען עטלעכע ביאַליקס״ און די דאָזיקע „עטלעכע ביאַליקס״ האָבן געהאַט ניט איין וועלט, נאָר „אומענדלעכע פאַרשיידענע וועלטן״. און האָבנדיק אַ סך וועלטן איז ער, דער דיכטער וואָס איז מער ווי איינער, געגאַנגען ניט אויף איין וועג, נאָר אויף פיל וועגן. ווייל ער איז, ווי דאָס גאַנצע באַשאַף, איינער און אַ סך. ער איז, ווי די נאַטור, אייביק, און ווי זי בייט ער זיך

אייביק. אַט וויקלט ער זיך אין וואָלקנס און אין טונקלקייטן, ווען נאַכט און פינצטערע אָפּגרונטן זיינען אַרום אים, און אָט לייכט זיין פּנים און ער גייט אויף ווי די זון אויף די שפּיצן בערג. „פון זיין צאָרן ציטערן זיך הימלען אָן, און עס ציטערן די גרונטן פון דער ערד, אָבער אַז עס קומט די שעה פון צאַרטקייט, קען קיינער ניט זיין אַזוי צוגעלאָזן ווי ער. אַז ער וויינט, וויינט די גאַנצע וועלט מיט אים — שפּילט ער אַ פריילעכס, טאַנצן שטערן און מזלות".

אים ציט אין גלייכער מאָס דער פּאָעט פון „שירי־זעם" — פון צער און צאָרן — און דער פּאָעט פון „זוהר" און „הבריכה" — די לידער פון זון־שיין און וועלט־ליכט; אים איז נאָענט דער פּאָעט וואָס איז דער „נביא האחרית", דער זינגער פון אונטערגאַנג און חורבן, און דער פּאָעט, וואָס איז דער „משורר התחיה", דער זינגער פון אויפלעבונג. ביי אים זיינען „אלו ואלו דברי אלהים חיים".

ווייל, אויב אפילו תמיד זוכן מיר אין אַלע אַנטפּלעקונגען פונעם פּאָעטס „איך" זיין אחד, זיין נשמה, זיין טיפן וועזן, איז אוממעגלעך דערגרייכן דעם סוד פון זיין שאַפן אָן זיך אַריינצוואַרפן אין דעם רוישנדיקן ים פון זיין פילפאַרביקייט און פילקלאַנגיקייט. און אין ניגערס אייגענע ווערטער: „דער וועג צו אָט דער איינהייט איז די פילהייט. אַ דיכטער איז אַן אומבאַ־שטימטע צאָל קרייזן מיט איין צענטער. האָבן מיר אַ געניעם באַגריף פון די ראַדיאוסן, קענען מיר אי דעם מיטלפּונקט, אי די פאַרשיידענע, גרעסערע און קלענערע, קרייז־ליניעס וואָס ער האָט".

דערפאַר שרייבט ער אין קאַפּיטל וועגן „פּאָעזיע פון שטילקייט", און אַ צווייטן וועגן „שטורמישע עקסצעסן".

אין ערשטן ווערט ער פאַרכישופט פון דער „הבריכה" („די סאַ־זשעלקע"), אין וועלכער עס רעדט זיך און עס זינגט זיך פון שטילער געטער־שפּראַך, פון שטילן לשון „וואָס האָט קיין קול און קלאַנגען ניט, בלויז פאַרבן און קאָלירן, די שפּראַך האָט כישוף, זעאונגען און בילדער". און אין ביאַליקס שטילע טענער, וואָס „ברענגען אונדז צו יענער כישופדיקער גרע־נעץ, וואו לירִיק גיסט זיך צונויף מיט מוזיק" זעט ער זיין נאַטירלעכן אָטעם — די שטילקייט. ווייל „האַרבסט, טונקלקייט, טרויער, איינזאַמקייט, שטילקייט — דאָס איז די ראַם, דאָס בילד פון ביאַליקס ,מוזע'".

אין צווייטן קאַפּיטל ווייל ער זיך אַרויסכישופן און באַפרייען פון ביאַליקס „שטורמישע עקסצעסן", ווייל „פּאָעטישקייט, עקזאַלטירטקייט, התפעלותדיקע אויסגעשרייען, ימען ליכט, זיבן זונען, קללות פון דער תוכחה, דונערן און בליצן — דאָס זיינען עקסצעסן — — אַ מין אַרויס פון די כּלים".

אָבער עס איז זייער שווער זיך צו באַפרייען און אַרויסצעכישופן זיך פון דעם אומגעוויינלעכן כּוח פון ביאַליקס שטורעמדיק וואָרט. ווערט דאָ ניגער

געטראָגן מיט אימפּעט איבער די ברוויזנדיקע כוואַליעס פון זיך־שלאָגנדיקע און זיך־סותרדיקע כוחות און זעאונגען. ביאַליקס פּאָעזיע גיסט זיך איבער אָפט איבער די ברעגן. עס איז „אַרויס פון די כּלים", אָבער עס איז ניט שוים, „ווי עס קען זיך דוכטן, און עס האָט זיך מיר אַליין געדוכט — איז זיך ניגער מודה — ווען איך האָב מיט יוגנטלעכער העזה וועגן אייניקע זאַכן ביאַליקס געשריבן ווערטער, וואָס זיינען מיר איצט פרעמד. אָן אַ געפיל פאַר מאָס האָב איך מגזם געווען די גוזמאַדיקייט פון ביאַליקס פּאַטאָס. איך האָב פאַר־געסן, אַז נישט שוים אַליין, נאָר אויך כוואַליעס וואַרפט דער ים אויפן ברעג אַרויס, ווען ער צעווייגט זיך פון גרויס אומרו, ווען ער צעשרייט זיך ביזן הימל אין אַ שטורעמווינט".

און אַז ער איז איבערגעקומען די „יוגנטלעכע העזה" און אויך דעם ביאַליק־שטורעם, וואָס איז אַ מין אַנטיטעזע צו דער טעזע — וואָס איז שטילקייט, און איינזאַמקייט, און טונקלקייט און טרויער — איז ער אויף גיך צוגעשוואומען צום ברעג פון איינגעהאַלטענעם פּאַטאָס אין ביאַליקס שאַפן. און אין דעם קאַפּיטל וואָס הייסט „איינגעהאַלטענער פּאַטאָס" (די אַלע קאַפּיטלען זיינען טיילן פון ניגערס הקדמה צו י. י. שוואַרצעס איבערזעצונגען פון ביאַליקס לידער, וואָס זיינען דערשינען אין 1935), רעדט ער וועגן ביאַליקס שטילקייט, וואָס איז „ניט שטילקייט, נאָר איינגענומענער שטורעם, קאָנטראָלירטע ליידנשאַפטלעכקייט, געצאַמטער פּאַטאָס, לירישקייט, פּעמי־נינישקייט, געהאַמערט און געשמידט, פון מענלעכן עפּאָס, אגדה קריסטאַליזירט אין הלכה..."

און אין „מתי מדבר" געפינט ער דעם געזוכטן סינטעז, ווייל אין דער פּאָעמע באַרירן זיך די צוויי עקסטרעמען פון ביאַליקס שאַפן — דאָס שטילסטע שוויגן און דער הילכיקסטער אויסגעשריי — באַרירן זיך און גיסן זיך צונויף. „מתי מדבר" איז אגדה „וואָס אין איר צאַרטן בלויען בלוט איז אַריינגעטאָן געוואָרן דאָס אייזן (די זעלבסטדיסציפּלין) פון הלכה".

און אין דער צוזאַמענשמעלצונג און שלום מאַכן פון שטילקייט און שטורעם, אין דעם דאָזיקן איינגעהאַלטענעם פּאַטאָס, האָט אויך דער קרי־טיקער געפונען זיין רו, וועלכע ער האָט געזוכט און מיט איר איז אויך געקומען די באַפרידיקונג.

ז.

ניגערס ליטעראַרישע התחלה איז געמאַכט געוואָרן אין איראָפּע, און זיין המשך איז אין אַמעריקע. ער האָט ווי אַ טרייער שומר און שאַצער באַגלייט די טריט פון די אבות פון דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור, און האָט צוזאַמען מיט זיי געהאָלפן בויען דעם בנין פון יידישער וועלט־שאַפונג. זיינע מערב־איראָפּעאישע יאָרן, אין דער שווייץ, האָבן אים געגעבן

פערספעקטיוו, אָבער האָבן אים אויף קיין איין שעה ניט אַרויסגענומען פון זיין וועלט, פון דער יידישער וועלט. ווילנע איז געווען שטאַרקער פון בערן און ליטע האָט גובר געווען שווייץ. ער איז פון יאָר צו יאָר געגאַנגען טיפער, צו די וואָרצלען. אָבער דער דור אונדזערער איז אַ דור פון אומקום, פון נאַציאָנאַלן חורבן. דאָס רוסישע אידענטום, וואָס האָט אַזויפיל כוחות פאַרמאָגט און אַזויפיל עשירות געגעבן אונדזער גייסטיקן לעבן, אָט דאָס קערנדיקע רוסישע יידנטום, אין וועלכן ניגער איז געווען אַזוי טיף פאַרוואָרצלט, איז געוואָרן אויס קערנדיק. און די פוילישע און ליטווישע יידנטומס זיינען דאָך כמעט ניטאָ. אָפּגעווישט זיינען געוואָרן מיליאָנען פון אונדזערע ברידער אין יענע לענדער, וואו יידיש לעבן איז געווען אַזוי טיף און שטאַרק און שאַפנדיק. איצט איז דאָרט כמעט גאָר ניט פאַרבליבן, ס'איז — ווי סעגאַלאָוויטש זאָגט: „נישטאָ".

דער איינציקער צענטער פון יידיש לעבן און שאַפן, וואָס איז ברוך־השם אַרויס גאַנץ פוןביידע וועלט־מלחמות איז אַמעריקע, און דאָ האָט די יידישע ליטעראַטור נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה זיך צעבליט, און ניגער וואָס איז אַהער געקומען אין יאָר 1919 האָט זיך אַריבערגעפלאַנצט אין נייעם לאַנד און אין דער נייער גייסטיקער סביבה, וואָס איז געווען אַזוי יונג און האָט ניט געהאַט קיין טראַדיציע.

איצט איז ווילנע אַ היילִיקע שטאָט, און וואַרשע איז אַ היילִיקע שטאָט, ווייל זיי זיינען טויט, אָבער נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה זיינען זיי געווען לעבעדיקע, שאַפנדיקע צענטערס, און עס איז שווער געווען צו פאַרבייטן זייער לופט אויף ניו־יאָרקער לופט.

אָבער ניגער האָט זיך גיך איינגעוואָרצלט אין דער נייער וועלט און גענומען שאַפן און ווירקן. די יידישע קולטור איז געוואָרן זיין זאָרג, די יידישע ליטעראַטור זיין „קינד", און די יידישע צייטונג זיין היים.

די היים זיינע, די צייטונג, האָט פיל כוחות ביי אים צוגענומען, ווי זי נעמט צו ביי יעדן דיכטער, דערציילער און קריטיקער, וואָס מוזן נאָכלויפן דעם אימפעט פון דער צייטונג און פאַרצערן און פאַרשווענדן טייערע כוחות, וואָס מ'דאַרף היטן.

ער האָט געמוזט טיילן זיין אַרבעט אויף צווייען: ליטעראַרישע קריטיק און פובליציסטיק. און אויך די קריטיק האָט ניט געקאָנט תמיד בלייבן אויף איר ליטעראַרישער הויך, ווייל די צייטונג ווייס ניט פון קיין רחמים און פון קיין שבת.

אָבער מיט די אַלע קרבנות וואָס ער האָט געבראַכט איז ניגער פאַרבליבן דער קריטיקער פון דער יידישער ליטעראַטור, און ניט נאָר אין אַמעריקע.

ער הערט זיך צו פון צייט צו צייט צו דעם וואָס עס ווערט געטאָן אין סאָוועט־רוסלאַנד און זוכט אין דער סאָוועטישער ליטעראַטור דאָס קינסטלערישע

שאַפֿן און ניט דאָס פּראָלעטאַרישע פּריידיקן. ער האָט געפֿירט היציקע דעבאַטן מיט די שרייבער און זשורנאַליסטן פֿון סאָוועטן־פֿאַרבאַנד. זיינע וויכּוחים מיט ליטוואַקאָוון, דעם קריטיקער און זשורנאַליסט, מיט בערגעלסאָנען, דעם דערציילער און ראָמאַניסט, מיט עריקן, דעם ליטעראַטור־היסטאָריקער, און אַנדערע — די וויכּוחים זיינען געווען אַ מלחמת־מצווה, פֿאַרן רייניקייט פֿונעם געשריבענעם וואָרט, פֿאַר דער קדושה פֿונעם קינסטלערישן שאַפֿן און פֿאַר דעם אמת פֿון דער ליטעראַריש־היסטאָרישער פֿאָרשונג.

און אַז עס האָבן זיך דערהערט נייע תשובה־קלאַנגען אין דער ייִדיש־רוסישער דיכטונג, אין די אימהדיקע טעג פֿון היטלעריזם, אין די אומקום־טעג פֿון דער מלחמה, איז ער געווען פֿון די ערשטע צו מאַכן אויף זיי אַ ברכה. ווען דאָס ייִדישע האַרץ האָט דאָרט ווידער אָנגעהויבן ציטערן האָט אויך דאָס האַרץ פֿון קריטיקער דאָ אַ ציטער געטאָן און זיך אָפּגערופֿן.

עס האָט זיך דערוועקט דער חסד פֿון דער יוגנט, עס האָט אויפֿגעלויכטן די שיין פֿון דער עלטער היים און עס האָט ווידער אָפּגעקלונגען דער ווידער־קול פֿון אונדזער פֿרילינג.

און אויך צו צענטראַל־ און דרום־אַמעריקע הערט ער זיך צו, ער דער קריטיקער וואָס זוכט די אייניקייט פֿון ייִדישן פֿאָלק און די גאַנצקייט פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור.

עס פֿעלט נאָר איין „קליניקייט" צו דער דאָזיקער געגאַרטער גאַנצקייט, און דאָס איז די ניי־העברעאישע ליטעראַטור, פֿון ארץ־ישׂראל ווי אויך פֿון אַמעריקע.

אָן דער דאָזיקער ליטעראַטור, וואָס איז איינע פֿון די גרעסטע אויפֿטוען און וואונדערבאַרסטע דערגרייכונגען פֿון אונדזער נאַציאָנאַלן אויפֿלעבן און פֿאָליטיש־געזעלשאַפֿטלעכן אויפֿבוי, קאָן קיין ווערק ניט זיין גאַנץ.

און אויך דער אַלגעמיין־ייִדישער קריטיקער מוז האָבן דעם מופֿת פֿון העברעאיש, כּדי צו דערגרייכן זיין שלמות.

א. טאַבאַטשניק

ב. ריווקין

די עסיי האָב איך געשריבן בשעת ב. ריווקין איז נאָך געווען מיט אונדז. זאָל עס זיין ווי אַ צייכן אַז ער איז אויך איצט מיט אונדז.

א. ט.

1

עכטע קריטיקער האָבן מיר ווייניקער ווי עכטע פּאָעטן און דערציילער. עכטע קריטיק איז בכלל אַ זעלטענע זאַך, ניט נאָר ביי אונדז, נאָר אויך ביי די אומות־העולם. עס וואָלט זיך דעריבער געוואָלט ריידן בלויז וועגן ב. ריווקין ווי אַ קריטיקער. מען קאָן אָבער ניט אָפּטיילן ריווקינען דעם קריטיקער פון ריווקינען דעם משיחיסט, דעם וויזיאָנערישן באַשיידער פון חלום און וואָר, דעם וואָרזאָגער און נשמה־היילער, פּונקט ווי מען קאָן ניט אָפּטיילן ריווקינס קונסט־טעאָריעס פון זיין אַלגעמיינער מיסטיש־פּראַגמאַטישער וועלט־אָנשויאונג; זיין קוק און זיינע פּאָדערונגען צו דער יידישער ליטע־ראַטור פון זיין אַלגעמיינעם קוק אויפן גאַנג און תכלית פון דער יידישער געשיכטע.

פאַר אַ גרינטלעכער שטודיע פון ריווקינס 40 יאָר ליטעראַרישער טעטי־קייט, וואָלט מען באַדאַרפט מער צייט און מער פּלאַץ. עס וואָלט בייטיק געווען פאַר אַזאַ שטודיע איבערצולייענען און דורכצואַרבעטן צום ווייניקסטן אַ טייל פון די הונדערטער און הונדערטער גרעסערע און קלענערע אַרטיקלען און עסייען, וואָס ריווקין האָט אָנגעשריבן וועגן ליטעראַטור און ליטעראַטן, וועגן פאַרבייגייענדיקע יידישע טאָג־פראַגן און אייביקע יידישע פּראָבלעמען; מען וואָלט באַדאַרפט איבערלייענען און זיך אָפּשטעלן אויף זיינע צענדליקער און צענדליקער לכּבוד יום־טוב־אימפּראָוויזאַציעס, אויף זיינע פּאָלעמישע אַרטיקלען, זייע עקסקורסיעס אין דער צוקונפט פון טעאַטער, ווי אויף אַלע זיינע כאַראַקטעריסטישע „פּאָראויסלויפּעריש'ע", עקסקורסיעס אין דער צוקונפט פון אַלץ וואָס איז און וויל זיין. ערשט דאַן וואָלט מען געקאָנט האָבן אַ ריכטיקע פאָרשטעלונג פון ריווקינס אָרט אין דער „קרעאַטיווער עוואָלוציע" פון יידישן געדאַנק פאַר די לעצטע פאָר צענדליק יאָר.

צום באַדויערן אָבער איז דאָס אונטער די אומשטענדן אוממעגלעך צו טאָן. ריווקינס אַרבעטן זיינען צעזייט און צעשפּרייט איבער עטלעכע יידישע צייטונגען, איבער צענדליקער זשורנאַלן. אַלץ צו געפינען און איבערצולייע־נען וואָלט מען באַדאַרפט חדשים און אפשר יאָרן. מען מוז זיך דעריבער באַגנוגענען מיט ריווקינס יענע פאָר צענדליק אַרטיקלען, וואָס זיינען געדרוקט

אין די לעצטע עטלעכע יאָר, און מיט יענע אַרטיקלען פון פריער וואָס זיינען מער צו דער האַנט און לאָזן זיך לייכטער אָפּזוכן.

צום גליק איז אָבער ריווקין פון יענע שרייבער, וואָס האָבן זיך ניט מורא איבערצוחזרן. מען קאָן אפילו זאָגן, אַז דאָס ווידערהאָלן זיך איז אַ מין עיקר־שטריך אין ריווקינס שרייבן. ער האָט אַ הייליקע מיסיע דורכ־צופירן, ער האָט אַ ריי גרונט־פּרינציפּן און אני־מאמינס, וואָס ער וויל אַריינ־האַמערן אין די מוחות פון יידישע לייענער. אַזוי אַז אין זיין יעדן אַרטיקל, וואָס די טעמע זאָל ניט זיין, זיינען פאַראַן עיקרים פון זיין לערע און אָנשויאונג.

אָנהייבנדיק פון זיינע אַרטיקלען אין אברהם רייזענס „דאָס נייע לאַנד" ביז איינס פון זיינע סאַמע נייעסטע אַרטיקלען אין אבא גאָרדינס „יידישע שריפטן" — גלייט אין אַלץ וואָס ריווקין האָט געשריבן דער גלויבן אין די אָפענע און נאָך מער אין די פאַרבאָרגענע שעפערישע כוחות פון מענטשן בכלל און יידן בפרט. ער ווערט אויך ניט מיד צו וואָרענען וועגן די מאָוימדיקע קאַטאַסטראָפעס און צו רופן צו עקזאַלטירטן ווידערשטאַנד, צו „באַפאַנצערונג" „מיט דער אייביקער יידישער נשמה־גבורה". ער הערט ניט אויף צו „מונטערן" דעם יידישן שעפער, מונטערן אים און לערנען „צו צאַפּן כוח פון די אַלע יידישע נשמה־קוואַלן", וואו עס איז „פאַראַן גלויבן, פאַראַן בטחון, פאַראַן התלהבות, פאַראַן אייביקער יידישער ניגון..."

ער איז ניט קיין רואיקער באַטראַכטנדיקער קריטיקער. ער איז אַן אַקטיוויסט, אַ פּרעדיקער, אַ פאַראינטערעסירטער צד. עס איז פאַר אים ניט גענוג אַ ווערק אורצוטיילן, ער מוז עס „אויפרייסן", אַרויסבאַפרייען פון דער קינסטלערישער פאָרמע די אָנלאָדונג, די שעפערישע ענערגיע, כדי אָנצינדן און „שעפעריש פאַרוואַנדלען דעם לייענער". ער איז אין דעם פּרט געגליכן צו די פיזיקער, וואָס „באָמבאַרדירן" דעם אַטאָם, כדי פריי צו לאָזן זיין קאָלאָסאַלע ענערגיע.

אַ קונסט־ווערק פאַר ריווקינען איז ניט קיין וואויל־באַטעמטע פּרוכט, אַ ברכה צו מאַכן און רואיק בנעימותדיק ווי אַ זיסע נאַכשפּייז צו געניסן. עס איז אַ כישוף־אינסטרומענט, צויבעריי, וואָרזאָגעריי, אַ שטיק גייסטיקער דינאַמיט אונטערצולייגן און אויפצורייסן דאָס אינערטנע, אין עולם־הזה פאַרגרעזניעטע, פאַנטאַזיעלאָזע פיליסטערטום, — און צוזאַמען מיט דעם פיליסטערטום דעם גאַנצן פאַרגרעבטן „דבר־אחרדיקן" וועלט־סדר. עס איז אַן אומגעצוימטע טאַט־און־נס־דורשטיקע קריטיק, אַ ספּיריטועלע „פּראָפּאַ־גאַנדע דער טאַט".

די געשיכטע פון דער וועלט־קריטיק פאַרמאָגט אַ סך גרויסע נעמען, וואָס זיינען געווען ווייט פון וועלן זיך באַגנוגענען בלויז מיט „ריינער" קריטיק. ניט איין גרויסער קריטיקער האָט זיך געריסן פון די גרענעצן

פון ריין עסטעטישער, אָדער פאָרמאַליסטישער ליטעראַטור און קונסט־קריטיק אומגעווירקט און באַאיינפלוסט ברייטערע און פּראַקטישערע ספערן פון מענטש־לעכער טעטיקייט. באַזונדער פון הויכע עטישע אידעאַלן האָבן יענע קריטיקער אויסער זיך לאָבן עסטעטיש מיט אַ קונסט־ווערק, געוואָלט עס אויך איינפּע־דימען אין לעבן, איינשפּאַנען עס פאַר מענטשן־דינסט, אויפשלאָגן אין דעם אַ קוואַל פון נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער אינספּיראַציע.

אין זייער אידעאַליסטישן אייפער, אין זייער מיסיאָנערישער פּאַראיב־טערעסירטקייט האָבן זיי אָפט געזען גרויסע אידייען אין קליינע קונסט־ווערק, געדרשנט גרויסע דרשות אויף מינדערוויכטיקע טעקסטן. די צייט האָט אָבער דעם שאַדן גוט־געמאַכט. עס זיינען פאַרגעסן געוואָרן די קינסטלער, אָבער ניט זייערע קריטיקער. אין דעם האָט זיך אַרויסגעוויזן די זעלבס־שטענדיקייט, די אומאָפּהענגיקייט פון דער קריטיק. און גראַד ניט אין דער „מבינות" און עסטעטישער אורטייל־קראַפט פון די קריטיקער, נאָר אין זייער „טענדענציעזקייט", אין זייער מאָראַלישן פּאַטאָס, אין זייער תכליתדיקייט האָט זיך אַרויסגעוויזן זייער זעלבסטשטענדיקייט. זייער געזעלשאַפטלעכע אחריות האָט זיי געגעבן אַ רעכט צו מאָנען „תכלית", אַ רעכט אַרונטערצוברענגען דעם קינסטלער און אים איינשפּאַנען אין רייטוואָגן פון דער צייט, אַפילו, ווען ער האָט זיין „נעסט פאַרלייגט אין די שטערן". וואָרעם ניט אַזוי דער מאָדער־נער קינסטלער, ווי דער מאָדערנער טריבון־קריטיקער איז אפשר דער אמתער יורש פון די פאַרצייטיקע נביאים.

אַזוינע קריטיקער זיינען ביי די אומות־העולם געווען אַ סך. און ביי אונדז, נאָך מער ווי ביי זיי, זיינען די וויכטיקסטע קריטיקער נאָר יענע, וואָס האָבן עפּעס געוואָלט, צו עפּעס געשטרעבט, וואָס האָבן צוליב דער ליטעראַטור ניט פאַרזען דאָס לעבן, וואָס אויסער קענען דערשמעקן דעם ריח און דערזען דעם קאָליר פון אַ ליד, אַ דערציילונג, האָבן זיי געהאַט אַ זין פאַר די מאָראַלישע און דערציערישע ווערטן פון אַ ווערק; זיינען געווען קולטור־טרעגער, נאַציאָנאַלע לערער, סאָציאַלע וועגווייזער.

ניט יעדן דאַרפן און קאָנען אַזוינע קריטיקער געפעלן. עס איז קעגן זיי פאַראַן אַ סך וואָס אויסצוזעצן. באַזונדערס האָבן קעגן זיי וואָס אויסצו־זעצן יענע וואָס האַלטן אַז קונסט איז אַן און פאַר זיך אַ גרויסע דערגרייכונג, אַן און פאַר זיך אַן אויסלייזונג, וואָס האַלטן אַז קונסט דאַרף דעם לעבן ניט דינען, ווייל די קונסט אַליין איז ניט נאָר אַן אופן פון „אויסלעבן זיך (מערסטנס פון אויסזינגדיקן זיך)" ווי פּרץ האָט געזאָגט, נאָר טאַקע אַן אופן פון לעבן און פון דעם סאַמע העכסטן, ריינסטן און אינטענסיווסטן אַרט לעבן.

ווער עס האָט געלייענט אפילו בלויז איין אַרטיקל, אָדער עסעי פון ריוואָקינען, ווייסט אַז ריוואָקין איז ניט קיין קריטיקער מחמת סתם ליטעראַרישן נייגער, אַז ער שרייבט ניט קיין קריטיק מחמת אַ פאַרלאַנג צו זאָגן מבינות,

אָדער זאָל אפילו זיין מחמת אַ געפיל צו ווען לירייזירן אָדער פילאָסאָפירן וועגן קונסט און קינסטלער. ריווקין האָט אַן אייגענעם וועג וואָס פירט אים אַריין אין די טיפענישן פון יידישער שעפערישקייט. ריווקין וויל אַז די ליטע־ראַטור זאָל אים העלפן מאָביליזירן אַלע גייסטיקע כוחות אין יידישן פאָלק „פאַר אָפּוועך קעגן סכנה". קונסט איז פאַר אים אַ מיטל, אמת אַ הייליק מיטל, צו פאַרווירקלעכן די מאַקסימאַלסטע אידעאַלן פון דער יידישער און אַלמענטשלעכער געשיכטע.

ער איז בטבע אַ מאַקסימאַליסט. ער האָט זיך „פאַרנדרט" אויף דעם נס איבער אַלע נסים. די דאָזיקע „פאַרנדרטקייט", די מאַקסימאַלישקייט ריווקינס פילט מען אין זיין יעדער באַהויפּטונג. עס איז זיין כוח און זיין שוואַכקייט. זי איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר זיינע עקסטרעמע ניט־דורכפּירבאַרע פאַרשריפטן און געבאָטן, זי איז אָבער אויך דאָס פייער וואָס שמעלצט, האַלט־צונויף און ריכט זיין אידייען־גאַנג און גיט אים דעם כאַראַקטער פון פראַג־ראַם, אויב ניט פון קיין פאַרגאַנצטער פילאָסאָפישער סיסטעם.

שוין אַזוי פרי ווי אין 1912 האָט ריווקין פאָרמולירט זיינע גרונט־פּרינציפּן און הויפּטצילן אין דער סעריע אַרטיקלען „דאָס רעליגיעזע מיס־פאַרשטענדעניש", געדרוקט אין אברהם רייזענס „דאָס נייע לאַנד".

לויט ריווקינס דעמאַלטיקער און עד־היומדיקער איבערצייגונג מוז „יעדע פראַגע פון לעבן געטריבן ווערן צו איר לייזונג דורך שעפערישע מיטלען". מען מוז דעריבער אין דער מאָסע „אויפוועקן דעם אינטימסטן לעבנס־אינסטינקט", וואָס „פליסט פאַרביי אַמנאָענטסטן צום רעליגיעזן געפיל". עס איז נייטיק „אויסצואיידלען דעם מענטשלעכן מין", ווייל בלויז „אין יענע איינציקע אוריגנבליקן, ווען די מאַסן זיינען פאַרגאַנגען אין שעפע־רישער אַנטציקונג, זיינען פאַרכאַפּט געוואָרן פון גרויסן פאַרלאַנג, זיך אויס־שטרעקנדיק נאָך דעם אומענדלעכן", איז מעגלעך געווען באמת דורך זיי און פאַר זיי עפּעס גרויס אויפצוטאָן. דאָס איז, לויט ריווקינען, אמת נוגע אַלע פעלקער, אָבער נאָך אמתער איז דאָס בנוגע דעם יידן, וואָס „צווישן אַלע פעלקער צייכנט ער זיך אויס מיט זיין שעפערישן רעליגיעזן זשעני". דער דאָזיקער „זשעני" מוז דעריבער „אויפסניי אויפגעוועקט ווערן און אָנפאַנגען אַ נייע שעפערישע טעטיקייט", אַפילו ווען אין די טראַדיציאָנעלע רעלי־גיעזע פאָרמען". אַמאָל האָט מען געגלויבט — שרייבט ריווקין — אַז גאָט אין די הימלען איז אַ פאַרמיטלער. ביסלעכווייז האָט מען איינגעזען, אַז עס איז ניט אַזוי און מיר קענען זיך לייכט פאַרשטעלן אַ גאָטלאָזע רעליגיעזע שאַפונג". נאָכמער, דאָס יידישע פאָלק „האָט שוין דאָס ערשטע געגעבן דעם סיגנאַל צו אַ גאָטלאָזער רעליגיע — עס האָט געשאַפן די פאַראומענד־לעכסטע מענטשלעכע געשטאַלט, די גאָט־מענטשלעכע פיגור פון משיחן און צו אים מוז מען שענקען די גאַנצע אויפמערקזאַמקייט".

דער כּוהן־גדול אין דער גאָטלאָזער רעליגיע, דער נביא פֿון דער גאָט־מענטש פיגור דאַרף זיין דער יידישער קינסטלער. און פּונקט ווי עס איז די אויפגאַבע פון די פאָלקס־לערער אויפצואוועקן די מאַסע צו שעפערישער און אויסלייזערישער אַנטציקונג, אַזוי דאַרף אויך זיין, לויט ריווקינען, די אויפגאַבע פון דעם קריטיקער אויפצואוועקן דעם קינסטלער צו זיין גרויסער מיסיע, צו זיין פונקציע אַלס „געשטאַלגעבער פון געשטאַלגעבנדע געשטאַלטן".

און מיט אַן ערך זיבן יאָר שפּעטער, אין די צייטן פון פּעטלורא־ און דעניקין־שחיטות אויף יידן, קומט ריווקין אַרויס אין איגנאַטאָווס „שריפטן" מיט אַן עקזאַלטירטן קול־קורא צו יידישע קינסטלער, אַ קול־קורא וואָס זיין עכאָ קלינגט ביז היינט אין אַלץ וואָס ריווקין שרייבט. עס איז ניט נאָר אַ שאַלנדיקער „רוף צו די יידישע שריפטשטעלער", עס איז אויך אַ פּראָגראַם פאַר זיי. די יידישע שריפטשטעלער, האַמערט ריווקין, מוזן „נעמען אויף זיך צו ראַטעווען (דאָס יידישע פאָלק) פון חורבן אין דעם קורצן מאָמענט פאַר דער קאַטאַסטראָפע." זיי קאָנען דאָס טאָן, ווייל דער עיקר אין דער רעטונג איז צו פאַרוואַרפן אַן אילוזיע, אַנטציקן די מאַסן, די יידישע ווי ניט־יידישע. און די „יידישע שעפער — ווייזט ריווקין אָן אין דעם „רוף" — האָבן פון וואַנען צו „שאַפן אילוזיעס אויף צו פאַרענדיקן די פון לעבן־אָנגעהויבענע געשטאַלטן. אין דעם יידישן פאָלקס־באַוואוסטזיין איז דאָ אַן אוצר, וואָס האָט אויסגעטיילט, טיילט און וועט אויסטיילן, געשטאַלטן נאָך געשטאַלטן, וואָס פלייצט און וועט פלייצן מיט שטימונגען און איבער־שטימונגען — שטימונגען און געשטאַלטן דערהויבענע, דערלייזנדע, אָנ־שטעקנדע, היפּנאָטיזירנדע און פאַרוואַנדלענדע פאַר אונדז יידן און פאַר אַלע פעלקער — און דער אוצר און דער קוואַל איז די משיח־געשטאַלט. עס איז שוין פאַראַן אַ היפשע צאָל געשטאַלטן אַזעלכע אין אונדזער ליטעראַטור, — עס שימערט פון זיי סימבאָלישעס, נבואהשעס. זיי זאָגן וואָס אָן. נאָך אַ רגע און זיי וועלן ברענגען אַ דערקוויקנדע בשורה, אַ לאָבונג דער אינטע־ליגענטער יידישער נשמה. נאָך אַ רגע און זיי וועלן אַ מופת באַווייזן. זיי וועלן אונדז בענטשן און מיר וועלן אויפגעריכט און אויסגעלייזט ווערן".

אַזוי האָט ריווקין גערופן און געמונטערט די יידישע קינסטלער אין 1919, און אַזוי רופט ער צו זיי איצט מיט 25 יאָר שפּעטער, כאָטש דער „מופת", וואָס פאַר אים האָט ריווקין אַזוי באַגייסטערט און איבערצייגט קאָווירט, איז נאָך ניט געשען. אין דעם עסעי, „דער רעליגיעז־עטישער הינטערגרונט פון דער יידישער ליטעראַטור", געדרוקט אין אבא גאָרדינס „יידישע שריפטן" (באַנד 4, 1944), איז ריווקין נאָך אַלץ דער איבערצייגטער משיחיסט, דער פאַרגלויבטער אין מופת. וואָס ער האָט געזאָגט אין די אַרטיקלען פון 1912 און פון 1919 זאָגט ער אויך אין דעם עסעי פון 1944. ער זאָגט דאָס מיט מער שריפטשטעלערישן גלאַנץ און כּוח, אָבער

דער תוך איז דער זעלבער. דאָס איינציקע וואָס פעלט אין דעם אַרטיקל איז דער טערמין „גאָטלאָזע רעליגיע". אָנשטאָט דעם רעדט ער וועגן קונסט ווי וועגן אַ „במקום רעליגיע".

„די יידישע ליטעראַטור — שרייבט ריווקין אין דעם עסעי — ווי איר פּאַראויסגייערין די יידישע רעליגיע, האָט זיך געריכט אויף דער גורלדיקער שעה... און איז פּונקט ווי די רעליגיע אַ כמו טעריטאָריע, אַ טעריטאָריע של מעלה... אַ פאַרפּאַנצערונג פון פּאָלק צו גייסטיקן ווידערשטאַנד — אַ צודעק איבערן קאָפּ במקום אַן אָנשפּאַר אונטער די פיס". וויסנדיק אַז די „וועלט וועט ניט אויסהאַלטן איר ענגע רשעות" און ס'וועט סוף־כל־סוף אַרויספּלאַצן פון איר „אַ וועלט־קאַטאַסטראָפע", האָט די יידישע ליטעראַטור „געגומען אויסאַרבעטן דעם טיכטיקסטן, אַקטיווסטן אַפּוער־מיטל — די גע־שטאַלט פון געשטאַלט־געבער — דאָס משיח־געשטאַלט", ווייל פון „איר סאַמע געבורט אָן איז (די יידישע ליטעראַטור) געווען אָנגעצילעוועט צו אַן אויס־לייזנדער וועלט־ראַלע.

קיין שום קריטיקער, אָדער ליטעראַטור־ און קונסט־טעאָרעטיקער, ניט ביי אונדז און ניט ביי די אומות־העולם, האָט ווען צוגעטיילט דער קונסט און דער ליטעראַטור אַזאַ גרויסע, אַזאַ אָטעם־פאַרכאַפּנדיקע ראָל. און ווען מען לייענט ריווקינס פאַרפלאַמטע ווערטער, ווען מען כאַפּט דעם זין פון זיין הייס־געשמידטער טערמינאָלאָגיע, ווען מען ווערט צעגומען פון זיין פּאַטאָס און פאַרכאַפּט פון זיינע ריטמישע זאַצן — טראַכט מען: הלוואי וואָלט די קונסט אויסער אַלע זאַכן, וואָס מען ווייסט פון דער אייגענער דערפאַרונג, אַז זי קאָן אויפטאָן, אויך געקאָנט אַראָפּברענגען משיחן. און הלוואי וואָלט די קונסט אין אונדזערע גאָטלאָזע צייטן געקאָנט טאַקע ווערן אַ „במקום־רעליגיע"?

מען קאָן נאַטירלעך אַ סך, גאָר אַ סך איינוווענדן קעגן ריווקינס באַגעם פון דער דערשיינונג קונסט און וועגן איר פונקציע אין אַ מאָדערנער געזעל־שאַפט. מוז דען די קונסט בלויז שאַפן און „פאַרוואַרפן" אילוזיעס? און וואָס איז מכוח דעם אמת, דעם פשוטן לעבנס־אמת, וואָס די קונסט קען און דאַרף אַרויסברענגען? איז דען פאַר אַלע קינסטלער גילטיק ריווקינס כלל, אַז „די אילוזיע און זעלבסטפאַרבלענדעניש איז דער הויפּט־תנאי פון זייער לעבן און שאַפן"? איז די אילוזיע און זעלבסטפאַרבלענדעניש געווען דער הויפּט־תנאי פון לעבן און שאַפן, לאָמיר זאָגן, ביי אַ טאָלסטאָיען, אָדער ביי אַ מענדעלען, ביי אַ ביאַליקן? האָט דען די ליטעראַטור ניט קיין אַנדערע פונקציעס אין אַ מאָדערנער דיפערענצירטער און קאָמפּליצירטער געזעל־שאַפט, אויסער דינען אַלס „במקום רעליגיע"? און אפילו עס זאָל טאַקע דורכאויס אמת זיין, אַז די קונסט, ספּעציעל די פּאָעזיע, שטאַמט פון רעליגיע און פון מאַגיע, דערקלערט דען דער אורשפּרונג פון אַ דערשיינונג איר פיל־

זייטיקן כאַראַקטער אויף די ווייטערדיקע שטופּן פון איר היסטאָרישער אַנטוויקלונג? ריווקין אַליין ווייס זייער גוט, אַז די רעליגיעזע שאַפונג איז געהאָרכזאַמקייט צום שטרענגן באַפעל פון „ה׳ אחד“, און אַז „ליטעראַטור־שאַפונג איז פרייער אויפשפּיל פון מענטשנס פאַנטאַזיע“ און אַז „די דאָזיקע צוויי פונקציעס זיינען אין פלוג אַ סתירה איינער צום אַנדערן“. נאָר וואָס דען? ריווקין איז מכריע: „אויס סתירה זאָל עס ווערן“ („זאַמלביכער“, נומער 3, זייט 409). ווי מען זאָל אָבער, צוזאַמען מיט ריווקינען, ניט וועלן אַז די „סתירה זאָל אויס סתירה ווערן“, איז אָבער דער כוח פון ווילן און וועלן דאָ ניט גענוג. די סתירה בלייבט אַ סתירה. דער אמת איז אַז גיכער קאָן שוין רעליגיע ווערן פּאָעזיע איידער פּאָעזיע — רעליגיע.

אָבער דאָ איז ניט קיין פראַגע וועגן פרואוון דעם אמת פון ריווקינס דעפיניציעס און באַשטימונגען. די פראַגע איז אפילו ניט וועגן זייער גילטיקייט אַלס ליטעראַטור־קריטעריומס. די פראַגע איז נאָר אויף וויפל האָבן זיי געהאָלפן ריווקינען צו זיין דאָס וואָס ער איז. דער אמת איז, אַז עס איז אַ גרויסער ספק אויב די קריטיק בכלל קאָן געבן ריכטיקע „אָרגאַניזאַטאָרישע הילף“ אַ קינסטלער. עס איז למשל אַ גרויסער ספק, אויב די „קריטיק“ האָט „באַשעדיקט“ משה לייב האַלפּערן. עס איז אַ ספק צי משה לייבס „פּייערלעכע אימפּעדיקע פּראָצעסיע צו דער קרוינונג“ איז „אין רעכטן מיטן צושאָטן געוואָרן“ דערפאַר ווייל די קריטיק האָט אים ניט געגעבן „קיין אָרגאַניזאַטאָרישע הילף“. והא ראיה: ריווקין האָט לכל הדעות ניט געזשאַלעוועט משה לייבן קיין „אָרגאַניזאַטאָרישע הילף“. עס איז, דוכט מיר, די העכסטע מדרגה פון געוואַגטקייט מצד קריטיקער צו פּרעטענדירן, אַז זיי קאָנען געבן אַ קינסטלער „אָרגאַניזאַטאָרישע הילף“ אין דעם זינען ווי ריווקין פאַרשטייט דאָס. גלייך ווי עס וואָלט זיך בלויז געהאַנדלט וועגן געבן די ריכטיקע עצות און באַשטעלונגען אַ קינסטלער? פאַראַפראַזירנדיק האַמלעטן: פאַראַן אַ סך מער געהיימנישן אין פּראָצעס פון שאַפן קונסט, ווי עס האָט זיך וועגן געחלומט, אפילו די סאַמע „ריכטיקסטע אידעאָלאָגן“ צווישן די קריטיקער.

אַ קריטיקער קאָן העלפן אָפּשאַצן אַ קונסט־ווערק, אָבער ניט שאַפן דאָס קונסט־ווערק. אָבער נאָך מער העלפן אונדז די אידייען, וואָס אַ קריטיקער האָט, אים אַליין צו שאַצן און פאַרשטיין. ריווקין אַליין האָט ניט איינמאָל צוגעגעבן, אַז ער איז ניט קיין אָביעקטיווער מעסטער און שאַצער פון קונסט. אים גייט ניט אַזוי אין דער קונסט ווי אין דער גאולה. זיינע טעאָריעס, אויב ניט אינגאַנצן קיין דיכטונג, זיינען אָבער זיכער דאַכטונג. אין גאַנג פון דער יידישער ליטעראַטור איז דאָך ריווקין אַליין אַן אויסדרוק פון די רעגונגען, שטימונגען, און וויזיעס, וואָס זיינען פאַרקערפּערט אין די ווערק פון דעם יונגערן דור יידישע קינסטלער. מען טאָר ניט פאַרגעסן, אַז וואָס די פאַרגעשיכטע פון ריווקינס אידעאָלאָגיע זאָל ניט געווען זיין, איר

געשיכטע היבט זיך אָן אין אַמעריקע צווישן די „יונגע" אַסאָציאירט בלויז מיט עסטעטיק, בלויז מיט קונסט לשם קונסט. אין דער אמתן איז דער באַגריף „יונגע" אַ סך אַ ברייטערער און שליסט אײַן די גאַנצע גאמע פון נאַציאָנאַל־ראָמאַנטישע און מיסטישע שטימונגען, וואָס זיינען אויפגעגאַנגען אין דער יידישער ליטעראַטור מיט אַ 35—40 יאָר צוריק. ניט איינער פון די „יונגע" האָט געחלומט וועגן „געשטאַלט פון די געשטאַלט־געבער" און ניט איינער פון זיי האָט אָנשטאָט רעאַליסטישע פּאָרטרעטן געשאַפן „מוסטער מענטשן". ריווקינס פּובליציסטישער קאַמף קעגן פלאַכן פּאָזיטיוויזם, קעגן איבערגעשפּיצטן ראַציאָנאַליזם אין דער יידישער אַמעריקע איז געגאַנגען האַנט אין האַנט מיט דער פּאַרטונקלטער, פאַרחלומטער און שטימונגפולער ליריק פון די „יונגע", זייך „ניי־משיחיזם און אילוזיאָניזם" — מיט זייער אַפּאָקאַליפּטישער סימבאָליק, רעטאָריק און בילדלעכקייט.

ריווקינס גייסטיקע קרובהשאַפט מיט די שעפער פון דער נייער יידישער ליטעראַטור, דאָס געמיינשאַפטלעכע וואָס ער האָט מיט זיי געהאַט האָט סוף כל סוף געפירט דערצו, אַז ער זאָל אָנהייבן באַטראַכטן דעם קריטיקער, ניט ווי אַ שאַצער פון ווערטן, און ניט נאָר ווי אַ „מיטשאַפער", נאָר ווי אַן אויבער־און־איבער־שאַפער, וואָס קאָן געבן „אָרגאַניזאַטאָרישע הילף" דעם קינסטלער. אויף וויפיל ריווקינען איז באמת געלונגען צו געבן אָרגאַניזאַטאָרישע הילף דעם אָדער יענעם קינסטלער, איז אַ פראַגע וואָס דאַרף ערשט אויסגעפאָרשט ווערן. עס איז קיין ספק ניט, אַז ריווקין האָט אין אַ ברייטערן זין געהאָלפן געוויסע קינסטלער זיך אָריענטירן אויף דעם „פאַרבאָרגענעם ליכט" פון דער יידישער טראַדיציע. קיין קריטיקער קאָן אָבער ניט ווירקן אויף דער אויספורעמונג פון ווערק אין זיין צייט, מער ווי די קריטיק לויט איר מהות איז דאָס בכלל מסוגל צו טאָן. ווי באַקאַנט, ווירקט זי מער אויף דער אַלגעמיינער גייסטיגער און אידייאישער אַטמאָספערע אין וועלכער די קינסטלער לעבן, ווי דירעקט אויף די קינסטלער. בדרך כלל אָבער העלפן די ליטעראַטור־קריטישע קאָנצעפּציעס אין דער ערשטער ריי דעם קריטיקער גופא קומען צום וואָרט. די בעסטע ראיה דערצו איז טאַקע ריווקין אַליין. אויב מען קאָן דערוויל ניט אָנווייזן אויף קיין ווערק, וואָס קען דירעקט צוגעשריבן ווערן צום איינפלוס פון ריווקינס „ליבלינג־אידייען", קען מען אָבער אָנווייזן אויף אַ צאָל עסייען מיט וועלכע ריווקין האָט באַרייכערט די יידישע ליטעראַטור אַדאַנק די דאָזיקע „ליבלינג־אידייען".

דאָס אַרטיקל „דער רעליגיעז־עטישער אונטערגרונט פון דער יידישער ליטעראַטור" איז אַ מוסטער פון דעם צו וואָסערע הייכן פון פּאַטאָס, פון אָריגינעלן און דינאַמישן אויסדרוק פון זיינע „ליבלינג־אידייען" ריווקין קאָן זיך דערהייבן. שטעלט מען איך אין זיך דעם צווייפל אין דער פּראַק־

טישקייט און אַנוועגדבאַרקייט פון די דאָזיקע „ליבלינג־אידייען" און מען לייענט די עסעי, פּונקט אַזוי ווי מען וואָלט געלייענט אַ ליד, אָדער אַ וואַסער עס איז אַנדער פאָרם פון ריין סוביעקטיווע, ריין לירישע רעיונות, דאַן האָט מען פון דעם עסעי, ווי פון פיל אַנדערע עסעיען ריווקינס, אַ גרויסן עמאָציאָנעל־עסטעטישן גענוס, ווייל ריווקין איז קודם כל איינער פון די גלענצענדסטע יידישע וואָרט־סטיליסטן, — פאַראַן אַ פלוס און גוס אין זיינע ווערטער, אַ ריטם אין זיינע זאַצן, וואָס גליען מיט געפיל, מיט פאַנטאַזיע, מיט עקזאַלטירטער איינגעגלויבטקייט אין דעם „צוזאָג פאַרזאָג", דעם „נדר באַפעל". באַוואוסטזיניק, אָדער ניט, אָבער עס איז פאַראַן אין ריווקינס שריפטשטעלערישער דערהויבנקייט פון דעם הויכן שניט פון אַפּאָקאַליפּטישע שריפטן.

רעדנדיק וועגן אַשן דריקט זיך ריווקין אויס אַז אַש האָט פון דעם שטעטל „מיטגענומען טאַלאַנט אויף אָנצוגליען די לופט, ביז זי גייט אויף מיט קאָלירפולע אימאַזשן, וואָס פאַרוכפערן זיך מיט דעקאָראַטיווער בילדלעכקייט". אויף וויפיל דאָס זאָל ניט זיין אמת וועגן אַשן איז דאָ ניט ווייניקער אמת וועגן ריווקינס אופן פון שרייבן. אויך ער פאַרמאָגט „טאַלאַנט אויף אָנצוגליען די לופט, ביז זי גייט אויף מיט קאָלירפולע אימאַזשן" און אַפּאָקאַליפּטישער בילדלעכקייט:

„אָט דער ליטוואַק (רייזען), דער וואָס זעט מיטן האַרצן, דער וואָס טראָגט צוויי אויגן — צוויי ברענענדע ליכט אויף דער ברוסט — וועמעס חכמה איז אַ ליכטיקער געפיל אַזאַ וואָס הויזט צווישן קאָפּ און האַרץ" (טענדענצן). די ווערטער, וואָס איך האָב אונטערגעשטראָכן, זיינען באַזונדערס שטאַרק אין סטיל פון אַפּאָקאַליפּס. און עס איז ניט קיין סטיליזאַציע, און אויך ניט עפּעס דרויסנדיקס צופעליקס. עס איז אַ נאַטירלעכער אויסדרוק פון דער ראָל און פונקציע, וואָס ריווקין האָט אויף זיך גענומען אין דער יידישער ליטעראַטור. — דער אויסדרוק פון דער ראָל און פונקציע אַלס מאָנער פון גרויסע מעשים, אַלס אויסטייטשער פון מאָרגנדיקע צייכנס, אַלס אָנזאָגער פון יום־הדין. זיין בילדלעכקייט, ווי זיין לעקסיק, וואו עס דאָמינירן אַזויפיל „איבערגעשטאַלטונגס"־ווערבן און „פאַרוואַנדלונגס"־טערמינען, איז אַן אויסדרוק פון ריווקינס כאַראַקטעריסטישער „אָנגעצילעוועטקייט" צו מענטש־געשטאַלטונג און פאַרוואַנדלונג.

און ניט נאָר איינצלנע מעטאַפאָרן, אימאַזשן ביי ריווקינען דערמאָנען אין דעם אַפּאָקאַליפּס. פאַראַן גאַנצע זייטן, וואָס זיינען אָנגעטאָנט לויט דעם הויכן סטיל. עס פעלט אפילו ניט דער אָפטער געברויך פון דעם פאַרבינדונגס־וואָרט „און":

„און די יידישע ליטעראַטור האָט זיך אָנגעשטעקט פון דער יידישער רעליגיע מיט דעם זעלביקן פאַרגעפיל און זי האָט אויך ניט באַגנוגנט

זיך מיט פּאַסיוועד פאַרפאַנצערונג. זי האָט איבערגענומען פון דער רעליגיע איר פאַראויסוויסן, אַז אין דער לעצטער גורלדיקער שעה וועט אַבי קיום — אַבי אויסצוהאַלטן און בלייבן לעבן — ניט גענוג זיין. דער קיום וועט זיך דאַרפן איבערזעצן אין נצחון.

„און איצט אין דער גורלדיקער שעה — די געשטאַלט פון געשטאַלט־געבער איז בפירוש דאָ; זי האָט זיך אָפּגערופן; זי מיניעט זיך ווי אַ זעאונג. זי איז אַרויס פון איר פאַרגליווערטן סטאַטישן צושטאַנד, זי איז געוואָרן דינאַמיש. זי טראָגט זיך דורכן וועלט־חלל, און לויט דעם פעסט־געשטעלטן געזעץ פון דער געשיכטלעכער געשטאַלט־פּסיכאָלאָגיע האָט זי געדאַרפט טאָן איר פורעמענדיקע אַרבעט, און זי טוט די אַרבעט — אָבער צו אונדזער גרויסן אומגליק אין רציחהדיקער אָפּאָזיציע צו יידן, ווי אַ פינצטערער שאָטן אָפּשלאָג, ווי דער שטן המשחית...״

ווער עס איז באַקאַנט מיט ריווקינס עסעיען און אַרטיקלען, ווייסט אַז אַזוינע שטעלן זיינען ביי אים ניט קיין זעלטנקייט. מיט דער האַנט פון אַ שרייבער אַ גרויסן פּזרן האָט ער די יום־טובדיקע שטעלן צעוואָרפן אפילו איבער זיינע וואָכעדיקסטע ציי‌טונגס־אַרטיקלען. אויב אָבער עס פעלט ניט ביי ריווקינען קיין וואונדערלעך־אויסגעשמידטע, ריטמיש־פאַררונדיקטע און פאַרגאַנצטע זאַצן און פּאַראַגראַפן, טרעפן ביי אים אָבער זעלטענער פאַר־גאַנצטע עסעיען און לענגערע אַרבעטן.

וואָס לענגער עס איז ריווקינס אַן עסעי, אַלץ ווייניקער איז אין איר פאַראַן איינהייטלעכקייט, גאַנצקייט. ער איז צו ספּאָנטאַן, צו רייך אין באַלויכטונגען און שטאַנדפונקטן צו קאָנצענטרירן זיך אויף איין שטאַנד־פונקט, אויף איין באַלויכטונג. ניט נאָר לויפן זיינע אידייען פאַראויס, נאָר זיי לויפן אויך אָפּט אויס, ברויזן אַרויס און צעשטערן די געפלאַנטקייט, די קאָמפּאָזיציאָנעלע גאַנצקייט פון זיינע אַרבעטן. ספּעציעל איז דאָס דער פאַל, ווען ריווקין פאַרנעמט זיך אויף ברייטע ליטעראַטור־היסטאָרישע אַרבעטן. דאָס איז שוין אָבער אַ פראַגע ניט נאָר פון שריפטשטעלערישער טעכניק, נאָר אויך פון ריווקינס ליטעראַטור־היסטאָרישע קאָנצעפּציעס גופא, וואָס זיינען צו אינטואיטיוו, צו סוביעקטיוו, צו אַפּריאָריש צו קענען געבן אַ פּלאַנ־מעסיקע באַגרינדעטע און אויסגעהאַלטענע שילדערונג פון דעם ליטעראַטור־געשיכטלעכן פּראָצעס. צוליב זיינע טעאָריעס „של מעלה״ און משיח־טענדענצן, צוליב זיין ווילן באַווייזן, אַז די יידישע ליטעראַטור איז אַ „צווילינג־שוועסטער״ פון דער רעליגיע אַז „פון איר סאַמע געבורט אָן איז זי אָן איר וויסן אָנגעצילעוועט געוואָרן צו אַ וועלט־אויסלייזענדער ראָלע״, מוז ער אָפּט קערעווען „ביד חזקה״ דעם גאַנג פון דער יידישער ליטעראַטור, פאַרסירן אים כדי ער זאָל באַשטעטיקן זיינע טעאָריעס.

2

די „גרונט־טענדענצן פֿון דער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע" אין די „זאַמלביכער" נומערן 2 און 3, איז דאָס ווערק וואו ריווקין האָט אָנגעווענדט זיינע טעאָריעס צו אַ מער וויניקער לענגערן צייט־אָפּשניט פֿון דער געשיכטע פֿון דער יידישער ליטעראַטור.

ריווקין אַליין גיט צו, אַז די „פֿראַגן וואוהין־וואו" יידישע ליטעראַטור אין אַמעריקע — די הויפּט־פֿראַגן, וואָס ער האָט זיך געשטעלט אין די „טענדענצן", וועלן ביי אים אַרויסרופֿן „סוביעקטיווע ענטפֿערס", און אַז דעריבער וועלן אין דער אַרבעט „סימפּאַטיעס און אַנטיפּאַטיעס, פֿאָרצוגן און ליבלינג־אידייען, ריקבליקן און אויסבליקן אַרויסגעפֿירט ווערן אויף פֿאַראַד". איז גאָר קיין פֿראַגע ניט, אַז דער פֿאַראַד פֿון ליבלינג־אידייען איז דאָ זייער אַן אינטערעסאַנטער, אָפֿט נעמט דער פֿאַראַד אָן אפֿילו פֿאַנטאַסטישע קאָר־ניוואַל־פֿאָרמען. אָבער אויב ער האָט געוואָלט פֿון די ביידע „הינטערגרונטן" (אייראָפּע און אַמעריקע) „אַרויסציען די טענדענצן, וואָס האָבן זיך געירשנט און פֿאַרוואַנדלט" און וואָס „ווירקן... נאָך היינט און פֿורעמען די יידישע ליטעראַטור אין אַמעריקע", האָט ער טאַקע די טענדענצן „געצויגן" און ס'איז ריווקינען געלונגען אויף אַ ווײַלע צו שאַפֿן די ,אילוזיע פֿון אַ וואָר־האַפֿטיקן ,געשיכטלעכן פּראָצעס; אָבער אַרום און אַרום באַקומט זיך דער איינדרוק, אַז ניט דאָס לעבן, נאָר ער, ריווקין, דיקטירט דעם גאַנג פֿון זאַכן און אַז אַלץ לייגט זיך אויס אין פֿולן הסכם מיט זיינע „סימפּאַטיעס און אַנטיפּאַטיעס, פֿאָרצוגן און ליבלינג־אידייען".

וואָס עס שטעלט זיך אָפּ פֿון ריווקינס גרויסער אַרבעט, איז ניט די הויפּט־אידייע, נאָר די נעבן־אידייעס, די גייסטרייכע און טרעפֿלעכע באַמערקונגען וועגן ליטעראַטור־געשעענישן, זיינע באמת גלענצענדע כאַראַק־טעריסטיקעס וועגן אַ צאָל באַדייטנדיקע יידישע שרייבער. שוין בלויז די עטלעכע זייטן וועגן ליבינען, וואָס האָט געפֿירט, ווי ריווקין דריקט זיך אויס דעם „טאָג־בוך פֿון דעם אימיגראַנט אין אַמעריקע", איז אַ פּערל פֿון קריטיק. און די אָפּהאַנדלונגען וועגן ליבינען זיינען ניט די איינציקע. די „טענדענצן" וועלן פֿאַרבלייבן אין דער יידישער ליטעראַטור, ווי אַן אַנטאָלאָגיע, ווי אַ משנה פֿון ריווקינס בעסטע קריטישע אַרויסזאָגונגען וועגן איינצלנע שרייבער און ווערק.

אין דעם ערשטן טייל פֿון זיין אַרבעט צייכנט ריווקין אָן אין דער יידישער ליטעראַטור דריי גרונט־טענדענצן: „גרויס־תכלית, כמו טערי־טאָריעלע אילוזיע און ירושה־פֿאַרוואַנדלונג". אין דעם צווייטן טייל פֿאַר־ריכט זיך ריווקין און איז משנה שם די גרונט־טענדענצן אויף „עקזיסטענץ־געזעצן". ספּעציעל ווי זיי ווערן אָנגעווענדט צו די קלאַסיקער פֿון דער

יידישער ליטעראַטור, דערזעט מען, אַז אייגנטלעך איז דאָ בלויז די טערמינאָ־לאָגיע אַן אַנדערע, דער תּוך איז אָבער ניט קיין נייער, בלויז אַ פאַרשלייערטער. ווייל וואָס אין דער אמתן מיינט די „גרויס־תּכליתדיקע טענדענץ" אין שייכות מיט מענדעלען, אויב ניט דער אַלט־באַקאַנטער פאַקט, אַז מענדעלע האָט געוואָלט אַז די „קאַרטינקע זאָל עפּעס זאָגן". ווען ריווקין שרייבט אַז פון אַ „שטודיום פון מענדעלעס ווערק לאָזט זיך אָפּלערנען, אַז די גרויס־תּכליתדיקע אידייע איז... געווען די שטויס־קראַפט צו דער געבורט פון דער יידישער ליטעראַטור", איז דאָס אפשר יאָ און אפשר ניט אמת. ווען ער זאָגט אָבער, אַז די „גרויס־תּכליתדיקע אידייע" איז אויך די „טרייב־קראַפט צו איר קינסטלערישער אַנטוויקלונג", איז שוין דאָס זאָגן אַליין דאָ ניט גענוג, דאָ פאָדערן זיך איבערצייגנדיקע אַרגומענטן.

די באַהויפטונג, אַז „מענדעלעס קינסטלערישקייט שטאַמט פון זיין תּכליתדיקייט אַרויס" און אַז „דער משל, דאָס משל־פּראָדוצירנדע פאַר־שטעלעניש דורך אַ מוכר־ספרים זיינען פונקט צוגעמאָסטן צו מאַכן אַ תּכלית־דיקן געדאַנק דערציילעריש זיך באַוועגן", וואָלט געקאָנט אפשר ווערן זייער אַ פּרוכטבאַרער קריטישער געדאַנק בנוגע מענדעלען, ווען ריווקין זאָל איין מאָל פאַר אַלע מאָל האָבן אָנגענומען, אַז דער בעל־תּכלית און דער קינסטלער אין מענדעלען איז איינס און דאָס זעלבע, און מער צווישן זיי קיין אונטערשייד ניט מאַכן. ריווקין מאַכט אָבער יאָ אַן אונטערשייד צווישן קינסטלער און בעל־תּכלית. והא ראיה, אין דעם זעלביקן פּאַראַגראַף שרייבט ער, אַז דער „בעל־תּכלית האָט אָנגענומען דעם קינסטלער ביי דער האַנט, אים געפירט און געלערנט, וואָס בולטער צו ווייזן, צו שילדערן, צו געשטאַלטן, וואָס געלויפיקער צו דערציילן — פאַר אַ שטאַרקערער פּעולה". איך רעד שוין ניט וועגן דעם, וואָס דער גאַנצער ענין איז דאָ אַ ביסל צו פאַראיינ־פאַכט, נאָר אויב דער „בעל־תּכלית קאָן אָננעמען דעם קינסטלער ביי דער האַנט" האָבן מיר דאָך פאַר זיך ניט איינעם נאָר צוויי בעלי־כוחס. ווער און וואָס דער „בעל־תּכלית" איז, ווייסן מיר שוין, אָבער ווער און וואָס איז דער קינסטלער אין מענדעלען ? דער אמת איז, אַז ריווקין איז ניט אינגאַנצן אויסגעהאַלטן אין דער פראַגע פון קונסט לשם קונסט און קונסט לשם תּכלית. נאָך איז זיין „רוף צו די יידישע שריפטשטעלער", האָט זיך ריווקין אַרויס־געכאַפּט מיט אַ באַמערקונג, אַז „שאַפן מוז זיין לשמה". דאָס איז געבן די עסטעטן אַ פינגער, וואָס ווען עס זאָל זיי גיין אין דעם, וואָלטן זיי די גאַנצע „בעל־תּכלית"־האַנט געקאָנט אָפּבייסן.

בכלל איז די נייע טערמינאָלאָגיע וואָס ריווקין ווענדט־אָן אויף צו באַצייכענען די אויפטועז פון די קלאַסיקער קיין סך ניט מוסיף צו דעם וואָס מיר האָבן שטענדיק געוואוסט וועגן מענדעלען, שלום־עליכמען און פּרצן.

ערשט ווען ריווקין גייט איבער צום צווייטן דור שרייבער, וואָס מיט

זיי איז זיין באַקאַנטשאַפט אַ געניויערע און אַן אינטעמערע, שפּילט אויף ריוור־קינס קריטישע אינטעליגענץ און פאַנטאַזיע און פון זיין פעדער גייען אַרויס איינער נאָך דעם אַנדערן גלענצענדע פּאָרטרעטן און כאַראַקטעריסטיקס. ספּעציעל צייכענען זיך אויס מיט זייער גייסטרייכקייט און אָריגינעלקייט די כאַראַקטעריסטיקעס פון רייזענען, קאָברינען און ליבינען.

ווי געזאָגט, די שילדערונגען פון איינצלנע שרייבער זיינען פיל וויכ־טיקער און אינטערעסאַנטער ווי די שילדערונגען פון די אַלגעמיינע טענדענצן פון דער יידישער ליטעראַטור. אָבער עס פעלן ניט אין דעם ווערק אויך פאַראַלגעמיינערונגען פון באַדייטענדן אינטערעס. זיי ווייזן וויפיל ריווקין קען ביטראָגן צו אונדזער ליטעראַטור־פאַרשטענדניש, ווען ער גיט זיך אָפּ מיט שטודירן, אַנשטאָט מיט דיקטירן דעם גאַנג פון זאַכן און דערשיינונגען.

אין דעם פּרט איז אינטערעסאַנט דאָס קאַפּיטל: „דער אַמעריקאַנער הינטערגרונט".

„די יידישע ליטעראַטור (אין אַמעריקע) — שרייבט ריווקין אין דעם קאַ־פּיטל — דאָס ליד ווי די דערציילונג — איז געשלאָגן געוואָרן מיט אַ גרונט־פעלער, וואָס האָט זי ניט געלאָזט שטייגן נאָכדעם ווי זי האָט דערגרייכט אַ געוויסע מדרגה. דער גרונטפעלער קאָן באַצייכנט ווערן מיט פאַרשיידענע נעמען, אָבער דער נאָמען איז: גרונטלאָזיקייט — דער ייד־גרונט האָט לכתחילה גע־פעלט דער פּיאָנערישער ליטעראַטור, ווען זי האָט זיך דאָ איינגעשטעלט. צוליב צוויי סיבות: ערשטנס דערפאַר, ווייל באַשטעלט, געפאָדערט איז זי געוואָרן פון אַן עולם, וואָס איבערפלעכלעכקייט, רויקייט, חיי־שעהדיקייט, קורץ־אָטעמ־דיקייט פון געמיט זיינען געווען דיינע הויפּט־סמנים. און צווייטנס דערפאַר, ווייל אויסגעטראָגן, געמוטערט איז זי געוואָרן פון דער סאָציאַליסטישער אינ־טעליגענץ, וואָס איר סאָציאַליזם האָט איינגעשלאָסן אין זיך דעם פאַרבאָט, די פאַרלייקענונג פון דעם יידן אין יידישן אַרבעטער. אָדער אפשר זיינען ביידע סיבות איין סיבה? די סאָציאַליסטישע אינטעליגענץ, נישט געקוקט אויף איר געבילדעטקייט, איז געווען אַ טייל פון זעלביקן איבערפלעכלעכן, רויען חיי־שעהדיקן, קורץ־אָטעמדיקן עולם? און איר נישט אנערקענונג פון דעם יידן, נישט געקוקט דערויף, וואָס זי איז געווען פאַרפּוצט מיט קאָסמאָפּאָליטיזם, איז געווען אַן אומפאַרמיידלעכער רעזולטאַט פון זעלביקן פּסיכאָלאָגישן ערב־רב צושטאַנד?"

אין דעם דאָזיקן אויסצוג איז אַלץ קלאָר, זאַכלעך, פּשוט, עס לייגט זיך גוט אויפן שכל און איז אַ ביטראָג צו איינעמס וויסן און פאַרשטענדניש פון ליטעראַטור־פּראָצעסן. דאָס איז ווייט ניט די איינציקע באַטראַכטונג אין די „טענדענצן", וואָס שטייט מיט ביידע פיס אויף דער ערד. ניט איין פאַר־אַלגעמיינערונג ביי ריווקינען איז געבויט אויף פאַקטישער דערקענונג פון דערשיינונגען און האָט אַן אָביעקטיוון ווערט. אָבער דאָס וויכטיקסטע אין

די „טענדענצן" איז פּאַרט ניט די מעשה, נאָר דער מדרש, און עס איז ניט קיין וואונדער. ניט געקוקט אויף זיין „אַנגאַזשירטקייט" אויף תכלית איז ריוועקין ניט קיין דאָגמאַטיקער, ניט קיין בעל הלכה. ער פּאַרמעשהט, פאַר־געשטאַלטיקט ליטעראַטור־פּראָצעסן, שטעלט זיי אַוועק אונטער אַ געטלעכער השגחה, און צינדט אַרום זיי אָן די שיין פון אַ הייליקער מיסטעריע. דאָס גיט צו אַ מין ריטואַליסטישע חשיבות צו דער געשיכטלעכער אַנטוויקלונג פון דער ליטעראַטור; דאָס פאַרלעגענדאַריזירט איר גאַנג. אָבער וואָס מער לעגענדע און מיסטעריע אַלץ ווייניקער פאַקטישע געשיכטע. און אין געשיכט־לעכע אַרבעטן זוכן מיר ביי היינטיקן טאָג ווייניקער טעאָלאָגיע און טעלעאָלאָ־גיע און וואָס מער ראַציאָנעלע און אָביעקטיווע באַלויכטונג. און די „טענ־דענצן" געהערן מער צו די ערשטע ווי צו די צווייטע, עס איז אַן אינספּירירט און אינספּירירנדיק ווערק, אָבער ניט זייער קיין „תכליתדיק" ווערק. די הנאה איז גרעסער ווי די פּעולה.

ריוועקין דער איבערשאַפער, דער „פאַרוואַנדלער", האָט פאַר זיך אַ מער פּרוכטבאַר פעלד אויפן געביט פון אינדיווידועלער קריטיק. אמת אויך דאָ איז ער אָפט צו ברילִיאַנט צו געבן אַן עקזאַקטע אויסטייטשונג פון אַ ווערק אָדער שרייבער. אַפילו ווען ער גיט איבער די פאַבולע פון אַ ראָמאַן, ווי למשל זיין איבערדערציילונג פון איגנאַטאָווס „אויף ווייטע וועגן", קומט די פאַבולע אַרויס אונטער זיין פעדער אַביסל אַנדערש ווי זי איז אין אָריגינאַל.

איבערלייענענדיק ריוועקינס אַן אַרטיקל וועגן אַ בוך, ווילט מען ניט אַזוי לייענען דאָס בוך ווי ריוועקינען נאָך אַמאָל.

עס וועט אפשר ניט זיין אין גוטן געשמאַק אַנצורופן ריוועקינען, וואָס האָט אַזוי פיינט קאַזיאָנע ליטעראַטור־טערמינאָלאָגיע, מיט אַ באַשטימטן ליטעראַ־טור־טערמין, אימפּרעסיאָניסט. פּלוראַליסט אד"ג. דער אמת איז אַז אויך ער איז פריי פון אַ באַשטימטן מעטאָד. אַנשטאָט אַ מעטאָד פאַרמאָגט ער אינטואיציע, פאַנטאַזיע און אויסדרוק־קראַפט. דאָס וויכטיקסטע איז ביי אים ניט אַזוי אור־טיילן דעם שרייבער ווי אים לאָזן אויפגיין אין בילדער. דער צוגאַנג איז אַ פּאָעטישער. עס איז דאָס זען אין געשטאַלטן אַ זאַך דורך צוגלייכענישן און מע־טאַפאָרן. ריוועקין וויל דעם שרייבער, וואָס ער באַהאַנדלט, דערזען אין זיין דינאַ־מיק, אין זיין שטרעבונג, אין זיין שעפערישער אָנשטרענגונג, אין שילדערן דעם שרייבער אין זיין דראַמאַטישן געראַנגל מיט זיך און מיט די כוחות וואָס שטערן אים צו זיין ער. ריוועקין זעט בכלל אין דעם שאַפן פון דעם קינסטלער עפּעס טראַגישעס און פּאַטאַלעס. שאַפן, לויט ריוועקינען, איז אַ שווערע און טראַגישע פּרואוווּנג. צו שאַפן דאַרף מען האָבן „נשמה יתירה", און „נשמה יתירה — זאָגט ריוועקין — קאָן מען מיט די הענט ניט נעמען. מען דאַרף זיין גרייט צו קרענקען, צו מאַטערן זיך, ברענגען קרבן נאָך קרבן. מען דאַרף „אַרבעטן מיט דער נשמה", „מען דאַרף פאַרדינען נשמה־יתירה."

אויסער אָבער „אַרבעטן מיט דער נשמה, קרענקען און מאַטערן זיך", כדי צו קאָנען דורכפירן זיין שליחות, זעט נאָך ריווקין ווי דער קינסט־לער קעמפט ווי דער נביא מיט דער שליחות גופא. ער זעט ווי דער קינסטלער ראַנגלט זיך מיט זיין אומגעבונג, מיט נאָענטע און ווייטע. ער זעט אין אים, אין גייסט פון פּסיכאָנאַליזם, מוטער און פאָטער קאָמפּלעקסן, וואָס זיינען אים אַמאָל צו פּעולה און אַמאָל אַ שטערונג. עס איז אַ קאַמף וואָס ענדיקט זיך מערסטנס פאַטאַל פאַר דעם שרייבער, אויב מען זאָרגט זיך ניט פאַר אים, אויב מען „מונטערט" אים ניט, אויב מען גיט אים ניט קיין „אָרגאַניזאַ־טאָרישע הילף". דאָס פירט דערצו אַז ריווקין זאָל מיט זאָרג און דערמונטע־רונג נאָכגיין דעם שרייבער ביים לעבן און מיט ווייטיק און ביטערקייט רעדן וועגן זיין גורל נאָכן טויט. אויב ביים לעבן האָלט ריווקין דעם שרייבער אין איין דערמוטיקן, אין איין בענטשן, הייבט ער אים אויף, פיגוראַטיוו גע־רעדט, נאָכן טויט ווי אַן אומשולדיק קרבן — פאַר אַלעמען צו זען און פאַר אַלעמען עדות צו זאָגן, ווי אַזוי דער הייליקער שליח איז אומגעבראַכט געוואָרן, געקרייציקט געוואָרן אויפן קרייץ פון גלייכגילט און רשעות. דערפאַר זיינען ריווקינס נעקראָלאָגן אַ מין אַראָפּהייבן פון קרייץ אַ געקרייציקטן, און דערפאַר וועט ער הערט וועגן טויט פון אַ שרייבער איז זיין ערשטער אויסרוף: „אוי זיי האָבן אים דערהרגעט".

אַ מוסטער אין דעם פּרט איז ריווקינס עסעי וועגן משה ליב האַלפּערן, וואָס איז אונטערן נאָמען „אויפן וועג צו האַלב גאונות" דערשינען אין 1934 אין דעם שיקאַגער זשורנאַל „בריקן". אין דעם דאָזיקן עסעי געלינגט ריוו־קינען ניט נאָר אויסצוטייטשן משה לייבן אין די געוויינלעכע קריטישע טער־מינען, נאָר ער באַווייזט אויך ווי אַן עכטער דראַמאַטיקער און רעזשיסאָר צו געשטאַלטן און צו אינסצענירן האַלפּערנס טראַגישע קאָנפליקטן, דורכצו־פירן אין אַ ריי פאַרכאַפּענדע סצענעס אַ גאַנצן קריטישן ספּעקטאַקל אַרום משה ליב'ס שאַפן און אַרום זיין „פאַלן אין טויט אַריין", נאָך איידער ער האָט זיך „דערטראָגן צום שפּיץ־באַרג". דער עסעי פאַרמאָגט אויסער אַ שלל מיט גייסטרייכע און טיפזיניקע באַמערקונגען וועגן די „דיך־דינע פּסיכאָלאָגישע פעדים" וואָס פאַרבינדן צווישן זיך דעם „פּאָעטס ליד און לעבן" אויך זייער ווערטפולע ריין ליטעראַטור־קריטישע אויפקלערונגען. ספּעציעל איז רייך אין קריטישע דעטאַלן דאָס קאַפּיטל „די הויפּט קוואַלן פון געשטאַלטיקייט ביי משה לייב האַלפּערן", וואו ריווקין פירט דורך אַ פאַרגלייך, און זייער אַ זאַכ־לעכן און איינגעגעבענעם פאַרגלייך, צווישן דעם נביאישן סטיל און האַלפּערנס מעגיקייט „אָפּצואונטערפּן פון זיך בילד נאָך בילד". דער עסעי מיטן אויטבאָם פון געוויסע שטעלן, וואו דאָס לשון איז אַביסל צו צייטונגס־מעסיק, אַ זעל־טענקייט ביי ריווקינען, איז באמת אַ שעדעווער. מען דאַרף דעם עסעי לייע־נען און איבערלייענען, כדי איינצוזאַפּן אין זיך די גאַרע שיינקייט און אָרי־

גינעלקייט. ריווקין האָט דאָ באַוויזן וואָס פאַר אַ שפּאַנענדע דראַמע עס קאָן אויסגעפינען אין שאַפן פון אַ פּאָעט „אַ קריטיקער, וועלכער חוץ זיין קריטישן חוש, איז נאָך באַוואָפנט מיט אַ דראַמאַטישן אינסטינקט".

אַפילו אין דער ריין פאַרמעלער זייט פון שרייבן, אין דעם דערוואָרבן זיך שפּראַכלעכע אויסדרוקס־מיטלען — זעט ריווקין דאָס דראַמאַטישע און גורלדיקע „ברענגען זיך קרבן נאָך קרבן". אין זיין נעקראָלאָג וועגן משה נאַדירן, געדרוקט אין דער „עפּאָכע" (יולי־אויגוסט, 1943) שרייבט ריווקין:

„משה נאַדירס ערשטער גאַנג איז געווען אַרויפצואַרבעטן זיין וואָרט־אַפּאַראַט ביז ער זאָל לייכטער ווערן פון לופט און דערגרייכנדיק אין לייכטקייט זיין העכסטע הויך, האָט ער זיך געזוכט אַנצוגעמען מיט אַלץ מער משא און טרייב־קראַפט, כדי אַפילו פּאַרוואונדעטערהייט צו קאָנען זיך שלאָגן. ער האָט אַפילו געחלומט צו ווערן אַ באָמבער ביז ער האָט געקראַכט". (אונטערשטראָכן פון מיר א. ט.).

און נאָך י. י. זינגערס טויט האָט ריווקין געשריבן „דורכצושטודירן זינגערס אַלע ווערק... וואָלט געגומען חדשים. נעם איך זיין לעצט לעבנס־ווערק... דאָס לעבנס ווערק, וואָס ער האָט פאַרענדיקט און פאַרחתמעט 3 אזייגער אינדערפרי, דאָנערשטיק, דעם 10־טן פעברואַר, ווען ער איז אומגעריכט געשטאָרבן פון אַ האַרץ־אַטאַקע, אַן אויסערלעכער געזונטער און שטאַרקער, אין עלטער פון 50 יאָר, אין רעכטן בליי פון זיין טאַלאַנט". פון דעם דאָזיקן לעצטן „לעבנס־ווערק", דאָס הייסט פון זינגערס אומגעריכטן טויט, „פּרוּוואוט" ריווקין אַ „קוק טאָן אויפן גאַנצן זינגערן". „ווי קומט עס — פרעגט ריווקין — אַ מענטש אין אַזאַ עלטער, אין אַזאַ געזונט צושטאַנד, שטאַרבט מיר נישט דיר נישט. אומגעריכט פאַר אנדערע, אומגעריכט אפשר פאַר זיין באַוואוסט־זיין, אָבער ניט אומגעריכט האָט עס געמוזט זיין פאַר זיין אונטער־באַוואוסטזיין, טיפערע סיבות האָבן דאָ געמוזט זיין אין דער אַרבעט. אינערלעך האָט ער זיך געמוזט גרייטן צו אזא טויט, ווי ער האָט צוגעטיילט אין די „ברידער אשכנזי" צו שמחה מאיר אשכנזי: —, אין דער רגע האָט ער דערפילט אַ קלעם אין האַרצן, ווי אַן אייזערנע צוואַנג וואָלט אים פעסט אָנגעכאַפּט".

דאָס איז נאַטירלעך מער פּסיכאָאַנאַליטישע בעלעטריסטיק ווי לעגיטימע ליטעראַטור־קריטיק. עס איז אָבער אַ נייטיקער „אָנשפּאַר" פאַר ריווקינס „דראַמאַטישן אינסטינקט". דראַמאַטיזירנדיק זינגערס טויט קען ער שוין אויך געבן אַ דראַמאַטישע אויסטייטשונג פון זינגערס לעבן און שאַפן; קומען צום אויספיר, אַז „צוויי אשכנזים האָבן זיך געראַנגלט אין אים אַן אומאויפהערלעכן דראַמאַטישן קאָנפליקט. ווייל דער פאַרשטיקטער צדיק אין אים האָט ניט באַוויזן זיך אַרויסצורייסן פול, האָט ער זיך געשטאַרקט איבער אים. וואָס סענסיטיווער, וואָס מער צדיק, אַלץ האַרבער איז די שטראָף. די שאַרף פון ווידערשפּרוך האָט אים געשניטן. די סתירה האָט

אים געריבן און געדריבלט — ביז זיין האַרץ איז איינגעקלאַמט געוואָרן אין אַ צוואַנג און ער האָט באַשלאָסן צו שטאַרבן". (מיין אונטערשטרייכונג).

אַזוי אַרום זעען מיר אַז ריווקין באַטראַכט דאָס שאַפן פון אַ קינסטלער שיר ניט ווי עפּעס אַ גריכישע טראַגעדיע. אַלץ איז דאָ גורלדיק און מיסטעריעז.

עס טרעפט אָבער אויך אַמאָל אַז ריווקינס אַ קריטיק איז ניט אַזוי אַ דראַמאַטיזירונג פון דעם דיכטערס גורל, ווי אַ מין „כאַראַקטער־לייענונג" (קערעקטער רידינג), אַ מין וואָרזאָגעריי און טרעפעריי. דאָס פירט אָפט דערצו אַז ריווקין זאָל וועגן אַ שרייבער ריידן ווי אויף אויסנווייניק, ניט פון זיינע ווערק אַרויס. אַזאַ, למשל, איז זיין אַרטיקל „וואו האַלטן מיר מיט י. אָפּאַטאָשו", („צוקונפט", נאָוועמבער, 1935), וואָס איז דערעיקרשט אויפגעבויט אויף דעם, וואָס ער, ריווקין, ווייסט אַז אָפּאַטאָשו האָט געלערנט אויף אינזשעניר אין קופּער יוניאָן, און איז בכלל אַ לערנער און אַ מתמיד. דאָס איז אין אַ געוויסן זין אַ מין שפּילן מיט געצייכנטע קאָרטן. ווייל וואָס וואָלט געווען ווען ריווקין ווייסט ניט דעם צופעליקן עפּיזאָד אין אָפּאַטאָשוס ביאָגראַפיע ?

און אין דער אמתן דאַרף דאָך ריווקין גאָר ניט אָנקומען צו דרויסנדיקע פאַקטן אויף צו דערזען דאָס אינערלעכע געשטאַלט פון אַ שרייבער. ריווקין האָט געניט אייגענע קאָנצעפּציעס. איינע פון זיינע אינטערעסאַנטע און פאַר אים פרוכטבאַרע קאָנצעפּציעס, איז וועגן דער „זעלבסט־וויזיע" ביים דיכטער — דאָס הייסט דער אופן ווי דער דיכטער וויזואַליזירט זיך און געשטאַלטיקט זיך אין הסכם מיט זיין באַשערטער, אָדער פון אים אַליין אויסדערווילטער, ראָל און פונקציע אין דער ליטעראַטור און לעבן. די שילדערונגען פון דעם דאָזיקן מעטאַפיזישן און סובלימן איבער־געשטאַלט פון דיכטער איז דאָס סאַמע אָריגינעלסטע אין ריווקינס קריטיק.

ריווקין איז אָבער ווי באַקאַנט פון יענע שריפטשטעלער וואָס האַלטן זיך אַליין אין פאָרויס־גדר זיין. ער, וואָס איז אַזוי דערפינדעריש, אַזוי לייכט אויף צו אימפּראָוויזירן שטאַנדפּונקטן און צוגאַנגען, בייט אָפט זיין הויפּט־געדאַנק אויף נעבן־געדאַנקען און דערפון ליידט ניט נאָר די אויסערלעכע קאָמפּאָזיציע פון דעם עסיי, נאָר אויך די אינערלעכע איינהייטלעכקייט פון זיינע קריטישע כאַראַקטעריסטיקעס. אַ ריין טעכנישער חסרון איז אויך וואָס ריווקין האָט וועגן איינעם און דעם זעלביקן שרייבער געשריבן ביי פאַרשיידענע געלעגנהייטן. מיט דער אויסנאַם פון די אַרבעטן וועגן משה לייב האַלפּערנען און וועגן לייעסינען (די אַרבעט וועגן לייעסינען איז אָגב נאָך ניט אינגאַנצן פאַרענדיקט) האָט ער נאָך ניט געגעבן קיין סיסטעמאַטישע און פאַרגאַנצטע אַרבעטן וועגן שרייבער. כסדר נאָר פראַגמענטן. און די פראַגמענטן זיינען נאָך דערצו צעזייט און צעשפּרייט איבער אַלע זיבן ימים

פון דער יידישער פּרעסע. אַפילו וועגן ה. לייוויקן, אַ דיכטער, וואָס אים האָט ריוווקין אפשר מער ווי וועמען עס איז אַנדערש צו פֿאַרדאַנקען פֿאַר זיין קאָנצעפּציע פון זעלבסט־וויזיע, האָט ריוווקין נאָך ניט קיין פֿאַרענדיקטע, קיין דעפיניטיווע אַרבעט, כאָטש ער האָט וועגן לייוויקן אַן אַ שיעור אַרטיקלען.

יעדער פון די אַרטיקלען האָט געקאָנט ווערן אַזאַ דעפיניטיווע אַרבעט. אָבער שטענדיק האָט זיך אַריינגעמישט עפּעס אַ שטן מקטרג, וואָס האָט ריוווקינען געשטערט אויספֿורעמען און אויספירן איין גרויסע אַרבעט וועגן לייוויקן. אַ כאַראַקטעריסטישער פֿאַל איז די אַרבעט „לייוויק און זיינע נייע לידער", („צוקונפט", אויגוסט, 1937). עס פעלן ניט נאַטירלעך אין דעם עסעי ריוווקינס ממש שטראַליקע אַריינבליקן אין די סאַמע פֿאַרבאָרגענסטע ווינקלען פון לייוויקס שאַפן. ער איז אָבער באַגאַנגען איין גרויסן פעלער, וואָס ער האָט דעם עסעי אָנגעשטעלט אויף אַ פּאָלעמישן טאָן. די פּאָלעמיק וואָס ריוווקין פירט אין דעם עסעי קעגן די וואָס „ווילן האָבן אַז אין די לידער פון ,גן עדן' האָט זיך באַוויזן גאָר אַן אַנדער לייוויק" איז אפשר אַ באַרעכטיקטע און אַ גערעכטע. עס לייגט זיך אויפן שכל פֿאַרוואָס ריוווקין זאָל ניט וועלן, אַז מען זאָל „קאָנטראַסטירן די צוויי לייוויקס, אַרויסשטעלנדיק דעם ליכטיקן און דעם אינטימען פון היינט קעגן דעם ,טונקעלן' און משיחיסטישן פון אַמאָל". עס איז אויך לאָגיש צו באַטאָנען, ווי דאָס טוט ריוווקין, אַז „לייוויק פון היינט איז קיין שום קאָנטראַסט ניט צו לייוויקן פון אַמאָל און אַז די מעלות אין די לידער פון ,גן עדן' זיינען ניט קיין פּלוצלעכע מתנה פון רוח הקדש, נאָר זיינען אָנגעזאַמלט געוואָרן אין יענע טונקעלע משיחיסטישע לידער". די מיינונג אָבער פון די קריטיקער, וואָס ריוווקין פּאָלעמיזירט קעגן זיי, אַז „לייוויקס נייע לידער זיינען וואַרעמער, לויטערער, שטילער, באַרואיקטער", איז ניט געבויט אויף קיין אויסטראַכטעניש, נאָר אויף די קינסטלערישע אייגנשאַפטן, וואָס האָבן זיך בפירוש געלאָזט פילן אין די „נייע לידער", און אוודאי און אוודאי האָבן יענע קריטיקער ניט אינזינען געהאַט צו מינערן די ווערט פון לייוויקס פריערדיקע לידער. אויך זייער אונטערשטרייכן לייוויקס „לויטערקייט" איז גאָר קיין ראיה ניט, אַז זיי זיינען ניט געפעלן לייוויקס פריערדיקע לידער, ווי ריוווקין זאָגט. עס מאַכט דעריבער דעם איינדרוק אַז דאָ שטעלט זיך ריוווקין איין ניט אַזוי פֿאַר לייוויקן ווי פֿאַר זיך. דאָס פירט אים אַריין אין אַן אומגויטיקן פּאָלעמישן אַזאַרט, וואָס שטערט דעם אויספֿורעמונג פון דעם עסעי און דער קלאָרער פֿאַר'סכהכולונג פון זיינע געדאַנקען וועגן לייוויקן. דאָס באַשטייט, אַז בלויז זיין קאָנצעפּציע וועגן לייוויקן איז די איינציק ריכטיקע און אַז לייוויקס ליד איז שטענדיק אַ „משיחיסטיש" ליד, פירט אים אָפּט צו אָפּשאַצונגען פון איינצעלנע לידער, וואָס מיט זיי איז שווער

מסכים צו זיין. אַזוי באַצייכנט ער דאָס ליד „אָפּענע הימלען״*, וואָס איז לויט מיין איינדרוק אַ ליבע־ליד, ווי אַ משיחיסטיש ליד.

אָבער דאָס ליד גופא, וואָס איז אגב אין פּרט פון ריטם באמת אַ טור דע פאָרס, כאַראַקטעריזירט ריוּוקין אויף אַ וואונדערלעכן אופן. דאָס איז אַן איבעריקער באַווייז, אַז ריוּוקין וויל קען ער „מיטאָטעמען״ מיטן ריטם פון אַ ליד און מיטזינגען און מיטקלינגען מיט זיין קלאַנג און מעלאָדיע. ווען אַנשטאָט וועלן ווירקן אויפן ווערק, לאָזט ער אַז דאָס ווערק זאָל ווירקן אויף אים, זיינען ריוּוקינס אַרויסזאָגונגען בנוגע קינסטלערישע איינצעלהייטן זייער קערנדיקע און טרעפלעכע. ניט וואָס ער „פאַרשטייט״ אַ ליד אָדער אַ שורה אין דעם זינען ווי דאָס וואָרט „פאַרשטיין״ ווערט באַנוצט צווישן פּאָעטן, נאָר אין דעם זינען וואָס ער קאָן זיך דערגרונטעווען צום תוך און קינסטלערישן סוד פון אַ ליד. ער קאָן אָפט אַ ליד כאַראַקטעריזירן אויף אַן אופן, אַז עס זאָל זיך אָנהייבן דוכטן, אַז ער האָט מיטן דיכטער צוזאַמען געשאַפן דאָס ליד און ווייסט דעריבער פון אַלע פאַרבאָרגענישן. ער באַזיצט דערביי די פעאיקייט אין אַ בילדלעכן און תמציתדיקן שפּרוך, וואָס דינט אים מערסטענס ווי אַ באַמען צו זיינע עסייען, איבערצוגעבן דאָס סאַמע כאַראַקטעריסטישע אין דעם דרך אָדער טואונג פון אַ קינסטלער. „דער גאָלדענער נדר״ וועגן איג־נאַטאָוו, די „שוואַרצע מעסע״ וועגן דילאָנען, „לייוויק אויף עטאַפּן״, צו דער־מאָנען בלויז אַ פּאָר באַצייכענונגען וואָס ריוּוקין האָט געשאַפן פאַר ווערק און קינסטלער.

און ניט נאָר קאָן ער אינטואיטיוו אימפּרעסיאָניסטיש דערקענען און רעדן וועגן אַ ווערק. ווען ריוּוקין לאָזט זיך אַמאָל פריי פירן פון זיין שאַר־פער קריטישער אינטעליגענץ און סענסיביליטעט, ווייזט ער אַרויס אויסער־געוויינלעכע חריפות ביים אַנאַליזירן די פאָרם און טעכניק פון לידער און דערציילונגען. אַביישפּיל זיינען זיינע אַרטיקלען וועגן א. לוצקיס „בראשית אינמיטן״. זיי פאַרמאָגן אַ שלל מיט וואונדערלעכע אַנאַליטישע אויפקלע־רונגען וועגן לוצקיס אופן פון שאַפן און „מאַכן״ אַ ליד. אין די דאָזיקע באַ־מערקונגען ווייזט ריוּוקין, אַז ער פאַרשטייט ניט נאָר דעם אַלגעמיינעם גייסט און ווערט פון אַ ווערק, נאָר אַז ער קלייבט זיך גוט פאַנאַנדער אין די דריבנע אותיות און צעד־סעקרעטן פון דיכטערישן פאַך.

עס איז מערקווירדיק אַז אין זיינע רייך־קריטישע אַנאַליזן איז ריוּוקין אַ סך נענטער צו די פאָרמאַליסטן ווי צו וואָסער עס איז אַנדערער שול אין דער קריטיק. אַנשטאָט צו רעדן וועגן זיינע איינדרוקן רעדט ער ליבערשט וועגן דעם דיכטערס אויסדרוק.

ריוּוקין דער משיחיסט, דער בעל־תכלית איז אָבער גובר און פאַר־

* אַלע ווערק פון ה. לייוויק, לידער, ז׳ 460.

שטופט, פאַרטונקלט אָדער זאָל זיין פאַרשיינט דעם קריטיקער אין אים. אַ קריטישע אַרבעט איז פאַר אים סוף־כל־סוף אַן עקספּערימענט אין „נייַ־משיחיזם", אַן עקסקורסיע אין טעאָסאָפיע. און ער שטעלט אונדז דעריבער אין לעצטן סך־הכל אין אַ מאָדנער באַציאונג צו דעם אָביעקט פון זיין קריטישער באַהאַנדלונג: ניט ווי צו אַ קונסט ווערק — „אַ זאַך פון שיינקייט און אַ פרייד אויף אייביק", צו עפּעס וואָס איז אויסגעפורעמט און פאַרענדיקט, וואָס רוט און באַרוט, נאָר ווי צו אַ געוואַלדיקער קאָנצענטרירונג פון פּסיכישער ענערגיע ווי צו אַ מאָראַלישער אָנשטרענגונג אונדז אונטערצומינעווען און צו עקספּלאָדירן. אים איז ווייניק צו זיין אַ קריטיקער, ער וויל אויך זיין דער דיריגענט, דער רעזשיסאָר וואָס לויט זיינע אָנווייזונגען און זיין רעזשי זאָלן דיכטער זיך גרימירן און שפּילן. אין יעדן יידיש ווערק זוכט ער דעריבער דעם פּאַסיקן טעקסט פאַר זיין רעזשי און ווען ער געפינט אים ניט קיין גרייטן שניידט ער דעם ווערק און פּאַלמעסט עס, כדי פון דעם אַרויסצוקריגן וואָס ער זוכט.

*

וואָס וועט אין דער ליטעראַטור פאַרבלייבן — ריוווקין דער קריטיקער, אָדער דער בעל מופת, דער אַנאַליטיקער, אָדער דער רעזשיסאָר, דער אויסטייטשער, אָדער דער „אויבער און איבער־שאַפער", דער עקספּערעמענטירער אין ניי־משיחיזם, אָדער אימאַגינאַטיווער נאָמען־געבער פון דיכטער און ווערק?

עס איז גרייליך מעגלעך, אַז די געשיכטע זאָל ריוווקינען אָפּטאָן אַ שפּיצל, אַז די צוקונפטיקע דורות זאָלן אים לייענען, אויב זיי וועלן בכלל עפּעס לייענען, ניט פאַר זיין „תכלית", נאָר פאַר זיין שריפטשטעלערישן טאַלאַנט, ניט פאַר די פאַרזאָגן און געבאָטן, נאָר פאַר דעם אופן ווי ער האָט זיי געקריצט און אויסגעקריצט. וואָס אָבער די צוקונפטיקע דורות וועלן טאָן מיט ריוווקינען און זיינע ווערק איז זייער זאַך, פאַר אונדז אָבער וואָס לעבן מיט ריוווקינען אין איין צייט, איז ער דער עקזאַלטירטער און אָריגינעלער פּסיכאָ־אַנאַליטיקער פון דער יידישער נשמה יתירה, דער באַגייסטערטער מאמין אין דעם „רעליגיעזן זשעני פון יידישן פאָלק", אין דעם כוח פון יידן צו שאַפן גאָט־מענטש געשטאַלטן פאַר דער גאַנצער מענטשהייט און פאַר איר ענדלעכער און אַבסאָלוטער אויסלייזונג.

אַן אָפּקלייב פון זיינע בעסטע שריפטן, וועט ערשט באַווייזן, וואָס פאַר אַ גרויסער און אָנרעגנדער כוח ריוווקין איז, אַפילו ווען מען איז מיט זיינע הנחות און אויספירן ניט מסכים, און וואָס פאַר אַ וואונדערלעכער אינטערעסאַנטער און אינטריגירנדיקער אויסטייטשער און פאַרוואַנדלער ער איז פון דער יידישער ליטעראַטור, אַפילו ווען ניט אַלע זיינע ספּעקולאַציעס לייגן זיך לייכט און גלאַט אויפן שכל.

ב. גראַבאַרד

פערזענלעכקייט און כאַראַקטער אין אונדזער ליטעראַטור

עסיי אין צוויי טיילן.

ערשטער טייל — פראָזע.

אין דער לעצטער צייט האָבן זיך אין דער אַמעריקאַנער ליטעראַטור באַוויזן אַ ריי עסייען און גאַנצע ווערק, אין וועלכע מ׳פּרוּאווט אַרונטערנעמען די קרוין פון אַלטע, איינגעבירגערטע ווערטער און טערמינען. די שרייבער גייען אַרויס פון דער הנחה, אַז אונדזער גאַנצער גייסטיקער כאַאָס נעמט זיך דערפון, וואָס מען נוצט אַלטע ווערטער פאַר נייע באַגריפן. ווערטער וואָס האָבן באַצייכנט אַ באַשטימטן געמיט צושטאַנד, ווערן היינט גענוצט איבערצוגעבן אַ געביטענע שטימונג אויף אַ גאַנץ אַנדערן גייסטיקן קלימאַט.

די ווערטער־רעוויזיע ווערט געטאָן דווקא ניט פון קיין פּאָעטן אָדער נאָוועליסטן — די מייסטער פון וואָרט, נאָר פון סאָציאָלאָגן, עקאָנאָמיסטן און עסייאיסטן. עס ווייזט זיך אַרויס, אַז די וואָס אונטערזוכן דעם גאַנג פון אידייען, פון אידעאָלאָגיעס, די וואָס אונטערזוכן געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס, און ליטעראַרישע שאַפונגען, זוכן צו געפינען אַ מאָדוס וויוועדי פאַר זייערע טעאָריעס, וואָס זאָל גלייכצייטיק אויסדריקן דעם צייט גייסט.

ספּעציעל איז די שלעכטע טערמינאָלאָגיע שעדלעך אין ליטעראַרישע אָפּשאַצונגען. נייע שולן און נייע ריכטונגען אין דער ליטעראַטור זיינען שלעכט פאַרשטאַנען געוואָרן, אַ דאַנק אַלטע טערמינען אָדער אַלטע פילאָזאָפיעס אין וועלכע מ׳האָט זיי געפּרוּאווט אַריינפּאַסן. „אַלע גרויסע געשעענישן“ זאָגט סידני הוק „ליגן פריער אָדער שפּעטער אַרויף זייער חותם אויף דער קונסט און אויף דער ליטעראַטור. די וואָס אַרבעטן מיט ווערטער דינען אַלס די באַלדיקסטע, אויב ניט די סענסיטיווסטע פאַרצייכנער פונעם אַרום. און פון זיי זיינען קריטיקער די אַרטיקולירנדיקסטע, ווייל זייער אויפגאַבע איז צו אינטערפּרעטירן די שייכותן צווישן לעבן און ליטעראַטור“. פילאָזאָפיעס, אַנטדעקונגען אין דער וויסנשאַפט, אַלערליי דערפינדונגען וועלן ווירקן אויפן

שאַפונגס־פּראָצעס פונעם שריפטשטעלער, היסטאָריש־נאַציאָנאַלע דערפאַ־רונגען וועלן ערגעץ וואו אין דער טיף באַווירקן שרייבער און קינסטלער. דער „לא תעשה לך כל פסל" האָט ווי אַ היסטאָרישע דערפאַרונג באַווירקט נישט בלויז די יידישע קונסט, נאָר אויך די ליטעראַטור סיי אין איר פאָרמע און סיי אין איר אינהאַלט.

נייע אידייען־שטרעמונגען האָבן זיכער באַווירקט דעם איבערשאַץ פון אָנ־גענומענע ליטעראַרישע רעפּוטאַציעס. אין דעם ליכט פון אונדזערע נייע דער־פאַרונגען שאַצט אַנדרעי זשיד איבער אַ ריי פראַנצויזישע שריפטשטעלער. אין דעם ליכט פון פּסיכאָ־אַנאַליז שאַצט בענטלי איבער שריפטשטעלער ווי מאַרסעל פּרוסט, טאָמאַס מאַן, דזשיימס דזשאַיס, ריינער מאַריע רילקע, און ט. ס. עליאָט און ער ווייזט אָן אויף זייער רעאַקציאָנערן כאַראַקטער. ער שטעלט זיך אָפּ ספּעציעל אויף טאָמאַס מאַנס „דער צויבער באַרג" און ווייזט זיין רעאַקציאָנערן הינטערגרונט.

ווערטער, לאָזונגען און אידייען האָבן באַווירקט און פאָרמירט געשטאַלטן, העלדן און טיפּן. פיל פון אונדזערע שריפטשטעלער האָבן זיך געראַנגלט מיט ווערטער און האָבן זיי באַקומען.

צוויי ווערטער זיינען זיך ספּעציעל אויסגעשטאַנען צרות אין אונדזער קריטיק. מען האָט זיי אָפּט געביטן, און איבערהויפּט האָט מען זיך מיט זיי פריי און נאָכלעסיק באַנוצט. נעמלעך די ווערטער : פּערזענלעכקייט און כאַ־ראַקטער. לאָמיך דערווייל דעפינירן די צוויי זייער אָפט באַנוצטע טערמינען און דאַן באַשטימען זייער ראָליע אין אונדזער רייכער און טיפער ליטעראַ־טור. מיר וועלן דאַן קאָנען זען, וואו און אויף וועלכן וועג גייט אונדזער לי־טעראַטור. פאַרוואָס דאָמינירט דער לירישער עלעמענט ? גייט אונדזער ליטעראַטור אויפן וועג פון שאַפן פּערזענלעכקייט, אָדער פון בויען כאַראַק־טער ? עס וועט זיך אפשר אַרויסווייזן, אַז אונדזערע שאַפונגס פּראָצעסן זיי־נען אַנדערש, אַ דאַנק דער אַנדערשקייט פון אונדזער סאָציאַל עקאָנאָמיק, און אַלע אַנדערע קאָמפּלעקסן וואָס שפּראָצן אַרויס פון דער אַנדערשקייט. מען האָט ביי אונדז לעצטנס געשטעלט די פראַגע אין פאַרבינדונג מיט אונדזער אייראָפּעאישער קאַטאַסטראָפע וועגן פירערשאַפט, וועגן אחריות פון שריפט־שטעלער בנוגע דעם יידישן קולטור לעבן און דער יידישער ליטעראַטור. איז דער איצטיקער צושטאַנד אַ גורלדיקער אָדער בלויז אַ צופאַל ?

די פראַגע פון דער מענטשלעכער פּערזענלעכקייט איז אַן אלטע. מען האָט אין פאַרשיידענע צייטן געפּרואווט דערקלערן דעם סוד פון שאַפן אין שייכות מיט דער מענטשלעכער פּערזענלעכקייט. פאַרשיידענע שולן אין דער פּסיכאָלאָגיע האָבן געפּרואווט פאַרענטפערן די פראַגע. דאָס וואָרט כאַראַקטער קומט פונעם גריכישן וואָרט, וואָס מיינט אַ גראַווירטע מאַרקע, אין געוויינט־לעכן געברויך מיינט עס אַלע מאָל אַ מענטש, וואָס איז געגאָסן אין אַ באַ־

שטימטער פאָרמע. שטאַרק, אויסגעהאַלטן, און מען קאָן זיך אויף אים פאַר־לאָזן. כאַראַקטער איז פּאַקטיש אַ מין פּאַנצער קעגן דערפאַרונג. פון וואָס פאַר אַ פונקט מיר זאָלן ניט באַטראַכטן דעם כאַראַקטער קריגן מיר אַלץ דעם איינדרוק פון פּיקסירטקייט. און אויב דער כאַראַקטער איז איינמאָל באַ־שטימט איז נאַטירלעך אוממעגלעך צו רעדן וועגן מאָראַלישער אָדער גייסטי־קער אַנטוויקלונג. כאַראַקטער איז אין קורצן אַן אינטעלעקטועלער אידעאַל, וואָס דער יחיד קלייבט אויס, און צו וועלכן ער איז מקריב אַלע אַנדערע מענטש־לעכע פאָדערונגען. ספּעציעל די סענטימענטן אָדער עמאָציעס. אַ פּערזענלעכ־קייט וועט זיין איינער, וואָס וועט אינטעגרירן דערפאַרונג, עטישע אידייען און מאָראַלישע קאַטעגאָריעס. מיר לעבן אין אַ געוועב פון פאַרבונדענע זכרונות. אונדזער אַלגעמיינע מאַפּע, די לאַנד קאַרטע, אַ דאַנק וועלכער מיר ווייסן מער אָדער ווייניקער, וואו עפּעס אַוועקצושטעלן — דערקאָנען אַנאַלאָ־גיעס, פאָרמירן קלאַסן, שאַפן אָרדנונג פון כאַאָס, אַנזאַמלען דערפאַרונגען — דאָס אַלץ איז אַ נעץ פון זכרונות. און איינע פון די זכרונות, וואָס איז אונדז צום נאָענטסטן, דער אייגענער „איך”, קאָרעספּאָנדירט צו דעם פּלאַץ אויף דער לאַנדקאַרטע, וואו די אָפּטסטע און באַקאַנטסטע זכרונות קרייצן דורך איינע די אַנדערע, ווי די באַנען פון אַ לאַנד קרייצן דורך די הויפּט שטאָט. די פּערזענלעכקייט איז אַ פאַרבונדענע אָרגאַניזאַציע פון גייסטיקע פּראָצעסן, וואָס באַאיינפלוסן איינע די אַנדערע, די פּערזענלעכקייט ווערט געשמידט און מאָדיפיצירט פון דערפאַרונגען, עטיק, עמאָציעס, ווי ליבע, רחמנות און מיטעגפּיל. אַ פּערזענלעכקייט וועט בייטן דעם ציל און די ריכטונג, אויב עס וועט ניט זיין אין איינקלאַנג מיטן אינטעגרירטן איך אין דער לאַנד קאַרטע.

וואָס פאַראַ פּראָצעסן און וואָס פאַראַ קאַטעגאָריעס פונקציאָנירן אין דער יידישער ליטעראַטור? ווער לייגט אַרויף דעם חותם אויף אונדזער ליטעראַטור די פּערזענלעכקייט צי דער כאַראַקטער? עס איז זייער לייכט צו באַווייזן, אַז אונדזער לעבן, אונדזער געשיכטע און ממילא אונדזער ליטעראַטור וועט זיך אַלע מאָל אויסדריקן אין טערמינען פון דער פּערזענלעכקייט. יידן האָבן באַלד אין אָנהייב, ביים וויגעלע פון זייער געשיכטע אַנטוויקלט אַן אַנדערן מעטאָד פון פאַרשטיין און באַנעמען די וועלט און אַן אַנדערן וועג פון האַנדלען, נישט בלויז אין קריטישע נאָר אויך אין נאָרמאַלע צייטן.

די יידן און די גריכן זיינען די איינציקע פעלקער אין דער היינטיקער צייט, וועמעס נאַציאָנאַלע כאַראַקטעריסטיקס זיינען קלאָר. עס איז שווער צו כאַראַקטעריזירן אַ יחיד. עס איז פיל שווערער צו כאַראַקטעריזירן אַ פאָלק. ביי ביידן האָט ירושה געשפּילט אַ געוויסע ראָליע. היסטאָרישע אומשטענדן, סביבה, און דערציאונג, קלימאַט און סאָציאַלע באַדינגונגען פאָרמירן און גע־שטאַלטן דעם געירשנטן כאַראַקטער. דעם מענטשנס איך באַשטימט ביז צו אַ געוויסן גראַד זיין שיקזאַל, און ווערט גלייכצייטיק געביטן און דעטער־

מינירט פון זיין שיקזאַל. די יידן און די גריכן האָבן געהאַט אַנדערע שיקזאַלן, ווייל זיי האָבן געהאַט אַנדערע נאַציאָנאַלע אייגנשאַפטן. די אַלטע גריכן זיי־נען געווען אַ פאָלק פון זען, אַ פאָלק פון רוימלעכן און פלאַסטישן חוש. אַ געלערנטער רופט זיי „דאָס אויג פון דער וועלט". זיי האָבן געוואוסט ווי אַזוי צו קוקן, און אין דעם איז געלעגן זייער היסטאָרישע וויכטיקייט. וויסן און פערצעפּציע האָט זיך אין זיי פאַראייניקט, זייער קונסט איז געווען פלאַסטיש און זיך אויסגעשפרייט אין רוים. זייער פילאָזאָפיע איז אויך גע־ווען פלאַסטיש. דער גריך האָט אַלץ פאַרוואַנדלט אין פאָרמע. ער האָט גע־פּרוּווט עלעמינירן דעם אומרו פון צייט, פון דער וועלט. פאַר דעם גריך איז דער בוי־שטיין געווען אַ סימבאָל פון רוים אָדער שטח און פערצעפּציע. פאַרן ייד איז זיין אייגענער לעבן־שטראָם געווען אַ סימבאָל פון צייט און ווערן. צו דער קינסטלערישער רואיקייט פונעם גריך האָט דער ייד קעגנגעשטעלט אַ ברענענדיקע רעליגיעזיטעט. דער אונטערשיד צווישן זיי איז געווען פיל טיפער. בעת דער גריך האָט אַנטוויקלט דעם פלאַסטישן חוש ביז פאָלקאָמ־קייט, האָט דער ייד נישט אַזוי פיל געזען ווי ער האָט געהערט. ער האָט גע־לעבט אין צייט. זיינע חושים האָבן ניט גוט דערשפּירט די קאָנטורן פון זאַכן. ער האָט זיך גיכער אָנגעשטרענגט צו הערן דעם אינערלעכן פּלוס. זיינע היס־טאָריקער און פירער האָבן געזען דעם זין פון שיקזאַל אין גאָטס רוף. דעם יידנס גאָט דערפאַרונג האָט אים נישט געלאָזט ווי דעם גריך אָביעקטיוו און רואיק טראַכטן. ער איז געווען אַ שליח. גאָט האָט זיך פאָרגעשטעלט פאַר יידן ניט אינעם בילד, נאָר אינעם רוף: „שמע" — הערט זיך צו ווידער און אָבער אַמאָל. דער יידישער בעל־נס און הייליקער הייסט ביי יידן — בעל שם טוב, ווייל גאָטס נאָמען איז געווען די גרעסטע מיסטעריע און דער גרעסטער כוח. דער נאָמען און דער קלאַנג, און נישט דאָס בילד.

די גריכן זיינען געווען באַגרעניצט. פאַר זיי איז דאָס באַשטימטע און באַגרעניצטע געווען סימעטריש און שיין. דאָס אויג באַשאַפט ווייטקייט, פּלוראַליטעט. זיי זיינען ניט נאָר געווען די מייסטער פון פלאַסטישער קונסט, נאָר אויך די שאַפער פון דראַמע. זיי האָבן אָרגאַניזירט כאַאָס. אָבער זיי האָט געפעלט דאָס לירישע ליד, דאָס איינזאַמע ליד, דאָס יחידישע געזאַנג. תהילים איז געווען די כאַראַקטעריסטישע יידישע פאָרמע. ביז היינט איז דער ייד געבליבן אַ ליריקער, אַ מייסטער אין דער פאָרמלאָזסטער און סוביעקטיווער קונסט, אַמנאַענטסטן צו דעם פליסנדיקן שטראָם, ווייט פון דעם גלאַטן מאַר־מאָר. דער ייד לעבט מיטן אויער. הערט זיך דערפאַר צו צום צער און געוויין פון דער וועלט. ער האָט איין דימענסיע — צייט. פאַרגאַנגנהייט, קעגנוואַרט און צוקונפט. אַזוי לייקנט אויך די יידישע געשיכטע די נאַטור געזעצן און זאָגט פאַראויס, דאָס הויזן פון אַ וואָלף מיט אַ שעפס. אונדזער געשיכטע האָט דעטערמינירט די אַנטוויקלונג פון אונדזער ליטעראַטור אין דעם שטראָם פון

פערזענלעכקייט. עס מיינט נאַטירלעך נישט, אַז יעדע פערזענלעכקייט איז פון דערזעלבער מדרגה און גראַד. וואָס קאָמפּליצירטער אַ פערזענלעכקייט אַלץ מער ניט סטאַביל איז זי. און אַלץ מער וועט זי זיך אונטערוואַרפן דעם אײַנפלוס פון געמיט. אַ מענטש מיט כאַראַקטער צייכנט זיך אויס מיט האַנדלונג. און עס איז דאָ אַ פונדאַמענטאַלער קעגנזאַץ צווישן דעם קינסטלער און דעם מאַן פון טאַט. געדאַנק און פערזענלעכקייט גייט האַנט איין האַנט, און דער ציל איז אַ רייפע, פאַלקאָמענע מענטשהייט. אָבער כאַראַקטער קאָן זיך ניט באַוועגן אויסער די גרעניצן פון דאָגמעס. דאָס דינאַמישע און דאָס לירישע איז דערפאַר קעגנזעצלעך צו דעם סטאַטישן און דעם פּלאַסטישן, דער קעגנזאַץ צווישן פערזענלעכקייט און כאַראַקטער.

עס איז זייער לייכט צו באַווייזן, אַז אונדזער געשיכטע און אונדזער ליטעראַטור ווען זיך אַלע מאָל אויסדריקן אין טערמינען פון דער פערזענלעכקייט. דער שטייגער און די נאַטור פון אונדזער לעבן האָבן געהאַמערט עקשנות און פעסטקייט, אָבער גיכער פּאַסיווע ווי אַקטיווע. די פעסטקייט פון א ר שלמה אין דער „גאָלדענער קייט". ער ווערט געטריבן צו זיין באַשלוס ניט צו מאַכן קיין הבדלה פון אַ הויכן אידייאישן אימפּולס, און גראַד נישט לטובת זיך, נאָר לטובת דער געזעלשאַפט, לטובת דער מאַסע, אין אַ מאָמענט פון פערזענלעכער פאַרצווייפלונג. „אין מרה שחורה זינקט אַריין די וועלט, אויסגעלייזט מוז ווערן די וועלט." ר' שלמהס כוח איז געבויט אויף אַ וועלט באַנעם. די זעלבע כללישע מאָטיוון דעצודירן אויך די עקשנות פון אַ ר' איטשע אָדער ר' מענדל קאָצקער אין אַפּאָטאָשוס „די פּוילישע וועלדער". עס איז דער כוח פון וויזיע, פון פאַנטאַזיע, וואָס באַהערשט ר' איטשען אָדער ר' מענדלען. נישט קיין טרוקענע, אויסגערעכנטע פאַקטן, וואָס זיינען בייפּראָדוקטן פון כאַראַקטער. עס איז ניט דער ציל פון אַ יחיד, וואָס וויל דערגרייכן דערפאָלג אונטער אַלע אומשטענדן, נאָר עס איז גיכער דאָס ראַנגלען זיך פון אַ גרויסער פערזענלעכקייט, מיט צילן וואָס דער כאַראַקטער דענקט נישט, אַז זיי האָבן אַ פּראַקטישן ווערט. עס איז אַ פילאָזאָפיע אונטערגעשפּאַרט מיט מאָראַלישע סלופּעס. דאָס פונקציאָנירן פון דער פערזענלעכקייט, און דאָס גאַנצע פעלן פון כאַראַקטער איז אמת סיי אין דער אַלטער, סיי אין דער נייער ליטעראַטור. עס וועט אַפילו זיין אמת וועגן יידישע שרייבער, וואָס שרייבן אויף אַנדערע שפּראַכן. דער אופן ווי אַזוי זייערע העלדן האַנדלען וועט אפשר באַשטימען זייער יידישן פּאַספּאָרט. פראַנץ קאַפקעס העלדן, אָדער וואַסערמאַנס העלדן וועלן זיין יידיש, היסטאָריש יידיש אונטער אַלע אומשטענדן און אין פאַרשיידענע געאָגראַפישע צענטערס. דעם יידישן אייגנאַרט וועט מען אויך געפינען ביי סטעפאַן צווייג, היינע, ווערפעל, לודוויג, פויכטוואַנגער, וואַלדאָ פראַנק, לודוויג לואיסאָן און פיל, פיל אַנדערע. זייער יידישע ירושה וועט באַשטימען דעם וועג פון זייערע העלדן און דעם וועג פון

זייער שרייבן. דאָס וואָס מיר רופן גורל אָדער שיקזאַל איז בלויז דער אי־נערלעכער און אויסערלעכער שייך, דער סוביעקטיווער און אָביעקטיווער אַס־פּעקט פון דער זעלבער דערשיינונג.

יעדער איינער פון אונדזערע שרייבער, צי ער האָט באַשריבן דאָס לעבן פון זיין צייט אָדער איז אַוועק אין דער פאַרגאַנגנהייט האָט געשאַפן פער־זענלעכקייטן. מענדעלע און פּרץ האָבן אין תוך געשאַפן אין זעלבן גייסט, כאָטש די טעמאַטיק און פאָרמע זיינען אַנדערש. עס איז דורכאויס פאַלש ווען מען פאַרגלייכט אַ יידישן שרייבער מיט אַ ניט יידישן. רופן שלום עליכמען „דער יידישער מאַרק טוויין״ מיסרעפּרעזענטירט ביידע שריפטשטעלער. אויסלענדער פאַרגלייכט די פּאַנאָראַמע פון מענדעלעס העלדן מיט די העלדן פון באַלזאַקס „מענטשלעכע קאָמעדיע״. אַ פאַרגלייך וואָס איז לכתחילה פאַלש צוליב דער אַנדערשקייט פון די ספּרונגדרשינעס, וואָס באַוועגן די העלדן און פירן זיי צו באַשטימטע האַנדלונגען. באַלזאַקס העלדן רעאַליזירן זיך אין האַנדלונג. באַלזאַק נוצט צוויי מעטאָדן פאַר זיינע העלדן כדי צו פירן זיי צו זייער ציל. דער געניאַלער מענטש מאַכט אַ וועג פאַר זיך אַליין, האָבנדיק אין געדאַנק אַלס פּראָטאָטיפּ נאַפּאָלעאָן באָנאַפּאַרט. די געוויינטלעכע העלדן נוצן דעם אויסגעטראָטענעם וועג צו דערפאָלג. אויב עמיצער שטייט זיי אין וועג צו זייער ציל באַזייטיקן זיי אים אָן רחמנות און אָן געוויסנסביסע. אַלץ מעג מען טאָן כדי צו דערגרייכן דעם אָנגעצייכנטן ציל. טוען דאָס מענדע־לעס העלדן? טוט עס פישקע דער קרומער? זיכער ניט. ווייל זיי ווערן קאָנטראָלירט פון צוויי אַנדערע מענטשלעכע שטראָמען. מענדעלעס העלדן זיינען פּערזענלעכקייטן, בעת באַלזאַקס העלדן זיינען כאַראַקטערס. שרייבט דוד פרישמאַן וועגן מענדעלעס העלד: „די פירכטלעכע אָרימקייט האָט זיי געמאַכט פאַר מנוולים, אַז עס נעמט אָן אַן עקלהאַפטיקייט. די גרויסע אַלטע טאָרבע — דאָס איז דער הויפּט עיקר פון אַלע זייערע חלומות און געשעפטן און פּרנסות און באַגריפן, און דער אינהאַלט פון זייער גאַנצן לעבן. און זייער לעבן — דאָס איז גאָר קיין לעבן ניט. אַ מפּל קינד ביי די אומות העולם האָט אין זיין קלענסט פינגערל מער לעבן ווי מיר געפינען אין אַלע רמ״ח גלידער און שס״ה אָדערן פון דער גאַנצער כנסת ישראל״. פרישמאַן דער אייראָפּייער זאָגט עס ניט לגנאי. ער האָט דערפילט, אַז צו מענדעלען דאַרף מען צוגיין אַנדערש ווי צו סערוואַנטעסן, גאָגאָלן אָדער טאָלסטאָיען. ווייל די מענטשן אין מענדעלעס וועלט ווערן געטריבן פון אַנדערע אימפּולסן, אַנדערע עמאָציעס און איבערהויפּט פון אַנדערע ווערטן.

אין אַלע מענדעלעס ראָמאַנען (אויב מען קאָן זיינע גלופּסקער און קאַב־צאַנסקער בילדער רופן מיט אַזאַ אימפּאָזאַנטן נאָמען) איז כמעט קיין סיפּור המעשה ניטאָ. עס זיינען דאָ העלדן מיט קנייטשן און קנייטשעלעך אין דער נשמה. פישקע וואָס דינט אין מרחץ פון דער קהילה גלופּסק, זיין ווייב די

בלינדע יתומה, און דאָ, וואַנדערנדיק באַגעגנט ער, דאָס האַרבאַטע מיידל אין וועלכער ער פאַרליבט זיך, און דער רויטער ממזר, וואָס שטערט אים אין דער ליבע און טוט אים אָפּ אַ שפּיצל און פאַרשלעפּט די האַרבאַטע, און פישקע לאָזט זיך אַרויס זי זוכן. לאָזט זיך אַזאַ פּאַבולע מיט אַזעלכע העלדן פאַרגלייכן מיט באַלזאַקס פּולבלוטיקע, לײדנשאַפטלעכע, הונגעריקע גאָך דער־פאָלג העלדן? אָדער לאָמיר נעמען דאָס ווערק, וואָס האָט די ברייטסטע און גרעסטע קאַנווע „דאָס ווינטשפינגערל". אין קאַבצאַנסק לעבן אַלערליי יידן, מערסטנס אָרימעלייט, מיט אַלערליי פּרנסות. פון מלמדים ביז שופר בלאָזערס. אין דעם שטעטל ווערט געבוירן אונדזער הויפּט העלד הערשעלע. אַ קינדהייט אין וועלכע, עס ווערט ניט געהאַמערט קיין ווילן, נאָר עס ווערט געוועבט אַ פאַנטאַזיע. דאָס איז הערשעלעס יוגנט. בלויז פאַנטאַזיעס און חלומות וועגן משיח בן יוסף, וועגן רשע ארמילוס. תורה, תפילה, האָפנונגען אויף משיח — דאָס איז דער מאָזאַאיק פון הערשעלעס וועלט. קאָן אַ כאַ־ראַקטער מיט אַ ווילן, מיט אַ פיקסירטן ציל געשמידט ווערן אונטער די אומ־שטענדן? דאָס אייגענע איז אמת וועגן די העלדן אין „מסעות בנימין השלישי" און אין „שלמה ר' חיימס". עס איז דאָ ביי מענדעלען מער פּאַטאָס נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער ווי יחידישער פיקסירטער ווילן און ציל. אַלע העלדן מענדעלעס, כאָטש זיי זיינען מענטשן מיט קליינע השגות, זיינען זיי אין תוך פערזענלעכקייטן. זיי ווערן באַאיינפלוסט פון דער סביבה און פון מאָראַלישע ווערטן. עס ראַנגלען זיך די קליאַטשע מיטן פּרינץ, און עס זיגט דער פּרינץ. אַפילו בנימין דער דריטער, וואָס האָט שוין אַ ציל צו דערגרייכן, און ער נעמט שוין אָן אַלערליי דראַסטישע מיטלען פאַר זיין דורכפירונג, איז אַפילו ער פונקציאָנירט אין אַ וועלט פון עטישע ווערטן און פאַנטאַסטישע שטרויכלונגען. און דער ציל אַליין איז דאָך גיכער אַ וואַלונטאַרער און אוטי־ליטאַרישער, אַ נאַציאָנאַלער און נישט קיין פערזענלעכער. פאַרקערט. ער איז גרייט אָפּצוגעבן זיין לעבן כדי צו געפינען די פאַרלוירענע צען שבטים. דער ציל ווערט גענערט פון קינדערשער לעגענדע, די מיטלען געשפּייזט אין פאַנ־טאַסטישער געאָגראַפיע. בנימין פון טודילה איז מענדעלעס בנימין אַ פראַמעטע־אישער זיידע. ביידע זיינען גראַדן און מדרגות פון פערזענלעכקייט.

אויך שלום עליכמס העלדן זיינען אונטערוואָרפן די איינפלוסן, וואָס קאָנטראָלירן די פערזענלעכקייט און נישט די פעסטע דאָגמעס, וואָס באַשטי־מען כאַראַקטער. אַלע שלום עליכמס העלדן לעבן זיך אויס אין ראַנגלענישן מיט עטישע ווערטן, וואָס דערלאָזן נישט קיין ציל דערגרייכונגען אויפן חשבון פון פאַרבראָכענע מאָראַל באַגריפן. זייערע מאָראַל־געביטן זיינען נישט קיין פיק־סירטע, אויסגעקריצטע, אינטעלעקטועלע. זיי זיינען גיכער אוממיטלבאַרע, אינעווייניקסטע, אַ פועל יוצא פונעם קאַמף מיטן אָרום, און אויך מיט זיך זעלבסט. זייער באַציאונג צו דער וועלט אַרום איז אַ רעזולטאַט פון אַן אַ שיר

גרויסע דורכפאַלן און קליינע זיגן, וואָס העלפן שמידן די פּערזענלעכקייט. פון יעדער דערפאַרונג קומען זיי אַרויס געלייטערטער, ריינער, מיט אַ נייעם בליק אויף מענטשלעכע ווערטן, מיט אַ נייעם צוגאַנג צו תכלית און ציל. שלום עליכמס העלדן בכלל אַקצעפּטירן דאָס לעבן. דאָס, וואָס דאָס לעבן טיילט זיי צו. זיי פּרוּוון נישט איבערמאַכן סלעבן. זיי פרעגן בלויז אָפּ פון צייט צו צייט די לאָגיק פון אומגליקן, וואָס שיטן זיך אויף זייערע קעפּ. אָבער זיי געפינען אַ לאָגיק און אַ באַרעכטיקונג אין דעם פּלאַן פון געשעענישן. נעמט למשל זיין פאַרכישופט שניידערל, דער העלד מיט דער ציג, זיין טביה דער מילכיקער, מנחם מענדל, יאָסעלע סאָלאָוויי און סטעמפּעניו, און אליה און פיני. די אַלע העלדן בייגן זיך הכנעהדיק פאַרן שיקזאַל, און פירן נישט קיין קאַמף. זיי האָבן אפילו ניט קיין פּלאַן ווי אַזוי צו באַקעמפן די געזעל־שאַפטלעכע פּרעראָגאַטיוון, וואָס שטייען אין וועג פון ציל דערגרייכונג. מען גיט זיך אַ גטער נישט ווייל ס'איז לייכטער און באַקוועמער נאָר ווייל זיי זי־נען אונטערוואָרפן דעם געזעץ פון דער אַנטוויקלונג פון דער מענטשלעכער פּערזענלעכקייט. טביה פאַרטרעט די העלדן זייער ריכטיק, ווען ער זאָגט, אַז ער האָט געפּרוּווט דרייען דעם פּסוק אַהין און אַהער, און ער האָט געזען, אַז עס העלפט נישט, האָט ער זיך אונטערגעגעבן. „אין שלום עליכמס שריפטשטעלערישן וועג געפינען מיר" זאָגט י. י. טרונק, „אומאויפהערלעכע פּרוּוון און באַמיאונגען זיינע העלדן אַרויסצופירן פון דעם אָפּגעשלאָסענעם כישוף קרייז, פון דעם ענגסטן לעבנס סוביעקטיוויזם, צו אַ ברייטערער, פרייערער, און זעלבסטשטענדיקער אָקטיוויטעט פון לעבן. שלום עליכם האָט אפילו איינגעזען, אַז דאָס וואָרסטע פּסיכישע אָפּבילד פון זיינע העלדן געלינגט אים גראָד בעת ער גיט זיי אינעם צושטאַנד פון טרוימען, האַלוצינאַציעס און פאַרשיידענע סוביעקטיווע לעבנס פאַרשטעלונגען. דאָך האָט ער זיך אין זיין שאַפן כסדר באַמיט ענדלעך אַמאָל אויפצוּוועקן אָט די הילפלאָזע, טרוימערישע דאָן קיכאָטן, צו ווייזן זיי דאָס לעבן אַזוי ווי עס איז אין דערווירקלעכקייט, אין אַ רעאַלער, ניכטערער און אָביעקטיווער לעבנס ווירקלעכקייט, זיי אָוועק־צושטעלן ווי מענטשן צווישן מענטשן, זאָלן זיי אָביעקטיוו אַנטייל נעמען אין לעבן און אָביעקטיוו דעריף רעאַגירן. שלום עליכם האָט כסדר געגאַרט אָנצוקוקן זיינע העלדן און פאַרשווינען ווי זיי וועלן זיך באַנעמען ווי רעאַלע לעבעדיקע מענטשן אין רעאַלן לעבן." אפשר האָט עס שלום עליכם געוואָלט, אָבער דעם גאַנצן באַגאַזש וואָס ער האָט זיי מיט געגעבן אין וועג אַריין, האָט אוממעגלעך געמאַכט פאַר זיי זיך צו באַנעמען ווי מענטשן מיט כאַראַק־טער און מיט אַ קלאָרן צילבאַוואוסטן ווילן. מען קען נישט מענטשן באַהויכן מיט גייסט, מיט לעבנס חכמה, באַרייכערן מיט עמאָציעס און מיט עטישע ווערטן און דאַן דערוואַרטן זיי זאָלן ווערן צעזאָרס, אַלעקסאַנדערס אָדער נאַפּאָלעאָנס. זיי מוזן זיין געטריי צו זייער גייסטיקער ירושה, צו זייערע

אייגענע לעבנס פּראָצעסן. זיי קאָנען ניט בייטן זייער פּעל כדי צו זיין מיט לייטן גלייך.

ווי האַנדלט דאָס פאַרכישופטע שניידערל מיט דער ציג, ווען ער ווערט געשטויסן פון דער ווירקלעכקייט — פון זיין ווייב ציפּע ביילע רייזע, זיין כנגדו. ער, שמעון אליה „שמע קולנו״, פלעגט ליב האָבן אַ פּסוק אַפילו ווען ער האָט געקראָגן פּעטש פון זיין ווייב. איז אָט דער שמעון אליה גייט איינ־האַנדלען אַ ציג. דער ציל זיינער ווערט אַלע מאָל געשטערט פון אַ שפּיצל וואָס עס טוט אים אָפּ זיין קרוב דאַדי דער אַרענדאַר. ווי אַזוי באַגעגנט ער די שטרויכלונגען? מיט קאַמף אָדער מיט כאַראַקטער פעסטקייט? חלילה. ער באַגעגנט אַלע שוועריקייטן מיט אַ פּסוק און מיט אַ גלייכווערטל. און ווען ער דערגרייכט שוין זיין ציל, ער ברענגט שוין אַהיים די ציג ווערט דער־פון אַ מיראַזש, עס פאַרשפּרייט זיך אַ קלאַנג, אַז עס איז נישט קיין ציג נאָר עפּעס אַ גלגול. די ווירקלעכקייט צערינט אין צוזאַמענשטויס מיט דער פאַנ־טאַזיע. אַלע אומוואַרשיינלעכקייטן ווערן רעאַל, ווען זיי קומען אין באַרירונג מיט דער שעפערישער פּערזענלעכקייט. איז דען באמת וויכטיק צי דאָס וואָס באַאיינפלוסט מענטשן איז רעאַל צי נישט. וויכטיק איז צי דער מענטש ווערט באַווירקט פון דעם. דאָס מאַכט עס רעאַל.

טביהס פּערזענלעכקייט איז שוין נישט קיין רעזולטאַט פון נישט דער־קענען אָדער נישט אנערקענען די ווירקלעכקייט. ניין, טביה האָט אַן אַנדערן גאַנג, וואָס ווערט קאָנטראָלירט נישט פון אַמביציעס, ווילן אָדער כאַראַקטער־פעסטקייט, נייערט פון טראַדיציעס פון בית המדרש און פון יידישע לומדים. צו האָבן גלאָט אַזוי זאַכן, וואָס זאָלן אים אויסצייכענען פון אַנדערע, זאָלן אים געבן פּרעסטיזש אָדער מאַכט איז ביי אים נישט קיין ענין. רייך ווערן — צוליב וואָס? פרעגט ער. און ער ענטפערט: כדי זיך צו באַפרייען פון דאגות פּרנסה און קאָנען זיצן און לערנען תורה, גיבן צדקה. אַלע זיינע איינ־פאַלן, זיין באַציאונג צו זיינע טעכטער, צו די מענטשן פון יעהופּעץ, אַלע זיינע צרות מאַכן אים נישט כאַראַקטער פעסט, נאָר פאַרקערט, זיי לייטערן אים, מאַכן אים ווייכער, לויטערער. ער האָט פאַקטיש קיין ציל נישט פאַר וועלכן ער קעמפט. אויב מען קאָן אים יאָ צושרייבן אַ ציל, איז עס אפשר נחת פון קינדער. און וואָס איז ער גרייט טאָן דערפאַר? אויסטראַכטן חלומות, שלום מאַכן מיט סאָציאַליסטן און וויינען שטילערהייט, און פרעגן קשיות ביי גאָט. טביה דער מילכיקער איז אפשר דער קווינטעסענץ פון אַלע שלום עליכמס העלדן, וועמענס לעבנס וועג איז קאָנטראָלירט פון עטישע און מאָראַלישע ווערטן אַרויפגעצוואונגען פון אַן אייגנאַרטיקער סביבה אָדער פון אַן אייגענעם, סוביעקטיוון אידעאַליזם, וועלכער נוליפיצירט דעם ווערט פון דערגרייכונגען. אמת, זיי זיינען אַלע קליינע מענטשעלעך מיט קליינע השגות, אָבער גלייצייטיק טיפּישע פאַרטרעטער פון דעם זשאַנער פערזענ־

לעכקייט, מיט וועלכע די יידישע ליטעראַטור איז אַזוי רייך. עס איז נישט קיין חיסרון פון דער יידישער ליטעראַטור, ווי ח. ליבערמאַן וויל האָבן, וואָס עס דאָמינירט די קליינע טאַט. נאָר עס איז אַן אייגנאַרטיקייט וואו עס הערשט פּערזענלעכקייט און נישט כאַראַקטער וואָס דאַרף גרויסע טאַטן כדי זיך אויסצולעבן. יידישע העלדן ווילן נישט ברעכן קיין מאָראַלישע צאַמען כדי צו דערגרייכן גרויסע צילן.

נישט נאָר די קליינע מענטשלעך ביי מענדעלען און שלום עליכמען האַנדלען אַזוי. אויך די אַנגעליטענע מיט ווילן העלדן ביי פּרצן גייען אויף דעם זעלבן אויסגעחלומטן וועג און זיינען נישט קיין צאַמען ברעכער אין דעם אַנגענומענעם מאַטעריעלן זין. אויך פּרצעס העלדן שטעלן זיך נישט קיין ציל, קיין פיקסירטן ציל און נעמען ניט אַן אַלערליי מיטלען כדי דורכ־צופירן זייער ווילן.

שלמה, פון דער „גאָלדענער קייט״, דער הויפּט פאַרטרעטער פון חסידות, קבלה, פּרושישע אידייען, וועט אינגאַנצן אַנדערש מאָטיווירט ווערן ווי, למשל שעקספּירס יאַגאָ, נישט נאָר דערמיט וואָס זיי זיינען אַנדערע מענטשן, נאָר אויך דערמיט וואָס זיי ציען יניקה פון צוויי אַנדערע ירושה־זאַפּאַסן. ביידע, סיי יאַגאָ און סיי שלמה, האָבן צילן, נאָר יאַגאָ גייט צו זיין ציל דורך ליגן, אינטריגע און מאָרד, בעת שלמה גייט צו זיין ציל דורך התרוממות, ענטוזיאַזם און עלית נשמה. און ווי פאַרשיידן די צילן. יענער האָט אַ פּערזענלעכן, עגאָאיסטישן ציל, בעת שלמהס ציל איז: אויסלייזן די וועלט פון עצבות און טרויער, באַפרייען די וועלט פון שטראָף און פּיין. נישט קיין פּערזענלעכע אַמביציעס וויל ער רעאַליזירן. ער איז בלויז אַ שליח ציבור. אַן אויסגעקליבענער פון גורל און פון אייגענעם טעמפּעראַמענט. די צילן און קאַמפּס מיטלען פון אַן אַלגעמיינעם, פון אַ נאַציאָנאַלן שטייגער ווערן מוזן זיין אַנדערש ווי די פון אַ פּערזענלעכן כאַראַקטער. בפרט די וואָס וועלן האָבן צו טאָן מיט ווייטע צילן ווי ביאת המשיח. דעריבער וועט שלמה נישט קאָנען באַנוצן יעדן מיטל, ווייל ער איז צוועקמעסיק, ווי דאָס טוען העלדן ביי די אומות העולם. אין דער יידישער מסורה איז אָנגענומען, אַז אויב איינער פון די ל״ו צדיקים ווערט נתגלה, הערט ער אויף צו פונקציאָנירן אַלס איינער פון די אונטערשפּאַרער פון דער וועלטס גורל. ער הערט אויף אונטערצושפּאַרן דעם קיום פון דער וועלט.

ר׳ שלמה חלומט אויס זיין גאַנצן אידעאַל נישט אין דער רעאַלער וועלט פון טאַט. אַלע זיינע שטרויכלונגען זיינען אינערלעכע, אידייאישע. שלמה איז דער אפּאָטעאָז פון דער גרויסער יידישער פּערזענלעכקייט, וואָס ווערט געפירט פון אַן אידעאַל און אַ ווילן אינגאַנצן געוואָרימט אין כלל־פריידן, ליידן און האָפנונגען. פון אַ כאַראַקטער, וואָס זאָל מיט האַרטע אויס־געמאָסטענע טריט גיין צום ציל פון גלאָריע און באַפרידיקונג, איז אַפילו קיין

וואונק ניטאָ. אַפּילו אין דעם שטראָפּער און דיקטאַטאָר פּנחס איז עס ניטאָ. און אוודאי נישט אין משהן און יונתן, די אַנדערע העלדן אין דער „גאָלדע־נער קייט".

שלום אַשס העלדן, לעבנדיק אין אַן אַנדערער סביבה און אין אַן אַנדערער צייט ווי די קליינע מענטשעלעך, אָדער ווי פּרצעס פֿאָלקסטימלעכע העלדן, ווי אברהמל באַס, יוחנן וואַסער טרעגער אָדער נחמנקע זבאַרזשער, פונקציאָנירן אויך ווי פּערזענלעכקייטן און נישט ווי כאַראַקטערס. אָנהייבנ־דיק מיטן גאַסטינינער רבי, די כישוף מאַכערן פון קאַסטיליע ביז שאול פון תּרשיש, וועט די פּערזענלעכקייט זיין דער חותם און טרייב־קראַפט פון אַלע וויכטיקע פאַרשווינען ביי אַש'ן. צי זיי זיינען גבירים, וואָס פירן הייזער מיט אָפענע טירן פאַר אַלט און יונג, אָרים און רייך, צי זיי געהערן צו די דריי „פּייען", אָדער זיי זיינען גאָט זוכער, אָדער פּראַסטאַקעס, וואָס לעבן מכלומרשט אויפן פּויסט, אויף טאָט, אַלע ציען זיי יניקה פון אַ גייסטיקער אָדער אַבסטראַקטער וועלט פון ווערטן. און נישט דערפאַר, וואָס זיי קאָנען נישט אַנדערש, נאָר דערפאַר ווייל זיי ווילן נישט. מענדל אין „קידוש השם" קאָן זיך זיכער אויסקלייבן אַן אַנדער לעבן און אַן אַנדערן טויט, מירקין קאָן זיך אוודאי אויסקלייבן אַן אַנדער לעבן און ער טוט עס ניט. איבער אַשס גאַנצער קינסטלערישער וועלט ליגט אויסגעגאָסן אַ געמיט פון אידעאַליזם, פון דערהייבונג, פון שבתדיקייט. אין די קליינע פּוילישע שטעטלעך לעבט דער גייסט פון ירושלים — די הייליקע שטאָט. בענקשאַפט צו אַן אַנ־דער לעבן, צו אַ גאַנצן פרומען לעבן, איז דער אָטעם צוג פון גאַנצע עדות יידן. מיט אָט דער בענקשאַפט איז אויך באַהויכט יעדער אינדיווידועלער טיפּ און העלד. יעדע פרוי, וואָס דרייט זיך אַרום אין שטעטל, איז אַ שאָטן פון דער מוטער רחל אָדער שרה בת טובים, און יעדער מאַנסביל האָט אין זיך אַ ניצוץ פון בעל שם. דאָס הייליקע שניידערל ווירקט מער מיט זיין אידעאַליזם אין טאָלטשין, נעמיראָוו און לובלין ווי אַלע פּראַקטישע פּרנסים.

אַלע מעשים פון אַ העלד ווי מירקין, וועלכע זיינען אין דער רעאַלער וועלט פון אַ כאַראַקטער ניט לאָגיש, ניט צונויפגעבונדן, ווערן אָבער צוזאַ־מענגעפלאָכטן אין אַ מאָזאַיק פון גאַנצקייט אין ליכט פון פּערזענלעכקייט. אַ העכערע און טיפערע לאָגיק באַלייכט זיין וועג. אַלערליי אינצידענטן אין מירקינס לעבן, ווי זיין באַציאונג צו זיין כלה, צו איר מוטער, זיין באַצי־אונג צו דער פרוי הורוויץ, אַפּילו זיין באַציאונג צו דער רוסישער רעוואָלו־ציע, וועלכע איז לפנים ניט אויסגעהאַלטן, ווערט גאַנץ און רונדיק ווען באַטראַכט אינעם ליכט פון אַ פּערזענלעכקייט, וואָס האָט ניט קיין מאַטעריעלן פּיקסירטן ציל, וואָס קען ניט מאָדיפיצירט ווערן פון נייע שטימונגען און מאָ־ראַלישע באַטראַכטונגען. פאַר דעם קריטיקער, וואָס זעט מיט איראָפּעאישע אויגן, ווייזט זיך אויס, אַז מירקין פּלאָנטערט זיך, גייט נישט גלייך צו זיין

ציל. אָבער געזען אין דער ספּערע פון פּערזענלעכקייט איז מירקין גאַנץ אויסגעהאַלטן. מירקין דערשרעקט זיך למשל פאַר דער בלוט פאַרגיסונג, וואָס איז אין גאַנג פון דער רעוואָלוציע גאַנץ צוועקמעסיק. מירקין דערקלערט, אַז דער מענטש קען נישט אויף אייביק פאַרלירן זיין מענטשלעך פּנים, און אַז אויף טייכן בלוט קען מען נישט בויען קיין נייע וועלט. „אַ פינצטערע נאַכט רוקט זיך אויף אונדז, נאָר איך האָב נישט קיין מורא. איך האָב פאַרטרויען צום מענטשן. ער וועט אַרויסשפּרייזן פון אַלע וועלדער און נעכט, וואָס לייגן זיך אויף זיין וועג.‟ מירקין דריקט דאָ אויס אין תוך דעם וועג פון דער פּערזענלעכקייט. דער וועג איז קיינמאָל ניט קיין דירעקטער און גלייכער. ער ווערט אַלע מאָל מאָדיפיצירט פון מאָראַל, פון טראַדיציע, פון מענטשלעכע ליידן און פּיין און צווייפל. ווען מירקין קומט צוריק אַן אַנטוישטער קיין וואַר־שע, פאַרביטערט פון דער בלוט פאַרגיסונג און פון דער רעוואָלוציע, און ווען ער זעט אויף די פּנימער פון זיינע פריינט די אַלע צעשטערטע און צופייניקטע אילוזיעס, זאָגט זיי מירקין „אַז דאָך איז בעסער, אַז מען דאַרף זיך געבן טאָג טעגלעך טראָפּנווייז‟. מען דאַרף, הייסט עס, דורכפירן אַ מיסיע, אַ שליחות. דעריבער, ווען מען רופט מירקינען פאַרטיידיקן די רעוואָלוציע קעגן שונאים, זאָגט ער זיך אָפּ צו גיין קעמפן, ווייל „עס מוז דאָך האָבן אַ גרעניץ ווי וויַיט מיר זאָלן טאָן שלעכטס כּדי צו טאָן גוטס. איך מיין, אַז אין אייפער פון ראַטעווען די וועלט, פון אויסלייזן — זינקען מיר אַליין אין קאַלוזשעס בלוט‟. אַ כאַראַקטער דערשרעקט זיך ניט פאַר קאַלוזשעס בלוט. אַ פּערזענ־לעכקייט אָבער גיט זיך אָפּ אַ חשבון פון יעדן אָפּגעגאַנגענעם טראָט. יעדער טריט אויפן וועג צום ציל איז אַזוי וויכטיק ווי דער לעצטער שפּאַן וואָס עפנט אויף די לאַנג געגאַרטע טיר צום ציל. מירקין, ווי דער זשאַכלינער, ווי הורוויץ, ווי מענדל, ווי דער אויסטערלישער ייד. אַלע יידן אין דער טרי־לאָגיע האַנדלען ווי פּערזענלעכקייטן.

העלדן ווי יחיאל אין „תהילים ייד‟ אָדער יהודה איש קריות אין „דער מאַן פון נצרת‟, דאַרפן אַפילו נישט קיין באַזונדערע פאַרטרעטן מאָ־לערייַ כּדי זיי אַוועקצושטעלן ווי פּערזענלעכקייטן. זייערע צילן און די סביבה, אין וועלכע זיי ראַנגלען זיך צו דערגרייכן זייערע צילן, זיינען סאָציאַל און פּסיכאָלאָגיש אַזוי אַנדערש, אַז אין דעם הינטערגרונט אַליין איז שוין אויסגע־שלאָסן דער גראַדער קאָנצענטרירטער, גלייכער וועג פון כאַראַקטער. די גאַנצע וועלט פון ווילן, ווערטן און האַנדלונגען קומען דאָ אין באַרירונג מיט הימלען, וואָס הענגען זייער נידריק איבער אונדזערע קעפּ, און די איינ־וואוינער פון אויבן מישן זיך לייכט אויס מיט די בלאָנדזשנדיקע בירגער אויף אונדזער ערד. אַזוי אַז דאָ איז נישטאָ קיין פּלאַץ פאַר כאַראַקטער. דאָ זיינען פאַראַן אינערלעכע שאַטנס, וואָס ראַנגלען זיך פאַר אַ ביסל ליכט מיט וואָס קלאָרער צו זען דעם ציל. עס זיינען בכלל נישטאָ איןביידע ראָמאַנען קיין

אַגרעסיווע העלדן, וואָס האָבן רעאַלע ערדישע צילן דורכצופירן. יחיאלס פאָטער האָט אַ ציל צו זיין מיטן רבין. דער וועג פון דערגרייכונג — איבערלאָזן די פאַמיליע אויף גאָטס באַראַט און זיך אַרומוואַלגערן ביים רבין, אַרבעטנדיק שווער און לעבן ווי אין אַן עולם התוהו. צילן פון אַן ענלעכן, נישט וועלטלעכן כאַראַקטער האָבן כמעט אַלע העלדן גרעסערע און קלענערע.

דער גאַנצער העלדן־מאַטעריאַל פון אַלע אַשס ראָמאַנען באַשטייט פון מענטשן, וואָס האָבן ווילן, צילן און וועגן און מיטלען זיי דורכצופירן. נאָר אַלע ווערן זיי געפירט פון אַן איבערלעכן מאָראַלישן כוח, וואָס דערלאָזט נישט דעם ציל צו ווערן דער איינציקער דאָמינירנדיקער כוח אין זייער לעבן. זיי הערן זיך צו צום רוף פון זייער נשמה, וואָס פאַרטונקלט דעם ציל און זיי זעען דעם ציל גאַנץ נעפלהאַפט. אַפילו די דריי פייען אָדער די העלדן פון „גאָט פון נקמה" ווערן נישט געפירט פון פיקסירטן ציל. עס איז אַלעמאָל ציל צוליב עפּעס. עפּעס מתקן צו זיין. דער ציל איז בלויז אַ קאָרידאָר צו אַ העכערן און שענערן צוועק. די אמתע העלדן ביי אַשן זיינען די יידישע אמונה, בטחון, ליבע צום יידישן קאָלעקטיוו, די שכינה, די ל"ו צדיקים. אַשס לעבנס פילאָזאָפיע וועט קיינמאָל נישט דערלאָזן זיינס אַ העלד זיך אַרויסצולאָזן אויף פּערזענלעכע אוואַנטיורעס, כדי צו באַפרידיקן אייגענע אַמביציעס. „אַזוי זיינען מיר מענטשן" טראַכט זיך ר' שלמה נגיד, ווען מען רופט אים אין שטעטל אַ בעל עבירה. „דער מענטש איז זינדיק, און אַ גאָט איז דאָ אַז ער זאָל מוחל זיין אונדזערע זינד. און גאָט איז מוחל! וואָרום ווי וואָלט דען דער מענטש געקאָנט לעבן אַז גאָט וואָלט ניט געווען קיין אל רחום וחנון". און דער זעלבער מאָטיוו פון אמונה און מחילה ווערט ווידערהאָלט אין כמעט אַלע ווערק פון שלום אַש. דער גאָסטינינער רבי האָט אַמאָל געזאָגט צו ר' שלמה נגיד „אַז אַ ייד אָן אַן עבירה איז גאָר נישטאָ. אַ ייד מוז האָבן עפּעס אויף דער נשמה כדי ער זאָל קאָנען זיין אַן אמתער ייד. אַ ייד דאַרף אַלץ פילן אויף זיך, אי רעגן, אי ווינט ווי דער בוים אויפן גאָס". מענטשן וואָס האָבן עפּעס אויף דער נשמה, פילן מיט יעדנסליידן, יעדנס צער. פאַרטיפן זיך אין יעדן טאַט זייערן. זיי קאָנען דעריבער נישט גיין צו זייער אינדיווידועלן ציל מיט פויסטן און פאַרביסענע ליפּן. זיי נוצן קיינמאָל נישט אויס דעם שטראָם פון געשעענישן פאַר אַ זעלבסט צוועק. זיי זיינען אָפטמאָל גאָר איינגאַנצן מבטל דעם ווערט פון די דערגרייכונגען.

עס קאָן אויסקוקן אַביסל ממלכת־כהנימדיק אַוועקצושטעלן די פּערזענלעכקייט אַלס דעם גרונטאָוונעם העלד אין יידישער שאַפונג. מען קאָן געפינען אין דער פּוילישער ליטעראַטור פון ניינצנטן יאָרהונדערט פּאַראַלעלע העלדן, וועמעס האַנדלונגס שטראָם פליסט אויף די וועגן פון געפינען צער אין יעדער צעקנייטשטער האָר, פון געפינען טויט אין יעדן מענטשלעכן קנייטש. די העלדן פון מיצקעוויטש, גאָרטשינסקי, קראשינסקי און סלאָוואַצקי ווערן

אויך נישט פאַרהאַרטעוועט און געשטאַלט פון פערזענלעכע צילן און דערגרייכונגען. ביי סלאָוואַצקין איז האַנדלונג אַ מאָראַלישע פליכט. קאָרדיאַן, סלאָוואַצקיס אַ העלד אין איינער פון זיינע דראַמען, גייט דורך עטלעכע סטאַדיעס פון האַנדלונג. ער זוכט זיכערקייט און געפינט צווייפל, ער הייבט אָן מיט ליבע, ווערט אַנטוישט, זוכט דעם טויט אַלאַ געטהעס „ווערטהער", און קומט צוריק צום לעבן, זוכט אמת און געפינט אומעטום ליגנס, דערנידריגונג און באַטרוג. דאַן קומט ער צום אידעאַל פון מוטערלאַנד און טיפן רעליגיעזן גלויבן. און אויך דאָ געפינט ער אַנטוישונג, און שפּעטער, ווען ער דאַרף דערמאָרדן דעם צאַר צוליב זיין לאַנד, קאָן ער עס ניט טאָן. ער קאָן ניט מאָרדן, ער ווייזט אונדז, אַז דאָס מענטשלעכע געוויסן ווערט ניט באַהערשט פון אַלגעברייאישע געזעצן. אַז דאָס האַרץ שטימט נישט אַלע מאָל איין מיט דער עצה פונעם שכל, וואָס טרייבט צום ציל. די וועגן פון דער פערזענלעכקייט זיינען קאָרדיאַנס וועגן. דאָס איז אויך אמת וועגן סטעפאַן גאַרטשינסקיס „די געשיכטע פון וואַצלאַוו". אויך קאָן מען דאָס זאָגן וועגן פיל העלדן פון קראַשינסקי און מיצקעוויטש. אָבער דאָס וועט בלויז באַשטעטיקן די טעזע. ווייל די פּוילישע ליטעראַטור פון ניינצנטן יאָרהונדערט איז געווען אַ ליטעראַטור פון אַ גערודפט און פאַרפּייניקט פאָלק, וואָס האָט געזוכט אַ משיח, אַ גואל. דער געמיטסצושטאַנד איז געווען כמעט אַ יידישער, דערפאַר האָבן זיך ביי זיי באַוויזן מיסטישע, כמעט קאַבאַליסטישע שטרעמונגען און זוכענישן. די פּוילישע ליטעראַטור אין אַ באַשטימטער צייט, ווען איר נשמה איז געווען אַ צעפּייניקטע, איז זי אויך געווען שיכור פון עטיק און דעריבער האָט זיך איר ליטעראַטור געראַנגלט מיט מאָראַלישע, רעליגיעזע און נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען און זי האָט דעריבער געשאַפן העלדן־פערזענלעכקייטן, אַזוי ווי די יידישע ליטעראַטור. אָבער וואָס ס'איז אין אַנדערע ליטעראַטורן אַן איינצל דערשיינונג איז ביי אונדז דער נאָרם פון אונדזער גאַנצן שאַפונגס שטראָם. ביי אונדז איז כמעט ווי ניט בנמצא אַן אַנדער שטרעמונג. אונדזער גאַנצע ליטעראַטור האָט זיך אַזוי געשטאַלטיקט, אַפילו אונדזער מעמוארן ליטעראַטור פון די עלטסטע צייטן, די אויטאָביאָגראַפישע שטיקלעך און ברעקלעך, וואָס זיינען צעזייט און צעשפּרייט אויף די בלעטער פון אונדזער געשיכטע, ווייזן די זעלבע אייגנשאַפטן, ניגונגען און טענדענצן. אַפילו אונדזער געשיכטע, אָנהייבנדיק מיט די לעגענדעס אַרום משה רבינוס לעבן, ר' יוחנן בן זכאי, ר' עקיבא, ר' יהודה הנשיא, די שפּאַנישע דיכטער, און אַפילו די דיכטער פון דער השכלה, האָבן געצויגן יניקה פון מאָראַלישן קוואַל וואָס האָט זיך געשטאַלטיקט אין פערזענלעכקייט.

נאַטירלעך וועלן זיין מדרגות פון פערזענלעכקייטן. מירקין וועט זיין אַנדערש פון מרדכין אין „די פּוילישע וועלדער", טביה דער מילכיקער וועט זיין אַנדערש פון ביאַלער רבין. די אַנדערשקייט וועט זיין בלויז אין גראַד און

נישט אין וועג. די שליסלען צום ציל וועלן זיין אַנדערע. אָבער די טירן וועלן זיין די זעלבע, דער אינערלעכער ציטער דער אייגענער. לעיעלעס דער רעוואָלוציאָנער, ווען ער האָט שלמה מלכו אָדער פּאַביוס לינד געשאַפן; אהרן צייטלין, ווען ער האָט דראַמען אָדער לידער פון אונדזער לעבן געשאַפן, אָדער ווען ער האָט סוזשעטן פון אונדזער געשיכטע גענומען, זיינען זיי געגאַנגען אומבאַוואוסטזיניק אויף די וועגן פון דער פּערזענלעכקייט. ווען ה. לייוויק האָט קינסטלעריש אויפגענומען די פּראָבלעמען פון דער עקידה, אָדער סדום, אָדער דעם גולם, האָט ער געשטאַלטיקט פּערזענלעכקייטן. ווען יעקב גלאַטשטיין האָט פּראָזע געשאַפן, האָט ער זיינע העלדן באַצירט מיט אַלע אייגנשאַפטן פון דער פּערזענלעכקייט, וואָס ראַנגלט זיך, האָט ספיקות, קעמפט מיט זיך, ווערט רייכער מיט יעדער דערפאַרונג און דערגרייכט מאַטעריעל וויניק. — (וועגן זיי און וועגן נאָך אַ צאָל דיכטער וועל איך שרייבן אינעם צווייטן טייל: פּערזענלעכקייט און כאַראַקטער אין דער יידישער דיכטונג).

בערגלסאָן האָט אויך ווי אַש זיך געראַנגלט מיט דער וועלט און מיט דעם גייסטיקן קלימאַט וואָס ער האָט פאַר זיינע העלדן געשאַפן. בערגלסאָנס העלדן האָבן אַ באַגרעניצטן און צענטריפוגאַלן שטח און אַ געצאַמטן איינגעשנורעוועטן גייסטיקן קלימאַט. בעת אַשס העלדן ציען זיך איבער דער לענג פון יידישער געשיכטע און איבער דער ברייט פון דער געאָגראַפישער וועלט, און זיי לעבן אַלע מאָל אין הרת עולמדיקע צייטן. לעבן בערגלסאָנס העלדן אין אַ באַגרעניצטער וועלט, אַן אָפּגעשלאָסענעם שטח, און אין אַ שטילער איינזאַמער וועלט. אויב אַשס העלדן וואָלטן געקאָנט אונטער אַן אַנדער דירעקציע און אַן אַנדערן וועלט באַנעם ווערן כאַראַקטערס, איז אַזאַ מעגלעכקייט אינגאַנצן אויסגעשלאָסן פאַר בערגלסאָנס העלדן. בערגלסאָנס העלדן גייען כמעט קיינמאָל נישט צו עפּעס. זיי דרייען זיך אַרום אַ פיקטיוון עפּעס, אָדער זיי אַנטלויפן פון עפּעס. זיי לאָזן איבער אויפן וועג שטיקער פון זייער פּערזענלעכקייט. זיי שפּילן זיך אַפילו נישט מיטן וועלן זיין כאַראַקטערס.

אַלע בערגלסאָנס העלדן, אַפילו פון דער נאָך רעוואָלוציע עפּאָכע, זיינען נישט קיין מענטשן מיט פעסטע ווילנס און צילן. זיי ווערן נישט אינטערעגירט פון אַ דינאַמישן טרייב כוח אין בלוט. ווען זיי טוען עפּעס איז עס דערפאַר וואָס דער דרויסן צווינגט זיי דערצו. דער אַרום שטויסט זיי און לאָזט זיי נישט רוען. זיי וואָלטן בעסער געקליבן איינדרוקן ווי געזוכט לאָגיק פאַר זייערע האַנדלונגען. זייערע מעשים זיינען פּסיכאָ טעראַפּויטישע עקספּערימענטן. אַפילו אין אַ וועלט פון לויטער דינאַמיק און אַקטיוויטעט באַוועגן זיי זיך קוים. אין בעסטן פאַל זיינען זיי שלוחים. זייערע הימלען זיינען אַנדערע. וואָלקנס שווימען אַרום אין זייערע הימלען און פאַרדעקן פאַר זיי דעם פינגער וואָס ווייזט דעם וועג. אין די הימלען זעען זיי וואָלקנס אין דער פאָרמע פון הינט, פערד, ווייסע שוואַנען און רייען פון קאַרעטעס. אָדער

זיי האָבן די פאָרמע פון אַ רויט קעפּיקן מענטש אין אַ בלויען אָנצוג וואָס באַוועגט זיך ניט. אַלערליי ענדערונגען אין דער מאַטעריעלער סביבה האָבן נישט דעם כוח צו ענדערן דעם אינערלעכן נעפּל פון בערגלסאָנס באַשעפע־נישן. זיינע נאָוועלן זיינען גיכער עפּישע פּאָעמען געלייענט צו ווערן בציבור. דאָ און דאָרטן זיינען דאָ לירישע אאזיסן. זיי זיינען זיכער נישט קיין ראָמאַנען געלייענט צו ווערן ביחידות.

בערגלסאָן האָט אַ כאַראַקטעריסטישע דערציילונג וואָס ווייזט די באַצי־אונג פון יידישע העלדן צו צילן און דערגרייכונגען. די דערציילונג הייסט „שבט גדליה" און עס קומט פאַר אין אַ קליין שטעטל. אַלע זיינען קבצנים און שלעפּער, נאָר פלוצלונג הייבט מען אָן רייך צו ווערן. ספּעציעל ווערט אײן פאַמיליע זייער רייך, און דאָס שטעטל באַמערקט, אַז עס פּילט זיך ביי די נייע גבירים פון מויל. זיי באַצאָלן פאַר דער רייכקייט מיטן ריח פון מויל. און דאָס ווערט דער אָנגענומענער געזעץ אַז פאַר רייכקייט מוז מען מיט עפּעס באַצאָלן. מען קריגט אַ פּעלער. און שבט גדליה, וואָס איז געזונט און שטאַרק לאָזט זיך אָפּהאַקן אַ פוס אונטער אַ באַן כדי רייך צו ווערן. שבט גדליה וואָלט געקאָנט דינען אַלס סימבאָל פאַר אַלע האַנדלונגען פון בערגלסאָנס העלדן, וואָס ווילן עפּעס דערגרייכן, און ווערן געשטערט פון מאָראַלישע געזעצן.

אַלע בערגלסאָנס העלדן זיינען פרעמדע אין דער וועלט פון טאַט און האַנדלונג. למך און חיים משה אין „אָפּגאַנג", מירל אין „נאָך אַלעמען", זיי זעען אַפילו נישט די וועלט גלייך. זיי קוקן דורך ברילן. יעדע דערשיינונג גייט פריער דורך אַ געוויסן מאָזאַאיק איידער זיי דערזעען זי. זיי זעען דערשיי־נונגען ווי די הייליקע אין על גרעקאָס בילדער. די הייליקע זיינען אַביסל קאָסאָקע, כדי עס זאָל זיי געבן דעם טראַנסצעדענטאַלן אויסדרוק. אַזוי זעען אויך בערגלסאָנס העלדן די וועלט.

אַפילו אָפּאַטאָשוס העלדן, וואָס זיינען איבערפול מיט ענערגיע און לעבנסלוסט, זיינען כמעט אַלע פּערזענלעכקייטן און נישט קיין כאַראַקטערס. אָנהייבנדיק פון זיין העלד אין דער אונטערוועלט ביז מרדכין אין „די פּוילישע וועלדער", ווערט זייער ווילן און ענערגיע קאָנטראָלירט פון מאָראַל, ירושה און טראַדיציעס. ווייל זיי זיינען נאַטירלעכע, ערדישע העלדן, אָן אַ מיסיע, אָן אַ רעפּרעזענטאַנץ אַלס פאָלקס טיפּן וועלן זיי דעריבער מער ווי אַנדערע ווייזן די באַציאונג פון יידן צו צילן און מיטלען, צו אַמביציעס און דער־גרייכונגען. זיינע העלדן וועלן זיין ניט קיין הייליקע וואָס שוועבן אין די הימלען און ניט קיין גראַדליניקע מרגלים צו אַ ציל. זיי וועלן זיין מענטשן דערצויגן אין אַ באַשטימטן גייסטיקן קלימאַט מיט אַלע אייגנשאַפטן און שטריכן פון צייט און אָרט. דורך אַ סאָרט אָפּטישער התגלות זעט אין זיי אָפּאַטאָשו די וואָרצלען פון ליכט און פינצטערניש. דורך זייער אויסערלעכקייט זעט מען די דינסטע און פיינסטע שטריכן פון זייער אינערלעך וועזן. און

אומעטום אַנטפּלעקן זיי זיך אַלס מענטשן אַן פּסיכאָלאָגישע צויטן, נאָר מיט אַלע סימנים פון פּערזענלעכקייט. לאָמיר נעמען מרדכין, דעם הויפּט העלד פון „די פּוילישע וועלדער". ער איז דער גייסטיקער און קינסטלערישער צע־מענט פון גאַנצן ראָמאַן. ער האַלט צוזאַמען אַלע אינצידענטן און אידייען פון ראָמאַן. ער איז די פּערזענלעכקייט, וואָס זאַפּט איין אין זיך אַלע אידייען פון דער השכלה און חסידות. די אידייען מישן זיך צונויף מיטן ריח פון די וועלדער און מיט זיינע ביאָגראַפישע עלעמענטן און עס ווערט אַ סינטעז פון איינפלוסן וואָס פאָרמירט אַן אייגנאַרטיקן העלד. אַ זייער ברייטע קאַנווע פון כוחות און מענטשן וועלן געמאָלן ווערן כדי צו געבן מרדכין זיין אינער־לעך געשטאַלט. זיין הייסער טעמפּעראַמענט פּלוס זיין פּייאיקייט איינצוזאַפּן דערפאַרונגען, זיין זכרון און זיין נייגער צו דערקאָנען זאַכן וועלן אים געבן גאַנצקייט און בויגיקייט. ער וועט זיין אַ סינטעז פון אינטעלעקט און עמאָציע. ער רעאַגירט פּולבלוטיק אויף אַלע פּאַסירונגען און פּערזאָנען וואָס ער באַ־געגנט. דורך אים זעען מיר ר' איטשען, ר' מענדל קאָצקער, דעם באַרוועסן ישראל, ר' יוסף שטראַל און אַנדערע העלדן וועלכע פאַרטרעטן דאָס פּיל־פאַרביק בילד פון דער עפּאָכע. מרדכי איז בכלל אַ העלד, וואָס יעדע דער־פאַרונג גייט ביי אים דורך אַן אינערלעכע מעטאַמאָרפאָזע איידער זי ווערט גאַנץ. זיינע איינדרוקן און איבערלעבונגען זיינען פון אַזאַ ווידעראַנאַנדיקן שטייגער אַז זיי זיינען גאָרנישט מסוגל צו שאַפן אַ כאַראַקטער. ער איז אינ־גאַנצן אַן אינטראַווערט. ער לערנט ביים זיידן, דעם מתנגד, ער לערנט ביי ר' איטשען דעם צדיק און חסיד. אויך לעבט ער און לערנט אין קאָצק, אין דער סביבה פון אַ גרויסער יידישער פּערזענלעכקייט — ר' מענדעלע קאָצ־קער. מרדכי פאַרקערט אויך אין הויז פון ר' יוסף שטראַל — אַ משכילישׁ וועלטלעך הויז. מרדכי ווערט געגליט, נישט געהאַמערט אין די אַלע דערפאַ־רונגען. ער בריט אויס אַ ווילן און אַ פּערזענלעכקייט, אָבער ער איז אומ־פייאיק עפּעס צו טאָן. קיין פּערזענלעכע אַמביציעס האָט ער נישט. פאַר זיך דאַרף ער גאָר ניט. פאַר יידן, פאַר פּוילן עפּעס טאָן קען ער ניט. עס שטייען אים אין וועג די מאָראַלישע לערן פון זיין מתנגדישן זיידע. די עטיק פון ליבע און רחמנות פון ר' איטשען און דער ביטול צו מאַטעריעלע ווערטן פון דעם קאָצקער. ער גייט אַוועק וואו אַלע יידן זיינען אין צייטן פון צער און פּיין געגאַנגען — צום ספר. ער פאַרטיפט זיך אין די ווערטער פון יידישע קאַבאַליסטן און מוסרניקעס. קאָן פון אַזעלכע צוגרייטונגען געשאַפן ווערן אַ כאַראַקטער מיט אַ פיקסירטן ציל? מיט זיין וויזיע און פאַנטאַזיע ווערט ער אַ פּערזענלעכקייט. ער ווערט אַ שרייבער. „אַלץ אין אים האָט זיך געדרויכט, צונויפגעשמאָלצן די נשמה מיטן חומר, און אין דער מטושטושקייט האָבן שטיק־לעך ליכט זיך געפּלדלט. שפּעט אין דער נאַכט האָט ער אָנגעצונדן אַ ליכט, זיך געזעצט איבער אַ העפט און גענומען שרייבן".

אין „די טענצערין״ וואו די האַנדלונג קומט פאָר אין ניו־יאָרק, אַ שטאָט פון דינאַמיק, טאָט און האַנדלונג, פונדעסטוועגן ליגן אויך דאָ די הימלען איבער די קעפּ פון אַפּאַטאַשוס העלדן. קיינער פון זיינע פאַרשוינען לאָזט זיך נישט פאַרכאַפּן פון ניו־יאָרקער ריטם פון טאָט. אָט זיינען זיי די העלדן, ר׳ אברהמל — אַ ייד אַ למדן וואָס זוכט אַן אַנלען און אַ פאַרבינדונג מיט גאָט, זיין ווייב חיה רבקה, וואָס לייענט ראָמאַנען און זוכט אויך פאַרבינדונגען צווישן לעבן און ליטעראַטור. זייערע קינדער — דינה, אַ סטודענטקע און טוערין אין די אָרעמע קוואַרטאַלן. אַ צווייטע פאַמיליע — שבתי — אַ ווידערגעבורט פון ר׳ מענדעלע קאָצקער אין אַמעריקע, וואָס זוכט אַ פאָדעם צווישן דער וועלט און גאָט. זיין זון פנחס — אַ בלאָנדזשנדיקער וואָס האַלט דעם קאָפּ אין דער הויך, זעט שוואַך דעם אַרום, פילט ווייניק די ערד הינטער זיך, און ער ווייסט נישט, וואו ס׳ענדיקט זיך די תורה און וואו ס׳הייבט זיך אָן לעבן. זיין שוועסטער — אַ „קריסטשען סייענס״ היילער, וואָס ווייסט נישט וועלכע וועלט אויסצוקלייבן פאַר זיך. עס זיינען דאָ נאָך זייטיקע העלדן וואָס האַנדלען, טוען זאַכן, אַרבעטן זיך אַרויף. אָבער די צוויי משפחות זיינען די וויכטיקע אין דעם ראָמאַן. זיי לעבן שוין נישט אין אַ סביבה, וואו עס שוועבן די גייסטער פון זיידעס, וואָס לאָזן נישט גלאַט אַזוי לעבן. דאָ לעבט מען שוין אָן צאָמען, אָן טראַדיציעס, און דאָך לאָזן זיך נישט אונדזערע העלדן אַרויס באַצווינגען דאָס לעבן פאַר זיך. זיי טראָגן זיך אַרום מיט חלומות, מיט פאַנטאַזיעס, מיט אידעאַלן. זיי זיינען נאָענטע קרובים מיט בנימין דעם דריטן, מנחם מענדלען, מירקינען, מירלען און אַנדערע יידישע העלדן. זיי לעבן בלויז אין אַן אַנדער צייט און אונטער אַנדערע אומשטענדן. זיי זיינען קרובים פון בעש״ט, פון ר׳ לוי יצחק און משה העס. שווערמער און טרוימער. אין די וועלדער פון פּאָדאָליע, צי אויף די וועגן פון ניו־דזשוירזי, וואו שבתי פאַרלירט זיין קאָפּ. אומעטום האָבן זיך די העלדן מיט פאַנטאַזיע, מיט איבער־לעבן ווילן, מיט באַשאָף אין זייער בלוט געריסן צו די הימלען, געשפּונען חלומות, און געפּורעמט זייערע פערזענלעכקייטן. שטענדיקע צוהערער צו די שטילע זיפצן און צערן פון דער וועלט. און נישט זעער און קוקער צו פּיק־סירטע צילן, וואָס מוזן דערגרייכט ווערן.

אין אַלגעמיין קאָנען אַלע אַפּאַטאַשוס העלדן באַטראַכט ווערן נישט נאָר אין שייכות מיט זייער סביבה און צייט אין אַמעריקע, נאָר אויך און איבער־הויפּט אין איינקלאַנג מיט זייער ירושה און אינערלעכן וואוקס. דאָס לעצטע וועט זיין מער פאַרבונדן מיטן אינערלעכן וועזן און מעטאַמאָרפאָזע פון זיינע העלדן ווי די דעטאַליזירטע געטריישאַפט צום לעבן אַרום. פון שטאַנדפּונקט פון שעפערישער גאַנצקייט איז וויכטיקער אַז מרדכי טראָגט אין זיך דעם אַראָמאַט פון די פּוילישע וועלדער, די מילדקייט פון ר׳ איטשען, די שטרענגע פרומקייט פון ר׳ מענדעלע קאָצקער, ווי אַז ער וואָלט געווען קאַנצעליאַריש

אָפּגעשפּיגלט אַ פּוילישן בחור אין פּאַריזש פון 1863. די מאָס פּאַר ייִדישע העלדן ווי שבתי, און ר׳ אברהמל קאָן ניט זיין דער זעלבער ווי צו דרייזערס העלדן אין „די אַמעריקאַנער טראַגעדיע” אָדער סינקלייר לואיסעס „באַביט” אָדער „עלמער גענטרי”. שבתי אָדער ר׳ אברהמל זיינען אונטערוואָרפן אַן אַנדערן גאַנג פון דערפאַרונגען, שבתי לעבט אין אַן אַנדער רעאַליטעט ווי עלמער גענטרי, אָדער די העלדן אין דזשאַן דאָס פּאַסאָסעס „יו. עס. איי.”. די העלדן אין די ניט ייִדישע ראָמאַנען זיינען געקניפּט און געבונדן מיט אַנדערע אַמעריקאַנער דערפאַרונגען, מיט אַנדערע טראַדיציעס און אַנדערע זכרונות ווי פּנחס, שלמה, דינה אָדער קופּעלט. די שפּראַך און דענקונגס אַרט פון אָפּאַטאָשוס העלדן וועלן פאַר זיי פאַרבן אַמעריקאַנער איינדרוקן און פּאַסירונגען. זיי וועלן רעאַגירן און האַנדלען אַנדערש, ווייל זיי וועלן הערן די אינערלעכע שטימען פון אַמעריקע, די ניואַנסן פון קרעכצן און וויטיקן, בעת דרייזערס העלדן וועלן זען די עשירות און די ווייטקייטן פון אַמעריקאַנער רוים. אָפּאַטאָשוס העלדן וועלן דעריבער זיין העלדן בעת די אַנדערע וועלן בלייבן כאַראַקטערס.

אַפילו די העלדן אין אָפּאַטאָשוס דערציילונגען, וואָס זיינען ניט קיין ייִדן, נעמען איבער דעם ניצוץ פון פּערזענלעכקייט. נעמט דעם „דזשעניטאָר” מיכאַיל וואָס גלותט אין ניו יאָרק, אָדער בוקערט, דער נעגער פון „לינטשעריי” און אַ צאָל אַנדערע העלדן און פאַרשוינען וואָס ווערן דערהויבן ווען זיי ווערן געזען פון אַ ייִדישן שריפטשטעלער. זיי ווערן דערהויבן צו דער מדרגה פון פּערזענלעכקייטן אַדאַנק אַן אַנדערן געמיטס צושטאַנד. זיי גיבן אַרויס פון זיך אַנדערע אָפּשטראַלונגען. בוקערט ווערט דערהויבן צו איינעם פון די ייִדישע קדושים און מאַרטירער. ער איז מער ענלעך צו די ייִדן אין שפּאַניע, וואורמס אָדער מאַינץ ווי צו די באַנוול קלייבער, אָדער באַן באַדינער, אָדער די העלדן פון זיין לאַנדסמאַן ריטשאַרד רייט. אין אַלע זיינע ווערק ווייזט אונדז אָפּאַטאָשו געשטאַלטן געמאַכט מיט פיינע פיליגראַן אַרבעט. געשטאַלטן ווי ר׳ מענדעלע — דער לעצטער מאָהיקאַנער פון חסידות, דער אַלטער משכיל שטראַל, דער חבר פון ר׳ נחמן קראָכמאַל, ר׳איטשע, די אַמעריקאַנער געשטאַלטן, און ועל כולם — מרדכי וואָס איז די שעפערישסטע פּערזענלעכקייט ווייל ער ווערט אַ שרייבער. און ווי שרייבט אָפּאַטאָשו: „און דו מענטש, וואָס גראָבסט זיך אין שטויב, ביסט מתקן פאַרגעסענע ווערטער — ווערסט אַ שותף צו מעשה בראשית”. עס איז בלויז די פּערזענלעכקייט וואָס באַהעפט זיך מיט דער שאַפונג פון דורות. דער כאַראַקטער הייבט אָן און ענדיקט מיט זיך אַליין. ער דערלאָזט ניט קיין דערפאַרונג, נאַציאָנאַלע אָדער גרופּן דערפאַרונג וואָס זאָל שטרויכלען זיין וועג צום אָנגעצייכנטן ציל. ער ווייסט אַלץ, און איז זיכער אין זיין טראָט. די פּערזענלעכקייט גייט באַלאָדן מיט פּאַטאָס און צער צו אַ ציל. זי קנייטשט זיך

און בייגט זיך איין כדי אויפצוהייבן געטראָטענע און טוט תפילה מיט זיי. קניט צוזאַמען מיט זיי און פאַרגעסט דערווייל דעם ציל.

עס זיינען נאַטירלעך דאָ פאַרשיידענע אַספּעקטן פון דער מענטשלעכער און יידישער פּערזענלעכקייט. זי וועט אַנדערש געשטאַלטעט ווערן אין פּאָעזיע ווי אין פּראָזע. זי ווערט אַנדערש ניואַנסירט ביי דער גמרא ווי ביי שפּינאָזעס ווערק. אַלע וועלן זיי האָבן פּאַטענץ, נאָר זייערע אינערלעכע רייכקייטן וועלן באַשטימען זייערע אוניווערסאַלע דימענסיעס. אַנדערע וועלן בלויז דערגרייכן דעם מאַרק פּלאַץ פון זייער שטעטל. אַ מנחם מענדל און אַ בנימין השלישי אָדער אַ טביה וועלן געהערן צו די שטעטל פּערזענלעכקייטן, בעת דער בריסקער רב, ר׳ שלמה, ר׳ מענדעלע קאָצקער, ר׳ איטשע, אָדער דער תהילים ייד ווערן גרויסע פּערזענלעכקייטן. פּענעק האָט גרעסערע פּאַטענץ צו ווערן אַ גרויסע פּערזענלעכקייט ווי מאָטל פּייסי דעם חזנס. מרדכי דערגרייכט די שפּיצן פון דער פּערזענלעכקייט בעת מירקין דערגרייכט ניט. ר׳ יחיאל קומט נישט אָן צום כסא הכבוד פון פּערזענלעכקייט. ביי די לעצטע טרעפּ שטעלט ער זיך אָפּ. בעת ר׳ מענדעלע קאָצקער און ר׳ שלמה עפענען דעם לעצטן טויער. זיי דערגרייכן, אין אַנדערע ווערטער, — פּערזענלעכקייט איז די העכסטע מדרגה פון דערגרייכונג. און דאָס לאַנד פון דער גרויסער פּערזענלעכקייט איז גאַנץ שיטער באַפעלקערט. בלויז יחידי סגולה האָבן דעם כוח דאָרט זיך צו באַזעצן. דער גאָסטינינער רבי קאָן זיך נישט פאַרגלייכן מיט דער געשטאַלט פון ר׳ שלמהן, פּונקט ווי שלמה נגיד קאָן זיך נישט פאַרגלייכן מיט יוסף שטראַל. עס איז נישט נאָר אַ פראַגע פון פּאַטענץ נאָר אויך פון מער גייסטיקע גבורה. העלדן ווי ר׳ שלמה און מענדעלע קאָצקער מאַכן גרעסערע שפּאַנען, זיי האָבן קפיצת הדרך, ווייל זיי זיינען ריזיקע פּערזענלעכקייטן.

אונדזער גאַנצע ליטעראַטור קאָן באַטראַכט ווערן אין דעם ליכט פון אויער אַלס הויפּט אָרגאַן אין אונדזער שאַפונגס פּראָצעס. שמע, הער און באַנעם איז אַ מאָראַליש געבאָט. הער און פיל און פאַרשטיי און רעגוליר דיין לעבן אין איינקלאַנג מיט די געטלעכע געבאָטן. אָט דער היסטאָרישער אָנהייב האָט באַאיינפלוסט אונדזער גאַנצן שאַפונגס פּראָצעס. מיט דער קריטישער מאָס קאָן אונדזער גאַנצע ליטעראַטור באַטראַכט ווערן און איר איינגאַרט דערקלערט ווערן. די פּאָעזיע און די פּראָזע, די קריטיק און די פּובליציסטיק, און אַפילו אונדזער קולטור פירערשאַפט וועט קלאָרער פאַרשטאַנען ווערן אין דעם ליכט פון פּערזענלעכקייט.

הערן און פאַרנעמען האָט געמיינט — אויספירן אַ שליחות. עפּעס מתקן צו זיין. טראַדיציאָנעל ווערט עס אויסגעדריקט — לתקן עולם במלכות שדי. אין דער שליחות פון אויספאָלגן דעם רוף איז פאָרמירט געוואָרן די יידישע שעפערישער פּערזענלעכקייט. אידייע און גייסט איז דאָס געבאָט פון דער פּערזענלעכקייט אין אַלע אויסדרוק־פאָרמען.

ז. ש. קאַזדאַן

ש. מיללער — זיין ליטעראַרישער וועג און דערגרייכונג

1

פֿינף בענד האָט ש. מיללער פֿאַרעפֿנטלעכט אין משך פֿון זיינע פֿינף און צוואַנציק יאָר שאַפֿן אין דער יידישער ליטעראַטור. יעדער באַנד אַ שטיק פֿון קינסטלערס לעבן, יעדער באַנד אַ מיילשטיין אויפֿן גרויסן שליאַך פֿון זיין קינסטלערישער שעפֿערישקייט. סמאָלדאַראָוו, זוואַניצע, ניו יאָרק, שיקאַגאָ, קליוולאַנד, לאָס אַנדזשעלעס, — אַ לאַנגער וועג פֿון איבערלעבונגען, באַאָבאַכטונגען, לעבנס־סך־הכּלען, פֿאַרקערפּערטע אין נאָוועלן, וואָס אויף זיי ליגט דער חותם פֿון אָריגינעלער, אייגנאַרטיקער באַהאַנדלונג.

די דערשינענע בענד פֿון ש. מיללערס דערציילונגען גייען ניט לויטן ביאָגראַפֿיש־כראָנאָלאָגישן סדר. זיין טעמאַטיק איז געגאַנגען זיגזאַגיש, און גראָד די דערציילונגען, וואָס זיינען געווידמעט דער אַלטער היים, זיינען אַרויס ערשט ניט לאַנג: אין 1935. פֿאַרקערט, דער ערשטער באַנד, אונטערן נאָמען „ערציילונגען" (קליוולאַנד, 1921), איז געווידמעט דעם יידישן לעבן אין אַמעריקע. מיר וועלן זיך האַלטן טאַקע ביי דעם סדר ווי אַזוי דער שרייבער האָט די ווערק געשריבן: סוף כּל סוף אינטערעסירט דאָך אונדז ניט אַזוי די טעמאַטיק און דער סיפּור המעשה, ווי דער שרייבער אַליין, זיינע אַרבעט־מעטאָדן, זיין אַרטיסטישע טעכניק, זיין אידייען־וועלט.

דער ערשטער באַנד טראָגט נאָך סימנים פֿון אומרייפֿקייט און ניט־געבונגדיקער ליטעראַרישער אָריענטאַציע, אָבער אין אַלגעמיין שטייען די דערציילונגען פֿון דעם באַנד אויף אַ גאַנץ הויכער מדרגה, און אויף זיי איז שוין צו דערקענען אַלע אייגנשאַפֿטן פֿון ש. מיללערס שאַפֿונג, אַזוי ווי זי האָט זיך אַנטפּלעקט אין שפּעטערדיקן רייפֿערן פּעריאָד פֿון זיין ליטעראַרישער טעטיקייט. סקעפּסיס, אומרואיקייט און אומזיכערקייט, קאָנצענטרירטקייט אין גורל פֿונעם יחיד, אומעט און טרויער — זיינען אויסגעגאָסן אויף אַלע זאַכן, וואָס זיינען אַריין אין דערמאָנטן באַנד.

די סביבה פֿון ערשטן באַנד:

פּריש־געבאַקענע אימיגראַנטן. אינטעליגענץ, האַלב־אינטעליגענץ, ניט־דערפֿאַרענע דאָקטוירים און פּראָוויזאָרס, וועלכע זיינען דאָ נעבעך מגולגל געוואָרן אין „אמתע" פּראָלעטאַריער. געוועזענע פּאַרטיי־מענטשן, עקס־רעוואָל־

ציאָנערן, אָבער מערסטנטייל געוועזענע כלומרשט־רעוואָלוציאָנערן. איצט — ציניקער, אויף אַן אמת ציניקער, אָדער אָזעלכע, וואָס שפּילן די ראָל פון ציניקער, אָדער מאַכן זיך אַז זיי שפּילן אַזאַ ראָל, אַז זיי פאַרשטעלן זיך כלומרשט פאַר אָזעלכע, בעת אין דער אמתן זיינען זיי שוין טאַקע ציניקער, אויסגעלייטיקטע מענטשן. אַ סביבה, וואו מען לעבט נאָך מיט סאַנינען און מען נעמט ערנסט זיין אידעאָלאָגיע. מע בענקט נאָך יענער צייט, ווען מען איז אויף די רוסישע טייכן אויף שיפלעך געשווימען, און מען זינגט נאָך היינט מיט פאַרגלאָצטע אויגן די סענטימענטאַלע רוסישע און אוקריינישע לידער. דאָרט אין דער אַלטער היים, וואָס קיינער ווייס ניט, אייגנטלעך, פאַרוואָס מען איז פון איר אַנטלאָפן, — דאָרט האָט מען אידעאַלן געהאַט, טרוימען, שטרעבונגען. אָבער מען איז געלאָפן, מען האָט זיך אַריינגעזעצט אין דער גרויסער אָקעאַנישער שיף, און ערשט איצט האָט מען זיך אַרומגעזען, אַז עס איז געווען אַ „גרויסע שיף וואָס שניידט איבער אַ לעבן אויף צווייען, ברענגענדיק אַהער אַ האַלבן מענטשן". וואָס קענען זיי דאָ אין נייעם לאַנד אויפבויען, און ווי פילן זיי זיך? צו אַלע זייערע מעלות, האָבן זיי נאָך אין זיך בלוט פון גוטן באַקאַנטן פליגעלמאַן: זיינען די מענטשן צעקראָכן, אָן ענערגיע, פלאַפּלערס און טויגעניכטסן, פּריצייטיק אַלט געוואָרענע. ניט קיין לעבן, נאָר אַ פוילעניש. מענטשן, וואָס קרעכצן — טרוימען: „איך יאָר, איך שעה לעבן, נאָר אין יענער שעה הויך ווי אַן אָדלער אַרויפשיסן אין דער לופט". עס איז ניט קיין אַקטיווער טרוימען, וואָס וועקט פרישע קוואַלן פון שעפערישקייט, עס איז מער פלוידעריי, זעלבסט־באַרוישונג, זעלבסט־נאַרעריי. אָט די מענטשן זיינען שוין טיף אַנטוישט אין אַלצדינג, זיי זיינען אַפילו אויף ליבע צו אַ פרוי ניט פעאיק מער, מען מאַכט זיך כלומרשט פאַר גרויסע שיכורים, אָבער אויך דאָס היטל פּאַסט זיי זייער ווייניק צום פּנים.

— אַ, כ'האָב אַמאָל געדענקט צו ווערן אַן אינזשינער.

— נו, און היינט?

— היינט — היינט דענק איך זאָלן אַנדערע אינזשינערעוון.

— און וואָרום ניט איר, אויב איך מעג וויסן.

— ווייל איך טויג אַזוי צו זיין אַן אינזשינער, ווי איר צו זיין אַ רביצין. איר שטעלט זיך עפּעס פאַר צו זיין אַ רביצין, אַזוי שטעל איך מיך פאַר אַלס אינזשינער.

— און וואָס שטעלט איר זיך יאָ פאַר?

— גאָרניט."

אָט דאָס זיינען זיי די מענטשן פון גאָרניט, די געוועזענע. וואָס קען פון אַזאַ דור אויסוואַקסן אין נייעם לאַנד? וואָס קאָן פון זיי געניסן די נאַציע, צו וועלכער זיי געהערן? און וואָס קען געניסן פון אַזאַ סביבה דער וואַקסענ־

דער קינסטלער ? וואָס פאַר אַ ווירקונג קענען זיי האָבן אויף דער אַנטוויק־לונג פון זיין טאַלאַנט ?

ש. מיללער פאַרנעמט זיך ניט מיט דעם אַנאַליז פון די סיבות, וואָס האָבן געבראַכט די דאָזיקע מענטשן צו זייערע „גאָרניט"־שטימונגען: איז די דורכגעפאַלענע רעוואָלוציע די סיבה ? האָבן זיי געהאַט אין דער היים אידעאַלן, פאַר וועלכע זיי האָבן געקעמפט, און איצט האָבן זיי זיך אַנטוישט אין די דאָזיקע אידעאַלן ? האָבן זיי זיך אַנטוישט אין נייעם לאַנד, אין זיין אַרט לעבן און קולטור ? מיר ווייסן דאָס ניט. מיר ווייסן נאָר וועגן זייער הייַנט. אין ברייטן שליאַך פון ידישן לעבן דאָ אין אַמעריקע האָבן זיי זיך ניט אַריינגעפּאַסט. נאָך ניט אַריינגעפּאַסט. דערפאַר גייען זיי שטענדיק אַרום מיט אַ „שווער ביטער האַרץ", מיט „אומעטיקע געדאַנקען", מיט אַ „קראַנ־קע צעבראָכענע, צו פרי אַלט געוואָרענע נשמה", מיט אַ „קראַנקען גייסט". און פילנדיק זיך אַזוי ווי פאַרמשפּטע אויף צו זיצן אין נייע טורמעס, אין קייטן געשמידט, דערמאָנען זיי זיך וועגן די „פּאָביעגן", וואָס מען פלעגט אָרגאַני־זירן אין דער היים, און זיי קאָנסטאַטירן, אַז פון זייערע איצטיקע „אָדינאָ־טשקעס" לאָזט זיך גאָרניט קיינע „פּאָביעגן" צו גרייטן, זיי זיינען פאַראורטיילט צו בלייבן ווייטער „אין טורמע זיצן"...

אַמאָל „ראַטעוועט" זיך איינער פון זיי אַרויס פון דער סביבה. אָט איז דאָקטאָר עפּשטיין. „ער האָלט שוין ביי אַן אייגענעם אויטאָ, זיין וויב גייט שוין אין „דזשואיש טעמפּל". ער אַליין כאַפּט זיך אויך אַריין צו כל נדרי, ער קויפט שוין אַ מויער... אָבער אויך ער איז ניט צופרידן פון זיין לעבן, בענקט נאָך די אַמאָליקע חברים און אַמאָליקן אַרט לעבן.

די פינף דערציילונגען, וועלכע פאַרנעמען דעם גרעסטן טייל פון בוך, טראָגן דעם קאָפּ „קליינע וועלטעלעך". קיין אייגנטלעכער ידיש־אַמעריקאַ־נער לעבנשטייגער איז ניטאָ אין די אַלע דערציילונגען. די טיפּן, וואָס זיינען דאָ געשילדערט, זיינען טיילווייז אַבסטראַקטע פיגורן, וועלכע האָבן מיט דער זעלבער פּסיכאָלאָגיע און „געשעענישן" געקאָנט פאַרבלייבן טיפּן פון דער אַלטער היים; טיילווייז זיינען דאָס עגאָצענטרישע מענטשן, וואָס די וועלט גייט זיי ניט אָן. נאָר זיי טראָגן זיך אַרום מיט זייערע שטימונגען און פּאַסירונ־גען. אַן אָטעם פון אַמעריקאַנער סביבה געפינען מיר אין דער צווייטער אָפּ־טיילונג, וועלכע טראָגט דעם נאָמען „יידיש". שוין פון דעם נאָמען איז צו זען דעם כאַראַקטער פון די דערציילונגען, וואָס קומען דאָ אַריין. עס דרייען זיך דאָ אַרום אַ פּאָר ענטוזיאַסטישע ידישיסטן, חסידים פון ידישן בוך און פון דער ידישער שול, וועלכע האַלט זיך דאָ אין בויען. די ידישע שול אַליין זעען מיר ניט; פאַרקערט, מיר האָבן דאָ גאָר אַ בולט בילד פון דער ענג־לישער שול און פון אירע דערציעריש־אַסימילירנדיקע אָפּעראַציעס איבערן ידישן קינד. דאָס זיינען דערציילונגען, וואָס ווייזן, אַז שוין מיט פינף און

צוואנציק יאָר צוריק איז יידיש געווען אַ שווער אָנגעוויטיקט פּראָבלעם ביי אירע געטרייע אָנהענגער. און אויף דעם געמיט פון ש. מיללער האָבן, וויזט אויס, די דאָזיקע יידיש־ספקות איבערגעלאָזט אַ טיפן רושם.

אָבער די מענטשן פון די „קליינע וועלטעלעך" האָבן ניט געקענט ווערן די בויער פון אַ נייעם יידישן נאַציאָנאַלן לעבן אין דער נייער היים. ניט פאַר זייערע כוחות איז עס געווען צו גייך „אַנטקעגן שטראָם" און בויען באַס־טיאָנען פון יידישער שפּראַך און קולטור אין נייעם פאָטערלאַנד. ניט די־אַ אויסגעשפּילטע גאַרניט־מענטשן זיינען געווען אין שטאַנד צו פאַרפלאַנצן אַ ניי אייגנאַרטיק יידיש לעבן אין אַמעריקע.

איז טאַקע אויף דעם גאַנצן ערשטלינג־בוך פון ש. מיללער אויסגעגאָסן אומגלויבן און סקעפּטיציזם. גרויסער טאַלאַנט האָט זיך אַנטפּלעקט שוין אין דעם ערשטן בוך, טיפע באַאָבאַכטונגס־פעאיקייט, גוטע טעכניק. אָבער דעם קינסטלער האָט געפעלט אַטמאָספערע, גייסטיקע סביבה, גלויבן, צילבאַר וואוסטקייט. פון די קוואַלן, ביי וועלכע מיר טרעפן אים אין ערשטן באַנד פון זיינע ווערק, קען ער קיין חיות ניט שעפּן...

דאָס צווייטע בוך ש. מיללערס איז דער באַנד „בלעטער פאַלן". אין דעם באַנד קומט אַדיין איין גרויסע דערציילונג „חבלי מות", וואָס פאַרנעמט העכער 200 זייטן, חוץ דעם האָבן מיר דאָ אונטערן נאָמען „לעצט געלט" עטלעכע קלענערע סקיצן.

מיר זיינען דאָ אין דער מלוכה פון טובערקולאָזע, אין שאָטן פון טויט. קראַנקע מענטשן, וואָס וואַרטן אויפן טויט, האָבן מורא פאַרן מלאך המות, ווייסן אַז זייער אומפאַרמיידלעכער סוף וואַרט אויף זיי, אָבער רעדן זיך איין, אַז זיי וועלן נאָך אַרויס פון שפּיטאָל געזונט און פריש. אַן אייגנאַרטיקע וועלט, פול מיט פאַרביטערטקייט, האָפנונגסלאָזיקייט, און מיט טריפנדיק בלוט. די פליגלען פון טויט זיינען אויסגעשפּרייט איבער דער דאָזיקער מלוכה. מענטשן וואָס שטייען מחוץ למחנה פון לעבעדיקן לעבן, מענטשן וואָס פילן זיך אָפּט ווי מצורעים, זיינען שונאים — די געזונטע. מענטשן וואָס חוזקן אַליין איבער זייער ביטערן מעמד. ביי יעדן אויפן צונג — דאָס וואָרט טויט. הילפלאָזיקייט, ציינקריצעניש, זעלבסטמאָרד — דער איינציקער אויסוועג פון זייער ליידן און פּיין.

אינמיטן — דעם דיכטערס העלד זלמן שאַץ, מיט זיין גרויסער ליבע צו פלאָראַן. אַ סענטימענטאַל, אַ אייפערזיכטיק, אַ האָט ער דאָס פאַרגעפיל אַז אויך פלאָרא איז אָנגעשטעקט דורך אים מיט דער זעלבער אומהיילעוודיקער קראַנקהייט. זיין גאַנצע ענערגיע און שטרעבן — זי צו ראַטעווען. און דער גורל וויל, אַז ער, דער האָפנונגסלאָזער קראַנקער, זאָל אַליין ברענגען צו קבורה זיין פלאָרא, — און וואָס בלייבט אים איבער, חוץ זיך נעמען דאָס לעבן אויף איר פרישן קבר...

דער באַנד „בלעטער פאַלן" איז אַרויס אין לאָס אַנדזשעלעס אין יאָר 1926. ש. מיללער איז עלטער געוואָרן, זיין טאַלאַנט — רייפער. אים איז אָבער ניט באַשערט געווען דערווייל אַריינצוגיין אין אַ נייעם לעבן, דער גורל האָט אים געפירט אין סאַנאַטאָריום, אין דער מלוכה פון קראַנקע מענטשן.

ווי אַזוי דערשיינט פאַר אונדז דער קינסטלער אָט אין דער נייער סביבה? ווי אַזוי האָט זיך אים איינגעגעבן דער נייער פאַרמעסט? ווי אַזוי האָט ער באַהערשט דאָס מאַטעריאַל?

די פּסיכאָלאָגיע פון זלמן שאַץ איז אין אונדזערע אויגן גאַנץ באַרעכ־טיקט, מיר פאַרשטייען אים, מיר פילן אים מיט, מיר גלויבן אים. אַקעגן, פלאָרא איז געצייכנט גאַנץ אויבנאויפיק, סכעמאַטיש. אירע איבערלעבונגען פעלן, סיי אין ערשטן טייל, ווען זי בלייבט אַליין אין שטאָט און מיר הערן אַפילו ניט, זי זאָל אַ בריוול שרייבן צו זלמנען, און סיי שפּעטער ווען זי ליגט שוין אויפן קראַנקען־בעט און גייט אויס ווי אַ ליכט. זלמן איז אַ פולבלוטיקע, קינסטלערישע פיגור, פלאָרא איז צעשוואומען, ניט אויסגעפּילט אין דעטאַלן. זלמן איז אַן אַקטיווע פיגור אין לעבן און אויך אין ש. מיללערס קינסטלערי־שער שילדערונג; פלאָרא איז פּאַסיוו, נעפּלדיק, אַ ביסל אויסגעטראַכט.

עס פילט זיך אין דעם בוך מידקייט, נערוועזקייט. דער שרייבער וויל אַריינגעמען וואָס מער. דאָס אויג זעט אַ סך, דער שרייבער איילט זיך אַלץ צו פאַרצייכענען. ער פרעגט זיך ניט — צוליב וואָס. דאָס זיינען דאָך לעבעדיקע און ליידנדיקע מענטשן — טאָ זאָלן זיי פאַראייביקט ווערן. איז דאָס דער זינען און דער ציל פון קונסט? דער שרייבער שטעלט זיך ניט אָפּ אויף דער פראַגע.

אין „חבלי מות" איז גענומען אַ וואַרעמער אינטימער טאָן. אין דער ערשטער העלפט זיינען די פאַרבן געדיכט. דער כאַראַקטער אויסגעהאַלטן, דער יאשצערקע־געלעכטער איז אויפן פּלאַץ. אַמאָל שיינט אייך אַ פראַזע צו זיין שוין צו נאַאיוו, סענטימענטאַל. אַמאָל שמייכלט איר, ווען אין טראַגישע מאָמענטן דערמאָנט זיך דער העלד אַ פּסוק פון בייראָן, אַ עלעגיע פון מאַסנע. אָבער איר זייט אַלץ מוחל צוליב דער אומפּיטלבאַרקייט פון גאַנצן נוסח, צו־ליב דער אויפריכטיקייט פון ווייטיק, צוליב דער גאַנצקייט פון דער שטי־מונג און סטיל. ווען איר ענדיקט די דערציילונג, גיט איר זיך אַ טראַכט: ווי גוט וואָלט געווען פאַר דער נאָוועלע, ווען פלאָרא שטאַרבט ניט און ווען זלמן שיסט זיך ניט, ווען דער קינסטלער לאָזט זיי ביידן אין צושטאַנד פון קראַנק־הייט. די דערציילונג וואָלט דעמאָלט ניט געהאַט אויף זיך קיין סימן פון געקינסטלטקייט, פון אומישנעדיקן סוף. זייער פּסיכאָלאָגיע וואָלט ניט געמי־נערט געוואָרן דורך דעם אין אונדזער באַנעם, דער קינסטלער וואָלט זיך פאַרשפּאָרט צו „יאָגן" אין דער צווייטער העלפט, און הגם אָן דעם טראַגיש־

סענטימענטאַלן סוף, וואָלטן מיר דאָך געבליבן ווייטער אונטערן טיפן איינ־דרוק פונעם טרויעריקן גורל פון די צוויי צום טויט פאַרמשפּטע יונגע לעבנס.

עס פעלט דאָ דעם שרייבער צילבאַוואוסטקייט, די זיכערע ליניע, דער לייכט־טורעם אויפן ווייטן ברעג, צו וועלכן ער שטרעבט. עס איז אַ צייט־ווייליקע סטאַנציע. עס איז ניט דאָס לעבן גופא, עס איז נאָר „בלעטער", וואָס פאַלן פון לעבן. אָבער דער קינסטלער ווערט די דאָזיקע תקופה מוזן וואָס גיכער אַדורכמאַכן און איבערקומען. זיין טאַלאַנט איז גענוג רייף, ער זאָל זיך פאַר־מעסטן אויף אמתן לעבן. „בלעטער פון לעבן" איז דערווייל נאָר אַן אדערויף פון אַ שרייבער מיט אַ טאַלאַנט, וועלכער זאָגט צו פיל דער יידישער ליטע־ראַטור.

3.

אין 1933 שענקט אונדז ש. מיללער אַ נייעם בוך מיט צען גרעסערע דערציילונגען, אַלע פון היגן, אַמעריקאַנער לעבן. דער נאָמען פון בוך איז „די שמאַלץ־גרוב" (פאַרלאַג ב. קלעצקין, ווילנע). די שמאַלץ־גרוב — דאָס איז דאָס רייכע אַמעריקע, און דער נאָמען פון בוך איז געוויס סימבאָליש און אַסאָציאירט זיך מיטן באַקאַנטן פאָלקסטימלעכן ווערטל וועגן דער שנעל־אויסגערונענער שמאַלץ פון גרוב...

אַ גרויסע גאַלעריע יידישע טיפּן פון די פאַר' שטאַטן. שוין אַמערי־קאַניזירטע, מיט קינדער און אייניקלעך. פאַלקסמענטשן און אַרויפגעאַרבעטע, האַלבע און גאַנצע אַלרייטניקעס. קליינע מענטשעלעך, וואָס יאָגן זיך נאָכן גרויסן דאָלאַר, נאָכן גאָלד — מעג עס אַפילו זיין דאָס פולע מויל גאָלדענע ציין פון דער אָקאָרשט פאַרשטאַרבענער פרוי. קליינע מענטשעלעך, וואָס צי־טערן איבערן אָנגעקליבענעם קאַפּיטאַל, הויכן אויס זייער נשמה ביים „סעיף". אָט איז אַן אויפגעקומענער גביר און פּרעזידענט פון דער בערעזאָווער מיוטשו־על אייד סאָסייטי; ער שיכורט זיך אָן און סקאַנדאַלעוועט, באַלד קומט די „שוואַרצע" אויפראַמען. לייזער גיינזבאַראַהע טרינקט מיט איר לחיים, שפּעטער וואַרפט ער זיך דאָ אויפן טעפּיך פון זיין סאַלאָן אויף דער שוואַרצער: „דזשי, מערי... דאָס איז דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן מיט אַ נעגערטע"...

אָט איז אַן אַרויפגעאַרבעטער געשעפטס־פאַרוואַלטער פונעם יידישן לאָ־קאַל פון דער סטאַליער־יוניאָן; ער הייסט שוין לואי, ער פאָרט שוין אַרום מיט אַ מאַשין (פאַר געזאָלין צאָלט די יוניאָן). שפּעטער גייט ער אַריין אין ריעל עסטייט ביזנעס, ער בויט הייזער, ער האָט אַן אָפיס מיט אַ טעלעפאָן און מיט אַ מיס ראָבינסאָן. אויפן טיר איז אויפגעשריבן „די קאָללינס קאָנ־סטראַקשאָן קאָמפּאַניע".

אַ פינפטער: אַ געוועזענער סטודענט אין דער היים, איצט אַ שניידער, אַ קאַליקע אַ בעל־מלאכה, דערפאַר אָבער האָלט ער די שענסטע רעדעס אין

דער יוניאָן. צום סוף ווערט ער אַ פאַרזיכערונגס־אַגענט און לאָזט זיך אַריינ־ציען אין טונקעלע געשעפטן מיט „נעלמים". בשותפות מיטן דאָקטאָר פון דער געזעלשאַפט שווינדעלט ער, מען פאַרבינדט זיך מיט „געזעלשאַפטלעכע" פרויען, מען הוליעט אין נאַכט־קלובן, און... מען מוז אינגיכן אַליין ווערן אַ נעלם און אַנטלויפן פון שטאָט. גרינדעט מען ווייטער פיקטיווע קאָמפּאַ־ניעס, מען שרייבט וועקסלען, וועלכע מ'איז ניט אימשטאַנד צו דעקן. מ'באַרגט געלטער אויפן ווייבס חשבון, און אַז גאָט העלפט, נוצט מען אויס דער ווייבס אַן עקסידענט אויף אַרויסצונאַרן געלט פון דער קאָמפּאַניע.

אַ זעקסטער: אריה לייב, אַ געוועזענער רעוואָלוציאָנער, אַנטלאָפן פון סיביר. איצט אַ ציגאַרן־מאַכער, קאָן זיך אָבער ניט איינלעבן מיטן פּראָ־לעטאַריאַט אין פאַבריק, אַנטלויפט פון סיגאַרן — צו אַרבל ניייען. קען זיך ווייטער ניט איינלעבן אין נייעם שאַפּ. פאַרלאָזט ער די פרוי און קינד, און לאָזט זיך איבער דער וועלט. פאַרבינדט זיך מיט אַ יונגער פרוי, וועלכע לערנט אים אויס די קונסט פון פאַרקויפן הייזער. ער דרייט שוין גרויסע גע־שעפטן. דאָס יצר־הרעדיקע ווייבל שלעפּט אים אויף בעלער, ער לאָזט זיך וואוילגיין. אָבער אין סך הכל אַ צעבראָכענער מענטש, וואָס האָט ניט „וואו צו גיין"...

אַ זיבעטער: ברוך גוזיקאָוו — אַ פעדלער, פאַרקויפט בעזימלעך אין די שטעטלעך אַרום פּיטסבורג. שפּעטער האַנדעלט ער שוין מיט „גאָלד" און „דימענטן", מיט זייגערס, אַמאָל גיט זיך איין אָפּצונאַרן אַ „גאַי", אַמאָל פאַלט מען אַריין און מען כאַפּט נאָך גוטע קלעפּ. עפּנט ער אין דער נעגער־געגנט אַ יובילער־געשעפט, האַנדעלט מיט די „שחורים"". ביז מען מאַכט אויף אים אַן אָנפאַל, מען ראַבעוועט צו אַלץ, און אים פאַרשפּאַרט מען אין דער פייער־קאַסע, — אַ גליק וואָס דער עלטערער בחור זיינער מאָריס האָט געוואוסט דעם סוד ווי אַזוי צו עפענען די קאַסע. מאָריס האָט שפּעטער וואו מען דאַרף עדות געזאָגט, און מען האָט געקראָגן אַ היפּשע סומע געלט, און מען עפנט דווקא אויף ליבערטי גאַס אַ ניי געשעפט — — „גאַס ענד סאָן דזשולערי קאָ." דאָס געשעפט וואַקסט, אָבער מאָריס מעלדעט — ער איז באַלעבאָס פון גע־שעפט. ברוך — אויס קאַפּעליוש־מאַכער.

דער צוויטער זון לואי וויל ווערן אַ אינזשינער. ליגט אויף די ביכער, ער דאַרף נישט קיין געלט. ער חברט זיך מיט אַ יידישן סטודענט אַ הויקער, אַ סאָציאַליסט אָדער אַ טאָלסטאָיאַנער. ער מאַכט לואין באַוואוסטזיניק. דער־וויל רוקט זיך אונטער די מלחמה, לואי איז אַן אַנטימיליטאַריסט, ער ווערט אַרעסטירט, מע מאַטערט אים אין תפיסה גאָר שטאַרק. דער פאָטער ליגט פּאַראַליזירט, שפּעטער שטאַרבט ער. געלאָזן אַ צוואה לטובת דעם צוריקגע־

קומענעם לואי. אבער ווען לואי קומט צו מאַריסן מאַנען זיין חלק ירושה, טרייבט אים יענער אַרויס.

**
*

מיר שטייען דאָ ביי אַ דעצידירנדיקן פונקט אין דער קינסטלערישער אַנט־וויקלונג פון ש. מיללער. דער שעפערישער אינסטינקט האָט אים געפירט צום אמתן אַמעריקאַנער לעבן פון די ידישע מאַסן: דאָ ווערט זיך דער קינסט־לער אויסלעבן, זיינע שטימונגען אַרויסברענגען, זיין לעבנסבאַציאונג פאַר־מולירן, זיין וועלט־באַנעמונג דעם לייענער פאַרטרויען.

איז אָבער געשען אַזוי, אַז דער שרייבער האָט געטראָפן אַ סביבה פון מענטשן דעמאָראַליזירטע, וואָס האָבן ניט קיין שום הייליקטום אין לעבן, וואָס יאָגן זיך נאָר נאָך עולם הזה און געלט, וואָס זיינען פעאיק אויף אַלע מינים פאַסקודסטווע, מענטשן באַדנלאָזע און געוויסנלאָזע, באַגרענעצטע און פאַרבלענדטע פונעם ביסל פאַרגעניגן, מענטשן אָן אַ צוקונפט, היסטערישע און ווילנסלאָזע. מענטשן וואָס קענען זיך ניט צופאַסן צו אַרבעט און שאַפ, מענטשן וואָס יאָגן זיך נאָך לייכטע פרנסות, ווערן פאַרשיכורט פונעם ערשטן דערפאָלג און פון ערשטן גלעזל בראַנפן, פונעם ערשטן וואַרעמען ריח פון אַ יונגער שיקסע, נעגערטע אָדער פאַרשייט ידיש ווייבל.

ווען איר לייענט איבער דעם גאַנצן באַנד דערציילונגען, בלייבט איר שטיין ווי אין אַ קאַשמאַר: אַט דאָס איז דאָס ידישע לעבן אין אַמעריקע? אַט דאָס איז דער רעזולטאַט פון דער גרויסער אימיגראַציע פון די מיליאָנען יידן אין פרייען אַמעריקע? · אַט דאָס איז געוואָרן דער תכלית פון די מי־ליאָנען יידן, וואָס די אַלטע היים האָט איבערגעפאַרטרויט דעם גאָלדענעם לאַנד פון אַמעריקע? באַשטייט טאַקע די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג דאָ לויטער פון אַזעלכע פאַראַזיטישע עלעמענטן? וואו זיינען די מענטשן פון אַרבעט, שוויס און האָרעוואַניע? יידן וואָס בויען אַ געזונט לעבן מיט אַן אויסזיכט אויף דער צוקונפט? זיינען ניט פאַראַן יידן אין אַמעריקע, וואָס אינטערעסירן זיך מיט עפּעס מער ווי ביזנעס און געלט און פאַרגעניגנס?

אויף דעם קינסטלערישן טאַלאַנט פון ש. מיללער האָט די געשילדערטע סביבה געהאַט אַ פאַטאַלן איינפלוס. די צאַרטע פליגעלעך פון זיין אינטור־איציע און שעפערישקייט האָבן זיך ווי אָפּגעבריט ביים באַריר מיט דעם פלאַ־קערל פון אַט דעם משטיינס געזאַגט־לעבן. דער סוואַנד וואָס דאָס דאַזיקע גע־לעבעכץ האָט פון זיך אַרויסגעגעבן, האָט פאַרטשאַדעט און פאַראיבלט דעם קינסטלערס קאָפּ. נאָך מער האָט דאָס אים געטראָפן, ווייל דאָס זיינען דאָך מסתמא געווען די גילגולים פון זיינע גאַרניט־מענטשן פון ערשטן באַנד. דאָס האָבן זיי זיך אַרויפגעכאַפּט אויף דעם לייטער, דאָס זיינען זיי געוואָרן די וועג־

אויסטרעטער פאַר די נייע קינפטיקע דורות. טאָ ווי האָט דאָס דאָזיקע בילד געקענט ניט מאַכן דעם שווידערלעכן איינדרוק אויפן שרייבער?

איז ער צוגעקומען צו אַ טיפּ, וואָס איז יאָ אַריין אין אַ שאָפּ, איז עס געווען נאָר צוליב דעם, כדי אונדז צו ווייזן ווי שנעל און העסלעך ער פאַרלאָזט דעם שאָפּ. ווי אַ פּלאַץ וואו עס אַרבעטן און האָרעווען יידישע אַרבעטער, ווייזט אונדז ניט ש. מיללער, ער קען אים ניט, ער זעט דאָרט ניט קיין שום פּאָזיטיוועס. דאָס זעלבע מיט דער יוניאָן: ער ווייזט זי אונדז אַ פּאָר מאָל, בלויז צו קאָמפּראָמעטירן נאָך מער זיינע העלדן. לואי קאַלינסקי האָט די יוניאָן אין דר'ערד און — „גיי צום טייוול מיט דיין געשעפטס־פּאַרוואַלטער"! דוד לייבאָוויטש האַלט זיך ביי דער יוניאָן און דרשנט דאָרט זיינע שיינע רעדעס, כל זמן ער גלויבט אַז ער האָט דאָ אַ שאַנס צו ווערן אַמאָל אַ געשעפטס־אַגענט און אויפהערן אַרבעטן. אריה לייב גיט זיך אָפּ אַ חשבון פון זיין פאַלשער ראָלע אין שאָפּ: ער דערמאָנט זיך דעם אַמאָל אין דער אַלטער היים; „קאָמוניסטישער מאַניפעסט, דיסקוסיעס ביזן ווייסן טאָג, פלוגבלעטלעך, וועלדלעך, דעמאָנסטראַציעס, פּראָלעטאַריער פון אַלע לענדער פאַראייניקט אייך. דאַן ווערטער בלויז, איצט איז ער אַ פּראָלעטאַריער צווישן פּראָלעטאַריער", — און דאָך — איז ער אין דער אמתן אינגאַנצן פרעמד זיינע חברים פון שאָפּ, ער איז פון זיי אָפּגעטיילט, אָפּגעשיידט, אָפּגעפרעמדט.

און ווידער אַמאָל פרעגן מיר זיך: זעט אויס דאָס גאַנצע יידישע יוניאָן־וועזן אָט אַזוי דעמאָראַליזירט און אָפּשטויסנדיק? זעען אויס אַזוי אַלע יוניאָן־טוער? זיינען ווירקלעך אַלע שעפער נאָר אַן אַרענע פון געשלעגן צווישן די אַרבעטער, וואָס זיינען דאָרט באַשעפטיקט? איז טאַקע ניטאָ קיין סאָלידאַריזירטער פּראָלעטאַריאַט אין אַמעריקע? זיינען אַלע זיינע געשעפטס־פּאַרוואַלטער אָפּנאַרער און פאַרקויפטע?

און ווי כאַראַקטעריסטיש איז עס, וואָס ער פאַרענדיקט דעם דאָזיקן באַנד דערציילונגען מיט דער זאַך, וואָס הייסט „דער פייער־טאַנץ". דאָ ווערט דערציילט וועגן אַן אַלטן אינדיאַנער, וועלכער האָט ניט געוואָלט אָפּטרעטן פאַר דער אַלמעכטיקער אַמעריקאַנער ציוויליזאַציע; ער האָט גוט געוואוסט, אַז ער איז פון די לעצטע, אָבער „ער וויל אַ בראַנזענער אַוועקגיין פון דער וועלט", און ער צינדט אונטער זיך מיט זיין גאַנצן האָב און גוטס, און אַזוי רואיק גייט ער אַנטקעגן דעם לעצטן „פייער־טאַנץ", און ווערט פאַרוואַנדלט אין רויך און אַש... די טראַגעדיע פון די לעצטע. די טראַגעדיע פון די, וואָס ווילן ניט ווערן דענאַציאָנאַליזירט.

**
*

ש. מיללערס טאַלאַנט דערשיינט דאָ פאַר אונדז אין פולער רייפקייט. כמעט אַלע זאַכן אין דעם באַנד זיינען אויסגעהאַלטן אין טאָן און כאַראַקטער,

פאַרמאָגן אייגענעם ריטעם און סטיל. דער ליריש־עלעגישער טאָן גיט זיי צו אַן אייגנאַרטיקן כאַראַקטער. צו די העלדן פון די דערציילונגען האָט דער שרייבער אַ וואַרעם מענטשלעך געפיל, אין זייער פסיכאָלאָגיע פאַר־טיפט ער זיך מער אָביעקטיוו, און דעריבער איז ער דאָ מער איבערצייגנד.

ש. מיללערס קינסטלערישער הויפט־געווער איז דאָ זיין זע־קראַפט, זיין פעאיקייט אריינצודרינגען אין דער געגעבענער סיטואַציע. זיין קאָנווער־סאַציע איז קורץ, שניידיק. זיין יידיש איז ריין, קלאָר, קולטיווירט.

.4

ש. מיללער האָט געפילט, אַז ער מוז זוכן נייע קאַנאַלן, ער מוז זיך אַרויסרייסן פון דעם שטיקנדיקן קרייז טיפן און מענטשן, פון דעם אויסגע־ליידיקטן אינהאַלט פון דעם יידישן אַרום, ער מוז געפינען אַ ניי וואָרט פון גלויבן און מוט.

און ער האָט זיך געוואָרפן צו זיין אַלטער היים, צו די סמאָלדאַראָווער יידן. און ער האָט אָנגעשריבן אַ בוך (1935, קלעצקין־פאַרלאַג) מיטן נאָמען „אַ בליאַסק אויף טאָג". אין אַ געוויסער מאָס — אַ סימבאָלישער נאָמען. עס האָט געזאָלט הייסן — עס קומט אַ ליכטיקער טאָג אין ש. מיללערס שאַ־פונג, אַ זון גייט דאָרט אויף. דער דיכטער האָט אַ נייע ליכטיקע און זוניק־בליאַסקענדיקע וועלט אַנטפּלעקט, מיט אַ נייעם טיפּ יידן וואָס טראָגן אַן אָנזאָג אויף אַ בעסערער ליכטיקער צוקונפט. צי איז עס טאַקע מקוים גע־וואָרן?

עס איז ניט דאָס אַלטע צאַריש־פאַר־מלחמהדיקע שטעטל, עס איז דאָס שטעטל פון איבערגאַנגס־תקופה: מלחמה־און נאָכדעם בירגער־קריג, סאָ־וועטישע מאַכט. דוד משגיח, דוד שאַפּיראָ — איז דער טרעגער פון אַלטן שטאָלצן יחוס, פון גבירישער ברייטקייט און זעלבסט־ווירדע. ער זעט ווי זיין טאָכטער עלטערט זיך, אָבער ער וועט ניט גיין טאָן אַ שידוך מיט דעם פּראָוויזאָר פון שטעטל. עס קומט די איבערקערעניש, באָלשעוויקעס, די „גדולים", יידישע געשעפטן פאַרחתמעט, רעקווירירט, דער אַמאָליקער פּראָ־וויזאָר איז איצט דער גאַנצער באַלעבאָס פון שטעטל, ער איז זיך נוקם אין דוד שאַפּיראָ. מע רעקווירירט זיין גבירישע דירה, די געהילך־זעגעריי, ער גייט אַריבער אין אַ קליין שטיבל. דער איינציקער סימן פון אַמאָליקן יחוס און שטאָלץ — דער ירושה־ש"ס מיטן אויפשריפט „סלאַוויטע" געדרוקט „בדפוס שפירא". אַ ניי לעבן — אין אָרעמקייט, ניט צו עסן צו זאַט, דער־נידריקט.

די טאָכטער נחמה באַשליסט זיך, זי גייט אַוועק „זיי" דינען. דער פאָ־טער פּראָטעסטירט: „ווּעסט ניט גיין! . . . כ'וועל קריגן האַלץ! קריגן אַן דיר! אַן זיי!". עס העלפט ניט, די טאָכטער בלייבט ביי זיי, זי ווערט

ביבליאָטעקאַרין, פּאַרוואַלטערין מיטן קלוב, חברטע שאַפּיראָ... און עס געשעט ווען דוד שאַפּיראָ זיצט די גאַנצע נאַכט אין בית־מדרש און זאָגט תיקון שבועות, גיט זיך זיין טאָכטער אָפּ דעם שייגעץ פּראָקאָפּן. דוד שאַפּיראָ טרעפט טאָקע פּאַרטאָג פּראָקאָפּן אַרויסגיין פון זיין הויז. די טאָכטער לייקנט ניט, זי שרייט היסטעריש: „איצט איז אויס. אויס דוד משגיח! דו הערסט? אויס משגיח, אויס! איך אַליין... איך... איך... בין דריי און דרייסיק יאָר אַלט, דר־יי און דר־ייי־סיק" . .

דאָס איז די ערשטע גרויסע דערציילונג אין בוך, עס קומט די צווייי־טע אונטערן נאָמען „טשאַד". ווייטער דאָס זעלבע שטעטל מיט די זעלבע יידן.

עס איז די צייט פון נעפּ, נייע עקאָנאָמישע פּאָליטיק פון דער ראַטן־רעגירונג. די יידן האָפן, זיי וועלן זיך צופּאַסן, זיי וועלן אָנהויבן פּאַרדינען, מאַכן געשעפטן. יידן ווערן דרייסטער, מען נעמט אַרויס פון די באַהעלטענישן די אַמאָליקע סחורות. די וואָס האָבן קינדער צווישן די באָלשעוויסטישע אָנפירער, פילן זיך גאָר האָפערדיק, גרייטן זיך צו דרייען אַ גאָר גרויסע ראָד. מע יאָגט זיך נאָך דערלויבענישן, קוויטלעך, שיר המעלותן. עס איז אַ טשאַד, אַ יאָגעניש נאָך שנעלערע און לייכטערע פאַרדינסטן.

דוד שאַפּיראָן האָט גענומען אַ גאַנצן טראַגישן יאָר, ביז ער איז גע־קומען אַרבעטן פאַר די זעלבע גדולים, וועלכע האָבן ביי אים צוגענומען זיין טאָכטער. די שטאָלצע נחמה האָט מיט אַמאָל דערפילט אַז פּראָקאָפּ איז ניט איר באַשערטער, און זי באַשליסט פּטור ווערן פון זיין קינד. די אָפּעראַציע פירט אָבער צו דעם, אַז די יונגע נחמה גייט אַוועק פון דער וועלט. דוד שאַ־פּיראָ בלייבט אַליין. ער פרעגט זיך: צו וואָס האָט זי דאָס געטאָן? „צו־ליב אים, דאָס האָט זי געטאָן צוליב אים, מורא געהאַט, זיך געשעמט פאַר אים." טיפע רעזיגנאַציע... איצט בלייבט דער אַלטער אינגאַנצן אָפּגעשלאָסן פון דער וועלט, לעבט פון דעם וואָס ער בייט אַמאָל אויס אַ חפץ. און ווען פּראָקאָפּ קומט צו אים און לייגט אים פאָר גיין צו דער ראַטן־מאַכט אַרבעטן, איבערנעמען די פּאַרוואַלטעריי איבער דעם וואַלד, וועלכן ער קען אַזוי גוט און פון וועלכן ער וועט זיין אַזאַ פאַראַנטוואָרטלעכער באַלעבאָס, גיט דוד שאַ־פּיראָ זיין הסכם, און ער קלייבט זיך אַריבער אין וואַלד, הויבט אָן טאָן מיט געטריישאַפט זיין אַרבעט. צו דער זעג־מיל האָט ער קיין שייכות ניט. אָבער ווען מיט אַ צייט שפּעטער קומט ווייטער פּראָקאָפּ און דערציילט, אַז אויף דער זעג־מיל גייט די אַרבעט זייער שלעכט, עס גיט אַ סך „בראַק", און ער בעט זיך ביים אַלטן, ער זאָל איבערנעמען די אָנפירונג מיט דער זעג־מיל, איז דוד שאַפּיראָ אויך אויף דעם מסכים, און פּראָקאָפּ איז פון דעם גאָר צופרידן. ער האָט אָפּגעצאָלט אַ שטיקל חוב דעם אַלטן . . .

אָבער דאָס ספּעקוליאַנטישע געזינדל פון שטעטל שפּינט אַ נעץ פון

פאַרשווערונג אַרום דעם געטרייען און אָרנטלעכן דוד משגיח. מע מאַכט נאָך זיין אונטערשריפט, מע באַקומט אויף זיין צעטל צוויי וואַגאָן שפּאַלעס פון וואַלד, מע פאַרמעסט זיך נאָך אויף עפּעס גרעסערס. און ווען די אַפּערע ווערט אַנטדעקט, ווערט צווישן אַלע אַנדערע אַרעסטירט אויך דוד שאַפּיראָ: מען האָט דאָך זיין אונטערגעשריבן קוויטל. אָבער פּראָקאָפּ, וואָס איז איבערצייגט אין אַלטנס אומשולד, ווענדט אָן אַלע מיטלען און נוצט אויס אַלע זיינע פאַרבינדונגען, ביז די זאַך גיט זיך אים איין און דער אַלטער ווערט באַפרייט. אָבער ווען דוד שאַפּיראָ ווערט באַפרייט, איז דער אַלטער שוין אַ שבֿרי־כּלי, עס געדויערט ניט לאַנג, און דוד דער משגיח גייט אַוועק צו זיין פרוי, צו זיין טאָכטער.

אין זעלבן באַנד קומט אַריין נאָך אַ דריטע גרויסע דערציילונג: „דאָס רעדל דרייט זיך". דאָ פיגורירט אַן אַנדער שטעטל אונטערן נאָמען זוואָניצע. אַ שטעטל מיט אַ גרויסער פּאָרצעלײַ־פאַבריק, מיט יידישע באַלעבאַטים און יידישע אַרבעטער. מע האָט אַמאָל דאָ געאַרבעט, געשטרייקט און מ'האָט אַרעסטירט די בונטאָוושטשיקעס. איז געקומען די מלחמה און די דייטשן, די פאַבריק איז אַוועק מיטן פייער. איצט זיינען — די באָלשעוויקעס. אַ נייע מאַכט.

אין שטעטל באַווייזט זיך אבנר לייבניץ, איינער פון די אַמאָליקע בונטאָוושטשיקעס, דורכגעמאַכט דעם בירגער קריג אין די רייען פון דער רויטער אַרמיי, געקומען מיט אַ הינקענדיקן פוס. צוריק אין אַלטן היימישן שטעטל. דער זעלבער סאָסנאָווער וואַלד, די זעלבע יידעלעך. נאָר איין חבר האָט ער, אַן עלטערן פון אים, וויגדער. און יענער רעדט אים איין — נעם זיך און בוי אויף צוריק די פאַבריק, דו מיט דיינע פאַרבינדונגען קאָנסט עס דורכזעצן. זוואָניצע גייט אויס פון הונגער, „און אַזוי לאַנג ווי זוואָניצע וועט ניט האָבן וואָס צו עסן, וועט איר די וועלט ניט איינעמען". אבנר פאָלגט זיין חבר און ער פאָרט אין צענטער און ער פועלט די זאַך, און ס'קומט דער טאָג ווען מ'שטעלט זיך בויען די פאַבריק. יידן זיינען סקעפּטיש, בורטשן: „פון איוואַן איז געוואָרן פאַן . . . אבנר לאַבוניעץ איז געוואָרן אַ גאַנצער יאַ־טעביִ־דאַם . . . זאָל די פאַבריק ברענען, וואָס לאַבוניעץ וועט שוין בויען"... אָבער עס העלפט ניט, די פאַבריק איז שוין באַלד פאַרטיק, אָט האָט מען געבראַכט דעם גרויסן מאָטאָר פאַר דער פאַבריק. יידן קרעכצן, אָבער האָבן קיין ברירה ניט, זיי שלעפּן צוגלייך מיט די גויים די ציגל צו דער געביידע. די פאַבריק איז פאַרטיק, געסט זיינען געקומען צום יום טוב פון דער עפענונג. פענער, מוזיק, רעדעס.

איצט איז געקומען וואָך. די פאַבריק אַרבעט. אָבער די אַרבעט קלאַפּט ניט אין פולער מאָס. „פּראָגולן", אונטער דער נאָרמע. אַלעקסאַנדער בראַגינסקי האָט געשלאָגן זיין יידישן שכן און אים גערופן „פאַרשיווי זשיד". מע

שטעלט אים צום געריכט. קיווע דער רויטער איז אַ שעדיקער. מע באַשליסט איבערגיין צו שטיק־אַרבעט, אָבער אויך דאָס העלפט ניט. „קליינבירגער. קליינינקע בירגערלעך. ניט קיין אַרבעטער, ניט קיין פּראָלעטאַריער" — רעדט אבנר מיט פאַראַכטונג.

ווי מיר האָבן געזען, געהערן אַלע דריי דערציילונגען פון בוך „אַ בליאַסק אויף טאָג" — צו איין און דער זעלבער צייט, צו איין און דעם זעלבן לעבנשטייגער און דעם זעלבן ייִדישן שטעטל. שטעלן מיר זיך די פראַגע: פאַרוואָס זשע האָט דער שרייבער ניט געשאַפן פון אָט דעם מאַטעריאַל און טיפּאַזש אַ גאַנץ ווערק, אַ ראָמאַן, אַ גרויסע נאָוועלע? דער ענטפער ליגט אויבן אויף.

די סאָוועטישע ווירקלעכקייט האָט ש. מילער ניט גענוג באַגייסטערט, עס איז ניט זיין אידעאַל. הגם ער שילדערט די גאַנצע סביבה אין סימפּאַטישע פאַרבן, און האָט אַפילו אַרויסגעפירט עטלעכע פּאָזיטיווע העלדן אירע, איז אָבער די דאָזיקע באַציאונג ניט גענוגנט אויף צו פאַרוואַנדלען דאָס אין אַ אידעאָלאָגישע גאַנצקייט. און סוף כל סוף איז אויך דאָ די יידישע סביבה פון שטעטל אַ נעגאַטיווע, אַן אָפּשטויסנדיקע.

מענטשלעך האָט ש. מילער געפונען אין די דאָזיקע קרייזן עטלעכע טיפּן, צו וועמען ער האָט געהאַט טיפע סימפּאַטיע. געזעלשאַפטלעך אָבער האָט ער דעם בליאַסק ניט געקענט אויפנעמען, ווי דיין טאָג. דריי גרויסע, שטאַרקע, גוט אויסגעפירטע בילדער. אָבער קיין איינהייטלעכע געזעלשאַפטלעך־קינסטלערישע אידייע, וואָס זאָל זיי פאַרבינדן אינהאַלטלעך איז ניטאָ.

„מאַטיוון" — דאָס איז דאָס וויטערדיקע בוך פון ש. מילער (1940, לאָס אנדזשעלעס). פופצן קלענערע זאַכן, פון פאַרשיידענעם ווערט און כאַראַקטער, פאַרטיילט אין דריי אָפּטיילונגען: „פאַרן שפּיגל", „נסיונות", „חלום און וואָר".

אָט די אַלע טיטלען און אונטערקעפּ דערציילן אונדז וועגן דער נייער עוואָלוציע פון ש. מילערס טאַלאַנט. מאָטיוון. דאָס לעבן באַשטייט פון איינצעלנע מאָמענטן, אינצידענטן, צופעליקייטן. דער איינציקער געזעץ איז — צופאַל, גורל, פאַטאַליזם.

יעדער יחיד איז פאַר זיך אַ וועלט, און דער יחיד איז אַלץ. „לעבן איז ניט מאַטעמאַטיק, ניט לאָגיק, אין לעבן איז יעדער איינער אַן איינס פאַר זיך". און אַלץ איז רעלאַטיוו.

די איינציקע אויפגאַבע פונעם קינסטלער איז פאַרצושטעלן דעם גיהנום פונעם יחידס לײַדן, זיין איינזאַמקייט אין דער גרויסער וועלט, זיין ניט־קענען זיך צעגויפרעדן און פאַרשטאַנען ווערן דורך דעם צווייטן, דעם נאָענטן אַפילו. יעדער יחיד שטייט שטענדיק פאַרן שפּיגל, קאָנטראָלירט זיך און זיינע מעשים, און אויך די אַנדערע מענטשן דאַרף מען אָוועקשטעלן פאַרן שפּיגל. „יעדער

איינער וואָלט באַדאַרפט אַרומגיין מיט אַ שפּיגל פאַר די אויגן". „דאָס אויג איז דער פענצטער פון דער נשמה". „כדי אַריינצוקוקן אין דער אייגענער נשמה דורכן אייגענעם פענצטער, מוז מען אָנקומען צום שפּיגל, אַ פרעמדן פענצטער, אַ פענצטער וואָס האָט איין מעלה — קאַלטע ערלעכקייט; וואָס מ'ווייזט אים, ווייזט ער צוריק". און אַ צווייטער שפּיגל — איז די ליטעראַטור, דער קינסטלער, אויך ער איז ערלעך־קאַלט און וואָס ער האָט געזען, וואָס ער האָט באַנומען מיט זיין אינטואיציע און קינסטלערישן אויג — דאָס באַווייזט ער.

דער יחיד איז אַלץ, און אַרויסברענגען די נשמה פון דעם יחיד — דאָס איז די אויפגאַבע פון דעם וואָרט־קינסטלער. „אַרויסברענגען דעם אינעווייניק, דעם גאַנצן פאַרבאָרגענעם, פאַרפלאָנטערטן אינעווייניק", „דעם יאָדער זען". און מיט זיין גאַנצן טאַלאַנט, מיט אַלע זיינע נערוון, מיט דער הילף פון זיין אַלדורכדרינגענדיקן אויג און פּיקחות וואַרפט זיך ש. מיללער אין דער דאָזיקער טיטאַנישער אַרבעט, און ער גראָבט און גריבלט זיך אין דער נשמה פון דעם אומגליקלעכן און פאַרוואָרלאָזטן יחיד. ער באַגלייט אים אין דער איינצל־צעלע פון תפיסה, אין פאַדערצימער פון משוגעים־הויז, אין קאָנצענטראַציע־לאַגער פון די היטלעריסטישע חיות, אין שלאָף־צימער פון מאַן און ווייב, אין די טיפענישן פון מענטשישן „איך".

און אוודאי זיינען די „אינטערעסאַנטסטע" און באַלערנדיקסטע מענטשן — די, וואָס שטייען אויס אָדער זיינען אויסגעשטאַנען נסיונות. צי דאָס זיינען נסיונות, וואָס איין מענטש שטעלט דעם אַנדערן, צי דאָס זיינען נסיונות, וואָס קומען פון דער אַלהעכסטער מאַכט, דעם צופאַל — אַלץ איינס. ווייל דאָס איז דער גורל פון מענטש, זיין פאַטום.

יעדער מענטש — אַ וועלט ; יעדער מענטש — אין זיין אייגענער טורמע ; יעדער מענטש — טראָגט אין האַרצן זיין אייגענעם גאָט און גיהנום. און יעדער מענטש — נאָר אַ שטויבעלע אין דער אייביקייט, אין דער אַלוועלט. ווען ש. מיללער דערציילט אונדז וועגן דער גרעסטער טראַגעדיע פון אַ מאַמע און אַ פרוי, וועמען די היטלער־מערדערס האָבן צוגעשיקט די צוויי קעסטעלעך אַש פון די אומגעבראַכטע טאַטע און זון, פאַרענדיקט ער די דאָזיקע בלוטיק־רעאַליסטישע דערציילונג מיטן ווייטערדיקן סימבאָלישן סוף :

„און דער פעניקס מאַכט זיך אַ נעסט פון צווייגעלעך, צינדט זיי אָן און פאַרברענט זיך לעבעדיקערהייט. פון דעם אַש קומט אַרויס אַן אַנדער פעניקס, אַ יונגער, און אַזוי שנעל ווי דער יונגער פעניקס איז שטאַרק גענוג, נעמט ער דאָס אַש פון פאָטערס קערפּער און פליט אַוועק קיין העליפּאָליס, דער זון־שטאָט, און לייגט דאָרט אַוועק דאָס אַש אויף דעם מזבח פון דער זון.

„אַזוי יעדע פינף הונדערט יאָר".

אָט דער הבל־הבלימדיקער עפּילאָג איז גוואַלדיק כאַראַקטעריסטיש פאַר איצטיקן ש. מיללערן. דאָס איז זיין סך־הכל, זיין לעבנס־פילאָזאָפיע.

פאַראַן אַ גרויסער זינען אין מענטשנס נסיונות, זיי לייטערן, רייניקן.

דער גרויזאַמסטער נסיון פון אונדזער צייט — דאָס איז דער היטלער־גיהנום. האָט זיך ש. מיללער געוואָרפן, זיצנדיק אין דער זוניקער קאַליפאָרניע, אויף דער דאָזיקער קאָנצענטראַציע־לאַגער־טעמאַטיק. ניט סענסאַציע און ווילן צו זיין פּאָפּולער — האָט אים געבראַכט צו אָט דער טעמאַטיק, נאָר דאָס אייביקע פּראָבלעם פון גרענעצן צווישן גוטס און שלעכטס, צווישן פיזישער און גייסטיקער מאַכט. די שענדונג פון מענטש דורך אַ צווייטן מענטש, די ליידן פון אומשולדיקן קרבן, וואָס ווערט געבראַכט אויף דער עקדה פון כלומרשטן גייסט און גלויבן — אָט די טעמע האָט געצויגן צו זיך ש. מיללערן. ביז דער לעצטער אָנשטרענגונג איז ער נאָכגעגאַנגען די ליידן פון די היטלער־קרבנות, דורכגעמאַכט מיט זיי צוזאַמען דעם גאַנצן גיהנום פון זייערע אומזיניקע און אומשולדיקע יסורים.

אָבער ש. מיללער זעט ניט נאָר פיזישע ליידן. אין זיין אייביקער „אַליינקייט" טראָגט דער מענטש אין זיך אַ שטענדיקן גיהנום. דער שרייבער קוקט זיך צו צו דעם אייביקן קאַמף פון דעם יחיד, וועלכער קען זיך ניט, וויל זיך ניט אַריינפּאַסן אין דער סטאַדע, צום „בלינדן" פאָלק. און וואָס מער דער שרייבער איז אַנטוישט אין אָט דעם בלינדן פאָלק, אין זיין שעפע־רישקייט, — אַלץ מער פאַרשטייפט ער זיך אין דעם גורל און פאַטאַלער עקזיסטענץ פון דעם יחיד, אין זיין פרעמדקייט און איבעריקייט אין אַרומיקן לעבן . . .

קומט ש. מיללער אַלץ מער אין זיין טעמאַטיק און נאָך מער אין זיין אופן צו באַהאַנדלען און באַאַרבעטן דעם קינסטלערישן שטאָף — צו אַלעגאָ־ריזם, צו אַבסטראַקטקייט. דער משל־נמשל פאַרנעמט אַלץ מער פּלאַץ ביי אָט דעם שרייבער, וועלכער האָט אויסגעזען צו זיין אַזוי רעאַליסטיש אין זיין שאַפונג, ביי אָט דעם שרייבער מיט אַזויפיל זעקראַפט און בילדערישקייט.

און דערפאַר פאַרנעמט אַלץ מער אָרט אין ש. מיללערס שאַפונג פון איין זייט — דער אַפאָריזם, פון דער אַנדערער זייט — די ריין־אויסערלעכע שפּיל מיטן וואָרט.

אָפטאָמאָל פאַרשפּילט זיך דער שרייבער מיט זיין אייגענער שפּראַך־דערפינדערישקייט, אָפטמאָל זעט אויך אויס די אַסאָציאַציע פונעם בילד צו אַנגעצויגן און פרעמדלעך. אָבער עס וועקט דרך־ארץ זיין קולטורעלע באַציאונג צו דער שפּראַך, דער פאַרמעסט פון זיין בילדערישקייט און די קראַפט פון קינסטלערישן אַנאַליז.

מיט אַ קורצער צייט צוריק האָט ש. מיללער אַרויסגעלאָזט אַ פּריש בוך: „רויט און שוואַרץ" (לאָס אַנגעלעס, 1945). העכער אַ העלפט פון בוך פאַרנעמען דריי גרויסע נאָוועלן טאַקע אונטערן אַלגעמיינעם קעפּל „רויט און שוואַרץ". די איבעריקע צען קלענערע נאָוועלן זיינען פאַראייניקט מיטן קאָפּ „טאָג איין, טאָג אויס".

ווי דער מחבר טייטשט אַליין אויס אין זיין „באַמערקונג", מיינט רויט — לעבן, שוואַרץ — טויט. „לעבן און טויט, דאָס איז דער גרונט־מאָטיוו פון אַלע דערציילונגען אין דעם בוך. אַ נייע טעמע! נו, יאָ, אַזוי ניי און אַזוי אַלט ווי דער מענטש."

לעבן און טויט זיינען דאָ אָוועקגעשטעלט ניט אין לעבנסשטייגערישן זינען, נאָר אין פילאָזאָפישן, ספעקולאַטיוו־מעדיטירנדיקן. עס איז דער פאָדעם פונעם פריער באַשריבענעם באַנד.

פון אויבן אויף זיינען די דערמאָנטע דריי גרויסע דערציילונגען אין בוך רעאַליסטישע, אַקטועלע. מיר האָבן דאָ אַ קאַפּיטל פּאַרטיזאַנען־קאַמף אין סאָוועט־רוסלאַנד, אין קריג מיט די נאַציס; מיר האָבן דאָ וואַרשעווער בונדיסטן, פּליטים, וואָס דערקייקלען זיך צו די ברעגעס פון האָדסאָן; מיר האָבן דאָ אַ גרופּע יידן אין לאָדזשער געטאָ אונטער דער נאַצישער אָקופּאַציע. שוין דאָס אַליין איז ווידער כאַראַקטעריסטיש: האָט דער שרייבער געוואָלט שילדערן לעבן, האָט ער עס ניט געפונען אין זיין אייגענעם אַרום, נאָר געמוזט זיך לאָזן קיין פּוילן און רוסלאַנד. די דריי דערציילונגען האָבן געוויס אַ לעבנסשטייגערישן ווערט, און זיי זיינען אַ פיינער ביישטייער צו די דאָקומענטן פון אונדזער טראַגישער צייט. לייענט איר אָבער אויפמערקזאַם די דאָזיקע זאַכן, זעט איר, אַז דעם שרייבער איז ניט געגאַנגען אין „לעבן", נאָר אין די טויט־דערשיינונגען וואָס באַגלייטן דאָס לעבן. ווי זאָגט איין העלד זיינער: „ניט נאָר פון טויט, פון לעבן קען מען אויך ניט אַנטלויפן". דער סאָציאַל־געזעלשאַפטלעכער תוך פון לעבן און זיינע גרויזאַמע קאַמפן זיינען פאַר ש. מיללערן נאָר אַ בייזאַך, נאָר אַ פּאַן אויף אַרויסצוברענגען דעם „בעל־כרחך אתה חי" מיט אַלע זיינע טראַגישע פּאַטאַליסטישקייטן. דאָס איז דאָס מיללערישע.

געוויס זיינען די דריי באַהאַנדלטע דערציילונגען פּראָדוקטן פון אונדזער צייט. דאָ האָט דער גייסט פונעם שרייבער געזוכט אַ וועג זיך אויסצולעבן, צו פאַרלייכטערן זיינע יסורים צוליב די טראַגישע יידישע און מענטשישע ליידן אין דער צייט פון היינטיקן קריג. דער שרייבער האָט דאָ געצאָלט זיין שטייער צו דער יידישער טראַגעדיע, צו דער העראָאישקייט פונעם רוסישן קאַמף און אויסדויער. אָבער ריין־קינסטלעריש באַטראַכט, זיינען

דאָס פּאַר ש. מילערן נאָר טעמעס אויף אַרויסצוברענגען די אייביקע פּראָבלעמען פון וועלט און מענטש, פון טויט און לעבן. די פּאַרטיזאַנען קעמפן, ריזיקירן מיט זייער לעבן. אָבער זיי ווערן צעפּרעסן פונעם געפיל, אַז זיי געבן אַ געלעגנהייט דעם נאַציישן אָקופּאַנט צו דערשיסן און הענגען צענדליקער און הונדערטער אומשולדיקע איינוואוינער אויס נקמה פאַר די פּאַרטיזאַנישע טאַטן. „מיר'ן אַזוי אַנגיין, וועט די גאַנצע שטאָט, די דערפער אַרום זיין איין בית־עולם. ניין, חבר, דער חשבון שטימט ניט". און אפילו די אַרבעט גופא פון די פּאַרטיזאַנען דערגרייכט ניט דעם ציל. עס איז ניט קיין נקמה אינעם דייטש. זיי זיינען ניט אימשטאַנד נאָכצוטאָן די רציחות פונעם דייטש: „און וואָס קען איך טאָן? קען איך צערייסן זייערס אַ קינד אין צווייען בלויז דערפאַר ווייל עס איז זייערס?... אויפן פּראַנט שיסן, דאָס יאָ, אָבער אַזוי"... אויך די אַנטלאָפענע פון וואַרשע בונדיסטן און סאָציאַליסטן ווערן צעפּרעסן פון ספקות: לויפנדיק פון פּוילן, האָבן זיי זיך אָנגעטראָפן אויף דער רויטער אַרמיי. אפשר בלייבן דאָ, מיטאַרבעטן מיט די באָלשעוויקעס," עס מיינט דאָך סוף־כל־סוף „אַרבעטן פאַר סאָציאַליזם"... און שפּעטער, ווען זיך דערוואוסט, אַז וויקטאָר אַלטער איז אַרעסטירט, ווייטער ספקות: „אַ טעות געמאַכט. אַ טעות ניט נאָר אין אייגענע חשבונות, נאָר אין וועלט־חשבון. איצטער אַרעסטירן! אַרעסטירט ווערן? יאָ, פון די דייטשן, פּאָליאַקן, אָבער אַרעסטירט ווערן פון... סאָציאַליסטן? איצטער אַ! וויקטאָר אַלטער. פאַרוואָס? דאָס זעלביקע שפּעטער, ווען זיך דערוואוסט, אַז „הענריק ערליך איז אַרעסטירט געוואָרן אין בריסק". צו וואָס דאָס גאַנצע לויפן פון וואַרשע? „ער, ברוך, וואָלט געדאַרפט אַרעס־טירט ווערן דאָרטן!" און ווען מ'איז אַרויף אויף דער שיף, „האָט ברוך דערפילט אַז זיין לעבן איז צעשפּאָלטן געוואָרן, צעשפּאָלטן, ניט פאַרריכט צו ווערן". און שוין זיצנדיק אין ניו־יאָרק, ניט אויפגעהערט זיך צו עסן: ניט געדאַרפט אַוועק פון וואַרשע, ער וואָלט זיך געביטן מיט די דאָרטיקע חברים פון געטאָ. „דאָ אַ בלינד, מיאוס לעבן. מ'שלעפּט אַבי מע לעבט. מיאוס! מיאוס!". „ניט געדאַרפט געווען אַוועקפאָרן, געדאַרפט געווען בלייבן! בלייבן... בלייבן... דאָרטן..." ער בעט זיך, מען זאָל אים שיקן אַהין אויף אונטערערדישע אַרבעט. און ווען עס העלפט ניט איז — פון וואַשינגטאָן־בריק „מיטן קאָפּ אַרונטערגעלאָזט זיך אין האָדסאָן... אין דער אייביקייט"... דאָס איז דאָס ספּעציפיש־מילערישע. און אין אָט די פּסיכאָלאָגישע עקסקורסיעס זיינע ליגט דער צענטער. דאָס רויטע לעבן ווערט שטענדיק באַגלייט מיט די שוואַרצע סימנים פון טויט. „אַ ליקוי חמה, אַ ליקוי לבנה קען מען פאַראויסזאָגן, אָבער אַ ליקוי אָדם?" אָט דעם „ליקוי אָדם" זוכט ש. מילער אומעטום, ער זעט אים, פילט אים קרענקלעך אויף יעדן שריט. „ניטאָ קיין טויט, עס איז דאָ לעבן און אויפ־

הערן לעבן". טויט איז די באַגלייט־דערשיינונג פון לעבן. די אַנדערע זייט פון לעבן.

אַט די איינשטעלונג ווערט אָבער אַן ענין, וואָס דריקט אויף די קינסטלערישע דערגרייכונגען פונעם שרייבער. עס ווערט אַ הערשנדיקע סכעמע. ער רייסט זיך אַלץ מער אָפּ פונעם לעבעדיקן אַן־טויטיקן לעבן. און מעגן די צען קליינע דערציילונגען אין באַנד טראָגן דעם פּאַראַלעגמיי־נערנדיקן טיטל „טאָג איין, טאָג אויס", — זיינען זיי דאָך פאַקטיש ניט קיין „טאָג"־דערשיינונגען, נאָר אָפּגעריסענע געשעענישן. אַט זיינען די טעמעס פון די נאָוועלן: אַ קראַנקער אין דער לעצטער סטאַדיע פון אַ ראַק האַלט ביים אַרונטערוואַרפן זיך פון אויבערשטן שטאָק פון שפּיטאָל, — מיטאַמאָל אַן ערדציטערניש, און ער ציטערט פאַרן טויט; ער און זי ברענגען פון ליבע אונטער דער ברענענדיקער זון פון אַ קאַליפאָרניער קעניאָן, — מיטאַמאָל דערזען זיי אַ שלאַנג, אַלץ ווערט צעשטערט; די געזונטע פרוי איז חושד דעם קראַנקן מאַן, אַז אים האָט באַזוכט אַ פרעמדע פרוי, און פון גרויס האַרצווייטיק פאַלן זיי ביידע אַוועק טויטע און קאַלטע און פאַר־שטייפטע געפינט מען זיי אויף מאָרגן; אַ שטאַרבנדיקער מאַן אין שפּיטאָל באַשליסט זיך נוקם צו זיין אין זיין פרוי, ווייל זי האָט אים ניט ליב, — אָבער מען קומט אים אָנזאָגן, אַז זי איז אַליין קראַנק געוואָרן, ער קומט צו איר, זי שטאַרבט און ער שטאַרבט אויך באַלד; אַ מאַן איז אינגאַנצן בלינד געוואָרן, ער קומט אָן אין אַ בלינדע־אַנשטאַלט, און צוזאַמען מיט צוויי בלינדע האָט ער הנאה פון דער וועלט; אַ פּאָרל גייט אַוועק אין די בערג, און דאָס מיידל פאַלט אַריין אין אָפּגרונט, — זי איז שולדיק, זי האָט זיך געריסן גיין... ביים גרויסן פּראָפעסאָר פון פיזיק שטאַרבט אַוועק זיין איינציק קינד.

אוודאי, דאָס אַלץ קען פּאַסירן אין אמתן לעבן. אָבער ש. מיללער האָט צוגעקליבן די דאָזיקע קאָלעקציע מיט אַ כיוון, אים אינטערעסירט ניט דאָס טאָג־טעגלעכע, נאָר גראָד דאָס אויסטערלישע, ווייל דאָ שפּילן זיך אָפּ יענע כוחות, וואָס הערשן פאַטאַליסטיש איבערן מענטשן. אין די אַלע קליינע דערציילונגען זיינען כמעט אינגאַנצן ניטאָ קיין סימנים פון יידיש־נאַציאָנאַלן לעבנסשטייגער, די מענטשן זיינען געגעבן אין אַבסטראַקט.

ש. מיללערס געביט איז דעם מענטשנס נשמה, און דווקא אין אירע פאַרקריפּלונגען, אין אירע קאַטאַסטראָפישע מאָמענטן, ווען „דער חשבון שטימט נישט". זיין אויג איז שאַרף, זיין אינטעלעקט איז טיף, זיין פעאיקייט אַרויסצוברענגען דאָס וואָס ער וויל, איז שטאַרק אַנטוויקלט. זיין יידיש איז רייך און פרעציז. פאַר אים זיינען אָפּן די וועגן פון מענטשישן אומרו. ער האָט אין דער אמתן ליב דאָס לעבן מיט אַלע זיינע קאָלירן, ער גלויבט אַז „די וועלט איז קיינמאָל קאָלירלאָז — אַזוי לאַנג עס איז נאָך דאָ אַ

מענטשלעך אויג". און ער דרינגט טאַקע אַריין מיט זיין אויג אין אַלע קאַליר־ניואַנסן פון לעבן. און דאָך — איז ער צו איין קאַליר באַזונדערס פילבאַר, דאָס איז דער שוואַרצער קאַליר. דאָס געדיכט רויטע זעט ער אויך שוואַרץ. ווייל דער מענטש איז אַ שפּיל אין פרעמדע הענט. ניין, פון צופאַל. „ניטאָ קיין באַלעבאָס... אַן אַנגעצויגענער זייגער, ניט ער האָט אים אָנגעדרייט, ניט ער קען אים אָפּשטעלן". דאָס איז דער גאַנצער סוד פון לעבן. אַזוי איז אין לעבן פון יחיד, אַזוי פון כלל. „טויזנט און איינס איז אַלץ איינס". דו פאַלסט אין אָפּגרונט, ווייל אַן אַנדערער שלעפּט דיך.

אַלץ איז רעלאַטיוו. דער בלינד־געוואָרענער אהרן ביי ש. מיללער דערזעט די גאָענטע פרוי אַזוי „ווי ער האָט זי נאָך קיינמאָל פריער ניט געזען". מיכל מאַרגאָליסעס אויגן „האָבן געקוקט אויף די רייד, זיי אויפגעכאַפּט ווי פּילקעס". וואָרעם סיי ווי, וואָס איז דעם מענטשנס אויג? „קען מען דערזען איצט אין אַן אויג, וואָס דאָס זעלבע אויג האָט אויסגעדריקט מיט אַ זעכציקסטל סעקונדע פריער"? ש. מיללערס נשמה איז פילבאַר אויף אַ זעכציקסטל סעקונדע, עס איז אַ פּרעציזער אַפּאַראַט. אָבער צי איז ער אָנווענדבאַר אין לעבן? נויטיקט זיך ניט דאָס רעאַלע לעבן אין מער איינפאַכע, מגושמדיקערע, מער־מענטשישע אַפּאַראַטן? איז ניט דער אינסטרומענט פון מענטשלעכן לעבן אַ מער... סאָציאַלער, געזעלשאַפטלעכער, געמיינשאַפטלעכער, איידער אינטים־יחידישער?

אין זיין „באַמערקונג" פאַרלויפט ער דעם וועג און וואָרנט דעם לייענער, אַז ער זאָל ניט „אַריינטראַכטן פּאָליטישע מאָטיוון" אין זיין טיטל פון בוך „רויט און שוואַרץ".

—:::—

„לעבן און טויט... אַ נייע טעמע! נו יאָ, אַזוי ניי און אַזוי אַלט, ווי דער מענטש".

דער מענטש — דאָס איז ש. מיללערס פילאָזאָפיע און גלויבן. וואָרעם אויב ניט דער מענטש, טאָ צו וואָס נוצט די גאַנצע וועלט מיט איר שיינקייטן? און צי איז ניט דער קינסטלער דער, וואָס באַרעכטיקט די גאַנצע עקזיסטענץ פון לעבן און זיין זינען? צי איז ניט ער, מיט דער הילף פון זיין שעפערישן וואָרט, דער וואָס שאַפט דאָס אייביקע „געזאַנג צום לעבן"? צי מאַכט ניט זיין געזאַנג שענער און קאַליר־רייכער דאָס לעבן?

פאַרשיידן זיינען די וועגן פון קינסטלערס שאַפן. מיט פאַרשיידענע אופנים און מעטאָדן דרינגט ער אַריין אינעם זינען פון לעבן און זיינע שיינקייטן. דער ציל איז איינער און דער זעלבער: אויפשטעלן אַן אייגענע „וועלט", שאַפן אַן אייגן שטיק לעבן, מיט אָריגינעלע שיינקייטן, דערגרייכן

דערמיט אַ שטיק געטלעכקייט און אייביקייט. ש. מיללער האָט זיין וועג דערצו: דאָס פולקאָמע וואָרט, דאָס פּאַרטיפטע אויג, די שפּילוועדיקע פאַרב — דאָס זיינען זיינע אינסטרומענטן, מיט וועלכע ער דערגרייכט וואונדער. ער שטרעבט צו דערפירן דאָס וואָרט צו דער מדרגה פון פאַרב, וואָס ווערט געניצט דורכן מאָלער. „קאָליר — דאָס איז דער עיקר", טראַכט זיין מאָלער גאָרדאָן: ער גלויבט אין זיין בילד; ער איז זיכער, עס איז „אַ בילד וואָס זאָגט: גוט צו לעבן".

רויט און שוואַרץ. לעבן און טויט. און דאָס לעבן קעמפט שטענדיק מיטן טויט. אַלץ שטרעבט צו לעבן. ווייל — „גוט צו לעבן". ש. מיללער דער קינסטלער האָט אַן אָפן אויג פאַר די געפאַרן און פאַטאַלקייט פון לעבן, — איז דעריבער זיין ליבע צום לעבן נאָך שטאַרקער. ער איז סוף כל סוף פאַרליבט אין לעבן. ער ראַנגלט זיך מיט די שוואַרצע פאַרבן, וואָס לויערן אויף אים אומעטום. נאָך אַלעמען זיינען זיינע ווערק פול מיט לעבנס־זאַפט. און אָפט זיינען זיי טאַקע אַ „געזאַנג צום לעבן", אַזוי ווי עס ענדיקט זיך די דערציילונג „אָדם און חוה". דערפאַר פאַרנעמט אַזאַ גרויסן פלאַץ ביי אים דאָס „אָדם וחוה"דיקע, די באַציאונגען צווישן די געשלעכטער. דערפאַר בליט ביי אים אויף — אפילו דער שטעקן פון דעם בלינדן. דאָס איז לעבן, דאָס איז „געזאַנג צום לעבן". ש. מיללער זעט די געפאַרן פון לעבן, אָבער זיי דערדריקן אים ניט. ער גייט ווייטער מיט אַ געהויבענעם קאָפּ. און דאָס שטאַרקט דעם לייענער, דאָס לאָקט אים. דערפאַר איז אים ש. מיללער נאָענט און ליב.

ש. מיללער איז באמת אַ „טראַגישער אָפּטימיסט", אַן אָפּטימיסט אין זיין גאַנצער שוואַרצקייט און טראַגישקייט. און דאָס איז אַ גאָר הויכע מדרגה.

נחמן מייזיל

דוד בערגעלסאָן, דער נסתר, פּרץ מאַרקיש

דוד בערגעלסאָן, דער נסתר, פּרץ מאַרקיש — זיינען פון די אָנגע־זעענסטע מיטגלידער פון דער סאָוועטיש־יידישער שרייבער־משפּחה, זיי אַלע דריי זיינען ענג פאַרבונדן מיט דעם סאָוועטיש יידישן קולטור־שאַפערישן לעבן. אין תוך אָבער זיינען עס דריי גאַנץ־באַזונדערע קינסטלערישע וועלטן. דאָס אַנדערשדיקע ביי זיי איז מער ווי דאָס געמיינזאַמע, בשותפותדיקע אין זיי. זיי זיינען פאַרשידן לויט זייערע כאַראַקטערן און אויך גאָר אַנדערשדיק לויט זייער טעמאַטיק.

זיי זיינען געקומען אין דער יידישער ליטעראַטור דורך פאַרשידענע וועגן און דער גאַנג זייערער און די באַהעפטונג מיטן סאָוועטיש־יידישן לעבנס־שטייגער איז ביי יעדן איינעם געווען אַ דורכאויס־אייגענער. דער פּראָצעס פון אַריינלעבן און אַריינוואַקסן זיך אין דעם סאָוועטיש־יידישן שאַפן איז ביי דוד בערגעלסאָן, ווי ביי דעם נסתר, געווען אַ לאַנגזאַמער און שווערער, — ביי יעדן איינעם פון זיי איז שוין געווען אַ גאַנץ היפּשער דורכגעגאַנגענער וועג, מיט אייגענע איינגעשטעלטע אידייאישע און קינסט־לערישע טראַדיציעס. ריכטיק האָט דער פּריציייטיק־אומגעקומענער סאָווע־טיש־יידישער ליטעראַטור־פאָרשער און קריטיקער א. גורשטיין אין זיין אָפּהאַנדלונג וועגן נסתרס „משפּחה מאַשבער" („יידישע קולטור", נ' 12, 1944) געזאָגט: „פאַר אונדזערע קינסטלער פונעם עלטערן דור, און אויך פאַר נסתרן בתוכם, איז די רעוואָלוציע געווען ביז גאָר אַ קאָמפּליצירטע און שווערע פּראָבלעם". גאָר אַנדערש איז געווען מיט פּרץ מאַרקישן, — וואָס איז ייִנגער פון זיינע צוויי עלטערע חברים אויף גאַנצע צען יאָר, — אים איז די איבערוואַנדלונג אָנגעקומען לייכטער און שנעלער. דעם דיכטער בכלל איז אַלעמאָל גרינגער ברענגען צום אויסדרוק איבערלעבענישן און איינפלוסן, ער איז מער דינאַמיש, קאָן ער אַדורכמאַכן אַ קפיצת־הדרך און אריבערפירן זיין שאַפן אויף „נייע רעלסן" שנעלער ווי דער פּראָזאַאיקער, וועלכער גייט האַרט ביי דער ערד און איז געבונדן און אָפט אפילו געפּענטעט מיט זיינע אייגענע פאַרמען.

בערגעלסאָן און דער נסתר, ווען זיי זיינען געקומען צו דער סאָוועטיש־יידישער ליטעראַטור, זיינען זיי שוין געווען רייפע קינסטלער, יעדער איינער פון זיי מיט אַ פעסטן „איינגעפונדעוועטן" ליטעראַרישן פאַרמעגן, פּרץ

מאַרקיש, הגם שוין אויך אַ מטופל מיט פאַרשיידענע לידער־ביכער, האָט נאָך געהאַלטן אין יוירן.

בערגעלסאָן און דער נסתר געהערן צום דור שרייבער, וואָס איז אַרויסגעוואַקסן פון 1905—1906, זיי האָבן זיך אויך שטאַרק אָנגעקערט מיט די דריי יידישע קלאַסיקער: מענדעלע, שלום־עליכם, פרץ. הגם זיי האָבן קיין ענגן פערזענלעכן קאָנטאַקט נישט געהאַט מיט די דריי גרונט־לייגער פון דער נייער יידישער ליטעראַטור, אָבער דאָך זיינען זיי געווען אונטער זייערע דירעקטע און אומדירעקטע איינפלוסן, און באַזונדערס האָבן זיי זיך געפונען אונטער דער השפעה פון פרצן און פון פרצעס גייסטיקער סביבה. אָט דערציילט מ. נאָטאָוויטש וועגן דער פרץ־סעסיע, וואָס איז פאָרגעקומען יולי 1945 אין מאָסקווע: „מיט גרויס אויפמערק־זאַמקייט זיינען אויסגעהערט געוואָרן בערגעלסאָנס און נסתרס זכרונות וועגן פרצן. פאַר די אויגן וואַקסט אויס די גרויסע פרץ־פערזענלעכקייט, וואָס האָט אַזוי באַווירקט און באַהערשט די געדאַנקען און געפילן פון זיינע מיט־צייטלער און אַזוי לעבעדיק זיך פאַרקריצט אין זייער זכרון... יעדער פון זיי דערציילט אויף זיין שטייגער, נאָר אין ביידנס זכרונות איז פאַראַן ענלעכעס: דאָס איז דער דרך־ארץ און די טיפע ליבע צו פרצן, ווי צו אַ גרויסן לערער, וועמעס ערשט געבענטשט וואָרט האָט שוין פיל געהאַט צו זאָגן אויף זייער וויטערדיקער אויספאָרמירונג . . . ס'איז געווען אַ באַגעגעניש פון פרצן מיטן קומענדיקן פרץ־דור, וואָס האָט פאַרהיט פרצעס וואָרט און ביישפיל נית נאָר אין זכרון, נאָר דורכגעטראָגן און, ווי זוימען, עס געוואַרעמט און אויסגערייפט אין דער אייגענער שאַפונג".

און סיי בערגעלסאָן און סיי נסתר האָבן אויך געהאַט ביים אָנהייב פון זייער שאַפן פעסטע באַריר־פונקטן מיט אייניקע העברעאישע שרייבער, און פון צייט צו צייט אפילו געווען באַווירקט פון זיי (פון מ. י. בערדיטשעווסקי, ברענער, גנעסין), און אוודאי פון די רוסישע שרייבער פונעם אָנהייב פון 20טן יאָרהונדערט (טשעכאָוו, אַנדרעיעוו, גאָרקי) און אויך פון אייניקע וועלט־שרייבער פון דער „צווישן צייט", צווישן 1907 און 1914.

גאָר אַנדערש איז פרץ מאַרקיש, ער איז געוואַקסן בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה און איז געקומען אין דער יידישער ליטעראַטור אין דער ברויזנ־דיקער צייט פון דער רוסלענדישער רעוואָלוציע פון 1917. ער איז געווען אַ פראָדוקט פון יענעם אויפשטורעם און גלייכצייטיק זיין טרובאַדור, זיין באַזינגער. ער האָט קיין צייט נישט געהאַט זיך אויסצופורעמען, ער איז אין די ערשטע יאָרן פון זיין שאַפן כסדר געוואָרפן געווען פון פריילינג צו שחיטה, און פון בירגער־קריג צו רעוואָלוציאָנערן אויפשטייג. אַלדי אויפטרייסלונגען האָבן אויפגעשטורעמט זיין געמיט און אַזאַ איז ער פאַרבליבן אין זיין שאַפן.

דוד בערגעלסאָן איז אַלט געוואָרן 60 יאָר, אַזוי אויך דער נסתר, פּרץ מאַרקיש ווערט איצט אַלט 50 יאָר, — ווען מיר צו אָט די געלעגנהייטן זיך טיילן מיט אייניקע באַטראַכטונגען וועגן די דריי קינסטלער, מיט וועמען ס'איז יאָרן און יאָרן מיר אויסגעקומען צו לעבן אין נאָענטקייט.

דוד בערגעלסאָן

דוד בערגעלסאָנס ליטעראַרישע טעטיקייט ציט זיך שוין אַ מעשה פון איבער 35 יאָר. זיינט זיין „אַרום וואָקזאַל" (דערשינען אין 1909) איז זיין שאַפן ענג פאַרבונדן מיטן אַרומיקן לעבן, און די געשטאַלטן זיינען דאָס רוב ווירקלעכע, רעאַלע, ווי פון לעבעדיקן לעבן אַרויסגענומען. אין אַן אַרטיקל וועגן שלום-עליכם („סאָוועטישע ליטעראַטור", מערץ-אַפּריל 1939) האָט בערגעלסאָן אין די ערשטע פּאָר שורות געשריבן: „שווער צו געפינען נאָך אַ שרייבער, וואָס האָט אין זיינע ווערק אַזוי ווייניק אויסגעטראַכט און אַזוי ווייניק צוגעטראַכט ווי שלום-עליכם". אין אַ גרויסער מאָס לאָזט זיך עס זאָגן וועגן דוד בערגעלסאָנען גופא: ער האָט אויך ווייניק אויסגעטראַכט און צוגעטראַכט, ער האָט אַרויסגעבראַכט אין זיינע ווערק סיטואַציעס און געשטאַלטן, וואָס זיינען פאַרבייגעגאַנגען פאַר זיינע אויגן. דאָס האָט צוגעגעבן בערגעלסאָנס ווערק אַ באַזונדערע וואָגיקייט און איבערציַיגטקייט. אייניקע שרייבער, וואָס האָבן געלייענט אין 1909 ד. בערגעלסאָנס „אַרום וואָקזאַל", האָבן געמיינט, אַז דער פאַרפאַסער פונעם בוך איז אַ ייד אין די יאָרן, און דאָס ווערק איז אַ מין אויטאָביאָגראַפישע שילדערונג פון אייגענע איבערלעבענישן. און ריכטיק האָט שלום אַש נאָכן דערשיינען פון „נאָך אַלעמען", געזאָגט מיר, אַז ס'איז גיכער אַ טאָג-בוך פון מירעלע הורוויץ ווי סתם אַ ליטעראַריש בוך. אַזאַ כאַראַקטער פון אויטענטישקייט פאַרמאָגן זיינע ווערק, און אַזוי ווייניק איז אין זיי דער עלעמענט פון אויסגעטראַכטקייט.

און נאָך האָט ד. בערגעלסאָן געשריבן וועגן שלום-עליכמען, אַז „...די באַטראַכטונג און אַפילו די נאַטור ווערט געגעבן (דורך שלום עליכמען) דורכאויס פונעם שטאַנדפּונקט פונעם פּערסאָנאַזש". אויך אָט-די באַציִיכענונג איז שטאַרק אָנגעמאָסטן פאַר ד. בערגעלסאָנען, סיי פון די אַמאָליקע יאָרן און אַזוי אויך ביז זיינע לעצטע ווערק.

דוד בערגעלסאָן איז אַ טיף-סוביעקטיווער קינסטלער, און נאָך מער איז ער עס געווען אין זיינע אַלע פריערדיקע ווערק. לירישע אָפּנויגן, אַ מין באַהאַלטענער נאָכגעזאַנג לאָזט זיך פילן אויף יעדן זייטל. אָבער אַפילו אין זיינע ערשטע שטאַרק-סוביעקטיווע ווערק איז ער אַ צילבאַוואוסטיקער קינסטלער. דער מיין, די כוונה, דער צוועק איז אַ גרויסער עיקר אין זיין שאַפן. אַ ווערק האָט באַדאַרפט אַפריער אַדורכגיין דורך זיין אינעווייניקסטער

גייסטיקער וועלט, אויסגעוואַרעמט ווערן אין זיין געמיט־צושטאַנד (זיין גייס־טיקע וועלט און זיין געמיט־צושטאַנד איז כמעט שטענדיק איינס און דאָס זעלבע), און ערשט דערנאָך איז ער צוגעטראָטן אויסצומייסטרעווען עס. האָט דעריבער דוד בערגעלסאָן אין לויף פון איבער 35 יאָר נישט פיל גע־שריבן. אַרום און אַרום וועלן זיך קוים צונויפקלייבן צען בענד פון ד. בער־געלסאָנס שאַפן. אַנדערע יידישע שרייבער, וואָס זיינען געקומען אין דער לי־טעראַטור אינאיינעם מיט אים און אַפילו מיט יאָרן שפּעטער, האָבן באַוויזן אָנצושרייבן און פאַרעפנטלעכן ביכער אַ דריי־פיר מאָל מער פון אים. און דוד בערגעלסאָן האָט כסדר זיך פאַרנומען מיטן שרייבן און ער האָט געהאַט גינסטיקע באַדינגונגען פאַר זיין קינסטלערישער טעטיקייט.

דוד בערגעלסאָן האָט געשפּאַנט פּאַמעלעך, באַטראַכט און אָפּגעהיט. דער אָנלאָד האָט אַלע מאָל געדויערט לאַנג. ער האָט אויסגעטראָגן אַ ווערק אין משך פון יאָרן. ער איז קיינמאָל נישט געווען סתם אַזוי אַ שרייבער, וואָס פאַרפאַסט ווערק מיט אַ טעמאַטיק, וואָס ער און זיין אינעווייניקסט וועזן האָבן נישט צו איר קיין פערזענלעכע און טיף־אינטימע באַציאונג. ער האָט זעלטן־ווען געבאַרגט שטאָף, מענטשן און איבערלעבענישן פון דער זייט, פון דער פרעמד. ער האָט זיינע ווערק אַדורכגעלעבט און אַדורכגעפיבערט און ערשט דאַן איז ער געקומען מיט זיי פאַר דער עפנטלעכקייט. האָט ער זיך נישט געוואָרפן פון איין וועלט צו אַן אַנדערער, פון איין מענטשן־קרייז צו אַ צווייטן. און ס'האָט זיך אַפילו צייטנווייז אויסגעדוכט, אַז בערגעלסאָן האָט זיך זיין באַגרענעצטע סביבה, זיין אייגן וועלטל, פון וועלכע ער קאָן זיך גאָרנישט אַרויסבאַפרייען. און ס'איז אַפילו דערגאַנגען צו דעם, אַז בער־געלסאָן איז פאַרוויגט געוואָרן פאַר אַ „שיינשרייבער", פאַר אַן עסטעט, וואָס קער זיך ווייניק אָן מיטן וואָכעדיקן לעבן, מיט דער האַרבערווירקלעכקייט. גייט ער זיך דעריבער אויף אַ זייטיקער סטעזשקע און ווייכט פון דעם ברייטן לעבנס־שליאַך.

בעל־מחשבות, וואָס האָט געהאַט אַ וואָך אויג אויף יונגע שרייבער, האָט אין זיין אַרטיקל וועגן בערגעלסאָנס „נאָך אַלעמען" (אין 1913) אָט־וואָס געזאָגט וועגן בערגעלסאָנען: „...ווער איז אָט דער, פון וועמען עס שמעקט נישט מיט דער לופט פון די היינטיקע סאָציאַלע יידישע און אַלגע־מיינע פּראָבלעמען? וואָס צוימט אָפּ זיין געשילדערט וועלטל פון אַלץ, וואָס האָט אַ שייכות צו אַ ברייטן געזעלשאַפטלעכן לעבן?" (געקליבענע שריפטן ב' 4, ז' 168).

נישט נאָר איצט, ווען ד. בערגעלסאָן האָט שוין נאָך זיינע פאַרשיידענע גרעסערע און קלענערע שאַפונגען ווי „מידת הדין", „שטורעמטעג", „בירא־בירזשאַנער", „ביים דניעפּער" (ביידע טיילן), „צווישן לעבעדיקע מענטשן" און די לעצטע קריגס־דערציילונגען, — נישט נאָר איצט קאָן מען נישט כאַ־

ראַקטעריזירן אַזוי בערגעלסאָנען. ס'לאָזט זיך אויך נישט זאָגן וועגן בערגעלסאָ־נען פונעם ערשטן קינסטלערישן פעריאָד, פון די יאָרן 1909־1913, ווען ער האָט שוין געהאַט פאַרעפנטלעכט זיין „אַרום וואקזאַל", „דעם טויבן", „אין אַ פאַרגרעבטער שטאָט", אַז ער האָט אָפּגעצוימט זיין געשילדערט וועלטל פון אַליך, וואָס האָט אַ שייכות צו אַ ברייטן געזעלשאַפטלעכן לעבן.

דער זעלבער בעל־מחשבות, מיט עטלעכע יאָר שפּעטער (אין 1920־1921), האָט אַנדערש אויפגעפאַסט ד. בערגעלסאָנען. אין זיין ביכל „דאָס דרום־יידנטום און די יידישע ליטעראַטור אין 19־טן י"ה" שרייבט בעל־מחשבות: „דוד בערגעלסאָן האָט דורך זיינע ווערק „אַרום וואקזאַל", „נאָך אַלעמען", „אין פאַרטונקלטע צייטן" און אַנדערע דערהויבן סיי די דערציילונגס־פאָרם ווי דעם ראָמאַן ביז צו אַ מדרגה, פון וועלכער די יונגע יידישע ליטעראַטור האָט נאָך ביז היינט ניט געוואוסט. סיי די קינסטלערישע אויסאַרבעטונג פון דער דערציילונג, ווי פון ראָמאַן, סיי דער רעאַליזם, וואָס מיט זיין אימפּרע־סיאָניסטישן פענזל דערגענצט ער זיך אָפט צום סימבאָליזם, האָט ד. בער־געלסאָנען אַרויסגעשטעלט אין די ערשטע רייען. ער איז צוגלייך אויך דער קינסטלער פון אַ נייעם יידישן שטעטל, וואָס שיידט זיך האַרט אָפּ פון אַלע איבעריקע שטעטלעך־סימבאָלן, וואָס מען האָט אונדז געמאָלט ביז אַהער. נאָך אַדאַנק דעם, וואָס ד. בערגעלסאָן האָט אַלס קינסטלערישן הינטערגרונט גע־געבן זיין שטעטל אַ העכערע סיי עקאָנאָמיש, ווי אין דער געוויסער האַרמאָניש־קייט פון איר קערפּערלעכער און גייסטיקער קולטור — איז מעגלעך געווען צו באַקומען די ערשטע גוטע קינסטלערישע דערציילונג, ווי דעם גרויסן געמעל פון אַ יידישן ראָמאַן אין ברייטן קינסטלערישן זין".

דוד בערגעלסאָן האָט פאַר די אַלע יאָרן אַדורכגעמאַכט וויכטיקע פּראָ־צעסן, — פּראָצעסן פון געזעלשאַפטלעך־אידייאישע איבערוואַנדלונגען און פּראָ־צעסן פון קינסטלעריש־מייסטערישער פאַרפולקאָמונג. און ס'איז איצט אינטע־רעסאַנט אַזוי נאָכצוגיין שריט נאָך שריט, ווערק נאָך ווערק און אויפנעמען אָט די אַלע ענדערונגען און אַנטוויקלונגען פון דעם מענטש און קינסטלער דוד בערגעלסאָן. מיר האָבן אָפּגעווויגן, וואַקלענישן און אויך ריסן, וואָס איצט קאָן יעדער איינער אויפפאַסן און אויסטייטשן אויף אַ באַזונדערן אופן. מיר וועלן אויך אָנטרעפן געראַנגלענישן און ווידעראַנאַנדן צווישן בערגעלסאָן דעם מענטש און בערגעלסאָן דעם קינסטלער: נישט אַלע מאָל האָט געהערשט צווישן זיי אַ פולער שלום־בית, פולשטענדיקע האַרמאָניע. ווען איינער האָט באַרעכטיקט, האָט דער צווייטער נאָך אַרויסגעשטעלט טענות, ווען איינער האָט געוואָלט שילטן, האָט דער אַנדערער געבענטשט. אָט די ווידערשפּרוכן און צווייסטיקייטן זעען מיר באַזונדערס אַרויס אין זיין „מידת הדין", און נאָך מער — אין די צוויי טיילן פון „ביים דניעפּער", וואו „יד ימינה מקרבת" — די רעכטע האַנט דערנענטערט, און די לינקע שטויסט אָפּ... אָבער דאָס איז

שוין א גאר באזונדערער ענין, וואס מ'דארף ביי א געלעגנהייט ברייטער באהאנדלען.

בערגעלסאנס ווערק זיינען רינגען, רינג אין רינג, אין דער גאלדענער קייט פון זיין שאפן. און עס איז וויכטיק צו זען דעם כסדרדיקן המשך, די פארבינדונג, די פארקייטלונג פון איין ווערק מיטן צווייטן. דאס וועט אונדז גיבן די מעגלעכקייט צו זען בערגעלסאנען אין זיין וואוקס, צו באגרייפן די פראצעסן פון זיין שאפן. אמת, ס'איז נישט אזוי לייכט אנצוצייכענען די פינקטלעכע דאטעס פאר אלע זיינע ווערק. אייניקע גרעסערע שאפונגען האט ער געשריבן אין לויף פון עטלעכע יאר. אפטמאל איז דער אנהייב געשריבן געווארן ביי גאר אן אנדערער פאליטיש־געזעלשאפטלעכער סיטואציע, און דער המשך, דער סוף — ביי גאר אן אנדערן געמיט־צושטאנד. און אויך דאס איז אן עיקר־שטריך אין זיין שאפן, — יעדעס קאפיטל ביי אים איז א פועל־יוצא פון די רעאלע כוחות־פארהעלטענישן. צי ער האט וועגן דעם געטראכט צי נישט; אבער ס'איז געווען ביי אים דער אינעווייניקסטער ווילן ארויסצוברענגען דורך זיינע שאפונגען די געזעלשאפטלעכע לאסטן און פליכטן, וואס די צייט האט אויף אים ארויפגעלייגט, אדער וואס ער גופא האט אויף זיך ארויפגעווארפן. זיינען דעריבער זיינע ווערק נישט בלויז אויסגעכאוועט אין זיין אייגענער קינסטלערישער שויס (זיי זיינען דעריבער שטארק סוביעקטיוויזירט!), נאר זיי זיינען פראדוקטן פון געראנגלענישן אין דער יידישער וועלט (זיי זיינען דעריבער שטארק אביעקטיוויזירט!).

זיינע פארשיידענע געשטאלטן, אפילו פון די ערשטע ווערק, וואס זעען אויס צו זיין אינגאנצן פארטאן אין זיך, זיינען אדורך די קרייז־פייערן פון דער צייט און געטריבן דורך קאנקרעטע סאציאלע כוחות. זייערע שטימונגען, זייער בענקשאפט זיינען באמת א פועל־יוצא פון די ארומיקע פאסירונגען. שוין אין זיין „ארום וואקזאל" פילן מיר ווי שארף עס שניידט זיך אריין אינעם לעבן פון יעדער געשטאלט דיווירקלעכקייט. מער נישט וואס אין די ערשטע שאפונגען האט דוד בערגעלסאן געגעבן מער דעם צופהילך, מער דעם אפקלאנג פון די געשעענישן.

איצט, אין פערספעקטיוו פון יארן, אין שיין פון די אלע ענדערונגען און פראצעסן, וואס זיינען פארגעקומען די לעצטע צוויי־דריי צענדליק יאר אין יידישן לעבן, זעען מיר באשיינפערלעכער בערגעלסאנס ווערק אין ענגער פארבינדונג מיט די ארומיקע געשעענישן. מיר באגרייפן שארפער, אז אין „נאך אלעמען", „אפגאנג", „אין פארטונקלטע צייטן" האט בערגעלסאן ארויסגעבראכט די אומשטענדן און שטימונגען פון די רעאקציע־יארן אין צארישן רוסלאנד. ער האט געגעבן דעם בין־השמשות, די צווישן־צייט פון 1907-1914, ווען דאס יידישע דרויסנדיקע און אינעווייניקסטע לעבן האט אדורכגעמאכט שווערע געראנגלענישן, טיפע איבערוואנדלונגען.

אַ באַזונדער אינטערעסאַנט קאַפּיטל איז ווי דוד בערגעלסאָן און זיין שאַפן האָבן אַדורכגעמאַכט די צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, רעוואָלוציע, בירגער־קריג. דוד בערגעלסאָן, טריי זיין כאַראַקטער, קאָן זיך אַזוי לייכט נישט צופּאַסן צו נייע סיטואַציעס, ער קאָן נישט גלייך אַריינוואַקסן אין אַ נייער סביבה, אין נייע באַדינגונגען. וועגן דער צייט פונעם ערשטן וועלט־קריג, האָט ער געזאָגט, אַז „אין די מלחמה־יאָרן האָט ער כמעט גאָרנישט געשריבן. געווירקט האָבן דאָ אַ סך סיבות: די מלחמה האָט געדריקט, עס האָט זיך געדוכט, אַז בעלעטריסטיק דאַרף שוין קיינער נישט האָבן. נישט געווען אויך קיין שום דרוק־מעגלעכקייט, וואָרום די צאַרישע רעגירונג האָט אָפּגעשטעלט אַלע יידישע אויסגאַבעס און די גאַנצע דרוק־פּראָדוקציע. נישט געהאַט אַפילו קיין שטימונג צו פאַרענדיקן די פריער־אָנגעהויבענע זאַכן. עס האָט זיך בכלל אָנגערוקט אַ שעפערישער קריזיס. מיר האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז מיטן „אָפּגאַנג" שרייב איך דאָס לעצטע ווערק. מער האָב איך נישט וואָס צו זאָגן, וואָס צו שרייבן..."

ס'ווילט זיך אגב אורחא מאַכן אַ פאַרגלייך, ווי דער איצטיקער, צווייטער וועלט־קריג האָט גאָר אַנדערש געווירקט אויף בערגעלסאָנען, ווי אויף די אַנדערע סאָוועטיש־יידישע שרייבער. דער הייניטיקער קריג איז געוואָרן אַן אייגענער, אַ פאָטערלענדישער, און ווי אַלע שרייבער, אַזוי האָט בערגעלסאָן געפילט דעם הייליקן חוב צו באַטייליקן זיך אין אים מיט לייב און לעבן.

צו דער כאַראַקטעריסטיק פון בערגעלסאָן איז ביז גאָר וויכטיק, ווי ער האָט לכתחילה אויפגענומען די רעוואָלוציע פון 1917. אויך דאָ האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז בערגעלסאָן מאַכט אַדורך פּאַמעלעך, בהדרגה דעם איבערגאַנג פון איין סביבה אין אַן אַנדערער, פון איין פּאָליטישער סיסטעם צו אַ צווייטער. עס האָט געדויערט ביי אים אַ שיינע פּאָר יאָר, ווי ער האָט גענומען אַרויסברענגען די געשעענישן פונעם בירגער־קריג, — הגם אים אַליין איז באַשערט געווען (אין הייסין און אין קיעוו) איבערצולעבן אַלדי גרויזאַמקייטן פון די קאַמפן און פּאָגראָמען, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין די יאָרן 1916-1921. יאָ, ביי בערגעלסאָנען מוז זיין אַ דיסטאַנץ צווישן דעם געשעענעם און דער פאַרגעשטאַלטיקונג. עס מוז פּאַמעלעך „איבערגעקאָכט ווערן" און אָפּגעקילט ווערן, איידער עס קאָן ווערן שטאָף פאַר שאַפן. זיין בוך „שטורעמטעג" און זיין „מידת הדין" האָט ער געשריבן עטלעכע יאָר נאָך דעם, ווי ער האָט אַליין איבערגעלעבט די אַלע פּאַסירונגען. אין „מידת הדין", דאָס ווערק וואָס טראָגט דעם צייכן פון די שווערע איבערבראָך־יאָרן אין זיין, בערגעלסאָנס, אידייאישער איינשטעלונג און אין זיין אויפפּאַסן און אויפנעמען די סאָציאַלע רעוואָלוציע, האָבן מיר אַרויף־און אַראָפּ־שטימונגען. די הויפּטגעשטאַלטן, די רעוואָלוציאָנערן און די פאָרשטייער פון דעם קליינבירגערטום,

טראָגן אין זיך אַט די אינעווייניקסטע וואַקלעניש און דערווידערונגען פון בערגעלסאָנען גופא.

אין די ערשטע פּאָר יאָר פון זיין דערנענטערן זיך צום ראַטנפאַר־באַנד האָט בערגעלסאָן געפרואווט אריבערצעגיין אויף סאָוועטיש־יידישער טע־מאַטיק. ער האָט אָנגעשריבן אייניקע קלענערע דערציילונגען, אָבער ס׳האָט נאָך געפעלט אין זיי דער פּאַרטיפּטער קינסטלער. ס׳איז געווען געבאָרגטער מאַטעריאַל. דאָ און דאָרטן (אין „חברטע בראַניא״, און אין אַנדערע דערציי־לונגען פונעם בוך „לעבעדיקע מענטשן״, 1935) האָט ער באַוויזן אָנצושלאָגן אַ נייעם טאָן. אַ נייער שריט און אַ שטיק נייס פאַר בערגעלסאָנען סיי לויט דער טעמאַטיק און סיי לויט דער פאָרם איז זיין בוך „ביראָבידזשאַנער״ (אַרויס אַרום 1935). אנשטאָט נאָכדערציילן, אנשטאָט מאָלן לאַנג־פאַרענדיקטע און פאַרזיגלטע כאַראַקטערן און דערשיינונגען, גיט ער דאָ אַ לעבן, וואָס האָלט ערשט „אין ווערן״. בערגעלסאָן איז דאָ דינאַמיש, ער מאַכט האַסטיקע באַווע־גונגען, ער ווערט אַליין מיטגעריסן מיטן אימפּעט, וואָס דאָס לעבן אַרום שלאָגט דאָ. אָנשטאָט האַלבע טענער האָבן מיר דאָ הילכיקן געררויש, און אָנשטאָט אַ „פאַמעלעך באַוועגן״ קומט דאָ אַלץ פאַר אין אַ פאַרשטאַרקטן טעמפּאָ.

זיין לעצט ווערק „ביים דניעפּער״ האָט דוד בערגעלסאָן געגומען שרייבן נאָך מיט איבער 15 יאָר צוריק. עס איז אַ ווערק פון אַ גרויסן פאַרנעם, וואָס דאַרף געבן נישט בלויז די אייגענע לעבנס־געשיכטע, זיין גאַנג פון די קינ־דער־יאָרן, זיין היים־סביבה און די קינסטלערישע וועלט, נאָר אויך די צייט, די תקופה מיט אירע פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע אַלגעמיינע און יידישע פּראָצעסן. ס׳זיינען דערשינען דערווייל צוויי טיילן : „פענעק״ (אין 1932) און „יונגע יאָרן״ (1937). צווישן די פאַרשיידענע אויטאָביאָגראַפישע ווערק אין דער יידישער ליטעראַטור (פון מענדעלע מו״ס, שלום־עליכם, פּרץ, מ. ספּעקטאָר, פּרץ הירשביין א״א) פאַרנעמט ד. בערגעלסאָנס ווערק אַ גאַר־באַזונדערן אָרט. די אַלע שרייבער האָבן אונדז אַריבערגעטראָגן אין דער ספּע־רע פון זייערע קינדער־יאָרן. זיי האָבן זיך באַמיט אַריבערצוטראָגן אונדז אין זייערע קינדער־וועלט מיט גאַר איר אַמאָליקייט. דוד בערגעלסאָן איז צוגע־טראָטן צו זיין ווערק מיט דער בפירושער כוונה אַרויסצוברענגען דעם קלאַסן־אַנטאַגאַניזם, אַרויסצואַנטפּלעקן די סאָציאַלע ווידערשפּרוכן פונעם שטעטל. האָט ער כסדר געבויט קאַפּיטל נאָך קאַפּיטל אויף שאַרפע קאָנטראַסטן. און ער האָט עס געטאָן דורך דעם קינד און דערנאָך יינגל און לסוף בחור׳ל פענעק. האָט ער די ווידערשפּרוכן און קאָנטראַסטן צוגעטיילט דעם יונגן פענעק. פענעק איז אַ קינד מיט אַן אַלטן קאָפּ, און אָפט הייסט אים בערגעלסאָן (פון די יאָרן פאַרן איצטיקן וועלט־קריג) צו טראַכטן און צו אַנאַליזירן דאָס אַמאָליקע יידישע לעבן לויט ווי בערגעלסאָן האָט עס בעתן שרייבן אויפגעפאַסט. פאַראַן אין ווערק פּרעכטיקע קאַפּיטלען, אמת־מייסטערישע און פאַרטיפטע. מיר האָבן

אַ סך בערגעלסאָנישע געשטאַלטן און פּאַרשוינען, וואָס זיינען אונדז וואויל־באַקאַנט פון זיינע פריערדיקע ווערק. אַמאָל האָט ער מיטגעפילט, מיטגעליטן זייער אונטערגאַנג, זייער פאַראורטיילטקייט, איצט באַשולדיקט ער זיי, מאַכט זיי פאַרוואורפן, מאָנט ביי זיי פאַר די עוולות, וואָס זיי האָבן באַגאַנגען. אין צווייטן טייל פונעם „ביים דניעפּער", אין די „יונגע יאָרן", פלעכט אַריין בערגעלסאָן וויכטיקע געשיכטלעכע פּאַסירונגען, און אויך אָט די פּאַסירונגען, ווי דער בלוט־בלבול, דער אָפּקלאַנג פון די פּאָגראָמען, פירט ער אַדורך מיט אַ ספּעציעלע ביטול־און־חוזק־באַציאונג, וואָס איז געווען אין איינקלאַנג מיט דער יענצייטיקער אויפפאַסונג פון אַזעלכע פאַלקס־אויסברוכן, אַן אויפפאַסונג, וואָס איז די לעצטע עטלעכע יאָר שטאַרק באַקעמפט געוואָרן אין ראַטנפאַרבאַנד. דער לעצטער וועלט־קריג האָט געמאַכט אַ טיפע איבערקערעניש אין דער־אָ הינזיכט, די ווייטע און נאָענטע פאַרגאַנגנהייט פונעם יידישן פאָלק (ווי ביי די אַלע אַנדערע פעלקער פונעם סאָוועטנלאַנד) איז דערהויבן און פאַרהייליקט געוואָרן. ד. בערגעלסאָן האָט אָט דעם נייעם צוגאַנג באַוויזן אין אַ ריי אַרטיקלען און רעדעס, געשריבן און געהאַלטן די לעצטע יאָרן, און בעיקר אין זיין דראַמאַטיש ווערק „לא אמות כי אחיה" (מיר ווילן לעבן!), ווי אויך אין זיין דראַמאַטישער שאַפונג „ראובני".

ס'איז קיין ספק נישט, אַז דער וועלט־קריג און די אַלע גרויזאַמקייטן, וואָס דאָס יידישע פאָלק האָט אַדורכגעמאַכט, וועלן אויף פאַרשיידענע אופנים קומען צום אויסדרוק אין די ווערק, וואָס דער מייסטער־קינסטלער דוד בערגעלסאָן וועט שאַפן.

דער נסתר

דעם נסתרס נאָמען ווערט כמעט שטענדיק דערמאָנט אינאיינעם מיטן נאָמען דוד בערגעלסאָן. עס איז טאַקע דאָ פיל געמיינזאַמס ביי אָט די צוויי קינסטלער.ביידע זיינען אוקראַינער, ביידע שטאַמען זיי פון קיעווער גובערניע, איינער (דער נסתר) פון סאַמע באַרדיטשעוו, און דער צווייטער (בערגעלסאָן) פון אַ שטעטל אָכרימאָוועו, אין דער געגנט פון אומאַן. זיי זיינען געבוירן אין איין יאָר — אין 1884, — און יאָרן און יאָרן האָט דער גורל זיי צונויפגעפירט אין די זעלבע קולטור־צענטערן און אין איין און דער זעלבער שאַפנדיקער סביבה. זיי האָבן דעביוטירט אין איין צייט־אָפּשניט: דער נסתר אין 1907 (מיט אַ ביכל־לידער „געדאַנקען און מאָטיוון"), דוד בערגעלסאָן — אין 1909 (מיט זיין „אַרום וואָקזאַל"). ביידע זיינען געקומען אין דער יידישער ליטעראַטור ווי פון דער זייט, אומגעריכט, און אַ לענגערע צייט אַזוי פאַרבליבן אַן דער זייט, ווייט פון די ליטעראַרישע יאַרידן, וואַרשע אָדער ווילנע, און אַזוי אויך לאַנג געגאַנגען אויף זייטיקע שטעגן, פאַרביי דעם ברייטן ליטעראַרישן שליאַך. אין דעם „יידישן אלמאנאך", וואָס מיר, דאַן נאָך כמעט

אומבאַקאַנטע יונגעלייט, האָבן אַרויסגעגעבן אין קיעוו אין 1910, האָט דוד בערגעלסאָן פאַרעפנטלעכט זיין דערציילונג „דער טויבער" און דער נסתר — זיין פּאָעמע אין פּראָזע „פרילינג" און אַזוי כסדר, די אַלע 35 יאָר, ווי בערגעלסאָן און נסתר באַטייליקן זיך אין די זעלבע ליטעראַרישע אויסגאַבעס. בערגעלסאָן און נסתר זיינען אַזוי־אַרום ענג געווען פאַרבונדן מיט דער קיע־ווער שרייבער־סביבה, זיי זיינען געווען די וויכטיקסטע און אַנגעזעענסטע פאַר־שטייער פון אָט דער אייגנאַרטיקער גרופּע.

זיי זיינען אַריינגעקומען אין דער יידישער ליטעראַטור נאָך די רווישיקע־ראַשיקע יאָרן פון 1905־1906, ווען אין דער יידישער וועלט, ווי אין גאַנץ רוסלאַנד האָט געהערשט אַ צושטאַנד ווי נאָך אַ שטורעם. אין לעבן און אין דער ליטעראַטור האָט זיך געפילט אַנטווישונג, אויסגעניכטערטקייט און אַ ווילן צוריקצוציען זיך פון די פּאָזיציעס, וואָס האָט אָט־ערשט אויסגע־קעמפט. עס איז געווען אַ צוריקגאַנג פון פאַרשיידענע פּאָליטיש־געזעלשאַפט־לעכע פראָנטן און די רעזולטאַטן: דעמערונג, מיסטיציזם, סימבאָליזם, קאַר־יעריזם און דעקאַדאַנס, וואָס האָט געגרענעצט מיט סאַניניזם און עראָטיזם האָט זיך כסדר געפּאָרט אין לעבן און אין דער ליטעראַטור. אויך די קינסטלער, וואָס זיינען אין תוך געווען פרעמד פון אָט די קראַנקהאַפטע איזמען, האָבן געטראָגן אין זיך שפּורן, וואָס אָדער זיי זיינען פון זיי פאַרגיפטיקט געוואָרן אָדער זיי האָבן זיך געראַנגלט מיט זיי. עס וואָלט געווען אַ באַזונדערע וויכ־טיקע אויפגאַבע נאָכצופאָלגן נאָך די פאַרשיידענע יידישע שאַפונגען פון יענעם פּעריאָד, פון דער „צווישן־צייט", און אַרויסגעפונען די השפּעות פון אַ סאָ־לאָגוב, בלאָק, ווי אויך פון אַ מעטערלינק, וויספּיאַנסקי א"אַ. דער מאַנגל אין אָרט דערלויבט נישט צו מאַכן אַפילו אַ קורצע עקסקורסיע אין דער דעמאָל־טיקער יידישער ליטעראַטור. דאָ אינטערעסירט אונדז אַנצואוואַרפן אייניקע גרונט־שטריכן צו נסתרס קינסטלערישער פּערזענלעכקייט און אַרויסברענגען די הויפּט־מאָמענטן פון זיין אייגנאַרטיקן שאַפן.

זיינען געווען געמיינזאַמע שטריכן און טענדענצן ביי בערגעלסאָן און נסתר?

אין דער אמתן איז זיך שווער פאָרצושטעלן צוויי מער־קעגנזעצלעכע נאַטורן און קינסטלער, ווי זיי זיינען געווען. דער צד־השוה, וואָס האָט זיי דאָך צונויפגענומען אינאיינעם, איז מסתמא געווען מער די אומצופרידנקייט, וואָס ס'איז געווען ביי זיי ביידן (ווי ביי דער גאַנצער קיעווער גרופּע) צו דער מעטראָפּאָליע, צו דער דעמאָלדיקער טומלדיקער ליטעראַרישער וואַרשע, מיטן אויסנאַם פון י. ל. פּרץ. בערגעלסאָן און נסתר זיינען געקומען אין דער יידישער ליטעראַטור יעדער איינער אויף זיין שטייגער, מיט אינעווייניקסטע שטייגערישע און גייסטיקע אוצרות, מיט פּאַרטיפּטע קינסטלערישע מעגלעכ־קייטן, און די דעמאָלסטיקע יידישע דורכשניט־ליטעראַטור, מיט די מאָמענט־

און־טאָג סקיצעס, איז זיי געווען דערווידער. ס'איז כלל נישט קיין צופאַל, וואָס די יידישע וואָרשע האָט זיי לכתחילה געפּרואווט צוציען און אריינציען, אָבער גלייך זיי צוריק געשטויסן. סיי בערגעלסאָן און סיי נסתר האָבן אַ צייט־לאַנג פאַרגעזעצט זייער קינסטלערישע עבודה—איינער אין און אַרום קיעוו, דער צווייטער אין און אַרום זשיטאָמיר. זיי האָבן זיך אָפּט געטראָפן, אָבער יע־דער איז זיך דאָך געגאַנגען זיין אייגענעם וועג. בערגעלסאָן איז געווען אַ רעאַליסט, אַ נגלה, געהאַט פאַר זיך לעבעדיקע מענטשן און סיטואַציעס, און דער נסתר איז געווען אַן אַלעגאָריע־קינסטלער, אַ וויזיאָנער, אַ פאַנטאַזיסט, אַ סימבאָליסט. איינער האָט אַרויסגעבראַכט ווירקלעכע געשטאַלטן, דער צוויי־טער—נישט־דאַיקע. בערגעלסאָן איז געווען שטענדיק פאַרבונדן מיט צייט, מיט אָרט, מיט אַרומיקער סביבה און נסתר — מיט אַ געדאַכטער וועלט, מיט אויסגעטראַכטע, אויספאַנטאַזירטע פאַרשוינען.

ביידע, בערגעלסאָן און נסתר, האָבן שטענדיק ביים שרייבן געהאַט אַ מיין, אַ כוונה, שפּעטער אפילו — אַ טענדענץ. מער נישט וואָס ביי בערגעל־סאָנען איז עס געווען אָפענער, קלאָרער מיין, געווען אַ ציל, צו וועלכער ער האָט זיך געצויגן און געפירט זיינע געשטאַלטן, און נסתר האָט געהאַט עפּעס אַ געהיימע מיסיע, אַ שליחות, וואָס ער האָט איינגעטיילט זיינע יענוועלטיקע ברואים, די „העכער פון דער ערד", די גייערס און זוכער, די בלאָנדזשלער און וויזיאָנערן.

מען האָט אין די ערשטע יאָרן פון נסתרס שאַפן געפּרואווט אים פאַר־וויגן ווי אַ דורכאויס פרעמדן, ווי בלויז אַ נאָכמאַכער פון רוסישע און פּוילישע מיסטיקער. אָבער ס'איז געווען לחלוטין פאַלש, ווייל אומעטום האָט זיך אַרויסגעפילט נסתרס יידישער, טיף־יידישלעכער כאַראַקטער, סטיל, קאָלאָריט און אפילו אין זיינע „אוניווערסאַלע" זאַכן. מיר זעען ביי נסתרן בפירושע שפּורן, איינפלוסן פון ר' נחמן בראַסלאַווערס מעשיות, ווי אויך איבעררופן מיט פּרצעס שאַפונגען און מאָטיוון. נסתר האָט געהאַט פיל דינאַמיק אין זיינע מעשיות, געקלעטער, באַוועג, הגם ער איז אומעטום טיפער לירעקער. ער איז געפירט און געטריבן געוואָרן דורך געדאַנק, דורך באַוואוסטזיין, הגם ער האָט געהאַלטן אין איין פאַרשלייערן זיינע געשיכטן. ער האָט זיך אָפט געלאָזט פאַר־שפּילן אין אייגענער באַרעדעוודיקייט, דער משל אַליין האָט אים אַזוי פאַר־כאַפּט, אַז ער האָט פאַרגעסן אינעם נמשל...

נסתר איז אָפטמאָל אַרויס פונעם אייגענעם קינסטלערישן לאַבירינט, און איז אַריבער צו קלאָרע, פּשוטע מעשיות. דאָס איז געווען אין זיינע „מעשהלעך אין פערזן" (פאַרעפנטלעכט אין 1918־1919)—די וואונדערלעכע, טיף־אייגנאַרטיקע מעשהלעך פאַר קינדער מיט אַלע חנען און שיינקייטן פון פאָלקס־עפּאָס. און ריכטיק האָט בעל־מחשבות (אין זיין דערמאָנטן ביכל) גע־זאָגט: „דער נסתר מיט זיינע מעשהלעך פאַר קינדער און גרויסע אין

פראַזע און אין פערזן האָט אין מאַנכע פון זיי אַרויסגעוויזן אַזאַ איינפאַכקייט בנוגע צו די קינסטלערישע מיטלען, און צוגלייך אַזאַ מאַלערישקייט פון דער מעשה־וועלט, אַז זיי דערמאָנען ערטערווייז די מוסטערהאַפטע פרימיטיוון פון דער קונסט. ערשט מיט נסתרן ווערט די יידישע מעשה־וועלט עפּעס אַזוינס, וואָס דערהויבט זיך איבער אַלע פּראוואָן פון פרץ ביז אַלע זיינע נאָכטוער — און ווערט אַ יידישע ריינע שאַפונג פאַר זיך, וואָס איז דורכגעדרונגען פון אַ ספּעציעלער נאַציאָנאַלער מייסטערישער פאָרם און דורכגעזאַפּט מיט אַ ספּעציעלן יידישן מעשהלעך קאָלאָריט".

נאָך אַט די „מעשהלעך אין פערזן" האָט דער נסתר זיך ווייטער געלאָזט אין געהיימע וועגן צוזאַמען מיט זיינע ברואימלעך, ער האָט ווידער גענומען וואַגלען און וואַנדערן איבער עולמות און מרחקים, און אויפן ווייטן וועג זיך אָנגעטראָפן מיט אויסטערלישע באַגעגענישן און געווען פאַרכאַפּט פון זיי ביז טיפער פאַרגאַפונג, ביז השתפכות־הנפש. און ס'איז געווען אַ מורא, אַז נסתר וועט שוין קיינמאָל נישט קומען צום רעאַלן לעבן. האָט טאַקע אַ באַוואוסטער סאָוועטיש־יידישער קריטיקער (י. נוסינאָוו) אין זיינעם אַ פאָרוואָרט צו נסתרס אַ זאַמלונג סימבאָלישע מעשיות געשריבן (אין 1929): „נסתר איז נישט אימשטאַנד און וועט ניט קאָנען, ס'איז פולשטענדיק ניט אין זיין קינסטלערישער נאַטור, צו קומען צו רעאַליסטישן שאַפן".

און נסתרס היסטאָרישער ראָמאַן „משפחה מאַשבער" (ערשטער טייל דערשינען אין מאָסקווע אין 1939, איבערגעדרוקט אין ניו־יאָרק 1943) איז געווען פאַר אַלעמען אַן איבעררעשונג. דער נסתר איז געוואָרן אַ נגלה.

די, וואָס קענען נסתרס אַרט שרייבן, זיין שפּראַך און זיין סטיל, האָבן נישט געגלויבט, אַז עס איז נסתר דער מחבר פון דעם ראָמאַן, וואָס שילדערט ברייט און רעאַליסטיש דאָס יידישע לעבן אין דער אַמאָליקער טיף־טראַדיציאָנעלער שטאָט באַרדיטשעוו מיט אַלע אייגנאַרטיקייטן.

אין פאָרוואָרט צום בוך זאָגט נסתר צווישן אַנדערן: „כ'האָב שרייבנדיק דאָס בוך זיך געהאַלטן ביי יענעם מעטאָד פון קינסטלערישן רעאַליזם, וואָס באַטייט דאָס זעלבע, וואָס געטעס באַוואוסטער געבאָט: „מאָל, מאָלער, און שוויג!", — מיט דער זיכערקייט, אַז דאָס געדאַרפטע, דאָס פאַר אונדז גע־וואונטשענע וועט קומען במילא, אַליין פונעם עצם־געטרייען מאָלן, ד"ה פון דער איבערלעבער לאָגיק פון די גורלות פון אַזוינע פּאַרשוינען."

באַרדיטשעוו איז פון אַלעמאָל אָן געווען אַ קוואַל, פון וואַנעט גרויסע יידישע שרייבער האָבן געשעפּט פולע עמערס פאַר זייער שאַפן: ליבעצקי, מענדעלע מוכר ספרים, שלום עליכם האָבן קאָנקרעטע באַרדיטשעווער סצענעס און פּאַרשוינען אַריינגעפלאָכטן אין זייערע ווערק. פאַר די עלטערע יידישע שרייבער זיינען די געשטאַלטן געווען לעבעדיק, ווירקנדיק, און די שרייבער האָבן זיי געגעבן אין סאַמע קאָך פון זייער לעבן און ווירקן. גאַנץ אַנדערש

איז ביי נסתרן. די סביבה, די פּאַרשוינען, די סצענעס, קאָנפליקטן, ווירקונגען און פּראָבלעמען נעמט דער נסתר אין אַספּעקט פון געשיכטלעכער ווייטקייט. דער נסתר לאָזט זיי אַליין פירן זייער לעבן און לאָזט זיי זיך אויסלעבן מיט זייערע פרייד און ליידן מיט גאָר דער געשיכטלעכער פאַראורטיילטקייט.

קאַפּיטל נאָך קאַפּיטל מאָלט דער נסתר ברייטע ליוונטן פון דעם אַמאָליקן יידישן לעבנס־שטייגער מיט אַלע זיינע איינצלהייטן און מנהגים. זעלטן ווער פון די יידישע שרייבער האָט אַרויסבאַוויזן אַזאַ טיפע קענטעניש און פאַרשטענדעניש פאַרן אַמאָליקן יידישן לעבנס־שטייגער מיט די אַלע איינצלהייטן און באַזונדערקייטן, ווי דער נסתר ברענגט אַרויס. עס איז נישט נאָר אַ קינסטלעריש ווערק, וואָס האַלט אין שטייגן און שטייגן. עס איז אויך אַ בוך, וואָס איז אָנגעפּיקעוועט מיט אַ סך געשיכטלעכע מאַטעריאַלן און דאָקומענטן. עס איז אויך געגעבן די אַלגעמיינע שטימונג פון צאַרישן רוסלאַנד פון נאָך דעם פּוילישן אויפשטאַנד, מיט זייער אַ אינטערעסאַנטער הוליאַנקע, וואו די פּוילישע פּריצים ווייזן אַרויס זייער פּאַראַכטונג צום רוס. און דערביי איז געשילדערט ווי די רוסישע מאַכט הערשט דעספּאָטיש און אומגעלומפּערט אין דער יידישער שטאָט, זייט שנאה צווישן די נאַציאָנאַליטעטן.

הקיצור, עס איז אַרויסגעבראַכט אַ שטיק יידיש לעבן פון דער יידיש־רוסישער ווירקלעכקייט אין די זיבעציקער יאָרן פונעם לעצטן יאָרהונדערט.

און עס איז ווי דער נסתר האָט ערשט פאַנאַנדערגעשטעלט די ווענט, אַרויסגעבראַכט פּאַרשוינען, צוגעגרייט די אַטמאָספער פאַר ווייטערדיקער אַקציע, וואָס דאַרף קומען אין די קומענדיקע טיילן. דערוויל, אינעם ערשטן טייל, האָבן מיר שוין צענדליקער טיפּן און געשטאַלטן, וואָס וועקן נייגיר, וואָס פאַראינטערעסירן און פאַראינטריגירן מיט זייער ווייטערדיקן גאַנג, מיט זייערע ווייטערע קאָנפליקטן.

דער לאַנג־דערוואַרטעטער צווייטער טייל פון „משפחה מאשבער" ווערט איצט געדרוקט, און וועט איינגיכן דערשיינען אין ניו־יאָרק.

אין די לעצטע פאַר יאָר, די מוראדיקע קריגס־יאָרן, האָט דער נסתר פאַרעפנטלעכט איניקע דערציילונגען, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט דער גרויזאַמער צייט. ער ברענגט אַרויס געשטאַלטן פון אַ העכערן מין, עס זיינען טיף־ראַפינירטע מענטשן מיט אַ מערקווירדיקער דערהויבנקייט אין זייערע נשמות. ער באַטאָנט דערמיט שאַרפער די ברוטאַלקייט פון די דייטשישע שינדער־שענדער, די פאַרשטייער פון דער מכלומרשטער „העכערער" ראַסע. די פּייניקונגען, די דערנידערונגען קומען אַרויס נאָך באַשיינפּערלעכער אין אָנבליק פון דער געלייטערטקייט, פון דעם טיפן שיינעם מסירת־נפש און גלייכצייטיק פאַראַכטונג, וואָס די קרבנות ווייזן און פילן צו די מערדער־פאַרברעכער. אויך

אין די צייט־שילדערונגען האָט זיך אַרויסבאַוויזן דער קינסטלער נסתר מיט גאָר זיין אייגנאַרטיקייט און דינקייט.

פּרץ מאַרקיש

איך קען פּרץ מאַרקישן פון זיינע סאַמע ערשטע ליטעראַרישע שריט אין קיעוו, איך בין אויך געווען אַן עדות פון מאַרקישעס ברויזן און קאָכן אין וואַרשע, איך פאָלג נאָך די אַלע יאָרן מאַרקישעס קינסטלערישע טעטיקייט אין מאָסקווע; ס'איז שוין אַכט און צוואַנציק יאָר, ווי מיר זיינען באַפריינדט געוואָרן — און דאָך איז שווער זיך פאָרצושטעלן, אַז פּרץ מאַרקיש איז שוין אַ מענטש אַ באַיאָרטער — ווערט אַלט 50 יאָר און אַז אָט איז שוין באַלד דרייסיק יאָר ווי ער שרייבט און שאַפט.

פאַר אָט די דרייסיק יאָר האָט פּרץ מאַרקיש אַרויסגעגעבן שיר נישט דרייסיק ביכער און ביכלעך, לידער און פּאָעמען, דראַמאַטישע ווערק און ראָמאַנען, און ווי די ערשטע, אַמאָליקע שאַפונגען, אַזוי אויך די לעצטע, די סאַמע לעצטע פאַרמאָגן אין זיך אַלץ: אימפּעט, ברען און צעפלאַקער, אויפטרייסל, אויפברויז און אויפשווידער. פון די שטילסטע טענער ביז די העכסטע אויסגעשרייען איז ביי אים אַלעמאָל איין שריט. ער איבערראשט אונדז אַלעמאָל מיט זיין קראַפט, ווי ער צעטומלט אונדז נישט זעלטן. גיבן ווענן אים אַן אויספירלעכע אָפּשאַצונג — מיינט גיין פוס־טריט נאָך זיין גיין און שטייגן, נאָך זיין קלעטערן און נאָך זיינע קפיצת־הדרכן. און ... ס'איז דאָ ציל־אַנגעווענדקייט אין זיין שאַפן, און די אַלע גאַנץ־באַזונדערע ווערק זיינען אין דער אמתן וועג־צייכנס אין דעם גאַנג פון דעם אומרואיקן שטענדיק־אויפגעשטורעמטן דיכטער, וואָס האָט געלעבט כסדר מיטן אומרו און מיט די גרעאַנגלענישן פון דער צייט. ער איז סוף כל סוף פיל געשטעלטער און פאַרגאַנצטער ווי זיינע אָפט צעשויבערטע לידער זיינען.

פון די אַלע יידיש־סאָוועטישע קינסטלער איז פּרץ מאַרקיש דער סאַמע פּראָדוקטיווסטער, פאַרשיידנאַרטיקסטער און קאָלאָריטרייכסטער. מער ווי וועלכער ס'איז אַנדערער יידיש־סאָוועטישער קינסטלער איז פּרץ מאַרקיש אַדורכגעפלאָכטן, ער און זיין שאַפן, מיטן יידיש־סאָוועטישן לעבן, מיט דעם פּאַטאָס פון דער רעוואָלוציע און מיט די גרויזאַמקייטן פון דעם בירגער־קריג, מיט דעם געבלענד פונעם ניי־סאָוועטישן לעבן און מיטן פיבער פון בויאונג. מער ווי וועלכער ס'איז אַנדערער יידישער שרייבער פון ראַטנפאַרבאַנד האָט ער אויפגענומען די אינטערעסאַנטע פּראָצעסן און די שווערע איבערוואַנדלונגען פונעם יידישן מענטש, די קאָנפליקטן און קאָליזיעס, וואָס עס האָט געבראַכט דאָס נייע, ניט־געדאַכטע סאָוועטישע לעבן.

און אָן ספק, אַז אויך די לעצטע עטלעכע גרויל־יאָרן, דער וועלט־קריג,

די מאוימדיקע מאַסן־אויסמאָרדונגען פונעם יידישן פאָלק, דער צער און צאָרן, די מיטלייד און האַס, וואָס האָט אָנגעפּילט די יידישע הערצער, האָבן געפונען זייער טיפן און שטאַרקן אויסדרוק אין פּרץ מאַרקישעס ווייטיקדיקע און דער־הויבענע שאַפונגען.

פּרץ מאַרקיש איז געווען פון די ערשטע טויבן, וואָס דאָס אויפגעוואַכטע יידישע לעבן, וועלכעס האָט זיך דאַן גענומען וויגן אויפן אויפברויזנדיקן ים פון דער רעוואָלוציאָנערער אוקראַינע, האָט אַרויסגעשיקט אין דער יידי־שער וועלט מיט אַ פריידיקער בשורה און הילכיקן אָנזאָג פון נייע שאַפערישע טעג, וואָס גייען אויף אין די יידישע שטעט. פּרץ מאַרקיש, דאַן נאָך אַ ניט־רייפער, אָבער מיט אַ אינעווייניקסטער זיכערקייט און „יונגטלעכער חוצפה" איז געקומען פון זיין דעמאָלסדיקער היימשטאָט יעקאַטערינאָסלאַוו קיין קיעוו. ער איז גיך אויפגעכאַפּט געוואָרן פון די שטורמישע לעבנס־כוואַליעס און זיך געלאָזט טראָגן פון דעם געברויז, פון דעם אויפשטורעם, וואָס ער האָט גע־נומען אַריינברענגען אין זיינע ווערק. ער האָט קיינמאָל ניט געוואָרט דער שטורעם זאָל פאַריבער, דער שטורעם אינדרויסן און דער שטורעם אין אים, ער האָט ניט געפּרואווט פאַרהאַמעווען זיי, — און דאָס האָט זיך אָפּגערופן אויף אים און אויף זיין שאַפן. ער האָט געגעבן אָפּט דעם שוים, דעם אויפשוים פון אייגענעם און אַרומיקן „קאָכן און זידן".

אין אַן אַרטיקל וועגן דעם טראַגיש־אומגעקומענעם אוקראַיניש־יידישן דיכטער אשר שוואַרצמאַן (אין דער אשר שוואַרצמאַן־זאַמלונג, מאָסקווע 1940), האָט מאַרקיש צווישן אַנדערן אַט ווי כאַראַקטעריזירט אים: „... און מערק־ווירדיק, וואָס זיינע ערשטע לידער תיכף נאָך דער אָקטאָבערישער איבערקע־רעניש האָבן מיט זיך פאַרגעשטעלט אַן אמת דיכטערישע מאַניפעסטאַציע פונעם נייעם רעוואָלוציאָנערן אויסדרוק. אינגאַנצן פריש, אינגאַנצן אַן אַנדער געבוי, אַן אַנדער פאַקטור. אינגאַנצן אַ נייע און אַ פרישע ריטמישע פאַר־טיטור, וואָס איז געגאַנגען דירעקט פון דער נייער רעוואָלוציאָנערער טעמאַ־טיק. די יונגע, נאַרוואָס געבוירענע רעוואָלוציאָנערע ראָמאַנטיק — זי האָט דורך אשר שוואַרצמאַנען געבראַכט אירע אייגענע, נאַרוואָס געבוירענע קלאַנ־גיקייט און אייגנאַרטיקייט". און ווייטער: „דורך אשר שוואַרצמאַנען האָט גלייך פון סאַמע אָנהייב רעוואָלוציע אַ שטראָם געטאָן אַזאַ אָריגינעלער און אייגנאַרטיקער קוואַל, וואָס האָט ווירקלעך גאַנצע יאָרצענדליקער געריזלט אונטער פעלזן, און די גאַנצע שפּעטערדיקע סאָוועטישע יידישע דיכטונג אַן אויסנאָם האָט זיך אין משך פון אַלע צוואַנציק יאָר געפרישט אין דעם דאָזיקן עכטן דיכטערישן קוואַל און זיך געשפּייזט פון זיינע טיפן—סיי די, וואָס האָבן מיט אים אָנגעהויבן אינאיינעם, און גאַנצע דריי־פיר דיכטערישע גענעראַציעס שפּעטער ביז צו די סאַמע יינגסטע, וואָס זיינען שוין אַלס דיכטער געבוירן געוואָרן אין דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט".

אַט די ווערטער כאַראַקטעריזירן פּרץ מאַרקישן גופא און זיין דיכ־טערישן שאַפן, וואָס איז געווען „אַן אמת־דיכטערישע מאַניפעסטאַציע פונעם נייעם רעוואָלוציאָנערן אויסדרוק".

אינעם ערשטן פעריאָד פון זיין שאַפן איז ער אָפט אַליין דער צענטער פון זיין דיכטערישן אויפברויז. ער איז פול און איבערפולט מיט קלאַנגען און געזאַנגען. ער ווערט מיטגעריסן פון זיי, ער ווערט פאַרכלינעט פון דער אייגענער דיכטערישער שפע. און ווי זיין דיכטערישער געמיט אַזוי אויך די נאַטור, וואָס ער ברענגט אַרויס אין זיינע לידער. זי איז אויך אַזוי דינאַמיש, שטראָמנדיק און שטורעמדיק. אַן אויסנאַם זיינען געווען זיינע לידער פונעם ציקל „וואַלין", וואָס ער האָט פאַרעפנטלעכט אין זיינע ערשטע צוויי לידער־זאַמלונגען „שוועלן" און „פּוסט און פּאַס". דאָ האָבן מיר רואיק־עפּישע שילדערונגען פון זיין בונטן און באַהאַרציקטן וואָלין, וואָס דערמאָנען מיט זייער ליכט און אָנגעזעטיקטקייט די זאַפטיקע, קרעפטיקע וואָלינישע לידער פון זיין „לאַנדסמאַן" ח. נ. ביאַליק.

אין משך פון עטלעכע יאָר האָט פּרץ מאַרקיש אַרויסגעגעבן פאַרשיי־דענע לידער־זאַמלונגען, וואָס די נעמען גופא גיבן אַ באַגריף פון דעם דיכ־טערס פיזיאָנאָמיע און געמיט־צושטאַנד. „שוועלן" (קיעוו 1919), „פּוסט און פּאַס", „נאָכן טעלערל פון הימל", „שטיפעריש", „אינמיטן וועג" (יעקאַ־טערינאָסלאַוו 1919־1922) און דערנאָך קומען: „סתם", „די קופּע", „אין סקילה־לאַנד", „פאַרבייגייענדיק" (וואַרשע, ווילנע 1922־1927).

די גרעסטע פון די זאַמלונגען „סתם" הויבט זיך אָן מיט אַ גרעסער ליד — אַ מין מאַטאַ, וואו מיר האָבן אַזעלכע הייס־אָנגעגליטע שורות:

— דיין האַמער, זון,
מיין ברוסט, ווי אַ קאָוואַדלע — אויפגעמען איז גרייט,
דיינע צעגליטע העק
האָט שוין דערהערט מיין האַרצס נאָך ניט געריבטער וואַלד,
— שפּאַלט!

צווישן די אויסגערעכנטע לידער־ביכער פאַרנעמט אַ באַזונדערן אָרט פּרץ מאַרקישעס גרויזאַם, מאַוימדיק לידער־בוך אָדער פּאָעמע „די קופּע". עס איז געווען אַ געוואַגטער פאַרמעסט צו געבן אַ נייע דיכטערישע „אין שחיטה־שטאָט", וואָס ח. נ. ביאַליק האָט פאַרפאַסט אין 1903, נאָכן קעשע־נעווער פּאָגראָם. ביי ביאַליקן איז די שכינה אַ פאַרשעמטע, ביאַליק טענהט זיך אויס מיט גאָט, ער רופט צו אים, און ביי מאַרקישן וואַקסט אויס די קופּע הרוגים אין אַ געוואַלדיקן פּראָטעסט קעגן גאָט. עס איז אַ מין נייער בבל־טורעם, וועמענס גרייפט אָן גאָט. ביאַליק וויל זיך אַליין אויסצושמידן אַ האַרץ פון אייזן, כדי צו קאָנען זען און באַגרייפן אַלדאָס געשעענע רואיק,

און פרץ מאַרקיש וויל גאַרניט זיין רואיק, ער שעלט, ער רייסט קבֿרים, ער רופֿט די גרויזאַם־פֿאַרפּייניקטע, די מיאוס־געשענדעטע צו אַ בונט קעגן דעם הימל. „די קופּע" איז פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן אין פֿאָרם פֿון אַ גרויסער פֿאַר־צייטיקער מגילה, אין שוואַרצע טאָוולען און מיט אַ דראַענדיק־אַרויסרופֿערישער־בלאַט. און אַזוי איז די פּאָעמע פֿאַרבליבן אין געדעכעניש, אַזוי האָט זי זיך איינגעשניטן אין זכּרון, — אַ שוואַרצער אָנדענק, אַן אומהיילבאַרע וואונד פֿון יענע שווידערלעכע יאָרן אין דער בלוט־אָפּגעגאַנגענער יידישער אוקראַיִנע.

די עטלעכע יאָר, וואָס מאַרקיש האָט פֿאַרבראַכט אין פּוילן, זיינען גע־ווען אינטערעסאַנטע און מערקווירדיק־פּראָדוקטיווע יאָרן סיי פֿאַר מאַרקישן און סיי פֿאַר דעם דעמאָלסטיקן קולטור־געזעלשאַפֿטלעכן לעבן אין דעם פּוילן־לאַנד, וואָס האָט פֿאַרמאָגט אַזוי פֿיל ווידערשפּרוכן — ליכט און שאָטן, פּאָליטישע אונטערדריקונג און יידיש־שאַפֿערישער צאַפּל. עס זיינען געווען פּריידיקע און „חוצפּהדיקע" צייטן, מאַרקיש האָט זיך דאַן געטראָגן אויף די אויפֿגעשטורעמטע כוואַליעס פֿונעם יידישן שאַפֿן.

מיט זיין צוריקקומען קיין ראַטנפֿאַרבאַנד (אין 1927) הייבט זיך אָן פֿאַר מאַרקישן אַ נייער מין „בראשית". ער ווערט שנעל אַריינגעצויגן אין דעם לעבן און שאַפֿן פֿון דעם לאַנד, און זיין פּראָדוקטיוויקייט האַלט אין שטייגן. ער שטייט שוין מער נישט ביי שוועלן, ער איז שוין מער נישט פּוסט און פּאַס, ער זינגט שוין נישט סתּם אַזוי לידער און שטייט שוין מער נישט איִנ־מיטן וועג...

אין 1929 גיט ער אַרויס זיין ערשטן ראָמאַן „דור אויס דור איין", און אין 1930 שרייבט ער אָן זיין ערשטע פּיעסע „נישט געדאגהט". וועגן דעם ראָמאַן וועלן מיר נאָך רעדן שפּעטער. אין זיין פּיעסע, מיט וועלכער ער האָט דעביוטירט ווי אַ דראַמאַטורג, האָט מאַרקיש געגעבן אַ שטיק צאַפּלדיקע סאָ־וועטישע ווירקלעכקייט — די יידישע ערד־איינאָרדענונג מיט אירע פֿריידן און ליידן. אַרויסגעבראַכט פֿאַרשיידענע פּאָזיטיווע און נעגאַטיווע געשטאַלטן פֿון די יידישע איבערוואַנדערער, האָט ער אין צענטער געגעבן אַ ייד אַ בעל־גוף, עקיבֿא, און געגעבן אים פֿולבלוטיק, קרעפּטיק. די יידיש־סאָוועטישע קריטיק און עולם האָבן דעם ערשטן סצענישן פּרוּוו זייער גוט אויפֿגענו־מען. „מיר האָבן באַקומען אַ פּיעסע אַ נייע, אַ געזונטע, אַ קרעפּטיקע, אַ פֿרישע, אַ לעבעדיקע, וואָס רעגט, וואָס רייסט־מיט מיט די געשעענישן. מאַרקיש האָט אַריינגענומען ממש די לעצטע געשעענישן פֿון דער היינטצייטיקייט".

צו דער זעלבער טעמע — דער יידישער גבֿיר, וואָס די רעוואָלוציע טרעפֿט אים און נעמט אים איבערקנעטן, דער יידישער גבֿיר, וואָס ווערט אַריינגעצויגן אין דעם גערנגל מיט דער נייער ווירקלעכקייט און זיין ווידער־שפּעניקן און ראַנגלענישן מיט די נייע לעבנס־געזעצן, — קערט זיך פּרץ מאַרקיש אום אין זיין ווערק „דעם בעל־גופֿס טויט" (אין 1936). אַנשטאָט זאַ־

ליאזניק, אַ שטיקל קרוב מיטן בעל־גוף עקיבא (אין „ניט־געדאגהט") אַ שטעטלדיקער עושר ווערט רואינירט דורך דער רעוואָלוציע און ער פּאָרט אַוועק (בעת דער יידישער קאָלאָניזאַציע) אויפן סטעפּ, צו ווערן דאָרט אַ פּויער. ער אַרבעט זיך אַרויף דאָרט מיט דער צייט און ווערט אַ בעל־גוף (אַ קולאַק), אָבער די קאָלעקטיוויזאַציע גלייכט אים ווידער אויס, און ער ווערט אַ „קאָניוך" אין דעם קאָלווירט. מאַרקיש שטעלט זיך אָפּ באַזונדער אויף דעם געראַנגל פון דער דורותדיקער ירושה, אויף דער עקשנות, אויף דער האַרטנעגיקייט פון אַ קלאַס, וואָס קאָן ניט און וויל ניט נאָכגעבן, אָפּטרעטן, און ער קומט אום.

און אינצווישן (1934) פאַרעפנטלעכט מאַרקיש אַ צווייטן ראָמאַן „איינס אויף איינס" (אָדער ווי ס'האָט געהייסן צוליב זיין הויפּט־טיפּ — „נייטן בעקער"). פאַר די אַלע, וואָס האָבן גוט געקאָנט מאַרקישן דעם דיכטער, דעם אימאַזשיניסט, דעם בילדער־אָנוואַרפער איז דער רעאַליסטישער ראָמאַן געווען גאָר אַ נייס. דאָ טרעפן מיר אַ נייעם מאַרקיש, אַ געזונטן פּראָזאַאיקער, אַ טרעפלעכן צייכנער פון מענטשלעכע געשטאַלטן, אַ שאַרפן מאָלער פון שטייגערישע פּאַסירונגען, און מיט אַ טיפן חוש פאַר הומאָר און מיט דער שטאַרקער באַטאָנונג פון דעם געוואונטשן, פון דעם ציל־באַוואוסטן. און נאָך אַ ווייכטיקער מאָמענט: דאָס כללישע, דאָס קאָלעקטיווע פלעכט זיך כסדר מיטן פערזענלעכן, פּריוואַטן. ס'זיינען דאָ גלענצנדע און קלוגע איבערגאַנגען פון דעם אָביעקטיוון צום סוביעקטיון. די אַלגעמיינע סיטואַציע דיקטירט די איבערלעבענישן פונעם יחיד, און דער יחיד מיט זיין געמיט־צושטאַנד כאַראַקטעריזירט די צייט, דעם הייסן און ליידנשאַפטלעכן בוי־פּעריאָד אין אוקראַינע.

נייטען בעקער, אַ ציגל־לייגער אין אַמעריקע אַ קנאַפּע 30 יאָר, לאָזט זיך קיין ראַטנפאַרבאַנד „צולייגן ציגל צום סאָציאַליזם". מיט אים פּאָרט זיין ווייב מייקע. מאַרקיש טרעפט זיי אויף דער שיף, ער מאָלט סאַרקאַסטיש די מיטפּאָרער און דערנאָך פירט ער זיי אַרום איבערן ראַטנפאַרבאַנד, פריער אין דעם געבורט־שטעטל, דערנאָך אין כאַרקאָוו, וואָס געפינט זיך אין אַן אַטעם־פאַרכאַפּנדיקן צושטאַנד פון בוי־פּאַרמעסטונגען. מאַרקיש ברענגט צונויף כסדר נייטן בעקערן, זיין פּרוי, מיט די סאָוועטישע מענטשן און דערפירט צו שאַרפע קאָליזיעס און צוזאַמענשטויסן. ער באַטאָנט אומעטום דעם אונטערשייד צווישן דעם אַמעריקאַנער מענטש מיטן סאָוועטישן. צווישן די רעאַליסטישע זייטלעך כאַפּט זיך שטענדיק אַריין דער געזאַנג, דער פּאַטאָס פאַר אַרבעט, פאַר שאַפונג, וואָס באַהערשט דאָס לאַנד, די בירגער און ממילא דעם דיכטער. איבערן בוך זיינען אויך דאָ גלענצנדיקע דיכטערישע אָפּנויגן. מיר האָבן דאָ וואונדערלעכע מעטאַפאָרן, קאָלירפולע שילדערונגען, דיכטערישע ווענדונגען פון „מה טובו אוהליך", ראַטנפאַרבאַנד.

„פּאַטערלעכע ערד" — אונטער אָט דעם נאָמען האָט מאַרקיש אין 1938 אַרויסגעגעבן אַ גרויסע זאַמלונג, אַן אָפּקלייב פון זיינע לידער און פּאָעמעס. אויף אייניקע לידער, וואָס קומען אינעם ערשטן ציקל „דאַרשט" האָבן מיר די דאַטע „1917" — דאָס יאָר, ווען ער האָט געשטעלט זיינע ערשטע דיכטערישע שריט אין דער יידישער ליטעראַטור, צו פאַרנעמען אין איר גאָר אינגיכן אַ גאָר בכבודיקן אָרט.

דאָס בוך, וואָס האַלט געדיכטע 390 זייטן, איז אַ מין דיכטערישער סך־הכל, אַ מין „קיצור" פון פּרץ מאַרקישעס דיכטערישן שאַפן. פון די ערשטע מער־צאַרטע, מער־שטילע לידער ביז די גרויסע, שווער־אָנגעלאָדענע פּאָעמעס איז פאַלג מיך אַ גאַנג. די לידער זיינען דאָ געטיילט אויף פּאָלגנדיקע סעריעס: „דאַרשט"; „ווינטמילן"; „שטאָמען"; ביי דעם אויפגאַנג"; „עס גייט, טייגע, צו דיר איצט יונג ווערן אַ פאָלק"; „פּאַטערלעכע ערד"; „דער וואונדערלעכער דור"; „שפּאַניע"; „מזרח און מערב". אַז מען וויל זיינען עס שטאַפּלען אין מאַרקישעס דיכטערישן גאַנג. וויפיל פאַרשיידענע מאָטיוון, סאָר אַן אונטערשייד פון פאָרמען, סאָר אַן אַנדערשדיקע טעמאַטיק פאַר צוואַנציק יאָר דיכטערישן שאַפן!

עס זיינען פאַר אונדז לחלוטין ניי די לידער און פּאָעמעס, וועלכע זיינען אַרויסגעוואַקסן פון דער אַלגעמיינער סאָוועטישער ווירקלעכקייט, וואָס איז אייגן און נאָענט געוואָרן דעם סאָוועטישן ייד און ממילא זיין דיכטער. וועגן דער אַלגעמיינער טעמאַטיק, וואָס איז אַן אָרגאַנישער טייל פונעם יידיש־סאָוועטישן שאַפן, — וועגן דעם לאָזט זיך פיל רעדן און פאַרגלייכן עס מיטן צושטאַנד פונעם יידישן קינסטלער אין דער וועלט, וואָס לעבט נאָך אַלץ אין אַן אייגענער געטאָ, אין אַ מין „תחום המושב"... עס איז מערקווירדיק דער שטאַרקער איינפלוס אויף אָט־די אַלגעמיינע לידער פון פּרץ מאַרקיש פון די אַלטע רוסישע „בילינעס" (פאָלקס־לידער). אַ אינטערעסאַנטער געמיש — סאָוועטישע היינטצייטיקייט מיטן אַמאָליקן עכט־רוסישן פאָלקלאָר.

און אָט דערשיינט אין 1941 דער צווייטער באַנד פון מאַרקישעס „דור אויס דור איין". ביידע בענדער פון אָט דעם ווערק האָבן אַ 900 געדיכטע אָנגעפּיקעוועטע זייטן. מאַרקיש, דער געפילפולער, דער דיכטער מיט אַ „הויכער טעמפּעראַטור" האָט געהאָט די באַדערפעניש צו ברענגען צום אויסדרוק די פּאַסירונגען און געשעענישן, וואָס האָבן זיך איינגעשניטן און איינגעקריצט אין זיין אייגן האַרץ און נשמה. די ביכער נעמען אַרום אַ צייט־לויף פון אַ 7 יאָר, זינט דעם אויסברוך פון וועלט־קריג, 1914 ביזן סוף פונעם בירגערקריג 1920. דור אויס דור איין, — עס קומט אַפּריער דער אָנלאָד פון די געשעענישן, עס ווערט געגעבן לכתחילה די אַטמאָספער, דער פאָן, וואו און אויף וועלכן עס וואַקסן אָן פּאַסירונגען און עס געשטאַלטיקן זיך אויס מענטשן, וואָס זיינען אַפּריער פּאַסיוו, — זיי זיינען מער ניט ווי שפּענדלעך

אויפן ים פון די פּאַסירונגען, אָבער דערנאָך ווערן אַט די שאָטנס, אַט די סילועטן, — מענטשן, געשטאַלטן, העלדן, וואָס באַוועגן מיט די רעדער פון דער צייט, פון דער תקופה.

דור אויס דור איין, — אַפריער האָבן מיר פאַר זיך דאָס יידישע שטעטל, דאָס וויגעלע און דאָס אָרט, וואו די יונגעלייט דרייען זיך אַרום, זאָפּן איין אין זיך אומרו, פּראָטעסט, דראַנג צום לעבן. און אַרום זיי — זייערע טאַטעס און מאַמעס און הייזער און דער אַרומיקער לעבנס־שטייגער מיט זייער גאַנצער פאַראורטיילטקייט און האָפנונגסלאָזיקייט, מיט די אַלע פאַרשוינען און השגות, וואָס זיינען אונדז גוט באַקאַנט פון קאַבצאַנסק, טוניעיאַדעווקע, קאַסרילעווקע און מאַזעפּעווקע — מער ניט, וואָס אַלץ גייט שוין ניט דאָרט ווי אַמאָל, — נאָר עס קומען נייע צייטן און נייע דערשיינונגען, וואָס ווען שנעל אומברענגען דאָס שטעטל, וועלן עס פאַרניכטן, צעשטערן און פאַרטיליקן. די אַקציע, די ווייטערדיקע האַנדלונג, טראָגט זיך אַריבער אין דער גרויסער שטאָט, — און ס'איז שוין ניט גלופּסק (מענדעלעס) און ניט יעהופּעץ (שלום־עליכמס), נאָר די גרויסע שטאָט פון ערב דעם וועלט־קריג פון 1914, און דערנאָך קומען די מלחמה־יאָרן, רעוואָלוציע און דער מוראדיקער בירגער־קריג, וואָס דויערט עטלעכע יאָר אין אוקראַינע און וואָס ברענגט מיט זיך האָסטיקע, ראַשיקע, גרויזאַמע געשעענישן, — פּאָגראָמען, שחיטות, פאַרשידענע באַנדעס, און ווידער אַמאָל שיינט אויף די זון פון דער רעוואָלוציע, וואָס צעטרייבט די אַלע מוראדיקע כמאַרעס און שטעלט איין אַ ניי, פרידלעך לעבן, וואָס גייט זיך בויען פון סאַמע פונדאַמענט אויף גאָר נייע סאָציאַליסטישע יסודות.

דור אויס דור איין, טאַטעס וואָס האָבן פאַרגעזעצט אַ לעבן פון עלטערן און עלטער־עלטערן, מיט ירושה פון דור־דורות, מיט טראַדיציעס און מנהגים און אָבערגלויבענישן אויף שריט און טריט. דער עלטערער דור איז דער לעצטער. לעצטע מאָהיקאַנער אין דער אַלטער, מיטלאַלטערלעכער יידישער וועלט. דער יינגערער דור ברעכט צווישן, רייסט איבער מיט דער ירושה פון אבות, ער קומט מיט אַ גאָר נייער וועלטלעכער איינשטעלונג, ער ווידערשפּעניקט סיי קעגן דער אַלטער יידישקייט און סיי קעגן די צאַרישע געזעצן און אירע באַשיצער.

אַט דעם שאַרפן איבערבראָך, אַט די אינעווייניקסטע און אויסנווייניקסטע רעוואָלוציע, אַט די איבערשאַצונג פון אַלע ווערטן, ברענגט אַרויס אין אַ זייער שטאַרקער פאָרם פּרץ מאַרקיש, אַליין אַ קינד פון דעם יידישן שטעטל, וועלכער האָט אין דער אייגענער טיף אַדורכגעמאַכט, אַדורכגעפיבערט אַט דעם איבערבראָך, אַט די איבערוואַנדלונג, וואָס יענער דור האָט מיט אַזוי פיל ווייַ און פרייד, מיט אַזוי פיל איבערלעבענישן און קאָנפליקטן אַרויסגעטראָגן אין זיך און גלייכצייטיק אויך פאַר דער וועלט.

אין צענטער פונעם ערשטן באַנד האָבן מיר אַ ייד, דעם פּאַטער מענדל מילנער, וואָס טראָגט אויף זיך און דורך זיינע טאָוונגען גאָר דעם טראַגיזם פונעם אָפּגעלעבטן און פאַראורטיילטן שטעטל, מיט די אונטערגייענדיקע פּרנסות, מיט די פאַרצייטיקע פאָרשטעלונגען און באַגריפן פון גאָט און וועלט. דער צווייטער באַנד איז פאַרפילט מיט עזראן, מענדלס זון, וואָס פאַרקערפּערט מיט זיך די רעוואָלוציאָנערע יוגנט, וואָס האָט פאַרבונדן איר גורל מיט דער רויטער אַרמיי און ראַנגלט זיך מיט די אַלע באַנדיטן און ווייסגוואַרדיער בעתן בירגער־קריג. און מערקווירדיק איז, וואָס נאָכן פּאַטער מענדל בלייבט איבער אַ בריוו, אַ מין גייסטיקע צוואה צו זיין זון עזרא. דער בריוו איז געשריבן אין אַן אַלטן מליצהדיקן העברעאיש און עס שיינט אַרויס פון אים די נשמה, די הערלעכע געשטאַלט פון דעם פאַרשטייער פונעם אַלטן דור, פון דעם פאַר־שטייער פון דער אַלטער וועלט, וואָס געזעגנט זיך מיטן זון. ער נעמט אַן אַלע יסורים מיט ליבשאַפט, ער זעט אין זיך אַ פאַרזעצונג פון דורות און דורות, וואָס זיינען מיט אַ גרינג געמיט געגאַנגען אויף קידוש־השם און אומ־געקומען מיט אינעווייניקסטער פרייד און גלויבן. און אויך נאָך עזראן בלייבט איבער אַ בריוו צו זיין פריינדין סאָניע, וואָס איז אויך פול מיט אַן אַנדער גלויבן און מיט אַ נייעם מוט און מיט אַ נייער פרייד פאַר דער וועלט, וואָס ווערט געבוירן אין קאַמף. דור אויס און דור איין, און געוויס איז דאָ אַ גע־שיכטלעכע פאַרבינדונג, אַ קייט מיט רינגען, און יעדער דור איז אַ רינג אין דער קייט. פריער מענדל, דערנאָך עזראַ.

דור־אויס דור־איין, תקופה־אויס תקופה־איין, און ווידער זיינען מיר געשטעלט געוואָרן פאַר נייע אויפטרייסלונגען, פאַר נייע אומזיניקע קרבנות, פאַר נייע שווערע נסיונות. פּרץ מאַרקיש איז אַריינגעוואָרפן געוואָרן אין די פלאַמען פייער פון די גרויזאַמע געשעענישן און דורך פאַרשיידנאַרטיקע ווייטיקפולע צער־לידער, דורך ברויזנדיקע צאָרן־לידער האָט ער אַרויסגעשריגן און אַרויסגעהילכט דעם האַס צו די ברוטאַלע אַריינדרינגער און אַרויסגעוויינט דעם געוויין פון די פאַרפייניקטע יידישע מאַסן. מאַרקיש האָט אָנגעשלאָגן נייע טענער, דערגרייכט צו נייע דיכטערישע הויכן, וואָס נאָר אַ גרויסע פאָלקס־טראַגעדיע קאָן דערהויבן די עכטע דיכטער.

ניו־יאָרק, סעפּטעמבער 1945.

שלמה ביקל

דער יידישער פּראָזע־סטיל

(נאָטיצן פאַר אַ קריטישער אַרבעט)

VIII *)

איך האָב אַ סך מאָל געהערט זאָגן, אַז אַש האָט נישט קיין סטיל און אַלעמאָל, ווען איך האָב דאָס געהערט, האָב איך געטראַכט אַז מיט דעם זאָגער איז עפּעס נישט כשורה. אַזאַ פאַרניינער פון אַשעס סטיל איז מיר אויסגעקומען ווי יענער טוריסט וואָס האָט געמשפּט און פאַרמשפּט דעם באַרג, ווייל עס זיינען אים נישט וואוילגעפעלן די שטעכלינקעס וואָס וואַקסן אויף אים.

און שטעכלינקעס־ווערטער און זאַצן וואָס בריען מיט זייער קרומען סינטאַקס ווי מיט קראָפּעווע זיינען פאַראַן לרוב ביי אַשן. אָבער זיי קענען נישט מינערן פון דעם וואָס הייסט סטיל ביי אַ שרייבער, פּונקט ווי די פאַרוואָרלאָזטקייט פונעם באַרג קאָן ביי אונדז גאָרנישט צונעמען, נישט פון זיין גרויס און נישט פון די האָריזאָנטן וואָס עפענען זיך פאַר אונדז.

> „נישט די ווערטער, נאָר דער באַלעבטער טאָן, די פלאַקערדיקע אויגן פונעם יונגעל, האָבן דעם פּאָטערס האַרץ צעטרייסלט".

אַזוי דערציילט אונדז אַש וועגן דעם געזעגענונג־געשפּרעך צווישן דעם לערער הורוויץ און זיין יונגען זון דוד, איידער מע האָט אים, דודן, אַוועקגעפירט שיסן. און מיר דאַכט, אַז דער „באַלעבטער טאָן" און דער „פלאַקער פון די אויגן" לעבן וועלכע ווערטער גופא ווערן ערגעצוואו אַ תפל, כאַראַקטעריזירן נישט בלויז די שפּראַך פון איינעם פון אַשעס העלדן אין ראָמאַן „וואַרשע", נאָר אויך שלום אַשעס דערציילערישן סטיל בכלל.

עס איז שטענדיק דאָ אין אַשעס סטיל עפּעס אַזוינס וואָס דינאַמיזירט און צעטרייסלט דאָס געפיל ביים לייענער. דער „עפּעס" בלייבט אָפט שורות־ווייז, זייטענווייז פאַרבאָרגן ביז פּלוצים גיט זיך אַ ריס אויף אַ שפּראַכווענדונג, אַ מעטאַפער, אַ בילד, אַ רעפלעקסיע און דער „עפּעס" גיט אַ בליץ אויף מיט ליכט און דערעיקרשט מיט עמאָציאָנירנדיקן פּאַטאָס. און דאָס אויסטערלישע דערביי איז וואָס דער ניגון באַלאַנגט שוין איצט נישט בלויז צו די ווערטער און צו די שורות וואו איר האָט אים אַרויסגעהערט. די מעלאָדיע שפּרייט זיך אויף קעריק און באַלעבט מיט

*) זע די ערשטע זיבן נאָטיצן אין „זאַמלביכער" נומר 5, פעברואַר 1943.

איר פּאַטעס אויך די פֿריערדיקע פּאַראַגראַפֿן און פֿריערדיקע זייטלעך וואָס האָבן צו אייך נישט געלויכטן און נישט געזונגען. אמת איז: קיין ניסים געשען ניט. דאָס שפּראַכלעך פֿאַרגרייזטע און סינטאַקטיש אומבאַהאָלפֿע־נע און פֿאַרקרימטע, וואָס האָט אייך דאָ און דאָרט אַזויפֿיל מאָל געשטערט, גלייכט זיך טאַקע ניט אויס, אָבער עס ווערט זייטיק און אומוויכטיק. עס פֿאַרשווינדט אונטערן פּאַטאָס פֿון בילד און קלאַנג. וואָס באַדייט שוין די פּלאָנטערניש פֿון די היפּשלעך אומבאַהאָלפֿענע זאַצן אַז

„ער האָט געוואוסט, אַז ער דאַרף איצט קלערן וועגן עפּעס אַנדערש, אַז באַלד וועט מיט אים געשען אַזעלכעס, וואָס וועט אַן ענדע מאַכן צו אַלעם דעם, וואָס איז געווען ביז איצט, און עס וועט זיך אָנהייבן גאָר, גאָר עפּעס אַנדערש. נאָר דאָס אַנדערע פֿון וועלכן ער דאַרף איצט קלערן, צוגרייטן זיך, איז געווען ווי אַן אומאָנגענעמער חוב, אָן וועלכן מע וויל פֿאַרגעסן“,

מיט וועלכע אַש פּרואווט אונדז איבערגעבן דוד הורוויצעס טראַכטענישן צום טויט אויפֿן קורצן וועג פֿון דער טורמע צו דעם עקזעקוציע־פּלאַץ? וויפֿיל אויפֿמערקזאַמקייט קאָן שוין ביי אונדז אָוועקרייסן די פּלאָנטערניש פֿון די עטלעכע שורות אַז אָט האָט אונדז אַש מיט איין גבורהדיק־פּאַטעטישן מע־טאַפֿער ווי מיט אַ משוואַק אַריינגעשלאָגן אַן אויפֿטרייסלענדיק בילד אין געמיט אַריין? דעם טויט, דעם „אומאָנגענעמען חוב“ — גיט אונדז אַש אַ זאָג — האָט דוד „געהאַט אין זיך אינערלעך אַריינגעשטעקט ווי אַ מעסער אין לעבעדיקן לייב אַריין און דאָך האָט ער געלעבט מיט דעם אין לייב...“

דער „טויט ווי אַ מעסער אין לייב“ האָט אַזאַ שאַרף, אַזאַ בליציק און אַזאַ הייס ליכט אין זיך, אַז עס העלט אויף פֿאַר אונדז מיטאַמאָל דעם אינעווייניקסטן דוד נישט נאָר פֿון איצט, נאָר אויך פֿון פֿריער, כ׳מיין איצט אויפֿן וועג צום שיסן און פֿריער ביים געשפּרעך מיטן פֿאָטער און מיט זייטלעך צוריק אין דער אַלײנקייט פֿון תּפֿיסה און מיט קאַפּיטלען צוריק ביים אַרעסט.

אַש איז ווייט, זייער ווייט פֿון אַפֿאָריסטיק אין זיין פּראָזע. נישטאָ ביי אים דער ווילן געדאַנקלעך אָדער בילדעריש צוצושפּיצן זאַצן און ווער־טער. ער איז בטבע שפּראַך־אומזאָרגעוודיק און עס פֿעלט אים לחלוטין די ווירטואָזיטעט פֿון „טרייבערן דאָס שפּראַכפּלייש“ ווי עס פֿאַרמאָגן זי למשל, אַזעלכע מייסטערס ווי אָפּאַטאָשו און שאַפּיראָ. מע האָט נישט דאָס געפֿיל אַז אַש זאָל מיטגעבן זיינע שפּראַכוועגדונגען, זיינע אידיאָמען און זיינע סתם זאַצן צופֿיל אינטעלעקטועלע באַוואוסטזיניקייט אין וועג אַריין. די איינציקע צידה לדרך וואָס אַשעס קאָמפּאָזיציע־עלעמענטן טראָגן שטענדיק אין זייער „טרייסטע“ זיינען דער פֿיל געררימטער ראָמאַנטישער חן און אַ גרויסע פּאָרציע פֿון לירישער וואַרעמקייט.

און פונדעסטוועגן זיינען אָן אַ צאָל די זאַצן ביי אַשן וואָס הגם, דאַכט זיך, כלאחר יד אַריינגעשיקט אין קאָנטעקסט פון דער דערציילונג, שפּרינגען זיי דעם לייענער אין גאַנצן מיט עפּעס אַ באַזונדערן כוח פון דראַמאַטישער רעזונאַנטיווקייט. עס זיינען זאַצן אָן שום אויסערלעך סטיליסטישן גלאַנץ אָבער אינערלעך פאַרמאָגן זיי די מוזיקאַלישע קאָנצענטרירטקייט פון אַ רעפרען פון אַ ליד אָדער פון אַ ביבלישן סוף־פּסוק.

ווען אַש דערציילט אונדז, ווי זלאַטקע די רויטע וואָס איז געווען מעוברת מיט מאָטקע גנב האָט זיך פאַרדונגען פאַר אַן אַם ביי דער זשאַכלינערין און

„נאָך יענעם טאָג האָט זלאַטקע געגומען האַנט־געלט אויף דער מילך מיט וועלכער די נאַטור האָט זי באַשאָנקען פאַר איר קינד". („מאָטקע גנב", ז' 15) ווייעט אויף אייך אָן דער דאָזיקער זאַץ עפּעס פון דער א מ ת ־מאָנומענטאַלישקייט פון די חומש־דערציילונגען און גראָבט זיך אין אייך איין מיט דער צודרינגלעכקייט פון אַ מוזיקאַלישן לייטמאָטיוו פון וועלכן איר קענט אייך ניט באַפרייען. ווי דער טאָן פון אַלע קלאַסישע ביבלישע פּסוקים, אָטעמט אויך דער טאָן פון דעם נאָר וואָס ציטירטן זאַץ מיט עפּישער רחבות און פאַרמאָגט טראַגישע קוואַליטעט. שוין דער קאַדאַנס זיינער, זיין „מהפך־פּשטא"־טענאָר רעזונירט טראַגישן קאָנפליקט, איז טראַגעדיע־אָנזאָגעריש. און פאַר אַזאַ זאַץ פון טראַגישער אָנגעשפּיצטקייט און פון ביבלישער מוזיק איז כאַראַקטעריסטיש וואָס עס גייט אין אים פאַרלוירן, אָדער עס ווערט אין אים לכל הפחות נישט געגוג שאַרף דערפילט דער מאַראַליש־שטראָפּערישער עוקץ פון די ווערטער און פון דעם בילד. ווי אין דער חומש־לופט ווערט אויך דאָ דאָס צייטלעך־סאָציאַלע פאַרטויבט דורך דעם העכערן ניגון פון טראַגיק.

און אַ שייכות מיט תנ"כישקייט האָט אַשעס סטיל נישט בלויז דערמיט וואָס ער דערמאָנט שוין ריין אויסערלעך אין דער ביבלס דערציילערישער רחבות, אין דער דעקלאַמאַטאָרישקייט פון דער ביבל־שפּראַך און אין איר טעאַטראַלישן דיאַלאָג און נישט בלויז מיט דעם נאָר וואָס דערמאָנטן ביבלישן רעזונירכוח פון זיינע זאַצן, נאָר אויך דערמיט וואָס אַשעס סטיל פאַרמאָגט, ווי איך גלויב, די אָרגאַנישע שטרעבונג פונעם תנ"כישן דערציילער אַרויסצופירן זיינע ווערטער און בילדער וואָס גיכער פון שאָטן צו ליכט, פון זעלישן קלעם אויף די העלע פעלדער פון בטחון און נס.

אַשעס אַ בילד פאַרחלומט זיך אָפט מיט רעאַליסטישע פּרטים — אַמאָל מיט היפּשלעך דעקאָלאַרירטע איינצלהייטן פון טאָג־טעגלעכן לעבן, אַן אַנדערמאָל מיט פאַרביקע שטיקלעך פון שטייגערישן דיאַלאָג — און נישט איינמאָל דערחלומט עס זיך צו טערפּקער אַנטוישונג און צו בלינדער

אויסגאַנגלאַזיקייט. אָבער אין דער סאַמע לעצטער מינוט יאָוועט זיך ריין סטיליסטיש אַ „הייליק שניידערל" און אַשעס העלד אינאיינעם מיט אַשעס שפּראַך פון העלד־געשטאַלטונג קענען זיך אויפכאַפּן פון זייער טרוים מיט אַ לייכט געמיט, דאָס „הייליקע שניידערל" וואַכט איבער דער „העפּי־ענד" פון דעם חלום. און דאָס „הייליקע שניידערל" פון „קידוש השם" קען אין דעם חלום זיין אַ פּראָסטער שטומער שטוב־חפץ און אין יענעם — גאָט, ברוך הוא, אַליין.

אנטשעל בעל־קורא פון אַשעס ראָמאַן „די מוטער" פאָרט קיין אַמעריקע. און נישט גלאַט ער פאָרט, נאָר ער פאָרט אין טראַנס פון אַ באַזונדער מין אויפגערעכטקייט, וואָס דער גורל האָט אים, נאָר אים, באַשערט. אָבער אויף דער שיף האָט אַנטשעל דערזען אַז ער האַלט אין פאַרלירן זיין איינ־געריידטע אויסנעמלעכקייט. ער איז געוואָרן אויס מיוחס, וואָרום יעדער איד איז געפאָרן צו „עמעצן" און „יעדער האָט געהאַלטן אַמעריקע פאַר זיין אַמעריקע". עס שטעלן זיך אויס איינער לעבן אַנדערן פאַרשוויגען מיט קרובים און אַפּילו מיט זין אין נייעם לאַנד און אָט אָט צעקוועטשן זיי אַנטשעלס 'לאַנגן און מיט אַזויפיל האַרץ געכאָוועטן חלום וועגן זיין זונס פּאַלאַצן. עס רוקט זיך טונקלקייט אויפן סוף פונעם חלום אָבער אין דער לעצטער מינוט קומט אויף אַ העלער פלעק וואָס פירט אַרויס פון זעלישן קלעם. עס קומט צום וואָרט דאָס שוסטערל און ער

„האָט אין אַמעריקע אַן אייגענעם, וואָס איז רייכער און שטאַרקער פאַר אַלע זין מיט אַלע ברידער און פעטערס און דאָס איז דער רבונו של עולם וואָס געפינט זיך אין יעדן לאַנד" (זי 106).

דער פלוצים אויפגעלויכטענער פאַקט פונעם רבונו של עולמס עקזיס־טענץ „אין יעדן לאַנד" צעשטויבט די גרויקייט פון אנטוישונג און דער חלום קאָן זיך פאַרענדיקן העל — תנ"כיש.

אַן אַנדערשמאָל ווידער אין דעמזעלבן ראָמאַן ווען אַשעס אַ בילד צעחלומט זיך מיט פאַרביקן שטייגער־דיאַלאָג צווישן אַנטשעל בעל־קורא און זיין ווייב שרה רבקה וועגן אַ ציג אויף פרישער מילך און וועגן „העכטן אויף צו שעכטן, צו קאָכן אָדער צו בראָטן" אויף וועטשערע און עס איז פאַראַן די סכנה אַז דער טרוים זאָל זיך פאַרענדיקן מיט אַ זייער רעאַליסטישן סקאַנדאַל מיט דעם זון, דעם קאַמאַשניק, וואָס זאַמעלט געלט אויף אַ שיפסקאַרטע און גיט דערפאַר שווער אַרויס אַ גראָשן פון קעשענע — דעמאָלט ווערן דער מאַמעס שוואַרץ־פאַרסאַזשעוועטע טעפּ דאָס „הייליקע שניידערל" און זיי באַווייזן דעם נס פון נישט לאָזן פאַרזינקען דאָס חלום־בילד אין קאַשמאַרישקייט.

דאָס געזאַנג צו דער „מאַמעס טעפּ" וועל איך עפּעס לענגער ציטירן וואָרום איך וויל עס זאָל מיר העלפן עדות זאָגן אויף אַשעס אין דער יידי־

שער ליטעראַטור, דאַכט זיך, נישט איבערגעטראָפֿענער מייסטערשאַפֿט צו פּאָעטיזירן די מאַטעריע. פֿעמינינע סטיל־עלעמענטן זיינען אין אַשעס סטיל זיכער פֿאַראַן. זיי קומען צום אויסדרוק אין דער מעלאָדראַמאַטיש־קייט פֿון נישט איין ראָמאַן־קאַפּיטעל און אין דעקאָראַטיווע און צומאָל סענ־טימענטאַלע דעטאַלן פֿון זיין בילדערישקייט. אָבער דווקא מאַטעריע־פּאָעטיזירונג איז ביי אַשן פֿריי פֿון יעדער שפּור פֿון ווייבערישקייט. עס קלינגט ניט אָפּ אין אַשעס ליבגעזאַנגען צו דער מאַטעריע קיין איין תחינה־טאָן, נייערט עס הערט זיך פֿון זיי אַלעמאָל אַרויס אַ טיף־ברוסטיקער און מענערישער געזאַנג פֿון „ברכו נפשי". צי אַש נעמט זיך באַשרייבן „די מוטער" שרה רבקהס „ערדישע, שוואַרץ־פּאַרסאַדזשעוועטע, אין פֿייער אויס־געקאָכטע טעפּ" וואָס „זיינען געווען אַגדערש ווי אַלע טעפּ", צי ווען ער שילדערט די סצענע פֿון מאָטקע גנב מיט דער זשאַכלינעריגס אייניקל חנהלע, אָדער גאָר ווען ער דערציילט אונדז וועגן דער פֿריילינג־נאַכט, ווען דער זעלבער מאָטקע האָט זיך מתוודה געווען פֿאַר זיין כלה, מלך קאָפּע־מאַ־כערס טאָכטער — אַלעמאָל איז דאָרט פֿאַראַן דער ריטם פֿון ליבגעזאַנג, אַלעמאָל ווערט די באַשרייבונג פֿאַרוואַנדלט אין אַ מזמור.

דער „מזמור לטעפּ"

„עס האָט זיך גערעדט אַז זיי פֿאַרמאָגן שוין גאַרנישט אויף זייער באָדן און אין זייערע ראַנדן — האָט דאָך די מאַמע געקאָנט אַרויסקריגן פֿון זיי אַן אָונט־עסן. די מאַמע האָט געקאָנט „מעלקן" אירע טעפּ, אַזוי ווי מען מעלקט, להבדיל, אייטערס פֿון אַ קו. קיינ־מאָל האָבן איר די טעפּ נישט אָפּגעזאָגט. די האָט זיי געגעבן וואַ־סער — און די טעפּ האָבן איר צוריקגעגעבן זופּ, נעכטיקן באָרשטש; געזאָטן וואַסער — און זיי האָבן איר צוריקגעגעבן מאכלים מעדני מלכים. איין סגולה האָט די מאַמע געהאַט צו די טעפּ — אַ קרעכץ. אַזוי ווי די טעפּ האָבן נאָר געהערט די מאַמען קרעכצן, איז עס געווען ווי די מאַמע וואָלט איבער זיי אַ געהיימען שפּרוך געזאָגט, מיט וועלכען זי האָט באַשוואוירן די טעפּ אַרויסצוגעבן פֿון זיך דאָס ביסל בידנע חיונה, וואָס זי האָט געדאַרפֿט מפרנס צו זיין אירע נפשות." („די מוטער", ז' 16)

די באַשרייבונג איז געמאַכט אין מענדעלעס נוסח און אַשעס סטיל איז דאָ, בלויז זיין געזאַנג וואָס שוועבט איבער די „פּרעמדע ווערטער". עס קומט אויס גלייך אַש זאָל האָבן געשריבן מוזיק צו מענדעלעס אַ טעקסט און געוויזן דערמיט דעם חילוק צווישן באַשרייבערישן נוסח וואָס דאַרף זיין אַלעמענס און אַשעס מזמור אין פּראָזע וואָס קאָן נאָר זיין אַשעס איי־גענער סטיל. אויב עס איז טאַקע גערעכט בעל מחשבות דערמיט וואָס ער

פאַרדעכנט אַשן פאַר מענדעלעס אַ ליטעראַריש אייניקל, דאָן באַשטייט די קרובהשאַפט צווישן זיי דערעיקרשט אין דעם וואָס אַש האָט דעם זיידנס קולטור־היסטאָרישע באַשרייבונגען פאַרטאַנט, זיי פאַרוואַנדלט אין מזמורים, אין ברוויזנדיקע „אז ישיר"־אָדעס.

קיינמאָל, דאַכט זיך מיר, ביז צו אַשן האָט מען אויף פּראָזע־יידיש אַזוי ניט געזונגען. און איך בין ניט זיכער צי איך וועל טאַקע באַגיין די זינד פון גוזמא אויב איך וועל זאָגן אַז מע מוז אויך אין העברעאיש וואָס שייך געזאַנג אין פּראָזע צוריקגיין אין דעם פּרט ווייט ווייט ביז צו גאָר אַלטע צייטן. ווי אין יענע גרויסע שריפטן אונדזערע פון גאָר אַלטע צייטן איז אַשעס טבע זיך אָפּצורופן צווישן דערציילערישקייט און פון דערציילערישקייט מיט אַזאַ מין פּראָזע־ליד ווי דער מזמור צו שרה רבקהס פאַרסאַזשעוועטע טעפּ — דעם סימבאָל פון אָרעמשאַפט און פון העלדישן קאַמף מיט איר.

IX

סטיליסטיש איז י. י. זינגער פון „אַלטשטאַט" און „פּערל" אַנדערש פון י. י. זינגערן, דעם מחבר פון „יאָשע קאַלב" און „ברידער אשכנזי". אמת איז אַז אין דער דערציילונג „אַלטשטאַט" וואָס איז געשריבן געוואָרן אין 1922 ווייעט אייך אַקעגן דערזעלביקער ווינט פון אַנטי־ראָמאַנטישקייט און פון קריטיש־ראַציאָנאַליסטישער אַנטבלויזונג ווי אין „ברידער אשכנזי" וואָס האָט זיך געדרוקט אין 1937; און וואָר איז אויך אַז איבער דער גאַנצער לענג פון זיין כמעט דרייסיק־יעריקער ליטעראַרישער שאַפונג וואָס איז אַזוי אומגעריכט און פאַר דער צייט איבערגעריסן געוואָרן אין אָנהייב פון 1944, איז זינגערס סטיליסטישע הויפּט־דאָגה געבליבן איין און דיזעלבע: אויסהיטן די שפּראַך פון יעדער מינדסטער עמאָציאָנעלער גוזמא און אָנהאַלטן אַ ריטם וואָס זאָל זיין פריי פון פּאָעטישער האַסטיקייט און פון ליידנשאַפט.

און דאָך איז פאַראַן אַ סטיליסטישע אַנדערשקייט צווישן די צוויי צייטן פון זינגערס שאַפונג. אין וואָס זשע באַשטייט זי? זי באַשטייט קודם כל אין דעם וואָס אין „אַלטשטאַט" האָט זינגער געפּרוווט צו דערגרייכן דעם באַלאַנס פון שפּראַך און געשטאַלטונג דורך אַקטיווער סטיליזירונג, בעת אין „ברידער אַשכנזי" האָט ער דאָסזעלבע געוואָלט אַרויסבאַקומען דער־מיט וואָס ער אַליין האָט זיך דווקא אַוועקגעשטעלט אין אַ זייט און בלויז מיט אַן אָנזאָג צו זיין שפּראַך אויף וואָס מער איינגעהאַלטענקייט, זי געלאָזט גיין אויפן ברייטן שליאַך פון נוסח־אַנאָנימקייט.

אין „אַלטשטאַט" ווערט יעדעס בילד אָפּגעשפּילט גלייך איינגעשטודירט. זינגער דערציילט און כאַפּט אַלעמאָל אַ קוק אין רעזשי־העפט און זאָגט זיך פון דאָרט אַליין אונטער דעם וואָס ווייטער, כ'מיין, דעם וואָס ווייטער פון באַוועג, פון ריטם און פון טאָן.

אַז דער העלד פון „אַלטשטאָט“ פּאַביאַן רייצעס האָט זיך אינדערפרי נאָכן אויפשטיין אָפּגעפּאַרטיקט מיט דער עבודה פון צוואָגן און וואַשן זיין הינטל „פּודעל“, האָט ער זיך גענומען לערנען און רייניקן די קאַץ „באַלטאַזאַר“ און די פּאַפּוגייען. איז, איידער זינגער הויבט אָן צו דערציילן דאָס נייע קליינקונסט־בילדל סופלירט ער זיך אויף צו געדענקען: „ער איז ביז אויף די״. אונטער אָט דעם מאָטאָ ווערט די שפּראַך אין דער נייער סצענקע אַ שפּאַר באַוועגלעכער ווי פריער און דער ריטם אירער אַ גיכערער, זי גייט חלילה נישט אַראָפּ פון די רעלסן. נאָר וואָדען? דער קלאַנג פון די ווערטער, פון די קללות און די גאַנצע שפּראַך־שטימונג ווערט לעבעדיקער ביז — ביז אָט דער אָנגעהאַלטענער טאָן ווערט אויך שוין צו נידעריק און זינגער סופלירט זיך די דערמאָנונג אַז

„איצט הויבט זיך ערשט אָן די „לערע״.

און עס נעמט ווערן היפּשלעך דראַמאַטישער. דער טאָן גייט אַרויף אַלץ העכער און העכער אַזוי ווייט, אַזביים סוף פונעם קאַפּיטעל נעמט זיך די שפּראַך באַוועגן אין ריטם פון דזשאַס. עס איז אַ זאָרגעוודיק אָרקעסטרירטער, אַ סטיליזירטער דזשאַס און די כוונה אַז די שפּראַך זאָל ניט אַריינפאַלן אין צו רעשיקע קולות איז בולט, אָבער נאָך בולטער איז דאָ די גיכקייט פון דזשאַסישן ריטם.

אַן אַנדערשמאָל ווידער פּאַסירט אַז זינגער דאַרף זיך נישט מונטערן צו מער לעבעדיקייט אין דער דערציילונג, נאָר פאַרקערט, אים דאַכט זיך, אַז ער האָט איבערגעכאַפּט די מאָס, אַז ער איז שפּראַכלעך געוועזן אויף אַ צו הויכן שטאָק.

ס׳איז זונטיק פאַרמיטאָג. פּאַביאַן רייצעס דערוואַרט געסט. דערווייל איז נאָר דאָ דער גלח געגנסטי, און פּאַביאַן האַלט מיט אים און מיט דעם געבראָטענעם האָז אויפן פּאַלומעסיק אַ וואָיליונגעריש־רעשיקן שמועס און אָט נעמען קומען די איבעריקע פאַרבעטענע און עס הויבט זיך אָן אַ נייע גוט איינגעשטודירטע סצענקע, דעמאָלט סופלירט זיך זינגער ווי פון הינטער די קוליסן אַ לעצטמינוטיקע דערמאָנונג:

„תחילת זיצט דער עולם שטייפלעך, „געסט־מעסיק״

און די דערציילונג האַלט איין דעם טראָט און דער באַוועג־טעמפּאָ פון די ווערטער און פון די זאַצן ווערט אַ פאַרזיכטיקער, אַ פּאַוואָליעדיקער און ווי די זשעסטן פון די שטייפע געסט אַביסל אַ מאַנעקענישער.

וואָס שייך די טעכניק פון פאַרגיכערן דעם דערצייל־ און שילדערונגס־אָטעם מוז מען געוויינטלעך אָנקומען צום כוח פונעם צייטוואָרט. אויך זינגער טוט עס. איינמאָל נוצט ער זיך פאַר דעם צוועק מיט דער רעפלעקסיווקייט פונעם ווערב, אַן אַנדערשטמאָל ברענגט ער אַריין האַסטיקייט אין

סיפור־המעשה דערמיט וואָס ער שטעלט דאָס ציטוואָרט וואָס ווייטער אָוועק אין זאַץ.

אַ ביישפּיל פאַר אַ ביסל מער סטיליסטישער באַוועגלעכקייט מיטן כוח פון רעפלעקסיוון ציטוואָרט:

„פון דער צעלייגטער ווייסעל וואו די גאַס וואַשט אירע שטיי־נערנע טריט, ציען זיך פייכטע נעפּלען און לייגן זיך אויף ליטעראַ שיבן און גלאַטעטע ציגל־דעכער. פּיעשטשאַנ־דיקע פייגל שניידן זיך זיגזאַגיש אין דער לופט און זוכן קלויסטערישע צלמים און אָפּגעבראָכענע רינעס, בלויז פון ווייט טראָגן זיך פאַבריקישע פייפלעך און פון דער אייזערנער בריק קייקלען זיך שווערע טעמפּע הילכען.“

דער רעפלעקסיווער „זיך“ פון די ציטווערטער ברענגט אַרויס די קאָנטינואירלעכקייט פון די באַוועגונגען און דינאַמיזירט עטוואָס די פאַר־שלאָפענע פּאַנאָראַמע. איך האָב אונטערגעשטראָכן אויך דאָס וואָרט „זוכן“ אין דעם נאָר וואָס ציטירטן פאַראַגראַף, ווייל הגם עס שטייט אויסערלעך אָן אַ „זיך“, פאַרמאָגט עס אינערלעכע רעפלעקסיווקייט און שטייערט ביי באַגלייך מיט די אַנדערע ווערבן צו דעם געוואָלטן ביסל אומרו אין דעם בילד ביי דער ווייסל.

און דער ביישפּיל פאַר האַסטיקערן שפּראַך־אָטעם מיט דער הילף פון וואָס ווייטער אַוועקרוקן דעם פּרעדיקאַט אין זאַץ:

„טאַקע אויף דער פּיעטרקאָווער גאַס, פונקט אַקעגן הונצעס הויז, וואו שמחה מאיר האָט געהאַט אַ פּאַרטרעטונג, האָט דער ברודער דינער אַ ריזיקן לאַגער פאַרלייגט, מיט ברייטער פאַרשווענדערישקייט אַ קאַנטאָר אויסגעשטאַטעט. גרויסע גאָלדענע שילדן מיט פלידערבוימס אַלע מעדאַלן און מיט דער פאַבריק־מאַרקע — אַן אַנקער מיט אַ שליסל איבערגעקרייצט — איבער דעם גאַנצן הויז אויפגעהאַנגען און אַפילו ביי דער טיר אַ דינער מיט אַ יוניפאָרם אַוועקגעשטעלט, ווי ביי אַ באַנק. אויך האָט זיך דער פאַרטרעטער אַ קאַרעטע אַן אייגענע ..געקויפט און, ווי מער־סטע יונגע פאַבריקאַנטן, אַליין די פערד געטריבן, אַוועקזעצנדיק דעם קוטשער אויבן־אָן.“

און מיר דאַכט אַז ווען אין דעם צווייטן ציטאַט זאָלן ניט זיין אַזעלכע סיפור־המעשהדיקע סימנים וואָס באַווייזן באַשיינפּערלעך אַז ער איז אַרויס־גענומען פון די „ברידער אַשכנזי“ איז פונדעסטוועגן ריין סטיליסטיש

לייכט צו דערקענען אַז דאָס ביסל אומרו דורך רעפלעקסיווע צייטווער־טער געהערט צו „אַלטשטאָט“ און די האַסטיקייט פון אַוועקגעשפּאַנטן פּרעדיקאַט באַלאַנגט צום נוסח פון זינגערס ראָמאַנען. דער פאַנאַנדער־וואָרף פון רעפלעקסיווע צייטווערטער אויף צו דינאַמיזירן אַ סטאַטישע פּאַנאַראַמע־שילדערונג מיינט אייגענע סטיליסטישע דערפינדערישקייט וואָס דערגרייכט די געוואַלטע מאָס אינערלעכע אומרואיקייט אין בילד, בעת דאָס אָפּגערוקטע צייטוואָרט איז אַ פּאַרטיקער רעקוויזיט פון דער נוסח־אַנאָנימ־קייט וועלכער דעקט בלויז אויסערלעך־דערציילערישן שטח און זיין עובדה ענדיקט זיך ניט דעמאָלט ווען דער דערציילער וויל, נאָר ווען עס שטעלט אים אָפּ אַ זאַץ מיט ווייניקער ווינט אין די פּאָלעס, ד״ה אַזאַ וואָס אין אים פּלאָנטערט זיך אַריין עפּעס אַ דערגאַנצערישער נעבן־פּסוק. און אַזאַ פּסוק איז ווי בליי אויף די פיס פון אַ גיך לויפנדיקן פּרעדיקאַט. אין פאַל פון דעם ציטירטן פּאַראַגראַף פון די „ברידער אשכנזי“ איז דאָס בליי וואָס פאַרהאַלט מיט זיין שווערקייט דער „אַוועקזעצנדיק דעם קוטשער אויוון־אָן“.

פאַרוואָס איז זינגער אַריבער פון זיין, פּערמאַנענטער סטיל־רעזשי אין „אַלטשטאָט“ צו דער נוסח־אַנאָנימקייט פון זיינע ראָמאַנען?

עס איז מעגלעך אַז זינגער, וואָס האָט אין זיינע דערציילונגען געזען נישט ווייניקער שאַרף און קריטיש די מאָראַלישע שוואַכקייטן און פאַר־קרומקייטן ביים אַנטיקן־הענדלער רייצעס און ביים צירונג־סוחר שפּילריין ווי שפּעטער אין „יאשע קאַלב“ ביים ניעשאווער רבי און ביי זיין גבאי סרולוויגדער, האָט דעמאָלט נאָך ניט געהאַט די זעלישע דרייסטקייט און תקיפות פון פולשטענדיקער פּסיכאָלאָגישער און אויך אומפּסיכאָלאָגישער אַנטבלויזונג פון זיין פאַרשוינען־גאַלעריע. דער דאָזיקער „מאַנגעל פון קוראַזש“ איז זינגערן בייגעשטאַנען און ער האָט געקאָנט אַרויסברענגען זיין אייגענעם סטיל און זיין אייגענע שפּראַך מיט דעם בפירושען קינסט־לערישן ציל אויסצוגלייכן אַ ביסל דאָס פאַרקרומטע, אַוועקצושטעלן האַלב־וועגס אויף די פיס דאָס גראָטעסק וואַקעלדיקע און אויב ניט אָפּוואַשן די מיאוסקייט, איז כאָטש דינער מאַכן איר ריח מיט דער שטילקייט פון וואָרט און מיט דער געדענמפטער מוזיק פון בילד. פאַביאַן רייצעסעס ציניזם ווערט מיט געמיט און מיט הומאר אריינציזילירט אין זינגערס שפּראַך־כלי. דעם ניעשאווערס צינישקייט ווערט איבערגעגעבן ברייט און, אַזוי צו זאָגן, אָן שום סטיליסטישע פּליטערלעך און אין דער שילדערונג פון זיינע ניט שיינע מעשים און ניט שיינע טראַכטענישן איז שפּראַכלעך פאַראַן מאָראַלישע פאָ־לעמיק — די פּאָלעמיק וואָס עס נוצט געוויינטלעך די נוסח־אַנאָנימקייט אויף צו דערציילן וועגן דעם מיט־מענטשנס „שלעכטע מעשים און שלעכטע מחשבות“.

אוודאי — אויך פּאַמפלעט קען ווערן העכסט־אייגענער פּערזענלעכער סטיל, אָבער דאָס קאָן געשען ניט ווען דער דערציילער בלייבט עמאָציאָנעל אין אַ זייט און זיין שפּראַך, ווי זינגערס, באַמיט זיך אָנצוהאַלטן אַ רואיקן טעמפּאָ און ניט אַרויסצולויפן פון די רעלסן פון אָביעקטיוויטעט, נאָר דווקא דעמאָלט ווען עס דערהערט זיך אין לשון דעם שרייבערס סוביעקטיווע אויפגעבראַכנקייט און עס נעמט ברען זיין ליידנשאַפט — צו אומגערעכטיקייט. נאָר דער אימפּעט פון ריטם און די שטורמישקייט פון בילד קאָן דעם אַלגעמיינעם מאַראַליש־פּאָלעמישן נוסח אַרויסרייסן פון אנאנימקייט און אים געבן אַן אינדיווידועל. קינסטלערישן נאָמען.

איך האָב גערעדט וועגן דעם אַז זינגערס „מאַנגל פון קוראזש” צו אַנטבלויזן צופיל זיינע העלדן איז אים בייגעשטאַנען אין זיינע דערציילונגען און אים געהאָלפן שאַפן זיין אייגענעם סטיל, זיין אייגענע דערציילפאָרם. דאָס איז אַן השערה. זיכער אָבער איז אַז די דאָזיקע אייגענע פאָרם זיינע איז זינגער ניט געווען בכוח אָפּצוראַטעווען פאַר זיך ווען ער איז אַוועק אויף די פעלדער פון ברייטער ראָמאַן־טעמאַטיק.

י. י. טרונק

חנה'ן לזכרון.

„איוב"

„ווי פליגן פאַר שלעכטע קינדער
זיינען מיר ביי די געטער.
זיי טייטן אונדז צום שפּאַס."

(שעקספּיר: „קעניג ליר")

1

„קהלת" האָט זיך אויסגעגעבן אַלס אַן אייגנהעגטיק עלטער־ווערק פון שלמה המלך — פונדעסטוועגן איז ביי די ערשטע זאַצן לייכט געווען צו דערקענען דעם שפּעטערן העלעניסטישן שריפטשטעלער: דעם יידישן עפּיקורעער וואָס איז זאַט געוואָרן מיט לעבן און מיט חכמה. ער האָט ענדלעך אָנגעהויבן אין אַלצדינג צו צווייפלען און האָט פאַר מענטשן נישט געהאַט צו געבן די מינדסטע האָפענונג אויף אַ בעסערער צוקונפט און אויף אַ גליקלעכן און גערעכטן וועג אין לעבן. אַלץ איז איטל און נאַריש. מען דאַרף נישט מער צו טאָן סיידן ווי צו געניסן די פאַרגענגלעכע גלוסטיקייטן פונעם טאָג און פון מאָמענט. עס איז קיין וואונדער נישט וואָס די רעדאַקטאָרן פון תנ"ך האָבן זיך היפש לאַנג געקווינקלט אַריינצונעמען אָט אַ דאָס עפּיקורעאישע און נישט־רעליגיעזע ספר אין אַ קאַנאָן פון אַ וועלט־רעליגיע וואָס פּריידיקט פאַר אַלע מענטשן די גרעסטע האָפענונג און די ליכטיקסטע צוקונפט. „די רייד פון קהלת זיינען סותר די רייד פון דער תורה" — האָבן אָפן געזאָגט די פרומע רעדאַקטאָרן, און זיי האָבן עס געוואָלט „דן זיין לגניזה". זיי זיינען געווען דורכאויס גערעכט. ווי קומט אַן איראָנישער ראַציאָנאַלער עפּיקורעער אַריין אין דעם עקסטאַטישן גן־עדן פון די גלויביקסטע פון אַלע גלויביקע? מעגלעך, דער נאָמען פון דעם קליגסטן יידישן קיניג — וועלכן דער טרויעריקער העלעניסטישער עפּיקורעער האָט אַזוי אומברחמנותדיק פאַלסיפיצירט — האָט אָפּגעשראָקן דאָס פרומע געמיט פון די קאַנאָן־רעדאַקטאָרן און זיי האָבן מיט אַ שווער האַרץ באַשלאָסן אים אַריינצונעמען אין דער תנ"כישער זאַמלונג. זעלבסטפאַרשטענדלעך, האָבן

זיי דעם סוף פון דער אפיקורסישער שריפט „צוגעפוצט" לויט דעם געשמאַק פון די טעאָלאָגן (סוף דבר הכל נשמע את אלהים ירא ואת מצוותיו שמור, כי זה כל האדם", „דער סוף פון דער זאַך, נאָכדעם ווי אַלץ איז געהערט געוואָרן, איז: האָב מורא פאַר גאָט, און היט זיינע געבאָט, וואָרים דאָס איז דער גאַנצער מענטש *) — און מ'האָט עס ווי עס איז געכשרט. כ'שטעל מיר פאָר, אַז דער איראָנישער העלעניסט וואָלט אויפן שאַרפסטן אופן פראָטעסטירט ווען ער וואָלט געלייענט וואָס די שפּעטערע „פרומאַקעס" האָבן אים געלייגט אין דער פעדער אַריין. זיי האָבן אים צוגעשריבן אַ סוף־זאַץ וואָס שטייט אין שרייי־ענדיקסטן היפך צו זיין גאַנצער וועלט־אַנשויאונג און צו דעם ביטערן געפיל פון מחבר צו דער וועלט און צו די גאָטהייטן.

דער פאַרפאַסער פון „איוב" איז געווען גאָר אַ פאַרזיכטיקער ייד. ער איז ווייט געווען פון דער שריפטשטעלערישער באַהעמיע פון אַ באַרופס־ליטע־ראַט וואָס האָט דווקא ליב צו פאַרפעפערן זיינע אמתן און צו מאַכן מענטשן בייז בלוט.

דער באַרופס־ליטעראַט מיינט נעמלעך, אַז די גאַנצע וועלט הענגט אויף דער שפּיץ פון דער פעדער און אויף דעם קליינעם שטח פון דעם שרייב־טיש. ליטעראַטן פון פאַך גלויבן תמיד, אַז מ'קאָן אַרויסקוקן צו דער וועלט דורך אַ פענצטער און דערמיט שוין זען דעם גאַנצן טרויער און די גאַנצע האָפענונגסלאָזיקייט וואָס הייסט וועלט. דער איוב־מחבר — ווי מיר וועלן שפּעטער זען — איז געווען אַ מענטש פון דער פּראַקטיק און פון פשוטן עולם־המעשה. זיינע ביטערע וועלט־דערקענטענישן האָט ער גענומען פון אַ שווערן לעבנס־קאַמף און פון טיפע אַנטוישונגען אין דער פּראַקטיק פון סדר־העולם. דאָס לעבן האָט אים געלערנט פאַרזיכטיקייט. צווייטנס: אַז אַ מחבר דאַרף האָבן קנאַפּ פאַרטרויען אין דעם גוטען געשמאַק פון דעם לייענער. דער אוי־טאָר פון „איוב" האָט געפּרואווט אַלע זיינע דערפאַרונגען אויסצונוצן אַלס שרייבערישן מעטאָד אין אַ בוך. דער קהלת־מחבר האָט מן הסתם געשריבן בי־כער אַלס באַרוף. ער אַליין דערציילט פון דער לאַנגווייליקייט פון אַ סך בי־כער מאַכן. („ויותר מהמה בני הזהר, עשות ספרים הרבה אין קץ". „און וויי־טער מיין זון, זיי געוואָרנט: צומאַכן פיל ספרים איז נישטאָ קיין ענד"), ער האָט גריילעך אָנגעשריבן „קהלת" ווי אַ סאַטירע אויף זיין אייגענער שרייבעריי. דער מחבר פון „איוב" האָט, זעט אויס, נישט געהאַט געשריבן קיין סך ביכער. ער האָט קיין צייט נישט געהאַט דערצו. זיין באַרוף זייגען גאָר געווען די טויזנטער סטאַדעס שעפּסן און די גרויסע קאַראַוואַנען פון גמלים, וואָס האָבן געטראָגן זיינע רייכטימער איבערן גאַנצן מזרח. דער איוב־מחבר איז באַשיינ־פּערלעך געווען אַ גביר און אַ סוחר, אַ געשעפטסמאַן. אַ מענטש פון דער טאָג־

---

*) די איבערזעצונג פון העברעאישן טעקסט גענומען ביי יהואש.

טעגלעכער לעבנס־פּראַקטיק. אויב ער האָט ענדלעך גענומען די פּען אין דער האַנט און געוואָלט הערציילן די טראַגעדיע פון זיין לעבן און די טראַגעדיע פון זיין טראַכטן, — נו, האָט ער עס געטאָן נאָכדעם ווי ער איז אַדורכגעגאַנגען די שבעה מדורי־גיהנום פון לעבן, האָט זיך געגוג און געגוג אָנגעליטן, און ער האָט זיך געהאָט ביטער און בלוטיק אָנטווישט אין אַלעמען און אין אַלצדינג. דאָס האַרץ איז אים פול געוואָרן. ער האָט שוין נישט געקאָנט מער רואיק איבער־טראָגן זיינע טענות צום וועלט־באַשעפער און זיינע בלוטיקע ספקות וועגן דעם זין צי וועגן דער זינלאָזיקייט פון דעם סדר־עולם. ער האָט געשריבן, נישט דאָס איראָנישע שפּיל פון אַ פאַרצווייפלטן שייך־גייסט. נייך. אים איז געגאַנגען אין דער בלוטיקער טראַגעדיע פון אַ געוויסן.

דער מחבר פון „איוב" האָט קיינמאָל נישט געוואָלט וויזן די גייסט־רייכע עלאָקווענץ פון דער שריפטשטעלערישער פּעדער ווי עס האָט געטאָן דער ליטעראַט פון „קהלת". יענער פון „קהלת" — אַפילו אין דער מכלומרשטער שריפט פון שלמה המלך האָט ער אויף דאָס מינדסטע נישט געפּרואווט פאַרטושן דעם העלעניסטישן סטיל און דאָס ציניש געמיט פון אַ גריכישן עפּיקורעער. פון זיין אַנטיקער פאַלסיפיקאַציע קוקט געגוג בולט אַרויס די לאַכנדיקע מאַסקע פון אַ מאָדערנעם שפּאָטער. דער איוב־מחבר האָט געשריבן דאָס בוך פון אַ ביטערן און פּערזענלעכן חשבון־הנפש. אַ חשבון פון אַ מענטש מיטן געוויסן פון דער וועלט. פּערזענלעך — האָט ער גאָר געוואָלט זיין אין שאָטן. כדי צו בלייבן אין די טונקלסטע באַהעלטענישן פון אַן אַנאָנים האָט ער אומישנע אויסגעקליבן דעם פּאַטעטישן און־פּרימיטיוו־פאַרנעפּלטן סטיל פון דער אַנטיקער העברעאישער שפּראַך. ער וויל רעדן חומש־לשון — די שפּראַך אויף וועלכער עס זיינען דערציילט געוואָרן די טאַטן פון וועלט־באַשעפער אין אור־כאַאָס פון דער וועלט. בכוונה איז דער מחבר צוריק געגאַנגען צו דער חומש־שפּראַך און חומש־סטיל פון מעשה־בראַשית. אויף דעם זעלבן אופן און אין דעם שפּראַך־בילד און שפּראַך־ריטם וואו גאָט האָט דערציילט פון זיין גרויסן און קלוגן וועלט־אָנהויב, — אויף די זעלביקע שפּראַך־פליינען פאָדערט איוב אַרויס דעם יוצר־העולם צו געבן חשבון פאַר די געטלעכע מעשים. צי זיינען טאַקע די וועלט־מעשים באַהויכט מיט הוילער גערעכטיקייט ? דער באַשאַפענער מענטש פּרואווט ענדלעך — ווי אַן אָפּגעגאַרטער געשעפטס־מאַן — צו קומען מיט אַ היפּש טרויעריקן סך־הכל פון דער שאַפונג.

איך וועל מיך דערדרייסטן אַרויסצוזאָגן די אפשר זייער ריכטיקע השערה : „איוב" איז אויך געווען פון די יידישע העלעניסטן. מעגלעך, אַ בן־דור פון דעם קלוגן קהלתן. מיר באַדאַרפן זיך אבסאָלוט נישט לאָזן פאַר־בלענדן פון דער אַנטיקער העברעאישער פּאַטינע מיט וועלכער ער באַלייגט זיין שפּראַך. אויב אַפילו ער פּרואווט מיט אַלע מיטלען אונדז צו האַלטן פון־

דערוויטנס, און לאָזט אונדז נישט צו צו זיך כדי צו זיין אינטימער מיט דער טראַגעדיע פון זיינע מעדיטאַציעס. נישט תמיד גערעט עס אים זיך צו פאַרהילן אין די נעפּלען פון אַ פּרימיטיווער אַנטיקע. אָפט פאַלט ער אַרויס פון דעם חומשדיקן פּאַטאָס, און מיר דערקענען אין זיין טאָן די רייפע עפּיגראַנישע סענטענצן פון אַ משלי און אַ בן־סירה.

אויך זיין פּאַניגיריק פאַר דער חכמה דערמאָנט אין די אַלעקסאַנדריניש־לויבעניש אין שייכות דער „סאָפיאַ״. זי שמעקט אויך היפּשלעך מיט די רייד וועגן דער „חכמה״ וואָס מיר קענען פון „קהלת״. נייך. אַ שריפטשטע־לער, ווי פאַרזיכטיק ער זאָל נישט זיין, ווי אַרכאַאיש און אבסטראַקט ער זאָל נישט וועלן זיין אין זיין מאַניער, מיר וועלן אים סוף כל סוף כאַפּן ביי דער האַנט און זיך נישט לאָזן פאַרפירן פון דער גרינער שימל־פאַרב פון מכלומרשט אָפּגערוקטע ציַיטן. הינטער אַלע שלייערן און דראַפּעריעס דערקענען מיר פאַרט — דעם לעבעדיקן מענטש. דעם מענטש אין די בלוטיקע פּראָבלעמען פון זיינע חשבונות מיט דער קעגנוואַרט און מיט דער עקזיסטענץ. מענטש־לעכער גורל! דער וואָס גייט זיך פאַרנעמען מיט אַן איוב־בוך, ווי קאָן ער זיך גאָר פאַר אונדז אויסבאַהאַלטן? ! זיינען דאָך די איוב־פּראָבלעמען פון יענע פראַגן וואָס וויטיקן אונדז צום מיינסטן. מיר פרעגן זיי תמיד און מיר ווייסן תמיד נישט קיין ענטפער. מיר וועלן אויך קיינמאָל נישט וויסן קיין ענטפער. פון איבער דער לעצטער וואַנט — צו וועלכער מיר קומען צו אין אונדזער לעבן — וועלן מיר קיינמאָל נישט באַוויזן אַריבערצוקוקן.

אַזוי דערקענען מיר אין חומשדיקן איוב דעם העלעניסטישן יידישן אַפּאָלאָ־געט. פּונקט ווי מיר דערקענען דעם טראַגישן רענעסאַנס־מענטש אין שעקספּירס „האַמלעט״. ווי מיר דערקענען דעם טראַגישן מענטש פון די צייטן פון לודוויק דעם פופצענטן אין וואָלטערס „קאַנדיד״. אויך „איוב״ איז געשריבן לויטן שטאַנדפּונקט פון אַ דור און אינעם ליכט־שפּיל פון דער זיך־וואַנדלדיקער צייט.

„איוב״, „האַמלעט״ און „קאַנדיד״ — דריי ביכער וואָס דערציילן אונדז פון דעם טראַכטנדיקן מענטש אין דער קאָנטינואיטעט פון די צייטן. דריי טרויעריקע און האָפנונגסלאָזע ביכער. חשבונות־הנפש פון אַ בן־אדם מיט גאָט און מיטן שיקזאַל. דריי טראַקטאַטן פונעם מענטשלעכן דערקענטעניש־וועג. דריי נשמה־שוישפּילן געשפּילט פון דעם אָרעמען וועלט־קאָמעדיאַנט וואָס הייסט מענטש.

.2

שוין דער ערשטער זאַץ פון בוך „איוב״ וואו עס ווערט אָנגעגעבן דאָס וואוין־אָרט פון אונדזער העלד, נעמלעך דאָס לאַנד עוץ, דעקט אויף די אימאַ־גינאַציע פון מחבר. דאָס שפּיל זיינס אין באַהעלטעניש. עוץ איז אַן „ערגיץ־לאַנד״, וואָס האָט נישט קיין שום געאָגראַפישן שורש. בלויז אַ מיסטישער

קלאַנג פון די אַלטע חומש־טעקסטן, און עס איז גוט דערמיט דעם לייענער צו האַלטן אין דער פאַרבלענדעניש פון די ווייטקייטן.. וועגן דעם לאַנד עוץ זאָגט אַזאַ ביבל־קאָמפּעטענט ווי קאַרל בודדע דאָס פאָלגנדיקע :

דאָס לאַנד עוץ איז נישט קיין נאָמען פון אַ לאַנד אָדער אַ שטאָם מיט אַ באַשטימטער ענגער באַגרעניצטקייט, נייערט אַן אור־אַלטער האַלב־פאַרקלינגענער נאָמען, אַ נאָמען וואָס וועקט בלויז אַן אַלגעמיינע פאָרשטעלונג."

דאָס לעגענדאַרישע געשעעניש־אָרט ווייזט אונדז באַשיינפּערלעך דעם מחברס ווילן צו אַנאָנימיטעט. ער וויל זיך האַלטן אַנאָנים סיי וואָס שייך דער שפּראַך, סיי וואָס שייך די פּערסאָנאַזשן, און סיי וואָס שייך דעם גאַנצן דרך זיינעם צו מעדיטירן. (אגב — שרייבן אַנאָנים איז געווען דער נוסח פון די העלעניסטישע אַפּאָלאָגעטן). דורך דעם פּערזאָנען־צעטל — וואָס ער פירט אַריין אין דעם מאַניער פון אַ פּלאַטאָנישן דיאַלאָג — איז ער אין דעם מיין אונדז איבערצוצייגן אַז די פריינט וואָס קומען מיט איובן דיספּוטירן וועגן זיינע טענות און פּראָבלעם־שטעלונגען — זיינען סך־הכל אַנטיקע פּערזאָנען. חכמים פון תימן און פון אַנדערע מזרחישע מקומות. זייערע נעמען דאַרפן אין אונדזערע אויערן קלינגען פּונקט אַזוי אַרכאַאיש און אַלט ווי דאָס לאַנד עוץ. עס איז מיר נאָר אַ וואונדער : אַ סך ביבל־פאָרשער וואָס האָבן געזען די פּאָעטישע אימאַגינאַציע פון דעם פּלאַן, האָבן פונדעסטוועגן געגלויבט אין דער היסטאָרישער אידענטישקייט פון די דיאַלאָג־שפּרעכער. דערפון האָבן זיי געדרינגען, אַז אין דער תנ"כישער ליטעראַטור איז דאָס בוך „איוב" אַן אויסלענדישער פּראָדוקט. אפשר גאָר אַן איבערזעצונג פון אַן אדומישן מקור. ניין. איך בין כמעט ווי זיכער, אַז דאָס בוך איז אָריגינעל געשריבן אין אַ קלאַסישן העברעאיש, און דער העלד איוב איז דורכאויס אַ יידישער מענטש. אַ העלעניסטישער ייד. און די פּראָבלעמען פון דעם בוך זיינען דורכאויס יידישע.

3

דוהם אין דעם אַריינפיר צו זיין איוב־קאָמענטאַר שילדערט דעם מחבר אַלס אַ וועלט־מענטש וואָס האָט אַ סך אַרומגערייזט צוליב זיינע גרויסע מסחרים. האָט געקאָנט לענדער און פעלקער, און האָט מיט גרויס קענטשאַפט געשילדערט די לאַנדשאַפטן פון מצרים. ער איז געווען באַהאַוונט אין דעם לעבנס־שטייגער פון קאַראַוואַנען. ער ווייזט געניטקייט אין איידל־מעטאַלן און ווייסט ווי אַזוי מע באַקומט זיי אַרויס פון די אינגעווײדן פון דער ערד. דאָס וואָס איז אָנגעגעבן געוואָרן אין אָנהייב בוך וועגן זיינע שאָף, זיינע רינדער, זיינע אייזלען און קעמלען, זיינע קנעכט, זיינע זין און טעכטער, שטימען העכסטוואַרשיינלעך מיט דערווירקלעכקייט. איך וויל ציטירן דאָס בילד פון איובס גליקלעכן לעבנס־באַשטאַנד לויט ווי עס ווערט געשילדערט אין דעם אַריינפיר פונעם פילאָזאָפישן בוך :

„עס איז געווען אַ מאַן אין לאַנד עוץ וואָס זיין נאָמען איז געווען איוב. און דער דאָזיקער מאַן איז געווען ערלעך און רעכטפערטיק, און גאָטס־פאָרכטיק, און אָפּגעקערט פון שלעכטס. און עס זיינען געבאָרן געוואָרן ביי אים זיבן זין און דריי טעכטער. און זיין אייגנס איז געווען זיבן טויזנט שאָף, און דריי טויזנט קעמלען, און פינף הונדערט געשפּאַן רינדער, און פינף הונדערט אייזלינס, און זייער אַ סך קנעכט. און דער דאָזיקער מאַן איז געווען גרעסער פון אַלע קינדער אין מזרח.

און זיינע זין פלעגן גיין און מאַכן אַ מאָלצייט ביי איטלעכן אין הויז אין זיין טאָג און זיי פלעגן שיקן און רופן זייערע דריי שוועסטער, צו עסן און צו טרינקען מיט זיי. און עס איז געווען, אַז ווי די טעג פון דעם מאָל־צייט האָבן זיך אַרומגעדרייט, אַזוי האָט איוב געשיקט און האָט זיי געהייליקט, און ער פלעגט זיך פעדערן אין דער פרי, און אויפּברענגען בראַנד־אָפּפער לויט דער צאָל פון זיי אַלעמען, וואָרום איוב האָט געזאָגט: אפשר האָבן מיינע קינדער געזינדיקט, און זיי האָבן געלעסטערט גאָט אין זייער האַרצן. אַזוי פלעגט איוב טאָן אַלע מאָל.

און עס איז געווען איין טאָג, ווי זיינע זין און זיינע טעכטער עסן און טרינקען ווייַן אין הויז פון זייער עלטצטן ברודער, אַזוי איז אַ שליח גע־קומען צו איובן, און האָט געזאָגט: די רינדער האָבן געאַקערט, און די אייזלינס האָבן זיך געפּיטערט לעבן זיי, זיינען באַפאַלן שבא'ער און האָבן זיי צוגענומען, און די יונגען האָבן זיי דערשלאָגן מיטן שאַרף פון שווערד, און נאָר איך אַליין בין אַנטרונען געוואָרן דיר אָנצוזאָגן. ווי דער רעדט נאָך, אַזוי איז אָנגעקומען אַן אַנדערער, און האָט געזאָגט: אַ פייער פון גאָט איז אַראָפּגעפאַלן פון הימל, און האָט אָנגעצינדן די שאָף און די יונגען, און האָט זיי פאַרצערט, און נאָר איך אַליין בין אַנטרונען געוואָרן דיר אָנצוזאָגן. ווי דער רעדט נאָך, אַזוי איז אָנגעקומען אַן אַנדערער און האָט געזאָגט: כשדים האָבן געמאַכט דריי מחנות, און זיינען אָנגעפאַלן אויף די קעמלען, און האָבן זיי צוגענומען, און די יונגען האָבן זיי דערשלאָגן מיטן שאַרף פון שווערד, און נאָר איך אַליין בין אַנטרונען געוואָרן דיר אָנצוזאָגן. ווי דער רעדט נאָך, אַזוי איז אָנגעקומען אַן אַנדערער, און האָט געזאָגט: דיינע זין און דיינע טעכטער האָבן געגעסן און געטרונקען ווייַן אין הויז פון זייער עלטצטן ברו־דער, ערשט אַ גרויסער ווינט איז אָנגעקומען פון דער זייט פון מדבר, און האָט אָנגעכאַפּט די פיר ווינקלען פון הויז, און עס איז איינגעפאַלן אויף די יונגעלייט, און זיי זיינען געשטאָרבן, און נאָר איך אַליין בין אַנטרונען גע־וואָרן דיר אָנצוזאָגן".

אַ סך ביבל־פאָרשער זאָגן, אַז דאָס דאָזיקע בילד איז גענומען געוואָרן פון אַן אַלט פאָלקס־בוך וועלכעס דער דיכטער האָט אויסגענוצט אַלס קאַנווע פאַר זיינע פילאָזאָפישע דיאַלאָגן. איך בין גרייט צו מיינען, אַז די מעשה

האָט זיך אומגעפּער געטראָפן מיטן מחבר. צו פילן די אומבּרחמנותדיקע קלעפּ פון שיקזאַל אינמיטן די הויכע̇נישן פון מענשלעכן גליק — דאָס גע־הער טאַקע צום סדר־העולם ווען דער מחבר האָט אָנגעהויבן צו שטעלן זיינע טראַגישע פראַגעס. בלויז דעם נאָמען פון אַ גערעכטן מאַן, איוב, האָט דער מחבר גענומען פונעם פאָלקס־בוך. אַ גערעכטער מאַן, איוב, ווערט אויך דערמאָנט אין „יחזקאל". דאָס איז אַלץ. דאָס בילד אָבער פון דעם אומגליק וואָס וואַרט מיט אַ האַרטנעקיקער אומפאַרשטענדלעכקייט ביי יעדער טיר פון אַ מענטש — דאָס האָט דער מחבר גענומען פון זיין אייגענעם לעבן. עס איז אַ געשעעניש פון זיינע ביטערע דערפאַרונגען. נאָר די שליחים, די טרויעריקע בשורה־אָנזאָגער און זייערע אומהיימלעכע רעפריינען — וואָס חזרן זיך איבער ווי די ריטמישע טריט פון שיקזאַל, — האָט ער וואַרשיינלעך גענומען פון דער גריכישער טראַגעדיע. אויך די גריכישע טראַגעדיע וויל אויף איר שטייגער געבן דעם דרך פון וועלט־שקזאַל. און זי טוט עס מיט דער הילף פון טונקעלע בשורה־אָנזאָגער. דער יידישער מחבר — געוואוינט אין דעם גלויבן אין אַ גערעכטן און געוויסנפולן גאָט — האָט זיך מיט אַמאָל געפונען אין ווידערשפּרוך מיט זיין וועלט־געוויסן און מיט דער וועלט־גערעכטיקייט. צי הערשט טאַקע אין וועלט־אל, בּישט דאָס פרייע געוויסן פון גערעכטיקייט, נאָר דאָס בלינדע געזעץ פון שיקזאַל?

די בלינדע נויטווענדיקייט — די אַנאַנקע — צי איז זי דאָס העכסטע געבאָט פון אַלע געבאָטן?

4

די גריכן האָבן געקוקט אויף דער וועלט פונעם שטאַנדפּונקט פון שיקזאַל, ד"ה פונעם שטאַנדפּונקט פון אַ בלינדער און אומדערבאַרעמדיקער געזעצמעסיקייט. זי איז די סיבה פון אַלע סיבות. ס'איז נישטאָ פון איר קיין אַנטרינען. די אייביקייט אין קוק־ווינקל פון די גריכן איז געווען די אייביקייט פון אַ געזעצמעסיקייט. דער געדאַנק אַז די וועלט האָט געקאָנט באַשאַפן ווערן דורך דעם פרייען ווילן פון אַ גאָטהייט איז דעריבער פאַר די גריכן געווען ווילד און אויסטערליש. קדמות־העולם איז ביי זיי געווען אידענטיש מיט דער קדמותדיקייט פון שיקזאַל ד"ה מיט דער קדמותדיקייט פון דער אבסאָלוטער בלינדער געזעצמעסיקייט. אין דעם דאָזיקן וועלט־בילד האָט זיך נישט געקאָנט אַריינפּאַסן דער מינדסטער געדאַנק אַז אין דער וועלט הערשט עפּעס אַזוינס ווי אַן עלעמענט פון גערעכטיקייט. עס הערשט אַבסאָלוט בלויז איין מעטאַפיזיש געזעץ: דאָס שיקזאַל. אין די העכסטע ספערעס פון דער עקזיסטענץ איז נישטאָ די מינדסטע שפּור פון פרייהייט. ממילא איז דאָרט נישטאָ קיין שפּור פון געוויסן. וואָרום געוויסן איז די העכסטע פאָרם פון פרייהייט. ווען די גריכישע פילאָזאָפן האָבן גערעדט וועגן די פליכטן פון

מענטש צו זיין גערעכט, האָבן זיי עס נישט באַטראַכט אַלס אַ מעטאַפיזיש־עטישן אימפּעראַטיוו, נייערט ווי אַ גוטן סאָציאַלן מנהג פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט. העכסטנס אַלס אַ ווילן פון די געטער. אָבער די געטער אַליין זיינען פאַר די גריכן נישט געווען די באַשעפער פון דער וועלט. זיי זיינען בלויז געווען העכערע וועלט־וועזנס. קרעאַטורן פון וועלט־שיקזאַל פונקט ווי דער מענטש. דער מענטש איז געשטאַנען אינמיטן. אין מיטן צווישן די געטער איבער אים און דער קרעאַטור אונטער אים. אַלע זיינען געווען די מיראַזשן אין די בלינדע שפּילן פון שיקזאַל. איבער אַלעמען האָט געהערשט דאָס אייביקע געזעץ. פון די העכסטע שפּיצן פון דער עקזיסטענץ האָט אויף אַלעמען אומהיימלעך אַראָפּגעקוקט דער וועלט־ספינקס. — דאָס שיקזאַל.

גערעכטיקייט? פרייהייט? אין דעם דאָזיקן געפענגעניש פון געזעץ וואָס הייסט אייביקע וועלט?

5

עס וועט אין פלוג אויסקומען אויסטערליש צו באַהויפּטן: דאָס יידישע פאָלק וואָס האָט זיך כסדר שווער געמאַכט דאָס לעבן מיט רעליגיעזע געזעצן, האָט כמעט גאָרנישט געהאַט קיין פאַרשטענדעניש פאַר אַ מעטאַפיזישער געזעצמעסיקייט פון דער וועלט. די געזעצן פון דער יידישער רעליגיע האָבן געגלויבט צו זיין דער בעסטער וועג צו דער פרייהייט איבער אַלע געזעצן, ד״ה צום געוויסן און צו דער גערעכטיקייט. גערעכטיקייט, נעמלעך, איז דער ווידערשפּרוך צו אַ יעדער קרעאַטורלעכער געזעצמעסיקייט. אַ ווידערשפּרוך צו דער אבסאָלוטקייט פון אַן אייביקן וועלט־געזעץ. אַ ווידערשפּרוך צום שיקזאַל. דעריבער — איז ביי יידן געווען די פשוטסטע זאַך אויפצושטעלן דאָס גאַנצע גענעטישע בילד פון דעם וועלט־אַל אַלס אַ פרייען רצון פון אַ גאָטהייט. גאָטהייט איז די קאַפּויערדיקע פאַרשטעלונג פון דעם אבסאָלוט ווי דאָס אבסאָלוטע וועלט־בילד פונעם שיקזאַל. גאָטהייט הייסט: אַז די ערשטע סיבה פון דער שאַפונג איז די פרייהייט. נישט די נויטווענדיקייט. אויב פרייהייט — איז ממילא דאָס גערעכטע דער איינציקער זין פון דעם פרייען.

ווען מ׳קאָן נאָך פאַרשטיין דאָס אומגערעכטע געזעץ, קאָן מען אָבער נישט פאַרשטיין די אומגערעכטע פרייהייט. אומגערעכטע פרייהייט וואָלט געהייסן: שטעלן דעם יסוד פון דער וועלט אויף אַ ביזוויליק פאַרברעכן. ניין. דאָס קענען מיר זיך נישט דערלויבן צו באַהויפּטן.

6

עס איז העכסט וואַרשיינלעך: דער יידישער זין פאַרן גערעכטן — און ממילא דער יידישער זין פאַרן אבסאָלוטן אַלס אימאַנענטן אטריבוט מיט דעם פרייען — נעמט זיך פונעם גאַנצן עקאָנאָמישן, פּאָליטישן און היסטאָ־

רישן געביי פון יידישער געשיכטע. איביק צווישן שטאַרקערע שונאים און אייביק אַ טריט פאַרן אונטערגאַנג, האָט אין יידן געמוזט געבוירן ווערן די האָפענונג אַז עס איז זייער מעגלעך, אַז דאָס געזעץ און דאָס שיקזאַל געהערן גאָרנישט צו די אבסאָלוטע לענקער פון דער עקזיסטענץ, און אַז אויבן אויפן סאַמע לעצטן שטאַפּל פון דעם וועלט־אַל הערשט אַ פרייער געטלעכער ווילן וואָס פירט די וועלט לויט אַן אייגן פריוויטלעך איינזען. דער פרייער גאָט קאָן תמיד קומען צו הילף דעם שוואַכן קעגן זיינע שטאַרקערע באַדריקער. פאַרקערט: נישט געקוקט אויף די באַשייגפערלעכע דערפאָלגן פון דעם אומ־גערעכטן, איז די אומגערעכטיקייט נישט מער ווי אַ גריַז אין דעם סדר פון דעם קאָסמאָס, און די גאָטהייט מישט זיך תמיד אַריין און קאָרעגירט דעם טעות כדי די וועלט־שאָפונג זאָל בלייבן גערעכט.

פון דעם דאָזיקן שטאַנדפונקט אויס, פון דעם שטאַנדפונקט פון אַ וועלט־געוויסן, האָבן יידן וואונדערלעך איבערגעטראָגן די שווערע קלעפּ פון זייער היסטאָרישן גורל. ווייל זיי זיינען אַזוי שטאַרק געווען צו שטיין אויף אייגענע פיס האָבן זיי גאָר געגלויבט געטראָגן צו ווערן פונעם חסד פון אַ גאָטהייט. געהער עס דאָך צום וועזן פון דער גערעכטיקייט צו שיצן דעם שוואַכן און הילפלאָזן. אין זייער היסטאָרישער אונמעכטיקייט האָבן יידן זיך געזען אַלס דעם ליבלינג פון דעם וועלט־באַשאַפער. פילאָן פון אַלעקסאַנדריען זאָגט עס מיט דער גרעסטער פשוטקייט: „אַזוי ווי משה האָט פאָראויסגעזאָגט, וועט זיך גאָט תמיד אָננעמען פאַר די פאַרלאָזענע, מחמת זיי זיינען זיין אייגנטום. פון דעם גאַנצן מענטשן־געשלעכט זיינען די פאַרלאָזענע אויסגע־קליבן געוואָרן צו זיין דער בכור און דער ליבלינג פון דער גאָטהייט.*) אויב אַזוי — געהער עס באמת צו די קלייניקייטן אין דער געטלעכער האַנט צו ענ־דערן פאַר יידנס וואויל אַלע געזעצן פון סדר העולם. די אומדערשיטערלעכע אמונה אין אַ משיח און אין ענדגילטיקן וועלט־דערלייזער געהער טאָקע נישט צו דער מעכאַנישער געזעצמעסיקייט פון שיקזאַל. זי איז אָבער, דורכאויס, — דאָס געבאָט פון דעם קאַטעגאָרישן אימפּעראַטיוו פון יענער פרייהייט וואָס איז דורך יידן דערהויבן געוואָרן צו דער מדריגה פון דער העכסטער גאָט־הייט. צום געבאָט פון אַן עטיש געוויסן אינעווייניק אינעם וועלט־אַל. די אמונה אין אַ בעסערער וועלט געהער צו דער גאַנצער קאָנסטרוקציע פון דער יידישער היסטאָרישער עקזיסטענץ. צו דעם אופן ווי יידן האָבן זיך געשיכט־לעך פאַנאַנדערגעבויעט אויף די פליינען פון דער צייט.

7

הגם יידן האָבן געלעבט טראַגישער ווי די גריכן, האָבן זיי פונדעסטוועגן קיינמאָל נישט באַוויזן אַנצעשרייבן אין זייער ליטעראַטור קיין גרויסע טראַ־

* Philo, De Creat"

גישע דיכטונג, ווי עס האָבן צ״ב געטאָן די גריכן. די תנ״כישע פאָרם פון שאַפן איז פון איין זייט דער גרויסער פּאַטעטישער רוף צו דעם וועלט־אַל כּדי אים צו דערמאָנען אין דער פליכט צו זיין גערעכט. די ברוינזנדיקע ליידנ־שאַפט צום געוויסן פון דער וועלט. פון דער אַנדערער זייט: דאָס גליק־זעליקע און עקסטאַטישע דערציילן ווי אַזוי עס וועט אויסקוקן אין לעבן און אין די לאַנדשאַפטן פון אַן עטישן וועלט־אַל. די גריכן האָבן געשילדערט אין זייערע דיכטונגען די מעכטיקע געזעצן פון שיקזאַל און די אונמעכטיקייט פון מענטש קעגן דעם געזעץ. ווען אַ גריכישער טראַגישער העלד וואָלט ווי אַ ייִדישער נביא געמאָנט דעם גערעכטיקייטס־חוב וואָס די וועלט איז אים שולדיק, וואָלט ער געפונען טויבע אויערן ביי די אייגענע צוהערער.

דאָס בלינדע געזעצמעסיקע שיקזאַל האָט צונישט געמאַכט אַלע טראַ־גישע טענות. דער מענטש איז צעריבן געוואָרן אונטערן גאַנג פון אייביקן געזעץ. אין דער טראַגעדיע האָבן די גריכן נעמלעך געגעבן אָט אַ די אַלע אויסזיכטסלאָזע רופן פונעם ליידנדיקן מענטש צום וועלט־געוויסן. דעם מענטשנס אָנמעכטיקייט קעגן קאָסמישן געזעץ. די פאַרצן וואָס זיצן ביים ראָד פון שיקזאַל שפינען און שפינען. זיי הערן קיינעם נישט. די פרייהייט און די גערעכטיקייט איז פאַר די גריכן געווען נישט מער סיידן ווי אַ בונטאַ־רישע אילוזיע פונעם מענטש אויף די פליינען פון אַן אייביקער געזעצמעסיקייט. אַן אילוזיע וואָס האָט נישט קיין שום רעאַלן יסוד אין דער עקזיסטענץ פון דער וועלט. די דאָזיקע אילוזיע קומט כסדר אין קאָנפליקט מיט דער אינער־טיש־בלינדער וועלט־וואַרהייט. און דאָס נעמלעך איז דער טראַגישער קאָנ־פליקט אין וועלכן דער מענטש מוז ענטגילטיק גיין צו גרונט. אַן אייגענער וועג להיפּך די וועלט־וועגן איז אַ זיכערער מוראדיקער דורכפאַל, אַ דורכ־פאַל פאַר וועלכן די העכערע וועזנס אַפילו, ווי די געטער, קאָנען נישט זיין אויסגעהיט. יעדער אילוזאָרישער טעות איז זיך נוקם. יעדער רוף צו וואָסער עס איז וועלט־געוויסן ווערט שווער באַשטראָפט פון דער געוויסנלאָזיקייט פון דער וועלט. דער איינציקער גאָט וואָס האָט זיך געלאָזט פאַרנאַרן פון די מענטשלעכע גערעכטיקייטס־אילוזיעס, פּראָמעטעאוס, האָט געמוזט אָפּקומען זיין זינד קעגן שיקזאַל.

פאַר ייִדן האָבן גראָד זייערע פאָרשטעלונגען וועגן וועזן פון דער וועלט געזאָלט זיין די אָפּשפּיגלונג פון די אינערלעכסטע וואָרהייטן פון קאָסמאָס. ייִדן האָבן געמיינט, אַז אינעווייניק אין קאָסמאָס טוט זיך פונקט אויף דער האָר, ווי ייִדן ווילן עס זאָל זיך טאָן. ווי נאַאיוו און ווי געפערלעך אַזוי צו מיינען! פאַר ייִדן איז דער פרייער גערעכטער גאָט געווען דער ערשטער באַשעפער און דער איינציקער לענקער פון אַלעם און אַלצדינג. דעריבער האָבן ייִדן וואונדערלעך געטרויעט זייערע מחשבות וועגן אים, אים גע־שענקט אַלע זייערע האָפענונגען, און איבערגעשפּרייט אַלע נויטן מיטן בליק

צו דער פרייער געוויסנפולער גאָטהייט. זיי האָבן גערופן דעם פרייען גאָט ווען עס האָט זיך זיי אויסגעדוכט אַז עפּעס איז נישט אין אָרדנונג. טאָמער איז זיי געשען אַן אומרעכט, האָבן זיי בעסער אויסגעקליבן צו באַשולדיקן זיך אַליין אין זייער זינדהאַפטיקייט, איידער צוצוגעבן די אָביעקטיווע אייביקע אומגערעכטיקייט פון דער געטלעכער שאַפונג.

8

אַלעקסאַנדריען איז געווען דער וועלט־שויפּלאַץ וואו עס האָבן זיך צוזאַמענגעטראָפן אָט די צוויי מערקווירדיקע און ווידערשפּרוכפולע אַנשויאונגען פון מענטשן וועגן דער וועלט און וועגן זייער באַשטאַנד אין איר. די גריכישע און די יידישע. דאָס אייביקע באַשטימענדיקע געזעץ פון שיקזאַל און די לויגנהאַפטיקע פרייהייט פון אַ גאָטהייט. צוויי וועלטן. צוויי קעגנזאַצלעכע געמיט־צושטאַנדן. עס איז נישט קיין וואונדער וואָס עס האָט ענדלעך געמוזט קומען צום קאָנפליקט. פאַר די גריכן זיינען יידן אויסגעקומען ווי אַ פאָלק פון היימלאָזע וועלט־וואַגאַבונדן *), פון אויסזיכטסלאָזע בעלי־חלומות, אַ פאָלק וואָס שפּעט אָפּ פון אַלע וועלט־וואַרהייטן און פון אַלע וועלט־אָרדנונגען. אַ פאָלק וואָס גלויבט נישט אין שיקזאַל. ווי לעסטעריש, ווי אָבערגלויבעריש, ווי געפערלעך! עס איז גענוג צו לייענען די גאַנצע אַנטי־יידישע ליטעראַטור פון דער אַנטיקער וועלט, פון מאַנעטאָ און אַפּיאָן, אַריינגערעכנט אַזעלכע קלאַסישע שריפטשטעלער ווי ציצעראָ, טאַציטוס, יובענאַל און סענעקאַ, אַפילו פּלוטאַרך — גענוג איז, זאָג איך, צו לייענען אָט־אָ די אַנטיקע שריפטשטעלער, כדי צו זען דעם אינטעלעקטועלן און גייסטיקן ווידערווילן פון דער גריכישער קולטור־וועלט צו דעם וועלט־בילד פון יידן. דער יידישער וועלט־קוק איז געשטאַנען אין טיפער סתירה צו דעם וועלט־קוק פון די גריכן. און די גייסטיקע סתירה האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ זאָאָלאָגישער שנאה. דאָס גריכישע וועזן האָט זיך געפילט פון יידן אַנגערירט אין אירע טיפסטע עלעמענטן, אין איר אָרגאַנישן לעבנס־אופן. און זי האָט אויף דער יידישער אַנדערשקייט געקוקט ווי אויף אַ געשוואָרענער שנאה צו די מענטשן און צו די גאָטהייטן. יידישקייט און יידן זיינען אויסגעקומען ווי די אָפּשוימען פון מענטשן־געשלעכט וואָס פילט מיט זיך אָן די גאַנצע ערד “Odium generis humani”. נישט קיין קלענערער ווי דער פילאָזאָף סענעקאַ שרייבט: „די לערעס פון דעם פאַרשאָלטענעם יידנטום זיינען איצט שוין פאַרשפּרייט אויף אַזאַ אופן, אַז אין אַלע לענדער האָבן זיי שוין אָנהענגער.“ און ער גיט

*) סטראַבאָ שרייבט: „די יידן זיינען פאַרשפּרייט אין אַלע שטעט, און מען קאָן נישט לייכט געפינען קיין אָרט אויף דער וועלט אין וועלכן דאָס דאָזיקע פאָלק זאָל נישט זיין!“

צו מיט ביטערקייט: „אַזוי האָבן די באַזיגטע געגעבן געזעצן פאַר די זיגער".

ווי קעגנזעצלעך צו די גריכן האָבן זיך יידן באַצויגן צו דער וועלט. ס'האָט געמוזט קומען צו שנאה און צו בלוטיקע קאָנפליקטן.

אין אַלעקסאַנדריען האָבן זיך די ביידע וועלט־אַנשויאונגען צוזאַמענגעשטויסן. יידן האָבן זיך באַקאַנט מיט דער גריכישער פילאָזאָפיע. יידן האָבן אָבער אויף דער גריכישער „אַנדערשקייט" רעאַגירט מיט אַן אַנדערער באַציאונג ווי די גריכן אויף דער יידישער „אַנדערשקייט". יידן האָבן נישט געמאַכט קיין פּאָגראָמען. דערפאַר — קול קול יעקב — האָבן זיי אין זייערע אַפּאָלאָגעטישע ביכער, דאָס יעניקע וואָס האָט זיי אַזוי טיף אימפּאָנירט אין דער גריכישער חכמה — נישט מער און נישט ווייניקער — אויסגעגעבן אַלס פּשוטן פּלאַגיאַט פון יידנטום, און אַז די גריכישע דיכטער און פילאָזאָפן האָבן אַלץ צו פאַרדאַנקען יידן. אַריסטובל שעמט זיך גאָרנישט צו זאָגן, אַז האָמער און העסיאָד האָבן פּשוט באַגנבעט תורת־משה. האָמער איז סך הכל אַ העברעאישער נאָמען, די איליאַדע איז אַ משל אויף דער דעראָבערונג פון כנען און די אָדיסעע איז די אַלעגאָריע אויף דעם וואַנדערן פון יידן אין דער מדבר. דער גרויסער אַריסטאָטעלעס זייענדיק אין ירושלים האָט זיך אַריינגעכאַפּט אין שלמה המלכס ביבליאָטעק און פון דאָרט אָפּגעשריבן זיין גאַנצע פילאָזאָפיע. אַנדערע אַפּאָלאָגעטן האָבן געזאָגט, אַז די בבלים האָבן זיך ביי אברהם אבינו געלערנט אַסטראָנאָמיע און אַסטראָלאָגיע. אַפילו די שריפט האָבן די פעניציער גענומען ביי יידן. און העברעאיש איז די ערשטע און אורשפּרונגלעכע מענטשלעכע שפּראַך. ווען די גריכן האָבן געקוקט אויף יידן ווי אויף דעם „אָפּשוים פון דעם מענטשן־געשלעכט", האָבן יידן זעלבער אויף זיך גראָד געקוקט ווי אויף דאָס אויסדערוויילטע און געליבטע פאָלק פון דער גאָטהייט. אַלס דאָס שענסטע און דאָס בעסטע צווישן די מענטשן. נאָר מען איז אויף זיי קיין מבין נישט. פילאָן זאָגט: „די גויים האַסן אונדז ווייל זיי זיינען נישט קיין מבינים אויף אונדזערע מידות טובות."

דער עיקר: די גאָרע וועלט איז נאָר באַשאַפן געוואָרן צוליב אָט דעם ווינציקן און גערודפטן פאָלק. אָ, שפּאָט און איראָניע אויף אַלע געזעצמעסיקייטן ווען דער שוואַכער גייט זיך פאַרנעמען צו באַהערשן די וועלט. ווי אַנטי־גריכיש! ווי אַנטי־געזעצלעך! ווי אַנטי־שיקזאַל! אין די דאָזיקע קאָפּויערדיקייטן אַקעגן דעם געזעצמעסיקן סדר־העולם זיינען יידן געווען אַזוי זיכער, אַז דער אַפּאָלאָגעטישער מחבר פון „פּסידאָ־עזרא" פרעגט מיט דער האָפערדיקסטער תמימות: „ווען די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן פאַר

אונדזערטוועגן, פאַרוואָס האָבן מיר נישט אונדזער וועלט אין באַזיץ? און ווי לאַנג זאָל עס אַזוי בלייבן?״

עס זיינען געווען צוויי וועלט־אַנשויאונגען וואָס האָבן געמוזט שטיין אין אייביקן קאָנפליקט. זיי שטייען נאָך היינט אין קאָנפליקט. עס איז זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז נישט געקוקט אויף זייער האָפּעדיקער האָפנונגספולקייט זיינען יידן פון דעם דאָזיקן וועלט־קאַמף תמיד אַרויסגעגאַנגען מיט צעבלוטיקטע קעפּ. ווי צו דעם וואָס וויל דווקא איינשפּאַנען די גזעצן פון דער וועלט אין דעם יאָך פון זיינע אייגענע אילוזיעס און וויל אויף אַ רגע נישט אַ צווייפל טאָן אפשר — ווער ווייסט — האָט ער אַ ביטערן טעות.

9

דער מחבר פון „איוב״ איז נישט געווען קיין ביכער־פאַנטאַזיאָר ווי די אפּאָלאָגעטן פון אַלעקסאַנדריען. ער האָט נישט געלעבט אין די ליכטיקע קריטיקלאָזע היגערפלעט פון אַ וועלט־גערעכטיקייט און פון אַ לייטזעליקער משיחישער צוקונפט. דעם מחברס גרויסע עשירותן, זיינע טאָג־טעגלעכע פּראַקטישע עסקים מיט דער האַרטער ווירקלעכקייט האָבן אים געמוזט געבן אַ מער ניכטערן בליק אויף אַ סך פּראָבלעמען ווי עס האָבן געהאַט די אַלעקסאַנדרישע בעלי־חלומות. אַז אונדזער מחבר איז געווען אַ מענטש פון גרויסן וויסן און פון גרויסן סטיל, דאָס זעט מען סיי ווי ער באַהאַנדלט די פילאָזאָפישע טעמאַטיק סיי אין דעם טאָן און דער פּאַטינא פון זיין שפּראַך.

נישט געקוקט אויף זיין מענטשן־קענטשאַפט, אויף זיינע סוהרישע וועלט־באַציאונגען, און אויף זיינע רייכטימער. נישט געקוקט אויף דעם גאַנצן אַריסטאָקראַטישן זשעסט און ניוואָ פון מחבר („און אַצינד לאַכן פון מיר ייִנגערע פון מיר אין טעג, וואָס איך האָב מיך געמיאוסט צו שטעלן זייערע פאָטערס מיט די הינט פון מיינע שאָף״ —) איז ער פונדעסטוועגן געווען אַ גערעכטער מענטש. אַ יידישער גערעכטער מענטש. ער איז געווען גערעכט פון זיין יידיש־פילאָזאָפישן קוק. לאָמיר צוגעבן: ער איז געווען גערעכט אויך צוליב פּראַקטישע טעמים. גערעכט — כדי וואויל צו געפעלן דער גערעכטער גאָטהייט און נישט אַרויסצורופן קעגן זיך איר ווידערווילן. אין אַ ווידערשפּעניקער האַנדלונג קעגן דער גאָטהייט האָט דער מחבר געהאַט אַ סך צו פאַרלירן. דאָס זעען מיר פון דעם גאַנצן רעמאַנענט פון זיין עשירות וועלכעס איז באַשריבן אין ערשטן קאַפּיטל פונעם בוך. איוב גיט אויך אַ בילד פון זיין גערעכטער לעבנס־פירונג: „ווייל איך פלעג ראַטעווען דעם אָרעמאַן וואָס האָט געשריגן און דעם יתום וואָס האָט ניט קיין העלפער. די ברכה פון דעם אומגליקלעכן פלעגט קומען אויף מיר, און דאָס האַרץ פון דער אלמנה פלעג איך דערפרייען. איך האָב אָנגעטאָן רעכטפערטיקייט, און זי האָט מיך אָנגעטאָן. ווי אַ מאַנטל אין אַ הויב איז געווען מיין גערעכטיקייט. אויגן בין איך

געוועזן פֿאַרן בלינדן, און פֿיס פֿאַרן הינקענדיקן בין איך געוועזן. איך בין געוועזן אַ פֿאָטער פֿאַר די באַדערפֿטיקע, און דעם משפּט פֿון דעם וואָס איך האָב ניט געקענט פֿלעג איך אויספֿאָרשן. און איך האָב צעבראָכן די באַקציין פֿון דעם פֿאַרברעכער, און פֿון זיינע ציינער אַרויסגעוואָרפֿן דעם רויב". מיר מעגן אים גלויבן אַז ער גיט דאָס ריכטיקע בילד זיינס, מחמת די ריכטיקייט פֿון איובס זעלבסט־פֿאַרטרעט דעקט אויף די גאַנצע אומברהמנותדיקע טראַגיק פֿון דער אַנטוישונג. דער מחבר איז פֿאַרזיכטיק און איז געהיט פֿאַר אַן איבריק וואָרט. ער איז קיינמאָל נישט מגזם. ער שרייבט פֿון טיפֿער לעבנס־דערפֿאַרונג און לאָזט נישט לויפֿן זיין פֿאַנטאַזיע אונטער דעם עקסטאַטישן שטראָם פֿון דער פֿעדער ווי עס איז געוועזן דער דרך פֿון די אַלעקסאַנדרינער יידישע ליטעראַטן.

10

אָבער דאָך —

דער פּראַקטישער לעבנס־קענערישער ייד, ביי זיין גאַנצן רעאַלן לעבנס־חוש, האָט אַ סך געטרויעט דער גערעכטיקייט. פּאַרט אַ ייד! ער האָט גע־האַלטן דאָס גריכישע בלינדע שיקזאַל פֿאַר אַ וועלט־סדר פֿון די היידן. גויים זיינען נאָך נישט צוגעקומען צו דער אמתער וועלט־דערקענטעניש. די דער־קענטעניש פֿון אַ פֿרייער געוויסנפֿולער גאָטהייט. גויים בלאָנדזשען נאָך אין דער פֿינצטערניש. מיט אַמאָל האָט ער דערהערט ווי ביי זיין יידישער טיר קלאַפּט־אָן דאָס שיקזאַל פֿון דער וועלט מיט דער גאַנצער מוראדיקער גרוי־זאַמקייט פֿון בלינדן געזעץ. דאָס אָנקומען פֿון שיקזאַל שילדערט איוב אויף אַן אופֿן ווי עס האָבן געטאָן די גרויסע גריכישע טראַגיקער. דעם גלויביקער ייד בלייבט שטיין אַ צעמישטער. אַלע ליכטיקע הימלען איבער זיין קאָפּ האָבן זיך מיט אַמאָל אָנגעצינדן מיט שוואַרצע פֿראַג־צייכנס: צי זיינען גאָר גערעכט די גריכישע פֿעלקער? צי האָט ער געהאַט אַ טעות אין דער פֿרייער סיבה פֿון דער וועלט? צי איז טאַקע אַלץ נישט מער ווי בקינדער מוח און אַלע אייביקייטן זיינען טויב פֿאַרן רוף פֿון דער גערעכטיקייט? צי איז אַלץ נישט מער ווי אַ בייזוויליקע מעכאַנישע געזעצמעסיקייט וואָס צעררייבט אַלעמען אויפֿן וועג? איין גורל וואָרט סיי אויפֿן שלעכטן סיי אויפֿן גערעכטן? „אחת היא על כן אמרתי תם ורשע הוא מכלה". „עס איז אַלץ איינס, דערום זאָג איך: דעם אומשולדיקן אַזוי ווי דעם רשע פֿאַרלענדט ער". צי לעבן טאַקע אַלע יידישע מענטשן אין אַ פֿאַטאַלן טעות?

11

עס געהער דורכאויס צו דעם קאָנטינואירנדיקן גאַנג פֿון אַ געשיכטע און צו דער פּסיכישער קאָנסטרוקציע פֿון אַ היסטאָרישן קאָלעקטיוו, און קיין שום יחיד קאָן עס סוף כל סוף נישט איבעררייסן, נעמלעך: — דער געשלאָגנ־

סטער און טראַגיש־אַנטוישטסטער ייד קאָן ביי זיך נישט פועלן צו גלויבן : אַז ער לעבט אינמיטן פון אַ מעכאַנישער גרזעצמעסיקייט : אַז אַלע שיינע מענטשלעכע אילוזיעס וועגן דער וועלט זיינען נישט מער ווי אייטל איינרעדע־ניש און פאַרן בן־אדם איז נישטאָ וואָס צו טאָן סיידן צו וואַרטן אויפן שיקזאַל. אַזוי ענטגילטיק צו טראַכטן איז דערווידער דעם גאַנצן יידישן וועלט־באַנעם וועגן אַ פרייען גאָט און אַ געוויסנפולן קאָסמאָס. דער מחבר פון „איוב" איז אין דעם דאָזיקן פרט אויף אַ האָר נישט ווייטער געווען ווי טביה דער מילכיקער און ווי מנחם מענדל. הגם ער איז געווען אינטעלעקטועלער און פראַקטישער פון אָט די שלום־עליכמשע יידן. דער געדאַנק אַז מיר געפינען זיך אינמיטן אַ שפיל פון ווינט־מילן וועלכע מיר ווילן אומזיסט צוגעבן אַ מיין און אַן עטישע אידייע — דאָס איז שווער מודה צו זיין פאַר אַזאַ וועזן ווי אַ ייד אויף די פליינען פון דער וועלט־געשיכטע. איוב פּראָוווט אַפילו אָנהויבן טענהן ווי יענער מאַינצער צדיק פון וועלכן רעגאַן דערציילט אַז בעת מען האָט אים געפירט צום שייטער־הויפן האָט ער זיך גאָר פאַרנומען צו געבן די פולסטע רעכט דעם דרך פון דער גאָטהייט און אויסגערעכנט אויף זיך אַ פעקל חטאים פון וועלכע די האָר האָבן זיך געקאָנט שטעלן קאַפויער. דער מחבר פון „איוב" קאָן אָבער — ביי זיין גאַנצן און גוטן יידישן מיין — נישט אויסגעפינען אויף זיך יענע באַרעכטיקונג פאַר וועלכער די גאָטהייט זאָל זיין גערעכט אין איר וועג קעגן אים. דער מחבר האָט זיך צופיל אָנגעשמעקט מיט דעם העלעניסטישן עפּיקורעאיזם, האָט צופיל געהאַט וועלט און מענטשן קענטשאַפט, כדי סתם אויף זיך אויסצורעכענען אַלערליי ממזר־בלבולים, אַבי גאָט אין די הימלען זאָל זיין דער שופט צדק און אַלצדינג בלייבט — טראָטץ אַלעם — ביי דער אַלטער גוטער וועלט־גערעכטיקייט. איוב גייט אַדורך דעם גאַנצן חשבון פון זיין לעבן. ניין. ער געפינט דאָרט נישט דעם שוואַרצן פלעק וואָס זאָל רייגוואַשן די גאָטהייט. איוב קאָן ביי זיך נישט פועלן אויסצולעשן אין זיין געמיט אַלע ביטערע ספקות און צו בלייבן דער אַלטער מאמין.

וואָס הייסט ? איז אַלץ טאָקע נישט מער ווי שיקזאַל, און יידן טראָגן זיך איבער דער גאַנצער געשיכטע אַרום מיט אַ פאַטאַלן טעות וועגן אַ וועלט־געוויסן ?

דאָ פרואווט דער מחבר צו מאַכן די פשרה אין דער התנהגות פון דער וועלט. ער פירט אַריין דעם פינצטערן ווידערשפרוך צו דער ליכטיקער געטלעכער גערעכטיקייט. און עס איז ווידער העלעניסטיש. די אַנטיקע יידן, איידער זיי האָבן זיך באַקאַנט מיטן גריכישן שיקזאַל, האָבן אין וועזן פון זייער איינציקן פרייען גאָט גאָר נישט אַריינגעפירט קיין שום אינערלעכע ווידערשפרוכן.

כ'מיין דעם שטן־מאָטיוו. אין תנ"ך געפינען מיר נאָכאַמאָל דערמאָנט די

פערזאָן פון אַן ענלעכן שטן *) נעמלעך, אין „זכריה". אַז דאָרט זיינען עס שפּעטערע אַפּאָקריפישע איינפלוסן, דאָס ליגט ממש אויף דער האַנט. דאָס איז אויך דער מיין פון אַלע ביבל־פאָרשער. דערפאַר האָט עס אין דער אַפּאָקריפישער ליטעראַטור געווימלט מיטן מלכות פון שטן. נעבן דער הערשאַפט פון דער גאָטהייט איז זיי דער ווידערשפּעניקער „בליאַר" נישט אַראָפּ פון דער פעדער. עס איז בשום אופן נישט גויטיק די שטן־פאָרשטעלונגען אין דער אַפּאָקריפישער ליטעראַטור אויסצוטייטשן אַלס דאָס זעלביקע וואָס די פערסישע לערע פון הורמוז און אחרימון, די צוויי געטער פון ליכט און פינצטערניש. די פערסיער האָבן געהאַט דעם צוויי־געטער־פּרינציפּ כדי פּטור צו ווערן פון אַלע ספיקות און קאָנפליקטן אין סדר־העולם. דאָס גוטע און דאָס ליכטיקע קומט פון איין גאָט און דאָס בייזע און פינצטערע פון אַ צווייטן. צוויי עקזיס־טענץ־ספערעס טיילן פאַנאַנדער דעם קאָסמאָס און די אייביקייטן. צוויי וועלטן ליגן אויף אַן אייביקער וואָג־שאָל און דעצידירן דעם מהות און דאָס וועזן פון יעדן טראַכטן און פון יעדן געשעעניש. פון דעם דאָזיקן שטאַנדפּונקט ווייסן מיר פאַרוואָס עס גייט אין דער וועלט צו טייל מאָל אַזוי ליכטיק און גערעכט און טייל מאָל אַזוי פינצטער און אומגערעכט. עס ווענדט זיך אין דעם גאָט וואָס איז גראָד אַרויפגעקומען אויף דער אויבערפלאַך. דער מחבר פון „איוב", ווי אַלע אַפּאָלאָגעטן, זיינען געווען פעסטע און איבערצייגטע יידישע מאָנאָטעאיסטן, אַנהענגער פון איין און איינציקער פרייער און גערעכטער גאָטהייט. — ווי אַזוי זשע קומט דאָס שלעכטע און בייזע אַרויס פון דער ליכטיקער און גערעכטער גאָטהייט?

כדי זיך ווי עס איז אַן עצה צו געבן מיט דעם דאָזיקן ביטערן ווידער־שפּרוך אין דער אבסאָלוטער גערעכטיקייט פון דעם וועלט־באַשעפער, האָבן די אַלעקסאַנדריינישע אַפּאָלאָגעטן אַריינגעפירט אין וועזן פון דער גאָטהייט עפּעס אַזוינס ווי אַן אינערלעכן ווידערשפּרוך. העגל האָט דאָס אייגענע געטאָן מיט דעם כלומרשט שלימותדיקן גאַנג פון דעם וועלט־גייסט. גאָר העגל האָט דעם ווידערשפּרוך אין דער פאַרנונפט פון דער וועלט אָנגערופן אַנטיטעזע. די

---

*) דער שטן וואָס ווערט דערמאָנט אין „דברי הימים" אי כ"א „ויעמוד שטן על ישראל ויסת את דוד למנות את ישראל" ווי אויך אין „במדבר" כ"ב „ויתיצב מלאך ה׳ לשטן לו והוא רוכב על אתונו . . . ושני נעריו עמו"—האָבן באַשיינפּערלעך נישט דעם זעלבן מעטאַפיזיש־קאָסמישן זין פון אַ געטלעכער קעגן־קראַפט ווי אין „איוב" און אין „זכריה" ב׳. די שפּעטערע תנ"ך־שריפט־שטעלער האָבן דעם דאָזיקן שטן פאַרטיפערט אין זיינע קאָסמישע פונקציעס, נעמלעך, אַלס די שוואַרצע פיגור אין קעגן־שפּיל צו דער גאָטהייט. מען זעט בפירוש ווי דער שטן אין „במדבר" האָט נאָך גאָר אַ ווינציקע און אַן אומ־שולדיקע ראָל.

יידן אין אַלעקסאַנדריע האָבן געדענקט מיטאָלאָגישער און האָבן די דאָזיקע אַנטיטעזע אָנגערופן שטן. די גערעכטע פרייע גאָטהייט האָט אין איר שויס אויסגעהאָדעוועט די שוואַרצע שלאַנג וואָס טוט איר אָן כסדר די גרעסטע צרות. קאָמפּראָמענטירט זי אויף שריט און טריט און פּרואווט צו מאַכן דער געט־לעכער גערעכטיקייט אַ שטריך אונטערן חשבון. צי וואָס האָט די פרייע גאָט־הייט באַדאַרפט צו האָדעווען אַ שונא אין דער אייגענער שטוב און לאָזן אָנטאָן אין דער געטלעכער שאַפונג אַזוי פיל לייד און אַזוי פיל צרות? ס׳איז שווער דערויף צו געפינען דעם ריכטיקן תירוץ. הגם אַלע אַלעקסאַנדריניש אַפּאָלאָגעטן און שפּעטער די מקובלים האָבן דאָ געוואָלט צונויפפירן אַ וואַנט מיט אַ וואַנט. ניין. עס לייגט זיך נישט אויפן שכל און ס׳נעמט אויף אַ האָר נישט אַראָפּ פון גאָט די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר די מעשים־תעתועים און פאַר דעם ביטערן סדר־העולם וואָס דער שטן האָט אויפגעשטעלט אינמיטן דער מכלומרשט אבסאָלוטער קאָסמישער גערעכטיקייט.

יעדנפאַלס די דאָזיקע שוואַרצע געשטאַלט אויף די פּליינען פון דער וועלט — ווי ווייניק זי זאָל זיין מאָטיווירט פונעם שטאַנדפּונקט פון אַ פריי און אבסאָלוט וועלט־געוויסן — ווייניקסטנס באַמיט זי זיך אַראָפּצונעמען פון דער גאָטהייט אַביסעלע פון דער פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דער וועלט. אויב אין מענטשלעכן לעבן טוט דער שטן אָן אומבאַשרייבלעכע צרות און שטעלט די גאַנצע גערעכטיקייט אויפן קאָפּ, — נו, פאַרן פילאָזאָפישן ספּעקולירן איז דער שטן אַ היפּשער שעיר לעזאזל. אויף זיין קאָפּ איז גוט אויסצולאָזן די אַלע ביטערע געדאַנקען וואָס מען וואָלט באַשיינפּערלעך געקאָנט טראַכטן וועגן דער גערעכטער גאָטהייט.

12

דער פּראַקטישער מחבר פון „איוב" האָט אויך געגלויבט צו מיינען אַז מיט דער געשטאַלט פון שטן וועט ער פאַרשטופּן אַלע פינצטערע לעכער אין דעם סדר־העולם. אין דער ערשטער סצענע אין הימל פּרואווט ער טאַקע דעם שטן צו מאַכן שולדיק פאַר דעם גאַנצן אומגליק וואָס האָט דעם מחבר פּער־זענלעך צעבראָכן דאָס לעבן. די אבסאָלוטע וועלט־גערעכטיקייט איז גאָט די נשמה שולדיק. גריילעך ווייסט זי אָפּצושאַצן די גערעכטיקייט פון מענטש איוב. זי וואָלט אים מיטן בעסטן געוויסן געלאָזט ביי זיינע טויזנטער שאָף, קעמלען און איזלען, ביי זיינע קנעכט און ביי זיינע דינסט־מיידן, ביי זיינע אַלע עשירותן און ביי זיין לעבנס־גליק. עס איז דער שטן — מיר וואָלטן עס היינט גערופן: דער דיאַלעקטישער ווידערשפּרוך אין דער אבסאָלוטער גערעכטער גאָטהייט — וואָס האָט געהעצט קעגן איובן אינמיטן דער פאַר־זאַמלונג פון די ליכטיקע בני־אלהים. דער שטן האָט פּראָוואָצירט די וועלט־גערעכטיקייט צו שטעלן דעם גערעכטן מענטש אויף דער פּראָווו. „האָט דער

שטן געענטפֿערט גאָט און האָט געזאָגט: הויט פֿאַר הויט, און אַלץ וואָס אַ מענטש האָט, וועט ער אַוועקגעבן פֿאַר זיין נפֿש. אָבער, שטרעק אָקאָרשט אויס דיין האַנט, און ריר אָן זיין ביין און זיין פֿלייש, אויב ער וועט ניט אין דיין פּנים דיך לעסטערן". עס איז ליידער דווקא דאָ געווען דער שטן וואָס האָט געהאַט די בעסערע מענטשן־קענטשאַפֿט, און געוואוסט אַז אַפֿילו דעם גערעכטסטן מענטש טאָר מען נישט צופֿיל אויסשטעלן אויף נסיונות. די מענטשלעכע שוואַכקייטן זיינען גראָד שטאַרקער פֿון אַלע מענטשלעכע גבורות.

אין דער דאָזיקער עפּישער סצענע וויל דער מחבר נאָך נישט ווייזן זיין „געפֿאַלענעם" העלד און באַמיט זיך אים צו האַלטן אין דער ייִדיש־אָפּטימיסטישער וועלט־אַנשויאונג וועגן אַ גערעכטן וועלט־גאָט. — דאַן קומען די דיאַלאָגן. עס איז העכסט וואַרשיינלעך: דער מחבר האָט זיך גענומען פֿאַר אַ מוסטער די פּלאַטאָנישע דיאַלאָגן. הגם, — דורך דעם אַרכאַאיזירנדיקן טאָן פֿונעם אַלטן חומש־העברעאיש זיינען די דיאַלאָגן אַרויסגעקומען אָן דער ראַפֿינירטער איראָנישער עלאָקווענץ און אָן דער שניידיקער קלאָרקייט פֿון אַ פּלאַטאָ. אָבער וויבאַלד דער מחבר פֿאַרלאָזט די רואיקע גלויבערישע עפּיק און לאָזט זיך אַריין אין די וועגן פֿון אַ שאַרפֿער דיאַלעקטישער אַנאַליז — ביי אַלע ייִדישע פֿאַרזיכטיקייטן — קומט היפּש טראַגיש אַרויס דאָס צוריסענע און צעוויטיקטע געמיט פֿון דעם עפּיקורעאישן ייִד. ער דעקט טיילמאָל אויף זיין נשמה, און מיר זעען דאָרט די טיפֿסטע וואונדן פֿון מענטשלעכע ספֿקות. ער פֿאַרגעסט זיך צו האַלטן אין טונקעלער אַנאָנימיטעט. ער פֿאַרגעסט אַפֿילו צו באַשולדיקן דעם שטן — און כאַפּט זיך אַרויס מיט ביטערע טענות קעגן דער גאָטהייט און אירע התנהגותן אין דער וועלט. טענות וואָס ביי אַ פֿרומען גלויביקן ייִד באַדאַרפֿן זיך — לייענענדיק אָט די איוב־פּראָזע — אַלע האָר שטעלן אויפֿן קאָפּ.

13

ליט ווי איך קאָן מיך דערמאָנען האָב איך עס נישט געפֿונען ביי קיין שום ביבל־פֿאָרשער, דאָך — שלאָגט עס ממש אין די אויגן. דער מחבר באַנוצט זיך מיט אַ ראַפֿינירטן קאָמפּאָזיציאָנעלן טריק וואָס וואָלט אים אייגנטלעך באַדאַרפֿט שטעלן אויבנאָן צווישן די גרעסטע וועלט־דראַמאַטיקער, נעמלעך: אין דעם עפּישן אַריינפֿיר־בילד וואו עס ווערט דערציילט פֿון איובס לעבן און פֿון די טראַגישע געשעענישן פֿון זיין שיקזאַל, האָבן מיר פֿיר אויפֿטרעטנדיקע שיקזאַל־שליחים. זיי קומען איינער נאָך דעם אַנדערן ווי אַרויס פֿון דעם אומהיימלעכן וועלט־געהיימניש, שטייגערן — דראַמאַטיש — די האַנדלונג, און לאָדענען אויס איבער דער דיכטונג דאָס פֿינצטערע געוויטער פֿון שיקזאַל. זיי אַקעגן — ווי די שליחים פֿון דער וועלט־פֿאַרנונפֿט און פֿון דעם געטלעכן געוויסן פֿון קאָסמאָס — טרעטן אויף פֿיר ייִדן. פֿיר קעגן פֿיר.

מיר דאַרפֿן זיך נישט לאָזן פֿאַרבלענדן פֿון מחבר, וואָס די פֿיר שפּרעכער וועל־כע טרעטן אויף אין די דיאַלאָגן טראָגן אַנטיקע אדומישע נעמען, אליפז התימני, בלדד השוחי, צופר הנעמתי. נייַן. עס זיינען יידן פֿון יידנלאַנד. ביים לאַנד עוץ האָבן מיר שוין געזען ווי דער מחבר שפּילט אַנאַנים און גיט דעם אָרט פֿון די געשעענישן אַן אַרכאַאיש־עקזאָטישן נאָמען. אויך די פֿיר יידן — הגם זיי קומען אָרויף אויף דער בינע אין אדומישע אנטיקע מאַסקעס — געגנוג איז צו הערן זייערע רייד, און מיר דערקענען באַלד דעם היסטאָרישן־יידישן וועלט־קוק וועגן דעם סדר העולם.

אויך דאָס קול פֿון הינטער דער סצענע, — גאָטס ענטפֿער פֿון שטורעם־ווינט, דער „מן הסערה" — דעקט אויף זיין העלעניסטיש־אַפּאָקריפֿישן שורש. אין די אַפּאָקריפֿן — ווען דער געקריוודעטער און אומגעדולדיקער ייִד זעט ווי פֿון אַלע זיינע דערוואַרטונגען לאָזט זיך אויס אַ בוידעם. די וועלט וואָס ער דאַרף צו באַהערשן אין גערעכטיקייט שטעלט זיך אים גאָר קאַפּויר, און ער הויבט אָן גאָט פֿאַרצוואוואַרפֿן ביטערע נישט־קאָנסעקווענטקייט — דאַן קומט אַ מלאך אָדער אַן אַנדערער שליח פֿון דער גאָטהייט און טייטשט אויס דאָס פֿינצטערע אומגליק אַלס די צייכנס פֿון דעם ליכטיקן גליק וואָס גרייט זיך צו קומען אויף דער ליידנדיקער וועלט. די וויזיאָנערישע אומבאַקאַנ־טע שטימע פֿון הינטער די קוליסן פֿון דער וועלט איז סך־הכל מבשר, אַז די גרויסע קלעפּ זיינען נישט מער ווי די האָפּערדיקע אָנזאָגן פֿון די קומענדיקע צייטן פֿון גערעכטיקייט.

14

אין הונדערטער ספֿרים און פּירושים באַמיען זיך ביבל־פֿאָרשער און טעאָלאָגן אויפֿצושטעלן די באַזונדערע וועלט־אַנשויאונגען און פֿילאָזאָפֿיעס וואָס יעדער איינער פֿון די „שפּרעכער" ברענגט מיט זיך מיט כדי צו „טרייסטן" איובן. סיי יידישע חוקרים, סיי גויאישע טעאָלאָגן פֿאַרקאָטשן דאָ די פּאָלעס און ווייזן וואָס זיי קענען. פֿרייערע ביבל־פֿאָרשער זיינען קאַפּאַבל מקריב צו זיין דעם פֿירטן שפּרעכער, אליהו בן ברכיה, און גיבן צו, אַז דעם „פֿערטן" האָט אַריינגעשריבן אַ שפּעטערער קאָמפּילאַטאָר פֿאַר וועלכן דער מחבר פֿון „איוב" איז אבסאָלוט נישט פֿאַראַנטוואָרטלעך. אין דעם דיאַלאָג פֿון אליהון האָט זיך שוועד געלאָזט אַריינפּאַסן אַ נייע וועלט־אַנשויאונג. ער חזרט סך־הכל איבער דאָס נעמלעכע וואָס די פֿריערדיקע שפּרעכער האָבן שוין געזאָגט.

אויב אליהו רעדט אַפֿילו פּאַטעטיש און פֿאַרנעפּלט, — מיט די דאָזיקע חסרונות צי מעלות צייכענען זיך היפּש אויס די ערשטע שפּרעכער. דער מחבר וויל גאָרנישט אָפּטרעטן פֿון דעם עקסטאַטישן מליצה־סטיל פֿון אַנטיקן העברעאיש. עס געהערט צו זיין גאַנצן נוסח. און איך ווייס נישט פֿאַרוואָס

דאַרף גראָד אליהו צו זיין דער קרבן און דאָס צוטשעפּעניש פון אַ מכלומרשטן קאָמפּילאַטאָר? אַלע קעגן־„שפּרעכער“ זאָגן דאָס אייגענע. דאָס אייגענע מיט קנאַפּע שאַטירונגען און הילוקים. אַבסאָלוט דער אייגענער יידישער וועלט־קוק. אין אידעאָלאָגישן זין וואָלט דער מחבר גאַנץ גוט געקאָנט אויסקומען מיט איין קעגן־שפּרעכער.

כ׳וויל נאָך אַמאָל צוגעבן: דער מחבר האָט אריינגעפירט פיר קעגן־שפּרעכער אין דיאַלאָג, נישט כדי צו זאָגן פיר מיינונגען. דער מחבר איז עס גאָרנישט אויסן געווען צו געבן פיר אידעאָלאָגיעס. ער האָט עס, זעט זיך אויס, געוואוסט אז אַ גוטע קאָמפּאָזיציע אין אַ דיכטונג דעקט טייל מאָל אויף טיפערע אמתן און דערגרייכט צו אַזעלכע אָפּגרונטן פון געדאַנק וועלכע קיין שום פילאָזאָפישע דעפיניציעס זיינען גאָרנישט אין שטאַנד צו דערגרייכן. נאָר די דאָזיקע דיכטערישע אינטואיציע האָט אים אריינגעפירט די פיר שפּרע־כער. ס׳איז דעם סוחרישן פּאָעט געגאַנגען אינעם דראַמאַטישן קעגן־שפּיל פון די כוחות וואָס שטייען אין היסטאָרישן וועלט־קאַמף און באַוועגן די דינאַ־מיק פון דער וועלט־געשיכטע: שיקזאַל אָדער פרייהייט? בלינדע געזעצ־האַפטיקייט אָדער גערעכטיקייט? גויאישקייט צי יידישקייט? פיר שליחים, די פאָרשטייער פון גריכישן שיקזאַל. פיר יידן די פאָרשטייער פון דער אַבסאָ־לוטער פרייער גערעכטיקייט.

די וואָג־שאָלן פון דער וועלט שטייען גרייט זיך צו באַוועגן —
דאָס שיקזאַל האָט זיך געשטעלט אויף איין וואָג־שאָל —
די גערעכטיקייט — אויף דער אַנדערער.
דער משפּט איבער דער וועלט־הנהגה הויבט זיך אָן —

15

וואָס זאָגן די פיר יידן איובן?

כ׳וויל נאָך אַמאָל דערמאָנען דעם יידישן צדיק פון מאָינץ וואָס גייענ־דיק צום שייטער־הויפן האָט ער נישט אויפגעהערט אויף זיך אויסצוטראַכטן אַלערליי נישט געשטויגענע און נישט געפלויגענע חטאים, — און אַלץ כדי ריין צו וואַשן די גאָטהייט. זי זאָל חלילה נישט זיין די אומגערעכטע. אַן אומ־גערעכטע גאָטהייט וואָלט געמאַכט אַ שטריך אונטערן חשבון פון אַלע יידישע אויסבליקן אויף דער מענטשלעכער געשיכטע. זי וואָלט פאַר יידן די גאַנצע מענטשלעכע צוקונפט געשטעלט אונטער אַ שוואַרצן פראַג־צייכן. מענטש־לעכע צוקונפט, לעתיד־לבוא, — דאָס איז דער געפערלעכער דראָט איבערן אָפּגרונט איבער וועלכן דאָס יידישע פאָלק גייט שוין זינט טויזנטער יאָרן. גייט — און גלויבט ענדלעך אַריבערצוקומען איבעם גליקלעכן ערגעץ־לאַנד. אַן אומגערעכטע גאָטהייט וואָלט דאָס גאַנצע יידישע לעבן אויסגעשטעלט אויף אַ ביטערן חוזק. דאָס איז פאַר יידן נישט מעגלעך מודה צו זיין. אין אבסטראַקטע

און אפּאָלאָגעטישע ווערטער הויבן די שפּרעכער קודם־כל פּאַר איובן אָן
אויסצומאָלן די וואונדערפולע בילדער פון דער גערעכטער געטלעכער פירונג:
„דער וואָס טוט גרויסע זאַכן ניט צו דערפאָרשן וואונדער אָן שיעור אָן צאָל. דער
וואָס גיט רעגן אויפן געזיכט פון דער ערד און שיקט וואַסער אויפן געזיכט
פון די פעלדער: ער שטעלט די נידריקע אין דער הויך, און די פינצטערע
ווערן דערהויבן דורך הילף". איך וואָלט געקאָנט ברענגען נאָך אַזעלכע
ציטאָטן, וואָס דער מחבר לייגט אַריין אין דעם מויל פון די פיר יידן. דאָס בוך
„איוב" ווימלט פון ענלעכע ציטאַטן. הגם דער געשלאָגענער איוב באַמיט
זיך — היפּש פּאָרזיכטיק — צו ברענגען שרייענדיקע קעגן־פאַקטן וואָס גיבן
אַן אַנדער בילד פון דער געטלעכער וועלט־גערעכטיקייט. „ארץ נתנה ביד רשע,
פני שופטיה יכסה אם לא אפו מי הוא." „די ערד איז איבערגעגעבן אין דער
האַנט פון רשע. דאָס פּנים פון אירע ריכטער פאַרדעקט ער. אויב ניט, ווען
דען איז דאָס?" דערצו טענהט איוב: אַז ער פאַרשטייט כּלל נישט דאָס קי־
דער־ווידער־שפּיל וואָס די אַלמעכטיקע גאָטהייט פירט מיט דעם שטויבעלע
מענטש. איז זשע וואָס? ניין. די פיר יידן ווילן דערפון נישט הערן.

ניט געקוקט דערויף וואָס איוב, דער גערעכטער מאַן פון לאַנד עוץ,
זיצט מיט אַ זאַק אויפן צעשוונדענעם לייב און די טייכן פליסן אין זייערע גע־
לעגערס, אויף די בוימער זינגען די פייגל און אין די הימלען שיינט די זון
ווי אַלץ וואָלט געווען אין דער סאַמע בעסטער אָרדנונג, פונדעסטוועגן האָבן
די טרייסטנדיקע פיר יידן פאַרן אַנטוישטן יידישן צדיק נישט קיין אַנדערע
ווערטער סיידן ווי אויסצומאָלן זיין גרויסע זינדהאַפטיקייט און זיינע נישט גע־
שטויגענע און נישט געפלויגענע חטאים. עס קומט נאָך דער גאָטהייט אַרויס
די גרויסע רעשט. גריילעך קומט איובן נאָך אַ גרעסערע שטראָף. בלויז דער
חסד פון דער גאָטהייט גייט זיך מיט אים אין באַרמהאַרציקייט. פאַקטן?
אַ איראָניע פון אַ וועלט־גערעכטיקייט! די פיר יידן באַדאַרפן גאָרנישט קיין
פאַקטן. דער גרעסטער פאַקט איז די יידישע היסטאָרישע אידייע אַפּריאָרי.
די אַבסטראַקטע וועלט־פאָרשטעלונג זייערע נויטיקט זיך נישט אין קיין שום
רעאַלע באַשטעטיקונג. אויב די פאַקטן שטימען נישט מיט דער יידישער אי־
לוזיע, ווײ צו די פאַקטן. פיר ביבלישע מנחם מענדלס אין דעם ליכטיקן יע־
הופּעץ פון קאָסמאָס. אייביק מוזן גערעכט זיין די גאָטהייט אין די הימלען און
די אילוזיע פון יידן וועגן סדר פון דער וועלט. און דער מענטש? „חטאתי
מה אפעל לך נוצר האדם?". „אַז איך זינדיק, וואָס טו איך דיר, היטער פון
דעם מענטשן?" קיי און שפּיי. דער מענטש מוז תמיד זיין דער קרבן פון
די ווינט־מילן וואָס מאָלן די אידייע פון אַן אַבסאָלוטער וועלט־גערעכטיקייט.

ניו־יאָרק, יולי, 1944

ד״ר יעקב שאַצקי

ד״ר יצחק שיפּער

(1943—1884)

טאַרנע, די שטאָט וואָס אין מערב־גאַליציע, וואו יצחק שיפּער איז געבוירן געוואָרן איז אַן אייגנאַרטיקער כרך אויף דער מאַפּע פון יידישע ישובים.

„דו ביזט ניט איבעריק גרויס און ניט איבעריק שיין
דו ליבסטע מיינע פון די שטעט.
צווישן בערגער צוויי ביזטו צונויפגעדריקט,
ווי אַ ריזן פויגל, מיט צוויי לאַנגע אויסגעשפּרייטע
און צוגעשפּיצטע פליגל, איינער רעכט און איינער לינקס.
נאָר גרויס ביזטו
מיט דעם שטאָלץ און טראָט פון די סוחרים דיינע
און גרויס ביזטו אויך מיט דעם רעש פון טויזנטע,
וואָס קומען האַנדלען צו דיר און דיינע טויערן.
און גרעסער נאָך פון אַלץ
מיט דיין ברייטן אָטעם
וואָס שפּרייט זיך אויס אויף וועגן און הויבט אָן לעבן
אין פּערציק שטעט און דערפער הונדערטער אַרום״.

אַזוי באַזינגט די דאָזיקע שטאָט דער פּאָעט ראובן אייזלאַנד. אָבער חוץ דער רחבות פון די סוחרים און דער שיינקייט פון די יידישע טעכטער, האָט טאַרנע נאָך עפּעס. זי האָט אַ גאָלדן קאַפּיטל יידישער קולטור געשיכטע.

אין דער חיבת ציון באַוועגונג האָט טאַרנע געשפּילט אַ פּיאָנערישע ראָלע. ביים פּראַקטישן פאַרווירקליכן די אידייע פון שיבת־ציון האָט די דאָזיקע שטאָט צוגעשטעלט אירע ערשטע חלוצים נאָך מיט 60 יאָר צוריק. עס איז געווען צו דערמאָנען די קאָלאָניע „מחנים״ כדי זיך איבערצייגן אַז שיפּערס געבוירנשטאָט האָט געהאַלטן פון מחשבה און פון מעשה.

צווישן די ערשטע פּאָליטישע ציוניסטן זיינען טאַרנער אינטעליגענטן געווען אויבנאָן. אַזאַ איינער, למשל, איז געווען ד״ר אברהם מאַלץ, וואָס האָט יאָרן פאַר הערצלען און נאָרדוי, געשריבן אויף פּויליש פּיעסן מיט אַ ציוניסטישן מוסר השכל און זיי אפילו אויפגעפירט מיט די חובבי בינע פון די טאַרנער חובבי־ציון.

פּאַראַלעל מיט דער ליטעראַרישער שיטה אין דינסט פון דער ציון־

אידייע, וואָס האָט מיט דער צייט רייף געמאַכט דעם געדאַנק אַז מען קען דער אידייע פון יידישן נאַציאָנאַלן רענעסאַנס דינען אין דער יידישער שפּראַך — איז אָנגעגאַנגען אַן ענלעכער פּראָצעס אין סאָציאַליסטישן לאַגער פון טאַרנע. דער דאָזיקער סאָציאַליזם איז געווען אַ פּוילישער, ד"ה אַ באַפרייאונג אידעאַל פאַר דער פּוילישער פאָלקס־מאַסע דורך אַ תחית־המתים פון דער פּוילישער מלוכה, דאָס מאָל אַ סאָציאַליסטישער, ווייל אַזוי איז די לאָגיק פון דער . . . טעאָריע.

דער יוגנט פון די אַסימילירטע טאַרנער בעל־הביתישע היימען האָט מער אימפּאָנירט דער פּוילישער סאָציאַליזם ווי די „געטאָ" באַוועגונג. צווישן די ערשטע פּיאָנערן פון דער דאָזיקער שיטה געפינט מען יידישע בחורים און מיידלעך פון שיפּערס געבוירן־שטאָט. אויך די דאָזיקע שיטה האָט געהאַט איר אייגענע ליטעראַרישע פּלעיאַדע. געגנוג צו דערמאָנען עדמונד בידער, דעם פּאַרטיי פּאָעט פון די דאָרטיקע פּוילישע סאָציאַליסטן. פּויליש־סאָציאַליסטישע לידער האָט געשריבן דער בעל־הביתישער בן־יחידל קאַרל סאָבעלסאָן, שפּעטער באַרימט ווי קאַרל ראַדעק, וואָס איז געווען שיפּערס שול חבר. אויך יצחק שיפּער איז דורכגעגאַנגען דעם דאָזיקן אידעאָלאָגישן גילגול. אין גימנאַזיע איז ער געווען אַ פּוילישער סאָציאַליסט און געשריבן לידער וועגן פאָלקס־צאָרן און דלות, אַ שוואַכע וואַריאַציע אויף די לידער פון דער איטאַליענישער פּראָלעטאַרישער דיכטערין אַדאַ נעגרי.

געקומען איז שיפּער אין דער פּוילישער גימנאַזיע פון אַ חדר און אפילו פון אַ ישיבה, וואו ער האָט זיך אָבער לאַנג ניט געלערנט. דער באַרימטער טאַרנער קלויז איז געווען אַ שם־דבר איבער גאַנץ גאַליציע. די סאַנדזער חסידים האָבן זיך אין אים באַפעסטיקט. דער אינדיווידועלער אופן פון לערנען אין דעם קלויז האָט געהאַט די מעלה, וואָס די ישיבה בחורים פלעגן אַריינקומען ווען זיי האָבן געוואָלט. לגבי די ישיבה בחורים האָבן די טאַרנער יידישע גימנאַזיסטן זיך געפילט, ווי, להבדיל, מיסיאָנערן. זיי פלעגן מיט גרויס התמדה נעמען אויף זיך די „מיסיע" צו ברענגען די יונגע, באַפּיאותטע און פאַרחלומטע בחורים צום „מזבח" פון וועלט־קולטור. דער פּאַטאָס פון דער דאָזיקער מיסיע האָט געהאַט אַ גוואַלדיקע צוציי־אונגס קראַפט פאַר יענעם דור. עס איז פאָרגעקומען אַ מערקווירדיקע קעגנזייטיקע השפּעה. די בחורים האָבן זיך קולטורעל געפּוילישט, בעת זייערע לערער די גימנאַזיסט האָבן זיך קולטורעל געיידישט.

פון דעם פּוילישן סאָציאַליזם און פון דער ראָמאַנטיק פון דעם נאָך טיף פאַרוואָרצלטן יידישן לעבן, וואָס דורות האָבן פון אים ניט געקענט אָפּווישן דעם חן פון תמימות און חשיבות פון עלטער — איז געווען נאָר איין טריט צו אַן אייגענער אידעאישער סינטעזע. שיפּער אָרגאַניזירט אין גימנאַזיע אַ ציוניסטיש־סאָציאַליסטישן קרייז. ער ווערט דער טע־

אַרעטיקער פון דעם דאָזיקן קרייז און רעדאַקטאָר פון זייער זשורנאַל, אַרויס־געגעבן אויף פויליש, ווי דער מנהג איז דעמאָלט געווען.

ווי אַלע יונגע לייט פון יידיש־גאַליציע, וואָס האָבן ניט געהאַט קיין פינאַנציעלע מעגליכקייטן צו שטודירן מעדיצין און זיך דערי‌בער גענומען צו אַדוואָקאַטור, האָט אויך שיפּער גענומען דעם זעלבן וועג פאַר זיין פּראָ־פעסיאָנעלער אויסבילדונג.

געצויגן האָט אים אָבער צו געשיכטע. זיין היים־שטאָט האָט גע־טראָגן אויף זיך אַ חשובן יידישן עבר. די יידישע געשיכטע פון טאַרנע איז געווען באַהאַלטן אין די פאַרמעטענע דאָקומענטן און גרויסע אַקטן, וואָס האָבן געדרעמלט אין די פינצטערע צימערן פון טאַרנער שטאָט־אַרכיוו. דער אַלטער דור פון טאַרנער יידישע אינטעליגענטן האָט געזוכט אַ צוקונפט, ממילא האָט אים דער עבר ניט אינטערעסירט. שיפּערס לע־רער פון געשיכטע אין דער טאַרנער גימנאַזיע יוזעף לעניעק, האָט געצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון זיינע תלמידים אויף די וויכטיקע דאָקומענטן וועגן יידן און אויף דער נויטווענדיקייט צו שרייבן אַ געשיכטע פון יידן אין טאַרנע.

ווי אַ רעזולטאַט פון דעם דאָזיקן אינטערעס פאַר יידישער געשיכטע איז געווען זיין ערשטע וואָגיקע אַרבעט טאַקע וועגן יידן אין טאַרנע, וואָס ער האָט פאַרעפנטלעכט אין יאָר 1905. אמת, ער האָט נאָך פריער (אין 1902) געדרוקט אַן אַרבעט וועגן „קאַזימיר דעם גרויסנס געזעצגעבונג לגבי יידן", אָבער דאָס איז געווען ניט מער, ווי אַ בלאָסער פּרוּוו.

פון יידישער געשיכטע אין דער היים־שטאָט האָט שיפּער געמאַכט אַ שפּרונג אין דעם גרויסן ים פון אייראָפּעאישער יידישער געשיכטע. זיין אַרבעט וועגן „אָנהייב פון קאַפּיטאַליזם ביי די מערב־אייראָפּעאישע יידן", געדרוקט אין 1906, האָט דעם יונגען היסטאָריקער אַוועקגעשטעלט אין דער פראָנט־ליניע פון דער יידישער היסטאָריאָגראַפיע. ניט געקוקט אויף דעם, וואָס דער הויפּט טעזיס פון דער דאָזיקער אַרבעט, אַז יידן האָבן אָנגעזאַמלט קאַפּיטאַל נאָך אין די אַלטע צייטן, ווייל זיי זיינען געווען גרונטבאַזיצערס, איז שטאַרק אָפּגעפרעגט געוואָרן — פאַרמאָגט די אַרבעט יענע פרישקייט פון היסטאָרישן דענקען און אַזאַ שלל פון נייע פּרטים — אַז עס איז עד היום אינטערעסאַנט צו לייענען.

פון דער בענקשאַפט נאָך אַ נייעם יידן, וואָס יעקב כהן, דער העברעאי־שער פּאָעט האָט אים כמעט אין דער זעלבער צייט פּראָקלאַמירט אויף די בלעטער פון דעם באַרימטן זאַמלבוך „נתיבות", איז ביי שיפּערן אויסגע־וואָקסן דער דראַנג צו געפינען דעם דאָזיקן יידן אויך אין דער פאַרגאַנגענהייט. אַנשטאָט צו שרייבן וועגן חסידי אומות העולם און זייער שטעלונג לגבי יידן, וואָס איז געווען די ליבלינג־טעמע פון דעם גייסטיק פאַרפוילישטן

דור פון יידישע היסטאָריקער, אָדער זאַמלען רשימות פון גרויסע יידן, לומדים און רבנים, וואָס עס האָט געטאָן דער לומדישער קרייז פון יידישע היסטאָריקער, וועלכער האָט על פי רוב געשריבן העברעאיש — האָט שיפּער אָנגעהויבן זוכן דעם וואָכעדיקן יידן אין דער יידישער געשיכטע. יענער ייד, וואָס האָט אין זכות פון זיין אַרבעט און מי ניט זוכה געווען צו ווערן חשוב אַזוי וויט, אַז זיינע מעשים זאָל מען קענען געפינען אויף די פאַרגעלטע גליונות פון אַ פנקס, אָדער אַז זיין נאָמען זאָל אויסשטאַרן פון אַ פעסט איינגעפונדעוועטער מצבה אויף די הייליקע ערטער פון אונדזער אַלטע בתי־הקברות. דאָס איז דער אַנאָנימער ייד, דער ייד פון דערוואַכנס, דער פונדאַמענט פון יידישן ציבור־לעבן, אָבער ניט זיין מזרח־וואַנט.

שיפּער האָט אָבער דערפילט דעם פּאַטאָס פון דעם וואָכעדיקן יידן. דער עמאַציאָנעל באַפאַרבטער סאָציאַליזם זיינער האָט אים דיקטירט אויפצודעקן די טיפענישן פון יידישן קאָלעקטיוון לעבן, וואָס זיינען ניט געווען צום האַרצן די היסטאָריקער וואָס פאַר אים.

אין זיין בוך „די ווירטשאַפטס־געשיכטע פון די יידן אין פּוילן בעתן מיטלעלטער", וואָס איז אַרויס אין פּויליש אין יאָר 1911, און איז איבערגעזעצט געוואָרן אויף יידיש פון ע. רינגענבלום ז"ל אין יאָר 1926, האָט שיפּער אין דער הקדמה פאָרמולירט זיין „פּלעבעאישע" טעזע.

„מיר פאַרמאָגן אַן אָנציענד היסטאָריש בילד פון די גייסטיקע מדריכים פון יידנטום אין דער גלות תקופה. עס פעלט אונדז אָבער אַ געשיכטע פון יענע הונדערטער טויזנטער, וואָס האָבן נישט פון די עשירות פון גייסט, נאָר פון די אַרבעטס־הענט אָדער פון זייערע ספּעקולאַטיווע פעאיקייטן געוועבט וועגן זיך אַ זכר לעתיד, מיט איין וואָרט: מיר קענען דעם שבת־דיקן ייד מיט זיין נשמה יתירה. עס איז שוין צייט זיך צו באַקענען מיט דער געשיכטע פון די וואָכעדיקע טעג און וואָכעדיקע געדאַנקען, עס איז שוין צייט צו גיין זוכן ליכט אין דער געשיכטע פון יידישער אַרבעט".

די דאָזיקע אַרבעט, וואָס האָט באַקומען דעם ערשטן פּריז פון וואָוועלבערג פאָנד ביים לעמבערגער אוניווערסיטעט, איז געוואָרן אַ קלאַסיש ווערק, ניט געקוקט אויף דעם, וואָס אויך אין דער דאָזיקער אַרבעט זיינען פאַראַן געוויסע טעזיסן וואָס לאָזן זיך אָפּפרעגן און זיינען אַפילו פון מחבר גופא מיט יאָרן שפּעטער קאָריגירט געוואָרן.

אין דער הקדמה צו דער יידישער איבערזעצונג פון דעם בוך, שרייבט שיפּער (מערץ, 1928), אַז זיין גאַנצע ביז־איצטיקע אַרבעט אין פרעמדע לשונות באַטראַכט ער, ווי אַפּריכטן גלות. ער באַדויערט וואָס זיינע אַרבעטן האָבן זיך צוליב דעם טעם ניט געקענט „אַריינוועבן אין דעם באַוואוסטזיין פון יענעם ברייטן יידישן לערער־קרייז, פאַר וועלכן זיי זיינען קודם־כל געשאַפן געוואָרן". שיפּער קומט צום אויספיר, אַז „סאיז שוין

רייף געוואָרן דער מאָמענט, אויף וועלכן ער האָט אַזוי לאַנג געוואַרט — דער מאָמענט ווען זיינע וויסנשאַפטלעכע אַרבעטן וועלן צוליב שפּראַכלעכע טעמים ניט מער זיין נע־ונד און וועלן געפינען זייער וועג צו דעם רעזאָנאַנס־באָדן, פאַר וועלכן זיי זיינען געשאַפן געוואָרן".

אין דער אמת האָט שיפּער דעם דאָזיקן וועג געפונען אַ סך פריער. זיין אינטערעס פאַר דער יידישער שפּראַך און ליטעראַטור דאַטירט זיך נאָך פון די סטודענטישע יאָרן. שיפּער האָט איבערגעזעצט איניקע יידישע שרייבער אויף פויליש. ער האָט געדרוקט זייער אַ סך אַרטיקלען וועגן דער יידישער ליטעראַטור. אויך אויף יידיש האָט ער געשריבן וועגן דער יידישער ליטעראַטור, על פּי רוב אין דעם אָרגאַן פון די עסטרייכישע פּועלי־ציון „דער יודישער אַרבעטער" (1910—13).

אין יאָר 1908 האָט שיפּער פאַרעפנטלעכט אין די „ליטעראַרישע מאָנאַטשריפטן" אַן אַרטיקל א. נ. וועגן דעם יידישן רענעסאַנס. דער דאָזיקער אַרטיקל איז פון גרויס וויכטיקייט פאַר דער יידישיסטישער אָריענטאַציע ניט נאָר פון שיפּערן, נאָר פון זיין גאַנצן דור גאַליצישע אינטעליגענטן, וואָס אַ טייל פון זיי האָבן געהאַט אַ גרויסע באַגייסטערונג פאַר אַ יידישן קולטור רענעסאַנס. אַזאַ איינשטעלונג איז געווען אַ לאָגישער פּועל־יוצא פון יענער נאַציאָנאַליטעטן־מלחמה, וואָס איז אָנגעגאַנגען אין גאַליציע און וואָס האָט די סענסיטיווע יידישע אינטעליגענץ אַוועקגעשטעלט פאַר אַ וויכטיקער פראַגע. אויפקלערן אָבער די דאָזיקע סיטואַציע, וואָס וועט ממילא אויך בולטער אַרויסברענגען די סיבות, פאַרוואָס איז אין גאַליציע געווען אַזאַ וואַרימער קלימאַט פאַר דעם יידישן קינסטלערישן וואָרט, — איז אַן ענין, וואָס פאַרדינט אַן אויספירלעכע אויספאָרשונג. שיפּער איז געווען אַ מענטש מיט זייער פאַרשאַרפטע חושים פאַר געזעלשאַפטלעכע ענינים. דאָס האָט זיך גראָד אין אים גאָר פיין געפּאָרט מיט אַ נייגונג אויסצוחלומען אַ שיינעם עתיד, דערהויבן צופעליקע דערשיינונגען צו אַ מדרגה פון סימבאָלן, און שפּילן זיך מיט זיי. פאַר אָט יענער עפּאָכע איז, חוץ דעם פריער דערמאָנטן אַרטיקל וועגן יידישן רענעסאַנס, ביז גאָר וויכטיק און כאַראַקטעריסטיש זיינע אַ גרויסע אַרבעט געשריבן אין שייכות מיטן יאָרבוך „פנקס", וואָס ש. ניגער האָט אַרויסגעגעבן אין ווילנע, אין יאָר 1913 און וואָס האָט געמאַכט באמת געשיכטע.

דער דאָזיקער יאָרבוך ווערט אין די אויגן פון שיפּערן אַ סימבאָל פון אַ נייער תקופה. אין קאַמף פאַר די רעכט פון יידיש, ווי אַ לשון, וואָס איז צו יענער צייט געפירט געוואָרן אין גאַליציע האָט דער „פנקס" דאָס בייגעשטייערט, אין וואָס אַ פּאָליטישער קאַמף האָט זיך גענויטיקט. דהיינו: אַ היסטאָרישן אַספּעקט און גייסטיקע כלי־זיין.

שוין דער פאַקט גופא, וואָס די דאָזיקע, זייער אויספירלעכע, ליידער

ווייניק באַקאַנטע רעצענזיע, הייסט „אַ נייע תקופה אין אונדזער קאַמף פאַר יידיש" און טראָגט אַן אונטערקעפּל: „באַטראַכטונגען צוליב דעם „פּנקס" — איז ביז גאַר סימפּטאָמאַטיש. געדרוקט אין יובל־נומער פון „דער יידישער אַרבעטער" (1913) איז משמעות די דאָזיקע אַרבעט ניט דערגאַנגען צו די, פאַר וועלכע זי איז לכתחילה געשריבן געוואָרן.

די דאָזיקע אַרבעט איז דורכאויס שיפעריש אין גייסט, פול מיט אימ־פעט און געדאַנקען, — מען וואָלט זי באַדאַרפט ווען עס איז נאָך אַמאָל איבערדרוקן. די אַקטועלע פאַרשפּיציקייט פון דער דאָזיקער אַרבעט באַ־שטייט אין דעם, וואָס לגבי דער וועלט, וואָס פאַרלייקנט אַז יידיש איז אַ שפּראַך און אַז עס איז פאַראַן אַזאַ זאַך ווי אַ יידישע ליטעראַטור — ברייינגט אים גראָד דער „פּנקס" די כלי־זיין, וואָס זיינען נויטיק אין קאַמף פאַר אָפּלייקענען די דאָזיקע בילבולים. אָבער דאָס איז ניט דער עיקר. אויף די ראַנדן פון די אַרטיקלען אין „פּנקס" שפּילט שיפער אויס וואַרי־אַציעס אויף יידיש־פאַרשערישע טעמעס. די דאָזיקע וואַריאַציעס זיינען ניט געוועזן אַ רעזולטאַט פון אַן אינטימער באַקאַנטשאַפט מיט דער „הויפּט־מעלאָדיע", ד"ה מיט דער ליטעראַטור גופא, נאָר גיכער אַן אויסגעבענקטע פאָדערונג, אינספּירירט פון דעם וואָס אַנדערע אומות האָבן. הגם דער דאָזיקער אַרטיקל האָט נאָר אויסגעדריקט אַ וואונטש צו זען אַ גרויסע פאָרש־אַרבעט אַרום דער אַלטער און נייער יידישער ליטעראַטור, מוז מען אָבער פעסטשטעלן, אַז אין די דאָזיקע „ראַנד־באַמערקונגען" איז געווען אַ סך קאַלעכקייט און אַפילו אַ פאַראויס־אָנזאָג פון אַ יידישן וויסנשאַפטלעכן אינ־סטיטוט. דער פאַקט גופא, וואָס באַראָכאָוו, זיין דעמאָלטדיקער פאַרטיי־חבר איז געוועזן דער מחבר פון דער ערשטער פּיאָנערישער אַרבעט וועגן יידישיסטיק, האָט אין אַ גרויסער מאָס משפּיע געווען די דאָזיקע באַגייס־טערונג. ניט איין אַרבעט פון שיפערן גופא, רעאַליזירט מיט יאָרן שפּע־טער, איז שוין פאַראַן במחשבה אין יענעם וויכטיקן אַרטיקל זיינעם.

דער איבערגאַנג פון פרעמדע לשונות צום אייגענעם לשון האָט ממילא געמוזט האָבן אַ ווירקונג אויף דער טעמאַטיק פון שיפערס אַרבעטן. אמת, די יידישע געשיכטע אין פּוילן האָט אים ווייטער אינטערעסירט, דאָס מאָל אָבער מער די אינווייניקסטע געשיכטע ווי: דער וועד, די יידישע קולטור, דער שטייגער לעבן, דער קאָנפליקט צווישן דער יידישער און ניט־יידישער וועלט און נאָך אַנדערע ענינים, וואָס האָבן צו טאָן מיטן לעבן פונעם פאָלקסמענטש און דער סביבה זיינער.

אין דעם פּרט איז זייער וויכטיק זיין אַרבעט א. נ. „קולטור געשיכטע פון די יידן אין פּוילן בעתן מיטלאַלטער", וואָס איז דערשינען אין יאַר 1926.

אין דעם דאָזיקן בוך האָט שוין שיפער געהאַט אַ מעגלעכקייט צו באַ־

רירן די פּראָגעס פון דעם יידישן לשון אין פּוילן אין די גאָר אַלטע צייטן און אויסמאָלן אַ בילד פון אינווייניקסטן לעבן, אין גאַס און אין דער שטוב. ניט געקוקט אויף דעם צופעליקן מאַטעריאַל, מיט וועלכן דער מחבר האָט זיך באַנוצט, באַקומט זיך פון דער מאָזאַיק פון פּרטים אַ בילד, וואָס איז אגב צום ערשטן מאָל רעקאָנסטרואירט געוואָרן.

דאָס דאָזיקע בוך איז געווען אַ מין אַריינפיר צו דעם דרייבענדיקן ווערק וועגן דער „געשיכטע פון יידישער טעאַטער־קונסט און דראַמע פון די עלטסטע צייטן ביז 1750", וואָס איז דערשינען אין די יאָרן 1923—1928.

וואָס האָט שיפּערן געצויגן צו טעאַטער־קונסט? ווי קומט אַ היסטאָרי־קער פון יידישער גרויער האָרוואַניע, שטייער־אָפּצאָלונגען און טרוקענע סטאַטיסטישע פּרטים — צו דער וועלט פון שימערירנדיקער קונסט און קינסטלערישקייט?

אין דער הקדמה צום ערשטן באַנד שרייבט שיפּער, אַז די טעאַטער־קונסט ביי יידן אינטערעסירט אים, ווי אַ פאָרמע פון יידישן כלל־באַוואוסט־זיין. דער טעאַטער איז תמיד געווען אַ מקום־מקלט פאַר די וואָס אַנטלויפן פון דער היימישער איינזאַמקייט. די דאָזיקע באַדערפעניש איז חל אויף אַלעמען. עס שטעלט זיך דעריבער אַ פראַגע:

„איז דאָס דאָזיקע באַדערפעניש — זיך צו זוכן אינעם שפּיגל פון טעאַטער־קונסט און געפינען אין די קאָלעקטיווע איבערלעבונגען פונעם פּובליקום, אויפגעקומען ביי יידן ערשט אין די נייסטע צייטן, אָדער צי האָט עס זיך דערוועקט שוין אין אַ גאָר וויטער פאַרגאַנגענהייט?"

די כוונה פון דעם מחבר איז צו באַווייזן, אַז דראַנג נאָך אויסלעבן זיך, ווי אַ פּובליקום, איז דעם יידישן כלל פּונקט אַזוי נאָענט, ווי דעם ניט־יידישן. אין דעם יידישן לעבן געפינט שיפּער די זעלבע פריידן און ליידן, ווי אין ניט־יידישן. דאָס אַמאָליקע יידיש לעבן אין גלות איז ניט געווען קיין שטייענדיק וואַסער, אָפּגעשניטן פון די ברויזנדיקע און שוימענדיקע אָקעאַן־כוואַליעס", מיינט ער, און אוודאי ניט קיין „ליימענער גולם", וואָס וואַרט אויף אַ נס פון הימל.

געפינען זיך דען נישט — פרעגט זיך שיפּער — אין דער איצטי־קער יידישער פאָלקס־פיזיאָנאָמיע אַנדערע שטריכן און קנייטשן, ווי די, וועלכע דאָס היסטאָרישע לעבן האָט אויסגעקריצט און אויסגעקנייטשט? זיינען מיר דען נישט — נישט דאָס לעצטע און נישט דאָס ערשטע רינגעלע אין דער גאָלדענער קייט פון לאַנגע, היסטאָרישע שאַפונג־פּראָצעסן?

און שיפּער לאָזט זיך אין וועג אַריין זוכן די דאָזיקע רינגעלעך פון דעם „פריילעכן יידן" אין משך פון דורות, פּונקט ווי ער האָט פריער געזוכט דעם „האָרעפּאַשנעם יידן" אין דעם לויף פון היסטאָרישן פּראָ־

צעס. ביידע זיינען פאַר אים — די צוויי אַטריבוטן פון דעם וואָכעדיקן ייִדן, דעם רעפּרעזענטאַנט פון דעם פאָלקס־מענטש.

שיפער שרייבט אַז דאָס דאָזיקע בוך איז געווען לכתחילה — אַ חלום. אָבערביים סיום פון דער אַרבעט האָט ער שוין געקענט שרייבן (אין דער זעלבער הקדמה) אַזוי:

„נישט מער ווי אַ חלום איז געווען אַמאָל אויך די איצטיקע אַרבעט און זי איז פאַרט אַנטשטאַנען".

מען קען ניט פאַרלייקענען דעם פאַקט, אַז אין דעם דאָזיקן ווערק איז טאַקע אַ סך מער אויסגעחלומט, ווי אויסגעפאָרשט. פונדעסטוועגן איז דאָס זייער אַ וויכטיק בוך. עס איז אין גייסט מער כאַראַקטעריסטיש פאַר שיפערן, ווי אַ סך אַנדערע ווערק, וואָס ער האָט אָנגעשריבן. די פרייד פון געפינען די „פריילעכע ייִדן" אין די אַמאָליקע געטאָס — איז אַן אינ־טימע פרייד, ממש אַ פּערזענלעכע איבערלעבעניש. דאָס פילט זיך אין דער טעמע, דאָס לאָזט זיך דערשפּירן פון דער ריטמישער פּראָזע אין איניקע טיילן פון דעם בוך.

בעת שיפער שרייבט וועגן דער געזעליקייט און פאַרשייטקייט אין די אַמאָליקע דייטשישע און סלאַווישע געטאָס פאַרוואַנדלט זיך דער מחבר אין אַ צושויער, וואָס האָט הנאה פון דעם שפּיל.

„ס'לעבט און וועבט אין זיי (ד"ה אין די יידישע לצים) דער גייסט פון די איטאַליענישע און ענגלישע קאָמעדיאַנטן, דער גייסט פון „קאָמעדיא דעל אַרטע" און פון ענגלישן קלאָון. ס'איז דורכגעבראָכן געוואָרן די וואַנט פון מיטלאַלטערלעכע „מאָראַליטעטן" און שפּעטערע בירגערלעכע פאַר־נאַכט־שפּילן; דער „נאַר" פון דער רענעסאַנס־צייט און דער עלטערער פון אים „„פורים קיניג" האָבן אָפּגעטראָטן און געמאַכט פּלאַץ פאַרן איטאַ־ליענישן אַרלעקינאָ, פאַרן נייעם פּיאָנער פון פריילעכקייט און קאָמיזם". (באַנד 1 זייט 151).

וועגן די יידישע מאַסן שרייבט שיפער (באַנד 2, זייט 75) אַז זיי האָבן זיך „אָנגעצונדן ביי דעם פריילעכן פלאַקער פייער פון דעם פאָלקסטימלעכן רעפּערטואַר און ביי די לייכטע פאַרסן".

זיכער איז אין דעם פאַראַן אַ ביסל אמת, אָבער דאָס בילד וואָס שיפער מאָלט איז שיין און מער כאַראַקטעריסטיש פאַר זיין חלום פון אַזאַ מאַסע מיט לייטן גלייך, ווי דער דייטשישער המון אין נירנבערג אָדער דער אי־טאַליענישער טעאַטער געניסער אין ווענעדיק.

דער פּאַטאָס פון רעליגיע איז אין יידישן לעבן געווען פאַרט שטאַר־קער, ווי דער פּאַטאָס פון טעאַטראַלישקייט. די פורימדיקע פאַרשייטקייט איז געווען אַ שמאָלער סעקטאָר אין דעם לעבן פון אַ ייִדן פון אַ גאַנץ יאָר. ווייל מ'שטיינסגעזאָגט, וואָס פאַר אַ פּאַטאָס פון דראַמאַטישקייט האָט אַ

יידישער מענטש געקענט פילן, בעת דער זין פון טראַגיזם איז געווען זיין טאָג טעגלעכער ברויט. דאָס אינערלעכע רייניקן זיך דורך דעם מעדיום פון אַ טראַגעדיע, ווי די אַלטע גריכן האָבן דאָס פאָרמולירט איז ניט געווען פאַר אים, נאָר פאַר דעם צורר צווישן וועלכן ער האָט געמוזט לעבן.

דאָס דאַזיקע בוך איז אין תוך גענומען אַ בענקשאַפט נאָך אַ "גאַנצן, לעבעדיקן יידן" — ווי דער מחבר דריקט זיך אויס.

שיפער פאַרענדיקט דעם צווייטן באַנד פון זיין טעאַטער־געשיכטע מיט די דאָזיקע, זייער כאַראַקטעריסטישע שורות:

„און פאַרט פאַרבענקט זיך אַהין צוריק, צו דער אַנאָנימער מאַסן־קונסט און צו דעם אומבאַקאַנטן שפּילער, וואָס איז געוואַקסן פון דער מאַסע פאַר דער מאַסע.

„דאָס בוך, מיט וועלכן מיר צעשיידן זיך איצט, איז אַנטשטאַנען פון אַזאַ בענקשאַפט. ווילט איר, איז עס אַ בענקשאַפט, וואָס באַהערשט זיך מיט אַ טויטער פאַרגאַנגענהייט. ווילט איר, באַנעמט די בענקשאַפט אַ בילד פון דער צוקונפט."

אין דער אמתן איז דאָס געווען אַ בענקשאַפט איןביידע ריכטונגען: ווייל די צוקונפט פון יידישן טעאַטער, פאַר וועלכן שיפער האָט אַזוי פיל מי אָפּגעגעבן ווי דער פאָרזיצער פון וואַרשעווער יידישן אַקטיאָרן פאַראיין, ווי אַ מיט־רעדאַקטאָר פון דעם זשורנאַל „יידיש טעאַטער" (1921—1922), איז אים געווען זייער טייער. ער האָט אָבער פאַרשטאַנען, אַז וואָס טיפער עס זיינען די וואָרצלען פון עבר, אַלץ האָפערדיקער איז מען מיטן עתיד. פאַר שיפערן איז דאָס דאָזיקע בוך געווען אויך אַ וויכטיקער קולטור־פּאָליטישער אַקט. אין ליכט פון דער יידישער טעאַטער־טראַדיציע וויל ער צוברעכן די לעגענדע „וועגן די כינעזישע מויערן פון דער געטאָ" (באַנד 3, זייט 100).

דאָס דאָזיקע ווערק איז אַ גרויסע דערגרייכונג, ווען אַפילו מען קען ניט איינשטימען מיט אַלע הנחות און אויספירונגען פון זיין מחבר. דאָס בוך איז אויך כאַראַקטעריסטיש פאַר שיפערן גופא און טראָגט אַן אינדיווידועלן חותם אין אַ סך מער פרטים, ווי זיינע ווערק, וואָס ער האָט אָנגעשריבן. *)

פּאַראַלעל מיט דער אַרבעט איבער דער געשיכטע פון טעאַטער ביי יידן, פון וועלכן אַ פערטער באַנד איז געבליבן אין כתב־יד, האָט שיפער זיך

*) אויספירלעך וועגן די מעלות און חסרונות פון דעם דאָזיקן ווערק, האָב איך געשריבן אין מיינע צוויי אַרבעטן, געדרוקט אין טעאַליט" (ניו־יאָרק, 1923, III) און אין די „פילאָלאָגישע שריפטן פון ייוואָ, באַנד II, זייט 215—264.

פאַרנומען מיט דער געשיכטע פון דער עלטערער יידישער ליטעראַטור. די אַרבעטן, וואָס ער האָט געדרוקט אין די „ליטעראַרישע בלעטער", „יידישע פילאָלאָגיע", אין דער באַגייטער ווילנער „יידישע וועלט" און די „ייוואָ־בלעטער", זיינען געווען פראַגמענטן פון אַ גרויס ווערק אונטערן נאָמען „די געשיכטע פון דער עלטסטער יידישער ליטעראַטור". די דאָזיקע אַרבעט דערמאָנט ער עטלעכע מאָל אין דריטן באַנד פון זיין־טעאַטער געשיכטע.

די עטלעכע קאַפּיטלען וואָס ער האָט פאַרעפנטלעכט זיינען זייער וויכטיק פון שטאַנדפּונקט פון מעטאָדע. שיפּערן אינטערעסירט ניט די ביבליאָגראַפיע פון דער עלטערער יידישער ליטעראַטור. וואָס ער איז אויסן, איז צו אַנאַליזירן, ווי אַזוי איז פאַרגעקומען דער דאָזיקער „נס", ד"ה דער אויפקום פון לשון־אשכנז, פון וועלכן עס האָט בהדרגהדיק זיך אַנטוויקלט דער יידישער לשון און די יידישע ליטעראַטור. די עלטערע יידישע ליטעראַטור, וואָס איז אַזוי רייך אין וועלטלעכע טעמעס וואָס איז אַנטנומען און פאַריידישט געוואָרן פון דער גערמאַנישער ליטעראַטור וועלט, גיט שיפּערן אַ מעגלעכקייט אָנצואווענדן די פאַרגלייכנדע מעטאָדע אין דער ליטעראַטור געשיכטע און אַרויסברענגען אַ טעזע, אַז אייגנטלעך דאָס, וואָס ס'איז פאַרגעקומען ביים וויגעלע פון דער יידישער ליטעראַטור, איז אויך פאַרגעקומען מיט אַנדערע ליטעראַטורן.

אין אונדזער עלטערער ליטעראַטור איז דער פּראָצעס פון אַדאַפּטירן די ווייט פאַרשפּרייטע מעשה־מאָטיוון אידענטיש מיט ענלעכע פּראָצעסן ביי אַנדערע אומות — זאָגט שיפּער, און דעריבער איז דאָס אַ נאָרמאַלע און אָרגאַנישע אַנטוויקלונג. שיפּער אָפּערירט מיט רודימענטן פון יידישן פאָלקלאָר אין וועלכן ער זעט מיט רעכט אָפּגעראַטעוועטע שיריים פון אַ רייכן ליטעראַרישן טיש, וואָס איז אַזוי פאַרשלונגען געוואָרן פון די מיטצייטלערישע געניסער, אַז זייער ווייניק איז געבליבן פאַר די דורות נאָך דעם.

עס איז אינטערעסאַנט, אַז די מעטאָדע מיט וועלכן ער באַנוצט זיך, האָט ער גופא שוין אָנגעוויזן אין זיין אַרטיקל אויפן ווילנער „פנקס" (אין 1913). ער האָט אַליין ניט געטראַכט, אַז דווקא אים וועט אויסקומען 20 יאָר שפּעטער אָנצואווענדן די דאָזיקע מעטאָדע אין זיינע אַרבעטן. עס איז אַ גרויסער שאָד וואָס דאָס דאָזיקע ווערק איז ניט אַרויסגעגעבן געוואָרן און עס איז אַ גרויסער ספק אויב דער כתב־יד האָט זיך אויפגעהיט.

אין שייכות מיט זיין ווערק וועגן טעאַטער־געשיכטע איז אויך כדאי צו דערמאָנען שיפּערס זייער אינטערעסאַנטע הערות צו די פּורים־שפּילן, וואָס דער ייוואָ האָט אַרויסגעגעבן אין יאָר 1938. פון די דאָזיקע הערות קען מען זען, אַז שיפּער האָט זיך אַ סך אָפּגעגעבן מיט זאַמלען יידיש פאָלקלאָר בכלל און יידישע פאָלקס־שפּילן בפרט. געקליבן האָט ער זיי וואו ער האָט

נאָר געקאָנט. פּורים צייט אין די קליינע שטעטלעך פון פּוילן, וואו די טראַדיציע פון אַ פּורים־שפּיל איז נאָך ניט אָפּגעשטאָרבן. אין דעם פּרט איז זייער וויכטיק דער טעקסט פון דער שפּיל פון דער חברה „לינת הצדק" אין אָטוואָצק, וואָס שיפּער האָט אָפּגעדרוקט אין דעם זשורנאַל „סאָציאַלע מעדיצין".

בעת ער איז געווען דעפּוטאַט אין פּוילישן סיים און עס פלעגן קומען צו אים יידן בעטן טובות ביים מלכות, האָט מען אים געקענט לייכט „אונטערקויפן" מיט אַ פרישן טעקסט פון אַן אומבאַקאַנטער פּורים־שפּיל. ער האָט געהאַט בדעה אַרויסצוגעבן אַ פולשטענדיקע זאַמלונג פון פּורים־שפּילן, געדרוקטע און ניט־געדרוקטע. די דאָזיקע ניט־געדרוקטע טעקסטן זיינען פאַרשריבן געווען פון אים און פון זיין „פּורים־אַדיוטאַנט", דעם דיכטער הערשעלע ע"ה, וואָס איז אַליין געווען אַ באַגייסטערטער יידישער פאָלקלאָר־זאַמלער.

שיפּער האָט אויך אָנגעשריבן אַ טעאָרעטישע אַרבעט וועגן יידישן פאָלקלאָר. זי איז געווען געדרוקט אין זשורנאַל „לאַנדקענטעניש". לויט אים איז פאָלקלאָר די קולטור־רעשטלעך פון „רייכן" טיש, וואָס פאַלט אַראָפּ דעם אָרעמאַן; פּאָעזיע, וואָס ווערט אויס מאָדע ביי אַ „העכערן" קלאַס, ווערט מאָדע ביי אַ „נידעריקן". ער האָט געהאַלטן, אַז פאָלקלאָר איז ניט אינטערעסאַנט עסטעטיש, נאָר קולטור היסטאָריש. אוודאי קען מען אָפּפרעגן אַזאַ צוגאַנג צו פאָלקלאָר. מען קען אָבער ניט פאַרלייקענען, אַז דווקא ער, שיפּער, דער קולטור היסטאָריקער האָט פון יידישן פאָלקלאָר געמאַכט אַ וואָגיקן היסטאָרישן מקור. דאָס מיינט אָבער ניט, אַז זיין צוגאַנג איז דער איינציקער און ריכטיקער. יידישע ליבעס לידער קען מען נאָר געניסן עסטעטיש, ווייל מיט קולטור געשיכטע האָבן זיי אויף אַזוי פיל אַ שייכות, אויף וויפיל מען קען פעסטשטעלן די געאָגראַפישע פּעריפעריע פון זייער „צעזונגענקייט". דאָך טאָר מען ניט פאַרגעסן, אַז אין דער געשיכטע פון יידישן פאָלקלאָר פאַרנעמט שיפּער אַן אָנזעעוודיקן אָרט, שוין צוליב זיין אַנאַליז פון דער יידישער פאָלקס־דראַמע.

די אַרבעטן וועגן דער יידישער פאָלקס־קולטור זיינען פאַר שיפּערן געווען אַ מין אָפּרו־פאַרגעניגן אויף די ראַנדן פון די גרעסערע ווערק וועגן דער יידישער געשיכטע.

אין יאָר 1930 דערשיינט אין פיר בענד זיין ווערק וועגן דער אַלגעמיינער יידישער ווירטשאַפט־געשיכטע. אויסגעוואַקסן איז דאָס דאָזיקע ווערק פון אַ פאָרשלאָג פון אַ פאַרלעגער אָנצושרייבן אַן „הוספה־געשיכטע" צו גרעצן, וואָס האָט כידוע דעם ווירטשאַפטלעכן אַספּעקט פון דער יידישער געשיכטע כמעט ווי איגנאָרירט.

פאַר דער דאָזיקער אַרבעט האָט שיפּער צעאַקערט אַ גרויס פעלד,

וואָס איז ביז אים קוים אָנגערירט געוואָרן. דאָס ווערק נעמט אַרום גאַנץ מיטלאַלטער אין אַלע לענדער וואו עס זיינען געווען יידישע ישובים. דאָס איז ניט סתם אַ בוך, געשריבן אויפן סמך פון אַנדערע ביכער. שיפּער שטעלט גרונטיקע פּראָבלעמען וועגן דער צאָל יידן אין פאַרשיידענע לענדער, זייערע פּרנסות, זייער ראָלע אין דעם גבול פון דער תקופה און פון דער סביבה. געשריבן זייער אינטערעסאַנט און אַפילו מיט פּאָלעמישע די־גרעסיעס, — איז דאָס דאָזיקע בוך איינע פון די וויכטיקסטע און שלמות־דיקע ווערק, וואָס ער האָט אָנגעשריבן.

פּאַראַלעל מיט יידישערווירטשאַפטס־געשיכטע גייט שיפּערס באַגלייט־חבר, דער טעמאַטישער ליבלינג, דאָס איז געווען: די געשיכטע פון דער יידישער אויטאָנאָמיע אין פּוילן. די דאָזיקע טעמע איז פאַר אים ניט גע־ווען קיין ריין אַקאַדעמישער ענין. דאָס איז אַ „פּראָיעקציע פון עבר אין עתיד אַריין" — ווי ער דריקט זיך אויס. שיפּער האָט געפילט דעם קאָנ־סטרוקטיוון כוח פון יידישן ציבור און דאָס דאָזיקע „היסטאָרישע פּילן" האָט ער געוואָלט אָנפילן מיט קאָנקרעטע פאַקטן גענומען פון אַרכיוו־מאַ־טעריאַלן. שיפּער האָט פאַר זיין אַרבעט אויסגענוצט די פּוילישע מקורים, וואָס באַלייכטן די שטעלונג פון דער מלוכה צו דעם דאָזיקן רעפּרעזענ־טאַטיוון אָרגאַן, וואָס האָט מיט זיך געוואָלט פאַרשטעלן דעם יידישן קאָלעק־טיוו אין פּוילן. שיפּער, דער זוכער פון דער „גאָלדענער קייט" און דעם היסטאָרישן פּראָצעס האָט געזען אין דעם פּוילישן וועד אַ המשך פון דעם אַמאָליקן סנהדרין ביי יידן. עס איז ניט וויכטיק, אַז אַזאַ המשכדיקייט לאָזט זיך ניט באַווייזן. פאַר שיפּערן איז דאָס אָבער זייער כאַראַקטעריס־טיש. ער מוז תמיד האָבן גרויסע אַרכיטעקטאָנישע קאָנסטרוקציעס, ווייל גרויס איז געווען דאָס פאָלק וועמענס היסטאָריקער, האָט ער געפילט, איז אַ גרויסע זכיה צו זיין. חוץ דריי אַרבעטן געדרוקט אין די אויסגאַבעס פון ייוואָ (היסטאָרישע און עקאָנאָמישע שריפטן) און אַ קליינער אַרבעט וועגן דער „וואַרשעווער קאָמיסיע", געדרוקט אין יובל־בוך לכבוד ד"ר מ. ברוידע (אין 1931) — אין כתב־יד איז געבליבן אַ פולשטענדיקע גע־שיכטע פון דער יידישער אויטאָנאָמיע אין פּוילן.

אין שיפּערס פאַרשערישער אַרבעט האָט זיך תמיד געלאָזט פּילן אַ חוש פאַר אַקטועלע פּראָבלעמען. אַ יובל, אַ היסטאָרישע דאַטע האָט אים אינספּירירט מער צו שרייבן. ניט אַלעמאָל איז אַזאַ דרויסנדיקער גורם געווען אַ ברכה. אין 1932, למשל, איז דערשינען זיין בוך אויף פּויליש וועגן „יידן אין קאָנגרעס־פּוילן אין דער צייט פון נאָוועמבער אויפ־שטאַנד". הגם דער מחבר האָט אַרויסגעבראַכט אַ גאַנצע רייע נייע פּרטים, איז די דאָזיקע אַרבעט ניט געווען קיין געלונגענע. מען פילט ממש ווי צווישן די שורות פּאָלעמיזירט דער מחבר מיט די פּוילישע אַנטיסעמיטן

פון 1931 באַנוצנדיק זיך מיט היסטאָרישע פּאַראַלעלן און רמזים פון 1831 *)

חוץ דער גרויסער צאָל אַרטיקלען אין פּויליש און אין יידיש וועגן פאַרשיידענע ענינים און תקופות פון דער יידישער ליטעראַטור־געשיכטע און פון דער געשיכטע פון יידן אין פּוילן, וואָס זייער צאָל דערגרייכט עטלעכע הונדערט — האָט שיפּער אָנגעשריבן אויף פּויליש אַ ריזיק ווערק פון קנאַפּע 800 זייטן א. נ. „די געשיכטע פון יידישן האַנדל אין פּוילן”.

אין דעם דאָזיקן בוך איז פאַראַן אַ סך התמדה און בקיאות. ער האָט אויסגענוצט כמעט די גאַנצע געדרוקטע ליטעראַטור וועגן דעם דאָזיקן וויכטיקן ענין. דאָס בוך איז אויך אַ „בירגערלעכע טאַט”, אַ מין חשבון צוגעטראָגן דעם אומדאַנקבאַרן פאָלק צווישן וועלכן יידן לעבן קרוב 1,000 יאָר און וועמענס ווירטשאַפטלעך לעבן זיי האָבן אויפגעבויט מיט גרויס מי און האָרעוואַניע. דאָ ווערט אויף אַ ברייטן לייוונט אַקטואַליזירט אַ בלוטיק וויכטיקער ענין. עס ווערט געשילדערט אַ צאַפּלדיקער דועל וואָס גייט אָן דורות לאַנג צווישן דעם יידישן פּיאָנער־סוחר און זיינע פּוילישע אימפּאָטענטע ניט פאַרגינערס. דערפאַר זיינען פאַראַן אין דעם בוך שטעלעס געשריבן מיט אַ פּראָקוראַטאָרישן פייער, גוט באַפּעסטיקט מיט ראיות און פאַקטן, מיט אַ לעבעדיקן אָטעם און מיט אַ טיפן חוש פאַר היסטאָרישע אַנאַלאָגיעס און גלויבן אין היסטאָרישן יושר.

צוויי קלענערע אַרבעטן זיינע וועגן יידישע קהילות איז דאָ כדאי צו דערמאָנען. זיי זיינען צום באַדויערן געבליבן אומבאַקאַנט. אין 1937 האָט שיפּער אַרויסגעגעבן אַ ביכל פון 36 זייטן א. נ. „700 יאָר יידישע קהילה אין פּלאָצק”, וואָס איז איבערגעזעצט געוואָרן אויף יידיש און אַרויסגעגעבן געוואָרן אין דעם בוך פון פּלאָצקער לאַנדסלייט אין בוענאָס־איירעס (אין 1945). אַ צווייטע, אַ גרעסערע מאָנאָגראַפיע פון 240 זייטן האָט אַרויסגעגעבן די קהילה אין דראָהאָביטש, טאַקע וועגן דעם עבר פון יידישן ישוב אין דער דאָזיקער מזרח־גאַליצישער שטאָט. אין דעם דאָזיקן בוך האָט שיפּער אויסגענוצט דעם פּנקס פון דער דאָרטיקער קהילה און אויך די רעשטלעך פון דעם קהילה־אַרכיוו. אַזוי אַרום האָט ער געגעבן צום ערשטן מאָל אַ בילד פון יידישן לעבן אין דראָהאָביטש.

שיפּער האָט געגרייט צום דרוק אַ בוך, וואָס וואָלט געווען אַ צירונג פאַר דער יידישער היסטאָרישער ליטעראַטור. עס האָט געזאָלט הייסן „אַלט יידיש־וואַרשע”. אין דעם דאָזיקן בוך האָבן געזאָלט אַריינגיין זיינע אַרטיקלען וועגן די אַלטע פּאַטריצישע יידישע משפּחות אין וואַרשע.

---

*) אויספירלעך האָב איך וועגן דעם בוך געשריבן אין צווייטן באַנד פון די „היסטאָרישע שריפטן„ פון ייווא.

געשריבן לויט די מקורים פון דעם וואַרשעווער קהילה־אַרכיוו און לויט די אָפּגעהיטע משפחה־אַרכיוון פון די באַרימטע יידישע גדולי הדור, — האָט דאָס דאַזיקע בוך, אגב שיפּערס אַ ליבלינג אין די לעצטע יאָרן, געזאָלט זיין אַ מין יידישע „ראַדאָסלאָווגע״, אַ קייט פון יחוס־בריוו פון די שטאָלצע וואַרשעווער תושבים פון קדמונים.

דער דאַזיקער אינטערעס פאַר אַלטע יידישע משפחות אין וואַרשע איז געווען ווייט פון וועלכער עס איז „גבירה־פּיליע״, וואָס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר ענלעכע ביכער פון אייניקע דייטשיש־יידישע היסטאָריקער.

דער תמיד וואַגיקער קינסטלער אין אים האָט דאָ דערטאַפּט אַ טעמע, וואָס בעט זיך ממש אויף רעמבראַנדישע גאָלד־טונקל קאָלירן, אויף יענע קאָנטראַסטן — עפעקטן, וואָס לאָזן בולטער אַרויסברענגען דעם מהות פון דעם דאַזיקן היסטאָרישן געראַנגל. סאָקאָלאָוו האָט עס פעליעטאָניסטיש אויפגעכאַפּט אין זיין באַרימטן עסיי „אַלט־וואַרשע״ און טיילווייז אויך אין אייניקע פּאָרטרעטן פון זיין סעריע „אישים״. בעת סאָקאָלאָוו איז געווען אַ זכרון קינסטלער, איז שיפּער געווען אַ קינסטלער, וואָס בויט אויף היסטאָרישע מאַטעריאַלן. די דאַזיקע מאַטעריאַלן פילט ער אָן מיט זיין היסטאָרישער אינטואיציע און אויף אַזאַ אופן טראָגט ער איין זיי אַריין אין דעם צלם אָדם און גיט ניט סתם אַ רעיסטער פון דאַטעס און פאַקטן.

„אַלט־יידיש־וואַרשע״ האָט שיפּערן געבראַכט צום מקום, וואו די דאַזיקע פלעיאַדע פּאַטריציער דרעמלט אין די שאָטנס פון די פּרעכטיקע קאַשטאַן־בוימער, און אין דער שטילקייט פון עסטעטיש קולטיווירטע אַלייען. דאָס איז די מזרח־וואַנט פון וואַרשעווער בית־עולם.

אַ האַלב־יאָרהונדערט נאָך דעם ווי דער דאַרער און טרוקענער מלמד פון סוויסלאָטש ר׳ שמואל יעווניִן, האָט אין זכות פון אַ פּאָר רייכע בעלי־בתים־לומדים אין וואַרשע, אַרויסגעגעבן זיין „נחלת עולמים״, אַ רשימה פון מצבה־אויפשריפטן פון יידישן בית־עולם אין וואַרשע מיט קורצע, ווייט ניט קיין פאַרלאָזלעכע ביאָגראַפישע פּרטים — האָט דער וועלטלעכער, שטאָלצער ייד יצחק שיפּער באַטראַכטן יעדן טאָג די דאַזיקע טויטע אַלייעס און קאָפּירט די אויפשריפטן אויף די מצבות און געזאַמלט מאַטעריאַל וועגן דעם גורל פון יעדער משפחה, וואָס רוט דאָרט. ניט איין זון אָדער אייניקל פון די דאַזיקע גדולי הדור, וואָס האָבן גערוט אין שאָטן פון דעם יידישן נעקראָפּאָליס, האָט ער שוין געפונען מאחורי הפרגוד. ער איז אויך זיי נאָכגעגאַנגען ביז ער האָט ניט איינעם פון זיי דערטאַפּט אין לאַגער פון שונאי ישראל.

אַ גרויסער מהלך איז געווען פון ר׳ שמואל יעווניִן ביז ר׳ יצחק שיפּער.

צווישן די דאָזיקע צוויי נעמען איז געווען ניט נאָר אַ חילוק צווישן אַן אַנטיקוואַר און אַ היסטאָריקער, נאָר אויך צווישן די יאָרן 1884 און 1934.

צוקאָפּנס ביי שיפּערן איז שוין געשטאַנען דאָס מאָנומענטאַלע ווערק פון בערנאַרד וואַכשטיין ע״ה וועגן די מצבות אויפן יידישן בית־עולם אין ווין. דאָס דאָזיקע ווערק איז געווען אַן אָנזאָג פון אַ נייער תקופה אין דער יידישער היסטאָריאָגראַפיע. שטיינער האָבן אָנגעהויבן ביי וואַכשטיינען ריידן און דערציילן וועגן עליות און ירידות, וועגן רייפן אָפּגיין און פּריצייטיקן פאַרגיין, וועגן בלוט און טרערן, וועגן לומדות און עשירות. זיי האָבן געווירקט שטאַרקער און טיפער איידער די ספּאַזמאַטישע קרעכצן פון אַ הילפלאָזן מקונן. שיפּער האָט באַשלאָסן ווערן דער וואַכשטיין פון דעם וואַרשעווער בית־החיים. אין די אַרכיוון און אין משפחה־פּאַפּירן פון די נפטרים האָט ער געפונען אַ שלל מאַטעריאַל, וואָס האָט אים גע־דינט פאַר פאַרבן, כדי בולטער צו באַמאָלן די סקעלעטישע נעמען פון די מצבות.

די יידישע קהילה האָט זיך שטאַרק פאַראינטערעסירט מיט שיפּערס אַרבעט און באַשלאָסן זי אַרויסצוגעבן.

עס איז פאַראַן עפּעס פאַטאַליסטישעס און ממש סימבאָלישעס אין דעם לעצטן היסטאָרישן טאַט פון יצחק שיפּער. זיין בוך וועגן די צוויי יידישע בית־עלמינס אין וואַרשע און אויף פּראַגע, איז דערשינען אין דעם הייסן חודש יולי 1939, עטלעכע חדשים ערב דער גרויסער קאַטאַס־טראָפע. דאָס בוך האָט 360 זייטן גרויס פאָרמאַט און לויט די באַריכטן פון די וואַרשעווער צייטונגען — זייער שיין אַרויסגעגעבן און רייך אילוסטרירט.

דער איינציקער באַריכט, וואָס עס איז פאַראַן וועגן די לעצטע טעג און יאָרן פון דעם גרויסן היסטאָריקער, איז געשריבן פון ד״ר נתן עק (אין ״הדואר״, 18, 1945).

אין נאָוועמבער 1939 איז ד״ר עק געווען אין וואַרשע. שיפּער איז געווען זייער קראַנק. ער האָט געליטן אויפן האַרץ און די דאָקטוירים האָבן אים אָפּגעזאָגט דאָס לעבן. זיין הויז־דאָקטאָר האָט אָבער געזאָגט, אַז מען קען בכלל ניט אויספאָרשן אַ האַרץ פון אַ מענטשן, בפרט פון אַזאַ מענטשן ווי שיפּער.

די גרויסע היסטאָרישע געשעענישן האָבן אים אָבער משמעות גע־שטאַרקט. יידיש וואַרשע האָט זיך אין אים געגנויטיקט. ער איז געוואָרן דער טרעגער פון בטחון, ממש אַ פאָלקס טריבון. ער האָט געהאַלטן פלאַמענדיקע רעדעס און גערופן יידן זיך ניט מייאש צו זיין.

אויף אַ זיצונג, וואו מען האָט פאַרהאַנדלט די פּראַגע פון געפינען דירות פאַר דעם גרויסן שטראָם פליטים וואָס זיינען געלאָפן קיין וואַרשע,

האָט שיפּער געהאַלטן אַ רעדע. ער האָט געזאָגט אַז עס איז ניט כדאי עפּעס צו טאָן, ווייל וואָס יידן וועלן ניט טאָן, וועלן דאָס די נאַציס תיכף חרוב מאַכן. יעדער ייד וועט מוזן געפינען זיין אייגן וועג פון ראַטעווען זיך, אַזוי „ווי אונדזערע אבות האָבן געוואוסט ווי זיך צו ראַטעווען".

שיפּער האָט ניט אויפגעהערט צו גלויבן אין דעם כוח און וויטאַליטעט פון דער יידישער פאָלקס-מאַסע. אויף דעם פּרק-אָוונט אין געטאָ האָט ער געהאַלטן אַ רעדע. ער האָט אַנאַליזירט פּרצעס „פאָלקסטימלעכע מעשיות". אין פּרצן האָט שיפּער דערזען דעם בעל-הקיום פון יידישן פאָלק. אונדזער עקזיסטענץ איז ניט אין שטח, האָט ער געזאָגט, נאָר אין דעם אייביקן דויער פון צייט.

מיט זיין רעדע האָט ער אָנגעצונדן אַלעמענס הערצער, גיט איבער נתן יעק... אָבער אַז עס האָבן זיך אָנגערוקט די גרויזאַמע טעג פון שחיטות האָט ער שוין מער ניט געקענט ריידן און טרייסטן. ער איז געוואָרן אַ שותק. ער האָט דערפילט אַז מען קען מיט ווערטער פון בטחון ניט פּאַרוויגן דעם גזר וואָס הענגט איבער דעם גורל פון אַ פאָלק.

פרילינג 1942 האָט מען שיפּערן אויף אַ זיצונג געפרעגט: וואָס זאָל מען טאָן, אויב די דאָזיקע בלוטיקע כוואַליעס וועט אויך דערגרייכן וואַרשע? קיינער האָט דעמאָלט ניט געגלויבט, אַז די נאַצישע חיה וועט באמת אויסראָטן אַלע יידן. מען האָט געזוכט אַן אויסוועג און געוואַרט אויף דאָס וואָרט פון ישועה.

האָט שיפּער גערעדט צו די יידן, ווי אַ טאַטע רעדט צו זיינע קינדער:

„צו וואָס זאָלן מיר דוחק זיין דעם קץ?" — האָט ער געפרעגט. ער אַליין האָט אָבער ניט געגלויבט אַז עס איז פאַראַן אַן אויסוועג. די יוגנט וועט אפשר זיך טיילווייז ראַטעווען און זען דעם נולד... זיינע אויגן וועלן דאָס אָבער ניט זען. — האָט ער זיך אויסגעדריקט.

אין די גרויסע, הערלאַישע טעג פון אַפּריל 1943 איז שיפּער אומגעקומען. אַ סברה אַז ער איז פאַרברענט געוואָרן אין זיין דירה. וואָס איז געשען מיט זיין משפחה — איז ניט באַקאַנט.

אַזוי איז אומגעקומען אין וואַרשע דער באַזינגער פון איר עבר און דער טיפער מאמין אין איר עתיד.ביידע זאַכן האָט ער פאַרבונדן מיט אַ שטאַרקער ליבע אין דעם סאָציאַלן עטאָס און קולטורעלן פּאַטאָס פון דער יידישער פאָלקס-מאַסע אין פּוילן.

ער וואָס האָט אין זיין ערשטן אַרטיקל גערופן צו אַ רענאַסאַנס-באַוועגונג אין דער יידישער ליטעראַטור — איז אין תוך אַליין געווען אַ טיפּישע רענעסאַנס-געשטאַלט. ער האָט ליב געהאַט דאָס לעבן און אַלץ וואָס איז שיין, שעפעריש און ערלעך. אַ גרויסער ענטוזיאַסט — האָט ער געהאַט דעם כוח צו באַגייסטערן אַנדערע. אַ גייסטיקער אַריסטאָ-

קראַט, אַ פיינשמעקער, אַן אינטעלעקטואַל, קיין מאָל ניט געזעטיקט—האָט ער געהאַט די גרעסטע הנאה פון טיילן זיך בכתב און בפה — מיט אַ ברייטער אוידיטאָריע, מיט אַלצדינג וואָס ער האָט גייסטיק פאַרמאָגט.

זיינע אַרטיקלען וועגן ליטעראַטור זיינען געווען באַריכטן וועגן זיין קינסטלערישן ענטוזיאַזם, געשריבן מיט אַזאַ שוואונג, אַז דער ענטוזיאַזם האָט געמוזט ווירקן.

אין דעם פרט איז כדאי צו לייענען שיפערס אַרטיקלען וועגן אַפּאַטאָשוס „אַ טאָג אין רעגענסבורג". דאָס דאָזיקע בוך האָט ער, אגב, איבערגעזעצט אויף פויליש. שיפער האָט זיך געפילט ווי אַ שטיקל מחותן אויף דער חתונה אין רעגענסבורג, ווייל ער האָט דאָרטן דערזען די „פריילעכע יידן" און די לצים פון זיין טעאַטער-געשיכטע. דאָס איז געווען פאַר אים יענער שכר, וואָס אַ היסטאָריקער האַלט פאַר דעם אמתן שכר.

אייביק יונג, תמיד אימפעטיק, פול מיט לעבנס פרייד און אינטעלעקטועלער ענערגיע — איז ער געווען דער סימבאָל פון אַ דור צווישן צוויי וועלט-שריפות, וואָס האָט געברענט אינעווייניק מיט מעשים לטובת הכלל און וואָס איז פאַרברענט געוואָרן פיזיש דורך אַ שונא, וואָס דאָס יידישע פאָלק וועט קיין מאָל ניט פאַרגעסן. אָבער פאַראַלעל מיט אונדזער שנאה צו די, וואָס האָבן חרוב ונחרב געמאַכט אונדזער פאָלק, וועלן מיר תמיד טראָגן אַ גרויסע ליבע פאַר די וואָס האָבן געגעבן דעם פאָלק דאָס גרעסטע, וואָס זיי האָבן פאַרמאָגט.

צו די דאָזיקע געהערט יצחק שיפער ז"ל.

י. אָפּאַטאָשו

קיום — נישט אונטערגאַנג

אין 1267, נאָך דעם ווי די מאָנגאָלן האָבן געהאַט חרוב געמאַכט ארץ־ישראל, האָט ר׳ משה בן־נחמן, דער רמב״ן, באַזוכט ס׳לאַנד און אַזוי אַהיים־געשריבן:

„— — — וואָס הייליקער אַן אָרט, אַלץ מער חרוב איז עס. ירושלים איז חרוב ונחרב. יהודה איז מער צעשטערט, ווי דער גליל״.

אין אונדזער הייַנטיקן חורבן איז אויך אַזוי.

דער רייַכסטער רעזערוואואַר אונדזערער, פון וואַנען מיר יידן, די יידן וואָס לעבן זיך אויס אויף יידיש, האָבן געשעפּט כוחות, דאָס יידנטום איז חרוב ונחרב.

און ס׳פּוילישע יידנטום איז נישט בלויז פּוילן, ס׳איז נישט בלויז די יידיש־פּוילישע לאַנדסמאַנשאַפטן פון דער גאָרער וועלט. ס׳איז דער רוקן־בייַן, וואָס האָט געשאַפן ס׳פּוילישע יידנטום, ס׳וואָלינער, ס׳רומענישע, ס׳אונ־גאַרישע, ס׳פּאָדאָליער, אונדזער יידנטום פון די פאַראייניקטע שטאַטן, פון קאַנאַדע, פון דרום־אַמעריקע, די יידן פון ארץ־ישראל — איבער צוועלף מיליאָן יידן, וואָס האָבן געערדט, געלייענט און זיך אויסגעלעבט אויף יידיש — דאָס איז געווען ס׳פּוילישע יידנטום.

ווי איר זעט איז ס׳פּוילישע יידנטום נישט בלויז אַ געאָגראַפישער באַ־גריף. ס׳איז פיל מער. ס׳איז אַן אידעאישער.

דער פּוילישער ייד מיט דער באָרד און פּאות, מיט דער קאַפּאָטע און שטריימל, מיט זיין אייגנאַרטיקן יידיש, מיט זיין גמרא־לערנען, מיט זיין וועלט־קוק און לעבן־קוק, דער פּוילישער ייד איז נישט בלויז דער אמתער יורש פון דעם בבלישן ייד, נאָר אויך דער איינציקער יורש פונעם „נוסח אשכנז״. און נוסח אשכנז, ווי ס׳פּוילישע לומדות, האָט נישט געזוכט קיין עיקרים, האָט נישט געזוכט קיין דאָגמעס אין גלויבן. מען האָט נישט געהאַט קיין טענות צום פאָלק, ווי די לומדים פילאָזאָפן אין שפּאַניע. דער שכל — האָט ער אפילו געמעגט זיין שאַרף ווי אַ חלף — האָט נישט געוואָלט הערשן איבער דער פאָלקס־פאַנטאַזיע. די ערטער אין תנ״ך, אין מדרש, וואו די ספרדים האָבן געזען „הגשמת הבורא״, געזען אין דעם אַנטראָפּאָ־מאַרפיזם — דווקא די פסוקים זיינען געווען צום האַרצן די לומדים פון פּוילן. דאָס איז געווען די געהיימע בריק, וואָס האָט זיך געצויגן פונעם שכל צו דער פאָלקס־פאַנטאַזיע. און וואָס טיפער און אַבסטראַקטער אַ רעיון, אַלץ בילדלעכער און מענטשלעכער האָט די פאַנטאַזיע אים געמאָלן.

אין די שטעטלעך פון ביידע זייטן ווייסל איז גאָט אַרומגעגאַנגען נישט בלויז אין די רבייאישע הויפן, נאָר אויך צווישן די פשוטע יידן, צווישן די פאָלקס־מענטשן.

נישט אַלץ איז געווען דער האַרבער דין. גרויס אָנזען האָט אין פוילן געהאַט דער מנהג. און מנהג — דאָס איז פאָלקס־שאַפן, פאָלקס־פאַנטאַזיע. אַ מנהג איז עלאַסטיש ווי די תורה. אַ מנהג פּענטעט נישט, ווי אַ דין. דעריבער טאַקע האָט „נוסח אשכנז" אין די יונגע שאַפערישע יאָרן קיין „שלחן ערוך" נישט געשאַפן און נישט געוואָלט שאַפן. מען האָט זיך געצירט אין מצוות, אָבער נישט אין קיין עיקרים.. איז אַ ייד אַראָפּ פון דרך הישר, האָט געזינדיקט, האָט ער תשובה געטאָן. ווי זאָגט אַ כראָניקער פון יענער צייט: כופרים בעיקר, ווי אין ספרד, זיינען אין אשכנז, אין פוילן, קיינמאָל נישט געווען.

גרויסע מענטשלעכע פשטות, טיפער גלויבן, וואָס ווייס נישט פון קיין פּענטעס — דאָס איז נוסח־אַשכנז, דאָס איז נוסח־פוילן.

נישט בלויז די ישיבות פון פויזן און לובלין, נישט בלויז די ישיבות פון וואָלאָזשין און סלאָבאָדקע, נאָר אויך די ציש״אָ שולן, דער ווילנער ייוואָ אינסטיטוט, זיינען אַ המשך פון סורא און פומבדיתא.

און מיט וואָס פאַר אַ ברייטער האַנט האָט ס׳פוילישע יידנטום באַרייכערט פעלקער און קולטורן, באַרייכערט מיט תורה און מיט וויסן.

ס׳איז געגנוג זיך צו פאַרטיפן אינעם 19טן יאָרהונדערט, אינעם אָנהייב פונעם צוואַנציקסטן. ס׳יידישע פויזן האָט באַרייכערט די דייטשישע קולטור, ס׳יידישע גאַליציע — די עסטרייכישע. ס׳יידישע קרוין־פוילן — די פוי־לישע, די רוסישע, די פראַנצויזישע. זביטקאָווערס אייניקל — און זביטקאָ־ווער איז געווען אַ וואַרשעווער ייד — זביטקאָווערס אייניקל — העגרי בערג־סאָן — איז דאָס שטאָלץ פון פראַנקרייך. און ווען נישט דער ייד פון אַרום פויזן, אַלבערט מייקעלסאָן, וואָלטן די פאַראייניקטע שטאַטן זיך נישט געהאַט איבערצונעמען, אַז אָן דעם אַמעריקאַנער מייקעלסאָן, וואָלט קיין איינשטיין נישט געווען.

די וועלט האַלט, אַז מיר יידן זיינען פּראַקטישע מענטשן. פאַרטיפט מען זיך אָבער אינעם שאַפן פון די פוילישע יידן, דעקן זיך פאַר אונדז אויף אַנ־דערע טענדענצן — איראַציאָנעלע, מיסטישע. די מיסטיק פון חסידות, בערגסאָנס אינטואיציע, לאַצאַרוסעס — די נשמה פון פעלקער, קראָכמאַלס — אויסדערווײלטע פעלקער, פּרצעס — פאָלקסטימלעכע מעשות — — —

דאָס אַלץ האָט מיט טאָג־טעגלעכער פּראַקטישקייט גאָרנישט צו טאָן. דאָס אַלץ אַנטלויפט פונעם מאַטעריאַליזם, מיידט אויס יעדן עמפּירישן צוגאַנג.

דאָס איז ווידעראַמאָל גרויסע מענטשלעכע פשטות, טיפער גלויבן, וואָס

וויס נישט פון קיין פּענטעס — דאָס איז ס׳פּוילישע יידישקייט, דאָס איז נוסח־פּוילן.

און דאָס יידנטום איז חרוב ונחרב.

מיר באַגרייפן גאָר אַליין נישט, ווי גרויס איז אונדזער חורבן.

מיר געדענקען דאָך אַלע, ווי די גאַנצע וועלט איז אויפגעשוידערט געוואָרן, ווען מען האָט סאַקי און וואַנזעטי, דעם אָרעמען, אומשולדיקן פּישער, דעם אָרעמען, אומשולדיקן שוסטער, היגגעריכטעט. אין אַלע טיילן וועלט זיינען טויזנטער, צענדליקער טויזנטער מענטשן יענע נאַכט נישט געשלאָפן. און דאָ האָט מען איבער פינף יאָר געמאָרדעוועט אונדז יידן, און קיינעם איז עס נישט אָנגעגאַנגען. מען האָט דאָך מער יידן אויסגעמאָרדעוועט, ווי עס זיינען דאָ פינלענדער און נאָרוועגער אויף דער וועלט, און קיינעם איז עס נישט אָנגעגאַנגען. און די מלוכות, וואָס רעדן אין נאָמען פון יושר און גערעכטיקייט, אַפילו די קומען בלויז אָפּ מיט הבטחות. קיין איינע פון זיי האָט נאָך דערוויל נישט געעפנט די טויערן פאַר די גערודפטע יידן.

און מיר, יידן?

פון צרות איז ס׳לשון ביי אונדז נישט אָפּגענומען געוואָרן. מיר רעדן שוין צופיל. נאָר ס׳וואָרט נעמט נקמה אין אונדז. ס׳וואָרט וועקט נישט און וואַרעמט נישט און אַז ס׳טוט זיך אַמאָל אַ צינד אָן, איז עס ווי אויסגעדראָשן שטרוי — ס׳טוט אויף אַ רגע אַ פלאַקער און ס׳לעשט זיך גלייך אויס. ווייל נישט בלויז דער מענטש איז הפקר, נאָר אויך ס׳וואָרט. ווען ס׳מענטשלעכע וואָרט וואָלט נישט געווען אַזוי הפקר, וואָלטן די, וואָס האַלטן נישט פון גלות, די „שוללי הגלות", זיך נישט צוגאַיילט מיט זייער קדיש־זאָגן נאָכן גלות. ווען איובס חברים זיינען אים געקומען טרייסטן און האָבן אים דערזען אין זיין פינצטערן בראָך, זיינען זיי פאַרשטומט געוואָרן. זיבן טעג און זיבן נעכט זיינען זיי מיט אים געזעסן און געשוויגן, אַזוי גרויס איז געווען איובס צער.

ס׳מענטשלעכסטע וואָלט געווען פאַר די פאַרלייקענער פון גלות זיי זאָלן איצט שווייגן. און אַז די צייט וועט קומען זיך אויסצוטענהען וועלן מיר נישט בלייבן הינטערשטעליק. און לאָז עס דאָ געזאָגט ווערן — דאָס יידישקייט, וואָס איז נתגלה געוואָרן אויף דער וועלט, דאָס איז גלות־יידישקייט. און דער גלות איז נישט קיין געטאָ־גלות. פון אונדזער משהן — יהוהס ערשטער נביא־שליח ביז דעם לעצטן נביא — דאָס איז איין דראַנג צו גיין אין דער וועלט אַריין „לתקן עולם במלכות שדי", צו דערהייבן און אויסלייזן דעם מענטש. מישט נישט צונויף דעם יידס גיין אין דער וועלט אַריין מיט דער אויסגעהוילטער שווינדזיכטיקער יעזוס־„מיסיע" פונעם רעפאָרם־יידישקייט. ס׳איז פיל טיפער. און אונדזער „גלות", וואָס איז שוין אין כורשס צייטן געווען פאַרשפּרייט איבער גאַנץ קליין־אַזיע,

האַלט נישט אָן קיין צוויי טויזנט יאָר, נאָר צוויי טויזנט פינף הונדערט יאָר. ביים „בית שני" איז יהודה געווען זעלבסטשטענדיק בלויז איין און זיבעציק יאָר, פון שמעון דעם חשמונאי ביז דער מלכה שלומית. לייקנט אָפּ דעם גלות, מוז מען במילא אויך אָפּלייקענען די נביאים, די אמוראים, יהודה הלוין — די טרויערער פון „ציון" און פון דער גלות־אידעע.

און ווען ס'וואָלט געווען אַנדערש, ווי וואָלט אַזאַ תנא ווי ר' יוחנן בן זכאי „שקבל תורה מאנשי כנסת הגדולה", ווי וואָלט ער פרייוויליק אויס־געביטן אַ יידישע מלוכה, ס'בית המקדש, אויף אַ ישיבה אין יבנה? און ס'פאָלק איז נאָכן חורבן געגאַנגען מיט יוחנן בן זכאין. און ווייסט איר, אַז ס'האָט גענומען אַכט הונדערט יאָר ביז ס'איז אָנגעשריבן געוואָרן ס'ערשטע קלאָג־ליד, די ערשטע קינה, אויפן צווייטן חורבן? „איכה" איז געשריבן געוואָרן אין דער צייט פון ירמיהון. און אַז מען האָט יאָ עפּעס אָנגעשריבן, ווי „עזרא דער פערטער" און דער „סירישער ברוך", האָבן יידן דערפון נישט געוואָלט וויסן. און ווען נישט די קריסטן, וואָס זיי האָבן עס פאַרהייליקט, וואָלטן מיר עס אין גאַנצן נישט געהאַט. ערשט דער פיטן הקליר האָט אָנגעשריבן די ערשטע קינה, וואָס מיר האָבן זי אָנגענומען.

— ווי קומט עס?

ווייל ביים צווייטן חורבן זיינען מיר שוין געווען אַ וועלט־פאָלק. און ווי גרויס ס'איז נישט געווען דער ווייטיק פונעם חורבן, און ווי שטאַרק מיר זיינען נישט אָפּגעגאַנגען אין בלוט, האָבן מיר שוין דעמאָלט געוואוסט, אַז מיר גייען נישט אונטער, אַז יידן און יידישקייט זיינען נישט אָפּהענגיק פון איין לאַנד, ווי טייער דאָס לאַנד זאָל אונדז ניט זיין.

געבענטשט זאָלן זיין די הענט, וואָס בויען היינט ארץ־ישראל. ס'איז אפשר אונדזער ליכטיקסטער ישוב. און מיר האָבן פונקט אַזאַ רעכט אויף אַ יידישער מלוכה אין ארץ־ישראל, ווי גריכן האָבן אַ רעכט אויף זייער מלוכה אין גריכנלאַנד. נאָר שטעלן דעם קיום פונעם גאַנצן יידישן פאָלק, פון אַ וועלט־פאָלק, בלויז אויף איין ישוב, מעג ער זיין דער טייערסטער און ליכטיקסטער, טאָרן מיר נישט. דעמאָלט הערן מיר אויף צו זיין אַ וועלט־פאָלק.

און ווי גרויס דער היינטיקער בראָך זאָל נישט זיין, און ווי טיף מיר זאָלן נישט אָפּגיין אין בלוט, גייען מיר נאָך אַלץ נישט אונטער.

ס'האָבן זיך מיט אַמאָל גענומען באַוויזן אַזויפיל וואָרזאָגערס, פינצ־טערע וואָרזאָגערס, וועמען דער יידישער עבר, אין ברייטסטן זין, איז פרעמד. און ווי דער שטייגער פון וואָרזאָגערס, איז זייער היינט געזיכערט, ווייל די לייט זעען שוין זיי זאָלן שטענדיק זיין ווייט פון יעדער געפאַר, דערפאַר טאָקע ווייסן זיי, אַז מיר, יידן, גייען אונטער. דאָס האָבן זיי געלערנט ביי

דער פּאָפּוגאַי, וואָס זיצט אויף דער יידישער קאַטערינקע און שפּילט זיך מיט אונדזער גורל.

ניין, יידן, מיר גייען נאָך נישט אונטער.

זעט איר, נישט איינמאָל חידוש איך זיך פאַרוואָס מיר זיינען ביז היינט נישט אונטערגעגאַנגען. ווי נאָך זיינען מיר בייגעקומען די גזירות און שחיטות פונעם יאָר תתנ״ו, די קרייצצוגן — ווען די גאַנצע וועלט האָט זיך אָנגעזעצט אונדז אויסצוראָטן — מלוכות און די קירך, ס׳אַדל און קנעכט, שררים און ס׳פּעוועל.

האָבן יידן דערויף אַ פאַרטיקן תירוץ — צרות און פורעניות גיבן צו כוח, ווי אין פּסוק שטייט — „ואשר יענו אותו כן ירבה וכן יפרוץ״ — ווי זיי האָבן ס׳יידישע פאָלק געפּייניקט, אַזוי האָט עס זיך געמערט און אַזוי האָט עס זיך געשפּרייט.

אויב אַזוי, ווי נאָך זיינען מיר בייגעקומען די זאַטקייט, דעם וואויל-טאָג און ס׳עשירות, וואָס האָט זיך אַריינגעריסן אינעם יידישן לעבן, ווי אַ מגפה, ביי אונדז צוגענומען מער יידן דורך פרייוויליקן שמד, ווי די שחיטות און קרייצצוגן? מיר האָבן דאָך אויך געהאַט מלכים צדיקים, וואָס האָבן נישט גערודפט קיין יידן, וואָס האָבן ליב געהאַט יידן. פאַרוואָס האָבן זיך יידן נישט אויסגעמישט מיט דער אַרומיקער וועלט?

האָט מען דערויף אויך אַ פאַרטיקן תירוץ — ס׳יידישע רעליגיעזע לעבן האָט אונדז אויפגעהאַלטן. דאָס איז נישט מער ווי אַ השערה. אין אַ סך תקופות פונעם דריטהאַלבן טויזנט יעריקן גלות האָבן מיר קיין מיצוות פונקט אַזוי נישט אָפּגעהיט, ווי מיר היטן זיי היינט נישט אָפּ. ס׳איז אַ טעות, אַז דער דייטשישער פרומער ייד פון 16טן יאָרהונדערט, דער פוילישער פרומער ייד פון 16טן יאָרהונדערט, אַז דער ייד איז געווען דער טיפּ־ייד פון אַלע תקופות און פון אַלע לענדער. אין דער צייט פון די בעלי־תוספות, די אמתע טאַטעס פון אַלע שפּעטערדיקע „שולחן־ערוך״ס איז אַזאַ וויכטיקע מיצווה ווי לייגן תפילין, כמעט ווי נישט אָפּגעהיט געוואָרן. דורות פריער האָבן די גאונים פון בבל זיך געקלאָגט, אַז יידן זיינען נישט מלע די קינדער, אַז זיי טרייבן זנות און גילוי־עריות.

נעמט די אַפּיקורסישע, אַנטי־רעליגיעזע באַוועגונג אין בבל, וואָס איר אָנפירער איז געווען חיווי אל־בלכי. ווען די באַוועגונג האָט אַרומגעכאַפּט מער ווי אַ העלפט פונעם דעמאָלטיקן יידנטום. בלעטערט די שו״ת. רבנים קלאָגן זיך, אַז מיר גייען אונטער, מען היט נישט אָפּ קיין מיצוות, מען איז ווייט פון דער יידישער אמונה.

און דאָך זיינען מיר געבליבן לעבן.

פרעגט זיך: וואָס האַלט אונדז אויף?

אונדזערע „רעאַל־פּאָליטיקער״ לאַכן פון אונדז, טענה׳ן, אַז אויף

יעדער צרה האָבן מיר אַ פּאַרטיקן פּסוק. און אַזאַ „אויסגעדראָשענער" פּסוק איז אויך: „מיר האָבן איבערגעלעבט המנען, מיר האָבן איבער־געלעבט די בבלים, די גריכן, די רוימער, וועלן מיר אויך איבערלעבן די נאַציס".

פרעג איך:

און אַז 25 הונדערט יאָר האָבן אָנגעהאַלטן די פּסוקים — ס'איז געווען בדוק ומנוסה — — — — הינטער יעדן פּסוק, ווי הינטער אַ פּאַנצער, וואָרצלט אַ יידישער לעבן־קוק, פאַרוואָס זאָלן די פּסוקים — דער יידישער לעבן־און־וועלט־קוק — דווקא איצט זיין באַנקראָט?

און פאַרקערט — ווען יידן וואָלטן יאָ געגלויבט, אַז היינט, מאָרגן וועט מען זיי אויסשעכטן, וואָלטן זיי דערמיט אויסגעמיטן די קאַטאַסטראָפע?

איך האַלט אַז דווקא אין דעם גלויבן, אין די פּסוקים, אַז אונדזער שכן, דער נישט־ייד, איז אויך אַ מענטש, נישט קיין ווילדע חיה, אין דעם גלויבן ליגט אונדזער כוח. דער גלויבן האַלט שוין אונדז אויף טויזנטער יאָר. דער גלויבן האָט אונדז געגעבן כוח ווידער אויפצובויען ארץ־ישראל נאָך גלות בבל, אויפצובויען יידישע ישובים איבער גאָר דער וועלט, גיט אונדז כוח צו בויען ארץ־ישראל היינט.

און אַז ראַמעל מיט זיינע האָרדעס זיינען געשטאַנען ביי די טויערן פון עגיפּטן, איז דען נישט געשען קיין נס, וואָס ארץ־ישראל האָט אויסגעמיטן די קאַטאַסטראָפעס,

און וואָס איז אַ נס? נישט קיין פּסוק?

מיר האָבען דאָך שוין נישט איין מאָל געזען, אַז תמיד ווען ס'האָלט שמאָל, ס'האַלט ביי גסיסה, ווי מיר יידן האָבן געהאַלטן ביי אַנטיוכס עפּיפאַנוס, אַלע האָבן געמיינט, אַז ס'איז יציאת נשמה, האָט ערגעץ אין אַ העק, אין אַ פאַרוואָרפן שטעטל מודיעין, זיך אָנגעצונדן אַ פלעמל. פונעם פלעמל איז געוואָרן אַ פלאַם, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט ס'גאַנצע יידישע פאָלק, עס קריק מחיה־מתים געווען.

און וואו ס'איז דאָ אַ יידיש לעבן, דאָרט איז אויך דאָ — דער חשמונאים פלאַם פון מודיעין, דער בר־כוכבא פלאַם פון ביתר, דער ר' עקיבא פלאַם, וואָס אין יעדער עת־צרה פלאַקערט ער אויף און ס'ווערט נישט בלויז געבוירן אַ נייער יידישער ישוב, נאָר אויך אַ ווידערשטאַנד ווי דער ווידערשטאַנד אין דער וואַרשעווער געטאָ.

אין מודיעין, אין ביתר, אין דער וואַרשעווער געטאָ, גייען נאָך די פּסוקים האַנט אין האַנט מיט שווערד און ביקס. געווען אָבער צייטן, ווען בלויזע פּסוקים, פּסוקים ממש, האָבן אונדז געראַטעוועט פון אונטערגאַנג. דאָס איז געווען דעמאָלט, ווען אונדזער נאַציאָנאַלער זיכרון־קאָנטינו־

איטעט איז נאָך נישט געווען איבערגעריסן, ווי ער איז היינט. ס'איז נאָך דעמאָלט נישט געווען אַזאַ ירידה, ווי ס'איז היינט. יעדער ייד האָט געוואוסט, אַז אור־קריסטנטום — אַ קאַריקאַטור פון יידישקייט — וויל אונדז עוקר מן השורש זיין.

און אין נאָמען פון ישון, דעם גאָט פון ליבע און חסד, מאָרדעוועט מען אונדז שוין איבער אַכצן הונדערט יאָר. אונדזער גאָט, יהוה, דער „אל נוקם ונוטר", האָט נישט געוואָלט אָננעמען אברהמס קרבן, האָט נישט געוואָלט צונעמען יצחקן, אָבער ישו, דער גאָט פון ליבע און חסד, קען זיך גאָר נישט אָנזעטיקן מיט יידיש בלוט, ווי דער גאָט־קאַניבאַל מולך.

און ווי געזונקען זיינען מיר יידן, אַז אין אונדזערעביידע שפּראַכן, אין יידיש און אין העברעאיש, האָט מען דווקא היינט גענומען באַזינגען ס'קריסטענטום.

דאָס איז יידישע ירידה.

ס'זיינען געווען אַנדערע צייטן:

אַ פינף און זיבעציק יאָר נאָך יעזוסן, ווען די אור־קריסטן, די מינים, האָבן זיך פאַרנומען אַרויסצושטופּן מיטן ברית חדשה אונדזער תורה, האָבן געהאַלטן אין איין אָפּלאַכן פון אונדזערע חוקים, האָבן זיי אַזוי געטענהט:

„— — — קוקט, יידן, אברהם האָט נישט געהאַט קיין תורה. ער האָט נישט געהיט קיין חוקים און פונדעסטוועגן האָט זיך גאָט צו אים נישט איין מאָל באַוויזן. ווייל גאָט דאָס איז ליבע, חסד . . . דאָס איז ישו . . . נישט קיין טרוקענע חוקים . . .

דערויף האָבן אונדזערע תנאים, גאַנצע יידן וואָס האָבן געגלייבט אין פסוקים, געענטפערט מיט אַ פסוק:

— אויב אַזוי, האָט אברהם אָפּגעהיט די גאַנצע תורה, איידער זי איז נאָך געגעבן געוואָרן אויפן באַרג סיני.

און דער פסוק האָט אונדז געראַטעוועט.

דער פסוק: „שפוך חמתך" האָט אונדז אויפגעהאַלטן טויזנטער יאָרן און האַלט אונדז נאָך היינט אויף.

„שפוך חמתך" איז שטאַרקער געווען פון די פייערן, וואָס האָבן געברענט יידן, שטאַרקער געווען — פון די צלמים, וואו מען האָט געקרייציקט יידן, שטאַרקער פון תליות און ביקסן. און „שפוך חמתך" האָט נאָך היינט אין זיך דעם כוח בייצושטיין דאָס רשעות פון די „אַריער".

די פסוקים האַלטן אונדז אויף.

און היינט, ווען מיר זיינען אויפגעשטאַנען פון דער „שבעה" נאָך אַ דריטל יידן, וואָס זיינען אומגעקומען ווי יידן, ווי קדושים, ווייל יעדער אומגעקומענער ייד איז אַ קדוש, צי עס פּאַסט זיך אַריין אין דער קלאַסי־

פּיקאַציע פון קדושים, צי נישט. היינט צו טאָג לעבט נאָך דער שבט פּוילן.

מיר ווייסן אַז דער מאָרגן נאָך דער מלחמה קען נישט זיין אַן דעם נעכטן, קען נישט זיין אָן דעם היינט. דאָס וואָס אונדז דאַכט זיך, אַז ס'האָט זיך עפּעס אָפּגעשטעלט אין דער געשיכטע, פון די געוואַלד־ריסן האָט זיך גענומען שפּרייטן אַ תהום אונטער אונדזערע פיס, נעמט עס זיך דערפון, וואָס איבער די מלחמה־קאַטאַסטראָפעס האָבן מיר פאַרלוירן די פעדעם, וואָס פאַרבינדן דעם נעכטן מיטן היינט, דעם היינט מיטן מאָרגן.

אונדזער חורבן קען מען בלויז פאַרגלייכן מיטן חורבן בית־שני.

פרעגט זיך: וואָס איז טאַקע געוואָרן פון דער יידישער קולטור אויף צו מאָרגנס נאָך חורבן בית־שני? און נישט בלויז פון דער קולטור, אויך פונעם בית־המקדש? אויך פון דער יידישער רעליגיע?

ס'יידישע לעבן, דער ווילן צום לעבן, דער יידישער אויסדויער און דאָס יידישע עקשנות, האָבן אויפן איינגעפונדעוועטן לעבן, אויף די נכסי דלא נידי, וואָס מען האָט נישט געקענט מיט זיך מיטנעמען אין וועג אַריין — כ'מיין אויפן בית־המקדש, אויף די קרבנות, אויף דער רייכער ליטעראַטור — אויף די אַלע פאָלקס־גיטער האָט מען אויסגעשטעלט וועקסלען, וואָס מען קען זיי אַריינלייגן ערגעץ אין אַ זייטיקער קעשענע, אָבי מיטצונעמען אין וועג אַריין.

אַנשטאָט אַ בית־המקדש — אַ בית־המדרש, אַנשטאָט קרבנות — דאַוונען. אַנשטאָט שיר־השירים, רות און קוהלת — מדרש רות, מדרש שיר־השירים, מדרש קוהלת. און אַז ס'ווערט שלעכט, גאָר שלעכט, טליעט נאָך ערגעץ אַ פאַרבאָרגן „פּינטעלע ייד", דין און אומזעבאַר, ווי דער חומר היולי — דאָס פּינטעלע ייד, וואָס דער משכיל און דער ראַדיקאַל האָבן זיך דערמיט אַזוי געוואָרפן. דאָס פּינטעלע ייד האָט אונדז נישט איין מאָל געראַטעוועט.

און אַז די פסוקים ווערן אויסגעליידיקט, ווערן אויסגעוועפּט טאָר מען זיי נישט אָנפילן מיט געצנדינערײַ, טאָר מען זיי נישט אָנפילן מיט קריסטנטום, נאָר מיט יידישן אינהאַלט.

מען דאַרף שעפּן פון אייגענע רעזערוואוואַרן, וואָס אונדזערע אבות־אבותינו, די „אתה־בחרתנו" יידן האָבן אונדז איבערגעלאָזט, די יידן מיט וועלט־היסטאָרישן אחריות.

און כאָטש היטלער איז טויט, די דייטשן באַזיגט, דערשלאָגן, דאַרפן מיר יידן, נאָך אַלץ אויפרודערן די וועלט קעגן דעם יידן־האַס, קעגן דעם יידן־סם, וואָס די נאַציס האָבן איבערגעלאָזט צווישן די פעלקער.

די וועלט איז צופיל פאַרטאָן מיט זיך. מען דאַרף שטענדיק געדענקען זיגלבוימס לעצטע ווערטער:

„— — — מיט מיין טויט וויל איך אויסדריקן דעם שטאַרקסטן פּראָטעסט קעגן דער פּאַסיווקייט, מיט וועלכער די וועלט קוקט זיך צו און דערלאָזט די אויסראָטונג פונעם יידישן פאָלק".

דאָס איז אויך געווען דער זין פון טשערניאַקאָווס זעלבסטמאָרד — זיין צוואה פאַר אונדז און פאַר די קומענדיקע דורות — די צוואה פון אַ ר' עקיבא, וואָס האָט זיך אַנטקעגנגעשטעלט רוים, די צוואה פון אַ שלמה מולכו, וואָס האָט זיך אַנטקעגנגעשטעלט קאַרל דעם פינפטן. אָט מיט די כוחות האָבן די וואַרשעווער געטאָ־יידן גאַנצע דריי וואָכן זיך אַנטקעגנגעשטעלט די נאַצישע רוצחים.

מיט די כוחות פון דער וואַרשעווער געטאָ, וואָס קומען אויף אין פּיין, און וויי, וואָס גייען אויף אין יידיש בלוט, אָט די כוחות האָבן די פּוילישע יידן, די שארית־הפליטה, אויסגעשמידט אין זיך.

און לאָמיר נישט מיינען, אַז דער ביטערער גזר איז אויסגעגאָסן בלויז אויף אונדזער דור. צי מיר ווילן, צי נישט — דאָס איז אונדזער געשיכטע.

וואָס איז אונדזער געשיכטע?

איז עס טאָקע אַ שטיק פּייער — ווי ר' שלמה בן ווירגאַ האָט גע־טראַכט — אַ שטיק פייער, וואָס לייכט פאַר אַנדערע, ווען ס'האַלט זיך אַליין אין לעשן?

אונדזערע גרויסע יידן פון גירוש־שפּאַניע, אונדזערע אברבנאלס, האָבן אַנדערש געטראַכט. זיי האָבן געזען אינעם ייד אַ וועלט־פאָלק. און אויב זיי האָבן גערעדט וועגן אַ שלאַכטפעלד, איז עס אַ יידיש שלאַכטפעלד, וואו קיין אַרמיי איז נישטאָ, קיין פלאַט איז נישטאָ. ס'איז דאָ בלויז ס'וואָרט, ס'מענטשלעכע פּראָדוקטיווע וואָרט — אונדזער איינציק כלי־זין וואָס האַלט אונדז אויף און וועט אונדז אויפהאַלטן.

אינהאַלט

מאַרק שאַגאַל — צייכענונג צו פּרצעס „דער קונצנמאַכער" 4
אברהם רייזען — פּרצעס דור 5
א. לעיעלעס — צו פּרצן 7
יעקב גלאַטשטיין — י. ל. פּרץ 8
ה. לייוויק — י. ל. פּרץ 10
י. אָפּאַטאָשו — יצחק לייבוש פּרץ 11
אהרן צייטלין — ריטמישע שורות פון הלל צייטלינס כתבים 19
יצחק קאַצענעלסאָן — צו די הימלען 26
ישראל שטערן — פון שפּיטאָל 27
יוסף קירמאַן — אין דעם אורוואַלד פון די שטאַמען 28
לייזער וואָלף — אומעטיק 29
ש. ראַסין — ווייטע שיין 30
מ. כּאַשטשעוואַצקי — שפּינאָזעס טויט 31
יעקב גאָטליב — אַ טרייב מיך 32
יחיאל לערער — נאַקעט ווי אָדם 33
יעקב גלאַטשטיין — לידער 34
מלך ראַוויטש — והיה באחרית הימים 38
א. לעיעלעס — אַ נאַכט און אַ טאָג 41
י. י. סיגאַל — לידער 48
ברוך גלאַזמאַן — שומר שארית ישראל 65
בעריש ווײַנשטיין — ירושה פון דורות 92
ב. י. ביאַלאָסטאָצקי — לאָרד בײַראָנס יידישע מעלאָדיעס 105
לאָרד בײַראָן — יידישע מעלאָדיעס 112
ה. לייוויק — מהר"ם פון ראָטענבערג 129
ש. מיללער — אין שפּאַן 256
ל. טרייסטער — מחותנים 290
בעלאַ שאַגאַל — דער געבורטסטאָג 308
יצחק בערלינער — מעקסיקאַנישע מאָטיוון 314
מאיר סעגאַל — לידער 323
א. פריד־ווײַנינגער — סאָנעטן און לידער 329
מנחם ריבאַלאָוו — שמואל ניגער דער קריטיקער 336
א. טאַבאַטשניק — ב. ריווקין 358
ב. גראַבאַרד — פערזענלעכקייט און כאַראַקטער אין אונדזער ליטעראַטור 378
ז. ש. קאַזדאַן — ש. מיללערס ליטעראַרישער וועג 398
נחמן מייזיל — דוד בערגעלסאָן, דער נסתר, פּרץ מאַרקיש 418
שלמה ביקל — דער יידישער פּראָזע־סטיל 439
י. י. טרונק — „איוב" 449
ד"ר יעקב שאַצקי — ד"ר יצחק שיפּער 470
י. אָפּאַטאָשו — קיום נישט אונטערגאַנג 487